STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00632

DI POYLE TSIEN BAVEGUNG IN KANADE, 1904-1920

S. Belkin

Permanent preservation of this book was made possible
by Barbara Goldberg
in honor of
the 75th birthday of Herbert Goldberg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די פועלי ציון באוועגונג אין קאנאדע

ש. בעלקין

1920 — 1904

א געשיכטלעכער איבערבליק פון דער אַנטשטייאונג, אַנטוויקלונג און
טעטיקייט פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג און איר אַלגעמיינעם
בייטראַג צו דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון די אידן אין קאַנאַדע

אַרויסגעגעבן פון

**אקציאָנס קאָמיטעט פון דער ציוניסטישער ארבעטער
באוועגונג אין קאנאדע**

מאָנטרעאל 1956

S. BELKIN

The Labor Zionist Movement in Canada

1904 to 1920

Copyright 1954
by S. BELKIN

All rights reserved by the author

Published by
Actions Committee of the Labor Zionist Movement in Canada

27

Printed in Canada by
THE NORTHERN PRINTING AND LITHOGRAPHING CO.
Montreal, Quebec
1956

צום אָנדענק פון מיינע

עלטערן יקותיאל און מאַשע.

פארטיי עמבלעם און לאָזונגען, געצייכנט פון דעם פריצייטיק פארשטאָרבענעם קינסטלער, חבר טאָדרעס געלער; פלעגט גענוצט ווערן פון וויניפעגער פועלי ציון אלס „קעפל״ פאר פארטיי באריכטן, פלוג בלעטער, א.א.וו., אין 1918.

פון די אַרויסגעבער

דאָס בוך פון חבר ש. בעלקין ווערט פון אונז אַרויסגעגעבן אינעם יאָר, ווען מיר פייערן 50 יאָר פּועלי ציוניזם אין קאַנאַדע. האַלטן מיר, דעריבער, פאַר אַ וויכטיקן צושטייער דאָס אַרויסגעבן פון אַזאַ גרינטלעך היסטאָריש ווערק, וואָס באַליכט די ערשטע טריט פון געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזירונג אין קאַנאַדער אידנטום און די בכבודיקע און דאָמינירנדיקע ראָל, וואָס די ציוניסטישע אַרבעטער באַוועגונג האָט פאַרנומען אין איר אויספורמונג.

חבר בעלקין פאַרצייכנט אינעם בוך די געשיכטע פון אונזער באַוועגונג ביז דעם יאָר 1920. ס׳איז אַ רייך היסטאָריש מאַטעריאַל, וואָס באַלייכט איר פּיאָנערישע אַרבעט אויף אַלע געביטן פון דעם אַלגעמיינעם אידישן און אַרבעטער לעבן, אירע אויפטועון פאַר ישראל און איר אָרט אין דער געשיכטע פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג אין צפון אַמעריקע. דאָס בוך וואַרפט אַ קלאָר ליכט אויף אַלע פאַזן פון קאַנאַדיש-אידישן אויפבוי און שילדערט די קאַמפן פון אונזער באַוועגונג פאַר די פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און קולטורעלע נויטן פון די אידישע פאָלקס מאַסן דאָ אין לאַנד און אויף יענער זייט ים.

קוקן מיר אַריין אין בוך און באַקענען זיך מיט דעם מוט און קוראַזש, איניציאַטיוו און ענערגיע פון אונזערע חברים, ביים אויפשטעלן אָט דאָס אַלץ, מיט וואָס מיר שטאָלצירן אין דער אידישער קאַנאַדע, ווערט דאָס האַרץ דערפרייט און די נשמה געשטאַרקט. דאָס בוך וועט דינען ווי אַ קוואַל פאַר יעדן אידן, וואָס וויל דערגיין געשיכטלעכע קלאָרקייט און לערנען דעם גרונט פון יענער שטויס-קראַפט, וואָס האָט באַוואויגן מענטשן, אומדערמידלעך, צו בויען און שאַפן.

די אידעע פון אַרבעטער ציוניזם האָט אומעטום, אין ישראל און אויסער איר, געשטעלט אירע חברים אין פּיאָנערישע און פאָדער-פּאָזיציעס. אונזער באַוועגונג האָט זיך שטענדיק גענומען די ערשטע צו קאָנסטרוקטיווע מעשים און איז געוואָרן די פאָראויסגייערין אין אידישן לעבן.

קאָנען מיר היינט מיט שטאָלץ און ווירדע צוריקבליקן צו יענע יאָרן, ווען דאָס אידישע לעבן אין קאַנאַדע איז געווען גייסטיק אָרעם און קולטורעל רוי. היינט האָבן מיר אַן אָרגאַניזירט אידיש לעבן מיט אינסטיטוציעס; אַ נעץ פון אידישע שולן און ביבליאָטעקן; גוט-פונקציאָנירנדיקע און ברייט-פאַרצווייגטע אַרבעטער און פאָלקס אָרגאַניזאַציעס און פעסטע, לעבעדיקע צווייגן פון דער באַוועגונג. באַצייכענען מיר זיכער מיט גענוגטואונג און פרייד, וואָס אונזערע חברים האָבן גענומען די איניציאַטיוו, האָבן געפעסטיקט פונדאַמענטן און זיינען צווישן די ערשטע ציגל-לייגער.

דאָס בוך נעמט אַרום די געשיכטע פון פּועלי ציוניזם אין קאַנאַדע פון סאַמע אָנהויב ביז דעם יאָר 1920. מיר דאַנקען דעם מחבר פאַר זיין גוואַלטיקער מי און התמדה׳פולער אַרבעט. מיר האָפן און גלויבן, אַז ס׳וועט זיין מעגלעך פאַר חבר בעלקין פאָרטצוזעצן זיין אַרבעט און אָנשרייבן דעם צווייטן באַנד, וואָס זאָל צוברענגען די געשיכטע פון דער באַוועגונג ביזן היינטיקן טאָג. מיר זיינען איבערצייגט, אַז די קאַנאַדער באַוועגונג וועט מיט פרייד אויפנעמען אָט דעם בייטראַג אונזערן צו דעם גרויסן יום טוב פון 50 יאָר פּועלי ציוניזם אין קאַנאַדע, און וועט דערמעגלעכן דאָס דערשיינען אויך פון צווייטן טייל פון דער געשיכטע, וואָס איז פון גרויס באַדייט סיי פאַר אונזער איצטיקער און סיי פאַר אונזער צוקונפטיקער אַרבעט.

אַקציאָנס קאָמיטעט פון דער
ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג
אין קאַנאַדע

א י נ ה א ל ט

הקדמה פון ברוך צוקערמאַן IX

אַריינפיר ווערטער פון דעם מחבר XII

1. קאַנאַדע און איר אַרבעטער באַוועגונג 1

קאַנאַדע, איר באַפעלקערונג, קאָנסטיטוציע, קולטור, 1; סאָציאַליסטישע פּאַר־טייען אין קאַנאַדע, 3; די טרייד יוניאָן באַוועגונג אין קאַנאַדע, 5; טריידס און לייבאָר קאָנגרעס און אָנטייל אין פּאָליטישן לעבן, 7; וויניפּעגער גענע־ראַל סטרייק, 14; „וואן ביג יוניאָן„, 15; אַרבעטער און פּאַרמער פּאַר־טייען, 16.

2. דער אידישער ישוב אין קאַנאַדע 18

וואוקס און אַנטוויקלונג פון קאַנאַדער אידנטום, 18; די אַלגעמיינע ציוניסטן אין קאַנאַדע, 22; די אידישע געגנאָסן אין קאַנאַדע, 26.

3. די פּאַרטיי פּאַראיינען — זייער גרינדונג און אַנטוויקלונג 28

מאָנטרעאל (מאָנטרעאלער פּאַראיינען), 28; טאָראָנטאָ, 37; וויניפּעג, 44; האַמילטאָן, 49; סאַסקאַטון, 51; עדמאָנטאָן, 53; לאַשין, 53; ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פּאַראיינען אָדער גרופּן אין אַנדערע שטעט, 54.

4. באַציאונגען מיט דער קאַנאַדער ציון פעדעראַציע 55

5. די קאַנאַדער פּאַראיינען און די פּאַרטיי 60

ביי פּאַרטיי קאָנווענשאָנס, 60; „אידישער קעמפּער" — „ביולעטין", 63; דער קריזיס יאָר, 65; „די צייט", 65; לאָקאַלע אויטאָנאָמיע, 66.

6. דער אידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פּאַרבאַנד 69

אַנטוויקלונג פון פּאַרבאַנד אין מאָנטרעאל און אומגעגנט, 69; פּאַרבאַנד צווייגן אין טאָראָנטאָ, 74; האַמילטאָן, 78; ניאַגרא פאלס, אָנטעריא, 79; ווינדזאָר, 80; סאסקאטון, 80; וויניפּעג, 80.

7. טרייד יוניאָן אַרבעט 82

אידישע אַרבעטער אין קאַנאַדע, 82; הילף פּאַר סטרייקערס, 83; ערשטע אָרגאַניזאַציעס פון נאָדל אַרבעטער, 84; די ערשטע אידישע יוניאָנס, 85; די יוניאָנס פון פּרויען קליידער אַרבעטער, 87; די מענער שניידער יוניאָנס, 90; וויניפּעגער גענעראַל סטרייק, 97; די בעקער אַרבעטער, 98; די פּאַר־איייניקטע אידישע געווערקשאַפטן, 98.

8. סאָציאַליסטישע טעטיקייט 99

באַציאונגען מיט אַנדערע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס, 99; ערשטער מאַי דע־מאָנסטראַציעס, 100; אָנטייל אין פּאָליטישע וואַלן, 102; זעלבסטשטענדיקער קאַמפּיין אין מאָנטרעאל, 104; וואַלן אין טאָראָנטאָ און האַמילטאָן, 108; וואַלן אין וויניפּעג, 108; אנשלוס אין דער לייבאָר פּאַרטיי, 109.

9. יונגע פּועלי ציון 114

מאָנטרעאל, 114; טאָראָנטאָ, 117; וויניפּעג, 119; סאסקאַטון, 120.

10. לייען זאַלן און ביבליאָטעקן 120
די וויכטיקייט פון לייען זאַלן, 120; די מאָנטרעאַלער פאָלקס ביבליאָטעק, 121; טאָראָנטאָ (ביבליאָטעק), 128; וויניפּעג (ביבליאָטעק), 129; סאַסקאַ־טון, 130; לאַשין, 130.

11. נאַציאָנאַלע הילפס אַרבעט 130
די „רעליף" טעטיקייטן אין מאָנטרעאַל, 130; דער פאַראייניקטער קאָמיטעט פאַר מלחמה קרבנות, 134; די טאָראָנטער „מלחמה קאָנפערענץ", 135; וויניפּעג און מערב קאַנאַדע, 136; די „רעליף" אַרבעט אין אַנדערע שטעט, 138; אוקראַינער פּראָטעסט דעמאָנסטראַציעס, 139; אימיגראַנטן הילף, 139.

12. ארץ ישראל אַרבעט 141
הילף פאַר דער ארץ ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט, 141; רעגיסטראַציע, רעפערענדום, שקלים, 144; דער „החלוץ", 144; „אחוה", 146.

13. דער אידישער לעגיאָן 146

14. אויפן אַרבעטער פראָנט אין די מלחמה יאָרן 153
אַרבעטער קאָנפערענצן, 153; נאַציאָנאַלע אַרבעטער קאָמיטעטן, 154; פּייע־רונגען פון דער באַלפור דעקלאַראַציע, 157; דער אידישער אַרבעטער קאָנגרעס פאַר ארץ ישראל, 160.

15. דער קאַנאַדער אידישער קאָנגרעס 162
פאָרגעשיכטע, 162; דער פאָלקס פאַרבאַנד, 163; „די קאָנפערענץ", 168; ערשטער נאַציאָנאַלער צוזאַמענפאָר פון פאָלקס פאַרבאַנד, 172; דער צווייטער פרואוו צו מאַכן שלום, 175; די מערב קאַנאַדער קאָנגרעס קאָנפע־רענץ, 176; די איבערגאַנגס צייט, 178; קאָנגרעס אַרבעט אויפגעלעבט — אַרבעטער פראַקציע אָרגאַניזירט,184; ביי די זיצונגען פון דעם קאָנגרעס,193.

16. אויפבוי און אַנטוויקלונג פון די מאָדערנע אידישע שולן 196
ערשטע נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שול אין קאַנאַדע, 196; די מאָנטרעאַלער פּרץ שול, 201; די אידישע פאָלקס שול אין מאָנטרעאַל, 217; שולן אין מאָנטרעאַלער פאָרשטעט, 232;סעפּאַראַטע שול באַוועגונג אין מאָנטרעאַל, 233; די נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שולן אין טאָראָנטאָ, 236; די פּרץ שול אין וויניפּעג, 244; שולן אין אַנדערע שטעט, 251.

שלוס וואָרט 253
מקורות צו דער אַרבעט 254
ביבליאָגראַפיע 265
זוכצעטל פון נעמען 268
דרוק גרייזן און באַמערקונגען 278

ב י ל ד ע ר :

ערשטע סעקציע . . . . צווישן זז. 64—65

1. גרינדער פון פועלי ציון פאַראיין אין מאָנטרעאל, יולי 1905.

2. אַ גרופּע פון מאָנטרעאלער פּועלי ציון אין 1906.

3. אַ גרופּע סאָציאַליסטן טעריטאָריאַליסטן אין וויניפּעג, אין 1907, בעת אַ באַזוך פון ברוך צוקערמאַן.

4. אַ גרופּע טאָראָנטער פּועלי ציון אין 1914.

צווייטע סעקציע . . . . צווישן זז. 144—145

1. אַ גרופּע טאָראָנטער פּועלי ציון בעת אַ באַזוך פון מאיר בראון און זרובבל אין 1915.

2. צוויי וויניפּעגער חברים אין 1917.

3. אַ גרופּע מאָנטרעאלער חברים נאָך אַ פייערונג לכבוד דער באַלפור דעקלאַראַציע — פעברואַר 1918.

4. אַ גרופּע וויניפּעגער לעגיאָנערן אין 1918.

דריטע סעקציע . . . . צווישן זז. 208—209

1. פאַרוואַלטונג פון דער מאָנטרעאלער אידישער פאָלקס ביבליאָטעק בעת אַ באַזוך פון שלום עליכם אין 1915.

2. לערער פון דער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלער שול אין מאָנטרעאל אין 1915.

3. אַ גרופּע חברים פון פּרץ שול פאַראיין אין מאָנטרעאל, 1918, ביים חנוכת הבית פון דעם ערשטן אייגענעם בנין.

4. אַ גרופּע אַקטיווע חברים פון פאָלקס שול פאַראיין אין מאָנטרעאל, אין 1918.

הקדמה

דאָס דאָזיקע בוך, וואָס חבר ש. בעלקין האָט אָנגעשריבן און אונזער קאַנאַדער באַוועגונג האָט אַרויסגעגעבן, איז פאַרטראַכט געוואָרן ווי אַ טייל פונם ערשטן ספר, וואָס אונזער באַוועגונג אין גאַנץ צפון אַמעריקע גרייט־צו, אין פאַרבינדונג מיט דעם 50 יאָריקן יובל פון פועלי־ציוניזם אין אַמעריקע. איי־ניקע פּרקים פון חבר בעלקינ׳ס אַרבעט זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אויך אין דעם ערשטן יובל ספר *). חבר בעלקינ׳ס אַרבעט איז זיך אָבער אַזוי ברייט צעוואַקסן, אַז עס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּנקס, וואָס טראָגט צו אַ וויכטיקן שטייער צו דער פאַרצייכנונג פון דער כלל־געשיכטע פון דעם קאַנאַדער אידנטום.

אַנדערש האָט עס גאָר ניט געקענט פּאַסירן. סיי די פּאָליטישע אַקטי־וויטעטן פונם מחבר, סיי דער כאַראַקטער פון אונזער באַוועגונג האָבן געמוזט פירן דערצו. חבר בעלקין האָט אין זיין רייכן געזעלשאַפטלעכן לעבן פאַרנומען וויכטיקע פּאָזיציעס ניט נאָר אין די ענגע אָרגאַניזאַטאָרישע ראַמען פון אונזער אייגענער באַוועגונג. ער האָט פאַרנומען אַן אָרט אין דער כלל־אידישער טוּאונג אין קאַנאַדע. און דאָס וואָס מיר באַצייכענען מיטן טערמין „אונזער באַוועגונג" שטעלט מיט זיך פאָר אַן אידעען־ריכטונג, וואָס שליסט איין אַלע פּאָזיטיווע אינטערעסן פון אידישן פאָלק, פון דער קאַנאַדער מדינה, פון דער אַרבעטער באַוועגונג און פון דער גאַנצער מענטשהייט. אַן אַרבעט אין וועלכער אַ מחבר ווי חבר ש. בעלקין זוכט איבערצוגעבן די געשיכטע פון אַזאַ באַוועגונג ווי אונזערע, האָט דעריבער געמוזט באַרירן אַלע פאַזן פון לעבן: אַל־מענטשלעכע, קאַנאַדישע און אידישע; אַזאַ אַרבעט האָט דעריבער געמוזט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פּנקס פון דער געשיכטע פון קאַנאַדער אידנטום.

ניט קיין קלענערער גורם צו דער אויסברייטונג פון חבר בעלקינ׳ס אַרבעט איז דער צייט־שטח מיט וועלכן דאָס בוך באַשעפטיקט זיך. די שטורמדיקע חורבונות וואָס די לעצטע פופצן יאָר האָבן געבראַכט דער מענטשהייט בכלל און דעם אידישן פאָלק בפרט זיינען ניט פּלוצים געקומען אויף דער וועלט. די דאָזיקע חורבונות, וואָס זייער ערשטער וועלט אויסברוך איז געקומען דורך דער ערשטער וועלט־מלחמה, זיינען געווען אַ רעזולטאַט פון עקאָנאָמישע, סאָציאַלע, פּאָליטישע און גייסטיקע פּראָצעסן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אין דער מענטשהייט אין צווייטן העלפט פון 19טן יאָרהונדערט.

---

*) „געשיכטע פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג אין צפון אַמעריקע", ניו־יאָרק 1955, ז"ז 445—523.

די דאָזיקע פּראָצעסן האָבן אָנגענומען פֿאַרשידענע פֿאָרמען אין פֿאַרשידענע לענדער און ביי פֿאַרשידענע פֿעלקער. זייער קראַפֿט האָבן זיי אָבער געצויגן פֿון די זעלביקע מקורות: פֿונם שטרעבן אָפּצושאַפֿן די ווירטשאַפֿטלעכע אומגלייכקייטן צווישן קלאַסן, מדינות, פֿעלקער און גרופּן און פֿונם גייסטיקן שטרעבן צו געפֿינען אַן ענטפֿער אויף דער אייביקער פֿראַגע — וואָס איז פֿאַרט דער זין פֿון מענטשלעכן לעבן?

אין אַט דעם געווירבל וואָס די מענטשהייט איז דורכגעגאַנגען, און אין וועלכן זי געפֿינט זיך נאָך עד היום, האָט אונזער פֿאָלק — דאָס אידישע פֿאָלק — זיך געדאַרפֿט ראַנגלען פֿאַר זיין סאַמען קיום. אין פֿאַרלויף פֿון אַט דער תקופֿה זיינען אויפֿגעשטאַנען פֿאַרשידענע באַוועגונגען אין אידישן פֿאָלק וואָס האָבן געזוכט צו געבן זייערע ענטפֿערס, סיי אויף די פּראָבלעמען פֿון אומגלייכקייט פֿון פֿאָלק צו פֿאָלק און מענטש צו מענטש, סיי אויף דער אַלגע־מיינער זוכעניש פֿונם זין פֿון מענטשלעכן לעבן. דער ספּעציעל־אידישער גע־ראַנגל איז נאָך פֿאַרשאַרפֿט געוואָרן דורך דעם פֿאַקט, וואָס דאָס אידישע פֿאָלק איז צעפּיצלט און צעבּרעקלט און יעדער בּרוכטייל זייערער לעבט אין אַנ־דערשדיקע באַדינגונגען. איז נאָך דעם אידישן פֿאָלק צוגעקומען נאָך אַ צווייּ־פֿאַכע אויפֿגאַבע: אָפּצוהיטן זיין קיום אין יעדן גלות־לאַנד באַזונדער און אין דערזעלביקער צייט אָפּצוהיטן זיין עם־אחד־יזם.

די אַרבעט פֿון חבר בעלקין האָט זיך פֿאַרנומען צו שילדערן אַט דעם אידישן געראַנגל אין אַ גרויסער מדינה — קאַנאַדע — פֿון אַ פֿאַרהעלטניס־מעסיק קליינער אידישער באַפֿעלקערונג. די דאָזיקע קליינע אידישע קהילה האָט אָבער אַרויסגעוויזן אומגעהויערן דינאַמישן כח אין איר צוויפֿאַכן געראַנגל. אונזער באַוועגונג האָט צוגעטראָגן אַ באַדייטנדיקן שטייער צו אַט דעם דינאַמיזם. די צייט וועלכע חבר בעלקין נעמט אַרום — דעם ערשטן פֿערטל פֿונם איצטיקן יאָרהונדערט — שטעלט מיט זיך פֿאָר די פֿאָרמאַטיווע יאָרן פֿונם פֿאַרהעלטניסמעסיק יונגן קאַנאַדער אידנטום. דאָס וואָס עס איז אין יענע יאָרן אונטערגענומען געוואָרן איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ יסוד פֿאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פֿון אַט דעם מערקווירדיקן אידישן קיבוץ.

אין יענע יאָרן האָט זיך דאָס קאַנאַדער אידנטום אָנגעהויבן אָרגאַ־ניזירן. יענער אָנהויב האָט געבראַכט צו דער אויפֿשטעלונג פֿון קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס, די בעסטע, אַל־אַרומנעמענדיקע, אַל־אידישע רעפּרעזענ־טאַנץ, וואָס דאָס גאַנצע איצטיקע גלות־אידנטום פֿאַרמאָגט. אין יענע יאָרן איז געפֿירט געוואָרן דער קאַמף פֿאַר אידישער דערציאונג אין קאַנאַדע — און אויך דאָ האָט דאָס קאַנאַדער אידנטום דערגרייכט די רעזולטאַטן, וואָס דעם גרויסן און עלטערן שכן זיינעם — דעם אידנטום פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן — איז עס נאָך עד היום ניט געלונגען. אין יענע יאָרן האָבן זיך אויסגעפֿאָרמירט די פֿאַרשידענע פּאַרטייען אין קאַנאַדער אידנטום. אין יענע יאָרן זיינען געמאַכט געוואָרן די ערשטע שריט פֿאַר דער אויפֿשטעלונג פֿון אַ אידישער פּרעסע אין קאַנאַדע. אין יענע יאָרן האָבן זיך אַנטוויקלט די־

אַרבעטן פאַרן ציוניסטישן געדאַנק בכלל און פאַר דער פּראַקטישער אַרבעט אין ארץ ישׂראל בפרט. אין יענע יאָרן זיינען זיך פונאַנדערגעוואַקסן די סאָציאַליסטישע און טרייד־יוניאָניסטישע באַוועגונגען אין קאַנאַדע און אונזער באַוועגונג האָט געזוכט, — און גאַנץ אָפט געפונען! — וועגן פון קאָאָפּעראַציע מיט די דאָזיקע אַרבעטער קערפּערשאַפטן. אין יענע יאָרן האָט זיך אָנגעהויבן שרייבן דער וויכטיקער קאַפּיטל פון אידישער „רעליף" אין זיינע פאַרשידענע פאָרמען. אין יענע יאָרן האָבן זיך אָנגעהויבן די באַדייטנדיקע קולטור־אַרבעטן פאַר דערוואַקסענע. און אין יענע יאָרן האָט אונזער באַוועגונג אָנגעהויבן פירן איר געראַנגל קעגן אַ סתם־סאָציאַליזם אָדער אַ סתם־אַנאַרכיזם, וואָס האָבן באַקעמפט דעם ציוניזם און קעגן אַ סתם־ציוניזם, וואָס האָט נעגירט דעם סאָציאַליזם.

וועגן אַט די אַלע אַקטיוויטעטן דערציילט חבר ש. בעלקין אין זיין בוך. און טראָץ דעם וואָס חבר בעלקין איז אין אַט די אַלע יאָרן — און איז אויך עד היום — אַ חבר פון אונזער באַוועגונג, דערציילט ער אָבער וועגן אַט די אַלע טעטיקייטן מיט כמעט געשיכטלעכער אָביעקטיוויטעט. אויב דער סך הכל פון דעם בוך ברענגט אַרויס בולט אונזער ראָלע, איז עס צוליב צוויי סיבות: א) דער צוועק פון דעם ספר איז צו שילדערן דאָס אידישע לעבן אין קאַנאַדע אין דעם ערשטן פערטל פון אונזער יאָרהונדערט און ווי אַזוי אונזער באַוועגונג איז אין אים איינגעוואַקסן; ב) דער כאַראַקטער פון אונזער באַוועגונג איז — ווי אויבן אָנגעצייכנט — אַן אַלץ־אַרומנעמענדיקער. די לייענער פון דעם בוך וועלן אַליין קענען שפּירן די געשיכטלעכע אָביעקטי־וויטעט פון דעם מחבר.

אונזער קאַנאַדער באַוועגונג קען זיך גראַטולירן, וואָס זי האָט דערמעג־לעכט דאָס דערשיינען פונם בוך. אונזער באַוועגונג אין די פּאַראייניקטע שטאַטן — בין איך זיכער — באַגריסט האַרציק אונזערע קאַנאַדער חברים. ביידע באַוועגונגען דריקן אויס טיפע אנערקענונג צום מחבר. אַן זיי שליסט זיך אָן דער שרייבער פון אַט די שורות, וואָס האָט געהאַט דעם גליק מיטצו־אַרבעטן מיטן חבר בעלקין כמעט אַ פולן האַלבן יאָרהונדערט.

ניו יאָרק, סעפּטעמבער 1954.

ברוך צוקערמאַן

אַריינפיר ווערטער פונם מחבר

די סאָציאַליסטיש־נאַציאָנאַלע באַוועגונג האָט זיך אָנגעפאַנגען אין קאַנאַדע כמעט אין דער זעלבער צייט ווי אין די פאַראייניקטע שטאַטן. די כוואַליעס פון אידישער וואַנדערונג, וואָס האָט זיך פאַרשטאַרקט נאָך דעם קישינעווער פאָגראָם האָבן אָנגעהויבן ברענגען צו די ברעגן פון קאַנאַדע אַ אידישע יוגנט, וואָס איז געווען פאַרכאַפּט פון ציוניסטישע און סאָציאַליסטישע אידעען, אַ יוגנט וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן צו איבעראַנדערשן דאָס אידישע לעבן און צו איבערבויען די גאַנצע וועלט.

אין מאָנטרעאָל און טאָראָנטאָ האָבן אָנגעהויבן קומען סוף ווינטער 1903—1904 יונגע בחורים און מיידלעך, וועלכע זיינען געווען ציוניסטיש־סאָציאַליסטיש געשטימט, אייניקע זיינען שוין אפילו געווען חברים פון פועלי ציון גרופּן אין ענגלאַנד אָדער מזרח אייראָפּע. אַ ביסל שפּעטער האָבן אָנגע־הויבן קומען אויך חברים סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן (ס. ס׳אָווצעס), אויך חברים „סיימאָווצעס״ האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן און געהאָלפן מאַכן נאָך מער פאַרבנרייך דעם פּאָליטישן פּרצוף פון דער קליינער אָבער ברויזנדער מחנה פון די יונגע קעמפער.

עלענד און איינזאַם זיינען זיי געווען, שווער פאַרהאָרעוועט, מיט קליינע פאַרדינסטן, אָן היימען, אָן פריינט, אָן געזעלשאַפטלעכער פאַרבינדונג, אָן געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס זיי אויפצונעמען. זיי האָבן אָבער געפילט אַז זיי האָבן אַ גרויסע מיסיע דורכצופירן אין דעם נייעם וואַקסנדן קאַנאַדישן אידישן ישוב. זיי האָבן געפילט אַז זיי דאַרפן ווערן דער אַוואַנגאַרד פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט, פון דעם אידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין דעם נייעם אומבאַקאַנטן לאַנד. אומדערשראָקן, פאַרשכורט פון דער פרייהייט וואָס זיי האָבן דאָ געטראָפן, אַנטשלאָסן אויסצוקעמפן זייער פּאָזיציע אין דעם אידישן לעבן, האָבן זיי מיטן גאַנצן פייער פון זייער יוגנט און מיט אַן אומגע־הויערן אידעאַליזם זיך אַריינגעוואָרפן אין קאַמף פאַר זייערע אידעאַלן.

* *
*

לויט דעם אידעאישן און אָרגאַניזאַטאָרישן צוזאַמענשטעל ווי אויך לויט די מעטאָדן פון אַרבעט, איז די באַוועגונג אין קאַנאַדע געווען ענלעך צו דער באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן. די חברים אין קאַנאַדע האָבן געצויגן זייער גייסטיקע יניקה פון דעם זעלבן קוואַל, האָבן געהאַט די זעלבע צענטראַלע פירערשאַפט, זייערע פאַראיינען האָבן אויסגעזען פונקט ווי די פאַראיינען אין

די שטאַטן, אפילו דער אופן פון גרינדונג, אַנטוויקלונג און וואוקס פון די פּאַראיינען און פון די פאַרבאַנד צווייגן אויף ביידע זייטן פון דער גרענעץ פון די צוויי ריזיקע לענדער, זיינען געווען די זעלבע.

דאָך זיינען געווען אונטערשידן צווישן די באַוועגונגען אין ביידע מדי־נות, — אַמאָל קליינע, אַמאָל גרויסע, — אונטערשידן אין דעם טעמפּאָ פון דער גלות אַרבעט, פון דער בויאונג פון דעם אידישן לעבן דאָ אין לאַנד, אונטערשידן אין טעטיקייטן אויפן פּאָליטישן געביט, אין טרייד יוניאָן אַרבעט, אונטערשידן אין טעטיקייטן צווישן דער אַלגעמיינער און אידישער אַרבע־טערשאַפט.

אין פאַרגלייך מיט די פּאַראייניקטע שטאַטן זיינען די חברים פון דער סאָציאַליסטיש־נאַציאָנאַלער באַוועגונג אין קאַנאַדע געווען זייער קליין אין צאָל. אין די ערשטע יאָרן, זיינען זיי געווען באמת אַ קליין הייפעלע מענטשן. דאָך האָבן די חברים אין קאַנאַדע געמאַכט אַ גרויסן ביטראַג צו די אויפ־טואונגען פון דער באַוועגונג אין צפון אַמעריקע, — אַ פּיל גרעסערן ווי מ׳האָט געקאָנט דערוואַרטן. וואָס איז נאָך וויכטיקער, זייערע אויפטואונגען אויף דער אידישער אַרבעטער גאַס אין קאַנאַדע, זייער ביטראַג צו דעם אידישן און אַלגעמיינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן אין קאַנאַדע, זיינען געווען אויסער יע־דער פּראָפּאָרציע און פון אומגעהויערער באַדייטונג.

אין קיין שום שטאָט אין צפון אַמעריקע האָבן חברים פון דער באַוועגונג ניט געטאָן אזוי פיל טרייד יוניאָן אַרבעט ווי אין מאָנטרעאָל און טאָראָנטאָ. די מאָנטרעאָלער חברים זיינען געווען די ערשטע אָנצופירן אַ זעלבסטשטענ־דיקן פּאָליטישן קאַמפּיין. אין קיין שטאָט אין אַמעריקע באַטייליקן זיך ניט חברים פון דער באַוועגונג אזוי אַקטיוו אין דעם פּאָליטישן לעבן פון דער שטאָט און פּראָווינץ ווי אין וויניפּעג. אין קיין שטאָט אין אַמעריקע, אויסער ניו יאָרק, איז אין דעם צייט־אָפּשניט וואָס מיר באַהאַנדלען ניט אויפגעטאָן געוואָרן אזוי פיל פאַר דעם אידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד ווי אין טאָראָנטאָ. די פעסטונגען פון אַסימילאַציע אין דער אידישער אַרבעטער וועלט זיינען אין קאַנאַדע צעשמעטערט געוואָרן שנעלער און עפעקטיווער ווי אין די פּאַראייניקטע שטאַטן. אַ דאַנק דער באַוועגונג איז דער קאַנאַדער אידישער קאָנגרעס געוואָרן מער דעמאָקראַטיש, מער נאַציאָנאַל געשטימט, מער אידיש אויסגעהאַלטן און איז געווען פּאַקטיש באַהערשט פון דער ציוניסטיש־סאָציאַ־ליסטישער פּראָגראַם.

* *
*

קאַנאַדער חברים זיינען געווען צווישן די ערשטע צו העלפן דער פּאַרטיי אויפשטעלן איר אָפיציעלן אָרגאַן, „דער אידישער קעמפער", זיי זיינען געווען צווישן די ערשטע חלוצים פון אַמעריקע, צווישן די בעסטע און טרייסטע זאַמלער פאַר ארץ ישראל פאָנדן און פון הילף פאַר מלחמה קרבנות. דער אויפטו פון דער סאָציאַליסטיש נאַציאָנאַלער באַוועגונג אין קאַנאַדע אויף דעם געביט פון דערציאונג איז געוואָרן ניט נאָר דער שטאָלץ פון דער גאַנצער

אַמעריקאַנער באַוועגונג, נאָר אַ וועגווייזער, אַ ביישפּיל פאַר אַ גרויסן, פאַר־צוייגטן מאָדערנעם שול־וועזן אין דער גאַנצער לענג און ברייט פון אַמעריקע.

* *
*

אויב די דערגרייכונגען פון דער באַוועגונג אין קאַנאַדע זיינען אין געוויסע הינזיכטן געווען מער בולט ווי אין די פאַראייניקטע שטאַטן, איז דאָס געווען הויפּטזעכלעך אַ דאַנק די סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַדינגונגען און דעם פּאָלי־טישן און גייסטיקן קלימאַט אין וועלכן ס׳איז פאָרגעקומען איר וואוקס און אַנטוויקלונג אין דעם דאָזיקן ריזיקן לאַנד. קאַנאַדע איז ניט נאָר אַ באַזונדער לאַנד, אַ באַזונדערע פּאָליטישע איינהייט, נאָר אויך אין פילע הינזיכטן, אַן אַנדער לאַנד ווי די פאַראייניקטע שטאַטן. איר אַנטוויקלונג, איר קאָנסטיטו־ציאָנעלער איינשטעל, איר סאָציאַליסטישע באַוועגונג, איר טרייד יוניאָן באַ־וועגונג, איר אידישע באַפעלקערונג, איר ציוניסטישע באַוועגונג זיינען געווען אַנדערש ווי אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אמת, די איינפלוסן פון די פאַר־אייניקטע שטאַטן זיינען געווען זייער גרויס, אָבער דאָך זיינען געווען אויך גרויס די אונטערשיידן. מיר האָבן זיך דעריבער פאַרנומען צו געבן אין די ערשטע קאַפּיטלעך פון דער פאָרליגנדער אַרבעט אַן איבערבליק פון דער „קאַ־נאַדער סצענע״, פון דעם קאַנאַדער הינטערגרונט און די ספּעציעלע באַדינ־גונגען וועלכע האָבן באַווירקט די אַנטוויקלונג און די טעטיקייט פון דער באַוועגונג דאָ אין לאַנד.

* *
*

אויסער די פּאָליטישע, עקאָנאָמישע, סאָציאַלע א. א. וו. באַדינגונגען, וואָס האָבן מעגלעך געמאַכט אירע גרויסע דערגרייכונגען, האָט די באַוועגונג אין קאַנאַדע געהאַט מזל צו האָבן אין כמעט יעדער שטאָט, אין פאַרשידענע צייטן, אַ צאָל אינטעליגענטע חברים מיט גרויסע אָרגאַניזאַטאָרישע פעאי־קייטן. מאָנטרעאָל איז אין דער הינזיכט געווען די מזל׳דיקסטע שטאָט. נאָך מער, — אין מאָנטרעאָל האָט פאַר אַ היפּשער צייט געוואוינט חבר יהודה קויפמאַן (דר. יהודה איבן שמואל). זיין גייסטיקע השפּעה און אינטעלעקטועלע פּירערשאַפט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן פון סוף 1913 ביז 1916—1917 און אפילו נאָך דעם ווען ער איז איבערגעפאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, האָבן איבערגעלאָזט שפּורן, וועלכע מ׳קאָן נאָך אפילו היינט צו טאָג געפינען אין מאָנטרעאָל און אין גאַנץ קאַנאַדע. אין מאָנטרעאָל האָט אויך געוואוינט אין 1912, כמעט אַ יאָר צייט, חבר לעאָן חאַזאַנאָוויטש, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס סיי אויף דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער, סיי אויף דער אַלגעמיין אידישער אַרבעטער באַוועגונג, אין שטאָט און איבערן לאַנד.

* *
*

די יונגע חברים, וואָס האָבן פונאַנדערגעוויקלט די פאָנען פון ציוניס־טישן סאָציאַליזם, וואָס האָבן געשטורמט אויף די גאַסן פון מאָנטרעאָל,

טאָראָנטאָ, וויניפעג, האַמילטאָן א. א. וו., וואָס האָבן זיך פּאַרמאָסטן צו מאַכן די אידישע רעוואָלוציע, — האָבן געוואוסט אַ סך זאַכן, נאָר איין זאַך האָבן זיי ניט געוואוסט, — אַז מיט זייער קאַמף, מיט זייער אַרבעט, האָבן זיי ממש יעדן טאָג געמאַכט געשיכטע. פון דעם נעמט זיך, וואָס זיי האָבן ניט אָפּגעהיט קיין פּראָטאָקאָל־ביכער און וואָס ס'איז פאַרבליבן זייער ווייניק קאָרעספּאָנ־דענץ און ווייניק אַנדערע מאַטעריאַלן, וואָס זאָלן העלפן אויפצושטעלן אַ קלאָר און פולקאָם בילד פון די מענטשן, פון די אַרבעטן, וואָס זיי האָבן אונטער־גענומען און פון זייערע געוואַלדיקע אויפטואונגען.

ניט קוקנדיק אויף די דאָזיקע שוועריקייטן איז אונז געלונגען אויס־צוגעפינען און דערמאָנען זיך די נעמען פון א גרויסער צאָל, פון אפשר אלע, אקטיווע חברים און חברות. מיר האָבן, אין פארשיידענע קאפּיטלעך, דער־מאָנט די נעמען פון גרינדער, ערשטע מיטבויער, ערשטע לערער, פּראָפּאַ־גאַנדיסטן און רעדנער. אויף ווי ווייט מעגלעך, זיינען אויך דערמאָנט געוואָרן די וואָס זיינען געווען בעאַמטע אָדער מיטגלידער פון וויכטיקע קאָמיטעטן, אויך די וואָס זיינען געשיקט געוואָרן אלס דעלעגאַטן אָדער פאַרטרעטער פון דער באַוועגונג צו צוזאַמענפאָרן, קאָמיטעטן, א. א. וו. מיר האָפן, אַז די לייענער וועלן איינזעען, אַז דאָס איז געווען נויטיק, ווייל די אויפטואונגען פון דער באַוועגונג זיינען אין לעצטן סך הכל געווען אַ קאָלעקטיווע דער־גרייכונג פון אירע געטרייע און איבערגעגעבענע חברים.

* *
*

די פאַרליגנדע אַרבעט איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אויף דעם יסוד פון באַריכטן אין אַלטע צייטונגען, פּעריאָדישע און ניט פּעריאָדישע אויסגאַבן, און אַנדערע מקורות. אַ קליינע צאָל חברים האָבן אָפּגעהיט אַלטע בריוו, — אַ היפּשע צאָל חברים זיינען אויסגעפרעגט געוואָרן, אייניקע האָבן צוגע־שטעלט געשריבענע זכרונות.

מיר האָבן זיך באַמיט צו געבן אַ היסטאָרישן איבערזיכט, וואָס זאָל אונ־טער די אומשטענדן פאַרמאָגן אזוי פיל איינצלהייטן ווי מעגלעך. און ווייל מיר האָבן צו טאָן מיט אַ באַוועגונג אין אַ קליינעם, אייגנאַרטיקן אידישן ישוב, זיינען איינצלהייטן, צוליב לאָקאַלע אומשטענדן, אַ גאַר וויכטיקער ענין. מיר האָבן אָבער פאַרשטאַנען, אַז אונזער אויפגאַבע איז ניט נאָר אַ כראָנאָלאָגישע סומירונג פון פאַקטן און פּאַסירונגען, נאָר אויך אַן איבערזיכט פון די אידעאָ־לאָגישע אַנטוויקלונגען, די פּרינציפּיעלע חלוקי דעות, די אידעען קאַמפן, אינעווייניק אין דער באַוועגונג און אין אירע אויסערלעכע גרויסצוגיקע אַרויסטרעטונגען.

מיר האָפן, אַז אונזער פּרואוו צוזאַמענצושטעלן די געשיכטע פון דער באַוועגונג אין קאַנאַדע און אונזערע אויסטייטשונגען און אָפּשאַצונגען פון פּאַסירונגען און דערגרייכונגען, וועלן זיין אַ באַשיידענער ביישטראַג צו דער יובל פייערונג, צו דעם גרויסן יום טוב פון די חברים אין קאַנאַדע און אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

* * *

מיר דאַנקען חבר ישראל ראַבינאָוויטש, דעם רעדאַקטאָר, און די ברידער וואָלאָפסקי, די אַרויסגעבער פון „קענעדער אָדלער" אין מאָנטרעאָל פאַר מאַכן מעגלעך פאַר אונז איבערצולייענען דעם „קענעדער אָדלער" פון 1908 ביז 1920; פריינד פיוול סימקין, אַרויסגעבער פון „דאָס אידישע וואָרט", וויניפעג, פאַר מאַכן מעגלעך פאַר אונז איבערצולייענען „דאָס אידישע וואָרט" פון 1915 ביז 1919; פריינט ש. מ. שאַפּירא, רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער פון דעם „אידישן זשורנאַל" פאַר לאָזן אונז דורכקוקן אַלטע נומערן און ראַביי דזשעסי שוואַרץ פאַר לאָזן אונז דורכקוקן אַלטע אַרכיוו־מאַטעריאַלן פון דער קאַנאַדער ציון־פעדעראַציע.

מיר דאַנקען די מאָנטרעאָלער חברים ל. צוקער, יעקב סאָלאָמאָן, ב. לאַכאָוויצקי, יהודה הירש, אַלבערט איטאָן, שלמה ווייסמאַן, נח זינגמאַן, ב. ג. זאַק, לואי ראָזענבערג און א. פּרנס; די טאָראָנטער חברים פישל וואָלער־שטיין, מ. גאָלדסטיק, י. מאַטענקאָ, א. ז. סילווערמאַן, אל. פרענקעל, מאַקס מענסאָן, י. סווערדלאָוו, ה. סטיינער און ק. הורוויץ; די וויניפעגער חברים משה פייערמאַן, נח וויטמאַן, י. א. לבדי, י. א. טשערניאַק, פ. הערשטיין, מ. א. גרעי, ב. שעפּס, מ. אווערבוך און חברה א. מיינער; די חברים ל. מעלצער און א. באַביטש פון לאָס אַנדזשעלעס; חבר חיים פאַבריקאַנט פון שיקאַגאָ; חברה ס. זוואַנקין פון האַמילטאָן; חבר י. קליגמאַן פון ווינדזאָר; חבר י. ברוך פון וואַנקואווער און העראַלד ווינטש, סי. סי. עף. מיטגליד פון פּאַרלאַמענט — זיי אַלעמען אַ גרויסער דאַנק פאַר געדרוקטער, געשריבענער אָדער מינדלע־כער אינפאָרמאַציע.

דער פּריצייטיק פאַרשטאָרבענער חבר צבי רייזלער האָט פיל געהאָלפן מיט מאַטעריאַלן פון זיין אַרכיוו. אויך האָט דער פאַרשטאָרבענער שלמה בערקאָוויטש אַרויסגעהאָלפן, ענטפערנדיק אויף בריוו — פאַר וואָס מיר זיינען זיי ביידע געווען דאַנקבאַר.

אַ ספּעציעלן חברישן דאַנק צו חבר ל. שפּיזמאַן פון ניו יאָרק, פאַר צושיקן ידיעות פונם צענטראַלן פּאַרטיי אַרכיוו און אַנדערע קוואַלן.

אַ גאַר גרויסן דאַנק צו חבר ליב חפץ פאַר זיין געטרייער קאָאָפּעראַציע, און צו חברה סילוויא אביש פאַר העלפן מיט דער קאָרעספּאָנדענץ, פאַר שרייבן און איבערשרייבן דעם מאַנוסקריפּט אויף דער שרייב מאַשין. אַ דאַנק אויך די חברים א. שורעם און לעאָ מאָסס פאַר זייער קאָאָפּעראַציע.

צום שלוס, אַ דאַנק מיין פרוי און חברה פאַר דערמוטיקן מיך אָנצוגיין מיט דער אַרבעט, אַ דאַנק חבר יעקב אייבל פאַר העלפן לייענען „פּרופס", און אַ דאַנק אַלע חברים פון דעם „בוך קאָמיטעט" און די סעקרעטאַרן, יעקב ראַבינאָוויטש און אברהם שניידער, פאַר אַלע זייערע באַמיאונגען.

ש. ב.

1.

קאַנאַדע און איר אַרבעטער באַוועגונג

קאַנאַדע, איר באַפעלקערונג, קאָנסטיטוציע, קולטור

קאַנאַדע איז זייער אַ יונגע מדינה. ביז 1867 זיינען די אַטלאַנטישע בריטישע קאָלאָניעס (פּראָווינצן) פון דעם לאַנד געווען גאָר ווייניק פאַרבונדן צווישן זיך און דער מערב טייל פון דער מדינה איז געווען כמעט אין גאַנצן ליידיק. ערשט ווען ס'איז פאַרגעקומען די קאָנפעדעראַציע און קאַנאַדע איז געוואָרן אַן אַטאָנאָמע „דאָמיניאָן" אין דער בריטישער אימפּעריע (איצט אַ גלייכע מדינה אין דער בריטישער קאָמאָנוועלט) האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ שנעלערע עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון דעם לאַנד. קאַנאַדע איז אַן אומגעהויער גרויסע מדינה, כמעט אַזוי גרויס ווי גאַנץ אייראָפּע. אפילו איצט, אונטער די בעסטע טראַנספּאָרטאַציע באַדינגונגען, דאַרף נעמען מיט אַ שנעל־צוג אַרום פינף טעג דורכצופאָרן פון דעם מזרח ברעג ביז דעם מערב ברעג פון דעם לאַנד. די דאָזיקע אומגעהויערע שטרעקע האָט פיל פאַרלאַנגזאַמט די אַנטוויקלונג פון דער מדינה, האָט פיל געשטערט די פאַרבינדונגען פון איין טייל פון דעם לאַנד מיטן צווייטן און האָט שווער געמאַכט דעם וואוקס און אַנטוויקלונג פון פאַרשידענע סאָציאַלע און פּאָליטישע באַוועגונגען.

מיט דער אַנטשטייאונג פון דער קאָנפעדעראַציע האָבן זיך אָנגעפאַנגען גרויסע קאַפּיטאַל אינוועסטירונגען פון ענגלאַנד און אַמעריקע. אַ טראַנס־קאָנטינענטאַלע אייזנבאַן איז אויפגעבויט געוואָרן. מען האָט אָנגעפאַנגען צו זוכן אימיגראַנטן און דערמוטיקן זיי צו קומען און באַזעצן זיך אין דעם דאָזיקן אומגעהויער ריזיקן לאַנד.

ביי דעם אָנפאַנג פון דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט קאַנאַדע פאַר־מאָגט אינגאַנצן אַ באַפעלקערונג פון איבער פינף מיליאָן. די מאַיאָריטעט איז געווען קאָנצענטרירט אין דעם פראַנצויזישן טייל פון קאַנאַדע און אין דער פּראָווינץ אָנטעריאָ. אין פאַרלויף פון די ערשטע 20 יאָר פון דעם איצטיקן יאָרהונדערט איז די באַפעלקערונג פון דעם לאַנד, ניט קוקנדיק אויף דעם איבעררייס פון איינוואַנדערונג אין לויף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, פּראָפּאָרציאָנעל שנעלער געוואַקסן ווי די באַפעלקערונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן. אין דער צייט ווען צווישן 1900 און 1920 איז די באַפעלקערונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן אויסגעוואַקסן פון כמעט 76 מיליאָן צו אַרום 105 מיליאָן, האָט די קאַנאַדער באַפעלקערונג זיך שיעור ניט פאַרדאָפּלט. באַזונ־דערס שנעל זיינען געוואַקסן די קאַנאַדישע שטעט. לויט די צענזוס באַריכטן, איז מאָנטרעאָל אויסגעוואַקסן פון 328 טויזנט אין 1901, ביז 618 טויזנט אין 1921. טאָראָנטאָ האָט פאַר דער זעלבער צייט פאַרגרעסערט איר באַפעלקע־

רונג פון 208 טויזנט צו 521 טויזנט. האַמילטאָן האָט מער ווי פאַרדאָפּלט איר באַפעלקערונג פון 52 טויזנט. וויניפּעג האָט מער ווי פאַרדרייפאַכט איר באַ־פעלקערונג פון 42 טויזנט און וואַנקוּווער האָט פאַר די זעלביקע 20 יאָר מער ווי פאַרפינפאַכט איר באַפעלקערונג פון 29 טויזנט.

מיט דער אויסנאַמע פון די פּראָווינצן ביי די אַטלאַנטישע ברעגן, איז דער מזרח טייל פון קאַנאַדע געווען אַ פראַנצויזישע קאָלאָניע מיט אַ פראַנ־צויזישער באַפעלקערונג, וואָס איז געווען הויפּטזעכלעך קאָנצענטרירט אין די שטעט פון מאָנטרעאָל און קוויבעק, און אין דעם טאָל פון סענט לאָרענס טייך. אין 1763 איז קאַנאַדע איבערגעגאַנגען צו ענגלאַנד און נאָך דער אַמע־ריקאַנער רעוואָלוציע, האָט זיך אַ גרויסע ענגלישע באַפעלקערונג, וואָס איז געבליבן לאָיאַל צו ענגלאַנד, אַריבערגעצויגן זיך פון די פאַראייניקטע שטאַטן קיין קאַנאַדע, אין דער פּראָווינץ אָנטעריאָ (אויבער קאַנאַדע). לויט די אָפּ־מאַכן ביי די קאַפּיטולאַציעס פון קוויבעק און מאָנטרעאָל בנוגע רעליגיעזער פרייהייט פאַר קאַטאָליקן און אַ דאַנק דעם, וואָס די בריטישע אַדמיניסטראַציע האָט אנערקענט די פראַנצויזישע שפּראַך און די פראַנצויזישע ציווילע געזעצן גלייך נאָך דעם איבערנעמען פון קאַנאַדע, איז באַוואָרנט געוואָרן אויף אייביק דער פראַנצויזיש־קאַטוילישער כאַראַקטער פון דער פּראָווינץ קוויבעק (נידער־קאַנאַדע), און די נאַציאָנאַל קולטורעלע רעכט פון די קאַנאַדער פראַנצויזן אין כמעט גאַנץ קאַנאַדע.

אזוי אַרום האָבן געווירקט אין לאַנד די פראַנצויזישע און ענגלישע קול־טורן. און כאָטש אין תוך איז קאַנאַדע אַן אַמעריקאַנער מדינה האָט דאָס גע־ווירקט, אַז אויף אייביק זאָל אין לאַנד בלייבן עטוואָס וואָס איז אייראָפּעאיש אין כאַראַקטער און אייראָפּעאיש אין צוגאַנג צו אייגענע און וועלט פּראָבלע־מען. ביי דער קאָנפעדעראַציע איז באַוואָרנט געוואָרן די פולשטענדיקע קול־טורעלע אַטאָנאָמיע פון יעדער פּראָווינץ דורך דעם איבערגעבן פון די דערציאונגס סיסטעמען אין די הענט פון די פּראָווינציעלע לעגיסלאַטורן. עס איז אויך באַוואָרנט געוואָרן, אַז אין דעם פעדעראַלן פּאַרלאַמענט זאָל די פראַנצויזישע שפּראַך האָבן גלייכע רעכט מיט דער ענגלישער און ס'איז אויך גאַראַנטירט געוואָרן, אַז אין דער פּראָווינץ קוויבעק זאָל די ענגלישע מינדער־הייט פון דער באַפעלקערונג האָבן גלייכע רעכט מיט די פראַנצויזן אין באַצוג צו דערציאונג פון קינדער. די זעלבע פּריווילעגיעס זיינען גאַראַנטירט געוואָרן פאַר דער פראַנצויזיש־קאַטוילישער מינדערהייט אין דער פּראָווינץ אָנטעריאָ און אין אַנדערע פּראָווינצן (צוויי מערב פּראָווינצן).

די קאַנאַדער קאָנסטיטוציע אין אַלגעמיין איז זייער דעמאָקראַטיש און פאָלגט נאָך דעם בריטישן פּאַרלאַמענטאַרישן סיסטעם. אַלע פּראָווינציעלע פּאַרלאַמענטן, ווי אויך דער פעדעראַלער פּאַרלאַמענט, און אפילו לאָקאַלע פאַרוואַלטונגען ווערן דערוויילט לויט דעם מוסטער פון ענגלאַנד.

אַ ספּעציעלער פּונקט אין דער קאַנאַדער קאָנסטיטוציע גיט איבער צו יעדער פּראָווינץ די נאַטירלעכע רייכטימער. די פּראָווינצן האָבן אויך די יוריסדיקציע איבער „אייגנטום און ציווילע רעכט”. דאָס לעצטע האָט אין

פילע הינזיכטן געשטערט דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג פון דער אַרבעטער באַוועגונג און פון דער אַרבעטער געזעצגעבונג.

סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין קאַנאַדע

די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין קאַנאַדע האָט זיך אָנגעפאַנגען פּיל שפּעטער ווי אין די פאַראייניקטע שטאַטן. זי איז באַאיינפלוסט געוואָרן פון די פּאָליטישע באַוועגונגען אין ענגלאַנד און אין די פאַראייניקטע שטאַטן. זי איז אויך אין אַ גאַר היפּשער מאָס באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין צענטראַל און מזרח אייראָפּע. ס'קען זיין, אַז צוליב דער דאָזיקער גרויסער צאָל איינפלוסן זיינען אין קאַנאַדע פאָרגעקומען מער פראַקציאָנעלע קאַמפן, מער צעשפּליטערונגען פון כוחות, אין די פאָרמאַטיווע יאָרן פון דער באַוועגונג, וועלכע האָבן זיך געצויגן איבער 3 אָדער 4 צענדליק יאָרן.

דער ערשטער אָנפאַנג פון סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע איז געמאַכט געוואָרן אין 1890, ווען צווייגן פון דער אַמעריקאַנער ס. ל. פּ. („סאָשעליסט לייבאָר פּאַרטי") זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן אין מאָנטרעאַל, טאָראָנטאָ און וויניפּעג. ס'האָט לאַנג ניט גענומען און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען אויך אין קאַנאַדע אַ שטאַרקע קעגנערשאַפט צו דער פירערשאַפט פון דאַניעל דע ליאָן. „פייביאַן סאָסייטיס", לויטן מוסטער פון ענגלאַנד, האָבן זיך אין יענער צייט באַוויזן אין פאַרשידענע טיילן פון לאַנד. אין 1899 איז געשאַפן געוואָרן די „קענעדיען סאָשעליסט ליג", וועלכע האָט געהאַט 60 צווייגן. זי האָט אָבער ניט געהאַט קיין לאַנגע יאָרן און האָט אָנגעהויבן זיך פונאַנדערפאַלן. אין 1905 האָט די סאָציאַליסטישע ליגע און אַנדערע סאָציאַליסטישע גרופּן זיך פאַראייניקט מיט דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון בריטיש קאָלומביאַ און געשאַפן די „סאָשעליסט פּאַרטי אָף קענעדע". דער צענטראַלער קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי האָט זיך געפונען אין וואַנקאָוווער און זייער אָפיציעלער אָרגאַן איז געווען „די וועסטערן קלאַריאָן" [1].

די „קענעדיען סאָשעליסט פּאַרטי" האָט זיך באַטייליקט אין די פּאָליטישע קאַמפּיינס. ביז דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דער פּאַרטיי ניט געלונגען אויסצוקלייבן קיין דעפּוטאַטן אין דעם פעדעראַלן פּאַרלאַמענט. ס'איז איר אָבער יאָ געלונגען אויסצוקלייבן מיטגלידער פון די פּראָווינציעלע פּאַרלאַמענטן אין בריטיש קאָלומביאַ, אַלבערטאַ, אויך אייניקע פּאַרשטייער אין לאָקאַלע שטאָט פאַרוואַלטונגען. אין 1909 האָט מר. דזש. ה. האַטהאַרנוויטה, דער סאָציאַליסטישער דעפּוטאַט אין דעם פּאַרלאַמענט פון בריטיש קאָלומביאַ אַריינגעטראָגן אַ ביל צו געבן פרויען פולשטענדיקע שטימרעכט. דאָס איז געווען דער ערשטער פאַרזוך צו געבן פרויען גלייכבאַרעכטיקונג אין קאַנאַדע. סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן זיינען אויך אַרויסגעשטעלט געוואָרן אין מאָנטרעאַל און טאָראָנטאָ. אין 1909 האָט דער סאָציאַליסטישער קאַנדידאַט פאַר אַלדערמאַן אין טאָראָנטאָ געצויגן 1,523 שטימען.

דזשיימס סימפּסאָן האָט שוין דאַן פאָרטראַטן די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין דער טאָראָנטער באָארד אף עדיוקיישאַן. אין 1914 איז ער דערוויילט געוואָרן אַלס קאָנטראָלער.

לויט איר אידעאָלאָגיע איז די פּאַרטיי געוועזן זייער דאָקטרינער און איז געווען שאַרף קעגן „רעפאָרמען״. אין „פאָלקס צייטונג״ פון סעפּטעמבער דעם 11טן 1912, שרייבט אַ חסיד פון דער „קענעדיען ס. פּ.״, אַז זיין פּאַרטיי פאַרדולט ניט די קעפּ פון די אַרבעטער מיט די „באַלדיקע פאָדערונגען״, נאָר זי גיט זיך אָפּ אינגאַנצן מיט לערנען דעם אַרבעטער־קלאַס פון קאַנאַדע דעם סאָציאַליזם מיט די גרונט פּרינציפּן פון „היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, לוין און פּראָפיט און דעם קלאַסן קאַמף״. די פּאַרטיי ליטעראַטור איז „ריין באַ־לערנדיק״ און פאַרנעמט זיך מייסטנס מיט עקאָנאָמישע פראַגן. לעאָן חאַזאַ־נאָוויטש, וועלכער איז געווען דער רעדאַקטאָר פון דער „פאָלקס צייטונג״ האָט באַמערקט צו דער דאָזיקער קאָרעספּאָנדענץ דאָס פאָלגנדע: „מיר טיילן ניט אין דיזן פּונקט די מיינונג פון אונזער ווערטן מיטאַרבעטער. אונז שיינט, פאַרקערט, אַז גראָד דערפאַר, וואָס דער סאָציאַליזם אין קאַנאַדע איז צו אַבסטראַקט און שוועבט צופיל אין די הימלען, בלייבט ער וועלט פרעמד און ס׳פעלט אים קראַפט. מיר האַלטן דיזע ערשיינונג פאַר אַ יוגנט־פעלער פון דעם קאַנאַדישן סאָציאַליזם, פון וועלכן ער וועט זיך האָפנטלעך גיך באַפרייען״.

די פּאַרטיי איז געווען אַ שאַרפע קעגנערין פון דער בריטישער לייבאָר פּאַרטיי און פון דער אויסטראַלישער לייבאָר פּאַרטיי און האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצושליסן אָן דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל אזוי לאַנג ווי די דאָזיקע פּאַר־טייען וועלן דאָרט זיין אָנגעשלאָסן. די „קענעדיען סאָשעליסט פּאַרטי״ האָט געהאַט אַ היפּשע נאָכפאָלגערשאַפט. אין 1915 האָט זי נאָך געהאַט אַ מיטגלי־דערשאַפט פון 16,800 [2]).

דער קליינער דערפאָלג וואָס די פּאַרטיי האָט געהאַט אין די וואַלן, — אפילו אין בריטיש קאָלאָמביאַ האָט זי קיינמאָל ניט דערוויילט מער ווי דריי מיטגלידער אין דעם פּראָווינציעלן פּאַרלאַמענט, — האָט ביי איר אָפּגעשוואַכט דעם חשק צו באַטייליקן זיך אין דעם פּאָליטישן לעבן פון דעם לאַנד. מ׳האָט זיך דעריבער גענומען קאָנצענטרירן הויפּטזעכלעך אויף דערציאונג, אויף שטודירן עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פּראָבלעמען. די פּאַרטיי איז ניט געווען דינאַמיש, אירע פירער זיינען געווען קאַבינעט־מענטשן מיט אַ דאָגמאַטישן צוגאַנג צו דער קאַנאַדערווירקלעכקייט. אין 1911 איז פאָרגעקומען די ערשטע שפּאַלטונג און ס׳איז אָרגאַניזירט געוואָרן די סאָציאַל דעמאָקראַטישע פּאַרטיי פון קאַנאַדע. די „קענעדיען סאָשעליסט פּאַרטי״ האָט שנעל פאַרלוירן מיטגלידער. ביים סוף פון דער מלחמה איז פאָרגעקומען אַ צווייטע שפּאַלטונג און די פּאַרטיי איז פאַרשוואונדן געוואָרן פון דעם קאַנאַדער לעבן.

„די סאָשל דעמאָקראַטיק פּאַרטי אָף קענעדע״ האָט געהאַט איר צענט־ראַלע אין לאָנדאָן, אָנטעריאָ, איר אָפיציעלער אָרגאַן איז פריער געווען „קאַ־טאַנס וויקלי״, וועלכער איז דערשינען אונטער דער רעדאַקציע פון לאַיער קאָטאָן. דער נאָמען איז געביטן געוואָרן אין 1916 אויף „קענעדיען פאָרוואַרד״,

וועלכער איז דערשינען אונטער דער רעדאַקציע פון אייזיק באמברידזש. די פּאַרטיי האָט זיך גלייך נאָך איר אָרגאַניזירונג אָנגעשלאָסן אָן דעם סאָציאַליס־טישן אינטערנאַציאָנאַל.

אין „פּאָלקס צייטונג" פון 31 אויגוסט, 1912, שרייבט ה. מאַרטין, דער סעקרעטאַר: „מיר וועלן מיט פאַרגעניגן אייך שיקן אַלע פּאַרטיי נאַכריכטן... אין דער איצטיקער צייט האָבן מיר נאָר צוויי אידישע לאָקאַלן פון דער פּאַרטיי, איינעם אין וויניפּעג און דעם אַנדערן אין טאָראָנטאָ. עס זיינען דאָ אַ סך אידישע געגנאָסן וואָס זיינען פאַרשפּרייט צווישן די פאַרשידענע ענג־לישע לאָקאַלן... אָבער די אידישע אַרבעטער דאַרפן זיך אָרגאַניזירן צו טאָן פּראָפּאַגאַנדע אַרבעט און צו פאַרשפּרייטן ליטעראַטור צווישן זייערע פּאָלקס געגנאָסן". די „פּאָלקס צייטונג" האָט דערביי באַמערקט, אַז די סאָצ. דעמאָ־קראַטישע פּאַרטיי איז גאָר ניט אַזוי צופרידן וואָס אידן „זונדערן זיך אָפּ פון זייער פּאָלק". זי וויל אַז אידן זאָלן זיך אָרגאַניזירן צווישן זיך.

צום סוף פון 1915 האָט די פּאַרטיי געהאַט 5,380 מיטגלידער [3]). זי האָט גענומען אַ שאַרפע שטעלונג קעגן דער אינטערוועניץ אין רוסלאַנד און האָט שטאַרק געקעמפט קעגן קאָנסקריפּשאָן (געצוואונגענע מיליטער דינסט). אין 1917 אַלס רעזולטאַט פון דעם איז די פּאַרטיי איינגעשלאָסן געוואָרן אין דער צאָל פון אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען דאַן פאַרבאָטן געוואָרן פאַר דער צייט פון דער מלחמה. דער צעטל פון די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס איז געווען אַ גאַנץ לאַנגער. ער האָט איינגעשלאָסן די „אינדאַסטריעל וואָרקערס אָף די וואָירלד" (איי. וו. וו.), די פינישע, רוסישע און אוקראַינער סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַ־ציעס. די „סאָשעל דעמאָקראַטיק פּאַרטי אָף קענעדע" האָט באַנייט איר טע־טיקייט אַלס לעגאַלע פּאַרטיי אין יאַנואַר 1919.

דער דאָזיקער פאַרבאָט האָט שפּעטער געבראַכט צו דעם רעוואָלט, וואָס איז אויסגעבראָכן אין דער טרייד יוניאָן באַוועגונג אין מערב קאַנאַדע אין די יאָרן 1918—1919, צו וועלכן מיר וועלן זיך אומקערן שפּעטער. דאָס האָט אויך געבראַכט שפּעטער צו אַן אויפשטייג פון פאַראייניקטע אַרבעטער און פאַרמער פּאַרטייען.

די טרייד יוניאָן באַוועגונג אין קאַנאַדע

די טרייד יוניאָן באַוועגונג אין קאַנאַדע [4]) איז פּונקט ווי די סאָציאַליס־טישע באַוועגונג, באַאיינפלוסט געוואָרן פון דריי הויפּט-קוואַלן: ענגלאַנד, די פאַראייניקטע שטאַטן און די אַרבעטער באַוועגונג אויף דעם אייראָפּעאישן קאָנטינענט.

אָנגעפאַנגען האָט זיך די טרייד יוניאָן באַוועגונג מיט ספּאָראַדישע פאַר־זוכן צו גרינדן טרייד יוניאָן סאָסייטיס צווישן דרוקעריי אַרבעטער. פון די ערשטע טרייד יוניאָן גרופּן וואָס עקזיסטירן נאָך היינט צו טאָג איז די טאָ־ראָנטאָ טיפּאָגראַפיקאַל סאָסייטי (באַקאַנט אַלס אינטערנייִשאָנאַל לאָקאַל 91). זי איז געגרינדעט געוואָרן אין 1844. די ערשטע גרעסערע יוניאָנס, ווי די

„אַמאַלגעמייטעד סאָסייטי אָף אינזשענירס״, געגרינדעט אין 1850—1851, אין „אַמאַלגעמייטעד סאָסייטי אָף קאַרפּענטערס ענד דזשאָינערס״, געגרינ־דעט אין 1860, זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן אַלס אָפּטיילונגען פון די ענג־לישע יוניאָנס. צו דער זעלבער צייט האָבן אויך די אַמעריקאַנער אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס אָנגעהויבן טאָן אָרגאַניזאַציאָנס אַרבעט אין קאַנאַדע: די „נייטס אָף לייבאָר״, „אינטערנאַציאָנאַלע פאַכן יוניאָנס״, די „סאָציאַליס־טישע אַמעריקאַן לייבאָר יוניאָן״ און איי. וו. וו.״ יעדע פון זיי האָט אין א געוויסער צייט געמאַכט אָנשטרענגונגען צו אָרגאַניזירן קאַנאַדישע אַרבעטער מיט אַ געוויסער מאָס פון דערפאָלג. אָבער דעם גרעסטן דערפאָלג האָבן דער־גרייכט די פאַך־יוניאָנס, אָרגאַניזירט פון דער אַמעריקען פעדערײשאָן אָף לייבאָר.

ס'איז אויך געווען אַ טענדענץ צו שאַפן קאַנאַדישע נאַציאָנאַלע יוניאָנס, וועלכע זאָלן ניט זיין פאַרבונדן מיט די אינטערנאַציאָנאַלע יוניאָנס, ד. ה. מיט די יוניאָנס פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

פון די ערשטע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן אָנגעהויבן שפּילן אַ גרויסע ראָלע אין קאַנאַדע, איז געווען די „נייטס אָף לייבאָר״. אין די שפּעטערע אַכציקער יאָרן פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט האָבן זיי דער־גרייכט די העכסטע שטופע פון וואַקסן און האָבן געהאַט 250 יוניאָן לאָקאַלן, פאַראייניקט אין 7 דיסטריקט אַסעמבליס. אין דער פּראָווינץ קוויבעק האָבן די קאַטוילישע גייסטלעכע שטאַרק געשטיצט די „נייטס אָף לייבאָר״. כאָטש די „נייטס אָף לייבאָר״ האָבן געהאַלטן פון פּאָליטישן קאַמף, איז די גלחים געפעלן געוואָרן דאָס, וואָס די „נייטס אָף לייבאר״ איז ניט געווען קיין פאַך־אָרגאַניזאַציע. צוליב דעם האָבן זיך די „נייטס אָף לייבאר״ אפשר געהאַלטן לענגער אין קאַנאַדע ווי אין די פאַראייניקטע שטאַטן. פונדעסטוועגן זיינען אין 1901 אין גאַנץ קאַנאַדע שוין ניט געווען מער ווי 24 לאָקאַלן פון די „נייטס אָף לייבאר״. אין 1910 איז די אָרגאַניזאַציע אינגאַנצן פאַרשוואונדן פון דער קאַנאַדישער סצענע.

די סאָציאַליסטישע אמעריקאן לייבאר יוניאַן האָט אָנגעפאַנגען איר טע־טיקייט אין בריטיש קאלאמביא אין 1902. איר אַרבעט איז שפּעטער איבער־גענומען געוואָרן פון דער איי. וו. וו.

די איי. וו. וו. האָט אָנגעפאַנגען איר אַקטיוויטעט ביי דעם אָנפאַנג פון דעם איצטיקן יאָרהונדערט. אַרום 1906 האָבן זיי געמאַכט גרויסן פאַרשריט אין אָרגאַניזירן קלאוק־מאַכער לאָקאַלן אין מאָנטרעאָל און טאָראָנטאָ. זיי האָבן אויך געמאַכט אַ פאַרזוך צו אָרגאַניזירן די מענער־שניידער. זייער הויפּט ווירקונג אָבער איז געווען אין די צוויי עקסטרעם מערב פּראָווינצן, אין בריטיש קאָלאמביא און אַלבערטאָ. אין 1911, האָבן זיי באַהויפּטעט, אַז זיי האָבן אַ מיטגלידערשאַפט פון 10 טויזנט. אין 1912 האָבן זיי אָנגעפירט דעם גרעסטן סטרייק פון יענעם יאָר, — דעם סטרייק פון די בוי־אַרבעטער פון די גראַנד טראַנק פּאַסיפיק אייזנבאַן געזעלשאַפט. די איי. וו. וו. איז אָבער שנעל פאַרשוואונדן פון דער קאַנאַדישער סצענע. ביי דעם אויסברוך פון דער

ערשטער וועלט מלחמה איז די צאָל מיטגלידער פון דער איי. וו. וו., לויט דער רעגירונגס סטאַטיסטיק געווען ניט מער ווי 465.

פון די נאַציאָנאַלע קאַנאַדישע טרייד יוניאָנס איז וויכטיק צו דערמאָנען, אַז דעם גרעסטן איינפלוס, אַ דויערנדיקן איינפלוס, האָט געהאַט די באַוועגונג צו שאַפן קאַטוילישע יוניאָנס. די קאַטוילישע יוניאָנס האָבן אָנגעפאַנגען זייער טעטיקייט קירצלעך נאָך דעם פאַרשווינדן פון די „נייטס אָף לייבאָר". זייער אַרבעט אוןווירקונגס קרייז איז געווען כמעט אינגאַנצן אין דער פּראָווינץ קוויבעק. די נאַציאָנאַלע יוניאָנס וועלכע האָבן עקזיסטירט אין דער פּראָווינץ קוויבעק האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַ באַזונדערער קאַטוילישער פעדעראַציע. ביי דער דריטער קאָנווענשאָן פון די קאַטוילישע יוניאָנס אין 1920 זיינען געווען פאַרטראָטן 120 סינדיקאַטן (לאָקאַלן) מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון 40 טויזנט. די קאַטוילישע קירכע האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער אָרגאַניזירונג און אין דער אָנפירונג פון די דאָזיקע יוניאָנס, אַ זאַך וואָס זי טוט נאָך ביז היינט־צו־טאָג ווייל דער פּויפּסט האָט נאָך אין יאָר 1891 אַרויס־געגעבן אַ דעקלאַראַציע, אַז „קאַטוילישע אַרבעטער האָבן אַ נאַטירלעכע רעכט צו פאָרמירן געזעלשאַפטן, אַזעלכע געזעלשאַפטן זיינען געזעצלעך נאָר ווען זיי שטרעבן צו אַ ציל, וואָס איז ערלעך און גערעכט, און ווען זיי ווענדן אָן מיטלען, צו דערגרייכן דעם ציל, וואָס קאָנפאָרמירן מיט דער מאָראַליטעט־ערלעכקייט און גערעכטיקייט..." די קאַטוילישע יוניאָנס אנערקענען באַ־זונדערע קלאַסן־אינטערעסן, אָבער זיי לייקענען אָפּ דעם קלאַסן־קאַמף, — פאַרשטענדיקונג און קריסטלעכע ליבע זיינען בעסערע מיטלען צו געווינען פאַרבעסערונגען פאַר אַרבעטער"...

אָבער, ווי שוין דערמאָנט, די אַמעריקאַנער אינטערנאַציאָנאַלע יוניאָנס האָבן געהאַט דעם גרעסטן דערפאָלג אין קאַנאַדע, אין פאַרגלייך מיט די אַנ־דערע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס. מיט דער גרינדונג פון דער אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָף לייבאָר, האָט זיך די אַרבעט פון אָרגאַניזירן די קאַנאַדער אַרבעטער פאַרשטאַרקט. צווישן 1899 און 1902 האָט זיך די צאָל פון לאָקאַלן פון פאַך־יוניאָנס אין קאַנאַדע פאַרדאָפּלט און האָט דערגרייכט דעם סך הכל פון 1078 לאָקאַלן. ס׳מוז דאָ באַמערקט ווערן, אַז ווען מ׳רעדט פון אינטער־נאַציאָנאַלע יוניאָנס אין קאַנאַדע, מיינט עס ניט אינטערנאַציאָנאַל אין דעם סאָציאַליסטיש־פּאַציפיסטישן זין, נאָר בלויז צו באַצייכענען, אַז זיי זיינען אָנגעשלאָסן אין די יוניאָנס פון זעלבן פאַך אָדער אינדוסטריע פון די פאַר־אייניקטע שטאַטן.

טריידס און לייבאָר קאָנגרעס און אָנטייל אין פּאָליטישן לעבן

די באַשאַפונג פון אַ צענטראַלער אָרגאַניזאַציע פון די אַמעריקאַנער טרייד־יוניאָנס, די „אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָף לייבאָר", האָט סטימולירט די פאַר־זוכן פון קאַנאַדער טרייד יוניאָניסטן צו באַשאַפן דאָ שטאָט־פעדעראַציעס, דיסטריקט קאָונסילס, פּראָווינציעלע קאָונסילס און אויך אַן אַל־קאַנאַדישע

אָרגאַניזאַציע פון טרייד־יוניאָנס. אין 1886, איז שוין פאָרגעקומען אַ קאָנ־ווענשאָן אין טאָראָנטאָ, וואו ס'זיינען געווען פאַרטראָטן סיי פאַך־יוניאָנס סיי „נייטס אָף לייבאָר". ביי דער דאָזיקער קאָנווענשאָן איז געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פאַר דעם „טריידס ענד לייבאָר קאָנגרעס אָף קאַנאַדאַ". ס'האָט אָבער גענומען אַ לאַנגע צייט ביז אַ גרעסערע צאָל אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס פון אַלע טיילן פון לאַנד האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דעם קאָנגרעס. אין 1901, זיינען אין קאַנאַדע געווען 871 קערפּערשאַפטן, פון זיי זיינען 736 ניט געווען אָנגעשלאָסן אָן דעם טריידס און לייבאָר קאָנגרעס. דאָס באַווייזט, אַז אין יענע יאָרן איז דער טריידס און לייבאָר קאָנגרעס נאָך ניט געווען רעפּרעזענטאַטיוו אין דער קאַנאַדער אַרבעטערשאַפט.

אַרום 1920 איז דער טריידס און לייבאָר קאָנגרעס אויסגעוואַקסן צו ווערן די פירנדע קערפּערשאַפט פון די קאַנאַדער טרייד יוניאָנס. אין 1920 זיינען די טרייד יוניאָן אַרבעטער אין קאַנאַדע געווען אָרגאַניזירט אין 2918 לאָקאַלן מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון 373,842, פון וועלכע 267,247 זיינען געווען אָנגעשלאָסן אין אינטערנאַציאָנאַלע יוניאָנס. די איבעריקע האָבן באַלאַנגט צו אויסשליסלעך קאַנאַדישע יוניאָנס. ניט אַלע אינטערנאַציאָנאַלע יוניאָנס זיינען געווען אָנגעשלאָסן אין טריידס און לייבאָר קאָנגרעס. אויך ניט אַלע קאַנאַדישע יוניאָנס האָבן זיך געהאַלטן פונדערווייטן און ניט אַפיליאירט מיט דעם טריידס און לייבאָר קאָנגרעס. די טאָטאַלע מיטגלידערשאַפט פון דעם טריידס און לייבאָר קאָנגרעס אין 1920 איז געווען 173,463 [5]). אין דורכשניט, אין פאַר־לויף פון די יאָרן, זיינען 85 פּראָצענט פון דער טריידס און לייבאָר קאָנגרעס מיטגלידערשאַפט געווען חברים פון די אינטערנאַציאָנאַלע יוניאָנס.

אין 1902 איז געמאַכט געוואָרן אַ פּאַרזוך צו שאַפן אַ „קענעדיען פעדע־ריישאָן אָף לייבאָר" פון נאַציאָנאַלע יוניאָנס, אָבער די פעדעראַציע האָט ניט געהאַט קיין גרויסן דערפאָלג, הויפּטזעכלעך צוליב דעם וואָס די קאַטוילישע יוניאָנס האָבן געמאַכט אַ באַזונדערע פעדעראַציע. אין 1927 איז געשאַפן גע־וואָרן דער „אָל־קענעדיען קאָנגרעס אָף לייבאָר", וועלכער איז איבערגענומען געוואָרן פון דעם „קענעדיען קאָנגרעס אָף לייבאָר" אין 1940 און האָט איינ־געשלאָסן די סי. אי. אָ. יוניאָנס. אָבער דאָס געהערט ניט צו דעם צייט־אָפּשניט וועלכן מיר באַהאַנדלען.

דער „טריידס און לייבאָר קאָנגרעס" איז אָרגאַניזירט געוואָרן צו פאַר־טרעטן די געמיינזאַמע אינטערעסן פון די קאַנאַדער אַרבעטער, צו העלפן אין זייער דערציאונג אַלס טרייד־יוניאָניסטן, צו העלפן אין דער אָרגאַניזירונג פון וואָס מער און מער לאָקאַלן, צו קעמפן פאַר בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען און צו ווירקן פאַר דער בעסט־מעגלעכער אַרבעטס־געזעצגעבונג פון דער פעדעראַלער און פּראָווינציעלע רעגירונגען.

די פּלאַטפאָרם און פּרינציפּן פון דעם טריידס און לייבאָר קאָנגרעס איז אין אַלגעמיין געווען גאַנץ פּראָגרעסיוו. זי איז אָנגענומען געוואָרן אין 1898 און אויסגעבעסערט געוואָרן אין 1914 און האָט אויך אַנטהאַלטן אין זיך פּאָליטישע מאָמענטן. אָריגינעל זיינען געווען די פאָלגנדע 16 פּונקטן:

1. פרייע צוזאַנג דערציאונג; 2. אַן אַכט־שעהדיקער אַרבעטס טאָג און אַ מאַק־סימום 6 טאָגיקע אַרבעטס־וואָך; 3. רעגירונגס אינספּעקציע פון די אינדו־סטריען; 4. אָפּשאַפונג פון קאָנטראַקט סיסטעם אין עפנטלעכע אַרבעטן; 5. מינימום שכירות, באַזירט אויף לאָקאַלע באַדינגונגען; 6. נאַציאָנאַליזאַציע פון אַלע הויפּט־אינדוסטריען ווי אייזנבאַנען, טעלעגראַפן, וואַסער־לייטונגען, עלעקטריציטעט, א. א. וו.; 7. רעדוצירונג פון טעקסעס אויף אינדוסטריען און פאַרגרעסערן די אָפּשאַצונג פון לאַנד אייגנטום; 8. אָפּשאַפונג פון דעם סענאַט; 9. אויסשליסונג פון כינעזער אימיגראַציע; 10. יוניאָן־לייבל אויף אַלע פאַבריצירטע זאַכן און אויף אַלע סופּלייס פון די רעגירונגען און מוני־ציפּאַליטעטן; 11. קיין קינדער־אַרבעט פאַר קינדער אונטער 14 יאָר, קיין פרויען־אַרבעט אין אַלע אינדוסטריעלע צווייגן ווי מינעך, וואַרקשאַפּס, פאַ־בריקן, ווערקשאַפּטן א. א. וו.; 12. אָפּשאַפונג פון אייגנטום קוואַליפיקאַציעס פאַר קאַנדידאַטן פאַר מוניציפּאַלע, פּראָווינציעלע און פעדעראַלע פאַרטרע־טערשאַפטן; 13. פרייוויליקע אַרביטריישאַן פון אַרבעטער דיספּוטן; 14. פּראָ־פּאָרציאָנעלע פאַרטרעטערשאַפט „וויט גרופ קאָנסטיטיוענסיס" און אָפּשאַפונג פון די מוניציפּאַלע וואַרדס; 15. דירעקטע לעגיסלאַציע דורך איניציאַטיוו און רעפערענדום; 16. פאַרבאָט פון אַרעסטאַנטן אַרבעט אין קאָמפּעטיציע מיט פרייער אַרבעט. אין 1913 איז צוגעשטעלט געוואָרן אַ 17טער פּונקט: גלייכע שטים־רעכט פאַר פרויען און מענער. אין 1914 איז דער עלטער פון פאַרבאָט פאַר קינדער־אַרבעט געהעכערט געוואָרן ביז 16 יאָר און דער פּונקט, וואָס האָט זיך באַצויגן צו פרויען אַרבעט אין אינדוסטריען איז פאַרביטן געוואָרן מיט דעם פּונקט „גלייכע לוינען פאַר גלייכער אַרבעט צו מענער און פרויען". ס'איז קלאָר, אַז אין דער פאָרמולירונג פון די דאָזיקע פרינציפּן האָט זיך געפילט די ווירקונג פון די אַרבעטער יוניאָנס פון ענגלאַנד און אפילו די ווירקונג פון די סאָציאַליסטישע גרופּן פון ענגלאַנד און קאַנאַדע.

די פירערשאַפט פון דעם טריידס און לייבאָר קאָנגרעס איז אין די ערשטע פאַרמאַטיווע יאָרן נאָכגעגאַנגען דער אַמעריקאַן פעדעריישאַן אָף לייבאָר, אין דער פראַגע פון אָנטיילנעמען אין דעם פּאָליטישן לעבן פונם לאַנד. אָבער דער פאַרלאַנג פון זעלבסטשטענדיקער פּאָליטישער האַנדלונג האָט זיך אָנגעהויבן צוערשט אין מערב קאַנאַדע און האָט זיך שפּעטער אויך אַנטוויקלט אין מזרח־קאַנאַדע. אין וואַנקואווער האָט דער לאָקאַלער טריידס און לייבאָר קאַונסיל זיך געשטעלט קעגן דעם ווילן פון דעם „קאָנגרעס" און האָט אַרויסגעשטעלט קאַנדידאַטן אין די מוניציפּאַלע וואַלן נאָך אין 1892. אין וויניפּעג, האָבן טרייד יוניאָניסטן אָרגאַניזירט אין 1896 אָדער 1897 אַ שטאָטישע לייבאָר־פּאַרטיי און האָבן אין 1900 דערווײילט וו. וו. פּוטי צום פעדעראַלן פּאַרלאַמענט. ער איז אָבער דורכגעפאַלן אין די וואַלן אין 1904. אין די זעלבע וואַלן איז אויך דורכגעפאַלן דער פּרעזידענט פון „קאָנגרעס", אַלפאָנס ווערוויל, אין מאָנטרעאָל.

ביי דעם צוזאַמענפאַר וואָס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1905, איז אויף דעם פאָרשלאָג פון מר. א'דאנאהיו, דער פאַרלאַמענטאַרישער פאַרטרעטער

פון דעם טריידס און לייבאָר קאָנגרעס אין אָטאַוואַ, אָנגענומען געוואָרן די פאָלגנדע רעזאָלוציע: „דאָס דער קאָנגרעס זאָל האַנדלען לויט דער עצה פון זיין אַדוואָקאַט, אַז וואו נאָר ס'איז דאָ אַ באַרעכטיקטע האָפנונג אויסצו־קלייבן אַן אַרבעטער קאַנדידאַט, זאָל אַזאַ קאַנדידאַט אַרויסגעשטעלט ווערן. אָבער דאָרט וואו אַזאַ האָפנונג איז נישטאָ, זאָלן קאַנדידאַטן וועלכע גיבן די בעסטע האָפנונג צו קריגן פון זיי שטיצע אין דער דורכפירונג פון דער פּלאַטפאָרמע פון קאָנגרעס, געשטיצט ווערן פון די אַרבעטער שטימען, ניט רעכנענדיק זיך מיט דער פּאָליטישער אַפּילאַציע פון די קאַנדידאַטן״[6].

ווען די דאָזיקע רעזאָלוציע איז פאָרגעשלאָגן געוואָרן, האָט אַ פאָר־שטייער פון מאָנטרעאָל, גוסטאַוו פראַנק, פון דער טיפּאָגראַפיקאַל יוניאָן לאָקאַל 145, פאָרגעשלאָגן אַז דער קאָנגרעס זאָל רעקאָמענדירן צו די לאָ־קאַלע לייבאָר קאונסילס צו באַשאַפן, וואו נאָר מעגלעך, אין דער פּראָווינץ קוויבעק אַ לייבאָר פּאַרטיי אומאָפּהענגיק פון די צוויי גרויסע פּאָליטישע פּאַרטייען און צו שטיצן די קאַנדידאַטן פון דער לייבאָר פּאַרטיי צום פּראָ־ווינציעלן און פעדעראַלן פּאַרלאַמענט, „ווייל אין דער פּראָווינץ האָבן מיר ניט קיין איין פאָרשטייער אין פּאַרלאַמענט, וואָס שטיצט די פּלאַטפאָרם פון טריידס און לייבאָר קאָנגרעס״. די דאָזיקע רעזאָלוציע איז אויך אָנגע־נומען געוואָרן.

אין 1906 איז אַלפאָנס ווערויל, דער פּרעזידענט פון קאָנגרעס, דערוויילט געוואָרן אין מאָנטרעאָל אַלס קאַנדידאַט פון קוויבעקער טרייד יוניאָניסטן צום פעדעראַלן פּאַרלאַמענט מיט אַ גרויסער מאַיאָריטעט, וואָס האָט זייער דערמוטיקט די אָנהענגער פון פּאָליטישער אַקציע פון די טרייד יוניאָנס. דער דערפאָלג וואָס די ענגלישע טרייד יוניאָנס און די בריטישע לייבאָר פּאַרטיי האָבן געהאַט אין די ענגלישע וואַלן, האָבן אויך געהאַט אַ דערמו־טיקנדיקע ווירקונג. אזוי אַרום איז ביי דעם צוזאַמענפאָר פון דעם טריידס און לייבאָר קאָנגרעס אין 1906, אָנגענומען געוואָרן די פאָלגנדע רעזאָלוציע: 1. דער קאָנגרעס אינדאָרסירט דעם פאָרשלאַג צו שיקן אַרבעטער פאָרשטייער צו דעם פעדעראַלן פּאַרלאַמענט און צו די פּראָווינציעלע לעגיסלאַטורן, כדי אָפּצוהיטן די אינטערעסן פון די אַרבעטער. 2. אַזעלכע אַקציעס וואָס וועלן זיין נויטיק פאַר דעם צוועק זאָלן זיין זעלבסטשטענדיקע (אומאָפּהענגיק) פון דעם טריידס און לייבאָר קאָנגרעס. 3. די פּלאַטפאָרמע און די פּרינציפּן פון דעם קאָנגרעס וועלן רעקאָמענדירט אַלס די פּלאַטפאָרמע פון יענע, וועלכע וועלן זיך אָפּגעבן מיט דער דורכפירונג פון דער דאָזיקער אומאָפּהענגיקער אַקציע; 4. די פּראָווינציעלע עקזעקוטיוועס פון דעם טריידס און לייבאָר קאָנג־רעס זאָלן נעמען די „פּרעלימינאַרע״ שריט צוזאַמענצורופן קאָנווענשאָנס פון טרייד יוניאָניסטן פון זייערע פּראָווינצן און פון די אַלע, וועלכע סימפּאַ־טיזירן מיט די אָרגאַניזירטע אַרבעטער, מיטן צוועק צו פאָרמירן די נויטיקע „אַסאָסיאיישאַנס״ אָנצופירן מיט דער אַרבעט פון אויסוויילן אַרבעטער קאַנ־דידאַטן. 5. אזוי שנעל ווי די דאָזיקע קאָנווענשאָנס וועלן צוזאַמענגערופן

ווערן פון די פּראָווינציעלע עקזעקוטיוועס, וועט די אַרבעט פון דעם טריידס און לייבאָר קאָנגרעס אין דער דאָזיקער אָנגעלעגנהייט אויפהערן" [7]).

ביי דער דאָזיקער קאָנווענשאָן האָבן די סאָציאַליסטישע עלעמענטן גע־קעמפט פאַר אַ מער אויסגעשפּראָכענער פּאָליטישער טעטיקייט און פאַר דער אָקצעפּטירונג פון די פּרינציפּן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. די דאָזיקע פאָרשלאָגן זיינען אָבער דורכגעפאַלן. עס איז אפילו אויך דורכגעפאַלן דער פאָרשלאַג, אַז נאָכדעם ווי עס וועלן געשאַפן ווערן די „פּראָווינציעלע אַסאָ־סיאיישאַנס", זאָל דער טריידס און לייבאָר קאָנגרעס צוזאַמענרופן אַ קאָנווענ־שאָן צו באַשליסן וועגן פאַראייניקטע פעדעראַלע אַקציעס, ווייל דער קאָנגרעס האָט זיך געהאַלטן ביי דעם פּרינציפּ פון פּראָווינציעלער אָטאָנאָמיע אין דער אַרבעטער פּאָליטיק.

די בריטישע לייבאָר פּאַרטיי און דער בריטישער טרייד יוניאָן קאָנגרעס האָבן געזוכט אויסצונוצן זייער איינפלוס און צו ווירקן אַלץ מער און מער אין דער ריכטונג פון זעלבסטשטענדיקער פּאָליטישער אַקציע און דער באַשאַפונג פון אַ פעדעראַלער אַרבעטער פּאַרטיי פון די קאַנאַדישע אַרבעטער. דאָס איז געטאָן געוואָרן פון קיר האַרדי, וועלכער איז געקומען אין 1908 און אין 1912 צו די צוזאַמענפאָרן פון דעם טריידס און לייבאָר קאָנגרעס. דאָס איז אויך געטאָן געוואָרן פון אַנדערע פּראַטערנאַלע דעלעגאַטן, וועלכע זיינען געקומען פון ענגלאַנד צו אַנדערע צוזאַמענפאָרן. אָבער די קאָנגרעס פירער־שאַפט איז געבליבן קאַלט צו דעם ענין ביז 1916.

ביי דעם קאָנגרעס פון 1916 איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די עקזעקוטיווע זאָל שטודירן די פראַגע פון גרינדן אַ לייבאָר פּאַרטיי פאַר גאַנץ קאַנאַדע. צו דעם צוזאַמענפאָר אין 1917 איז די עקזעקוטיווע געקומען מיט אַ באַריכט, אַז די צייט איז געקומען פאַר די אַרבעטער פון קאַנאַדע „נאָכצופאָלגן דעם בריטישן פּרעצעדענט און צו אָרגאַניזירן אַן אַרבעטער פּאַרטיי אויף אַ באַזע, וואָס זאָל פאַראייניקן טרייד יוניאָניסטן, סאָציאַליסטן, פאַביאַנער, אָנהענגער פון דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג און פאַרמערס, — כדי דורכצופירן גע־זעצן אין די אינטערעסן פון די פּראָדוצירער פון רייכטום פון דער (קאַנאַ־דער) נאַציע".

ס'איז ביי דעם צוזאַמענפאָר דאַן באַשלאָסן געוואָרן שטאַרק צו רעקאָ־מענדירן „די אָרגאַניזירונג פון אַן אינדיפּענדענט לייבאָר פּאַרטי פאַר קאַ־נאַדע אויף די זעלבע פּרינציפּן ווי ס'איז אָרגאַניזירט די בריטישע לייבאָר פּאַרטיי און צו געבן אנערקענונג צו אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן די זעלבע צילן אַלס אַפיליאירטע פון דער בריטישער לייבאָר פּאַרטיי. כדי דורכצופירן די דאָזיקע רעזאָלוציע רעקאָמענדירן מיר שטאַרק, אַז אַלע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס פון דעם אַרבעטער קלאַס זאָלן אין יעדער פּראָ־ווינץ רופן אַ קאָנפערענץ פון די באַשטייענדיקע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען באַרעכטיקט אָנטיילצונעמען אין אַזאַ לייבאָר פּאַרטיי און זיי זאָלן פאַרזעצן זייער קאָאָפּעראַציע פאַר פּאָליטישער אַקציע; און אַז דער אויסגעוויילטער

קאונסיל פון טריידס און לייבאָר קאָנגרעס זאָל גלייך אָננעמען די בויטיקע שריט צוזאַמענצורופן אַזעלכע קאָנפערענצן".

אין 1918 האָט די עקזעקוטיווע פון קאָנגרעס באַריכטעט, אַז ס'זיינען געגרינדעט געוואָרן פּראָווינציעלע סעקציעס פון דער „דאָמיניאָן לייבאָר פּאַרטי אָף קענעדע" אין בריטיש קאָלאָמביאַ, אַלבערטאַ, מאַניטאָבאַ, אָנטע־ריאָ, קוויבעק און נאָוואַ סקאָשיאַ [8]. די דאָזיקע פּראָווינציעלע פּאַרטייען האָבן איבערגענומען די פונקציעס פון די „לייבאָר רעפּרעזענטיישאַן קאָמיטיס".

דער צוזאַמענפאָר פון דעם קאָנגרעס האָט באַשלאָסן פּאָרטצוזעצן די אַרבעט פון אָרגאַניזירן די פּראָווינציעלע פּאַרטייען און ווען אַלע פּראָווינצן וועלן זיין אָרגאַניזירט, זאָל מען פּאָרמעל באַשאַפן די דאָמיניאָן לייבאָר פּאַרטיי. דאָס האָט מען אָבער געמוזט אָפּלייגן אויף עטלעכע יאָר צוליב דעם רעוואָלט וואָס איז אויסגעבראָכן אין מערב קאַנאַדע קעגן דעם טריידס און לייבאָר קאָנגרעס, דעם וויניפּעגער גענעראַל סטרייק און דער באַשאַפונג פון „וואַן ביג יוניאָן".

די מערב קאַנאַדער טרייד יוניאָניסטן, צווישן וועלכע ס'איז שטענדיק געווען אַ היפּשער ראַדיקאַלער עלעמענט, זיינען אייגנטלעך אַלעמאָל געווען שוואַכע אָנהענגער פון פאַך־יוניאָניזם. ס'האָט זיי אַלעמאָל געצויגן צו אינ־דוסטריעלן יוניאָניזם. אַ חוץ דעם זיינען די אָביעקטיווע באַדינגונגען אין די מערב קאַנאַדער פּראָווינצן געווען אַזעלכע, וואָס האָבן מעגלעך געמאַכט, אַז די פּראָפּאַגאַנדע פאַר אינדוסטריעלע יוניאָנס צווישן די גרויסע מאַסן ניט־קוואַליפיצירטע אָדער ווייניק ספּעציאַליזירטע אַרבעטער, זאָל ברענגען פּרוכט. צו דעם איז צוגעקומען די אומצופרידנקייט מיט דעם קאָנסערוואַטיוון איינ־שטעל פון דעם טריידס און לייבאָר קאָנגרעס און זיין לאַנגזאַמער עוואָלוציע אין דער ריכטונג פון פּאָליטישער אַקציע.

די אומצופרידנקייט און אומרואיקייט אין די מערב קאַנאַדער אַרבעטער קרייזן האָט זיך זייער פאַרשטאַרקט אַ דאַנק דעם קאָנסקריפּשאָן געזעץ און דער אינטערווענץ פון די אַלאירטע מלוכות אין רוסלאַנד. צוליב די פּראָ־טעסטן פון די אַרבעטער קרייזן זיינען איינגעפירט געוואָרן געזעצן קעגן סובווערסיווע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס און גרויסע צאָלן אַרבעטער, מיט־גלידער פון טרייד יוניאָנס זיינען אַרעסטירט געוואָרן. די פירער פון טריידס און לייבאָר קאָנגרעס זיינען מיטאַמאָל געוואָרן אָנהענגער פון קאָנסקריפּשאָן און האָבן זיך ווייניק געקימערט איבער די פּאָליטישע אַרעסטן.

ס'איז געווען נאָך אַ סיבה פאַר אומצופרידנקייט ביי די מערב קאַנאַדער אַרבעטער. כמעט אַלע קאָנגרעסן פון דעם טריידס און לייבאָר קאָנגרעס פלעגן פאָרקומען אין מזרח קאַנאַדע. די מערב קאַנאַדער אַרבעטער האָבן ניט אַלע מאָל געקענט שיקן גענוג דעלעגאַטן צוליב די ווייטע שטרעקעס און די גרויסע הוצאות און זיי זיינען ניט אַלעמאָל געווען ריכטיק פאַרטראָטן ביי די צוזאַמענפאָרן. די מזרח קאַנאַדער דעלעגאַטן זיינען אַלעמאָל געווען גרעסער אין צאָל, זיי האָבן געשטימט אָן־בלאָק און האָבן כמעט אוממעגלעך געמאַכט פאַר די מערב קאַנאַדער עפּעס דורכצופירן ביי די צוזאַמענפאָרן.

ביי דעם צוזאַמענפאַר פון דעם טריידס און לייבאַר קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין 1918 זיינען פון די מערב קאַנאַדער דעלעגאַטן פאָרגעשלאָגן געוואָרן רעזאָלוציעס, אַז מ׳זאָל דורכפירן אַ רעפערענדום וועגן רעאָרגאַני־זירן די קאַנאַדער אַרבעטער באַוועגונג, אַז אַנשטאָט פאַך־יוניאָנס זאָלן אָרגאַ־ניזירט ווערן אינדוסטריעלע יוניאָנס. אַן אַנדער רעזאָלוציע האָט געפאָדערט אַ זעקס־שעהדיקן אַרבעטס טאָג. אַלע רעזאָלוציעס זיינען דורכגעפאַלן. עס זיינען אויך דורכגעפאַלן אַלע פּאָליטישע פאָרשלאָגן פון די מערב קאַנאַדער דעלעגאַטן ווי אָפּצושטעלן די אינטערווענציע אין רוסלאַנד, אָפּשאַפונג פון די מלחמה געזעצן א. א. וו. די מערב קאַנאַדער דעלעגאַטן האָבן דאַן אָפּגע־האַלטן אַ קאָקוס־זיצונג און האָבן, מיט די שטימען פון אַלע קעגן איינעם, באַשלאָסן צו האָבן אַן אייגענע קאָנפערענץ פון די פיר מערב־פּראָווינצן איי־דער ס׳וועט פאָרקומען דער קומענדיקער צוזאַמענפאָר פון דעם טריידס און לייבאַר קאָנגרעס כדי צו פאָרמולירן אַן איינהייטלעכע פּאָליטיק פון אַלע מערב קאַנאַדער טרייד יוניאָנס.

לויט דער איניציאַטיוו פון דער בריטיש קאָלאָמביא טרייד יוניאָן פע־דעראַציע איז דעם 13טן מערץ 1919 פאָרגעקומען אין קאַלגאַרי דער מערב קאַנאַדער צוזאַמענפאָר. דאָרט זיינען געווען 46 דעלעגאַטן פון מאַניטאָבאַ, 89 פון אַלבערטאַ, 17 פון סאַסקאַטשעוואַן, 85 פון בריטיש קאָלאַמביא און 2 דעלעגאַטן פון אָנטעריאָ [9]). צווישן די רעזאָלוציעס וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן ביי דעם צוזאַמענפאָר זיינען געווען די פאָדערונגען פון פרייער רעדע, פרייער פרעסע, פרייע פאַרזאַמלונגען און דער באַפרייאונג פון פּאָלי־טישע אַרעסטירטע. ס׳איז אויך אָנגענומען געוואָרן אַ באַגריסונג צו דער רוסישער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע און צו דער ספּאַרטאַקוס־באַוועגונג אין דייטשלאַנד. מ׳האָט אויך אָנגענומען דעם פּרינציפּ פון דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. דאָס וויכטיקסטע איז אָבער געווען די רעזאָלוציע פאַר אַ רעפערענדום וועגן אַ גענעראַל סטרייק צו איינפירן אַ זעקס־שעהדיקן אַר־בעטס טאָג און דער באַשלוס דורכצופירן אַ רעפערענדום וועגן אינדוסטריעלן יוניאָניזם און דער באַשאַפונג פון אַ „וואַן ביג יוניאָן״, וועלכע זאָל איינשליסן אַרבעטער פון אַלע פאַכן.

ניט קוקנדיק אויף די אַלע ראַדיקאַלע רעזאָלוציעס, איז דער הויפּט־צוועק פון דער קאָנפערענץ ניט געווען צו מאַכן אַ באָלשעוויסטישע רעוואָ־לוציע אין קאַנאַדע, נאָר די גרינדונג פון דער „וואַן ביג יוניאָן״. די באַשול־דיקונג אַז זי איז אָנגעפירט געוואָרן פון „פרעמדע״ איז אויך געווען אַ פאַלשע. אַלע פירער פון דער קאָנפערענץ זיינען געווען אָדער אַלטע קאַנאַדער טרייד יוניאָן טוער אָדער איינגעוואַנדערטע ענגלישע אַרבעטער־פירער. דאָס איז ריכטיק וועגן דער קאָנפערענץ פונקט ווי וועגן דעם וויניפּעגער גענע־ראַל סטרייק.

ס׳וועט זיין אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז בנוגע אימיגראַציע האָט די ראַדיקאַלע מערב קאַנאַדער קאָנפערענץ באַשלאָסן: „מיר זיינען קעגן וועלכער ס׳איז מאַסן־איינוואַנדערונג פון אַרבעטער פון פאַרשידענע טיילן

פון דער וועלט, וועלכע וועלן געבראַכט ווערן אַהער לויט דעם וואונטש פון דעם הערשנדיקן קלאַס" [10]. אין דער הינזיכט איז ניט געווען קיין אונ־טערשיד צווישן ראַדיקאַלע סאָציאַליסטן און קאָנסערוואַטיווע אַרבעטער־פירער. דער טריידס און לייבאָר קאָנגרעס האָט נאָך אין 1883 פאַרדאַמט דעם קאַנאַדער סיסטעם פון פרייער איינוואַנדערונג און פון אַריינברענגען ספּע־ציאַליזירטע אַרבעטער. אין 1894 האָט דער צוזאַמענפאָר באַשלאָסן, אַז עס זאָל ניט געגעבן ווערן קיין שטיצע צו אימיגראַנטן און „נאָר יענע אימי־גראַנטן, וואָס האָבן קאַפּיטאַל זאָלן דערמוטיקט ווערן צו קומען" [11].

וויניפּעגער גענעראַל סטרייק

די דורכפירונג פון דעם רעפערענדום וועגן „וואַן ביג יוניאָן" האָט מען געדאַרפט אָפּלייגן ביז דעם חודש יולי, ווייל אין דער צווישנצייט איז אויס־געבראָכן דער וויניפּעגער גענעראַל סטרייק. נאָך אין פעברואַר 1919 האָט דער וויניפּעגער בילדינג טריידס קאונסיל פון בוי־און מעטאַל־אַרבעטער אָנגעפאַנגען פאַרהאַנדלונגען מיט דעם בילדערס עקסטשיינדזש — די פאָר־איינונג פון די באַלעבאַטים — וועגן אַ הוספה פון 20 סענט אַ שעה און דער אנערקענונג פון דעם בילדינג טריידס קאונסיל אַלס פאַרטרעטער פון די אַרבעטער. די באַלעבאַטים האָבן אנערקענט אַז די לוין פאָדערונגען זיי־נען ניט אין גאַנצן אויסן וועג, אָבער זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען אויף זיך די גאַנצע אחריות גוטצומאַכן די העכערונג אין לעבנסמיטלען. זיי האָבן פאָרגעשלאָגן בלויז 10 סענט אַ שעה און האָבן אויך פאַרלאַנגט צו שליסן אָפּמאַכן מיט יעדן פאַך באַזונדער. איינער פון זייערע אַרגומענטן פאַר ניט נאָכגעבן דעם פאַרלאַנג פון דעם בילדינגס טרייד קאונסיל איז גע־ווען, אַז די באַנקן זאָגן זיך אָפּ צו טאָן מיט זיי ביזנעס אויף אַ נייער באַזע [12]. דעם 1טן מאַי 1919 האָט זיך אָנגעהויבן דער סטרייק פון די אַרבעטער, וואָס זיינען געווען פאַראייניקט אין דעם בילדינגס טריידס קאונסיל: קאַרפּענטערס, פּלאָמבערס, בריקליירס, פּלאַסטערערס, סטימפיטערס, מאָלערס א. א. וו.

דער בילדינג טריידס קאונסיל האָט זיך דאַן געווענדעט צו דעם טריידס און לייבאָר קאונסיל פון וויניפּעג און פאַרלאַנגט מ'זאָל זיי העלפן געווינען דעם סטרייק. דער טריידס און לייבאָר קאונסיל האָט דעם 13טן מאַי אינדאָר־סירט די פאָדערונגען פון די סטרייקנדע אַרבעטער און האָט באַשלאָסן דורכ־צופירן אַן אָפּשטימונג צווישן אַלע אָרגאַניזירטע וויניפּעגער אַרבעטער פאַר אָדער קעגן אַ סימפּאַטיע־סטרייק — אַ גענעראַל סטרייק. צו יענער צייט איז די צאָל אָרגאַניזירטע אַרבעטער אָנגעשלאָסן אין דעם טרייד און לייבאָר קאונסיל געווען אַרום 12 טויזנט. אין דער אָפּשטימונג האָבן 8667 געשטימט פאַר אַ גענעראַל סטרייק און 645 האָבן געשטימט קעגן [13]. אין אַלע יוניאָנס איז די מאַיאָריטעט געווען פאַר אַ גענעראַל־סטרייק. דעם 15טן מאַי האָט זיך אָנגעהויבן דער גענעראַל־סטרייק. ס'זיינען געווען צוויי פאָדערונגען אין דעם סטרייק: די אנערקענונג פון דעם פּרינציפּ פון „קאָלעקטיוו באַרגענינג"

און אַ „ליווינג ווײדזש". אַ דריטע פאָדערונג איז געווען, אַז אַלע סטרייקערס זאָלן צוריקגענומען ווערן צו דער אַרבעט. אין דעם סטרייק האָבן זיך באַטייליקט אַרום 24 טויזנט אַרבעטער. לויט ה. א. לאָגאַן האָבן זיך אין סטרייק באַטייליקט אַרום 30—35 טויזנט אַרבעטער. אויך די יוניאָנס פון רעגירונגס־אָנגעשטעלטע האָבן זיך באַטייליקט אין דעם סטרייק. די פּאָליציי און די פייערלעשער זיינען געבליבן אויף זייערע אַרבעטס־פּלעצער, נאָר דערפאַר ווייל דער סטרייק־קאָמיטעט האָט געבעטן זייערע יוניאָנס, אַז זיי זאָלן אָנגיין מיט זייער אַרבעט. גאָר אין גיכן זיינען אויסגעבראָכן סימפּאַטיע־סטרייקס אויך אין אַנדערע שטעט פון מערב־קאַנאַדע. אַ געוואַלדיקע אויפרודערונג האָט אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד.

די רעגירונגען, סיי די פעדעראַלע, סיי די פּראָווינציעלע, האָבן ביי זיך אָפּגעמאַכט צו ברעכן דעם סטרייק. זיי איז, פאַרשטייט זיך, ניט געפעלן געווען דער ראַדיקאַליזם פון די מערב קאַנאַדער אַרבעטער, אָבער הויפּט־זעכלעך זיינען זיי געווען אַנטשלאָסן צו קעמפן קעגן דעם פּרינציפּ פון אַ גענעראַל־סטרייק. אַ קאָמיטעט פון 1000 בירגער — ניט־אַרבעטער — איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין וויניפּעג צו קעמפן קעגן דעם סטרייק מיט אַלע מיטלען. דער סטרייק האָט אָנגעהאַלטן זעקס וואָכן צייט. דאָס גאַנצע לעבן פון דער שטאָט איז פּאַראַליזירט געוואָרן. ענדלעך זיינען פון דער מאַכט אַרעסטירט געוואָרן די פירער פון דעם סטרייק און דער סטרייק איז אָפּגערופן געוואָרן. נאָך דעם ווי דער סטרייק האָט זיך געענדיקט זיינען אַלע פאָדערונגען פון די בוי־אַרבעטער וועגן העכערן לוין נאָכגעגעבן געוואָרן. זיי האָבן נאָך געקראָגן גרעסערע הוספות ווי זיי האָבן פאַרלאַנגט. שפּעטער האָט די רעגירונג אויך צוריקגערופן אַלע מלחמה־געזעצן, וועלכע האָבן באַגרענעצט די פרייהייט פון די בירגער. דער קריזיס און די געדריקטע שטימונג וועלכע זיינען אַרויסגערופן געוואָרן אַ דאַנק דעם סטרייק, האָבן אָנגעהאַלטן אַ היפּשע צייט און האָבן געהאַט זייער ווירקונג אויף דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן.

„וואַן ביג יוניאָן"

דער באַשלוס איבערצולאָזן די פאַך־יוניאָנס און אָרגאַניזירן זיך אין איין גרויסער אינדוסטריעלער יוניאָן איז געצילט געוואָרן הויפּטזעכלעך כדי צו „מאַכן מעגלעך פאַר די אַרבעטער אָנצופירן מיט אַ גרעסערן דערפאָלג זייער טאָג־טעגלעכן קאַמף פאַר גרעסערע שכירות, בעסערע אַרבעטס־שעהן א. א. וו., און צוגרייטן זיך פאַר דעם טאָג, ווען די פּראָדוקציע פאַר פּראָפיט וועט פאַרביטן ווערן מיט אַ פּראָדוקציע פאַר דעם געברויך" [14]. דער קאָמיטעט וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן ביי דער קאָנפערענץ אין קאַלגאַרי, האָט זיך אין אָנפאַנג יוני גענומען צו דער אַרבעט צו אָרגאַניזירן די „וואַן ביג יוניאָן". דער דורכפאַל פון דעם וויניפּעגער סטרייק און די פאַראורטיילונג צו תפיסה פון די סטרייק־פירער, וועלכע זיינען אויך געווען די אָנפירער פון דעם געדאַנק פון „וואַן ביג יוניאָן", האָט פיל געשטערט אין דער אָרגאַ־

ניזירונג פון דער יוניאָן. דער טריידס און לייבאָר קאָנגרעס האָט, פאַרשטייט זיך, אָנגעפאַנגען אַ ביטערן קאַמף קעגן די וואָס האָבן געוואָלט צעברעכן זייערע פאַך יוניאָנס. ר. א. ריגג, דער סאָציאַליסטישער פירער פון וויניפעג, האָט אָנגענומען אַ שאַרפע שטעלונג קעגן דער „וואַן ביג יוניאָן".

די ערשטע באַגייסטערונג פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע, פאַר דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט א. א. וו. האָט זיך אָנגעהויבן אויסוועפּן. די אָפּאָזיציע קעגן דער „וואַן ביג יוניאָן" האָט אָנגעהויבן וואַקסן. ביי דעם סוף פון 1919 האָט די „וואַן ביג יוניאָן" געהאַט, ווי זיי האָבן דאַן אָנגעגעבן, 41,500 מיטגלידער. אין יאַנואַר 1920 איז פאָרגעקומען זייערע אַ קאָנווענשאָן און דער סעקרעטאַר האָט באַריכטעט, אַז זיי האָבן אַ מיטגלידערשאַפט פון 50 טויזנט [15]. נאָך דעם האָט די צאָל מיטגלידער אָנגעהויבן פאַלן. די ווירקונג פון דער יוניאָן האָט אָנגעהויבן צו ווערן שוואַכער און איר ראָל אין דער קאַנאַדער טרייד יוניאָן באַוועגונג איז געוואָרן אומבאַדייטנד. די „וואַן ביג יוניאָן" איז געווען אַ מערב־קאַנאַדער פּראָדוקט. איר טעאָרעטישע אָדער אידעאָלאָגישע באַזע איז ניט געווען אַ פּראָדוקט פון באָלשעוויסטישן דענקען און גלויבן. זי איז אויך ניט געווען אַ פּראָדוקט פון דער אַמעריקאַנער איי. וו. וו. אָדער פון פראַנצויזישן סינדיקאַליזם. עס איז געווען אַן עכט קאַנאַדער אָרגאַניזאַציע מיט אַ מילד רעוואָלוציאָנערער פּראָגראַם, וואָס האָט געלייגט דעם הויפּט־טראָפּ אויף דעם טאָג־טעגלעכן קאַמף פאַר בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען.

אַרבעטער און פאַרמער פּאַרטייען

די געשעענישן אין מערב־קאַנאַדע האָבן ניט געהאַט קיין ווירקונג אויף די פּראָווינציעלע לייבאָר פּאַרטייען אין מזרח־קאַנאַדע. באַזונדערס אַקטיוו איז געווען די לייבאָר פּאַרטיי אין אָנטעריאָ. דער עצם פאַקט, וואָס די אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן לייבאָר פּאַרטייען — לויט אַ באַשלוס פון דעם טריידס און לייבאָר קאָנגרעס — האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף די אָרגאַניזירטע פאַרמערס.

די פאַרמערס האָבן אָנגעהויבן אויפצושטעלן פּראָווינציעלע אָרגאַניזאַציעס נאָך אין 1903. די ערשטע זיינען געווען די פאַרמערס פון מאַניטאָבאַ, וואָס האָבן אָרגאַניזירט אַ קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפט צו פאַרקויפן זייער תבואה. אַביסל שפּעטער האָבן זיך אָרגאַניזירט די פאַרמערס אין אַלבערטאַ און סאַסקאַטשעוואַן. אין 1914 איז שוין געשאַפן געוואָרן די „יונייטעד פאַרמערס אָף אָנטעריאָ" א. א. וו. די פּראָווינציעלע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך פאַראייניקט אין אַן אַל־קאַנאַדער אָרגאַניזאַציע, נאָך אין 1910, אונטער דעם נאָמען „קענעדיען קאונסיל אָף אַגריקולטשור" — דער קאַנאַדער אַגריקולטור ראַט. אָריגינעל זיינען די פאַרמער־אָרגאַניזאַציעס געשאַפן געוואָרן צוליב זייערע עקאָנאָמישע אינטערעסן, אָבער ס'האָט לאַנג ניט געדויערט און די פאַרמערס זיינען געוואָרן פאַראינטערעסירט אויך אין פּאָליטישע פראַגן און

האָבן אָנגעהויבן אַרויסצושטעלן פּאָליטישע פאָדערונגען ווי פאַרקלענערטע טאַריפן, פרייער אַריינפיר פון פאַרם־מאַשינען, אַ הכנסה־שטייער, נאַציאָנאַ־ליזאַציע פון די אייזנבאַנען, גלייכבאַרעכטיקונג פאַר די פרויען, רעפערענ־דום, „ריקאָל" א. א. וו.

ביי דעם צוזאַמענפאָר פון דעם קאָונסיל אָף אַגריקולטשור אין נאָוועמבער 1918, זיינען די דאָזיקע פאָדערונגען אָנגענומען געוואָרן אַלס אַ פּאָליטישע פּלאַטפאָרמע פון דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע. דאָס האָט געפירט צו דער פאַרשטאַרקונג פון דער פּאָליטישער אַקטיוויטעט פון די פּראָווינציעלע אָרגאַניזאַציעס.

אין די פּראָווינציעלע וואַלן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין אָנטעריאָ אין 1919, האָבן „די יונייטעד פאַרמערס אָף אָנטעריאָ" דערוויילט אַ באַדייטנדע צאָל פאַרטרעטער. די פּראָווינציעלע לייבאָר פּאַרטיי האָט אויך געהאַט באַ־דייטנדיקע נצחונות. די פאַרמער פאַרשטייער האָבן זיך פאַראייניקט מיט די אַרבעטער דעפּוטאַטן און האָבן צום ערשטן מאָל איבערגענומען די רע־גירונג פון דער פּראָווינץ אָנטעריאָ. אין 1920 האָט די לייבאָר פּאַרטיי פון אָנטעריאָ אַרויסגעשטעלט אירן אַ קאַנדידאַט, אַנגוס מאַקדאָנאַלד, פאַר דעם פעדעראַלן פּאַרלאַמענט. די פאַרמערס אָרגאַניזאַציע האָט אים געשטיצט און ער איז דערוויילט געוואָרן. אין דעם זעלבן יאָר האָבן די פאַרמערס פון אַלבערטאַ געוואונען די וואַלן פאַר זייער פּראָווינציעלן פּאַרלאַמענט. אין וויניפּעג איז אין 1920 געשאַפן געוואָרן די „אינדעפּענדענט לייבאָר פּאַרטי", וועלכע איז באַזירט געוואָרן אויף פּערזענלעכער מיטגלידערשאַפט. נאָך דעם וויניפּעגער גענעראַל סטרייק האָט די „אינדעפּענדענט לייבאָר פּאַרטי" אַרויסגעשטעלט אירע קאַנדידאַטן פאַר דעם פּראָווינציעלן פּאַרלאַמענט און איניקע זיינען דערוויילט געוואָרן.

ענדלעך איז אין 1921, אין וויניפּעג, פאָרמעל באַשאַפן געוואָרן די פאַר־איניקטע אַרבעטער פּאַרטיי פון קאַנאַדע, „די דאָמיניאָן לייבאָר פּאַרטי". אין דעם זעלבן יאָר איז אויך געגרינדעט געוואָרן די פאַראייניקטע פאַרמער פּאַרטיי, די פּראָגרעסיווע פּאַרטיי. די ווייטערע פּאָליטישע אַנטוויקלונגען און די באַציאונגען צווישן די לייבאָר און פאַרמער פּאַרטייען, האָבן געפירט צו דער באַשאַפונג, אין 1932, פון דער „קאָאָפּעראַטיוו קאַמענוועלט פעדע־ריישאָן" (סי. סי. עף.) פּאַרטיי. פונקט ווי די „וואָן ביג יוניאָן" איז געווען אַן אייגנאַרטיקער פּראָדוקט פון דער קאַנאַדער אַרבעטערשאַפט אויף דעם פּראָפעסיאָנעלן געביט פון אָרגאַניזאַציע, פונקט אַזוי איז די סי. סי. עף. פּאַרטיי אַן עכט־קאַנאַדישע אַנטוויקלונג פון דער סאָציאַליסטישער און דער אַרבעטער־פאַרמער פאַראייניקונג פאַר געמיינזאַמע פּאָליטישע אינטערעסן.

2.

דער אידישער ישוב אין קאַנאַדע

וואוקס און אַנטוויקלונג פון קאַנאַדער אידנטום

דער אידישער ישוב אין קאַנאַדע איז שוין אַלט אַרום צוויי הונדערט יאָר. נאָך אין 1832 האָבן די אידן אין נידער־קאַנאַדע (די פּראָווינץ קוויבעק) באַקומען זייער גלייכבאַרעכטיקונג. ווען ס'איז געשאַפן געוואָרן די קאָנפעדעראַציע אין 1867, איז פאַרשטייט זיך די גלייכבאַרעכטיקונג פון אַלע בירגער געוואָרן אַ יסוד פון דער קאַנאַדער קאָנסטיטוציע. די ערשטע אידישע איינוואוינער פון קאַנאַדע זיינען געווען הויפּטזעכלעך ספרדישע אידן, וועלכע האָבן איינגעוואַנדערט פון ענגלאַנד. אין 1871, ווען עס איז געמאַכט געוואָרן די ערשטע פאָלקסציילונג נאָך דער קאָנפעדעראַציע, זיינען אין גאַנץ קאַנאַדע געווען 1333 אידן [16], אָדער דריי־צענטל פון איינס פּראָ־צענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון לאַנד. דאָס איז געווען אַ גוט־איינ־געוואָרצלטער אַלטער אידישער ישוב, וועלכער האָט שוין אָנגעהויבן צו פאַר־שווינדן צוליב געמישטע חתונות און פולשטענדיקער אַסימילאַציע.

ביי דעם אָנפאַנג פון די זיבעציקער יאָרן פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָר־הונדערט האָבן זיך שוין אָנגעהויבן באַוויזן די ערשטע שוואַלבן פון מזרח־אייראָפּעאישע אידן, הויפּטזעכלעך ליטווישע אידן. אין 1881 זיינען שוין געווען אין קאַנאַדע 2445 אידן. אין די אַכציקער יאָרן האָט זיך דער שטראָם פון איינוואַנדערונג פאַרגרעסערט און אין 1891 האָט די צאָל אידן אין קאַ־נאַדע דערגרייכט 6501 [17].

ווי ס'איז שוין פריער דערמאָנט געוואָרן האָט קאַנאַדע נאָך דער קאָנ־פעדעראַציע, זיך באַמיט צוציען אימיגראַנטן. ס'קאָן זיין, אַז דאָס וואָס די ערשטע גרופּע פון מזרח־אייראָפּעאישע אידישע אימיגראַנטן איז געקומען פון ליטע איז צו פאַרדאַנקען דער טעטיקייט פון קאַנאַדער אימיגראַציע־אַגענטן אין דעם שכנותדיקן מזרח־פּרייסן. פאַרבייגייענדיק וועט דאָ זיין אינטערעסאַנט צו דערמאָנען, אַז ווען באַראָן דע הירש האָט אָנגעפאַנגען זיין פּלאַן פון קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע האָבן קאַנאַדער רעגירונגס־פאַרשטייער זיך זייער שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דעם ענין. ווען זיי האָבן זיך דער־וואוסט, אַז די אונטערהאַנדלונגען צווישן באַראָן דע הירש מיט דער אַרגענ־טינער רעפּובליק האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף גאַנץ ערנסטע שוועריקייטן, האָבן זיי געטאָן אַלץ וואָס זיי האָבן געקאָנט צו פאַראינטערעסירן דעם באַראָן מיט אַ פּלאַן פון קאָלאָניזאַציע אין דער פּראָווינץ מאַניטאָבאַ. זיי האָבן זייער שטאַרק געוואָלט, אַז אנשטאָט אַרגענטינע, אויב דעם באַראָנס פּלענער וועלן דאָרטן אויפגעגעבן ווערן, זאָל קאַנאדע ווערן א צענטער פון אידישער לאַנד־ווירטשאַפטלעכער איינוואַנדערונג. ווער ווייס וואָס פאַר אַ ווירקונג דאָס וואָלט

געווען געהאַט אויף דער געשיכטע פון דעם אידישן לעבן אין צפון אַמעריקע ווען דאָס וואָלט זיך זיי געווען איינגעגעבן [18].

קאַנאַדע האָט ביז דער ערשטע וועלט מלחמה באמת געהאַלטן די טויערן אָפן פאַר אידישע איינוואַנדערער. נאָכן קישינעווער פּאָגראָם איז דער פּרע־מיער לאָריער געקומען צו אַ אידישער פאַרזאַמלונג אין אָטאַוואַ. אין זיין רעדע האָט ער געזאָגט: „מיט וואָס קאָן איך אייך טרייסטן? איך קאָן אייך נאָר זאָגן, אַז אויב אייערע ברידער ווערן אזוי שטאַרק פאַרפאָלגט אין רוס־לאַנד, טאָ זאָלן זיי קומען אַהער. די טויערן פון אונזער לאַנד זיינען ברייט אָפן פאַר זיי" [19].

די מזרח אייראָפּעאישע אידן, הויפּטזעכלעך די ליטווישע אידן, וואָס זיינען געקומען דירעקט פון ליטע קיין קאַנאַדע, האָבן אין יענער צייט אַריינגעבראַכט פרישקייט אין דעם אידישן לעבן פון קאַנאַדע. זיי האָבן זיך קאָנצענטרירט אין און אַרום מאָנטרעאָל. זייער וויניק פון זיי זיינען אין די ערשטע יאָרן פון זייער איינוואַנדערונג געפאָרן קיין טאָראָנטאָ אָדער מערב קאַנאַדע. די ניי אָנגעקומענע האָבן זיך שנעל אַרויפגעאַרבעט און שנעל צוגעפּאַסט זיך צו די עלטערע אידישע תושבים. וואָס איז נאָך וויכטיקער, אין די ניינציקער יאָרן פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, האָט שוין אָנגעהויבן אויסוואַקסן אַ צווייטער דור פון די מזרח אייראָפּעאישע אימיגראַנטן — אַ צווייטער דור פון קאַנאַ־דער געבוירענע אָדער קאַנאַדער דערצויגענע. זייער צאָל האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרגרעסערן, זיי האָבן זיך שנעל איינגעלעבט מיט דער אידישער „אַריסטאָקראַטיע" — דעם ביסל ספרדישע אָדער ענגלישע אידן, וואָס זיינען נאָך פאַרבליבן און האָבן צוזאַמען מיט זיי אויסגעפורעמט דעם גייסטיקן פּרצוף פון די אידישע „פּני" אין דעם נייעם לאַנד.

די איינוואַנדערונג פון מזרח אייראָפּעאישע אידן האָט זיך פאַרשטאַרקט אין דעם לעצטן צענדליק פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. ניט נאָר איז מען געקומען קיין קאַנאַדע דירעקט פון אייראָפּע, נאָר ס'האָבן אויך אָנגעהויבן קומען גרויסע צאָלן מזרח אייראָפּעאישע אידן, וואָס האָבן פריער איינגעוואַנדערט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. די ניי איינגעוואַנדערטע האָבן אין פיל פאַלן געפונען אַרבעט ביי די עלטערע תושבים. אָבער די מחיצה צווישן רייך און אָרים, צווישן דעם אַלטאיינגעזעסענעם און דעם ניי אָנגע־קומענעם האָט זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערוואַקסן.

די ניי אָנגעקומענע אידן האָבן טאַקע דאָ ניט געטראָפן קיין „דייטשישע יאַהודים" ווי ס'איז געווען דער פאַל אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אָבער די אידישע פּלוטאָקראַטיע אין קאַנאַדע — הויפּטזעכלעך אין מאָנטרעאָל, זיינען געווען ניט וויניקער פיינטלעך צו די נייע אידעען, פירונגען און שטרעבונגען פון זייערע אימיגראַנטן־ברידער, ווי די דייטשע יאַהודים. נאָך מער, די אַלטאיינגעזעסענע פירער, אָדער ווי מ'האָט זיי גערופן די „אַפּטאַונער יאַהודים" האָבן געוואָלט אָנהאַלטן זייער העגעמאָניע איבער דעם אידישן לעבן און האָבן מיט אַלע מיטלען באַקעמפט יעדן פאַרזוך פון זעלבסט־אויסדרוק, וואָס האָט זיך באַוויזן צווישן די אימיגראַנטן־מאַסן.

דער פאַלגנדער פאַל וועט אילוסטרירן דעם „אידישן" געמיט־צושטאַנד פון די אַסימילירטע קאַנאַדער יאַהודים. אין יאָר 1900 זיינען פאָרגעקומען פעדעראַלע וואַלן. האָט מען אין מאָנטרעאָל געמאַכט אַ פאַרזאַמלונג פון אידישע וויילער און מ'האָט געהאַלטן רעדעס אין אידיש. די אידישע „פּני", וואָס זיינען געשטאַנען בראש פון דעם באַראָן דע הירש אינסטיטוט (די עלטסטע אידישע פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפט אין קאַנאַדע) זיינען געווען שטאַרק אויפגעבראַכט. זיי זיינען אַרויס מיט אַ פּראָטעסט אין דעם דעמאָלסט־דיקן איינציקן אידיש־ענגלישן וואָכנבלאַט „די דזשואיש טיימס", ווי אויך אין דער אַלגעמיינער ענגלישער פּרעסע. זיי האָבן באַטראַכט פאַר אַ „חילול השם" אָפּצוהאַלטן אַ באַזונדערע פּאָליטישע פאַרזאַמלונג פאַר אידן און צו דעם נאָך האַלטן רעדעס אין אידיש. צווישן די פּראָטעסטירער איז אויך געווען דער פּרעזידענט פון דער קאַנאַדער ציוניסטישער פעדעראַציע [20]. אָדער אַן אַנדערש מאָל, ווען אַ גרויסע צאָל אידישע אַרבעטער האָבן זיך באַטייליקט אין דער ערשטער מאָנטרעאַלער ערשטן־מאַי דעמאָנסטראַציע, אין 1906, איז „די דזשואיש טיימס" אַרויסגעקומען מיט אַ וואָרנונג, אַז די פראַנצויזישע פּרעסע וועט דאָס אויסטייטשן, אַז אידן זיינען אומגעוואונטשענע אימיגראַנטן [21].

אזוי ווי די צאָל פון די אַלטע תושבים, אין דער צייט ווען די פאַר־העלטניסמעסיק גרויסע כוואַליע פון איינוואַנדערונג האָט זיך אָנגעפאַנגען, איז געווען זייער קליין, האָבן די „אַפּטאַונער יאַהודים" דערפילט די געפאַר פון בטול בששים ווערן. זיי האָבן צייטנווייז געמאַכט דעם איינדרוק, אַז זיי קעמפן פאַר זעלבסטדערהאַלטונג, פאַר ניט איינגעשלונגען צו ווערן פון די ניי אָנגעקומענע.

די אַלגעמיינע צאָל פון אידן וואָס האָבן געוואוינט אין קאַנאַדע אין 1901, איז געווען 16,717 [22], פון זיי האָבן 6,491 געוואוינט אין מאָנטרעאָל; 3,090 אין טאָראָנטאָ; 1156 אין וויניפּעג; 484 אין האַמילטאָן; 398 אין אָטאַוואַ; 292 אין סט. דזשאָן; 206 אין לאָנדאָן, אָנט; 205 אין וואַנקאָוווער; 141 אין ווינדזאָר; 102 אין האַליפאַקס און 1 איד אין קאַלגאַרי. עס זיינען אפילו ניט געווען קיין איין איד אין עדמאָנטאָן, סאַסקאַטון אָדער רעדזשיינאַ. אין 1911, איז שוין דער אידישער ישוב אין קאַנאַדע אויסגעוואַקסן צו 75,838. פון זיי האָבן 28,807 געוואוינט אין מאָנטרעאָל; 18,300 אין טאָראָנטאָ; 9023 אין וויניפּעג; 1781 אין אָטאַוואַ; 1763 אין האַמילטאָן; 982 אין וואַנקאָוווער; 642 אין סט. דזשאָן; 604 אין קאַלגאַרי; 571 אין לאָנדאָן, אָנט.; 309 אין ווינדזאָר; 254 אין האַליפאַקס. קלענערע געמיינדעס זיינען שוין אויסגע־וואַקסן אין עדמאָנטאָן מיט 171 אידן; רעדזשיינאַ 130 אידן, סאַסקאַטון 77 [23].

אין 1921 איז דער אידישער ישוב אין קאַנאַדע אויסגעוואַקסן צו 126,201. פון זיי האָבן 45,802 געוואוינט אין מאָנטרעאָל; 34,770 אין טאָראָנטאָ; 14,837 אין וויניפּעג. דער אידישער ישוב אין אָטאַוואַ איז אויסגעוואַקסן צו 3041; האַמילטאָן האָט געציילט 2592 אידן; וואַנקאָוווער 1399, קאַלגאַרי 1247,

ווינדזאָר 1118, רעדזשיינא 860, סט.דזשאָן 848, עדמאָנטאָן 821, לאָנדאָן אָנט. 703, סאַסקאַטון 59 און האַליפאַקס 585[24]).

דער קאַנאַדער אידישער ישוב, סיי ביי דעם אָנפאַנג פון דעם איצטיקן יאָרהונדערט, סיי ביי דעם אָנפאַנג פון 1921, וואָלט געווען פיל גרעסער, ווען עס וואָלט ניט געווען, פאַר 1914, קיין פרייע וואַנדערונגס־מעגלעכקייטן פון די פאַראייניקטע שטאַטן קיין קאַנאַדע און פאַרקערט. עס איז אמת, אַז באַדייטנדיקע צאָלן אידן האָבן זיך איבערגעצויגן פון די פאַראייניקטע שטאַטן קיין קאַנאַדע צווישן די יאָרן 1901 און 1921. צו דער זעלבער צייט האָבן, — צווישן די יאָרן 1901 און 1911, — 12,121 קאַנאַדער אידן איבערגעוואַנדערט פון קאַנאַדע אין די פאַראייניקטע שטאַטן און צווישן די יאָרן 1911 און 1921 האָבן 31,931 אידן פאַרלאָזט קאַנאַדע כדי זיך צו באַזעצן אין די פאַראייניקטע שטאַטן[25]). די אויסוואַנדערונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז פאַרגעקומען הויפּטזעכלעך אין די קריזיס־יאָרן און האָט ניט נאָר אָפּגעשוואַכט, נאָר אָפטמאָל חרוב געמאַכט קלענערע קאַנאַדער אידישע ישובים.

ווי שוין אויבן געזאָגט, האָבן די גרויסע מאַסן איינגעוואַנדערטע אידן געבראַכט צו אַ פונדאַמענטאַלער ענדערונג אין דעם פּנים, דעם אויסערלעכן אויסזען, און דעם אינערלעכן געבוי פון דעם קאַנאַדער אידישן ישוב. פאַקטיש איז דאָס געווען אַ נייער אידישער ישוב, וועלכער איז אויפגעקומען אין קאַנאַדע ביים אָנפאַנג פון דעם 20טן יאָרהונדערט, מיט זייער קליינע איינפלוסן פון די פירונגען פון די אַלט־איינגעזעסענע תושבים. ס'איז געווען אַ ישוב פון „עמך", אַ ישוב, טיף איינגעוואָרצלט אין די טראַדיציעס פון דעם אידישן לעבן אין מזרח אייראָפּע. פון איין זייט, טיף באַאיינפלוסט פון דעם אַלט־אידישן רעליגיעזן שטייגער און פון דער אַנדערער זייט פאַרכאַפּט פון די נייע רעוואָלוציאָנערע, נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע פרייהייטס־אידעען, וואָס האָבן זיך באַוויזן אויף דער אידישער גאַס אין אייראָפּע..

אַן אַנדערע וויכטיקע כאַראַקטעריסטיק, וואָס האָט געשפּילט אַ ראָלע אין דעם אויספורעמען זיך פון דעם אויסזען פון אידישע ישובים אין קאַנאַדע איז דאָס, וואָס די הויפּט איינוואַנדערונג פון פוילישע אידן, צום ביישפּיל, איז געגאַנגען קיין טאָראָנטאָ, די הויפּט איינוואַנדערונג פון ליטווישע און רומענישע אידן איז געגאַנגען קיין מאָנטרעאָל. אַ גרויסע צאָל אוקראַינער אידן און ווייס־רוסישע אידן האָבן אויך איינגעוואַנדערט קיין מאָנטרעאָל. אין דער זעלבער צייט איז דער רוקנביין פון דעם אידישן ישוב אין וויניפּעג, עדמאָנטאָן און קאַלגאַרי אויסגעבילדעט געוואָרן פון אידישע איינוואַנדערער פון אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד. די אַנדערע אידישע ישובים אין מערב קאַנאַדע האָבן גרויסע צאָלן אויך פון רומענישע און זייער קליינע צאָלן פון גאַליציאַנער אידן. נאָך אַ וויכטיקע כאַראַקטעריסטיק פון דעם קאַנאַדער אידישן ישוב, סיי ביים אָנפאַנג פון דעם 20טן יאָרהונדערט, סיי ביים אָנפאַנג פון די 20קער יאָרן פון דעם יאָרהונדערט איז דאָס, וואָס די אַנטשיידנדיקע מאַיאָריטעט פון די איינוואַנדערער זיינען

געקומען פון קליינע שטעטלעך, מיט די אַלע פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע זייטן פון דעם קליינשטעטלדיקן לעבן, וועלכע זיינען פאַרבליבן מיט זיי אויף אַ לאַנגער צייט. מ׳דאַרף געדענקען, אַז אין יענע צייטן, זיינען אפילו די גרעס־טע קאַנאַדער שטעט געווען פּראָווינציעלע ישובים. אזוי אַרום איז דער קאַנאַדער אידישער ישוב געווען אַ פרוכטבאַר פעלד פאַר אַ ברויזנדיקער אַקטיוויטעט פון דעם אידישן פאָלקס־מענטש, פון דעם סאָציאַליסט, פון דעם ציוניסט. מיט התלהבות האָבן די אידישע מאַסן אויפגענומען דעם רוף פאַר קאַמף, פאַר בויאונג, פאַר אַן ענדערונג פון דעם אידישן און אַלגעמיינעם לעבן סיי אין קאַנאַדע, סיי אין דער גאַנצער וועלט.

די אַלגעמיינע ציוניסטן אין קאַנאַדע

די אַלגעמיין ציוניסטישע באַוועגונג אין קאַנאַדע האָט זיך אָנגעהויבן פיל פריער פון אַנדערע אידישע פּאָליטישע אָדער געזעלשאַפטלעכע באַ־וועגונגען און די קאַנאַדער ציוניסטישע פעדעראַציע איז די ערשטע נאַציאָ־נאַלע אידישע אָרגאַניזאַציע אין לאַנד.

נאָך אין 1887 האָט פּראָפעסאָר אַלעקסאַנדער האַרקאַווי, וועלכער האָט דאַן געוואוינט אין מאָנטרעאַל, געמאַכט אַ פאַרזוך צו גרינדן אַ חובבי־ציון פאַראיין. דער פאַראיין האָט געציילט 30 מיטגלידער, אָבער ער האָט עקזיס־טירט נאָר אַ קורצע צייט. אין דעם יאָר פון זיין גרינדונג איז דער פאַראיין „צוגעטראָטן צו גרינדן אַ ביבליאָטעק, וואָס איז באַשטאַנען פון בלויז העב־רעאישע ביכער — די ערשטע אידישע ביבליאָטעק אין לאַנד״ [26]). אין 1892 האָבן די אַמעריקאַנער חובבי־ציון געגרינדעט אַ צווייג אין מאָנטרעאַל, וואָס האָט געציילט 50 מיטגלידער. דער פאַראיין האָט זיך גערופן „שובי־ציון נומער צוויי״ [27]). די הויפּט־אָנפירער זיינען געווען ליטווישע אימיגראַנטן, וואָס זיינען געקומען קיין קאַנאַדע אין די זיבעציקער יאָרן פון דעם פאַר־גאַנגענעם יאָרהונדערט.

דער דאָזיקער חובבי ציון פאַראיין האָט גענומען זיין אַרבעט ערנסט. זיי האָבן אין 1893 געשיקט צוזאַמען מיט דעם ניו־יאָרקער פאַראיין זייערן אַ דעלעגאַט קיין ארץ ישראל. די דעלעגאַציע, וועלכע איז באַשטאַנען פון דר. מאָזעס מינץ פון ניו יאָרק און לאַזאַרוס כהן פון מאָנטרעאַל האָט גע־מאַכט אַ פאַרזוך צו קויפן באַדן נעבן מתולה. זיי האָבן געהאַט געשיקט געלט דורך פּאַריזער חובבי ציון צו באַצאָלן פאַר דעם באָדן. אין 1895 האָבן זיי געשיקט פון קאַנאַדע צוויי פאַמיליעס קיין ארץ ישראל צו באַזעצן זיך אויף דעם לאַנד. אָבער די טערקישע רעגירונג האָט געמאַכט גרויסע שוועריקייטן און די צוויי פאַמיליעס זיינען צוריקגעקומען. דאָס האָט געבראַכט צו דעם פונאַנדערפאַל פון דער אָרגאַניזאַציע. דאָס געלט איז צוריק אָפּגעשיקט גע־וואָרן און דערמיט האָט זיך געענדיקט די פאָרגעשיכטע פון ציוניזם אין קאַנאַדע [28]).

אין 1898 האָבן חיים בערנשטיין (איינער פון די סאַמע ערשטע חובבי ציון), הרב מרדכי אהרן אשינסקי, א. גארמייז, י. מאַקאָווסקי און מ. גאדינסקי גענומען די איניציאַטיווע צו גרינדן דעם ערשטן ציוניסטישן פאַראיין אין מאָנטרעאָל, די „אגודת ציון". מ'האָט צוזאַמענגערופן פאָרשטייער פון די פינף שולן, וואָס זיינען שוין דאַן געווען אין מאָנטרעאָל און מ'האָט זיך אָרגאַניזירט. כאָטש כמעט אַלע אָנוועזנדע זיינען געווען מזרח־אייראָפּעאישע אידן האָט מען פאַר פּרעזידענט דערוויילט דר. דוד א. האַרט און פאַר סעקרעטאַר קלאַרענס דע סאָלא, — ביידע פאָרשטייער פון מיוחסדיקע אַלט־קאַנאַדער ספרדישע משפחות (פּאַקטיש כמעט „די לעצטע מאָהיקאַנער" פון דעם ספרדישן ישוב אין קאַנאַדע). אזוי אַרום איז פון סאַמע אָנפאַנג די פירערשאַפט פון דעם קאַנאַדער ציוניזם ניט געווען אין די הענט פון פאָלקס־מענטשן, נאָר די „פּני", די אפּטאַונער יאַהודים זיינען געוואָרן די טאָן־געבער. דער ענטוזיאַזם פון די ערשטע גרינדער האָט, ווייזט אויס, אָנגעהאַלטן אין לויף פון דעם ערשטן יאָר און זיי האָבן פאַרקויפט טויזנט אַקציעס פון דער אידישער קאָלאָניאַל באַנק [29].

אין 1899 האָט די מאָנטרעאָלער „אגודת ציון" שוין געהאַט 340 מיטגלידער. ביסלעכווייז האָבן זיך אָנגעהויבן אָנטוויקלען ציוניסטישע פאַראייינען אויך אין אַנדערע שטעט. די לאַנגע שטרעקעס און די צעשפּרייטקייט פון דעם אידישן ישוב, האָט געשטערט דעם וואוקס פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. אָבער אין 1900, ווען ס'איז פאָרגעקומען די ערשטע קאָנווענשאָן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אין מאָנטרעאָל, האָט די ציוניסטישע באַוועגונג אין קאַנאַדע געהאַט פאָלגנדע מיטגלידערשאַפט: אין מאָנטרעאָל 450, אין וויניפּעג 100, טאָראָנטאָ 80, קוויבעק 37, לאָנדאָן 25, אָטאַוואַ 50, קינגסטאָן 26, האַמילטאָן 10 און סט. דזשאָן 10 [30]). געדענקנדיק, אַז אין גאַנץ קאַנאַדע זיינען אין יענער צייט געווען בלויז אַרום 16,000 אידן, קאָן מען נאָר באַוואונדערן די גרויסע צאָל אידן, וואָס זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם ציוניסטישן אידעאַל.

ביי דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון די ציוניסטישע פאַראיינען איז קלאַרענס דע סאלא דערוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט. ער איז געווען פאָרזיצער פון דער ציון פעדעראַציע כמעט צוואַנציק יאָר און האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף די פירונגען פון קאַנאַדער ציוניזם. ס'איז אינטערעסאַנט, אַז פון סאַמע אָנפאַנג האָבן די קאַנאַדער ציוניסטישע פאַראיינען געפירט זייערע זיצונגען אין ענגליש, אַ זאַך וואָס האָט געמאַכט אוממעגלעך פאַר די ניי אָנגעקומענע אידן צו באַטייליקן זיך אין זייערע פאַרזאַמלונגען. די ציוניסטן האָבן אָבער געהאַט געדונגען אין מאָנטרעאָל א זאל אין דעם צענטער פון דעם אידישן קוואַרטאַל, וואו ניי אָנגעקומענע האָבן געקאָנט אַריינקומען לייענען אַ צייטונג אָדער זיך דורכשמועסן. דאָס זעלבע האָט מען אויך געטאָן אין טאָראָנטאָ. ס'איז אמת, אַז ביי פּראָפּאַגאַנדע מיטינגען זיינען געווען אויך איינע אָדער צוויי רעדעס אין אידיש, אָבער אַזעלכע מיטינגען זיינען פאָרגעקומען זייער זעלטן.

צווישן די אימיגראַנטן, וואָס האָבן אָנגעהויבן קומען נאָך דעם אויס־ברוך פון דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה זיינען שוין אָבער געווען אַ סך ציוניסטן, און זיי האָבן ניט געוואָלט אָפּגעריסן ווערן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג ביז זיי וועלן זיך אויסלערנען ענגליש. האָט זיך טאַקע אָנפאַנג יאַנואַר 1903 געגרינדעט אין מאָנטרעאָל אַ פאַראיין „דורשי ציון״. דעם צווייטן אָקטאָבער 1904 האָט זיך געגרינדעט אין מאָנטרעאָל אַ צווייטער פאַראיין דורשי ציון. צו די פאַרזאַמלונגען פון די אידיש־רײדנדיקע פאַר־איינען פלעגן אויך קומען אייניקע בחורים און מיידלעך, וועלכע זיינען גע־ווען פועלי ציוניסטיש געשטימט. אזוי איז געווען אין מאָנטרעאָל, אזוי איז דאָס אויך געווען אין דעם „בני ציון״ פאַראיין אין טאָראָנטאָ און אין וויני־פּעג. אָבער די ציוניסטן פון די אידיש ריידנדיקע פאַראיינען זיינען אויך שנעל אַריבערגעגאַנגען צו ענגליש. מ׳האָט זיך געוואָלט וואָס פריער אויס־גרינען און וואָס פריער אויסלערנען ריידן ענגליש, אזוי, אַז אַנדערע ציוניסטן זאָלן אויף זיי ניט קוקן פון אויבן אַראָפּ.

ווי אַלע ציוניסטישע פעדעראַציעס האָט די קאַנאַדער ציוניסטישע פע־דעראַציע דורכגעמאַכט אַ קריזיס אין דער צייט ווען ס׳איז אויפגעקומען דער אוגאַנדע פאָרשלאָג. אין אַ ניו־יאָרקער צייטונג איז באַריכטעט געוואָרן, אַז ס׳איז פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע ציוניסטישע פאַראיינען וואָס שטעלן צוזאַמען די קאַנאַדער ציוניסטישע פעדעראַציע. די פאַרזאַמלונג, ווערט איבערגעגעבן, האָט נאָך דער רעדע פון קלאַרענס י. דע סאלא, פּרעז־זידענט פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע, זיך סאָלידאַריזירט מיטן או־גאַנדע באַשלוס און האָט באַשלאָסן „אָנצונעמען מיט צופרידנהייט דעם פאָרשלאָג פון ענגלאַנד, אויסדריקן צוטרוי צו די פירער פון דער באַוועגונג און אַז דער „זכר פון ציון זאָל קיינמאָל ניט אויסגעמעקט ווערן פון אונזערע הערצער״... דער באַריכט מאַכט דעם איינדרוק, אַז די קאַנאַדער ציוניסטן זיינען געוואָרן טעריטאָריאַליסטן. דאָס איז ניט אין גאַנצן ריכטיק.

אין די אַרכיוון פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע האָבן מיר געפונען גענויע אינפאָרמאַציע וועגן דער פאַרזאַמלונג, וואָס איז פאָרגעקומען זונטיק, דעם 8טן נאָוועמבער 1903 אין מאָנטרעאָל, אין דעם זאַל פון באַראָן דע הירש אינסטיטוט. די פאָלגנדע רעזאָלוציעס זיינען, לויט אַ פריערדיקן באַ־שלוס פאָרגעשלאָגן געוואָרן פון רבי מענדאָלאַ דע סאלא און אונטערשטיצט געוואָרן פון רבי ה. אַבראַמאָוויטש: 1) „די פאַרזאַמלונג פון די קאַנאַדער ציוניסטן באַשליסט אויסצודריקן, אַלס בריטישע אונטערטאַנען און אַלס אידן, זייער טיפע אָפּשאַצונג און דאַנק צו דער רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט, פאַר דעם בריטהאַרציקן פאָרשלאָג אויפצושטעלן אַ אידישע קאָלאָניע אין מזרח־אַפריקע און אַז אַ קאָפּיע פון דער רעזאָלוציע זאָל איבערגעשיקט ווערן צו דער אימפּעריאַלער רעגירונג דורך אָפיציעלע קאַנאַלן. 2) די פאַר־זאַמלונג פון די קאַנאַדער ציוניסטן דריקט אויס איר גוטהייסונג פון דער רעזאָלוציע פון דעם זעקסטן ציוניסטישן קאָנגרעס צו באַשטימען אַ קאָמיסיע צו אונטערזוכן און באַריכטן אויב בריטיש מזרח־אַפריקע איז פּאַסיק צו

באַשאַפן דאָרט אַ אידישע קאָלאָניע, און אויב דער באַריכט וועט זיין צו־פרידנשטעלנדיק, וואָלט די פאַרזאַמלונג אָנגענומען דעם בריטיש מזרח־אַפריקע פלאַן הויפטזעכלעך אַלס מיטל צו העלפן יענע אידן, וועמענס פּאָלי־טישע און עקאָנאָמישע לאַגע פאָדערט אַ באַלדיקע האַנדלונג. 3) די פאַר־זאַמלונג פון קאַנאַדער ציוניסטן דערקלערט זייער פעסטע און אומבויגזאַמע צוגעבונדנקייט צו דעם באַזעלער פּראָגראַם און ספּעציעל צו איר ערשטן פּאַראַגראַף „צו באַשאַפן אַן עפנטלעך־רעכטלעך געזיכערטע היים פאַר אידן אין פּאַלעסטינע" און, „אַז אונזער גוטהייסונג פון דעם מזרח־אַפריקע פּלאַן פאַר דרינגנדיקע, באַלדיקע נויטן זאָל אין קיין פאַל ניט אויסגעטייטשט ווערן ווי אַן אָפּזאָגן זיך פון אונזערע לעגיטימע רעכט און אַספּיראַציעס ווידעראויפצושטעלן אונזער ראַסע אין דעם הייליקן לאַנד. 4) די פאַרזאַמלונג באַשטעטיקט איר צוטרוי און איבערגעגעבנקייט צו דר. הערצל און זיינע קאָלעגן און זייער פולן גלויבן אין זייער פעאיקייט פולשטענדיק צו לייזן די נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען פון דעם אידישן (היברו) פאָלק".

ווי מ׳קען זען, איז דער הויפּט־צוועק פון דער פאַרזאַמלונג געווען אַ דעמאָנסטראַציע. זיי האָבן געמיינט, אַז ס׳וועט ניט זיין פּאַטריאָטיש ניט צו באַדאַנקען ענגלאַנד פאַר דעם אוגאַנדע פאָרשלאַג... וויסנדיק ווער ס׳איז געווען קלאַרענס דע סאָלאַ און די הויפּט־פירער פון דער קאַנאַדער ציון־פעדעראַציע קען מען פאַרשטיין פאַרוואָס זיי האָבן אַזוי געהאַנדלט. קיין טעריטאָריאַליסטן זיינען זיי אָבער קיינמאָל ניט געוואָרן און זאַנגוויל האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין איינפלוס צווישן די אַלגעמיינע ציוניסטן אין קאַ־נאַדע. די איינציקע טעריטאָריאַליסטן אין קאַנאַדע זיינען געקומען פון די רייען פון די סאָציאַליסטן־נאַציאָנאַליסטן.

ס׳איז שוין דאָ דערמאָנט געוואָרן, אַז די פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט פון דער ציון פעדעראַציע צווישן די אָנקומנדע אימיגראַנטן איז געווען זייער קליין. פּאַקטיש זיינען די ציוניסטישע פאַראיינען אין קאַנאַדע פון יענער צייט גע־ווען מער אַ פּלאַץ פאַר סאָציאַלע פאַרוויילונגען, ווי פאַר פּאָליטישער טעטי־קייט אָדער נאַציאָנאַלער דערציאונג.

די זאַמלונגען פאַר ציוניסטישע פאָנדן זיינען אויך געווען זייער קליין. צווישן די יאָרן 1899 ביז 1900 האָבן זיי געשאַפן $263.46. פאַר די דריי יאָר 1901, 1902, 1903 האָבן זיי געזאַמלט $1.360. פאַר די יאָרן 1904 און 1905 — $881. פאַר דעם גאַנצן צייט־אָפּשניט פון די יאָרן 1899—1909 האָבן זיי געזאַמלט $14.115.52. דאָס האָט שוין אויך איינגע־שלאָסן אַלע זאַמלונגען פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד. דאָס גיט אַ באַגריף ווי ווייניק פּראַקטישע אַרבעט די קאַנאַדער ציון פעדעראַציע האָט געטאָן פאַר ארץ ישראל. אפילו אין 1913, דעם לעצטן יאָר פאַר דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן זיי געשאַפן בלויז $15,141.77 פאַר אַלע ציו־ניסטישע פאָנדן. אין 1914 איז געזאַמלט געוואָרן ווייניקער פון אַכט טויזנט דאָלאַר. אין 1915 עטוואָס מער פון 12 טויזנט, און אין 1916, — $17,800.89 [31]). די דאָזיקע סומע האָט איינגעשלאָסן דעם „עמוירדזשענסי־

פאָנד". צוליב דער דאָזיקער זאַמלונג האָבן די ציוניסטן זיך אָפּגעזאָגט דורכ־צופירן די בקשה פון דער צענטראַלע פון דעם נאַציאָנאַל פאָנד צו אָרגאַני־זירן אַ טור איבערן לאַנד פון ב. עפּשטיין, אַ שליח פון דעם נאַציאָנאַל פאָנד [32].

די סאָציאַליסטישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג איז פון דעם סאַמע אָנהויב פון איר גרינדונג געקומען אין באַרירונג מיט דער קאַנאַדער ציון פעדע־ראַציע. די גוטע באַציאונגען האָבן אָבער ניט לאַנג אָנגעהאַלטן און די פועלי ציון האָבן אָפט געדאַרפט פירן אַ קאַמף מיט זייערע קעגנער פון רעכטס פונקט ווי מיט די קעגנער פון לינקס. דאָס וועט באַהאַנדלט ווערן אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך.

די אידישע גענאָסן אין קאַנאַדע

די אידיש ראַדיקאַלע אָדער די אַלגעמיין אידישע סאָציאַליסטישע באַ־וועגונג האָט זיך אָנגעפאַנגען אין קאַנאַדע פריער ווי די סאָציאַליסטיש־נאַציאָנאַלע. די ערשטע אידיש רייִדנדיקע סאָציאַליסטן פון דעם אַסימילאַ־טאָרישן חדר האָבן אָנגעהויבן קומען קיין קאַנאַדע פון די פאַראייניקטע שטאַטן נאָך פאַר דעם סוף פון דעם לעצטן יאָרהונדערט. דאָס זיינען געווען אָדער קוואַליפיצירטע אידישע נאָדל־אַרבעטער, וואָס פלעגן זיך אַריינכאַפּן קיין קאַנאַדע אין די צווישן־סעזאָנען און אייניקע פון זיי זיינען פאַרבליבן תושבים אין מאָנטרעאָל, טאָראָנטאָ אָדער האַמילטאָן — אָדער דאָס זיינען געווען יוניאָן אָרגאַניזאַטאָרן, וואָס זיינען געשיקט געוואָרן צו אָרגאַניזירן די אידישע אַרבעטער אין די דערמאָנטע שטעט. זייער צאָל איז אָבער געווען אומבאַדייטנדיק.

ווען די אימיגראַציע האָט זיך פאַרגרעסערט אין דער צייט פון דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה, האָבן אָנגעהויבן קומען גרויסע צאָלן אידישע אַנאַרכיסטן און אַלגעמיינע סאָציאַליסטן. דאָס זיינען געווען הויפּטזעכלעך מזרח־אייראָפּעאישע אידן, פון וועלכע פילע האָבן געמאַכט אַן אָפּשטעל אין ענגלאַנד און זיינען דאָרטן אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אַנאַרכיסטישער אָדער אַלגעמיין סאָציאַליסטישער באַוועגונגען. די אַנאַרכיסטן זיינען געווען גרעסער אין צאָל און זיינען געווען די ערשטע זיך צו אָרגאַניזירן. זיי האָבן אָרגאַניזירט אַ גרופּע „פרייהייט" אין מאָנטרעאָל, אַ גרופּע „רויטער קרייץ" אין טאָראָנטאָ ווי אויך אַ גרופּע „פרייע געזעלשאַפט" אין וויניפּעג. אין די ערשטע יאָרן זיינען זיי געווען פיל שטאַרקער פון די אַלגעמיינע סאָציאַליסטן. אין יענער צייט האָבן שוין עקזיסטירט אַ פּאָר ס. ל. פּ. בראַנטשעס, וואָס האָבן געהאַט אַ היפּשע צאָל אידן. אין טאָראָנטאָ איז דער ס. ל. פּ. בראַנטש געווען אינגאַנצן אַ אידישער און ער האָט עקזיסטירט אַ לאַנגע צייט. מיט דער כוואַליע פון איינוואַנדערונג, נאָך דעם קישינעווער פּאָגראָם, האָבן אָנגעהויבן קומען אויך בונדיסטישע עלעמענטן. סאָציאַליסטישע אידיש־רייִדנדיקע פאַראיינען האָבן דאַן אָנגעהויבן זיך צו אָרגאַניזירן אונטער דער קאַנאַדער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. זייער אַנטוויקלונג איז פיל געשטערט געוואָרן

פון די קריגערייען אין די רייען פון די קאַנאַדער סאָציאַליסטן. ס'איז פּשוט געווען אַן אידעאָלאָגישע צעטומלעניש און מ'האָט אָפּט ניט געוואוסט צו וועלכער פּאַרטיי מען זאָל באַלאַנגען. קיין פאַרבינדונגען צווישן זיך האָבן זיי אויך ניט געהאַט. אידישע סאָציאַליסטן אין מאָנטרעאָל האָבן ניט גע־וואוסט וואָס ס'טוט זיך ביי די אידישע סאָציאַליסטן אין וויניפּעג אָדער אין טאָראָנטאָ. ווען די סאָציאַל דעמאָקראַטישע פּאַרטיי איז אָרגאַניזירט געוואָרן זיינען די אידישע פאַראיינען פון דער קאַנאַדער ס. פּ. אַריבער צו דער נייער פּאַרטיי. אין מאָנטרעאָל זיינען די אידישע סאָציאַליסטן פאַרבליבן מיט דער ס. פּ. פאַר אַ לאַנגער צייט.

די ערשטע אידיש־ריידנדיקע סאָציאַליסטישע פאַראיינען האָבן זיך אָרגאַניזירט אין מאָנטרעאָל און טאָראָנטאָ עטוואָס פריער ווי די פּועלי ציון פאַראיינען. אין וויניפּעג האָט דער אידיש ריידנדיקער סאָציאַליסטישער פאַראיין זיך אָרגאַניזירט ערשט אין 1906. דער ערשטער ברענטש (נומער 204) פון אַרבעטער רינג איז געגרינדעט געוואָרן אין מאָנטרעאָל אין 1906. דער ערשטער א. ר. ברענטש אין וויניפּעג (נומער 169) איז געגרינדעט געוואָרן אין 1907. דער ערשטער א. ר. ברענטש (נומער 220) איז געגרינדעט געוואָרן אין טאָראָנטאָ אין 1908. דער א. ר. ברענטש 384 איז געגרינדעט געוואָרן אין האַמילטאָן אין אָנפאַנג 1910. די צאָל א. ר. ברענטשעס האָט זיך שנעל פאַרגרעסערט.

דאָס וואָס די אידיש ריידנדיקע סאָציאַליסטישע פאַראיינען האָבן זיך אָרגאַניזירט אַביסל פריער פון די פּועלי ציון פאַראיינען און וואָס זיי האָבן געקאָנט אַריינציען גרויסע צאָלן אידישע אַרבעטער אין אַרבעטער־רינג, איידער דער אידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד איז אויפגעקומען, און דער פאַקט וואָס זיי האָבן געהאַט דעם „פאָרווערטס", האָט געגעבן אַ מעג־לעכקייט די גענאָסן צו ווערן אַ וויכטיקער כוח אויף דער אידישער אַרבעטער־גאַס, אויך אין קאַנאַדע. זיי האָבן אויך באַקומען אַן אָנגעזעענעם איינפלוס צווישן די ניט־אידישע אַרבעטער. אַ דאַנק דעם אַסימילאַטאָרישן איינשטעל פון זייער הויפּט־פירערשאַפט האָבן זיי געהאַט אַ לייכטערן צוגאַנג צו די ניט־אידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס. זיי האָבן געשטרעבט אַריינצודרינגען וואָס שנעלער אין דעם אַלגעמיינעם לעבן פון דעם לאַנד, זיי האָבן זיך פריער צוגעפּאַסט, האָבן פריער פון אַנדערע אויסגעלערנט זיך די לאַנד־שפּראַך און האָבן דורך דעם ווידער אַמאָל געהאַט אַ בעסערע פאַרבינדונג מיט די ניט־אידישע אַרבעטער. זיי האָבן טאַקע צוליב דעם אָפּטמאָל געקראָגן זייער שטיצע ווען זיי האָבן באַדאַרפט באַקעמפן אַן אַקציע אָדער אַ שטעלונג אין אַלגעמיינע אַרבעטער ענינים, ווען אַזאַ אַקציע אָדער פּאָליטישע שטעלונג איז אָנגענומען געוואָרן פון דער ציוניסטיש סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

די קאַנאַדער גענאָסן האָבן אָבער פאַרמאָגט אַ היפּשע צאָל פּאָלקסטימ־לעכע עלעמענטן, באַזונדערס צווישן דער מיטגלידערשאַפט אין דעם אַר־בעטער רינג. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז אין קאַנאַדע זאָלן איינצלנע אַרבעטער רינג מיטגלידער זיך אָנהויבן אינטערעסירן מיט אידישע שולן

פריער ווי זייערע חברים אין די פאַראייניקטע שטאַטן. נאָך אַ מאָמענט דאַרף דאָ דערמאָנט ווערן. די אידישע טרייד יוניאָנס אין קאַנאַדע האָבן זיך אָר־גאַניזירט ניט איידער די פועלי ציון באַוועגונג האָט זיך אָנגעפאַנגען. אין פיל פאַלן האָבן די פועלי ציון, ווי מיר וועלן דאָס שפּעטער באַווייזן, גע־נומען די איניציאַטיווע צו אָרגאַניזירן אידישע אַרבעטער. און כאָטש די אָרגאַניזאַטאָרן, וואָס זיינען געשיקט געוואָרן פונם צענטער זיינען געווען גענאָסן און כאָטש גרויסע צאָלן אַרבעטער זיינען געווען אונטער דער השפּעה פון דעם אַרבעטער רינג, האָט מען די סאָציאַליסטיש נאַציאָנאַלע עלעמענטן ניט געקאָנט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט. מ׳האָט זיך פּאַקטיש אָן דער הילף פון די פועלי ציון ניט געקאָנט באַגיין.

אמת, די שנאה צו די פועלי ציון איז צווישן די קאַנאַדער גענאָסן ניט געווען קלענער ווי אין די פאַראייניקטע שטאַטן. פּונקט ווי אין די פאַראיי־ניקטע שטאַטן האָבן זיי ניט געוואָלט אנערקענען די פועלי ציון אַלס סאָציאַ־ליסטן און האָבן מיט דער זעלבער פאַרביסנקייט באַקעמפט זייער נאַציאָנאַ־ליזם. די קאַנאַדער גענאָסן זיינען אָבער ניט געווען אזוי איינגעוואָרצלט, ניט אזוי באַפעסטיקט ווי זייערע חברים אין די פאַראייניקטע שטאַטן. די נאַציאָנאַלע און קולטורעלע טעטיקייט וואָס די סאָציאַליסטיש נאַציאָנאַלע עלעמענטן האָבן, כמעט פון סאַמע אָנפאַנג, אַנטוויקלט אין קאַנאַדע, האָט ניט געקענט ניט האָבן קיין איינפלוס אויף דעם אַלגעמיין אידישן אַרבעטער־עולם. זי האָט געמוזט באַווירקן דעם „עמד״ אפילו צווישן די נאָכפאָלגער פון די גענאָסן. דאָס זיינען, אָן צווייפל, געווען די הויפּט־אורזאַכן פאַרוואָס דער ציוניסטיש סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין קאַנאַדע איז געלונגען אָפּ־צוהאַלטן פיל שנעלער און אפשר פיל גרעסערע נצחונות איבער די גענאָסן, ווי עס איז געווען דער פאַל אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

3.

די פּאַרטיי פאַראיינען — זייער גרינדונג און אַנטוויקלונג

מ אָ נ ט ר ע אָ ל

חבר יעקב סאלאמאָן דערציילט אין זיינע זכרונות, אַז ער איז אָנגעקומען אין מאָנטרעאָל אין נאָוועמבער 1904. דער איינפלוס פון די ציוניסטישע גרופּן אויף דער אידישער גאַס, צווישן די אידיש־ריידנדיקע אימיגראַנטן איז געווען ניט גרויס. „דערפאַר האָבן זיך זייער שטאַרק געלאָזט פילן אַלערליי גענאָסישע קלייזלעך״. „זיי האָבן פאַרפלייצט די אידישע גאַס מיט זייערע פּאַמפלעטן, בראָשורן און צייטשריפטן, אַנאַרכיסטישע, סאָציאַליסטישע, בונ־דישע א. א. וו״. „זייערע אויפרופן פאַר לעקציעס און דעבאַטן מיט אַ פרייען אַריינגאַנג ציען גרויסע מאַסן״ [33].

אין יענער צייט האָט פונקציאָנירט אין מאָנטרעאָל דער פאַראיין „דורשי ציון נומער 2", וועלכער איז אָרגאַניזירט געוואָרן דעם 2טן אָקטאָבער 1904. דער דאָזיקער פאַראיין איז באַהערשט געוואָרן פון די לאָזונגען פון ווייצ־מאַנס דעמאָקראַטישער פראַקציע. דער פאַראיין איז באַשטאַנען פון יונגע אידישע אימיגראַנטן און איז געווען אַ אידיש־ריידנדיקער. אייניקע פון די אָנגעקומענע ערשטע פועלי ציון חברים פלעגן באַזוכן די פאַרזאַמלונגען פון דעם „דורשי ציון פאַראיין". זייער הויפט פירער איז געווען מ. ל. זאַק, וועלכער איז אָנגעקומען אין קאַנאַדע אין אַפּריל 1905. די פועלי ציון חברים פלעגן אויך גיין צו די עפנטלעכע לעקציעס, וואָס זיינען אָרגאַניזירט גע־וואָרן פון די אַנאַרכיסטן און סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן שוין דאַן געהאַט פאַראיינען אין מאָנטרעאָל.

ביי די דאָזיקע לעקציעס, ווען חברים פועלי ציון האָבן אָנגעהויבן דעבאַ־טירן מיט די געגנאָסן, האָבן די ערשטע פועלי ציון חברים דערקענט איינער דעם אַנדערן. אָנפאַנג 1905 איז געשאַפן געוואָרן דאָס ערשטע קערנדל פון די פועלי ציון אין מאָנטרעאָל. די ערשטע גרופּע איז, לויט חבר סאלאמאָן, באַשטאַנען פון 4 חברים: טאַבאַטשניקאָף, מאָסקאָוויטש, האישבערג, סאלאָ־מאָן און 1 חברה, שרה מאַן־צוקער. אין פעברואַר 1905 איז געקומען ל. צוקער. אין מאַי 1905 איז אָנגעקומען ב. לאַכאָוויצקי. ס'זיינען אויך אָנגע־קומען אַ צאָל אַנדערע חברים און ס'האָט זיך געגרינדעט דער מאָנטרעאָלער פועלי ציון־פאַראיין, וועלכער האָט איינגעשלאָסן „פּאַלעסטינצעס" און „אור־גאַנדיסטן" (עס־עס'אָווצעס).

לויט אַ שטעמפּל וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט אויפגעהאַלטן און איז אָפט גענוצט געוואָרן, איז דער מאָנטרעאָלער פועלי ציון פאַראיין געגרינדעט געוואָרן דעם 25טן יולי, 1905. ס'איז אָבער אויך געווען אַ רויטע פאַן פון די מאָנטרעאָלער פועלי ציון, וועלכע איז גענוצט געוואָרן ביי דעמאָנסטראַ־ציעס און איז געהאָנגען פאַר אַ לאַנגער צייט אין די פועלי ציון מיטינג־זאַלן. אויף דער פאַן איז געווען אויסגעהעפט מיט גאָלדענע אותיות „געגרינ־דעט דעם 10טן מאַי, 1905". קיינער פון די עלטערע חברים געדענקט ניט, וועלכע פון די צוויי דאַטעס איז די ריכטיקע. קען זיין, אַז די ערשטע גרופּע איז אָרגאַניזירט געוואָרן דעם 10טן מאַי, אָבער דער פאַראיין אַלס באַשטענ־דיקע אָרגאַניזאַציע איז ערשט אָפיציעל אָרגאַניזירט געוואָרן דעם 25טן יולי, 1905.

די גרינדונגס פאַרזאַמלונג פון דעם מאָנטרעאָלער פועלי ציון־פאַראיין איז פאָרגעקומען אין אַ הויז אויף קעדזשי גאַס (איצט הייסט זי דע־בוליאָן), אַנטקעגנאיבער דער בני יעקב שול, וואו עס דרוקט זיך איצט די פראַנצויזישע צייטונג „לע סאַמעדי". חברים זיינען ניט זיכער צי דאָס זיינען געווען גע־דונגענע צימערן פאַר פאַרזאַמלונגען אָדער אַ שול צו דאַווענען.

חברה שרה מאַן־צוקער איז געווען די ערשטע פינאַנץ־סעקרעטאַרין. חבר א. מאסקאָוויטש איז געווען דער ערשטער קאָרעספּאָנדענץ־סעקרעטאַר. די גרופּע האָט געפּרואווט איינצושטעלן אַ קאָנטאַקט מיט ניו יאָרק, האָבן

זיי געקראָגן אַ פּאָר בריוו פון חבר א. פּייפּמאַכער. ניו יאָרק האָט זיי נאָך ווייניק וואָס געקאָנט העלפן אין זייער פּראָפּאַגאַנדע און זייער קאַמף פאַר אַנערקענונג. זיי האָבן זיך דאַן דורכגעשריבן מיט די פועלי ציון אין ענגלאַנד, וועלכע האָבן צוגעשיקט צוויי העפטן „די אידישע פרייהייט". ניט נאָר האָט זיי געפעלט דער אינספּירירנדער קאָנטאַקט, נאָר אויך די נייטיקע פּאַרטייליטעראַטור און איינער וואָס זאָל זאָגן אַ שטאַרק וואָרט [34]).

אין יולי אָדער אויגוסט איז אַריין אין דעם פועלי ציון פאַראיין דר. י. באַכראַך, וועלכער האָט געוואוינט אין קאַנאַדע זינט 1903. דר. באַכראַך איז אַוועקגעפאָרן קיין שיקאַגאָ אַרום 1908. ווי חיים פאַבריקאַנט שרייבט אונז, איז דר. באַכראַך ניט געווען אַקטיוו אין שיקאַגאָ. ער האָט דאָרט פּראַקטיצירט מעדיצין און איז געשטאָרבן אין דער צייט פון דער עפּידעמיע, נאָך דער מלחמה. אָבער אין דער צייט, וואָס דר. באַכראַך האָט געוואוינט אין קאַנאַדע, איז ער געווען אַ גוטער פועלי ציון. ער איז אַריבער פון די אַלגעמיינע ציוניסטן צו דער פועלי ציון פּאַרטיי, גלייך ווי זי האָט זיך געגרינדעט. זיין אַריינטריט אין דער פּאַרטיי איז געווען אַ גרויסער געווינס פאַר דער באַוועגונג. ער איז אויפגעטראָטן ביי די פועלי ציון פאַראיינען אין טאָראָנטאָ, האַמילטאָן און וויניפּעג און איז געווען דער ערשטער נאַציאָנאַל-באַקאַנטער פירנדיקער חבר. יענעם זומער זיינען אויך אָנגעקומען אַ גרויסע צאָל סאָציאַליסטיש-נאַציאָנאַלע חברים, וועלכע זיינען אַריין אין דעם פאַראיין, צווישן זיי י. ראַבינער, יאַמפּאָלסקי, שאַפּיראָ, און אַנדערע.

די גרעסטע צאָל פון די ניי אָנגעקומענע זיינען געווען עס-עס'אָווצעס, אָדער ווי זיי האָבן זיך דאַן גערופן ס. ט.. אין אַ קורצער צייט זיינען זיי געוואָרן די מאַיאָריטעט אין דעם פועלי ציון פאַראיין. ווען דער א. ק. פון די פועלי ציון אין ניו יאָרק האָט אויף זיין זיצונג, דעם 27טן אויגוסט 1905, באַשלאָסן, אַז אַלע פאַראיינען זאָלן אָפּשטימען דעם טעריטאָריאַליסטישן פּונקט, און זיך גרופּירן לויט דער אָפּשטימונג, און אַז זיי זאָלן זיך אָנשליסן ניט נאָר אין דעם אָקציאָנס קאָמיטעט, וואָס פאַרטרעט די גאַנצע פּאַרטיי, נאָר אויך אין איינער פון די ספּעציעלע צוויי קערפּערשאַפטן, וואָס זיינען פון דעם אַקציאָנס קאָמיטעט געשאַפן געוואָרן אויפצופּאַסן אויף די פּאַלעסטינישע און טעריטאָריאַליסטישע אַרבעטן, — האָבן זיך אָנגעהויבן זייער שאַרפע דיסקוסיעס צווישן די מאַנטרעאָלער חברים, וואָס האָט אומפאַרמיידלעך געמוזט פירן צו דער שפּאַלטונג.

דעם 18טן נאָוועמבער איז פאָרגעקומען איינער פון די סאַמע שטורמדיקע מיטינגען. דר. באַכראַך האָט גערעדט איבער ציוניזם פון דעם פּאַלעסטינישן שטאַנדפּונקט און יאַמפּאָלסקי האָט גערעדט אַלס טעריטאָריאַליסט. דעם 25טן און 26טן נאָוועמבער 1905, האָבן די פועלי ציון אַראַנזשירט אין עמפּייר האָל צוויי לעקציעס פון ד. אַבערסאָן איבער ציוניזם און סאָציאַליזם און איבער דער רוסישער רעוואָלוציע. אגב, איז ד. אַבערסאָן אויך אויפגעטראָטן אין נאָמען פון די פועלי ציון ביי אַ מאַסן-פאַרזאַמלונג צו פּראָטעסטירן קעגן די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד. דעם 2טן דעצעמבער איז

פּאַרגעקומען די סאַמע לעצטע דיסקוסיע צווישן די פּאַלעסטינצעס און ס. ט. ד. אבערסאָן האָט געריעדט פונם פּאַלעסטינישן שטאַנדפּונקט און צוקער, מאַראַטשניק און יאַמפּאָלסקי פונם טעריטאָריאַליסטישן שטאַנדפּונקט. דעם 9טן דעצעמבער האָט מען געזאָלט באַשליסן צי דער פּאַראיין וועט בלייבן אומאָפּהענגיק אָדער ער וועט זיך צעטיילן. דער פּאַראיין האָט זיך דאַן געשפּאָלטן. ביי דער אָפּשטימונג איז מען געווען אזוי אויפגערעגט, אַז איין חברה האָט געחלשט.

די ס. ט. זיינען געבליבן מיט 28 חברים צוזאַמען מיט דעם סעקרעטאַר, חבר א. מאסקאוויטש. זיי האָבן זיך אָפיציעל קאָנסטיטואירט אַלס אַן ס. ט. פּאַראיין דעם 3טן יאַנואַר, 1906 [35]) און זיינען פאַרבליבן אין די געדונגענע צימערן — אויף 43 פּיליפּס גאַס.

די פּועלי ציון זיינען אַוועק בלויז מיט 9 חברים [36]). זיי האָבן, ווייזט אויס, געהאַט גענוג מוט און האָבן פאָרטגעזעצט זייער אַרבעט. זיי האָבן מיטגענומען די ביבליאָטעק, וועלכע מען האָט אָנגעהויבן זאַמלען נאָך אין זומער 1905 און האָבן זיך אַריינגעקליבן אין דעם זאַל, וואו די „דורשי ציון" פלעגן האָבן זייערע פאַרזאַמלונגען.

די פּועלי ציון זיינען באַלד פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך דעם, וואָס דער „דורשי ציון פאַראיין נומער צוויי" האָט זיך געשפּאָלטן און די בעסטע חברים פון דעם דורשי ציון פאַראיין, אונטער דער פירונג פון מ. ל. זאַק, זיינען אַריין אין דער פּאַרטיי. ס'קען זיין, אַז מ. ל. זאַק און זיינע חברים האָבן אָנגעהויבן באַזוכן פּועלי ציון פאַרזאַמלונגען אַ סך פריער. דאָס האָט אפשר געמאַכט דעם חשובן היסטאָריקער ב. ג. זאַק צו גלויבן, אַז זיין ברודער איז אין דעם פּועלי ציון פאַראיין אַריינגעטראָטן סוף אויגוסט 1905 [37]). די חברים סאלאמאן און צוקער דערקלערן, אַז דאָס איז פאָרגעקומען נאָך דער שפּאַלטונג. חבר ב. לאַכאָוויצקי שרייבט: „ביי מאַדאַם פּעווזנערס לעקציעס אין עמפּייר האָל האָב איך געטראָפן די גאַנצע גרופּע מיט מענדל זאַק ע"ה" [38]). מאַדאַם פּעווזנערס ערשטע לעקציעס זיינען פאָרגעקומען אין עמפּייר האָל אין יאַנואַר 1906 [39]) — נאָך דער שפּאַלטונג.

ווי ס'זאָל ניט זיין דער פאַל, אזוי ווי מ. ל. זאַק און זיין גרופּע זיינען געווען צווישן די ערשטע חברים פון דער פּאַרטיי קענען זיי גערעכנט ווערן אַלס מיטגרינדער און מיטבויער פון דעם מאָנטרעאָלער פּועלי ציון פאַראיין. דער ערשטער רעפּעראַט פון מ. ל. זאַק איז פאָרגעקומען דעם 14טן יאַנואַר 1906.

יעקב מאָריס איז דאַן געוואָרן דער סעקרעטאַר פון דעם פּועלי ציון פאַראיין. די פּועלי ציון האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט מיט פאַרשטאַרקטער ענערגיע. חבר סאלאמאן שרייבט וועגן דעם: „אונזער פּראָפּאַגאַנדע האָבן מיר אָנגעפירט, וואו עס האָט זיך נאָר געלאָזן. אין די אידישע גראָסעריס, ביכער סטאָרס, ביי די גאַרמענט וואָרקערס, בעקערס, סיגאַר מייקערס יוניאָנס. מיר זיינען געקומען, ניט געבעטענערהייט, צו די גענאָסישע פאַרזאַמלונגען און אומעטום אויפגעקלערט אונזער שטאַנדפּונקט" [40]). עס זיינען

אויך פאַרגעקומען עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען מיט גאַסט־רעדנער און לאָ־קאַלע חברים.

אין אַפּריל, 1906, האָבן זיי געבראַכט ד. אַבערסאָן פאַר דריי לעקציעס, וועלכע זיינען געווען גוט באַזוכט, און די צוהערער זיינען געווען באַגייס־טערט. שרייבט אַ מאָנטרעאָלער חבר אין זיין באַריכט: „זונטיק אָוונט איז געווען איינער פון די באַגייסטערנדיקסטע מיטינגען, וואָס זיינען ווען עס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין אונזער שטאָט. פיל פון פובליקום האָבן נאָך דער לעקציע געקושט אונזער חבר מיט טרערן אין די אויגן. 10 נייע חברים אויפגענומען" [41].

בעלאַ פּעווזנער האָט געמאַכט אַ צווייטן באַזוך אין מאָנטרעאָל דעם 14טן און 15טן אָקטאָבער 1906. מ'האָט צוגעצויגן 1000 צוהערער, ווערבירט נייע 22 חברים. בעלאַ פּעווזנער האָט דאַן אויך געהאַלטן אַ רעפעראַט ביי דעם פאַראיין „בנות ציון קדימה" א. ד. ט. „די ראָל פון דער פרוי אין פאַרשי־דענע פרייהייטס באַוועגונגען".

ביי דעם מעמאָריאַל מיטינג פון די פועלי ציון און ס. ט. נאָך חבר יחזקאל עדעלשטיין אין סט. דזשאָזעף האָל, האָבן גערעדט די חברים ברוך צוקערמאַן און דר. באַכראַך, און מ'האָט געזאַמלט $9.95 פאַר דעם נאַציאָנאַל פאָנד. אין א באַריכט אין „אידישן קעמפער" פון אויגוסט, 1907, שרייבט חבר ס. מערלין, אַז „די היגע פועלי ציון אַרבעט זייער טעטיק. זי ציילט ביי 75 מיטגלידער, פאַר די לעצטע צוויי וואָכן האָבן זיי געשיקט $30.00 פאַרן „קעמפער", 19.00 פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד, 3.00 פאַר „בצלאל" און $10.00 פאַר 6 ביימער צו פלאַנצן אין פּאַלעסטינע אין אָנדענק פון אונזער פאַר־שטאָרבענעם חבר ח. עדעלשטיין" [42].

אין אַ קאָרעספּאָנדענץ אין „קעמפער" שרייבט חבר סאַלאמאָן וועגן דעם אַרויסטריט פון חבר טאַבאַטשניק פון פילאַדעלפיע און דער עפנטלעכער דעבאַטע צווישן חבר מ. ל. זאַק און די ס. ט. דעם 29טן אָקטאָבער 1907, אין סט. דזשאָזעף האָל. „אַ דונער פון אַפּלאָוז האָט אויסגעבראָכן ווען ער (זאַק) האָט געענדיקט. נאָך דער דעבאַטע האָבן זיך פינף נייע מיטגלידער אָנגע־שלאָסן" [43]. ווי מ'קען זען האָבן די פועלי ציון אָנגעהאַלטן אַ שטאַרקע פּראָ־פּאַגאַנדע. פונדעסטוועגן האָט דער צענטראַל קאָמיטעט אין 1907, געהאַלטן, אַז דער מאָנטרעאָלער פאַראיין איז געווען אַן אָפּגעשוואַכטער [44].

אויסער די דערמאָנטע עפנטלעכע לעקציעס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן פיל אַנדערע אַרויסטרעטונגען פון די פועלי ציון. די ס. ט. האָבן אויך אָנ־געפירט אַ ברייטע פּראָפּאַגאַנדע און האָבן געהאַט אַלס געסט, אויסער ברוך צוקערמאַן, דר. חיים זשיטלאָווסקי און דר. נ. סירקין.

אין פרילינג, 1909, איז דר. חיים זשיטלאָווסקי אַרויסגעקומען מיט אַ פאָרשלאָג, אין זיין זשורנאַל „דאָס נייע לעבן", פאַר אַ פאַראייניקונג פון די דריי אידישע סאָציאַליסטיש־נאַציאָנאַלע פּאַרטייען: די פועלי ציון, די ס. ט. און די סיימאָווצעס (סערפּיסטן), „פאַר געמיינשאַפטלעכער טעטיקייט אין פּאַלעסטינע און אין די גלות לענדער". די מאָנטרעאָלער חברים פון דער

ס. ט. האָבן, לויט דער איניציאַטיווע פון די חברים ש. שניאור און ל. צוקער, באַשלאָסן גלייך אָנצופאַנגען פאַרהאַנדלונגען מיט דעם פּועלי ציון פאַראיין. די ס. ט. האָבן זיך דאַן פאַראייניקט מיט די פּועלי ציון אויף דער פּלאַטפאָרמע פון נאַציאָנאַלער אַרבעט אין גלות און אידישער קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעס־טינע און די שכנותדיקע לענדער. די ס. ט. האָבן נאָכגעגעבן, אַז פּאַלעסטינע איז אַ טעריטאָריע און די פּועלי ציון האָבן נאָכגעגעבן, אַז די שכנותדיקע לענדער זיינען אַ טייל פון ארץ ישראל. די פאַראייניקונג אין מאָנטרעאָל איז געווען די ערשטע פאַראייניקונג און איז פאָרגעקומען מיט אַ דריי—פיר חדשים פריער פאַר דער פאַראייניקונגס־קאָנווענשאָן אין שיקאַגאָ.

ס׳מוז געזאָגט ווערן, אַז אין אַלגעמיין זיינען אין פאַרלויף פון די יאָרן 1906—1909 געווען גוטע חברישע באַציאונגען אין מאָנטרעאָל צווישן די פּועלי ציון און ס. ט. מיר האָבן דאָס געזען, ווען ס׳איז פאָרגעקומען די דער־מאָנטע מעמעאָריאַל־פאַרזאַמלונג נאָך חבר עדעלשטיין. אַן אַנדער ביישפּיל: אין 1907 האָבןביידע פאַראיינען קאָאָפּערירט אין דער גרינדונג פון אַ פּאָלקס־קיך פאַר אַרבעטסלאָזע, וועלכע האָט עקזיסטירט אַרום 9—10 חדשים, אָדער די געמיינשאַפטלעכע אַרבעט פאַר אַ פאָנד „צו ראַטעווען שלום עליכם" אין 1908, ווען ער איז קראַנק געוואָרן.

ווען די פאַראייניקונג איז פאָרגעקומען, איז דער פּועלי־ציון פאַראיין פאַרשטאַרקט געוואָרן. חבר י. פּרוזשאַנסקי, וועלכער איז געוואָרן סעקרע־טאַר פון דעם פּועלי ציון פאַראיין, אַרום 1908, איז געבליבן סעקרעטאַר פון דעם פאַראיין אויך נאָך דער פאַראייניקונג. אייניקע חברים פון די ס. ט. האָבן ניט געוואָלט אַריינטרעטן אין דעם פּועלי ציון פאַראיין און זיינען געבליבן אויסער די רייען פון ביידע פאַראיינען.

כאָטש פיל חברים זיינען אַוועקגעפאָרן פון מאָנטרעאָל איז אָבער דער פאַראיין געבליבן שטאַרק. ביי דער זיצונג פון דעם גרעסערן צענטראַל קאָמיטעט, אין מערץ 1910, איז באַריכטעט געוואָרן, אַז אין אַלגעמיין איז די לאַגע פון דעם מאָנטרעאָלער פּועלי ציון פאַראיין געווען אַ גוטע. דאָס איז טאַקע געווען די סיבה, פאַרוואָס מ׳האָט דעם פאַראיין אָנפאַרטרויט די דורכ־פירונג פון דער היסטאָרישער 5טער פּועלי ציון קאָנווענשאָן, וואָס איז פאָר־געקומען אין אָקטאָבער, 1910, אין מאָנטרעאָל — די ערשטע פּאַרטיי קאָנ־ווענשאָן, וואָס איז פאָרגעקומען אין קאַנאַדע. ביי די חברים פון דער פּאַרטיי איז דאָס געווען אַ גאָר גרויסער יום טוב. אַלס פאָרזיצער פון דעם קאָנווענ־שאָן־קאָמיטעט איז דערוויילט געוואָרן ש. שניאור. ל. מעלצער איז דער־וויילט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר פון קאָנווענשאָן־קאָמיטעט און ב. לאַכאָוויצקי האָט אים אַרויסגעהאָלפן אין זיין אַרבעט. דער קאָנווענשאָן קאָמיטעט האָט געפּלאַנעוועט צו האָבן עטלעכע גרעסערע פאַרזאַמלונגען אין דער צייט פון דער קאָנווענשאָן.

פיל מיטינגען זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אונטערן פרייען הימל, כדי צו מאַכן די קאָנווענשאָן פּאָפּולער ביי דעם אידישן עולם אין מאָנטרעאָל. מ׳האָט אויך געהאַט באַשלאָסן צו מאַכן אַ היבשע צאָל קליינע פענער און צע־

טיילן זיי צווישן דער אידישער באַפעלקערונג צו באַפּוצן זייערע הייזער לכבוד דער קאַנווענשאַן. אַ ספּעציעלער סואווענירזשורנאַל איז אַרויסגעגעבן געוואָרן לכבוד דער קאַנווענשאַן, אין וועלכן עס זיינען אַריינגעגאַנגען צווישן אַנדערע, אַן אַרטיקל פון נ. סירקין א. ג. „ווען אַלע וואַלטן געוואָלט"; פון ברוך צוקערמאַן — „אונזער נעכסטע אויפגאַבע"; פון ב. ג. זאַק — „די קאַנאַדער אַרבעטער און איינוואַנדערונג"; פון מאיר בראון — „דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד"; פון מ. ל. זאַק — „אַ יאָר פועלי ציון טעטיקייט אין מאָנטרעאָל". אין זשורנאַל זיינען אויך געווען געדרוקט לידער פון יהואש, אַדלער און ראָזענבלאַט און אַרטיקלען פון א. ש. וואַלדשטיין, דר. י. וואָרטסמאַן און א. בערלינער.

די דעלעגאַטן פון דעם מאָנטרעאָלער פועלי ציון פאַראיין זיינען געווען י. פּרוזשאַנסקי און מ. ל. זאַק. חבר מ. ל. זאַק האָט געהאַט דעם כבוד צו דערעפענען די קאַנווענשאַן. דער הויפּט־רעדנער ביי דער ערשטער זיצונג איז געווען ג. אוורונין. אַט ווי אזוי די לאָקאַלע צייטונג באַשרייבט די שטימונג ביי דער דערעפענונגס־זיצונג: „אוורונינס רעדע האָט אַרויסגערופן באַגייסטערונג. נאָך דעם האָט אַ בענד מוזיק אויסגעשפּילט פאַרשיידענע ציוניסטישע לידער, ווי „התקוה" און אַנדערע. די שטימונג איז געווען זייער אַ געהויבענע און געמאַכט אַ גוטן איינדרוק אויף אַלע אַנוועזנדע"[45]. די הכנסה און הוצאה אין פאַרבינדונג מיט דער קאַנווענשאַן, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן פון דעם מאָנטרעאָלער קאַנווענשאַן־קאָמיטעט, איז געווען אַרום 800 דאָלאַר, אַ געוואַלדיק גרויסע סומע פאַר יענער צייט.

מיט דעם יאָר 1910 האָט זיך פאַרענדיקט דער ערשטער פעריאָד פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין מאָנטרעאָל. די יאָרן פון 1905——1910 זיינען געווען פאַר דער באַוועגונג אין מאָנטרעאָל אַ פעריאָד פון קאָנסאָלידאַציע, איינבירגערונג און איינוואָרצלונג. ס'האָבן זיך פאַרענדיקט די חבלי לידה. ס'זיינען אַריבער די קינדער־יאָרן פון דער אָרגאַניזאַציע, ווען די הויפּט־אַרבעט איז באַשטאַנען אין דיסקוסיעס און מסירת־נפשדיקער פּראָפּאַגאַנדע פאַר די פועלי ציון אידעאַלן. נאָך דער פועלי ציון קאַנווענשאַן האָט די פּאַרטיי דערפילט אין זיך די כוחות אָנצוהייבן בויען אינסטיטוציעס פאַר די אידישע פאָלקס מאַסן און מיט פאַרשטאַרקטע כוחות פאָרטזעצן דעם קאַמף קעגן דער אַסימילאַציע אויף דער אידישער אַרבעטער גאַס און קעגן הפקרות אינם אידישן פאָלקס־לעבן. די פּאַרטיי איז געוואָרן די סאַמע סענטיוועל צעל אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון די מאָנטרעאָלער אידן. יעדע פראַגע פון אידישן און אַרבעטער לעבן האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג ביי די פאַרזאַמלונגען פון דער פּאַרטיי און אויף יעדער פון די דאָזיקע פראַגן האָט מען געגעבן אַן ענטפער.

איז געוואָרן אַ יקרות אויף פלייש, איז טייער געוואָרן ברויט, האָבן די פועלי ציון געדאַרפט נעמען אַ שטעלונג און גערופן אַ קאָנפערענץ[46]. איז געווען אַ פראַגע פון העלפן אימיגראַנטן, האָט עס אינטערעסירט די פועלי ציון; איז פאַרגעקומען דער ביילים־פּראָצעס אין רוסלאַנד, זיינען עס געווען

די פועלי ציון, וועלכע האָבן גענומען די איניציאַטיוו איינצואָרדענען אַ פּראָטעסט פאַרזאַמלונג [47]). אַלע ענינים, וואָס האָבן באַרירט דאָס לעבן פון די פאָלקס־מאַסן, זיינען געווען אַ טייל פון דער פועלי ציון טעטיקייט.

די פאַרטיי פאַראיינען זיינען געוואָרן צענטערן פאַר דעם קולטורעלן אויסלעבן זיך און פאַר זעלבסטבילדונג. דער צווייטער פּעריאָד פון דעם פאַרטיי־לעבן אין מאָנטרעאָל, וואָס ווערט געדעקט פון די יאָרן 1910—1915, קאָן אָנגערופן ווערן דער פּעריאָד פון בויאונג פון קולטור־אינסטיטוציעס, שולן, פאָלקס־ביבליאָטעקן און טרייד־יוניאָנס. עס איז אמת, אַז נאָך אין די ערשטע יאָרן פון זייער אַנטשטייאונג האָבן די פאַרטיי פאַראיינען אָנגעהויבן אַ ברייטע קולטור־טעטיקייט און טרייד־יוניאָן אַרבעט. אָבער ערשט נאָך 1910 זיינען די דאָזיקע אַרבעטן געקומען צום פולן אויסדרוק.

אין 1910 האָט מען שוין אָנגעהויבן רעדן צווישן די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס פון מאָנטרעאָל וועגן אַרויסגעבן אַן אַרבעטער וואָכנבלאַט. די פועלי ציון האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער גרינדונג פון דער „פאָלקס צייטונג אסאָסיאיישאָן״ און האָבן אויסגעפירט, אַז לעאָן חאזאנאָוויטש, וועלכער האָט געהאַט פריער באַזוכט מאָנטרעאָל, אַלס גאַסט־רעדנער פון די פועלי־ציון, זאָל איינגעלאַדן ווערן צו זיין דער רעדאַקטאָר. די „פאָלקס צייטונג״ איז דערשינען דעם 19טן אַפּריל 1912. זי איז געווען די ערשטע אידיש־סאָציאַליסטישע אַרבעטער צייטונג אין קאַנאַדע. אויף דעם באַגריסונגס אָוונט זיינען געקומען 2000 מענטשן. צווישן די מיטאַרבעטער פון דער צייטונג זיינען געווען: י. אַדלער, ב. באַראָכאָוו, בן יקיר, מ. האַלפּערן, דר. בירנבוים, א. וואָלינער, וולאַדעק, מ. זאַקס, דר. חיים זשיטלאָווסקי, יהואש, ז. ליבין, י. מילך, ק. מרמר, ב. סאַלוצקי, י. שלאָסבערג, דר. סירקין, י. סלאָנים, ש. עפּשטיין, י. ענטין, י. ל. פּרץ, ד. פּינסקי, ל. קאָברין, אברהם רייזען, מ. שמואלזאָן און פיל אַנדערע אידישע שרייבער. ב. ג. זאַק האָט מיטגעאַרבעט אין דער „פאָלקס צייטונג״ אונטער דעם פּסעוודאָנים „ב. גודמאַן״.

אין מיטן זומער 1912 האָט חבר ל. מעלצער איבערגענומען די פאַרוואַלטונג פון דער „פאָלקס צייטונג״, אַזוי אַז דער רעדאַקטאָר און דער פאַרוואַלטער זיינען געווען חברים פון דער פועלי ציון פאַרטיי. די „פאָלקס־צייטונג״ האָט זיך אָפּגעשטעלט אין הערבסט 1912, ווייל די אידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען פאַרנומען נאָך דעם גענעראַל־סטרייק פון די מענער־שניידער. חבר חאזאנאָוויטש איז ניט געווען צופרידן מיט די פועלי ציון חברים, ווייל זיי האָבן, לויט זיין מיינונג, ניט גענוג געאַרבעט פאַר דער „פאָלקס צייטונג״ און ער האָט אפילו געוואָלט רעזיגנירן פון דעם מאָנטרעאָלער פועלי ציון פאַראיין. זיין רעזיגנאַציע איז אָבער ניט אָנגענומען געוואָרן.

אין 1913, זיינען די חברים פון דער פועלי ציון פאַרטיי געווען זייער צופרידן, וואָס חבר קאמאראָוו איז געווען אַ דעלעגאַט צו דעם אַלוועלטלעכן פועלי ציון צוזאַמענפאָר און צו דעם ציוניסטישן קאָנגרעס אין ווין [48]).

אין 1917 האָט זיך געגרינדעט אַ פּרויען פּועלי ציון פֿאַראיין. פֿאַר אַ שטיקל צייט האָבן זיך אַ צאָל חברות אָפּגעטיילט פֿון דעם פֿאַראיין מיינענ־דיק, אַז זיי וועט געלונגען דורך דעם צו טאָן מער זעלבסטבילדונג און מער פּראָפּאַגאַנדע אַרבעט צווישן די פרויען. רחל ראָזענבלאַט איז געווען סעק־רעטאַרין. אָרגאַניזאַטאָריש און אין אַלגעמיין האָט דאָס ניט געהאָלפֿן דער פּועלי ציון אָרגאַניזאַציע. זיי האָבן אָנגעהויבן מיט 9 חברות און האָבן ווייניק וואָס אויפגעטאָן צו קריגן נייע מיטגלידער, דאָס איז אָבער געווען דער ערשטער פּרואוו צו שאַפֿן אַ פּרויען פּועלי ציון אָרגאַניזאַציע אין מאָנטרעאָל, אַן אָנדייטונג אויף די פּיאָנערן פרויען פֿאַראיינען, וואָס זיינען געקומען שפּעטער.

אין 1919, נאָך דער באַלפור דעקלאַראַציע, איז געגרינדעט געוואָרן, לויט דער איניציאַטיווע פֿון ה. מ. קייזערמאַן, אַ צווייטער פּועלי ציון פֿאַר־איין — אַ קולטור פֿאַראיין. כמעט אַלע אידישע שרייבער אין מאָנטרעאָל — צווישן זיי: ישראל ראַבינאָוויטש, ל. בענדזשאַמין, י. י. סיגאַל, — און אַ צאָל אינטעליגענטערע שול־טוער, ווי אויך חברים פֿון „הזמיר" האָבן זיך דאַן אָנגעשלאָסן אין דעם נייעם פֿאַראיין. אַרום יענער צייט זיינען אַ היפּשע צאָל יוגנטלעכע, מיט די חברים ל. חפץ און י. מ. באַבראָוו אין דער שפּיץ, געוואָרן חברים פֿון דער פּאַרטיי.

די יאָרן 1915—1920 האָבן מיט זיך פֿאָרגעשטעלט דעם דריטן פּעריאָד אין דער פּועלי ציון און פֿאַרבאַנד אַרבעט. דאָס איז געווען אַ פּעריאָד פֿון גרויסע, געוואַגטע אַרבעטן, אַ פּעריאָד פֿון נצחון — אַ גלאָררייכער פּעריאָד פֿון גרויסאַרטיקע דערגרייכונגען אויף אַלע געביטן פֿון טעטיקייט: טרייד־יוניאָניזם, סאָציאַליסטישע (איינשליסנדיק ארץ ישראל אַרבעטער דעמאָנס־טראַציעס און ארץ ישראל אַרבעטער קאָנגרעס); אַלגעמיין אידישע (מלחמה־הילפס־אַרבעט און קאַנאַדער אידישער קאָנגרעס); ארץ ישראל ארבעטן, איינ־שליסנדיק פּראָפּאַגאַנדע אַרבעט, פּועלי ציון יוגנט, חלוציזם און לעגיאָן. פֿון גאָר גרויסער באַדייטונג איז געווען דער זעלבסטשטענדיקער קאַמפּיין אין די מוניציפּאַלע וואַלן אין 1916, מיט חבר ה. מ. קייזערמאַן אַלס קאַנדידאַט פֿון דער פּאַרטיי. אין דעם דאָזיקן פּעריאָד האָבן די שולן און פֿאָלקס ביבליאָ־טעק, אָנגעפֿירט פֿון די פּועלי ציון, געמאַכט אַ גרויסן פֿאָרטשריט. דער דאָזיקער פּעריאָד האָט ניט נאָר דערהויבן און געבראַכט פֿיל גליק און פרייד צו די חברים, נאָר ער האָט געבראַכט ממשותדיקע רעזולטאַטן פֿון אומגע־הויערן ווערט פֿאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פֿון דעם קאַנאַדער אידנ־טום בכלל. די מאָנטרעאָלער חברים האָבן אויך אָרגאַניזירט, אין 1916, די שלום עליכם קאָנפֿערענץ און געהאָלפֿן שאַפֿן מיטלען פֿאַר דעם שלום עליכם פֿאָלקס־פֿאָנד.

מיר האָבן פריער דערמאָנט די מינדלעכע פּראָפּאַגאַנדע און די אונטער־נעמונגען פֿאַר זעלבסטבילדונג. אויסער די פֿירנדע חברים פֿון דער באַוועגונג אין אַמעריקע האָבן די מאָנטרעאָלער חברים געהאַט אַלס געסט בן־צבי, זרובבל, אַלעקסאַנדער כאַשין, ב. באָראָכאָוו, ש. קאַפּלאַנסקי. גאַנצע סעריעס

פון לעקציעס זיינען געגעבן געוואָרן פון יהודה קויפמאַן. אַ צאָל לעקציעס זיינען געגעבן געוואָרן פון ש. שניאור, ח. מ. קייזערמאַן, ע. קאָרנבערגער און אַנדערע חברים, מיט פינף סענט אַריינטריט, אָדער פרייען אַריינטריט.

אייניקע חברים האָבן אויף אַ פּריוואַטן אופן געדינט דער באַוועגונג אַלס רעדאַקטאָרן און אַרויסגעבער פון צייטשריפטן, וועלכע זיינען פאַקטיש געווען פּועלי ציון זשורנאַלן. אזוי האָט חבר ל. מעלצער אַרויסגעגעבן אייניקע נומערן פון דעם „מאַקאַבייער", מיט ש. שניאור, אַלס רעדאַקטאָר. אין 1917 איז חבר יהודה קויפמאַן געווען רעדאַקטאָר פון „דאָס וואָרט", אַ וואָכנבלאַט וואָס איז דערשינען אַרום זעקס-זיבן חדשים.

שליסנדיק דעם איבערזיכט פון די ערשטע 15 יאָר פון דעם מאָנטרעאָ־לער פּועלי ציון פּאַראײן, וואָלט זיך געוואָלט דערמאָנען די אַלע חברים, וועלכע האָבן געדינט אַלס סעקרעטאָרן פונם פּאַראײן. מיר האָבן שוין דער־מאָנט י. מאָריס און י. פּרוזשאַנסקי. אויסער זיי זיינען פאַר לענגערע טער־מינען געווען אַלס סעקרעטאָרן די חברים ל. מעלצער, ב. לאַכאָוויצקי, א. עסנער, פּרענק ווייט און דער אומפאַרגעסלעכער נח חפץ. קיין שטענדיקע פאָרזיצערס זיינען אין מאָנטרעאָלער פּועלי ציון פּאַראײן ניט געווען.

אין מייל-ענד, אַ פאָרשטאָט אין צפון פון מאָנטרעאָל, איז אין יאָר 1912 געגרינדעט געוואָרן, לויט דער איניציאַטיווע פון חבר ב. לאַכאָוויצקי, אַ פּועלי ציון פּאַראײן, וועלכער האָט עקזיסטירט פּאַראַלעל מיט דעם מייל־ענדער צווייג פונם נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד. ווען די ערשטע וועלט־מלחמה האָט זיך געענדיקט און די חברים האָבן אָנגעהויבן זיך איבערקלייבן פון מייל־ענד קיין מאָנטרעאָל אָדער אין אַנדערע שטעט, איז דער דאָרטי־קער פּועלי ציון פּאַראײן אויפגעלייזט געוואָרן. דער פּאַראײן האָט געטאָן גוטע אַרבעט פאַר מלחמה־קרבנות און האָט אויך געהאָלפן דער מייל־ענדער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלער שול.

ט אָ ר אָ נ ט אָ

„ביז אָקטאָבער 1904, איז אין טאָראָנטאָ ניט געווען קיין סימן פון אַ וועלכער עס איז ראַדיקאַלער אָרגאַניזאַציע" [49]. אַרום יענער צייט איז אין טאָראָנטאָ געגרינדעט געוואָרן אַ קולטור־פּאַראײן, וועלכער האָט איינגעשלאָסן נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע און סאָציאַליסטישע עלעמענטן פון אַלע ריכטונגען.

איינער פון די ערשטע פּועלי ציון, אויב ניט דער סאַמע ערשטער חבר פון די פּועלי ציון צו אָנקומען אין קאַנאַדע איז געווען חבר א. ז. סילווערמאַן. אײדער ער איז אָנגעקומען אין קאַנאַדע, איז ער געווען אַ שטיקל צייט אין לידס, ענגלאַנד. דאָרט האָט ער שוין געהאַט אַ קאָנטאַקט מיט ק. מרמר און די פּועלי ציון אין ענגלאַנד.

חבר סילווערמאַן איז אָנגעקומען קיין טאָראָנטאָ אין אָנהויב פון יאָר 1904, ער דערציילט אין זיינע זכרונות, אַז ער האָט אין טאָראָנטאָ געפונען „אַ גאַנץ קליינעם אידישן ישוב, וואָס האָט זיך קאָנצענטרירט הויפּטזעכלעך

אין אייניקע אידישע גאַסן, באַוואוסט אַלס דער „וואַרד". אין אַט דעם קליי־נעם אידישן ישוב זיינען זייער ווייניק געווען ציוניסטיש באַוואוסטזיניקע, און מ'האָט געדאַרפט באַאַרבעטן אַ זייער שווער און האַרט פעלד". חבר סיל־ווערמאַן דערציילט ווי אַזוי ער און אַ קליינע גרופּע „אחים לדעה" האָבן גע־לייגט דעם פונדאַמענט פון אַ פּועלי ציון פאַראיין אין טאָראָנטאָ, אין 4—1905. די ערשטע פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען ביי אים אין הויז, אָנפאַנג זומער, 1904. מ'פלעגט האָבן נאָך דעם פאַרזאַמלונגען ביי אים אין הויז, 20 סענטער עווע. דערנאָך ביי חבר הוטניק. זיי האָבן געהאַט אַ שווערן קאַמף צו קריגן אנערקענונג אַלס ציוניסטן און נאָך אַ שווערערן קאַמף צו באַקומען אנער־קענונג ביי די אידישע אַרבעטער. יעדער איינער איז געוואָרן אַ קליינער „אַגיטאַטאָרל". „זיצנדיק ביי די מאַשינעס אין די שעפּער ביי דער אַרבעט", דערציילט חבר סילווערמאַן, „ניט קוקנדיק אויף די אויפזעערס, פלעגן מיר אָפּשטעלן די מאַשינען, און אַז מיר האָבן דערטאַפּט אַן אַרבעטער, וואָס האָט אָנגעהערט צו דער סאָציאַליסטישער אָדער אַנאַרכיסטישער אידעאָלאָגיע, האָבן מיר גלייך פאַרפירט דעבאַטן כדי צו איבערצייגן אים אין זיינע טעותן און אין אונזערע אמתן"[50].

מיר האָבן פריער דערמאָנט, אַז אַ קולטור פאַראיין, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן סוף אָקטאָבער אָדער אָנפאַנג נאָוועמבער 1904, האָט אַריינגענומען חברים פון פאַרשידענע ריכטונגען. אייניקע פּועלי ציון זיינען אין דעם ווינ־טער 4—1905 געוואָרן מיטגלידער פון דעם דאָזיקן סאָציאַליסטישן, פּראָג־רעסיוון פאַראיין. אַנדערע פּועלי ציוניסטיש געשטימטע חברים זיינען געווען מיטגלידער פון דעם ציוניסטישן פאַראיין „בני ציון". אין אַ קאָרעספּאָנדענץ אין דער „אידישער פרייהייט" פון לאָנדאָן, ענגלאַנד, האָט אַ טאָראָנטער פּועלי ציון געשריבן, אַז אָנפאַנג 1905 זיינען שוין געווען אַ היפּשע צאָל פּועלי ציון חברים אין טאָראָנטאָ (25—30) און אַז ס'וועט זיך באַלד אָרגאַ־ניזירן אַ פּועלי ציון פאַראיין, און פיל מיטגלידער פון דעם ציוניסטישן פאַר־איין „בני ציון" און פון דעם פּראָגרעסיוו סאָציאַליסטישן פאַראיין וועלן זיך פאַראייניקן מיט די פּועלי ציון, און אַז דערצו איז אָבער נויטיק, אַז די פאַראייניקטע פּועלי ציון פון ענגלאַנד זאָלן העלפן מיט ראָט און טאָט[51].

ס'האָט אָבער גענומען נאָך עטלעכע חדשים ביז דער פאַראיין איז אָפיציעל געגרינדעט געוואָרן. לויט ידיעות אין די צייטונגען איז דר. י. באַכראַך פון דעם מאָנטרעאָלער פּועלי ציון פאַראיין געווען ביי דער גרינדונג. דר. באַכ־ראַך איז צו יענער צייט נאָך געווען אַ מיטגליד פון די טאָראָנטער „בני ציון". דעם 6טן אויגוסט 1905 איז פאָרגעקומען, לויט אַ ידיעה אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס", די ערשטע מאַסן־פאַרזאַמלונג מיט דר. באַכראַך אַלס רעדנער און ס'איז געשאַפן געוואָרן דער טאָראָנטער פּועלי ציון פאַראיין. דר. באַכראַך האָט גערעדט אויף דער טעמע: „פּועלי ציון און איר אויפ־גאַבע". ער האָט אויך גערעדט וועגן די מאַרטירער אין סאַכאַלין און ס'איז געזאַמלט געוואָרן פאַר זיי $2.60. משה בירשטיין האָט אין זיינע, ניט גע־דרוקטע, זכרונות געשריבן, אַז ער האָט איינגעלאַדן דר. באַכראַך, וועלכער

פלעגט אָפט קומען געשעפטלעך אין טאָראָנטאָ, צו האַלטן די דערמאָנטע לעקציע.

חבר סילווערמאַן געדענקט, אַז די פאָלגנדע חברים זיינען צוזאַמען מיט אים געווען די גרינדער פון דעם פאַראיין: לייב הוטניק, משה בירשטיין, ש. שאַפּיראָ, פּערלמוטער, קראל, ווייס, ברוידע, נאָוויק, לאַפּידות, קאַטץ, האַלצמאַן. אַביסל שפּעטער זיינען צוגעקומען ל. באַגראַד, וועלכער איז געווארן איינער פון די אַקטיווסטע חברים; לייבל, פּערסיקער, טענצער, פאולין, קאַנטאר, טוזמאַן, לייב האָדעס און ש. דזשוליען. משה בירשטיין גיט אָן אויך די פאָלגנדע נעמען פון גרינדער פון דעם טאָראָנטער פּועלי ציון פאַראיין: פרידמאַן, ראָזענשפּיר, מאַנסטער, חברה מאַנסאָן (בעסי קראַניק) און זיין (משה בירשטיינס) ברודער.

מ'האָט געדונגען אַ צימער אויף 98 אַלבערט סטריט און מ'האָט אָנגעהויבן פירן רעגולערע פאַרזאַמלונגען. חבר סילווערמאַן דערציילט, אַז ער איז דערוויילט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר (קאָרעספּאָנדענץ און פינאַנצן), און אַז ער האָט אָנגעהאַלטן דעם אַמט ביז דעם ווינטער פון 1911—1912, ווען ער האָט פאַרלאָזט טאָראָנטאָ. אין דער זעלבער צייט האָבן אויך געדינט אַלס פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַרן, אָדער אַלס צייטונגס קאָרעספּאָנדענטן, ש. שאַפּיראָ, ש. פּערסיקאָף, א. נאָוויק.

אין טאָראָנטאָ, האָט זיך, פאַרשטייט זיך, אויך אָנגעהויבן דער וויכוח צווישן די „פּאַלעסטינצעס" און „טעריטאָריאַליסטן". ביי אַ פאַרזאַמלונג דעם 15טן אָקטאָבער 1905, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער פאַראיין בלייבט אַ פּאַלעסטינישער אָבער מען זאָל ניט אויסשליסן אַזעלכע חברים טעריטאָריאַליסטן, וועלכע זיינען ניט קעגן פּאַלעסטינע. אין פאַראיין איז פאַרבליבן, לויט חבר מ. בירשטיין, איין ס. ט., חבר פרידמאַן, וועלכער פלעגט אַלעמאָל קלאַפּן אין טיש און שרייען „דאָס פאָלק וויל ברויט און איר גיט אים ראָמאַנטיק". אגב, פלעגט ש. שניאור פון מאָנטרעאָל, ווען ער איז נאָך געווען אַ חבר פון די ס. ט. אויך נוצן דעם דאָזיקן אויסדרוק.

זיי האָבן געבראַכט ד. אַבערסאָן פון ניו יאָרק פאַר דריי לעקציעס. דעם 9טן נאָוועמבער האָבן זיי געהאַט צוויי פאַרזאַמלונגען, וואו אַבערסאָן האָט גערעדט אויף די טעמען „ציוניזם און סאָציאַליזם" און „די רוסישע רעוואָלוציע און די אידן פראַגע". דעם 7טן יאַנואַר 1906, האָט מען ביי אַ מיטינג באַשלאָסן אויסצופּלעטן פּרצ'עס שריפטן לטובת דער פּועלי ציון ביבליאָטעק. מ'האָט קאָרעספּאָנדירט מיט דעם מאָנטרעאָלער פאַראיין וועגן אַראָפּברענגען מאַדאַם בעלאַ פּעווזנער.

ס'איז, ווייזט אויס, אין דעם טאָראָנטער פּועלי ציון פאַראיין געווען גאָר אַ קליינע צאָל ס. ט. און ווען ס'איז פאָרגעקומען די שפּאַלטונג אין די לעצטע חדשים פון 1905, איז דאָ קיין ס. ט. פאַראיין ניט געגרינדעט געוואָרן. ביי דער ערשטער ס. ט. קאָנווענשאַן, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 18טן אָקטאָבער 1906, איז באַריכטעט געוואָרן, אַז „אַן ס. ט. פאַראיין עקזיסטירט אין טאָראָנטאָ זינט 2 מאָנאַטן. דער צווייג איז געגרינדעט געוואָרן דורך שטענדי־

קער קאָרעספּאָנדענץ צווישן דעם אַקציאָנס קאָמיטעט און אַ חבר, וועלכער האָט זיך געפונען אין יענעם געגנט״... באַשטייט איצט פון 25 חברים״...

אָנפאַנג 1907, האָט חבר אַפּעלבוים באַזוכט דעם פּועלי ציון פאַראיין. שפּעטער אין דעם זעלבן יאָר איז טאָראָנטאָ ווידער באַזוכט געוואָרן פון דר. באַכראַך פון מאָנטרעאָל. אין יענעם יאָר האָבן שוין די חברים אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אָפּהאַלטן ,,אָפּן עיר״־מיטינגען און דער פּרעסטיזש פון דער אָרגאַניזאַציע האָט אָנגעהויבן וואַקסן. דער צענטראַל קאָמיטעט האָט אָבער אין אָקטאָבער פון דעם זעלבן יאָר געהאַלטן, אַז דער טאָראָנטער פּועלי ציון פאַראיין איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן [52].

אין 1908 האָט דער פאַראיין שוין אָנגעהויבן אָפּצוהאַלטן זיינע מיטינגען אין ציון אינסטיטוט, 249 סימקאָ סטריט. אין אַ קאָרעספּאָנדענץ אין דער מאָנטרעאָלער צייטונג, שרייבט חבר סילווערמאַן, אַז ,,צוליב די זומערדיקע מאָנאַטן און צוליב פאַרשידענע אַנדערע סיבות, איז זיי ניט געלונגען אָנצוהאַלטן רעגולערע מיטינגען. איצט אָבער ווערן אָפּגעהאַלטן פאַרזאַמלונגען יעדן זונטיק, 2 אַזייגער נאָכמיטאָג, מיט גוטע פאָרלעזונגען, לעקציעס און דעבאַטן איבער אידישער געשיכטע, פּאָליטישע עקאָנאָמיע, ליטעראַטור און צייט־פראַגן״. ער לאָזט וויסן, אַז פּאָר חנוכה וועלן די חברים מאַכן אַ הויז־צו־הויז זאַמלונג פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד און אַז דער פאַראיין גרייט זיך צו אַראַנזשירן ,,אַ חנוכה־פעסט און אַ ליטעראַרישן אָוונט מיט אַ פרייען בוך ראַפל״ [53]. זיי האָבן אין יענעם יאָר זיך באַטייליקט אין אַ קאָנפערענץ פון אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס צו ,,העלפן ראַטעווען שלום עליכם״, וועלכער איז דאַן קראַנק געוואָרן.

פּונקט ווי אין מאָנטרעאָל, האָט זיך אויך אין טאָראָנטאָ באַלד אָנגעהויבן דאָס אַוועקפאָרן פון חברים אין די פאַראייניקטע שטאַטן; אזוי ווי זיי זיינען געווען נעענטער צו צענטראַלע אַמעריקאַנער פּונקטן, איז די אויסוואַנדערונג פון טאָראָנטאָ געווען אַ גרעסערע. יעדנפאַלס פון די ווייטערדיקע באַריכטן אין די צייטונגען זעט מען, אַז דער פאַראיין איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן. אפילו די פאַראייניקונגס־קאָנווענשאָן אין 1909 האָט ניט געהאָלפן. קיין ס. ט. חברים זיינען ניט אריינגעקומען. די ס. ט. זיינען דאַן צעפאַלן געוואָרן אַלס אָרגאַניזירטע גרופּע.

ס׳וועט דאָ זיין אינטערעסאַנט צו דערמאָנען, אַז אַרום יענער צייט האָט חבר פּרוזשאַנסקי געשריבן צו חבר לבדי אין וויניפּעג, אַז דער צענטראַל קאָמיטעט האָט אים געלאָזט וויסן, אַז דער פאַראיין אין טאָראָנטאָ עקזיסטירט פּאַקטיש ניט. אין אַן אַנדערן בריוו פון חבר פּרוזשאַנסקי צו חבר לבדי זאָגט ער, אַז טאָראָנטאָ ענטפערט ניט אויף זיינע (פּרוזשאַנסקיס) בריוו און אַז ער וועט זיך ווענדן צו די חברים אין האַמילטאָן צו טאָן עפּעס אין טאָראָנטאָ. ביי דער זיצונג פון דעם גרעסערן צענטראַל קאָמיטעט, אין מערץ 1910, איז באַריכטעט געוואָרן, אַז אין טאָראָנטאָ איז ביי די פּועלי ציון אַ פּאַסיווע שטימונג.

אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פון דר. י. גאָלדסטיק, געדרוקט אין „קענעדער אָדלער", ווערט איבערגעגעבן אַ קורצער איבערזיכט פון דער געשיכטע פון דעם פּועלי ציון פאַראיין. דער פאַראיין, דערציילט דר. גאָלדסטיק, האָט זיך געגרינדעט מיט 7—8 מיטגלידער. געווען אַ הייפעלע מענטשן, וואָס האָבן ניט געשפּאָרט קיין מי און קיין געלט פאַר זייער אידעאַל. זיי האָבן געגעבן לעקציעס, פאַרשפּרייט ליטעראַטור, געזאַמלט געלט פאַר ציוניסטישע פאָנדן; „געבראַכט די גרעסטע אָפּפער פאַר זייער אָרגאַן „דער קעמפּער". אַ דאַנק זייער אומדערמידלעכער אַרבעט האָט זיך דער פאַראיין אויפגעהאַלטן און אָפט אפילו געווען דערפאָלגרייך ביי פילע אונטערנעמונגען. „דער פאַראיין איז געווען אין דער גלענצנדסטער לאַגע נאָך מאַדאַם פעוזנערס באַזוך. „פון אַ הייפעלע זיינען זיי געוואָרן 60 מעמבערס". דער ענטוזיאַזם איז אָבער אַריבער, מיטגלידער האָבן אָנגעהויבן אָפּפאַלן און דער פאַראיין איז געבליבן ביי דער זעלבער צאָל מיטגלידער, וואָס פאַר מאַדאַם פעוזנערס באַזוך; געהאַט אַ סך דורכפאַלן מיט זייערע אונטערנעמונגען; זיי האָבן אָבער קיינמאָל ניט אויפגעגעבן די האָפנונג, ביי אַ געלעגנהייט ווידער אויפצולעבן דעם פאַראיין. דר. גאָלדסטיק האָט פאַרענדיקט זיין באַריכט מיט אַ באַשרייבונג פון אַ באַזוך, וואָס חבר אוורונין האָט געמאַכט אין טאָראָנטאָ, נאָך דער 5טער פּועלי ציון קאָנווענשאָן. ער האָט אַריינגעבראַכט אַ ניי לעבן ביי די חברים אין טאָראָנטאָ. דער פאַראיין האָט זיך פאַרגרעסערט און האָט שוין „15 מעמבערס"... דער פאַראיין האָט זיך געהאַלטן פעסט און איז געווען פול מיט האָפנונג [54]).

אין אַפּריל 1911, איז ווידעראַמאָל אָרגאַניזירט געוואָרן אַן ס. ט. פאַראיין אין טאָראָנטאָ. די צאָל ס. ט. חברים האָט זיך פאַרגרעסערט דורך אימיגראַציע. דער נייער פאַראיין איז געווען גאַנץ אַגרעסיוו און האָט אפילו צוגעצויגן אייניקע געוועזענע סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן [55]). צו דער זעלבער צייט האָבן אייניקע פּועלי ציון חברים פאַרלאָזן די שטאָט. אין דעם ווינטער פון 1911—1912 האָט חבר א. ז. סילווערמאַן שוין אויך אָנגעהויבן זיך גרייטן אַוועקצופאָרן און דער פּועלי ציון פאַראיין האָט זיך געהאַלטן ביים צעפאַלן.

אין האַמילטאָן האָט דאַן געוואוינט חבר פישל וואַלערשטיין. ער איז אַהין אָנגעקומען אַרום סעפּטעמבער 1911. ער איז אין האַמילטאָן שוין געוואָרן אַן איבערצייגטער פּועלי ציון, אָבער אָפיציעל איז ער ניט געווען אָנגעשלאָסן אין דער פּאַרטיי. ער איז אין האַמילטאָן פאַרבליבן כמעט ביזן סוף נאָוועמבער 1911, און האָט דאַן באַשלאָסן איבערפאָרן קיין טאָראָנטאָ. אָנקומענדיק אין טאָראָנטאָ האָט ער זיך ניט געקאָנט באַרואיקן, זעענדיק אַז אין שטאָט זיינען פאַראַן אַרום 30—40 גוטע חברים און קיין פּועלי ציון פאַראייך איז ניטאָ. האָט ער אויסגעפונען זייערע אַדרעסן און האָט זיי אַרויסגערופן צו אַ פאַרזאַמלונג און 20 חברים זיינען געקומען.

ביי יענער פאַרזאַמלונג האָט חבר וואַלערשטיין אויפגעלעבט אָדער רעאָרגאַניזירט דעם פאַראיין. אזוי ווי חבר א. ז. סילווערמאַן האָט שוין ניט

געקענט, אָדער ניט געוואָלט, זיין סעקרעטאַר, איז חבר פישל וואַלערשטיין דערווײַלט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר פון דעם פאַראיין. ער האָט אָבער לאַנג אין טאָראָנטאָ ניט געקענט פאַרבלײַבן. נאָך דרײַ מאָנאַטן איז ער אַוועקגעפאָרן צוריק קיין האַמילטאָן. זײַענדיק אין האַמילטאָן, פלעגט ער אָפט באַזוכן טאָראָנטאָ. ער איז ווידער געקומען קיין טאָראָנטאָ צו באַזעצן זיך, אין 1919. נאָך חבר וואַלערשטיינס אַוועקפאָרן איז חבר ד. לאַפּידוס געוואָרן דער סעקרעטאַר פון דעם פועלי ציון פאַראיין. פון דער צייט ווען דער פאַראיין איז רעאָרגאַניזירט געוואָרן האָט ער אָנגעהויבן וואַקסן און אַנטוויקלען זיך אויף אַ גרויסן פאַרנעם. אַזוי אַרום האָבן די קינדער־יאָרן, דער פּעריאָד פון וואוקס און פאַרוואָרצלונג, וועלכער איז אַגב געווען רייך אין טעטיקייטן — זיך פאַרענדיקט אין טאָראָנטאָ אין 1912.

פּונקט ווי זייערע מאָנטרעאָלער חברים, האָבן די פועלי ציון אין טאָראָנטאָ אַלעמאָל זיך אָפּגערופן אויף אַלע פראַגן פון אידישן און אַלגעמיינעם אַרבעטער לעבן אין זייער שטאָט. אויך זיי האָבן פּראָטעסטירט קעגן די פּאָגראָמען, צוזאַמען מיט די ס. ט. האָבן זיי גערופן אַ קאָנפערענץ (ס'זיינען געקומען פאָרשטייער פון 37 אָרגאַניזאַציעס) צו פּראָטעסטירן קעגן דעם ביילים בלוט־בלבול [56]). אויך זיי האָבן אָנגענומען שטעלונגען ווען ס'איז געוואָרן אַ יקרות אויף פלייש אָדער ברויט; ענינים פון כלל ישראל האָבן אויך געהאַט אַן אָפּקלאַנג ביי זייערע פאַרזאַמלונגען. האָבן די מיסיאָנערן פאַרשטאַרקט זייער טעטיקייט אין די אידישע קוואַרטאַלן, האָבן די פועלי ציון געהאַנדלט קעגן זיי. די עלטערע חברים געדענקען נאָך, ווי חבר חנא פלעגט זיך אַוועקשטעלן מיט אַ גראַמאָפאָן צו שפּילן פּונקט נעבן דעם אָרט, וואו דער מיסיאָנער האָט אָנגעהויבן זיין רעדע. די פועלי ציון האָבן אויך אָנגעהויבן אָפּהאַלטן „אָפענע עיר" פאַרזאַמלונגען, כדי אַוועקצוציען דעם עולם פון די פאַרזאַמלונגען פון די מיסיאָנערן. ס'זיינען אויך פאָרגעקומען געשלעגן ביז מ'האָט די מיסיאָנערן פאַרטריבן פון דעם אידישן קוואַרטאַל.

דער פּעריאָד פון 1912 ביז 1915 איז געווען אַ פּעריאָד פון גרויס אַנטוויקלונג און פאַרשטאַרקונג. אין דעם דאָזיקן צייט־אָפּשניט זיינען צוגעקומען אַ גרויסע צאָל חברים און חברות.

די יאָרן 1912—1914 זיינען געווען זייער פּרוכטבאַרע. אין מיטן 1913 האָט זיך דער פאַראיין ווידער רעאָרגאַניזירט און פון יענער צייט אָן האָט ער אָנגעהויבן צו שפּילן אַ גרויסע ראָלע ניט נאָר אין דער באַוועגונג נאָר אין דעם אידישן לעבן פון טאָראָנטאָ בכלל.

די יאָרן 1914—1920, דער דריטער פּעריאָד אין דער 15־יעריקער געשיכטע פון דעם טאָראָנטער פּאַרטיי פאַראיין — זיינען געווען די צייט, ווען דער טאָראָנטער פּאַרטיי פאַראיין האָט אין פיל הינזיכטן דעריאָגט און אויך איבערגעיאָגט דעם מאָנטרעאָלער פאַראיין. חברים אין טאָראָנטאָ זיינען געווען די ערשטע צו נעמען די איניציאַטיווע אין דער מלחמה־הילפס־אַרבעט; זיי זיינען געווען די ערשטע דורכצוברעכן די פעסטונגען פון די געגנאָסן אין קאַנאַדע; זיי האָבן געמאַכט אַ ווירדיקן בייטראָג צו דער צוזאַמענרופונג פון

קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס; זיי זיינען געוואָרן אַ פעסטונג־שטאָט פאַר דעם אידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד.

דער פאַראיין האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרגרעסערן. אין 1916 האָבן זיי געהאַט 80 חברים און אַ שטענדיקן לאָקאַל אויף 123 בעווערלי סט. זיי האָבן אויך געהאַט אַ פּועלי ציון פרויען גרופּע. צום סוף פון יאָר 1916 האָט מען געהאַט אַן אייגענעם לאָקאַל אויף ספּאַדיינא קאָרנער ענדרוס (פּועלי ציון און פאַרבאַנד אינסטיטוט). אין 1916 האָבן די פּועלי ציון גענומען די איני־ציאַטיווע צו אָרגאַניזירן די שלום עליכם־קאָנפערענץ און געהאָלפן שאַפן אַ היפּשע סומע פארן שלום עליכם פאָלקס־פאָנד. אין יאַנואַר, 1917, איז גע־מאַכט געוואָרן אַ פאַרזוך, לויט דער איניציאַטיווע פון חבר יהודה קויפמאַן, צו שאַפן אַן ענגליש ריידנדיקע גרופּע פּועלי ציון. די גרופּע איז באַשטאַנען פון 8 חברים, אַ טייל פון זיי האָבן געהערט צו דער ציוניסטישער אָרגאַני־זאַציע (אין דעם נאָרדוי־קלוב). זיי האָבן געבעטן אַ דערלויבעניש ביי דעם צענטראַל קאָמיטעט דאָרט וויטער צו בלייבן, אָבער דער צ. ק. האָט דאָס ניט דערלויבט.

אין 1918 איז אין טאָראָנטאָ אויך געגרינדעט געוואָרן, לויט דער איני־ציאַטיווע פון דר. סעם הורוויץ, חיים פאַבריקאַנט (איצט אין שיקאַגאָ) און י. זאַלצבערג, אַ פּועלי ציון קולטור פאַראיין. דעם 15טן מערץ האָבן זיי אָפּ־געהאַלטן זייער ערשטע פאַרזאַמלונג. אין דעם זעלבן יאָר איז פאָרגעקומען די צווייטע און לעצטע פאַראייניקונג מיט די ס. ט. אַביסל שפּעטער האָבן גראַדואירט פון דער יוגנט אַ צאָל חברים און חברות. צווישן זיי זיינען געווען חיים לאַנגער און אידא קראקאווער, וועלכע זיינען שפּעטער, פּונקט ווי דר. הורוויץ און חיים פאַבריקאַנט, געוואָרן פירנדיקע מענטשן אין דער באַוועגונג.

דער טאָראָנטער פּועלי ציון פאַראיין איז ניט אָפּגעשטאַנען פון דעם מאָנטרעאָלער פּועלי ציון פאַראיין אין זייער פּראָפּאַגאַנדע, זעלבסטדערצי־אונג און קולטור אַרבעט, באַזונדערס אין די לעצטע יאָרן. זיי האָבן נאָך פאַר 1914 שוין פאַרמאָגט אַ צאָל אייגענע חברים, וואָס האָבן געלייענט רעפע־ראַטן און אָנגעפירט מיט דיסקוסיעס. דאָ דאַרפן דערמאָנט ווערן די חברים ש. דזשוליען, ש. ש. שאַפּיראָ, ל. באגראד, ל. האדעס און שפּעטער ישראל פריימאַן, מאַקס מענסאן, ל. דזשיי פרענקעל, יודל גערטלער, אברהם ריינ־ווין און אַנדערע. חבר אברהם ריינווין האָט זיך אָנגעהויבן צו דערנענטערן צו דער פּאַרטיי נאָך אין 1916—1917 און פלעגט שוין דאַן לייענען לעק־ציעס ביי פּאַרטיי פאַרזאַמלונגען. די ס. ט. אין טאָראָנטאָ האָבן נאָך אין אָנפאַנג מאַי, 1917, געשטימט פאַר פּאַלעסטינע [57]. אויסער דעם פלעגן די פּועלי ציון אַראָפּברענגען פון ניו יאָרק אַלס געסט די פירנדיקע חברים פון דער פּאַרטיי און פאַרבאַנד. חבר יהודה קויפמאַן פון מאָנטרעאָל איז געווען אַן אָפטער באַזוכער און געגעבן דאָ סעריעס פון לעקציעס. טאָראָנטאָ איז אויך באַזוכט געוואָרן פון די ארץ־ישראל חברים זרובבל, בן גוריון, אַלעק־סאַנדער כאַשין. אין 1914—1915 זיינען צו זיי אויך געקומען ש. קאַפּלאַנסקי און דוב בער באָראָכאָוו.

מיר האָבן שוין דערמאָנט די ערשטע סעקרעטאַרן פון דעם פאַראיין. אויסער זיי האָבן אין דעם דאָזיקן צייט־אָפּשניט געדינט אַלס סעקרעטאַרן די חברים אליעזר פרענקעל, מ. קרעמער, ל. ראָזענבערג און אַנדערע.

ווי נ י פ ע ג

פון אַלע גרעסערע שטעט אין קאַנאַדע, איז וויניפעג געווען די לעצטע שטאָט, וואו ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן פועלי ציון.

י. א. טשערניאַק שרייבט אין זיינע זכרונות, אַז אין אָנהויב 1905, איז אין דער „ראַדיקאַלער" גאַס אין וויניפעג, געווען אַ קליינע ביבליאָטעק, וואָס האָט זיך גערופן „ראַדיקאַלע ביבליאָטעק". די ביבליאָטעק איז געגרינ־דעט געוואָרן סוף 1904 אָדער אָנפאַנג 1905 פון ס. ד., ס. ר. און אַנאַרכיסטן. אַרום דער ביבליאָטעק האָבן זיך גרופירט אַלע ראַדיקאַלן, סאָציאַל דעמאָקראַטן, סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן, געוועזענע בונדיסטן, אַנאַרכיסטן און אַ בן־יחיד, אַ פועלי ציון. דער לעצטער „האָט געדאַרפט זיין שטאַרקער פון אייזן אויסצוהאַלטן דעם סאַרקאַזם און די גרינגשעצונג, וואָס די איבעריקע חב־רים האָבן צו אים אַרויסגעוויזן" [58]). דער נאָמען פון דעם דאָזיקן חבר איז געווען יעקב פרידמאַן. ער איז אַריין אין דער ס. ט. גרופּע און אין 1909 איז ער אַריבער צו די פועלי ציון.

אין 1906, מיט דעם אָנקומען פון נייע אימיגראַנטן, האָבן די דריי באַזונ־דערע ראַדיקאַלע ריכטונגען, וועלכע האָבן זיך גרופירט אַרום דער „ביבליאָ־טעק" געשאַפן באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס. ס׳האָט זיך געגרינדעט אַ סאָ־ציאַל דעמאָקראַטישער פאַראיין, אַן ס. ט. פאַראיין און אַ פועלי ציון פאַראיין. די ס. ט. האָבן זיך אָרגאַניזירט אין יולי 1906 מיט 5 חברים און אין דריי חדשים אַרום האָבן זיי געהאַט 35 חברים [59]). דער פועלי ציון פאַראיין איז געגרינדעט געוואָרן לויט דער איניציאַטיווע פון אהרון אסאַווסקי. אהרון אסאַווסקי איז געקומען אין וויניפעג נאָך אין 1904.

חבר לבדי דערציילט אין זיינע זכרונות ווי אזוי זיי האָבן געגרינדעט דעם פועלי ציון פאַראיין: „אין דעם „בני ציון" בית מדרש האָב איך זיך באַגעגנט מיט אהרון אסאַווסקין און מאיר בערעזקין. מיין ברודער זלמן זאַס־לאַווסקי האָט מיך מיט זיי און אַנדערע „בני ציון" באַקענט. ס׳איז געווען אסאָווסקיס געדאַנק און ענערגיע, וואָס האָט געפירט צו דער שפּאַלטונג פון די „בני ציון" און דער גרינדונג פון דעם ערשטן פועלי ציון פאַראיין אין מערב קאַנאַדע. ער האָט דערפילט, אַז ער האָט נאָך צוויי פּראָספּעקטיווע חברים האָט ער גערופן די ערשטע באַראַטונגס־פאַרזאַמלונג, דינסטיק נאָך שמחת־תורה, דעם 17טן אָקטאָבער 1906, אין הויז פון זיין שוואָגער, איליושאַ דאנער, 330 מאַניטאָבאַ עווע. סיי אָסאָווסקי, סיי דאנער זיינען געווען שוואַרצע אַרבעטער ביי דער „קענעדיען פּאַסיפיק" באַן געזעלשאַפט. ס׳זיינען געווען אַנוועזנד אהרון אסאַווסקי, איליושא דאנער, שלמה ציוקין, מאיר בערעזקין, פנחס (פּיטער) צוואַנקין, ש. איטקין און י. א. זאַסלאַווסקי־לבדי. ס׳איז באַ־

שלאָסן געוואָרן וועגן דער גרינדונג, פּראָפּאַגאַנדע, ווערבירונג פון מיטגלי־דער, אָנשלוס צום צענטראַל קאָמיטעט אין ניו יאָרק, וועגן באַציען מאַ־טעריאַלן, דינגען אַ לאָקאַל, וועגן דערציאונגס אַרבעט, קולטורעלע אַרבעט, לעקציעס, שאַפן אַ ביבליאָטעק, אַ כאָר, אַ דראַמאַטישע אָפּטיילונג א. א. וו. און דורכצופירן די פּראָגראַם אין לויף פון דער צייט איינס נאָך איינס, לויט די מעגלעכקייטן"... אהרון אסאַווסקי איז דערוויילט געוואָרן אַלס סעקרע־טאַר. ער איז געווען אַ דינאַמישער פירנדער חבר. באַלד נאָך דער גרינדונג פון דעם פאַראיין האָט בעלאַ פּעווזנער באַזוכט וויניפּעג. זיי האָבן אָראַנזשירט פיר לעקציעס און האָבן פאַרשטאַרקט זייער השפעה [60].

אין 1907 האָבן זיי געגרינדעט די ערשטע פּועלי ציון ביבליאָטעק און אין 1908 אַ דראַמאַטישע סעקציע, וואָס האָט אויפגעפירט „בר כוכבא", „חורבן ירושלים", „שולמית". אין די דאָזיקע אויפפירונגען האָבן זיך אויך באַטייליקט חברים און חברות פון דעם ס. ט. פאַראיין. ס'האָט אויך עקזיס־טירט אַ געזאַנג פאַראיין.

די פּועלי ציון חברים האָבן געהאַט צוזאַמענשטויסן מיט קעגנער פון רעכטס און פון לינקס. ווען בעלאַ פּעווזנער איז צו זיי געקומען אין 1906, האָבן די קעגנער פון לינקס, איינשליסנדיק אויך די ס. ט., איר געשטערט, און זי האָט, ווי חבר לבדי שרייבט אין זיינע זכרונות, געחלשט אינמיטן פון איר לעקציע. מ'האָט זי אָפּגעמינטערט און זי האָט פאַרענדיקט איר לע־קציע. נאָך בעלאַ פּעווזנערס באַזוך זיינען צו זיי געקומען לייענען לעקציעס די חברים עפּעלבוים, דר. באַכראַך, ד. אבערסאָן. אין 1909 האָבן זיי מיט גרויס פּאַראַד אויפגענומען יעקב פרידמאַן, וועלכער איז צו זיי אַריבערגעגאַנגען פון דעם ס. ט. פאַראיין. אין יענער צייט האָט זיך אָנגעהויבן אַ ירידה איןביידע פאַראיינען. חברים האָבן אָנגעהויבן זיך פונאַנדערצופאָרן און ביידע, די ס. ט. און די פּועלי ציון זיינען געוואָרן שטאַרק אָפּגעשוואַכט.

דער פּועלי ציון פאַראיין האָט נאָך צו דעם אַלעמען פאַרלאָרן זיין סע־קרעטאַר. אין 1909 זיינען פאָרגעקומען פעדעראַלע וואַלן. די קאַנאַדער סאָ־ציאַליסטישע פּאַרטיי איז געווען קעגן איינוואַנדערונג. אייניקע חברים, צווישן זיי אסאַווסקי און לבדי, האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף שטיצן די ליבעראַלע פּאַרטיי, וועלכע איז געווען פאַר אַריינלאָזן אימיגראַנטן. א. אסאַוו־סקי האָט זיך טאַקע באַטייליקט אין די וואַלן, פאַר דער ליבעראַלער פּאַרטיי, און האָט צוליב דעם רעזיגנירט פון דער פּאַרטיי. דעם אַמט פון סעקרעטאַר פון דעם פּועלי ציון פאַראיין האָט איבערגענומען חבר לבדי, אָבער דער פאַראיין האָט קוים עקזיסטירט. דער ס. ט. פאַראיין איז נאָך דער שיקאַגער פאַראייניקונגס קאָנווענשאַן, אינגאַנצן צעפאַלן געוואָרן.

אין אָקטאָבער 1909 איז געקומען צו די פּועלי ציון אב. גאָלדבערג. דאָס איז געווען נאָך דער פאַראייניקונגס קאָנווענשאָן. ער האָט געהאַלטן דריי פאָרטראַגן: „די אידישע ליטעראַטור"; „די רעוואָלוציע אין אָריענט אין פאַרבינדונג מיט דער אידנפראַגע"; „די פאַרלאָרענע האָפנונג און די געבי־טענע שטרעמונגען אין דער אידישער גאַס". צו די פאָרטראַגן זיינען געקו־

מען 650 צוהערער, אַ ריזיקער עולם פאַר יענער צייט. „ס'האָט זיך דאַן געגרינדעט אַ נייער פועלי ציון פאַראיין, צו וועלכן עס זיינען צוגעשטאַנען די מיטגלידער פון דעם אַלטן פאַראיין. די צאָל מיטגלידער האָט דערגרייכט 20" [61].

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַן ענערגישע אַרבעט פאַר פאַרשידענע פאָנדן און ספּעציעל פאַר דער באַנייאונג פון דעם „קעמפּער". „מ'האָט באַשלאָסן, אַז יעדער חבר דאַרף צאָלן $3.00 אַ יאָר „מעמבערשיפּ", קויפן דעם אַלגעמיינעם שקל, דעם פּאַלעסטינער ביוראָ שקל און אַבאָנירן דעם „אידישן קעמפּער". דער וויניפּעגער פאַראיין האָט דורך דעם „קענעדער אָדלער" געבעטן די מאָנטרעאָלער חברים צו שטעלן זיך מיט זיי אין פאַרבינדונג [62].

די אויפלעבונג וואָס איז געקומען סוף, 1909, האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. דער פאַראיין אָדער די גרופּע האָט צו דער צייט פון דער 5טער קאָנווענשאַן אין אָקטאָבער, 1910, כמעט אויפגעהערט צו עקזיסטירן. חבר עהרנרייך האָט דאַן געשריבן צו לבדיק, אַז ער ווייסט, אַז ער איז כמעט איינער אַליין, דאָך האָט ער אים געבעטן צו קומען צו דער קאָנווענשאַן. חבר לבדי איז געקומען מיט אַ פּראַכט־צוג, וואָס פּירט בהמות. די „פּאַסאַזשירן" אויף אַזעלכע באַנען פאָרן פריי, אַן אָפּצאָל, און זיי דאַרפן דערפאַר אַכטונג געבן אויף די בהמות, געבן זיי עסן און טרינקען. דער אופן ווי אַזוי לבדי איז אָנגעקומען קיין מאָנטרעאָל, האָט געמאַכט אַ רושם אויף אַלע דעלעגאַטן. חבר עהרענרייך דערמאָנט דאָס אין זיינע זכרונות [63].

חבר לבדי איז סוף 1910 אַוועקגעפאָרן פון וויניפּעג. די איבערגעבליבענע חברים האָבן פאַר אַ לאַנגער צייט גאָרניט געטאָן צו רעאָרגאַניזירן דעם פאַראיין אָדער ווידער צונויפצוברענגען די איינצלנע חברים אין וויניפּעג אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן, און דער פועלי ציון פאַראיין איז צעפאַלן געוואָרן.

איינע פון די הויפּט שטערונגען איז געווען די גרינדונג, סוף 1910, פון דעם „יוגנט פאַראיין", צו וועלכן מיר וועלן זיך שפּעטער צוריקקערן. אייניקע חברים, וואָס וואָלטן זיך אָנגעשלאָסן אין דעם פועלי ציון פאַראיין, זיינען אַריין אין דעם „יוגנט פאַראיין". אין 1911, איז געגרינדעט געוואָרן אַ פאַראיין פון ציוניסטישער יוגנט אונטערן נאָמען „צעירי ציון". דאָס איז געווען אַ פּראָגרעסיווער פאַראיין, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט זעלבסטבילדונג און ספּאָרט און וואָס האָט שפּעטער קאָאָפּערירט מיט די פועלי ציון, אָבער ביז דער אויפלעבונג פון דעם פועלי ציון פאַראיין, האָט דער דאָזיקער פאַראיין אַריינגענומען אַ צאָל חברים, וואָס זיינען אפשר געווען סימפּאַטיש צו די פועלי ציון, און וואָס וואָלטן זיך דירעקט אָנגעשלאָסן אין דער פּאַרטיי, ווען אַ פּאַרטיי פאַראיין וואָלט געווען עקזיסטירט.

אַ פיל גרעסערע שטערונג צו דער אויפלעבונג פון די פועלי ציון איז געווען דער ציוניסטישער פאַראיין „יונגע מאַקאַבייער". די לערער פון דער תלמוד תורה, צווישן זיי, דר. י. פעלדמאַן, דר. גאָרעליק, מ. אווערבאַך, זיינען געווען צווישן די גרינדער און אָנפירער פון דיביידע פאַראיינען.

דער פּאַראײן „יונגע מאַקאַבײער" איז געגרינדעט געוואָרן אין 1913. ער האָט געהאַט אַ היפּשע צאָל חברים, וואָס זײנען געווען פּועלי ציוניסטיש געשטימט. אין אַלגעמײן איז דאָס געווען אַ ראַדיקאַלער פּאַראײן, וואָס האָט געשטיצט סטרײַקערס, וואָס האָט אפילו אַראַנזשירט לעקציעס מיט דר. חיים זשיטלאָווסקי. זײ האָבן אויך געזאַמלט געלט פאַר דעם פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד און דעם נאַציאָנאַל פאָנד. די פירנדיקע מיטגלידער זײנען געווען סעם גרין, י. סטײן, י. ערמאַן (בן־עזרא), קורצער, עדעלמאַן און אַנדערע. אין פאַרלויף פון עטלעכע יאָר איז דער פּאַראײן אויסגעוואַקסן צו 225 חברים.

לויט חבר משה פײערמאַן, האָט דער מכבײער פּאַראײן עקזיסטירט ביז יוני 1918. אין 1917 זײנען געווען זײער טעטיק אין דעם מכבײער פּאַראײן: מ. טשעקאָוו, ס. גרין, י. סטײן, ה. קורצער, עדעלמאַן און אַנדערע [64]).

אין 1914 האָט חבר שלמה (בן) אברהם, אָדער ווי מ'האָט אים שוין דאַן גערופן, אײבראַמס, אָנגעהויבן צו אַרבעטן פאַר דער אויפלעבונג פון די פּועלי ציון אין וויניפּעג. חבר אײבראַמס (באַטאַשענאָוו) איז אָנגעקומען קײן וויניפּעג אין 1908 און איז נאָך אין אַלטן פּאַראײן געווען אַ פירנדיקער חבר. ער האָט אָנגעהויבן אָרגאַניזירן דיסקוסיע־גרופּן. אָנפאַנג 1915, האָט ער אָרגאַניזירט דעם פּועלי ציון זעלבסטבילדונגס־פּאַראײן. אים האָט אַרויסגע־האָלפן חבר י. לבדי, וועלכער האָט זיך שוין דאַן צוריקגעקערט קײן וויני־פּעג. אויך חבר און חברה מײנער, ש. קאַפּלאַן און אַנדערע. זײ האָבן אָנגע־הויבן צוזאַמענצונעמען, ווי חבר לבדי שרײַבט אונז, די לויזע פּעדעם פון דעם אַלטן, צעפאַלענעם פּאַראײן און אויך צוציען די ניט־לאַנג צוגעקו־מענע סימפּאַטיקער.

אין אַ בריוו פון 4טן אַפּריל 1915, האָט חבר לבדי געשריבן צו דעם צענטראַל קאָמיטעט, אַז זײער גרופּע עקזיסטירט שוין צוויי חדשים; זײ האָבן אָפּגעהאַלטן 11 מיטינגען און אַז זײ מאַכן זאַמלונגען פאַר דעם פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד, צוזאַמען מיט די צעירי ציון און די יונגע מכבײער. לבדי איז געווען דער קאָרעספּאָנדענץ סעקרעטאַר; גלאַס, פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר; סלאָבאַדקין, פינאַנץ סעקרעטאַר; שערשאָוו, קאַסירער. זײ האָבן געבעטן מען זאָל זײ אָנשליסן אין דער באַוועגונג.

דער צ. ק. האָט נאָכגעגעבן דעם פאַרלאַנג און דער פּועלי ציון זעלבסט־בילדונג פּאַראײן איז אין אַפּריל 1915 געוואָרן אַן אָנערקענטער פּאַרטײ־פּאַראײן. אײניקע אַנדערע חברים האָבן ביסלעכווײַז זיך אָנגעשלאָסן אין דעם נײעם פּאַראײן, צווישן זײ חבר מאיר אווערבאַך, וואָס איז כמעט באַלד דערווײלט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר פון דעם פּאַראײן, אַן אַמט, וועלכן ער האָט אָנגעהאַלטן ביז אַרום 1919. דער פּאַראײן האָט זיך אויך אָנגעשלאָסן אין דעם ציון־קאָונסיל פון וויניפּעג.

נאָך חבר בן־צבי'ס באַזוך אין וויניפּעג, איז דער פּאַראײן פאַרשטאַרקט געוואָרן. מיר געפינען אין דער לאָקאַלער צײטונג אַ באַריכט, אַז „ער (בן צבי) האָט מיט זײנע שאַרפזיניקע און לעבנסדײטלעכע לעקטשורס געשאַפן אַ

פולן מאַראַלישן און אויך דערפאַלגרייכן געווינס פאַר אונזער פאַראיין... עס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אַ טייל נייע מעמבערס, אויך אַלטע חברים״ [65].

אין אַ באַגריסונג צו דער דריטער קאָנווענשאַן פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, שרייבט חבר אווערבאַך, אַז אין וויניפעגער פאַראיין האָבן זיך אין יענער צייט שוין געפונען 40 חברים [66]. פון אַ שפּעטערן באַריכט פון מ. אווערבאַך, דערוויסן מיר זיך, אַז אַלס רעזולטאַט פון זרובבלס באַזוך אין 1916, איז אַריינגעקומען אַ נייער גייסט אין דעם פאַראיין. „די חברים זיינען געוואָרן מער סאָציאַליסטיש באַוואוסטזיניק, ביז דאַן זיינען זיי געווען 99 פּראָצענט בירגערלעכע ציוניסטן און 1 פּראָצענט סאָציאַליסטן. זרובבל האָט זיי דערמאָנט וועגן זייערע התחייבותן צו די יוניאָנס, און „צו אַלע אַנדערע מינים גלות אַרבעט״. ער האָט אויף זיי אַרויפגעוואָרפן „אַ חרם״, מ׳זאָל אַרויסטרעטן פון ציון קאונסיל און האָט זיי פאַרפליכטעט ענגער זיך צו פאַרבינדן מיט דער י. ל. פּרץ שולע און מיט אַלע סאָציאַליסטישע מינים אַרבעטן, כאָטש פאַר פיל פון אונז זיינען די אויפדעקונגען קיין נייעס ניט געווען״ [67]. אייניקע ס. ט. האָבן דאַן אויך געמאַכט אַ פאַרזוך צו ווידעראָר־גאַניזירן אַ פאַראיין, אָבער זיי האָבן ניט געהאַט קיין דערפאָלג.

אין דעם זעלבן יאָר (1916) האָט דער וויניפעגער פאַראיין געשאַפן 500$ פאַר דעם פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד אין אַ הויז־צו־הויז זאַמלונג, אַ סומע, וואָס קיין אַנדער פאַראיין אין קאַנאַדע האָט ביז יענער צייט ניט דערגרייכט אין איין זאַמלונג.

דאָס יאָר 1916 איז געווען אַ יאָר פול מיט אַקטיוויטעטן. דער פאַראיין האָט זיך באַטייליקט אין דער קאָנפערענץ וועגן שלום עליכם פאָלקס פאָנד. ער האָט דורכגעפירט 14 עפנטלעכע לעקציעס און דיסקוסיעס. די חברים האָבן זיך נאָך פון פריער אַריינגעוואָרפן אין דער מלחמה־הילפס־אַרבעט, אין דער אַרבעט פאַר דעם קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס. אין יענעם יאָר האָבן זיי אויך געגרינדעט דעם צווייג 20 פון דעם אידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד און דער פּרעסטיזש פון דעם פאַראיין און פון דער באַוועגונג איז געוואָרן זייער גרויס. אָנפאַנג סעפּטעמבער 1917, האָבן זיך שוין געפונען אין דעם פאַראיין 60 גוטשטייענדיקע חברים [68]. דאַן הויבט זיך אָן אַ נאָך גרעסערע אויפלעבונג — ס׳איז אַרויס די באַלפור דעקלאַראַציע און מערב־קאַנאַדער אידן זיינען ווי עלעקטריזירט געוואָרן פון דער דאָזיקער געשעעניש.

אָנפאַנג דעצעמבער 1917, איז דר. זשיטלאָווסקי געווען אין וויניפעג — אין זיין פעסטונג־שטאָט. פאַר זיין אָפּפאָר פון וויניפעג האָט ער גערופן דעם עולם צום „אידישיסטישן ציוניזם״ און האָט „רעקרוטירט פאַר דעם פועלי ציון פאַראיין אייניקע פון די וויניפעגער ס. ט. און גלות נאַציאָנאַליסטן״ [69]. ס׳האָט זיך נאָך דעם אָנגעהויבן אין דער באַוועגונג עטוואָס, וואָס האָט ניט געהאַט קיין גלייכן אין קיין אַנדער שטאָט אין קאַנאַדע. די פירנדיקע חברים פון דעם פּרץ שולע פאַראיין האָבן אָנגעהויבן מאַסנוויז אַריינטרעטן אין דער פאַרטיי. צווישן די וועלכע זיינען דאַן אַריינגעטראָטן אין דער פאַרטיי האָבן זיך געפונען די אָנגעזעענע כלל־טוער: י. א. טשערניאַק, י. העסטרין,

י. פּערלמאַן, ב. שעפּס, מ. א. גרעי (גור־אריה), מאַרקוס הײמאַן, וו. קע־לער און אַנדערע.

אָנפאַנג 1918 ווערט ב. שעפּס דער סעקרעטאַר פון דער רעגיסטראַציע, רעפערענדום און שקלים־קאַמפּיין פאַר וויניפּעג און גאַנץ מערב־קאַנאַדע. וו. קעלער ווערט קאַסירער, מ. א. גרעי, סעקרעטאַר פון דעם פּראָפּאַגאַנדע קאָמיטעט [70]. וויניפּעג און גאַנץ מערב קאַנאַדע זײנען אויפגעשטורעמט גע־וואָרן מיט די אַקטיוויטעטן פון דער באַוועגונג. דער פּאַראײן אין וויניפּעג האָט שוין געהאַט 144 חברים, פאַרקויפט 800 שקלים, מ'איז אַרויס מיט אַ קאַמפּאַניע צו אָרגאַניזירן חברים איבער דער פּראָווינץ א. א. וו. [71]).

אין מאַי, 1918, האָט זיך דער יונגער מכבייער פּאַראײן צעטײלט, אויף אַ פרידלעכן אופן, אין צוויי גרופּירונגען. די אַלגעמײנע ציוניסטן זײנען ווײטער געבליבן מכבייער, די פּועלי ציוניסטן, אָנגעפירט פון ס. גרין און י. סטײן, האָבן זיך אָפּגעטײלט, זיך אַ נאָמען געגעבן „השחר" און אַוועק־געשיקט אַן אַפּליקאַציע צום צענטראַל קאָמיטעט זיי זאָלן אַרײנגענומען ווערן אַלס חברים. זײער צאָל איז געווען 32. נאָך אַן אויסטויש פון קאָרעספּאָנדענץ, וועגן וועלכער ס'ווערן געגעבן פּרטים אין אַ שפּעטערדיקן קאַפּיטל, האָט זיך דער דאָזיקער פּאַראײן קאָנסטיטואירט אַלס פּועלי ציון צווײג צוויי. חבר י. סטײן איז דערווײלט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר פון דעם נײעם פּאַראײן.

אין פעברואַר 1919, איז געגרינדעט געוואָרן דער אידישער סטודענטן פּועלי ציון פּאַראײן —„חרות". מ. וואַלקין איז דערווײלט געוואָרן אַלס פּרעזידענט, מיס מרגליות, וויצע פּרעזידענטין, מ. בערנשטײן, קאָרעספּאָנ־דענץ סעקרעטאַר, י. כהנא, פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר.

אזוי אַרום איז ביים אָנהויב פון 1920 געווען אין וויניפּעג אַ היפּשע צאָל אָרגאַניזירטע פּאַרטיי חברים מיט לעבעדיקע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן געמאַכט אַ וויכטיקן בײטראַג צו דער באַוועגונג און צו דער געזעל־שאַפטלעכער אַרבעט אין אַלגעמײן. הזורעים בדמעה ברינה יקצורו! זיי האָבן פיל געקעמפט און געליטן אין די פריערדיקע יאָרן, האָבן זיי דערפאַר דערלעבט צו זען אַ גרויסן אויפשטײג, ביי דעם אָפּשלוס פון די ערשטע 15 יאָר פון דער באַוועגונג, אויף דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט.

האַמילטאָן

דער פּאַרטיי פּאַראײן אין האַמילטאָן איז געגרינדעט געוואָרן דעם 12טן יולי 1906, מיט 20 חברים. אין אַ קאָרעספּאָנדענץ אין „קעמפער", געשריבן פון ב. האַלפערין, געפינען מיר אַ באַריכט וועגן אַ דערפאָלגרייכן באַזוך פון חבר אַפּעלבוים, וועלכער האָט געהאַלטן לעקציעס איבער „סאָציאַליזם און די נאַציאָנאַלע פראַגע"; „די נויטווענדיקייט פון אַ טעריטאָריע פאַר דעם אידישן פאָלק און אונזערע אויפגאַבן אין אַמעריקע און פּאַלעסטינע". „די לעקציעס און אַנטוואָרטן (אין די דיסקוסיעס) האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן אײנדרוק אויף די קעגנער און דער פּאַראײן איז באַרײכערט געוואָרן מיט

נייע מיטגלידער". ביי דעם באַנקעט האָט חבר אַפּעלבוים „באַדאַנקט דעם האַמילטאָנער פּובליקום פאַר זייער אויפמערקזאַמקייט און אויסגעדריקט זיין צופרידנקייט מיט דער טאָלעראַנץ צווישן די פּאַרטייען, אַזוי אַז קעגנער קו־מען באַגריסן דעם רעדנער פון זייער קעגן־פּאַרטיי" [72]).

דעם 31טן מערץ 1907, האָבן די האַמילטאָנער פּועלי ציון פאַררופן אַ מאַסן פאַרזאַמלונג צו פּראָטעסטירן קעגן די אידן־פאַרפאָלגונגען אין רומע־ניע. זיי האָבן אַרויסגעלאָזט 1000 פּראָקלאַמאַציעס, רופנדיק דעם עולם צו דער פאַרזאַמלונג. ס'האָבן גערעדט די חברים ה. דאַווידאָוויטש (טשערמאַן), לאַזאַרוס, ישראל שאַפּיראָ, י. ספּלאָווער און אַ קריסט, מר. פּערער. די קאָ־רעספּאָנדענץ אין „קעמפּער" איז געווען אונטערגעשריבן פון פ. שעפּטעל [73]).

אין אויגוסט פון דעם זעלבן יאָר (1907), איז האַמילטאָן באַזוכט געוואָרן פון דר. באַכראַך פון מאָנטרעאָל. ער האָט גערעדט וועגן „קעמפּער" און עס איז געזאַמלט געוואָרן פאַרן „קעמפּער" $34.50. דר. באַכראַך האָט אויך גע־האַלטן אַן אָנדענק־רעדע נאָך חבר עדעלשטיין [74]).

אין יולי 1907 האָט בעלאַ פּעווזנער געהאַלטן אין האַמילטאָן צוויי לע־קציעס: „דער ציוניזם און זיינע קעגנער" און „די רעאַליזירונג פון ציוניזם אין פּאַלעסטינע". אין יוני 1908 האָבן די האַמילטאָנער פּועלי ציון געוואָלט אָפּדרוקן אין „קענעדער אָדלער" אַן אויפרוף, מ'זאָל שטימען פאַר דער סאָ־ציאַליסטישער פּאַרטיי פון קאַנאַדע, אָבער די צייטונג האָט זיך אָפּגעזאָגט צו שטיצן סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן.

דעם 1טן יולי, 1908, האָבן זיי אָפּגעשלאָסן צוויי יאָר פון דערפּאָלגרייכער טעטיקייט מיט אַ יובילעאום פייערונג אין אַ זאַל, קאָרנער דזשאָן און מיין סטריט „מיט אַן עקסטראַ ליטעראַרישן אָוונט, מיט פאָרלעזונגען און דע־קלאַמאַציעס פון די בעסטע שרייבער און מיט זינגען נאַציאָנאַלע לידער". מ'האָט צוגעזאָגט דעם עולם, אַז „די בעסטע קרעפטן פון קאַנאַדע וועלן אָנ־טיילנעמען" [75]). אין אַ שפּעטערדיקער קאָרעספּאָנדענץ האָט טש. קעסלער, דער סעקרעטאַר, געשריבן, אַז זיי האָבן אויסגעהערט ביי דעם לעצטן מי־טינג אַ באַריכט פון זייער דעלעגאַט ה. דאַווידאָוויטש פון דעם פּאַרטיי ראַט. זיי האָבן באַשלאָסן צו מאַכן אַ מיטינג איינמאָל אַ מאָנאַט „מיט נאַציאָנאַלע סאָנגס, די איבעריקע דריי מאָל וועט זיין פאַר אַגיטאַציאָן און פּראָפּאַ־גאַנדאַ" [76]).

זונטיק, דעם 17טן יאַנואַר 1909, האָט חבר ש. שאַפּיראָ, לויט אַ באַ־ריכט פון סעקרעטאַר ז. דאַווידאָוויטש, געלייענט אַ לעקציע אויף דער טעמע „אידיש שפּרעכנדיקער גענאָסיזם" [77]).

אין פעברואַר 1910, ווערט באַריכטעט, אַז „די האַמילטאָנער פּועלי ציון זיינען זייער טעטיק. זיי זאַמלען שקלים, פאַר דעם נאַציאָנאַל פאָנד, מאַכן אָפטע ליטעראַרישע פאַרזאַמלונגען, מיטינגען און דאָס גלייכע" [78]). אַזוי אַרום זעט מען, אַז אין האַמילטאָן איז ביים סוף 1910 געווען אַ גאַנץ לעבע־דיקער פּועלי ציון פאַראיין. אין יענער צייט האָט שוין דאָרט אויך געוואוינט אברהם וואָלערשטיין, וועלכער איז אַריבערגעקומען פון מאָנטרעאָל. ס'זיי־

נען אויך צוגעקומען גרשון אײבראַמס, קירש, און עטלעכע אַנדערע חברים.

אָנפאַנג 1911 האָט דער פּאַראײן געציילט אַרום 25 חברים. אין יענעם יאָר איז קיין האַמילטאָן אַנגעקומען חבר פישל װאַלערשטײן. אין 1913 זײנען אַנגעקומען חבר און חברה זװאַנקין, װעלכע זײנען געװאָרן פּירנדיקע חברים און האָבן פיל בײגעשטײערט צום געזעלשאַפטלעכן לעבן אין האַמילטאָן. לויט אַ בריוו פון חבר אַל. פרענקעל פון טאָראָנטאָ, האָט דער פּאַראײן אין האַמילטאָן דערגרייכט איינמאָל די צאָל פון 46 חברים.

אין דעם קאָנטעקסט, אין 1912—1913, וואָס די פּאַרטײ האָט דורכגעפירט, איז האַמילטאָן געווען אויפן ערשטן אָרט. דער האַמילטאָנער פּאַראײן האָט אין יענעם יאָר געזאַמלט 667 דאָלאַר פאַר פּ. א. פּ., נאַציאָנאַל פאָנד און „התאחדות״.

דער פּעריאָד פון 1914 ביז 1915 איז אָבער ניט געווען אַ פּעריאָד פון ווײטערדיקן וואוקס, ווײל פיל חברים האָבן ביסלעכווײז אָנגעהויבן אַוועקפאָרן פון האַמילטאָן. אין אַ בריוו צו חבר פישל וואַלערשטײן פון דעם 17טן סעפּטעמבער 1914, בעט חבר עהרענרייך, דער דעמאָלסטדיקער פּאַרטײ סעקרעטאַר, אים צו לאָזן וויסן, וועלכע חברים זײנען אָפּגעפאָרן פון האַמילטאָן און ער דריקט אויס די האָפנונג, אַז „די חברים, וועלכע זײנען געבליבן און וועלן בלײבן אין האַמילטאָן, וועלן ניט אַרויסלאָזן אונזער פאָן פון זײערע הענט״.

דער פּאַראײן האָט אין יענער צײט ניט אויפגעטאָן קיין גרויסע זאַכן. ער איז אָנגעגאַנגען מיט דער אַרבעט, געזאַמלט פאַר פאָנדן, געמאַכט פּראָפּאַגאַנדע, אַראָפּגעבראַכט יעדן רעדנער, וועלכער האָט באַזוכט טאָראָנטאָ. אין 1915 איז האַמילטאָן באַזוכט געוואָרן פון ב. באָראָכאָוו. ווי ס׳פירט זיך אין די קלענערע שטעט זײנען אידן פון אַלע פּאַרטײען אים געקומען הערן. און דער שוחט פון האַמילטאָן האָט געשריבן אין אַ קאָרעספּאָנדענץ: „די לעקטשורס פון מר. באָראָכאָוו האָבן געמאַכט דעם געווינטשטן סוקסעס״ [79].

אין די יאָרן 1915—1920 האָט דער פּאַראײן, פונקט ווי די אַנדערע פּאַראײנען איבערן לאַנד, איבערגעלעבט אַ גרויסן אויפשוואונג אין דער אַרבעט. צוזאַמען מיט דעם צווײג פון דעם נאַצ. אַרבעטער פאַרבאַנד האָבן זײ פיל אויפגעטאָן פאַר מלחמה קרבנות, פאַרן קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס, פאַר ציוניסטישע פאָנדן א. א. וו. זײ האָבן אין יענעם פּעריאָד אפילו געגרינדעט אַ פאָלקס שולע.

דער האַמילטאָנער פּאַראײן איז געווען אײנער פון די בעסטע פּאַראײנען בײ דעם אָנפאַנג פון דער באַוועגונג. ער איז אויך געווען אײנער פון די גוטע פּאַראײנען בײ דעם סוף פון דעם צווייטן צענדליק פון איצטיקן יאָרהונדערט.

סאַסקאַטון

אין אָנפאַנג 1911 האָט זיך אָנגעזאַמלט אין סאַסקאַטון אַ גרופּע ראַדיקאַל־נאַציאָנאַל געשטימטע יונגע מענטשן: בען צוקערמאַן מיט זײן פרוי,

בנימין און מ. צוקערמאַן, מאַקס און מעני קאהן און לואי און שרה פאגעל.
אין 1911—1913 איז אַנגעקומען קיין סאַסקאַטון, פון ווייס־רוסלאַנד, די מש־פּחה פון דעם שוחט משה זעלטשענקאָ; יוסף קאַץ מיט זיין פרוי זיינען גע־קומען פון וויניפּעג. ס'זיינען אויך אַנגעקומען פון וויניפּעג פרענק מילער און זיין ברודער אוירווינג און אייניקע אַנדערע. די אַלע יונגע מענטשן זיינען געווען פון אַלע אידעאישע ריכטונגען.

לויט דער איניציאַטיוו פון הערי זעלטשענקאַ (ער איז געשטאָרבן אין ישראל), פרענק מילער, האַרי מילער און א. גרינבלאַט, האָבן זיי געגרינדעט אין סאַסקאַטון דעם אידישן ראַדיקאַלן פאַראיין. צוזאַמען איז אין דעם פאַראיין געווען 22 חברים. זיי האָבן אָפּגעקויפט ביי שמואל זעלטשענקא עט־לעכע הונדערט אידישע ביכער און געגרינדעט אַ ביבליאָטעק. די פאַרזאַמ־לונגען פלעגן פאָרקומען אין דעם הויז פון די זעלטשענקאס [80]. דאָרט האָט מען געהאַלטן פאָרטראַגן, געפירט דעבאַטן, און מ'האָט געזוכט זיך גייסטיק אויסצולעבן. די פאַרזאַמלונגען פון דעם אידישן ראַדיקאַלן פאַראיין פלעגן אויך באַזוכן אידישע יונגעלייט פון די דאָרפישע מקומות. לואי ראָזענ־בערג, דער אַנגעזעענער אידישער סטאַטיסטיקער און פאָרשונגס דירעקטאָר פון דעם קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס, פלעגט קומען אָפט קיין סאַסקאַטון און פלעגט אויך באַזוכן דעם קלוב. דער ערשטער סעקרעטאַר פון דער גרופּע איז געווען מאַרק זעלטשען (זעלטשענקא) — דער איצטיקער רעדאַקטאָר פון „דאָס אידישע וואָרט", וויניפּעג.

ביסלעכווייז איז די גרופּע געוואָרן מער נאַציאָנאַל געשטימט און האָט, לויט בען צוקערמאַנס איניציאַטיווע, זיך פאַרבונדן מיט דעם צענטראַל קאָ־מיטעט פון דער פועלי ציון פּאַרטיי אין ניו יאָרק. אזוי אַרום איז געגרינדעט געוואָרן די ערשטע מערב קאַנאַדער פועלי ציון גרופּע. בען צוקערמאַן האָט פאַר אַ לאַנגער צייט געדינט אַלס סעקרעטאַר. אין יוני 1918 האָבן זיי געהאַט 26 חברים [81].

אין די יאָרן 1918—1920 האָט די סאַסקאַטונער גרופּע פועלי ציון געטאָן פיל אַרבעט. זיי האָבן געזאַמלט גרויסע סומען געלט פאַר פאַרשידענע פאָנדן: פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד, נאַציאָנאַל פאָנד און פאַר מלחמה קרבנות. זיי האָבן אפילו צוגעשיקט $300 פון פאַרקויפטע שערס פון „די צייט" [82]. זיי האָבן זיך באַטייליקט אין די אַרבעטן פאַרן קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס און זייער קאַנדידאַט האָט געוואונען אין די וואַלן אַלס דעלעגאַט צום ערשטן קאַנאדער אידישן קאָנגרעס. זיי האָבן אויך געגרינדעט אַ צווייג פון דעם אידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד.

שפּעטער איז דער פועלי ציון פאַראיין זיך צעפאַלן, די איבערגעבלי־בענע חברים זיינען אַריין אין דער אַרבעט פאַר דער הסתדרות. די אַרבעט פון די פּיאָנערן פון דעם פועלי ציון געדאַנק, איז ניט געגאַנגען לאַבוד.

עדמאָנטאָן

אין עדמאָנטאָן האָט מען אָנגעהויבן הערן פון די פּועלי ציון נאָך אין 1916, ווען ס'איז דאָרט דורכגעפירט געוואָרן, לויט דער איניציאַטיווע פון חבר ש. פּאַגעלסאַן, אַ „פּלעג טאָג" פאַר דעם פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד. אין 1918 האָט דער דאָרטיקער ראַדיקאַלער פאַראײן, אַ דאַנק די באַמיאונ־גען פון חבר ש. פּאַגעלסאַן, אָפּגעגעבן אַ טייל פון דעם פּראָפיט פון דעם ערשטן מאַי באַל, פאַר דעם פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד. ביסלעכווייז איז געשאַפן געוואָרן אַ פּלאַן צו אָרגאַניזירן אַ פּועלי ציון גרופּע. אלחנן הענ־סאַן, אַ געוועזענער קעגנער פון ציוניזם, איז געוואָרן איינער פון די הויפּט־מתעסקים.

די ערשטע פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען ביי חבר הענסאַן אין הויז, דעם 15טן מאַי 1920. ס'זיינען געווען אַ קאַרגער מנין חברים ביי דער גרינ־דונג פון דער גרופּע. א. הענסאַן איז געווען פאָרזיצער און חבר ש. פּאַגעל־סאַן איז געווען דער צייטווייליקער סעקרעטאַר. אין דעם צייט אָפּשניט, ווען קלער ווערט פון אונז באַהאַנדלט, האָבן זיי נאָך ניט געהאַט קיין צייט פיל אויפצוטאָן. אָבער זייער ערשטער אַרויסטריט, דעם 10טן אָקטאָבער 1920, פאַרן פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד איז געווען איבעראַשנד. מ'האָט געזאַמלט אין אַזאַ קליינער שטאָט $2000 אין מזומן און $350 אין צירונג — מ'האָט אויך פאַרקויפט אַ סך „שערס" פאַר „די צייט". די עדמאָנטאָנער פּועלי ציון האָבן באמת פיל אויפגעטאָן אין די שפּעטערדיקע יאָרן.

לאַשין

לאַשין — אַ שטעטל, וואָס געפינט זיך אַרום 12 מייל פון מאָנטרעאָל — איז געווען אַ צענטער פאַר שווערע אינדוסטריען. אין לאַשין האָבן זיך אין די יאָרן 1905—1910 געפונען אַ צאָל אידישע אײנוואוינער, וואָס האָבן זיך דאָרט באַזעצט כדי צו זיין נעענטער צו די פאַבריקן, וואו זיי האָבן געאַר־בעט. דאָרט האָבן זיך געפונען אַ צאָל מאָנטרעאָלער פּועלי ציון, ווי די חברים וויגענסבערג, דייוויס, מאַקס שניאור. זיי האָבן זיך אָרגאַניזירט אין 1908, מיט דער הילף פון דעם מאָנטרעאָלער פאַראײן, אַלס דער פּועלי ציון צווייג אין לאַשין. יעקב וויגענסבערג איז געווען דער סעקרעטאַר. דער מאָנטרעאָ־לער פאַראײן האָט אפילו געוואָלט עפענען אַן אָפּטיילונג פון זייער ביבליאָ־טעק אין לאַשין. אין „קענעדער אָדלער" פון 21טן דעצעמבער 1909, איז פאַראַן אַ באַריכט, אַז אַ באַדייטנדיקע צאָל יונגע מענטשן זיינען צוגעשטאַנען צום נייעם פאַראײן און אַז זיי נעמען אַן אַקטיוון אַנטייל אין דער אַרבעט.

דער פאַראײן האָט עקזיסטירט עטלעכע יאָר. ער האָט געזאַמלט היפּשע סומען געלט פאַר ציוניסטישע פאָנדן; האָט אָנגעפירט אַן אינטענסיווע פּראָ־פּאַגאַנדע און האָט אויך געהאַט געגרינדעט אַ צווייג פון דעם אידישן נאַ־ציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד אין לאַשין. די אידישע באַפעלקערונג האָט

זיך אָבער לאַנג ניט געהאַלטן אין לאַשין און צוזאַמען מיט אַלע אידן האָבן אַ גרעסערע צאָל חברים, איינשליסנדיק חבר וויגענסבערג און מאַקס שני־אור זיך איבערגעקליבן אין מאָנטרעאָל אָדער אַנדערע שטעט. דאָס האָט געבראַכט צו דער אויפלייזונג פון דער לאַשינער גרופּע פּועלי ציון.

ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פאַראײנען אָדער גרופּן אין אַנדערע שטעט

אין די ערשטע יאָרן פון דער אָרגאַניזירונג פון דער באַוועגונג אין קאַנאַדע איז געשאַפן געוואָרן אַ פאַראיין אין סט. דזשאָן, ניו בראַנזוויק, אָבער, לויט אַ באַריכט פון דעם צענטראַל קאָמיטעט, האָט ער אין 1910, שוין אויפגעהערט צו עקזיסטירן.

אין אָטאַוואַ איז געגרינדעט געוואָרן אַ פּועלי ציון פאַראיין אין 1915, אָבער ער האָט זיך לאַנג ניט געהאַלטן, ווייל ס'זיינען געווען ווייניק אַרבעטער עלעמענטן אין אָטאַוואַ, אין יענער צייט. אַ נייער פאַראיין איז געגרינדעט געוואָרן אין די צוואַנציקער יאָרן, ווען דער חבר ארנוני האָט זיך באַזעצט אין אָטאַוואַ.

אין ווינדזאָר, אָנטעריאָ, איז אויך געווען אַ פּועלי ציון פאַראיין. ער האָט זיך צוזאַמענגעשמאָלצן מיט דעם פאַרבאַנד צווייג, וועלכן זיי האָבן דאָרט געגרינדעט און אַלע טעטיקייטן זיינען געפירט געוואָרן אין דעם נאָמען פון פאַרבאַנד.

אין וועסט קילדאָנען, נעבן וויניפּעג, איז געווען אַ פּועלי ציון פאַראיין, אין 1916. ער איז אָרגאַניזירט געוואָרן פון די וויניפּעגער חברים און האָט עקזיסטירט פאַר אַ קורצער צייט.

אין קאַלגאַרי איז, אין 1906, געגרינדעט געוואָרן אַן ס. ט. גרופּע. זי האָט עקזיסטירט עטלעכע יאָר. אייניקע פון די אַמאָליקע ס. ט. האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין די צוואַנציקער יאָרן אין דעם פאַרבאַנד צווייג, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין קאַלגאַרי.

אין וואַנקואווער איז אַ פּועלי ציון פאַראיין אָדער גרופּע אָרגאַניזירט געוואָרן ערשט אין 1922.

אין רעדזשיינאַ איז געמאַכט געוואָרן אַ פאַרזוך צו אָרגאַניזירן ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע גרופּן ערשט אין די דרייסיקער יאָרן.

די צעוואָרפנקייט פון די מערב קאַנאַדער אידישע ישובים, די ווייטע שטרעקעס און איבערהויפּט די קליינע אידישע באַפעלקערונג אין די דאָזיקע ישובים, זיינען געווען די סיבה, פאַרוואָס די פּועלי ציון באַוועגונג האָט דאָרט ניט געשלאָגן קיין טיפע וואָרצלען פאַר 1920. אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז געטאָן געוואָרן פיל אַרבעט אין מערב קאַנאַדע. ס'זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן פיל גרופּעס, וואָס האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די קאַמפּיינען פאַר דער הסתדרות און וואָס האָבן אויך אויף אַנדערע אופנים געהאָלפן דער באַוועגונג אין אירע פיל פאַרצווייגטע טעטיקייטן.

4.

באַציאונגען מיט דער קאַנאַדער ציון פעדעראַציע

ווען ס'איז אויפגעקומען די ערשטע פועלי ציון גרופע אין מאָנטרעאָל, האָבן די אַלגעמיינע ציוניסטן ניט געוואוסט ווי אזוי צו האַנדלען. אייניקע פון זיי האָבן געוואָלט זיי מקרב זיין. אפילו קלאַרענס דע סאלא, דער פרעזידענט פון דער ציון פעדעראַציע, האָט געוואָלט, אַז די פועלי ציון זאָלן זיך אַנשליסן אין דער פעדעראַציע. אין טאָראָנטאָ איז אָבער די לאַגע געווען אַנדערש. דאָרט זיינען אַ צאָל פון די ערשטע פועלי ציון געווען פריער מיטגלידער פון דעם „בני ציון־פאַראיין". איינער פון זיי איז געווען דר. י. באַכראַך.

ס'איז ניט באַקאַנט, צי דר. באַכראַך האָט פריער געוואוינט אין טאָראָנטאָ, ווי לאַנג ער האָט דאָרט געוואוינט און פאַרוואָס ער האָט זיך איבערגעקליבן קיין מאָנטרעאָל. מיר ווייסן, אַז אין אָקטאָבער 1904 האָבן ער און זיין פרוי געוואוינט אין מאָנטרעאָל, אויף 35 קאטבערט סטריט. די באַציאונגען צו דר. באַכראַך און זיין פרוי מצד די מאָנטרעאָלער ציוניסטן זיינען געווען פריינטלעכע. אָנפאַנג אָקטאָבער 1904 איז דר. באַכראַך איינגעלאַדן געוואָרן צו אַ ספּעציעלער זיצונג פון קלאַרענס דע סאלא, וואו מ'האָט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן צו זאַמלען אַ ספּעציעלן פאָנד פאַר דער אויסהאַלטונג פון דר. הערצלס קינדער. פרוי באַכראַך איז, ווייזט אויס, געווען אַ חברה פון דעם מאָנטרעאָלער „בנות ציון פאַראיין" און איז, נאָך דער זיצונג, איינגעלאַדן געוואָרן פון קלאַרענס דע סאלא (בריוו פון 17טן אָקטאָבער, 1904) דורכצופירן אַ זאַמלונג פאַר דעם פאָנד אין אַ געוויסן טייל פון שטאָט.

חברים דערציילן, אַז דר. באַכראַך איז געווען אַ רייזנדער־פאַרקויפער פאַר אַ טאָראָנטער קליידער פירמע און האָט דערפאַר פאַרבראַכט פיל צייט אין טאָראָנטאָ. ס'קען זיין, אַז צוליב דעם איז ער אפשר געוואָרן אַ מיטגליד פון דעם „בני ציון פאַראיין" אין טאָראָנטאָ. אין מיטן זומער 1905 איז דר. באַכראַך שוין זיכער געווען אַן אויסגעצייכנטער חבר פון די פועלי ציון. ער האָט שוין דאַן געהאַט אַ קאָנטאַקט מיט דעם מאָנטרעאָלער פאַראיין. דעם 16טן אויגוסט, איז דר. באַכראַך אויפגעטראָטן ביי אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג אין טאָראָנטאָ, מיט אַ פאָרטראַג וועגן „די פועלי ציון און זייערע אויפגאַבן". ס'איז קלאָר, אַז דר. באַכראַך האָט געהאָלפן גרינדן דעם פועלי ציון פאַראיין אין טאָראָנטאָ און האָט באַווירקט אייניקע חברים פון דעם טאָראָנטער „בני ציון פאַראיין" איבערצוגיין צו די פועלי ציון. אזוי ווי די פּאַרטיי האָט נאָך דאַן ניט פאַרבאָטן אירע חברים צו זיין מיטגלידער אויך אין אַלגעמיינע ציוניסטישע פאַראיינען, האָט דר. באַכראַך אָנגעהאַלטן זיין מיטגלידערשאַפט אין דעם „בני ציון פאַראיין" פון טאָראָנטאָ. אַלס רייזנדער, פלעגט ער קומען אויך אין אַנדערע שטעט און האָט געליינט פאָרטראַגן אויך ביי די פועלי ציון פאַראיינען אין האַמילטאָן און וויניפּעג. ער האָט

געטאָן זייער גוטע אַרבעט פאַר דער פּאַרטיי אין מאָנטרעאָל און ער איז געוואָרן א וויכטיקער פירנדיקער חבר אין דער באַוועגונג.

דאָס איבערגיין פון אַ צאָל מיטגלידער פון דעם טאָראָנטער „בני ציון פאַראיין" צו די פועלי ציון איז באַטראַכט געוואָרן פון די באַאַמטע פון דעם פאַראיין אַלס די שולד פון דר. באַכראַך. דאָס זיינען מיר זיך משער, איז געווען די סיבה פון דער קריגעריי צווישן די באַאַמטע פון יענעם ציוניס־טישן פאַראיין און דעם פועלי ציוניסטישן „שפּאַלטער". פון קאָפּיעס פון אַרויסגעשיקטע בריוו, וועלכע מיר האָבן געזען אין דעם אַרכיוו פון דער קאַנאַדער ציון פעדעראַציע, האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז מר. א. פּ. לואיס, דער וויצע־פּאַרזיצער פון די „בני ציון" אין טאָראָנטאָ, האָט געשיקט אַ זייער שאַרפן בריוו וועגן דר. באַכראַך צו דעם צענטראַלן קאָונסיל פון דער ציון פעדעראַציע אין מאָנטרעאָל. איינער פון די מיטגלידער פון דעם קאָונ־סיל האָט דר. באַכראַכן איבערגעגעבן דעם אינהאַלט פון דעם בריוו. ווען דר. באַכראַך איז נאָך דעם געקומען קיין טאָראָנטאָ האָט ער זיך געטראָפן מיט אים און האָט אים געזאָגט, אַז ער ווייסט וועגן זיין בריוו און, אַז „ער האָט אין זיין בריוו גענוצט אַזעלכע ווערטער, וועלכע קיין וויצע־פּאַרזיצער טאָר זיך ניט דערלויבן צו נוצן און נאָך דעם בלייבן ביי זיין אַמט"... מר. א. פּ. לואיס האָט דאַן פּראָטעסטירט פּאַרוואָס מ'האָט געוויזן אָדער געזאָגט דר. באַכראַך וועגן זיין בריוו און האָט אַריינגעשיקט זיין רעזיגנאַציע צו קלאַרענס דע סאָלאַ. אין יענער צייט האָט שוין דער מאָנטרעאָלער „דורשי ציון פאַראיין נומער 2" אָנגעהויבן זיך צעפאַלן און אַ טייל מיטגלידער האָבן באַשלאָסן איבערצוגיין צו די פועלי ציון.

כדי צו „שליכטן" דעם סיכסוך האָט דער ציון־קאָונסיל באַשלאָסן אויס־צושליסן דר. י. באַכראַך פון דער אָרגאַניזאַציע. דעם 15טן יאַנואַר, 1906, האָבן זיי אָפּגעשיקט אַ בריוו צו דעם סעקרעטאַר פון דעם בני ציון פאַראיין, מ'זאָל זיי גלייך לאָזן וויסן צי דר. באַכראַך האָט באַצאָלט דעם מיטגלידער־שטייער און צי ער איז גוטשטייענד. זיי האָבן אויך געבעטן, מ'זאָל זיי לאָזן וויסן וויפיל האָט דר. באַכראַך איינגעצאָלט אַלגעמיינע שטייערן זינט דער גרינדונג פון זייער פאַראיין. דער ענטפער איז אונז ניט באַקאַנט, ווייל קיין אַריינקומענדיקע בריוו פון יענער צייט זיינען ניט פאַרבליבן אין דעם ציון אַרכיוו.

אַ צווייטער בריוו, דאַטירט דעם 16טן יאַנואַר 1906, איז אָפּגעשיקט געוואָרן צו דער אַמעריקאַנער ציון פעדעראַציע, וועלכע האָט געהאַט איר אַדרעס אין 165 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק. מיר ברענגען דאָ די פולע אי־בערזעצונג פון דעם דאָזיקן אינטערעסאַנטן בריוו: „מיר וועלן אייך בעטן צו לאָזן אונז וויסן, וואָס פאַר אַ שטעלונג נעמט אייער פעדעראַציע צו דער פועלי ציון געזעלשאַפט (אַסאָסיאיישאַן). אנערקענט איר זייער „אַסאָסיאיישאַן" אָדער „סאָסייטיס", אַלס אַ טייל פון אונזער רעגולערער באַוועגונג? גיט איר זיי דאָס רעכט צו פאָרמירן אַן אָפּטיילונג פון אייער אָרגאַניזאַציע? איך וואָלט אייך געווען זייער דאַנקבאַר ווען איר וועט מיר לאָזן וויסן וועגן דעם

גענויעם סטאַטוס, וועלכן זיי האָבן אין דער באַוועגונג אין די פּאַראייניקטע שטאַטן. אויב זיי זיינען נאָך ניט אנערקענט געוואָרן, האָט איר שוין באַטראַכט וואָס פאַר אַ שטעלונג איר וועט צו זיי נעמען אין דער צוקונפט? מיר וועלן אייך בעטן צו אינפאָרמירן אונז אויב איר האָט דערהאַלטן אַפּליקאַציעס פאַר מיטגלידערשאַפט אין אייער פעדעראַציע, אָדער אין דער פּועלי ציון אָרגאַניזאַציע, פון קאַנאַדער יחידים אָדער פאַראיינען". דער בריוו איז אונטערגעשריבן געוואָרן פון קלאַרענס דע סאלא. ווי שוין געזאָגט, האָבן מיר קיין אַריינקומענדיקע בריוו ניט געפונען, אָבער ווי מיר וועלן דאָס שפּעטער באַווייזן, האָט מען, ווייזט אויס, פון ניו יאָרק, געגעבן אַן עצה צו זיין פריינטלעך צו די פּועלי ציון.

דערוויל האָט קלאַרענס דע סאלא, אין אַ בריוו פון 7טן פעברואַר 1906, געבעטן א. פּ. לואיס פון דעם בני ציון פאַראיין צוריקצוציען זיין רעזיגנאַציע. ער האָט אים פאַרזיכערט, אַז זיין בריוו וועגן דר. באַכראַך האָט ער ניט פאַרגעלעזן ביי דער זיצונג. ער האָט דעם בריוו נאָר געוויזן צו אייניקע מיטגלידער פון קאונסיל. דער וואָס האָט ניט געהאַלטן דעם סוד און דערציילט דר. באַכראַך וועגן בריוו, וועט באַשטראָפט ווערן... וואָס אַנבעלאַנגט דר. באַכראַך „האָבן מיר מיט עטלעכע טעג צוריק אים אויסגעשלאָסן פון דער באַוועגונג"... דאַן קומט אַ פאָרמעלער בריוו פון דעם 9טן פעברואַר 1906, צו דעם פּרעזידענט און די אַנדערע באַאַמטע פון דעם „בני ציון פאַראיין", וועלכער לייענט זיך אַזוי: „אַזוי ווי דר. י. באַכראַך האָט פאַרלעצט די געזעצן, וואָס זיינען אָנגענומען אין דער קאַנאַדער ציון באַוועגונג און אַזוי ווי ער האָט געגעבן פאַרשידענע אורזאַכן, וואָס האָבן אונז געצוואונגען צו אינטערווענירן, האָט די פעדעראַציע פון די קאַנאַדער ציון פאַראיינען איינשטימיק באַשלאָסן, ביי אַ זיצונג פון איר קאונסיל, אָפּצוזאָגן זיך צו אַנערקענען אים אַלס מיטגליד און לאָזט אייך וויסן צו נעמען די נויטיקע שריט אַרונטערצונעמען אים פון דער רשימה פון אייערע מיטגלידער און אָפּצוזאָגן זיך צו געבן אים אין דער צוקונפט די העפלעכקייט פון דעם (די מיטגלידערשאַפט)"... אין אַ בריוו פון 15טן פעברואַר 1906, האָט קלאַרענס דע סאלא אויך געשריבן צו דר. באַכראַך דירעקט, אַז די פעדעראַציע „אַנטזאָגט זיך פון היינט אָן און ווייטער צו אַנערקענען אייך אַלס מיטגליד פון דער באַוועגונג".

ליידער געדענקען ניט די חברים דעם דאָזיקן אינצידענט, אָבער ס'איז קלאָר, אַז מ'האָט באַשטראָפט דר. באַכראַך פאַר ווערן אַ פּועלי ציון און מ'האָט זיך מיט אים אויך אָפּגערעכנט פאַר די שפּאַלטונגען אין די אַלגעמיין ציוניסטישע פאַראיינען אין טאָראָנטאָ און מאָנטרעאָל.

ס'זיינען אַריבער עטלעכע מאָנאַטן און ס'איז פאָרגעקומען אין טאָראָנטאָ די 7טע קאָנווענשאָן פון דער קאַנאַדער ציון פעדעראַציע, דעם 2טן יולי, 1906. די פּועלי ציון האָבן געוואָלט האָבן אַ פאָרמעלע אַנערקענונג, אַז זיי זיינען ציוניסטן און האָבן געשיקט דעלעגאַטן צו דער קאָנווענשאָן. דער מאָנטרעאָלער פאַראיין איז געווען פאַרטראָטן. ס'איז אויך געווען פאַרטראָטן

דער פועלי ציון פאַראיין פון טאָראָנטאָ. דער טאָראָנטער דעלעגאַט איז געווען ש. שאַפּירא. ווער ס'האָט פאַרטראָטן דעם מאָנטרעאָלער פאַראיין איז ניט באַוואוסט. אָדער דאָס איז געווען מ. קאַלאַמיס פון מאָנטרעאָל אָדער מ'האָט געגעבן אַ מאַנדאַט אַ טאָראָנטער חבר.

ביי דער קאָנווענשאָן זיינען געווען חלוקי דעות צי מ'זאָל צולאָזן די פועלי ציון פאַראיינען. דער פועלי ציון דעלעגאַט ש. שאַפּירא, האָט געפירט אַ הייסן קאַמף „כדי צו קריגן אנערקענונג"[83]). לויט דעם פּראָטאָקאָל פון דער קאָנווענשאָן איז אָנגענומען געוואָרן אַ פאָרשלאַג „צולאָזן צוויי דעלעגאַטן פון די פועלי ציון „סאָסאייטיס", מיט דעם תנאי, אַז זיי זאָלן באַצאָלן זייער שטייער און וועלן זיך אונטערוואַרפן די געזעצן (סטאַטוטן) פון דער פעדעראַציע". ביי יענער קאָנווענשאָן האָט חבר ש. שאַפּירא, רייִדנדיק אידיש, פאָרגעשלאָגן אַ רעזאָלוציע, אַז „די קאָנווענשאָן איז דערשיטערט פון די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד און פּראָטעסטירט העפטיק קעגן זיי". די דאָזיקע רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק. ווען מ'האָט אויסגעקליבן דעם נאַציאָנאַלן קאָונסיל האָט מען אויך אַריינגענומען צוויי מאָנטרעאָלער פועלי ציון, מ. קאַלאַמיס און מ. האישבערג, אַלס מיטגלידער פון קאָונסיל. אָבער קיינער פון די חברים געדענקט ניט צי קאַלאַמיס און האישבערג האָבן זיך באַטייליקט אין די זיצונגען פון דעם נאַציאָנאַלן קאָונסיל.

קורץ נאָך דער ציון קאָנווענשאָן האָט זיך די צאָל ראַדיקאַל געשטימטע פועלי ציון פאַרגרעסערט און דער מאָנטרעאָלער פאַראיין האָט זיך אָפיציעל צוריקגעצויגן פון דעם ציון קאָונסיל. די פּאַרטיי קאָנווענשאָן האָט גוטגעהייסן זייער האַנדלונג.

ביי דער ציוניסטישער קאָנווענשאָן אין 1907 זיינען די מאָנטרעאָלער און טאָראָנטער פּאַרטיי פאַראיינען ניט געווען פאַרטראָטן, אָבער דער וויניפּעגער פאַראיין איז יאָ געווען פאַרטראָטן. דער פאַראיין אין וויניפּעג איז געווען אָנגעשלאָסן אין דעם לאָקאַלן ציון קאָונסיל פאַר אַ לאַנגער צייט. אין אַלגעמיין האָבן די אַלגעמיינע ציוניסטן אָנגעהויבן נאָך אין 1907 צו קוקן קרום אויף די פועלי ציון. אין 1908 האָבן זיי אפילו געוואָלט גרינדן אַ אידיש רייִדנדיקן ציון פאַראיין[84]), כדי צו קריגן מער איינפלוס צווישן די נייַ געקומענע.

די באַציאונגען צווישן די קאַנאַדער ציוניסטן און די פועלי ציון האָבן זיך פאַרערגערט, ווען זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז די פועלי ציון וועלן אַלע מאָל אָפּשיקן די געזאַמלטע געלטער פאַר דעם נאַציאָנאַל פאָנד אָדער פאַר דער „בצלאל" שולע צום צענטראַל קאָמיטעט אין ניו יאָרק. די ציוניסטן האָבן געוואָלט, אַז אַלץ וואָס ווערט געזאַמלט אין קאַנאַדע, פאַר ארץ ישראל דאַרף דורכגיין דורך זייער צענטראַל ביוראָ. אפילו שקלים האָבן די קאַנאַדער פועלי ציון ניט געוואָלט נעמען פון דער קאַנאַדער ציון פעדעראַציע.

די באַציאונגען זיינען אומדערוואַרטעט פאַרשאַרפט געוואָרן אין דער צייט פון דער 5טער פּאַרטיי קאָנווענשאָן אין מאָנטרעאָל. קלאַרענס דע סאָלאַ, דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, איז גראַדע געקומען

און האָט באַגריסט די קאָנווענשאָן. ער האָט זיך אָבער דערוואוסט אויפן צווייטן טאָג, אַז די קאָנווענשאָן וועט אָפּהאַלטן זיצונגען אום שבת. צי דאָס איז געווען די ווירקונג פון זיין ברודער ראביי מענדאלע דע סאלא, אָדער פון אַנדערע קרייזן, ער האָט צוגעשיקט אַ בריוו צו דער קאָנווענשאָן און געפאָדערט, אַז זיי זאָלן ניט אָפּהאַלטן קיין זיצונגען אום שבת. אין פאַל ווען די קאָנווענשאָן וועט זיך אָפּזאָגן דאָס צו טאָן, האָט ער געסטראַשעט, „אַז ער וועט צוריקציען די באַגריסונג, וואָס ער האָט געגעבן ביי דער דערעפע־נונג"... ווען חבר ברוך צוקערמאַן, וועלכער איז געווען פאַרזיצער פון דער זיצונג, האָט פאָרגעלייענט דע סאלא׳ס בריוו, איז אויסגעבראָכן אַ שאַרפע דיסקוסיע. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צו ענטפערן דעם פרעזידענט פון דער ציון פעדעראַציע אין נאָמען פון דער קאָנווענשאָן „אַז די מיינונג פון אַלע ציוניסטן איז, אַז צווישן רעליגיע און ציוניזם עקזיסטירט ניט קיין שום פארבינדונג און, אַז די פועלי ציון וועלן דעריבער אָפּהאַלטן זייערע זיצונגען אום שבת. זיי ווילן מיט דעם ניט פאַרלעצן די רעליגיעזע געפילן פון די פרומע אידן, נאָר איינפאַך, זיי האַנדלען לויט זייערע פרינציפן" [85]).

סוף 1911 איז ביי אַן אַרבעטער פון דער דרוקעריי פון „קענעדער אָד־לער" (אַ חבר פון ס. ט.) געווען אַ שמחה, האָט מען געזאַמלט אַ קליינע סומע פאַר דעם נאַציאָנאַל פאָנד. חברים פון די פועלי ציון האָבן ספעציעל באַ־צאָלט די סומע פון 1 דאָלאַר, אַז דאָס געלט זאָל אָפּגעשיקט ווערן דורך דעם פועלי ציון פאַראיין. דאָס געלט איז קוויטירט געוואָרן אין „דאָס אידישע פאָלק", ניו יאָרק פון 8טן דעצעמבער 1911. דאָס האָט אָבער ניט געשטערט דעם מאָנטרעאָלער פאַרזיצער פון נאַציאָנאַל פאָנד פון די קאַנאַדער ציו־ניסטן אַרויסצולאָזן אַ קלאַנג, אַז די פועלי ציון האָבן צוגענומען דאָס געלט פאַר זיך. דער „קענעדער אָדלער" איז דאַן אַרויסגעקומען מיט א פאַרדאַ־מונג פון זיין האַנדלונג [86]). נאָך דעם איז שוין שווער געווען צו דערוואַרטן אַ פריינטלעכע באַציאונג און נאָענטע מיטאַרבעט צווישן די פועלי ציון פון מאָנטרעאָל און די אַלגעמיינע ציוניסטן. אַ גרויסער טייל פון דער קעגנזייטי־קער פאַרביטערטקייט, וואָס האָט געהערשט אין דעם קאַמף מיט די ציוניסטן אַרום דער קאָנגרעס באַוועגונג, האָט אפשר טיילוויז געהאַט איר וואָרצל אין די סכסוכים, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין די פריערדיקע יאָרן [87]). דער קאַמף אַרום דער קאָנגרעס באַוועגונג, וועט באַהאַנדלט ווערן אין דעם קאַ־פיטל „קאַנאַדער אידישער קאָנגרעס"...

נאָך דער ציוניסטישער קאָנווענשאָן אין 1919, ביי וועלכער ס׳איז דער־ווילט געוואָרן א. דזשיי פרימאַן אַלס פרעזידענט, האָבן זיך די באַציאונגען אין מאָנטרעאָל באַדייטנדיק פאַרבעסערט. אָבער ווען די ציוניסטישע אָרגאַ־ניזאַציע איז, אין דעם זעלבן יאָר, אַרויסגעקומען מיט איר רעגיסטראַציע־קאַמפיין — וואָס איז אייגנטלעך געווען אַ קאַמפיין פאַר נייע מיטגלידער, איז דער פועלי ציון פאַראיין פון טאָראָנטאָ אַרויסגעקומען מיט אַ דערקלע־רונג צו די אידישע אַרבעטער, אַז נאָר די, וועלכע זיינען צופרידן מיט דער טעטיקייט פון די אַלגעמיינע ציוניסטן, זאָלן זיך רעגיסטרירן, אָבער צו די

„באַוואוסטזיניקע סאָציאַליסטישע אַרבעטער רופן מיר, אויב איר ווילט אייערע אידעאַלן זען פאַרווירקלעכט, — קומט אין די רייען פון יענע, וועלכע האָבן אויפגענומען דעם קאַמף פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט איבעראַל וואו אידן געפינען זיך! חברים, די צייט איז דרינגענד, העלפט אונז אין דעם קאַמף פאַר אַ סאָציאַליסטישן ארץ ישראל"... „מיר דערוואַרטן, אַז איר וועט אייער אונטערשריפט געבן צו די, וועלכע קעמפן פאַר אַ פרייער אי־דישער אַרבעטערשאַפט, פאַר אַ פריי אידיש לאַנד און פאַר אַ פרייער מענטש־הייט און ניט צו די, מיט וועמען אונז וועט אויסקומען צו קעמפן אויף שריט און טריט. טוט אייער פליכט!" [88].

ווען דער שלום־אָפּמאַך איז אונטערגעשריבן געוואָרן אין סאַן רעמאָ, אין 1920, זיינען פאַרגעקומען פאַראייניקטע פייערונגען פון פועלי ציון און אַלגעמיינע ציוניסטן. אין מאָנטרעאָל איז פאַרגעקומען אַ גאולה־פאַראַד פון 500 אויטאָמאָבילן. אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן שוין דאַן געהאַט אויטאָמאָ־בילן... נאָך דעם פאַראַד איז פאַרגעקומען אַ מאַסן פאַרזאַמלונג אין דער אַרענע. צען טויזנט מענטשן זיינען געקומען צו דער דאָזיקער פייערלעכער פאַרזאַמלונג, ביי וועלכער ס'זיינען אויפגעטראָטן דער פרעזידענט פון דעם קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס, דער וויצע פאַרזיצער פון דער קאַנאַדער ציון פעדעראַציע און צוויי פועלי ציון (ה. מ. קייזערמאַן און ש. בעלקין). [89]

5.

די קאַנאַדער פאַראיינען און די פאַרטיי

ביי פאַרטיי קאָנווענשאַנס

די קאַנאַדער פועלי ציון פאַראיינען זיינען אַלעמאָל געווען לאָיאַל צו דער פאַרטיי און האָבן זיך אונטערגעוואָרפן אַלע באַשלוסן פון דעם צענ־טראַל קאָמיטעט און פון די פאַרטיי קאָנווענשאַנס. די קאַנאַדער חברים האָבן אויך אַלעמאָל געהאָלפן דעם צענטראַל קאָמיטעט דורכצופירן באַשלוסן פון קאָנווענשאַנס און האָבן אָפּט גענומען אויף זיך התחייבותן, וואָס זיינען ניט געווען פון אַ לאָקאַלן כאַראַקטער. דאָס האָט באַזונדערס געטאָן דער מאָנ־טרעאָלער פועלי ציון פאַראיין אין די קריזיס יאָרן פון דער באַוועגונג, ווען דער צענטראַל קאָמיטעט האָט זיך געראַנגלט מיט שווערע פּראָבלעמען פון אָרגאַניזאַציע און פינאַנצן. מיר וועלן אַביסל שפּעטער זיך צוריקקערן צו אייניקע פון די דאָזיקע ענינים. די קאַנאַדער פאַראיינען האָבן אָבער אויך געהאַט זעלבסטשטענדיקע מיינונגען און האָבן אָפּט געהאַט אַ באַזונדערן צוגאַנג צו פאַרטיי פּראָבלעמען. מיר וועלן דערמאָנען אייניקע ביישפּילן [90].

ביי דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון דער פועלי ציון פאַרטיי אין באַל־טימאָר, זיינען די קאַנאַדער פאַראיינען ניט געווען פאַרטראָטן. אָבער צו דעם

צווייטן צוזאַמענפאָר האָבן די פאַראייגען פון מאָנטרעאַל, טאָראָנטאָ און האַ־מילטאָן שוין געשיקט דעלעגאַטן. דער מאָנטרעאָלער פאַראיין האָט צוגע־שיקט אַ רייע רעזאָלוציעס, וועלכע ברענגען אַרויס דעם אָטעם פון דער צייט און באַקענען אונז מיט די פּרינציפּיעלע און אָרגאַניזאַטאָרישע פראַגן, וואָס האָבן אינטערעסירט די יונגע פאַראייגען.

דער מאָנטרעאָלער פאַראיין האָט קריטיקירט דעם „קעמפּער" פאַר צו־פיל ליטעראַרישקייט און געפאָדערט, אַז ער זאָל טראָגן „אַ מער רעוואָלוציאָ־נערן כאַראַקטער, ווי עס פאָדערט זיך פון אַ פּועלי ציון אָרגאַן". דער פאַראיין האָט געפאָדערט, אַז דער ציוניסטישער קאָנגרעס זאָל צוזאַמענגעשטעלט ווערן פון פּאַרטיי ריכטונגען און ניט פון לאַנד אָרגאַניזאַציעס, און אַז די פּועלי ציון פון אַמעריקע זאָלן זיין אַ זעלבסטשטענדיקע פעדעראַציע און ניט אָפּ־טיילונגען פון די אַמעריקאַנער און קאַנאַדער ציוניסטישע לאַנד אָרגאַני־זאַציעס. זיי האָבן געפאָדערט, אַז די קאָנווענשאָן זאָל זיך ניט אָפּגעבן מיט דיסקוסיעס וועגן דער קאָלאָניאַל באַנק, נאָר זאָל זיך בעסער באַשעפטיקן מיט דער פראַגע פון טרייד יוניאָן אַרבעט. זיי האָבן אויך געפאָדערט, אַז „די פּאַרטיי זאָל שיקן דעלעגאַטן צו דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל אין די אינ־טערעסן פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט" און אַז מ׳זאָל אויסווירקן, אַז דער „סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל זאָל אָנערקענען אונזערע פאָדערונגען פאַר נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט, און אַז ער זאָל אונטערשטיצן אונ־זערע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען".

דער מאָנטרעאָלער פאַראיין האָט אויך געפאָדערט צו בייטן דעם נאָמען פון דער פּאַרטיי, אַז זי זאָל הייסן „אידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער פּאַרטיי פּועלי ציון", אַנשטאָט „דיא סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציאָן פּועלי ציון". ש. שאַפּיראָ, אָדער ש. ש. שאַפּיראָ, וועלכער איז געווען אַ דעלעגאַט פון מאָנטרעאַל, האָט אין דער דיסקוסיע געזאָגט, אַז דער צ. ק. האָט ניט געענטפ־פערט אויף די אָנגריפן פון אַנדערע צייטשריפטן. „מיר, קאַנאַדער פּועלי ציון, ווילן אַ פּאָזיטיווע ענדערונג אין אונזער פּאַרטיי לעבן. מיר ווילן גע־ווינען פאַר אונזער אידעאַל די ברייטע אידישע מאַסן און „דער אידישער קעמפּער" מוז אונז דערין צוהעלפן". ביי יענער קאָנווענשאָן האָט מען אויס־געקליבן אין צענטראַל קאָמיטעט דריי קאַנאַדער חברים: דר. י. באַכראַך פון מאָנטרעאַל, שאַפּירא און פּערלמוטער.

אין 1908 האָבן די מאָנטרעאָלער פּועלי ציון פאַרלאַנגט, אַז מ׳זאָל אָנגיין מיט דעם אָרגאַניזירן חלוצים־גרופּן פאַר ארץ ישראל. ווען ס׳האָט זיך, אין 1909, אָנגעהויבן די דיסקוסיע פון פאַראייניקונג מיט די ס. ט. האָבן די מאָנטרעאָלער פּועלי ציון דערקלערט, אַז די „פאַראייניקונג מיט די ס. ט. איז נוצלעך, אָבער אונזער פּראָגראַם מוז אָפּגעהיט ווערן".

ביי דער פינפטער קאָנווענשאָן, אָפּגעהאַלטן אין אָקטאָבער 1910, אין מאָנטרעאַל, האָט ש. שניאור, אין נאָמען פון די קאַנאַדער פּועלי ציון, פאַר־לאַנגט, אַז זיי זאָלן ניט זיין געבונדן פון דער קאָנווענשאָן רעזאָלוציע מיט־צואַרבעטן מיט דער קאַנאַדער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. די קאַנאַד. ס. פּ.,

האָט ער געזאָגט, איז קעגן איינוואַנדערונג און איז אַנטיסעמיטיש. די קאַ־נאַדער פאַראיינען זאָלן האָבן דאָס רעכט צו האַנדלען לויט די אומשטענדן. ביי דער זעלבער קאָנווענשאָן האָט י. לבדי, דער דעלעגאַט פון דעם וויניפּע־גער פאַראיין, פאָרגעשלאָגן, מ׳זאָל שאַפן אַ פאָנד פאַר דער „השומר״ אָרגאַ־ניזאַציע אין ארץ ישראל. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, ווען אַ פּאַרטיי קאָנווענשאָן האָט געהערט וועגן דעם „השומר״. ביי דער זעלבער קאָנווענשאָן האָט מ. ל. זאַק געזאָגט, אַז דער מאָנטרעאָלער פאַראיין האָט ניט געטאָן קיין קיין נאַציאָנאַלע אַרבעט אין גלות, ווייל זיי ווייסן ניט, וואָס דאָס איז פאַר אַן אַרבעט. דאָס איז, מסתמא, געזאָגט געוואָרן אין דער היץ פון דער דעבאַטע מיט דר. חיים זשיטלאָווסקי, ווייל די מאָנטרעאָלער חברים האָבן געטאָן פיל גלות־אַרבעט פאַר דער קאָנווענשאָן און האָבן פאַרשטאַרקט זייערע באַמי־אונגען נאָך דער קאָנווענשאָן.

אין 1911 האָט מען אויסגעקליבן ש. שניאורן אַלס איינעם פון די דע־לעגאַטן צו דער וועלט קאָנפערענץ פון די פּועלי ציון. אין דעם זעלבן יאָר איז א. קאמאראוו דערוויילט געוואָרן אַלס איינער פון די שטעלפאַרטרעטער פון דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג פון דעם פּ. אַ. פּ.

אויף דער 7טער קאָנווענשאָן אין פּיטסבורג (1913) האָט דער מאָנטרעאָ־לער פאַראיין געפאָדערט, אַז ס׳זאָל אָנגענומען ווערן פון דער גאַנצער פּאַרטיי צו וואַרפן די אַרבעט דעם ערשטן טאָג חנוכה. דער מאָנטרעאָלער דעלעגאַט ע. קאָרנבערגער, האָט ביי דער זעלבער קאָנווענשאָן אויסגעדריקט ספקות אין דער מעגלעכקייט פון „אחוה״.

ביי דער קאָנווענשאָן אין ראָטשעסטער, אין 1914, האָט יהודה קויפמאַן פון מאָנטרעאָל, קריטיקירט דעם צענטראַל קאָמיטעט, אַז ער איז ניט געווען טעטיק אויפן טרייד יוניאָן געביט.

אין מאַי 1915 האָבן די פּועלי ציון אין טאָראָנטאָ באַשלאָסן צו באַ־שטייערן יעדן חבר מיט 1 סענט און העכער טעגלעך פאַרן פּ. א. פּ. „אין פאַרלויף פון דער גאַנצער צייט, וואָס עס וועט אָנהאַלטן דער איצטיקער קריזיס אין ארץ ישראל״. זיי האָבן פאָרגעשלאָגן דעם זעלבן סיסטעם איבערן גאַנצן לאַנד. טאָראָנטאָ, מינעאַפּאָליס און באַלטימאָר האָבן ביז 1918 געזאַמלט לויט דעם דאָזיקן סיסטעם.

אין 1918 איז פאָרגעקומען אַן אינטערעסאַנטער אויסטויש פון בריוו צווישן די 32 חברים, וואָס האָבן געשאַפן דעם פאַראיין „השחר״ אין וויניפּעג, וועגן פּרינציפּיעלע און אָרגאַניזאַציע פראַגן. זיי האָבן געשריבן צו דעם צענטראַל קאָמיטעט, אַז זיי ווילן זיך אָנשליסן אין דער פּאַרטיי, מיט ספּע־ציעלע באַדינגונגען. זיי נעמען אָן דעם פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי, אָבער זיי זיינען פאַר אַ העברעאישער ארץ ישראל און פאַרפּליכטן זיך צו אַרבעטן פאַר העברעאיש אין גלות. אויף וויפל ס׳איז מעגלעך ווילן זיי בלייבן נייטראַל צו דער פּאָליטישער לאַגע אין לאַנד. זיי ווילן ווייטער געהערן צום אָרטיקן ציוניסטישן קאונסיל און ווילן זיך אָנשליסן אין דער הסתדרות עברית. זיי זיינען ווייט פון געדאַנק צו זיין פאַנאַטיקער העברעאיסטן און באַקעמפן אי־

דיש. זיי פאַרשפּרייטן אידישע און העברעאישע ליטעראַטור און זיי פירן זייערע זיצונגען אין אידיש.

דער ענטפער פון דעם צענטראַל קאָמיטעט איז געווען, אַז ער איז קעגן דעם נאָמען „השחר", נאָר זיי מוזן זיך רופן פועלי ציון פאַראיין וויניפּעג נומער 2. נאָר עטלעכע פאַראיינען איז דערלויבט צו טראָגן נעמען, די קליוו־לענדער קאָנפערענץ האָט דאָס פאַרבאָטן. יענע פאַראיינען האָבן עקזיסטירט נאָך פאַר דער קאָנווענשאָן. די חברים אין וויניפּעג דאַרפן אנערקענען די גלייכבאַרעכטיקונג פוןביידע שפּראַכן. זיי האָבן פולשטענדיקע רעכט צו פאַרלאַנגען, אַז אין ארץ ישראל זאָל הערשן העברעאיש, ווייל די פאַרטיי האָט נאָך וועגן דעם קיין שטעלונג ניט אָנגענומען. אין דער פאַרטיי זיינען בכלל ניטאָ קיין העברעאיסטישע אָדער אידישיסטישע פאַראיינען. ס'איז פאַראַן אין ניו יאָרק אַ העברעאיש רעדנדיקער פאַראיין, אָבער ביי זיין אַריינטריט האָט ער געמוזט אנערקענען די שטעלונג פון דער פאַרטיי צו די שפּראַכן. דער צענטראַל קאָמיטעט האָט זיי אויך דערקלערט, אַז זיי וועלן מוזן זיין פאָליטיש טעטיק.

דער פאַראיין „השחר" האָט זיך אונטערגעוואָרפן די פאָדערונגען פון דעם צ. ק. שפּעטער האָבן זיי זיך צוזאַמענגעשמאָלצן מיט דעם עקזיסטירנ־דיקן וויניפּעגער פאַרטיי פאַראיין (בר. 1).

אידישער קעמפער — „ביולעטין"

ווען „דער אידישער קעמפער" האָט אָנגעהויבן דערשיינען, סוף מערץ 1906, איז דאָס געווען אַ גרויסער יום־טוב פאַר די קאַנאַדער חברים. א. ז. סילווערמאַן פון טאָראָנטאָ שרייבט: „איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם שבת־אָוונט, ווען עס האָט געדאַרפט דערשיינען דער ערשטער נומער „אי־דישער קעמפער". מיר האָבן געוואַרט ביז 4 אַזייגער פאַרטאָג, פאַר דעם אָנקום פון דער לעצטער באַן פון ניו יאָרק, און אַזוי גיך ווי מיר האָבן אָפּ־גענומען דעם ערשטן פּאַק צייטונגען, איז אונזער פרייד געווען אַזוי גרויס, ווי אפשר ביי מתן־תורה"...[91]).

אין מאָנטרעאָל פלעגט מען ניט גיין צו דער אַרבעט, ביז מ'האָט ניט פאַרטיילט דעם „קעמפער". זיי פלעגן פאַרשפּרייטן 4—3 הונדערט „קעמ־פערס" אַ וואָך. געגנאָסן האָבן געזוכט צו פאַרדעקן דעם „קעמפער" מיט אַנ־דערע צייטונגען, מען זאָל אים ניט אַרויסזען... אָבער אויף דעם האָט שוין אַכטונג געגעבן חבר ב. לאַכאָוויצקי [92]). ב. לאַכאָוויצקי דערציילט, אַז איידער מ'האָט דערלויבט אַרויפצולייגן „קעמפערס" אויף די סטענדס, פלעגט אים אויסקומען צו שטיין אין דרויסן פאַרן בוך געשעפט (הערשמאַנס) ביי דער טיר. ער פלעגט אָפטמאָל געבן דעם „קעמפער" אויף באָרג, אַבי מ'זאָל לייע־נען. איינמאָל, ווען ס'איז געגאַנגען אַ גרויסער רעגן, האָט אים דער פאָלקס־טימלעכער סאָציאַליסט, דער גוטער ה. הערשמאַן איינגעלאַדן, ער זאָל אַריינ־

קומען אינעווייניק. דאַן האָט זיך געענדיקט דער גאַנצן פּאַרקויף פון דעם „קעמפּער" [93].

די צייט צווישן יאַנואַר 1908 ביז אויגוסט 1910, ווען דער „קעמפּער" איז ניט דערשינען, איז געווען זייער אַ שווערע פאַר די חברים. אָבער די דערוואַרטונג, אַז אָט, אָט וועט דער „קעמפּער" ווידער אָנהויבן דערשיינען, האָט געשטאַרקט דעם מוט. אין אַ בריוו צו לבדי פון 1909 אָדער אָנפאַנג 1910, שרייבט פּרושאַנסקי פון מאָנטרעאָל, „נאָר די פינצטערניש פאַרגייט, די וואָלקנס צערוקן זיך. וואָס ווייטער זעען מיר, אַז מיר זיינען נאָענט צו דער פולער ליכטיקייט. אַלץ גרעסער ווערט דער „קעמפּער" פאָנד און עס איז צו האָפן, אַז ער וועט באַלד, גאָר אינגיכן זאָגן זיין גוט וואָרט, זיין ערנסט וואָרט. ווען איך דערמאָן מיך אין דעם „קעמפּער" באַקום איך גאָר אַן אַנדער שטימונג. עס דוכט זיך מיר, אַז איך זע אים אין זיין פריערדיקן גלאַנץ. אָבוואָל, די לעצטע באַראַטונג האָט באַשלאָסן אים ניט אַזוי עקספּענספּול צו מאַכן, דענק איך, אַז דער צענטראַל קאָמיטעט וועט פאַרשטיין זיין אויפגאַבע און אינערלעך וועט „דער קעמפּער" זיין ווי פריער"...

די דאָזיקע וואַרימע, מיר וואָלטן געזאָגט הייסע באַציאונג צום „קעמפּער" איז געווען איבערן גאַנצן לאַנד. אין מאָנטרעאָל האָט די לאָיאַליטעט און אי־בערגעגעבנקייט צום „קעמפּער" ניט געהאַט קיין גרענעץ. אין דעם באַריכט צו דעם 10־יעריקן יובילייַ פון דער פּאַרטיי אין מאָנטרעאָל שרייבט מען:
„ניט נאָר זיינען מיר געווען די ערשטע אויף דער ליסטע פון געשאָפענע אָבאָנענטן, נאָר מיר זיינען געווען כמעט די ערשטע אויף דער ליסטע פון דאָנאַציעס. פון שאָפן אַדווערטייזמענטס און דאָס גלייכן. ניט איין חבר פלעגט ברענגען שבת אָוונט צום מיטינג זיינע ווײדזשעס (אַרבעטס־לוין), ווי קלאָ־געדיק זיי זיינען דאַן ניט געווען און פלעגט דעם פאַרמאַכטן קאָנווערט אַוועק־לייגן ביים פאָרזיצער אויפן טיש, ווען ס'איז געווען אַן אַפּיל פאַרן „קעמ־פּער" [94]. ס'איז גענוג אַ קוק צו טאָן אויף די אויסגאַבן פון „קעמפּער" פון 1910, כדי צו זען, אַז דאָס איז ניט געווען קיין באַרימעריי. כמעט אַ העלפט פון אַלע אַנאָנסן, אין דורכשניט איין און אַ האַלבע זייט, זיינען פון מאָנטרעאָ־לער פירמעס, געזאַמלט פון מאָנטרעאָלער חברים. ווי ווייט אייניקע חברים געדענקען האָט מען אין מאָנטרעאָל אפילו געדרוקט עטלעכע נומערן פון „קעמפּער" און דער מאָנטרעאָלער פאַראיין האָט באַצאָלט פאַר דעם. דער דערמאָנטער באַריכט דערציילט, אַז „איבער טויזנט דאָלאַר איז געשאָפן גע־וואָרן פאַרן „קעמפּער" פאַר 6 חדשים צייט".

ווען דער „קעמפּער" האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט אין מאַי 1911, האָבן די מאָנטרעאָלער חברים ניט גערוט. אין אַ בריוו, פון פעברואַר 1912, האָט דער מאָנטרעאָלער פאַראיין געלאָזט וויסן דעם צענטראַל קאָמיטעט, אַז זיי זיינען גרייט אַרויסצוגעבן און, פאַרשטייט זיך, דעקן די אויסגאַבן פון צוועלף נומערן אַ יאָר פון דעם פועלי ציון ביולעטין, ווי אויך אַרויסגעבן איין אָדער צוויי קאָנווענשאָן נומערן. אַלץ וואָס די חברים האָבן פאַרלאַנגט איז, אַז דער צענטראַל קאָמיטעט זאָל באַצאָלן די עקספּרעס אויסגאַבן פון מאָנטרעאָל

אַ גרופּע סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן אין וויניפּעג אין 1907, בעת אַ באַזוך פון ברוך צוקערמאַן

ערשטע שורה פון רעכטס: מאלי טשעראשני, אייב קלימאָווסקי, אסתר טשעראשני, ב. מילער, יעקב פרידמאַן, ש. פרענקעל, אומבאַקאַנט. צווייטע שורה פון רעכטס: מאַקס מיינס, פאַניע טשערניאַק, ברוך צוקערמאַן, בתיה קאַצאָווסקי, א. י. (אלתר) טשערניאַק, מרס. פענער, אומבאַקאַנט, פינקעלשטיין, מרס. לאַנין, דזש. בערענטאַל. דריטע שורה פון רעכטס: ד. ספּיוואַק, מרס. קריגער, מרס. קאַלטשין, מ. איימס, מ. סעגאַל. פערטע שורה פון רעכטס: ש. קווענטשעל, אומבאַקאַנט, אומבאַקאַנט, זלאַטניקאָוו, מ. ווייסמאַן, אומבאַקאַנט, מייזלין.
פינפטע שורה פון רעכטס: דייוו ריטשמאַן, יוזי קאַטצאָווסקי.

גרינדער פון פועלי ציון פאראיין אין מאָנטרעאל, יולי, 1905

ערשטע שורה פון רעכטס: **א. מאָסקאָוויטש, מ. האָישבערג.**
צווייטע שורה פון רעכטס: **שרה מאַן־צוקער, יעקב סאָלאָמאָן ח׳ טאבאטשניקאָף, עטל מאַן (א גאסט).**
דריטע שורה פון רעכטס: **ח׳ פרנס, אומבאקאנט, ל. צוקער, ח׳ זארעיקין, משה זלאטקאפסקי, ח׳ טילין.**

א גרופע מאָנטרעאלער פועלי ציון אין 1906

רעכטס צו לינקס: מענדל לייב זאַק, ד״ר י. באכראך, ש. ש. שאפּיראָ.

א גרופּע טאָראָנטער פּועלי ציון אין 1914

שטייענדיק פון רעכטס: **חאַצקל הערלינג**, ש. דזשוליען, פישל וואָלערשטיין.
זיצנדיק פון רעכטס: **אַברהם** (אייב) ווייס, יהודה (יודל) גערטלער.

קיין ניו יאָרק און עס זאָל זיין געשריבן אויף די ביולעטינען: געדרוקט אין מאָנטרעאָל. דער פאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן און דער ביולעטין פון צענטראַל קאָמיטעט איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון די מאָנטרעאָלער חברים פאַר וויניקסטנס אַ יאָר צייט, אויב ניט לענגער. ביי דעם פּאַרטיי־ראַט, וואָס איז פאָרגעקומען אין אַפּריל 1912, האָט מען באַשלאָסן פאָרטצוזעצן דאָס אַרויסגעבן דעם ביולעטין אין מאָנטרעאָל און אַז אין משך פון יאָר זאָלן אַרויסגעגעבן ווערן עטלעכע נומערן מיט אַ פּראָפּאַגאַנדיסטישן כאַראַקטער. ביי דער קאָנווענשאָן אין ראָטשעסטער, אין 1914, האָט עהרענרייך באַריכ־טעט, אַז ווען די חברים אין מאָנטרעאָל האָבן אויפגעהערט צו שאַפן „עדס", איז דער ביולעטין אונטערגעגאַנגען.

דער קריזיס יאָר

דער יאָר 1912 איז געווען זייער אַ שווער יאָר פאַר דער פּאַרטיי. אין אַפּריל 1912, איז ווי שוין דערמאָנט, פאָרגעקומען אַ פּאַרטיי־ראַט. די פי־נאַנציעלע לאַגע פון דער פּאַרטיי איז געווען אַ קריטישע. דער מאָנטרעאָ־לער פאַראיין איז געבליבן לאָיאַל צו דעם פריערדיקן באַשלוס, אַז דער צענ־טראַל קאָמיטעט זאָל פאַרבלייבן אין ניו יאָרק. אזוי ווי ס'האָט געפעלט $300 ($400 פלעגט אַריינקומען פון פּאַרטיי שטייער) פאַר דעם בודזשעט, האָט דער מאָנטרעאָלער פאַראיין, לויט אַ דערקלערונג פון ל. מעלצער, זיך אונ־טערגענומען צו שאַפן 100 דאָלאַר בתנאי, אַז די אַלע אַנדערע פאַראיינען זאָלן שאַפן $200. אזוי ארום וועט דער בודזשעט פון צענטראַל קאָמיטעט ווערן געזיכערט און ה. עהרענרייך זאָל קאָנען איבערנעמען דעם אַמט פון פּאַרטיי סעקרעטאַר.

ביים פונקט „אָרגאַניזאַציע", האָט ל. מעלצער געמאָלדן, אַז מאָנטרעאָל גיט ארויס א בראָשור וועגן פועלי ציוניזם. פיינמאַן האָט פאָרגעשלאָגן, אַז מען זאָל העלפן די מאָנטרעאָלער חברים אַרויסגעבן דעם ביולעטין אין 10 טויזנט עקזעמפּלאַרן און זיי צעטיילן פריי, וועט מען ניט דאַרפן אַרויסגעבן קיין אַנדערע ליטעראַטור. פּרושאַנסקי האָט פאָרגעשלאָגן, אַז די מאָנטרעאָ־לער בראָשור זאָל אַרויסגעגעבן ווערן אין נאָמען פון צענטראַל קאָמיטעט. ווי שוין דערמאָנט, איז ביי דעם פּאַרטיי־ראַט באַשלאָסן געוואָרן פאָרטצוזעצן דאָס אַרויסגעבן דעם ביולעטין אין מאָנטרעאָל, אָבער, אַז אין משך פון יאָר זאָלן זיין עטלעכע נומערן מיט אַ פּראָפּאַגאַנדע כאַראַקטער.

„די צייט"

אַ גאָר וויכטיק אָרט פאַרנעמט די אַרבעט פון די קאַנאַדער חברים פאַר דער טעגלעכער צייטונג „די צייט". דאָ האָבן די פאַרבאַנד צוויגן געאַרבעט האַנט אין האַנט מיט דער פּאַרטיי. די פאַראיינען אין טאָראָנטאָ, מאָנטרעאָל, וויניפּעג, האָמילטאָן, סאַסקאַטון און אפילו עדמאָנטאָן, האָבן געמאַכט אַ וויכ־

טיקן בייטראַג, פאַרקויפנדיק אַקציעס פון דער צייטונג, שאַפנדיק אַבאָנענטן א. א. וו. באַזונדערס האָבן זיך אויסגעצייכנט די חברים פון טאָראָנטאָ. די קאַנאַדער חברים זיינען אין דער אַרבעט פאַר דער צייטונג ניט געווען קיין אויסנאַם. זיי האָבן געטון דאָס, וואָס אַלע אַמעריקאַנער חברים האָבן געטאָן. דער ענין ווערט דאָ דערמאָנט בלויז כדי צו רעגיסטרירן דעם אָנטייל און די לאָיאַלע, די באמת אידעאַליסטישע טרייהייט פון די חברים אין קאַנאַדע צו דעם גרויסן פאַרזוך פון דער באַוועגונג צו האָבן אַ טעגלעכע צייטונג.

לאָקאַלע אויטאָנאָמיע

נאָך אין מאַי 1908, האָט דער מאָנטרעאָלער פאַראיין געבעטן דעם צענטראַל קאָמיטעט מען זאָל זיי געבן די אַדרעסן פון די פאַראיינען אין קאַנאַדע, ווייל „זיי ווילן אָרגאַניזירן דאָס לאַנד". דער צענטראַל קאָמיטעט האָט נאָכגעגעבן דעם פאַרלאַנג פון די מאָנטרעאָלער חברים. אין י. לבדיס אַרכיוו האָבן מיר געפונען עטלעכע אינטערעסאַנטע בריוו וועגן דעם פאַרזוך צו „אָרגאַניזירן דאָס לאַנד".

סוף 1909 האָט י. פּרוזשאַנסקי, דער דעמאָלסטדיקער סעקרעטאַר פון מאָנטרעאָלער פועלי ציון פאַראיין אָנגעהויבן פירן אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט וויניפּעג, טאָראָנטאָ און האַמילטאָן. אין אַ בריוו צו י. לבדי, פון דעם 15טן סעפּטעמבער 1909, שרייבט פּרוזשאַנסקי: „דער צ. ק. שרייבט מיר איצט, אַז אין טאָראָנטאָ איז קיין פאַראיין ניטאָ, נאָר מיר וועלן טאָראָנטאָ ניט אָפּ־לאָזן. איך וועל זען, אַז האַמילטאָן זאָל אונז העלפן"... מיט דער ציוניס־טישער פעדעראַציע שטייען מיר ניט אין קיינע פאַרבינדונגען, קיין שקלים האָבן מיר ניט". אין 1910 שרייבט פּרוזשאַנסקי צו לבדי: „טאָראָנטאָ ענט־פערט ניט, איך וועל זיי ניט שווייגן". וועגן קוויבעק האָט ער זיך איבערצייגט, אַז מ'קאָן דאָרט גאָר ניט טאָן, אַלע אידן דאָרטן זיינען קאַנטרי פּעדלערס, אין פאַרלויף פון דער וואָך זיינען דאָ אין שטאָט נאָר די פרויען און קינדער. אין אָטאַוואַ איז „סלעק", קאָן מען דאָרט גאָר ניט טאָן. ער האָט געוואָלט אַראַנזשירן אַ טור פון ש. שניאור אין טאָראָנטאָ, האַמילטאָן און וויניפּעג, אָבער דערפון איז גאָרניט געוואָרן.

כאָטש די מאָנטרעאָלער חברים זיינען געווען אויסערגעוויינלעך געטריי צו דעם „קעמפּער" האָבן זיי געגלויבט, אַז זיי וועלן קענען בעסער דינען די אינטערעסן פון דער פּאַרטיי, אויב זיי וועלן האָבן אויך אַן אייגן, קאַנאַדער וואָכנבלאַט. סוף נאָוועמבער 1910, איז פאָרגעקומען אין מאָנטרעאָל אַ באַ־גייסטערטע פאַרזאַמלונג וועגן אַרויסגעבן אין מאָנטרעאָל אַ וועכנטלעכע פועלי ציון צייטונג. דער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן נאָך אַ לאַנגער דע־באַטע, וואָס האָט פאַרנומען אַ פּאָר שעה. אָן אָפּיל איז געמאַכט געוואָרן פאַר אַ טויזנט דאָלאַר פאָנד און „ס'איז גלייך אַריינגעפאַלן פינף הונדערט דאָ־לאַר" [95], מסתמא אין צוזאָגן און ניט מזומן געלט. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ פּראָטעסט ניט נאָר פון צענטראַל קאָמיטעט נאָר אויך פון שיקאַגאָ און אַנ־

דערע שטעט. מ. ל. זאַק און י. פּרוזשאַנסקי, וועלכע זיינען מסתמא געווען די איניציאַטאָרן פון דעם פּלאַן, האָבן דאַן אַרויסגעגעבן אַ דערקלערונג, אַז „מיר זיינען ניט אויסן צו מאַכן אַ מרידה אין דער פּאַרטיי און נאָר גוטס איז אונזער כונה. דער צוועק איז געווען אַרויסצוגעבן אויף אונזער אייגענעם חשבון און אחריות אַ צייטשריפט, וואָס זאָל דינען אַלס הילפס־מיטל דער פּאַרטיי לייטונג צו פאַרלייכטערן די פּראָפּאַגאַנדע אַרבעט אין קאַנאַדע. ס׳איז אַ פאַקט, אַז ווי נאָר דער צענטראַל קאָמיטעט האָט זיי אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז דער באַשלוס וועט זיך שלעכט אָפּרופן אויף די פאַראײנען, איז דער דאָזיקער באַשלוס צוריקגעצויגן געוואָרן״.

אין אָקטאָבער 1911, איז פאָרגעקומען די 6טע פּאַרטיי קאָנווענשאָן אין דעטראָיט. ביי דער דאָזיקער קאָנווענשאָן האָט דער מאָנטרעאָלער דעלעגאַט אַריינגעבראַכט אַ פאָרשלאַג, אַז ס׳זאָל געגרינדעט ווערן אַן אָרגאַניזאַציאָנס קאָמיטעט אין מאָנטרעאָל פאַר קאַנאַדער ענינים. דער פאָרשלאַג איז איבערגעגעבן געוואָרן צום צענטראַל קאָמיטעט און דער סעקרעטאַר, ה. עהרענרייך, האָט דערקלערט, אַז אויב אַלע קאַנאַדער חברים וועלן עס פאַרלאַנגען, וועט אַזאַ קאָמיטעט געגרינדעט ווערן. ווי ל. מעלצער האָט אונז געשריבן, איז דער פאַרלאַנג פון אַ קאַנאַדער אָרגאַניזאַציאָנס קאָמיטעט אויפגעהויבן געוואָרן פון ב. לאַכאָוויצקי און איז געשטיצט געוואָרן פון י. פּרוזשאַנסקי און ל. מעלצער. אזוי ווי די אַנדערע קאַנאַדער פאַראײנען האָבן זיך דאַן ניט אינטערעסירט מיט דעם ענין, איז פון דעם גאָר ניט געוואָרן.

אָנהויב 1917, האָט דער טאָראָנטער פּועלי ציון פאַראײן גענומען די איניציאַטיווע צוזאַמענצורופן אַ קאָנפערענץ פון די קאַנאַדער פּועלי ציון פאַראײנען, ווייל ס׳איז שוין צייט, „אַז די קאַנאַדער פאַראײנען זאָלן זיך ענגער פאַראייניקן, כדי אונזער אַרבעט זאָל אָנגעפירט ווערן מיט מער סיסטעם, ווי ביז איצט״. אַ צווייטער אַרגומענט פאַר אַזאַ קאָנפערענץ איז געווען, „אַז ניט זייענדיק פאַראייניקט אין אַ דיסטריקט קאָמיטעט, זיינען מיר, קאַנאַדער פאַראײנען, אויסגעשלאָסן פון דעם פּאַרטיי ראַט, וואָס ווערט צוזאַמענגעשטעלט פון פאַרטרעטער פון ראַיאָנס קאָמיטעטן״ [96]). אין יענער צייט איז דער ענין קאַנאַדער אידישער קאָנגרעס, קאַנאַדער לייבאָר פּאַרטיי, דאָס איינפירן פון געצוואונגענעם מיליטער דינסט א. א. וו. געווען פראַגן, וואָס די קאַנאַדער פאַראײנען האָבן געמוזט אויף זיי געבן אַ געמיינשאַפטלעכן ענטפער.

ס׳איז אויך געווען אַ פראַגע בנוגע אַ זעלבסטשטענדיקן נאַציאָנאַל פאָנד ביוראָ אין קאַנאַדע, ווייל די קאַנאַדער ציוניסטן האָבן אַלע מאָל געזאַמלט וויניק געלט פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד און האָבן, ווי שוין דערמאָנט, אָפּגעזאָגט זיך אַדורכצופירן אַ טור, אין 1916, מיט דר. ב. עפּשטיין, אַ ספּעציעלער שליח פון דעם נאַציאָנאַל פאָנד ביוראָ אין האַאַג. די אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן מורא געהאַט צו זאַמלען געלט פאַר ארץ ישראל, ווייל ארץ ישראל איז דאַן נאָך געווען אין די הענט פון טערקיי און ס׳איז געווען „ניט פּאַטריאָטיש״

צו זאַמלען געלט פאַר דעם שונא׳ס טעריטאָריע... זיי האָבן אַליין ניט געאַרבעט און ניט דערלאָזט אַנדערע צו אַרבעטן.

אזוי ווי דער צענטראַל קאָמיטעט האָט מסכים געווען, אַז ס׳זאָל פאָרקומען אַ צוזאַמענפאָר פון קאַנאַדער פאַראיינען, האָט דער מאָנטרעאָלער פאַראיין אויסגעקליבן אַלס דעלעגאַטן: ל. צוקער, ח. מ. קייזערמאַן און מ. בלעכמאַן. טאָראָנטאָ איז געווען פאַרטראָטן דורך אליעזר פרענקעל, ש. ש. שאַפּיראָ, י. גערטלער און מ. מענסאָן. דער האַמילטאָנער פאַראיין איז אויך געווען פאַרטראָטן. דער צ. ק. איז געווען פאַרטראָטן דורך י. זאַר. דער קאָמיטעט צו אַראַנזשירן די קאָנפערענץ איז באַשטאַנען פון י. גערטלער, מ. קרעמער, ראָזענבערג און זילבערבערג [97].

די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען דעם 28טן און 29טן אַפּריל 1917, אין טאָראָנטאָ. די ערשטע רעזאָלוציע איז געווען, צו פאָדערן, אַז דער קאַנאַדער אידישער קאָנגרעס זאָל זיך צוזאַמענקומען ביז דעם 1טן יולי 1917 און זיך ווענדן וועגן דעם צו אַלע קאָנגרעס־קאָמיטעטן און צו דער „באָארד אָוו דעפּיוטיס". אויב זיי וועלן ניט מסכים זיין, זאָלן די פועלי ציון פאַראיינען גיין צוזאַמען מיט אַנדערע נאַציאָנאַל דעמאָקראַטישע עלעמענטן און רופן אַ קאָנגרעס, באַזירט אויף נאַציאָנאַל דעמאָקראַטישע יסודות. די צווייטע רעזאָלוציע איז געווען, צו ווענדן זיך מיט אַ מעמאָראַנדום צו דער סאָציאַל דעמאָקראַטישער פאַרטיי פון קאַנאַדע וועגן אנערקענען אַ אידישע סעקציע. אין פאַל פון אַן אָפּזאָג זאָלן די פועלי ציון מאַכן זעלבסטשטענדיקע פּאָליטישע אַרויסטריטן, דאָרט וואו מען וועט עס געפינען פאַר צוועקמעסיק און נויטיק. (פאַרשטייט זיך, אַז דער מעמאָראַנדום און די אַרויסטרעטונגען וועלן דאַרפן ווערן דורכגעפירט מיטן הסכם פון דעם צענטראַל קאָמיטעט). די אַנדערע באַשלוסן זיינען געווען: אַרבעטן אַקטיוו אין די יוניאָנס, נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שולן, אַרבעטן פאַר דעם פּ. א. פ און „השומר" (אַ טאָג שכירות פון תשעה באב זאָל געגעבן ווערן פאַרן „השומר").

וועגן דעם נאַציאָנאַל פאָנד, איז באַשלאָסן געוואָרן זיך צו ווענדן צום נאַציאָנאַלן קאָונסיל פון דער קאַנאַדער ציון פעדעראַציע און זיי וואָרענען, אַז אויב זיי וועלן ניט אָנהויבן אַרבעטן פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד, וועלן די פועלי ציון, מיטן הסכם פון הויפּט ביוראָ אין האַאַג, אַליין עפענען אַ קאַנאַדער ביוראָ פון דעם נאַציאָנאַל פאָנד און „פאַרצווייגן אַ זעלבסטשטענדיקע אַרבעט אויף דעם געביט".

מ׳האָט דאַן באַשלאָסן צו גרינדן אַ קאַנאַדער צענטראַלע פאַר דער באַוועגונג — „דעם קאַנאַדער דיסטריקט קאָמיטעט פון דער אידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער פאַרטיי פועלי ציון", און אַז דער אָפיס פון דעם דיסטריקט קאָמיטעט זאָל זיין אין טאָראָנטאָ. אין דעם דיסטריקט קאָמיטעט זיינען דערוויילט געוואָרן ש. ש. שאַפּיראָ, י. גערטלער און מאַקס מענסאָן. מאַקס מענסאָן איז געוואָרן סעקרעטאַר און איז אזוי ארום געווען דער ערשטער דערוויילטער נאַציאָנאַלער באַאַמטער פון דער באַוועגונג אין קאַנאַדע. ביי דער קאָנפערענץ האָט מען אויך באַשלאָסן צו שאַפן אַ דיסטריקט קאָמיטעט

פאַר די יוגנט קלובן. די קאָנפערענץ האָט זיך געענדיקט מיט אַ באַנקעט, ביי וועלכן ס'איז געזאַמלט געוואָרן הונדערט דאָלאַר פאַר די רוסישע פועלי ציון [98].

אַ קורצע צייט נאָך דער קאָנפערענץ האָט מאַקס מענסאָן געדאַרפט אַוועקפאָרן פון טאָראָנטאָ און אויף זיין אָרט איז דערוויילט געוואָרן ל. ראַזענבערג אַלס סעקרעטאַר [99]. דער דיסטריקט קאָמיטעט האָט עקזיסטירט ביז סוף 1917. אין מאָנטרעאָל זיינען פאַרבליבן בריוו פון דעם דיסטריקט קאָמיטעט פאַר דעם גאַנצן יאָר 1917. מ'האָט קיין נאַציאָנאַל פאָנד ביוראָ ניט געשאַפן, מ'האָט דעם קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס אין 1917 ניט צוזאַמענגערופן. דער דיסטריקט קאָמיטעט האָט אויך ניט באַאיינפלוסט די פּרינציפּיעלע שטעלונגען פון דעם מאָנטרעאָלער און אַנדערע פאַראייניען. אָבער די קאָנפערענץ איז געווען נוצלעך. זי האָט אַריינגעבראַכט אַ סך פאַרשטענדיקונג צווישן די פאַראייניען. מ'האָט דערפילט, אַז ס'איז וויכטיק פון צייט צו צייט צו האָבן אַ מעגלעכקייט זיך צוזאַמענצורייד ן. דער דיסטריקט קאָמיטעט האָט געבראַכט צו אַן אויסטויש פון קאָרעספּאָנדענץ צווישן די פאַראייניען, אַ זאַך וואָס איז געווען זייער וויכטיק אין פאַרבינדונג מיט די פאַרבאַרייטונגען פאַרן קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס, לעגיאָן אַרבעט, אָנשלוס אין דער לייבאָר פאַרטיי א. א. וו. דאָס האָט געפירט צו שפּעטערדיקע פאַרזוכן פון געמיינשאַפטלעכער צוזאַמענאַרבעט פון די קאַנאַדער פאַראייניען און צו דער גרינדונג פון דעם אַקציאָנס קאָמיטעט פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג אין קאַנאַדע.

6.

דער אידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד

אַנטוויקלונג פון פאַרבאַנד אין מאָנטרעאָל און אומגעגנט

באַלד ווי חבר מ. בראַון האָט אַרויסגעלאָזט אַ רוף, איז 1908, ווען דער גרינדונג פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, איז געווען אַ גרופּע מאָנטרעאָלער חברים, וואָס האָבן זיך זייער וואַרעם אָפּגערופן, כאָטש דער מאָנטרעאָלער פועלי ציון פאַראיין איז אין יענער צייט געווען נוטה זיך אָנצושליסן אין דעם אָרדן „בני ציון". חבר לאַכאָוויצקי דערציילט, אַז ביי דער ערשטער פאַרזאַמלונג פון דער גרופּע זיינען, אויסער אים, געווען אַנוועזנד ל. מעלצער, י. כהן און גאָלובאָוו. ל. מעלצער איז דערוויילט געוואָרן פאָרזיצער, ב. לאַכאָוויצקי, סעקרעטאַר און י. כהן איז געווען דער ערשטער האָספּיטעלער [100]). חבר לאַכאָוויצקי, וועלכער איז געווען דער הויפּט פּראָפּאַגאַנדיסט פאַרן פאַרבאַנד, האָט אונז געשריבן, אַז די דאָזיקע גרופּע האָט אָפּגעהאַלטן זיצונגען, צוגעקראָגן נייע חברים און האָט אפילו אָפּגעדרוקט אַ קאָנסטיטוציע. אויסער די דערמאָנטע פיר חברים זיינען, לויט חבר לאַכאָוויצקי, די חברים פ. גאָלדמאַן, מ. בראַנשטיין און ס. סילווער געווען פון

די סאַמע ערשטע זיך אַנצושליסן אין פאַרבאַנד. אין דעם צעטל פון די
ערשטע נעמט ער אַריין אויך פ. אַראַנאָוו, נייטן גאָלדשמיד און מאַרדער.

די מאָנטרעאָלער גרופּע איז זיכער געווען צווישן די ערשטע גרופּן
אָדער צווייגן פון דעם פאַרבאַנד. ווי אַלע אַנדערע גרופּן איז זי אין די
ערשטע חדשים ניט געווען פאָרמעל אָרגאַניזירט. חבר מאיר בראון האָט
אונז דאָס באַשטעטיקט. ער שרייבט, אַז אויף זיין ווענדונג „האָבן זיך
באַלד אָפּגערופן פּיטסבורג, מילוואָקי, שיקאַגאָ און מאָנטרעאָל. אָבער דאָס
הייסט ניט, אַז גלייך זיינען געגרינדעט געוואָרן צווייגן. פּיטסבורג, מילוואָקי
און שיקאַגאָ האָבן זיך אָרגאַניזירט נאָך צום סוף 1908, אָבער מאָנטרעאָל
איז געקומען אין 1909". באַריכטן געדרוקט אין „קענעדער אָדלער" באַווייזן
אויך, אַז די פאָרמעלע אָדער אָפיציעלע גרינדונג פון דעם מאָנטרעאָלער
צווייג איז פאָרגעקומען אָרום דער זעלבער צייט, ווען ס'איז פאָרגעקומען
די פאַראייניקונג פון די פּועלי ציון און ס. ט. אין מאָנטרעאָל, עטלעכע מאָ־
נאַטן פאַר דער פאַראייניקונגס קאָנווענשאָן אין שיקאַגאָ.

שבת אָונט, דעם 22טן מאַי, 1909, האָט דער מאָנטרעאָלער פּועלי ציון
פאַראיין „דערוויילט אַ קאָמיטעט צו אָרגאַניזירן אַ צווייג פון פילאַדעלפיער
נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד". אזוי האָט באַריכטעט י. פּרוזשאַנסקי,
דער סעקרעטאַר פון פאַראיין[101]). אין דעם באַריכט ווערט ניט דערציילט
ווער עס זיינען געווען די מיטגלידער פון דעם קאָמיטעט. מיר זיינען זיך
משער, אַז די חברים ל. מעלצער און ב. לאַכאָוויצקי זיינען געווען אין דעם
קאָמיטעט. אין „קענעדער אָדלער" פון 22טן יולי, 1909, איז דאָ אַ באַריכט,
אַז מאָנטיק, דעם 19טן יולי, איז געגרינדעט געוואָרן אַ צווייג פון דעם נאַ־
נאַציאַנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד און אַז מען וועט אַריינעמען מיטגלידער ביז
דעם 1טן אויגוסט, אָן איינטריט־געלט... אין דער יובילײ־אויסגאַבע פון
„קענעדער אָדלער" פון 6טן אויגוסט, 1915, ווערט געזאָגט, אַז דער צווייג
8 פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד אין מאָנטרעאָל איז געגרינדעט
געוואָרן דעם 20טן יולי, 1909, דורך ל. מעלצער און ב. לאַכאָוויצקי.

אָרום סוף יולי, 1909, האָט די עקזעקוטיווע באַריכטעט אין דער
פּרעסע, אַז ס'זיינען שוין פאַראַן 25 חברים, פון וועלכע 15 זיינען שוין עק־
זאַמינירט געוואָרן פון דאָקטאָר[102]). לויט די דערינערונגען פון די חברים
זיינען אויסער די דערמאָנטע חברים געווען צווישן די ערשטע גרינדער פון
דעם צווייג 8, אויך די חברים ל. צוקער און וו. כייטמאַן[103]). חבר מאיר
בראון דערמאָנט אויך י. פּרוזשאַנסקי[104]). זיי אַלע זיינען אַריין אין דעם
צווייג ביי זיין אָפיציעלער גרינדונג, אָדער באַלד נאָך דער שיקאַגאָ קאָנ־
ווענשאָן. ביי אַ מיטינג דעם 12טן אויגוסט, 1909, איז באַשלאָסן געוואָרן צו
באַדאַנקען די פּועלי ציון פאַר זייער אָרגאַניזירן דעם צווייג[105]). עטלעכע
חדשים שפּעטער זיינען די ווייטערדיקע באַריכטן אונטערגעשריבן געוואָרן
פון דעם פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר א. מאַן.

אין נאָוועמבער, 1909, האָט דער צווייג פאַרלאַנגט פון דער גענעראַל־
עקזעקוטיווע אַנצושטעלן אַן אָרגאַניזאַטאָר און באַוויליקן 25.00 דאָלאַר פאַר

דעם צוועק. מ׳האָט אויך באַשלאָסן צו האָבן אָפּטע פאַרזאַמלונגען. אין יוני, 1910, איז באַריכטעט געוואָרן, אַז דער פאַרבאַנד האָט שוין געציילט 60 חברים. אַלס דעלעגאַטן צום ערשטן צוזאַמענפאָר פון פאַרבאַאַנד אין ראָ־טשעסטער זיינען דערוויילט געוואָרן ל. מעלצער און י. פּרוזשאַנסקי [106].

אין אויגוסט, 1910, האָט מען באַשלאָסן צו באַטייליקן זיך אין דער הילפס קאָנפערענץ און צו שטיצן דעם קלאָוקמאַכער סטרייק אין ניו יאָרק מיט $5.00. מ׳האָט שוין דאַן אָנגעהויבן צו ריידן וועגן גרינדן נאָך אַ צווייג פון דעם פאַרבאַנד.

דער פאַרבאַנד צווייג האָט אין סעפּטעמבער, 1910, געשיקט צוויי דע־לעגאַטן צום מאָנטרעאָלער פּועלי ציון קאָנווענשאָן קאָמיטעט צו העלפן אַראַנזשירן די פּאַרטיי קאָנווענשאָן אין מאָנטרעאָל. מ׳האָט אויך באַשלאָסן זיך צו באַטייליקן אין דער קאָנפערענץ פאַר די סטרייקנדיקע קלאָוקמאַכער. אין דער צייט פון דער קאָנווענשאָן איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ זיצונג פון דעם פאַרבאַנד צווייג, מיט דעם דאַמאָלסטדיקן פּרעזידענט פון פאַרבאַנד, י. חייקין.

דעם 13טן יאַנואַר, 1912, איז געשטאָרבן חבר חיים שענקער, און דער פאַרבאַנד האָט דורכגעפירט די ערשטע לויה.

אין פעברואַר, 1913, האָט דער צווייג געהאַט אַלס גאַסט ג. אַוורונין, דעם פּרעזידענט פון פאַרבאַנד. דעם 2טן יולי, 1913, האָט דער צווייג 8 פון דעם פאַרבאַנד גערופן אַ קאָנפערענץ צו שאַפן מיטלען צו „שטיצן דעם גרויסן סטרייק אין פּעטערסאָן" [107]. דעם 14טן דעצעמבער, 1913, זיינען פאָרגעקומען וואַלן. דער ערשטער פּולער באַריכט אין דער פּרעסע וועגן די וואַלן גיט איבער, אַז ל. צוקער איז דערוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער; מ. בראָנשטיין, וויצע־פאָרזיצער; יעקב קאַץ, פינאַנץ סעקרעטאַר; א. מאַן, פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר; פ. אַראָנאָוו און ב. גאָלדשמיד, אַדיטאָרס. אין דער עקזעקוטיווע זיינען אויך דערוויילט געוואָרן די חברים ברוידע, פ. גאָלד־מאַן, יעקב גאַרט, ב. ליוואַי און מאַרדער [108]. דעם 10טן מאַי, 1914, האָט א. מאַן אָפּגעגעבן אַ באַריכט פון דער קאָנווענשאָן.

אין יוני, 1914, איז חבר מאיר בראַון ווידער געקומען קיין מאָנטרעאָל. מ׳האָט אָפּגעהאַלטן אַן אָרגאַניזאַציאָנס מיטינג. דעם 17טן יאַנואַר, 1915, זיי־נען פאָרגעקומען וואַלן. ל. צוקער איז ווידער דערוויילט געוואָרן אַלס פאָר־זיצער; יעקב קאַץ, פינאַנץ סעקרעטאַר; י. שעכטער, פּראָטאָקאָל סעקרע־טאַר; א. מאַן, קאָרעספּאָנדענץ סעקרעטאַר; י. גאַרט, האָספּיטעלער. אַלס עקזעקוטיוו מיטגלידער זיינען דערוויילט געוואָרן ל. געלער, מ. בראָנשטיין, ב. חפץ [109]. דעם 13טן יוני, האָט מען באַשלאָסן צו באַטייליקן זיך אין די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן פון מאָנטרעאָל. אַלס פאָרשטייער צו די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן זיינען דערוויילט געוואָרן די חב־רים פ. אַראָנאָוו, א. עסנער און טאַלער. אַראָנאָוו איז אויך דערוויילט געוואָרן אַלס קאָנווענשאָן דעלעגאַט [110].

אין מערץ, 1915, האָט די פּועלי ציון באַוועגונג צוגעטיילט דעם פאַר־באַנד דעם כבוד צו נעמען די איניציאַטיווע צו אָרגאַניזירן די אידן אין קאַנאַדע. דער פאַרבאַנד האָט דאַמאָלסט צוזאַמענגערופן די ערשטע היסטאָ־רישע קאָנפערענץ, ביי וועלכער ס'איז געגרינדעט געוואָרן דער פאָלקס־פאַרבאַנד פון קאַנאַדער אידן, וואָס האָט געפירט צו דער גרינדונג פון דעם קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס. אין 1916, האָט דער צווייג רעקאָמענדירט צו דער קאָנגרעס־פאַרקאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 4טן יאַנואַר, אין טאָראָנטאָ, אַז קאַנאַדער אידן זאָלן אַראַנזשירן אַ אידישן הילפס־טאָג פאַר די מלחמה־ליידנדע [111]). דעם 30טן אויגוסט, 1916, איז באַריכטעט גע־וואָרן, אַז מ'האָט דערוויילט יהודה ראָזענפעלד, אַלס דעלעגאַט צו דער פאַרבאַנד קאָנווענשאָן אין דעטראָיט [112]).

דער צווייג 8 האָט אויך געטאָן קולטור־אַרבעט. מ'האָט געהאַט פיל לעקציעס מיט לאָקאַלע חברים, ווי יהודה קויפמאַן, ש. שניאור, ח. מ. קיי־זערמאַן און אַנדערע. מ'האָט אויך געהאַט לעקציעס מיט ניו יאָרקער חברים. אויסער די באַאַמטע פון פאַרבאַנד, זיינען ביי דעם צווייג אויפגעטראָטן: ד. אבערסאָן, דר. נ. סירקין, יואל ענטין און אַנדערע. אויסער זיינע פאַר־באַנד אַרבעטן האָט דער צווייג זיך באַטייליקט אין דער אַרבעט פאַר די שולן און אין אַלע אַנדערע אַקטיוויטעטן פון דער פאַרטיי און אין די זאַמ־לונגען פאַר מלחמה קרבנות און ארץ ישראל פאָנדן.

די מאָנטרעאָלער פאַרטיי און פאַרבאַנד חברים האָבן אין די יאָרן 1909—1918 ניט געהאַט קיין מזל מיט דער גרינדונג פון נייע צווייגן פון פאַרבאַנד. אין 1911, איז געמאַכט געוואָרן אַ פאַרזוך צו גרינדן אַ סירקין־צווייג פון פאַרבאַנד. מער ווי איין באַריכט פון דעם צייטווייליקן סעקרעטאַר, ז. פאַשערסניק, איז ניט געווען אין דער פרעסע וועגן דעם דאָזיקן פאַרזוך. אין 1911, איז אויך באַריכטעט געוואָרן, אַז עס האָט זיך געגרינדעט אַ פינסקער פאַראיין, וואָס האָט געהאַט 25 מיטגלידער. ער האָט געפּלאַנט זיך אַנצושליסן אין דעם פאַרבאַנד, אָבער ס'איז פון דעם גאָרניט געוואָרן.

אין מערץ 1912, האָט דער מינסקער פאַראיין, אונטער דער לייטונג פון ד. רובין, סעקרעטאַר און עקזעקוטיווע מיטגלידער: ל. מעלצער, ד. ראַ־קאָוו, א. נייטן, ס. מירסקי און י. עפּשטיין געמאַכט גאָר אַן ערנסטן פאַרזוך צו גרינדן אַ נייעם פאַרבאַנד צווייג. דער פאַראיין האָט שוין אפילו געהאַט אַ נומער. ער איז גערופן געוואָרן צווייג 69 און האָט געמעלדעט וועגן זיין גרינדונג דעם 19טן מערץ, 1912. ער האָט געפייערט זיין אינסטאַלירונג ביי אַ קאָנצערט דעם 26טן מאַי, 1912. ס'האָבן גערעדט לעאָן חאַזאַנאָוויטש, ל. צוקער, ל. מעלצער [113]). דער צווייג איז אָבער קורץ נאָך דעם צעפאַלן גע־וואָרן. מער האָט מען פון אים ניט געהערט.

דעם 21טן דעצעמבער, 1916, האָט זיך געגרינדעט אַ נייער צווייג פון פאַרבאַנד, וועלכער איז באַקאַנט אַלס צווייג 109. שפּעטער האָט ער זיך אויך גערופן יהואש צווייג. די אינסטאַלירונג איז געפייערט געוואָרן מיט ה. רויזענבלאַט אַלס גאַסט. די ערשטע באַאַמטע זיינען געווען וו. סיראַטאַ,

פאַרזיצער; י. פינעס, וויצע־פאַרזיצער; ד. שראַגאַ, פינאַנץ סעקרעטאַר; ש. זעלינגער, פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר. אין דער עקזעקוטיווע זיינען געווען חברה קאַץ, דזש. כהן (טאָרטשין), א. עסנער, י. חדש, סילווערמאַן. שפּעטער איז מ. פּערל געוואָרן סעקרעטאַר. דער צווייג האָט עקזיסטירט עטוואָס מער פון אַנדערטהאַלבן יאָר און האָט אָנגעהויבן פונאַנדערצופאַלן. אָנהויב נאָוועמבער 1917, האָט מען אָנגעפאַנגען פאַרהאַנדלען וועגן פאַראייניקן די איבערגעבליבענע חברים מיט דעם צווייג 8. יענעם ווינטער איז טאַקע פאָרגעקומען די פאַראייניקונג און דער נאָמען יהואש איז צוגעגעבן געוואָרן צו צווייג 8.

אין 1919 האָט אַ פּראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציע — „די קווין וויקטאָריאַ סאָסייטי" זיך אָנגעשלאָסן אין פאַרבאַנד, אַלס דוד פּינסקי צווייג, נומער 142. דאָס איז געווען אַ גרויסע אָרגאַניזאַציע פון אַרום 150 מיטגלידער. קירצ־לעך נאָך זייער גרינדונג האָבן אַ צאָל מיטגלידער זיך אָפּגעטיילט פון דעם צווייג נומער 142 און האָבן אָרגאַניזירט דעם דר. הערצל צווייג, נומער 144. דער דר. הערצל צווייג איז געווען אַ זייער טעטיקע אָרגאַניזאַציע. דער צווייג האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט זיין אַרבעט פאַר דער „צייט", ווען דר. זשיטלאָווסקי איז געקומען שאַפן געלט, און פאַר דער מאָנטרעאַלער פּרץ שולע. א. מאַרקאָוויטש איז געווען פאַרזיצער און מ. קאַפּלאַן איז גע־ווען סעקרעטאַר.

צום סוף פון 1920, זיינען אין מאָנטרעאַל געווען אַרום 225—250 פאַר־באַנד חברים, אָרגאַניזירט אין דריי צווייגן. דער צווייג 142 איז אויפגעלייזט געוואָרן ביי דעם אָנפאַנג פון די צוואַנציקער יאָרן. דער הערצל צווייג האָט אויך ניט געהאַט קיין אריכות ימים און איז צעפאַלן געוואָרן אַ שטיקל צייט נאָך דער אויפלייזונג פון צווייג 142.

אַ קליינער צווייג פון פאַרבאַנד איז געגרינדעט געוואָרן, לויט דער אי־ניציאַטיוו פון חבר ב. לאַכאָוויצקי, אַרום 1912, אין מיילענד, אַ צפונדיקע פאָרשטאָט פון מאָנטרעאָל. דער צווייג האָט עקזיסטירט ביז אַרום 1917. ער האָט זיך דאַן אויפגעלייזט, ווייל כמעט אַלע חברים זיינען אַרויסגעפאָרן פון מיילענד. חבר לאַכאָוויצקי שרייבט אונדז, אַז ווען ח. מ. קייזערמאַן האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו די פּועלי ציון, פלעגט ער אָפט קומען צו זייער פאַרבאַנד צווייג און לייענען לעקציעס אויף פאַרשידענע טעמעס. דער סעק־רעטאַר פון דעם צווייג איז געווען משה שאַפּיראָ.

אין לאַשין — אַ קליין שטעטל נעבן מאָנטרעאָל — האָבן די דאָרטיקע פּועלי ציון געגרינדעט, מיט דער הילף פון חבר ב. לאַכאָוויצקי און אַנדערע מאָנטרעאָלער חברים, אַ צווייג פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, אין 1910. דער צווייג איז אינסטאַלירט געוואָרן אַלס צווייג נומער 46. די ערשטע באַ־אַמטע זיינען געווען מ. בערקמאַן, פאַרזיצער; מאַקס שניאור, קאָרעספּאָנדענץ סעקרעטאַר; יעקב וויגענסבערג, פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר; ק. לערנער, קאַ־סירער; ש. קאַפּלאָוו, פינאַנץ סעקרעטאַר; פרידמאַן, אַדיטאָר. מ'האָט אָנגעג־הויבן מיט 7 חברים און גאָר שנעל האָבן זיי געהאַט 18 חברים [114]). די אינ־

סטאַלירונג איז דורכגעפירט געוואָרן פון די חברים ב. לאַכאָוויצקי און ל. צוקער פון דעם מאָנטרעאָלער צווייג 8. דער צווייג האָט ניט עקזיסטירט לענגער פון דעם מיילענדער פועלי ציון פאַראיין. ווען די מערסטע חברים זיינען זיך צעפאָרן, איז דער צווייג אויפגעלייזט געוואָרן.

פאַרבאַנד צווייגן אין טאָראָנטאָ

די ערשטע מעלדונג וועגן דעם, אַז ס׳האָט זיך געגרינדעט אַ צווייג פון דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, אין טאָראָנטאָ, איז פאַראַן אין דער קאָרעספּאָנדענץ פון (דר) י. גאָלדסטיק, אין „קענעדער אָדלער״ פון דעם 4טן נאָוועמבער, 1910. דאָרט ווערט דערציילט, אַז דער פאַרבאַנד צווייג האָט זיך געגרינדעט אין סעפּטעמבער, 1910, ווען די שטאָט איז באַזוכט געוואָרן פון י. חייקין. ער האָט אויך געשריבן, אַז די מיטגלידערשאַפט באַשטייט פון 12 חברים.

מיר געפינען אַ באַשטעטיקונג פון דער גרינדונג פון דעם ערשטן צווייג פון דעם פאַרבאַנד אין טאָראָנטאָ, אין אַ בריוו פון חבר מ. בראַון צו חבר לבדי פון וויניפּעג, דאַטירט דעם 9טן סעפּטעמבער, 1910. חבר בראַון שרייבט: „היינטיקע וואָך זיינען צוגעקומען צוויי נייע פאַראיינען, אין ניו יאָרק און טאָראָנטאָ״. חבר א. ז. סילווערמאַן שרייבט אין זיינע זכרונות, אַז זיי האָבן צוגעצויגן צו די חברים פועלי ציון אַ גרופּע מענטשן „נאָענט צו אונזערע אידעען״. דער ערשטער פאָרזיצער פון דעם געגרינדעטן פאַר־באַנד צווייג איז געווען א. קאָהען, פון ריטשמאָנד סטריט. ביי אים אין הויז איז טאַקע פאָרגעקומען די ערשטע זיצונג. דער ערשטער קאַסירער איז געווען י. פעדער פון סימקאָ סטריט, און דער ערשטער סעקרעטאַר, א. ז. סילווערמאַן. דער ערשטער דאָקטאָר איז געווען דר. זינגער, דאַמאָלט איינער פון די צוויי אידישע דאָקטוירים אין שטאָט. חבר סילווערמאַן האָט אונז געשריבן, אַז די אַנדערע מיטגרינדער פון דעם פאַרבאַנד צווייג זיינען גע־ווען, ל. הוטניק, ש. שאַפּיראָ, בראַדי, ל. הדס, האָלצמאַן, קאַנטאָר, פּערסיקער, לייבל, סילווערמאַן, לאַפּידוס, נאָוואַק און אַנדערע.

דער צווייג איז געווען באַוואוסט אַלס טאָראָנטער צווייג פון דעם אידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד. ער איז אָבער ניט געוואַקסן, פאַרקערט, די לאַגע פון דעם צווייג איז געווען גאָר ניט קיין צופרידנשטעלנדיקע — און אַרום 1913 האָט ער קוים עקזיסטירט. מ׳האָט דאַן געגרינדעט דעם צווייג 72 און מ׳האָט אַריינגענומען די חברים, וואָס זיינען פאַרבליבן פון דעם טאָראָנטער צווייג. חבר ה. מ. קירשענבוים שרייבט, אין דער „אידי־שער אַרבעטער שטימע״, יאַנואַר 1923, אַז די גרינדער פון דעם צווייג 72 זיינען געווען די חברים מאַקס מענסאָן און ל. הדס. דער צווייג איז ניט גע־וואַקסן און האָט זיך געפונען אין אַ פאַרגליווערטן צושטאַנד ביז דער באַפאַ־לער קאָנווענשאָן אין 1915.

אין יענער צייט האָט זיך צווישן די חברים פון דעם פאַרטיי פאַראיין אָנגעהויבן אַ באַוועגונג פאַרן פאַרבאַנד. די הויפּט אָנפירער פון דער פאַר־באַנד אַרבעט זיינען געווען מאַקס מענסאָן, ל. הדס, הערריי איזענשטאַט, ישראל פריימאַן, מ. סילווערבערג און מ. קרעמער. זיי זיינען געווען אַנטשלאָסן אויפצובויען אַ גרויסן פאַרבאַנד צווייג און האָבן זיך מיט גרויס ענערגיע אַריינגעפאַרן אין דער אַרבעט. אין אויגוסט, 1916 האָט שוין דער צווייג געהאַט 108 מיטגלידער [115]). די מערסטע חברים פון דעם צווייג זיינען גע־ווען חברים פון דער פאַרטיי. די חברים זיינען געווען אומצופרידן צו האָבן בלויז איין צווייג, האָבן זיי אָנגעהויבן זוכן מעגלעכקייטן צו גרינדן אַ צווייטן צווייג פון פאַרבאַנד. דעם ערשטן פאַרזוך האָבן געמאַכט אייניקע יונגע חב־רים וואָס האָבן געשטאַמט פון גאַליציע. צוליב דער מלחמה מיט עסטרייך, האָבן זיי זייער צווייג אַ נאָמען געגעבן שלום עליכם צווייג פון פאַרבאַנד, און ניט עסטרייכער צווייג, ווי ס'וואָלט זיך זיי געוואָלט. דער נומער איז געווען 49. פאַקטיש איז דער נייער צווייג געגרינדעט געוואָרן פון צווייג 72. אַ צאָל חברים פון צווייג 72 זיינען איבערגעשיקט געוואָרן אין צווייג 49, כדי אים צו באַפעסטיקן. מיט יאָרן שפּעטער האָט זיך דער צווייג 49 צוזאַ־מענגעגאָסן מיט דעם צווייג 72.

אין כמעט דער זעלבער צייט, וואָס דער צווייג 49 איז געגרינדעט גע־וואָרן, איז צום פאַרבאַנד צוגעשטאַנען נאָך אַן אָרגאַניזאַציע. דאָס איז געווען די פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציע פון אידישע אַרבעטער, וועלכע איז געגרינ־דעט געוואָרן אין 1913 — די „פּוילישע יאַנג מענס סאָסייעטי". די אָרגאַני־זאַציע האָט געטאָן גוטע אַרבעט אויף דער אידישער אַרבעטער גאַס אין טאָראָנטאָ, העלפנדיק אָרגאַניזירן יוניאָנס, ספּעציעל די קלאָוקמאַכער.

אַ גרויסע צאָל מיטגלידער פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע זיינען גע־ווען קעגן אידישן נאַציאָנאַליזם און ציוניזם. ווען דער געדאַנק פון אַנשליסן זיך אין איינעם פון די עקזיסטירנדיקע אָרדנס איז רייף געוואָרן, איז פאַר־געקומען אַ קאַמף און די אָנהענגער פון דעם אידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד האָבן געזיגט. די חברים גערטלער, באַגראַד, פישל וואַלערשטיין און קלמן וואַגנער האָבן געהאָלפן דעצידירן דעם קאַמף און די „סאָסייטי", איז געוואָרן דער י. ל. פּרץ צווייג 26 פון פאַרבאַנד. דער נייער צווייג האָט אין אַ קורצער צייט איבערגעשטיגן אין דער צאָל חברים דעם צווייג 72. אין 1917 איז פאַרטגעזעצט געוואָרן די פאַרשטאַרקונג פון דעם פאַרבאַנד. אין ברענטש 72 זיינען דערוויילט געוואָרן מ. קרעמער אַלס פאַרזיצער, מ. קאהן, וויצע פאַרזיצער און אין דער עקזעקוטיווע זיינען אַריין ב. שטריק־מאַן, א. מיטשעל, ה. מ. קירשענבוים, סעם וויינבערג און לעווין [116]).

אין 1916 זיינען שוין צו דער פערטער קאָנווענשאָן פון פאַרבאַנד גע־פאָרן דעלעגאַטן פון דריי צווייגן. זיי האָבן פאַרלאַנגט מ'זאָל אָנשטעלן אַן אָרגאַניזאַטאָר, ספּעציעל פאַר קאַנאַדע. זיי האָבן אויך באַשלאָסן „צו נעמען די איניציאַטיווע פון גרינדן אַן עמיגראַציאָנס געזעלשאַפט צו רעגולירן די אידישע איינוואַנדערונג אין אַמעריקע" [117]). זיי האָבן דאַן געגרינדעט דעם

טאָראָנטאָ פעדעראַטיוון, אָדער שטאָט קאָמיטעט. אין דעם זעלבן יאָר 1917, האָט זיך געגרינדעט אַ פערטער צווייג, דער בער באָראָכאָוו צווייג, 124.

דער הויפּט קרעדיט פאַר דער גרינדונג פון דעם באָראָכאָוו צווייג, קומט די ברידער שאַץ און אַנדערע חברים, וועלכע האָבן גראַדואירט פון דעם פועלי ציון יוגנט קלוב.

דעם געדאַנק צו גרינדן דעם צווייג האָט אַרויסגעבראַכט לואי שאַץ. ער און זיינע ברידער איבי און בעני זיינען געווען מיטגלידער פון צווייג 72. זיי זיינען געווען יונגע בחורים און האָבן געוואָלט אַריינברענגען אין פאַרבאַנד אַן איינגערן עלעמענט און פאַראייביקן דעם נאָמען פון ב. באָראָכאָוו. בעני שאַץ איז געווען דער פאָרזיצער פון דער ערשטער פאַרזאַמלונג. אין אַ קורצע צייט אַרום האָבן זיי געהאַט 18 חברים. דער שטאָט קאָמיטעט, אָדער ווי ער האָט דאַן געהייסן, דער „פעדעראַטיווער קאָמיטעט", האָט זיך אַביסל געקווענקלט. ער האָט בעסער געוואָלט פאַרשטאַרקן די עקזיסטירנ־דיקע דריי צווייגן. ער האָט אָבער צוגעשטימט צו דער גרינדונג פון דעם 4טן צווייג. אין גאָר אַ קורצער צייט זיינען זיי אינסטאַלירט געוואָרן דורך חבר מענסאָן, וועלכער האָט פאַרגעלייענט מאיר בראונס טעלעגראַמע מיט דער האַרציקער ברכה: „זאָל דער נאָמען 'באָראָכאָוו' זיין אייער וועג ווייזער". די חברים ה. מ. קירשענבוים, ס. קרוגער און מ. קרעמער האָבן פיל מיטגעהאָלפן אין דער אַנטוויקלונג פון דעם צווייג[118].

אין מאַי 1918, האָט דער באָראָכאָוו צווייג דערוויילט זיינע באַאַמטע: א. גאָלדמאַן, פאָרזיצער; ב. שאַץ, פינאַנץ און קאָרעספּאָנדענץ סעקרעטאַר; פּ. שיפּרין, קאַסירער; י. קלאָגסבערג, פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר; ס. אַקערמאַן, רעליף סעקרעטאַר; ל. מעטפּאַס, געהילפס סעקרעטאַר. אין דער עקזעקו־טיווע זיינען אַריין ל. ווילנער, ס. אַקערמאַן, ס. קאָהן, ל. שאַץ און א. שאַץ[119].

דעם 13טן און 14טן יולי, 1918, איז פאָרגעקומען די ערשטע פאַרבאַנד־קאָנפערענץ פון טאָראָנטאָ. די קאָנפערענץ איז דערעפנט געוואָרן פון טש. ליבמאַן פון בר. 26. אַלס פאָרזיצער פון דער ערשטער זיצונג איז דערוויילט געוואָרן מ. מענסאָן און אַלס סעקרעטאַר ב. שאַץ. דער פאָרזיצער פון דער צווייטער זיצונג איז געווען ה. מ. קירשענבוים און פון דער דריטער זיצונג אברהם פריימאַן.

ס'איז באַריכטעט געוואָרן, אַז די צאָל גוטשטייענדע פאַרבאַנד חברים אין טאָראָנטאָ האָט שוין דערגרייכט 365. דער האַמילטאָנער צווייג האָט באַריכ־טעט, אַז זיי האָבן 82 גוטשטייענדע מיטגלידער. ס'איז אויך באַריכטעט געוואָרן וועגן דער אַלגעמיינער טעטיקייט פון די פאַרבאַנד צווייגן. זיי האָבן זיך באַטייליקט אין אַלע אַרבעטן פון דער באַוועגונג. זיי האָבן געשאַפן 455 דאָלאַר פאַרן פינאַנרן־פאָנד און פאַרקויפט 180 אַקציעס פון דער „צייט".

ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער פעדעראַטיווער קאָמיטעט זאָל זיך פאַר־וואַנדלען אין אַ דיסטריקט קאָמיטעט. דער דיסטריקט קאָמיטעט זאָל אי־בערנעמען די אויפזיכט איבער די צווייגן אָנצופירן קאָמפּאַניעס פאַר מיט־גלידער אין טאָראָנטאָ. דער דיסטריקט קאָמיטעט זאָל זיך אויך גלייך שטעלן

אין פאַרבינדונג מיט אַלע שטעטלעך אין אָנטעריאָ, כדי אויסצוגעפינען וואו עס זיינען פאַראַן מעגלעכקייטן צו אָרגאַניזירן פאַרבאַנד צווייגן און גלייך שיקן אַהין חברים צו טאָן די אַרבעט.

די קאָנפערענץ האָט אויסגעקליבן אַ קאָמיטעט צו שאַפן אַ לאָקאַלע קאָנסטיטוציע ווי אויך אַ דיסטריקט קאָנסטיטוציע. דער קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון מענסאָן, ה. מ. קירשענבוים, שטיינהויז, קעמען און ב. שאַץ. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן זיך גלייך צו שטעלן אין פאַרבינדונג מיט אַן אַדוואָקאַט צו לעגאַליזירן דעם פאַרבאַנד אין אָנטעריאָ.

עס זיינען אָנגענומען געוואָרן רעזאָלוציעס וועגן קולטורעלער אַרבעט, ליטעראַרישע אָוונטן, מאַנאַטלעכע לעקציעס מיט לאָקאַלע חברים, סיסטעמאַטישע קורסן, ווי אויך אַ לעקציע־טור מיט אַ ניו יאָרקער חבר. ס׳איז אויך באַשלאָסן געוואָרן צו שטיצן אַלע נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שולן, וואָס זיינען אָנגעשלאָסן אינם שולן פאַרבאַנד, ווי אויך צו שאַפן אַ ספּעציעלע פאַרבאַנד ביבליאָטעק, אַ לייַען־זאַל פאַר פאַרבאַנד מיטגלידער. מ׳האָט באַשלאָסן, אַז מ׳דאַרף שאַפן אַ ביכער־און טאַבאַק־פאָנד פאַר די לעגיאָנערן און אַז מען זאָל מאַכן פון דעם פאָנד אַ פאָלקס באַוועגונג.

מ׳האָט אויסגעקליבן דעם דיסטריקט קאָמיטעט מיט טש. ליבמאַן אַלס פאָרזיצער; ה. מ. קירשענבוים, סעקרעטאַר און שטיינהויז, קאַסירער. אַלס עקזעקוטיווע מיטגלידער זיינען דערוויילט געוואָרן ב. שאַץ, זוסמאַן, ה. מ. קירשענבוים, העלער און מאַרקאָוויטש.

מ׳האָט באַשלאָסן, אַז דער דיסטריקט קאָמיטעט זאָל באַקומען אַ בודושעט פון $15.00 (!) פאַר זיין אַרבעט. ער זאָל דורכפירן אַ פינאַנציעלע אונטערנעמונג צו שאַפן צוגאָב־פאָנדן צו דערמעגלעכן אים אָנצוגיין מיט זיין אַרבעט. מ׳האָט צוגעזאָגט די שטיצע פון אַלע צווייגן, האַמילטאָן אַריינגערעכנט. די קאָנפערענץ איז געשלאָסן געוואָרן מיט דער „שבועה״ און „התקוה״ [120]).

ווי ס׳איז צו זען פון דעם באַריכט, איז דער פאַרבאַנד אין טאָראָנטאָ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גוט אָרגאַניזירטער, ציל־באַוואוסטער, ציוניסטיש סאָציאַליסטישער מחנה.

אין יוני 1919, איז פאָרגעקומען אַ צווייטע דיסטריקט קאָנפערענץ, מיט מאיר בראון אַלס גאַסט פון דער קאָנפערענץ. אַ נייער דיסטריקט קאָמיטעט איז דערוויילט געוואָרן, מיט ס. קרוגער אַלס פאָרזיצער; סעראַצקי, קאַסירער; ה. מ. קירשענבוים, דיסטריקט סעקרעטאַר; שעהר, פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר [121]). אויסער זיי האָט יעדער צווייג געקראָגן דאָס רעכט צו דערוויילן דריי פאָרשטייער צו דער עקזעקוטיווע. די קאָנפערענץ האָט באַנייט די פּאָזיטיווע שטעלונג צו דער יוניאָן טעטיקייט און האָט באַטאָנט, אַז די פאַרבאַנד צווייגן דאַרפן זיך אינטערעסירן מיט דער אויפהאַלטונג און גרינדונג פון אידישע פאָלקס שולן לויט די אָנערקענטע פּרינציפּן פונם פאַרבאַנד. די קאָנפערענץ האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אָרגאַניזירן בילדונגס קורסן פאַר חברים און האָט באַגריסט מיט פרייד די גרינדונג פון דעם לערער סע־

מינאַר אין ניו יאָרק. די קאָנפערענץ האָט באַגריסט דעם פּלאַן פון אַ פּרע־ווענטאָריום אין ארץ ישראל. זי האָט אויפגעפאָדערט די חברים צו באַטיי־ליקן זיך אין דעם פּרייהייטס־פאָנד־קאַמפּיין פון די פועלי ציון און אויך צו באַנייען און פאַרענדיקן די אַרבעט פאַר דעם פאַרבאַנד פּיאָנערן־פאָנד, דורך וועלכן דער פאַרבאַנד זאָל קאָנען צוטרעטן צו דער גרינדונג פון אַן אַרבע־טער־היים אין ארץ ישראל. די קאָנפערענץ האָט אויך אָנגענומען אַ פּראָטעסט קעגן די פּאָגראָמען אין פּוילן [122].

אין די יאָרן 1918, 1919, 1920 איז אָנגעגאַנגען אַן אומאויפהערלעכע אַרבעט צו פאַרגרעסערן די צאָל מיטגלידער פון די צווייגן אין טאָראָנטאָ און צו גרינדן נייע צווייגן. צו דער נאַציאָנאַלער קאָנפערענץ, וואָס איז פאָר־געקומען אין טאָראָנטאָ, אין מאַי 1921, איז דער פאַרבאַנד אין טאָראָנטאָ געקומען מיט נייע צווייגן, דער הערצל צווייג 145, וואָס איז געגרינ־דעט געוואָרן אין 1921 און דער ש. פרוג פרויען קלוב 4, געגרינדעט אין דעם זעלבן יאָר. צוליב דעם, וואָס ס'איז נאָך פריער געווען אַ פרויען גרופּע פון פועלי ציון, איז געווען לייכטער צו אָרגאַניזירן אַ פרויען קלוב פון דעם פאַרבאַנד.

ס'וועט זיין גענוג צו שליסן דעם איבערזיכט פון דער פאַרבאַנד אַרבעט אין טאָראָנטאָ מיט דעם, אַז אין יענער צייט זיינען די חברים געווען אָנטש־לאָסן צו האָבן 1000 פאַרבאַנד מיטגלידער אין טאָראָנטאָ. ס'האָט דאַן טאַקע אויסגעזען, אַז זיי הויבן זיך אָן צו דערנענטערן צו זייער ציל, אַ געוואַל־טיקער אויפטו פאַר אַזאַ שטאָט, מיט אַזאַ אידישער באַפעלקערונג, אַ דער־גרייכונג, מיט וועלכער ניט פיל אַנדערע שטעט קענען זיך פאַרגלייכן.

האַמילטאָן

דער צווייג פון אידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד אין האַמילטאָן (צווייג נומער 11) איז געגרינדעט געוואָרן פון דעם האַמילטאָנער פועלי ציון פאַראיין, סוף 1909 אָדער אָנהויב 1910. דער צווייג איז געווען פאַר־טראָטן דורך אברהם וואַלערשטיין ביי דער גרינדונג קאָנווענשאָן אין 1910 [123]). טש. קעסלער איז דאַן געווען סעקרעטאַר. אין די וואַלן פון מערץ 1911 זיינען דערוויילט געוואָרן א. וואַלערשטיין אַלס פאָרזיצער; טש. קעסלער פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר; שעכטער, פינאַנץ סעקרעטאַר; ליפשיץ, קאַסירער; שאַפּיראָ און גערשאָוויץ, טראַסטיס; ל. פּיקסטאַר, האָספּיטעלער. מ'האָט ביי יענער זיצונג באַשלאָסן צו פייערן דעם יאָר־פעסט פון דעם צווייג דעם 1טן אַפּריל. נייע 4 מיטגלידער האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דעם צווייג. זיי האָבן אין יענער צייט געהאַט אַרום 25 מיטגלידער. די מאַיאָריטעט זיינען געווען פאַרטיי חברים.

אָנפאַנג סעפּטעמבער איז פאָרגעקומען אַ גרויסע אויפרודערונג. עמי־צער האָט געמסר'ט דעם פאַרבאַנד, „אַז זיי טוען פאַרזיכערונגס ביזנעס און אַ טשאַרטער". מ'האָט ביי זיי צוגענומען די ביכער און געבראַכט די באַאַמ־

טע אין גערעכט, אָבער „זיי האָבן געוואונען די קייס און אפילו ניט שטראַ־פירט געוואָרן" [124]). דער צווייג האָט געטאָן פיל גוטע אַרבעט און האָט ביס־לעכווייז פאַרגרעסערט די צאָל מיטגלידער. ביי דער קאָנווענשאָן אין אַל־באַני האָט מען חבר דאַווידאָוויטש, דעם דעלעגאַט פון האַמילטאָן, דער־ווילט אין דעם דערציאונגס קאָמיטעט. ווען חבר שמואל זוואנקין און חברה סאסיע זוואנקין האָבן זיך באַזעצט אין האַמילטאָן, אין 1913, האָבן זיי ביידע אָפּגעגעבן פיל צייט דעם פאַרבאַנד. חבר זוואנקין איז געווען סעקרעטאַר פאַר פילע טערמינען און חברה זוואנקין האָט גענומען די איניציאַטיווע צו גרינדן דעם פרויען צווייג פון פאַרבאַנד אין 1921. דאָס וואָס ס'האָט פריער עקזיסטירט אַ פועלי ציון פרויען גרופּע, האָט איר אַרויסגעהאָלפן אין דער גרינדונג פון דעם נייעם צווייג.

אין 1917 האָט דער צווייג, לויט אַ קאָרעספּאָנדענץ פון משה שטערן, דער דאַמאָלסטיקער סעקרעטאַר פון צווייג, געטאָן פיל אַרבעט. זיי האָבן דורכגעפירט זאַמלונגען צוזאַמען מיט די פועלי ציון פאַר דעם פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד און פאַר מלחמה קרבנות. דער וויכטיקסטער אויפטו איז געווען דער אָנטייל אין דער גרינדונג פון אַ פאַראיין פאַר אַ נאַציאָנאַל ראַדיקאַלער שולע. צוזאַמען מיט דער פאַרטיי האָבן זיי דורכגעפירט אַ לעק־ציע מיט יהודה קויפמאַן, זונטיק, דעם 13טן מאַי, 1917, אויף דער טעמע: „די אידישע דערציאונג פון די נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שולן". קויפמאַן האָט אויך גערעדט וועגן „דעם פאַרשטאָרבענעם, אומפאַרגעסלעכן דיכטער שלום עליכם" [125]).

ביי דער דיסטריקט קאָנפערענץ אין טאָראָנטאָ, דעם 14טן יוני 1918, איז דער האַמילטאָנער צווייג געווען פאַרטראָטן דורך א. ראַמער און ב. שקאָלניקאָוו. זיי האָבן דאָרט באַריכטעט, אַז זיי האָבן 82 גוטשטייענדע מיט־גלידער, וואָס האָט ווייט איבערגעשטיגן די צאָל חברים פון דעם פועלי ציון פאַראיין. ביי דער דיסטריקט קאָנפערענץ אין 1919 איז דער האַמילטאָנער צווייג געווען פאַרטראָטן דורך יונה ל. שעכטער.

די אַלגעמיינע טעטיקייט פון דעם האַמילטאָנער פאַרבאַנד צווייג איז אין משך פון דעם צייט־אָפּשניט 1910—1920 געווען ענג צוזאַמענגעבונדן מיט דער אַרבעט פון דעם פועלי ציון פאַראיין. דער פאַרבאַנד צווייג האָט צוגעצויגן אַ גרויסע צאָל מיטגלידער, וואָס זיינען ניט געווען קיין פאַרטיי חברים און דער קרייז פון טעטיקייט פון דער באַוועגונג אין האַמילטאָן איז אויסגעברייטערט געוואָרן.

ניאַגראַ פאָלס, אָנטעריאָ

אַ צווייג פון דעם אידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד איז געגרינ־דעט געוואָרן אין דעם שטעטל ניאַגראַ פאָלס, אויף דער קאַנאַדישער זייט פון דעם ניאַגראַ וואַסער־פאַל, אין מערץ 1919. ס. ווערניק איז געווען דער ערשטער סעקרעטאַר. אין דעם שטעטל האָבן דאַמאָלט געוואוינט נאָר 12

אידישע פאַמיליעס, אָבער אין דעם פאַרבאַנד צווייג האָבן זיי געהאַט 15 מיטגלידער. זיי האָבן דעם פאַראיין אַ נאָמען געגעבן „ביאַליק צווייג" און האָבן זיך געריכט אויף אַ באַזוך פון מאיר בראון, דעם 13טן אַפּריל, צו אינסטאַלירן דעם צווייג. דער צווייג האָט אַפּעלירט צו די טאָראָנטער צווייגן מ׳זאָל זיי אַרויסהעלפן אין דער אַרבעט [126]). דעם צווייג האָט מען געגעבן דעם נומער 129. שפּעטער איז סעם גרינשפּאַן געווען דער סעקרעטאַר.

ווינדזאָר, אָנטעריאָ

אין ווינדזאָר, אָנטעריאָ איז אויך געגרינדעט געוואָרן אַ צווייג פון פאַרבאַנד. דער צווייג האָט קאָאָפּערירט מיט דעם דאָרטיקן פּאַרטיי פאַראיין אין אַלע אַרבעטן פון דער באַוועגונג. געאָגראַפיש איז ווינדזאָר אין קאַנאַדע, די שטאָט איז אָבער פאַקטיש אַ שוועסטער פון דעטראָיט. די חברים אין ווינדזאָר האָבן געהאַט אַלעמאָל אַ נאָענטערע פאַרבינדונג מיט די חברים אין דעטראָיט איידער מיט די קאַנאַדישע חברים.

ס אַ ס ק אַ ט ו ן

דער פאַרבאַנד צווייג אין סאַסקאַטון איז געגרינדעט געוואָרן סוף 1920 פון דעם קליינעם סאַסקאַטונער פועלי ציון פאַראיין. דער סעקרעטאַר איז געווען ה. צוקערמאַן. זיי האָבן פון דעם ערשטן טאָג פון זייער גרינדונג געטון גוטע אַרבעט צוזאַמען מיט פועלי ציון פאַראיין. אויף דער ערן־ליסטע פאַר טיכטיקייט און איבערגעגעבנקייט צו דעם צווייג האָבן זיי אָוועקגע־שטעלט די חברים ל. וואגעל און הערדי ל. זעלטשען (זעלטשענקאָ [127]).

ו ו י נ י פּ ע ג

דעם ערשטן פאַרזוך צו גרינדן אַ צווייג פון אידישן נאַציאָנאַלן אַרבע־טער פאַרבאַנד איז געמאַכט געוואָרן פון חבר יעקב לבדי. ער איז געווען צווישן די ערשטע אָנהענגער פון דעם פאַרבאַנד. צווישן די בריוו, וואָס ער האָט אונדז איבערגעגעבן, געפינען מיר אַ בריוו פון חבר מאיר בראון, פון 30טן יוני, 1910, אין וועלכן ס׳ווערט געזאָגט „עס פרייט אונז זייער און זייער, וואָס איר גרינדעט אַ ברענטש אין וויניפּעג". אין סעפּטעמבער האָט חבר מאיר בראון געענטפערט אויף לבדיס בקשה צו שיקן „אַן אַגיטאַטאָר", ער האָט אָבער געוואָלט וויסן וויפיל די וויניפּעגער חברים „ווילן ספּענדן" אויף רייזע־הוצאות. ער האָט פאָרגעשלאָגן צו שיקן י. כייקין. „ער (כייקין) רעדט גאַנץ הייס, וואָרעם, אַ געוועזענער ס. ל. פּ". מיט גרויס מי האָט מען צוזאַמענגענומען נאָך אַ ביסל חברים און מ׳האָט דעם צווייג געגעבן דעם נומער 37. חבר לבדי איז, ווי שוין דערמאָנט, אַוועקגעפאָרן פון וויניפּעג אין סוף 1910, פאַר כמעט פיר יאָר.

די פיר יאָר, פון 1911 ביז כמעט דעם סוף פון 1914, זיינען געווען שווערע קריזיס יאָרן פאַר דער ציוניסטיש סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין וויניפּעג. אין פרילינג 1915, איז ווידער אָרגאַניזירט געוואָרן דער וויניפּעגער פּועלי ציון פאַראיין און מ'האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַ פאַרבאַנד צווייג. צום סוף 1915, האָט מען געמאַכט עטלעכע אומגעלונגענע פאַרזוכן צו גרינדן אַ צווייג. אין אַפּריל 1916, האָט דער פּאַרטיי פאַראיין אָפּגעהאַלטן אַ ספּע־ציעלע זיצונג וועגן דער פראַגע פון פאַרבאַנד, ביי וועלכער חבר מ. אווערבאַך האָט געהאַלטן אַ פאָרטראַג [128]). אין חודש מאַי איז דער צווייג געגרינדעט געוואָרן און האָט געהייסן דער שלום עליכם צווייג 20. די וויניפּעגער אי־דישע צייטונג האָט באַגריסט די גרינדונג פון פאַרבאַנד [129]). אין אויגוסט איז פאָרגעקומען אַ וואַל־פאַרזאַמלונג. דער צייטווייליקער קאָמיטעט האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט, „אַז אַלע מיטגלידער, אויסער 2, זיינען אַנוועזנד". ס'זיינען דערוויילט געוואָרן י. א. לבדי, סעקרעטאַר; ל. קאָמיסאַראָוו, פּראָ־טאָקאָל און פינאַנץ סעקרעטאַר; (דר) ה. גאַרעליק, האָספּיטעלער. מ'האָט באַשלאָסן צו האָבן פאַרזאַמלונגען יעדן ערשטן און דריטן מיטוואָך אין חודש און אַלע פאַרזאַמלונגען זאָלן פאָרקומען אין פּריוואַטע היימען, כדי צו שפּאָרן הוצאות [130]). סוף סעפּטעמבער האָבן זיי שוין געהאַט 25 חברים [131]). ביי אַ זיצונג, דעם 15טן אָקטאָבער, האָט מען באַשטימט אַלס חברים פון דער עקזע־קוטיווע אַב. לעווין, מ. מיינס, ש. קאַטשין און ה. איינדרוק [132]).

אין לויף פון יאָר 1917 האָט דער פאַרבאַנד צווייג געמאַכט ווייניק פאָרטשריט, אָבער אין אַפּריל 1918, האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויפלעבונג [133]). ס'האָבן אָנגעהויבן אַריין אין דעם צווייג גרויסע צאָלן פון די געוועזענע ס. ט. חברים, וועלכע זיינען פריער געווען מטגלידער פון אַרבעטער־רינג ברענטש 506. ס'האָבן אויך אָנגעהויבן אַריינקומען אַנדערע סאָציאַליסטיש נאַציאָנאַלע עלעמענטן, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום דער פּרץ שולע. דער אַריינטריט אין פאַרבאַנד פון די חברים י. פּערלמאַן, י. א. טשערניאַק, יוסף העסטרין, ב. שעפּס, וו. קעלער און אַנדערע, וואָס האָבן געשפּילט אַן אָנגע־זעענע ראָלע אין דעם עפנטלעכן לעבן פון וויניפּעג און מערב קאַנאַדע בכלל, האָט פאַרשטאַרקט די באַוועגונג און האָט פאַראייניקט אַלע שאַפנדיקע ציוי־ניסטיש־סאָציאַליסטישע כוחות אין דעם אידישן לעבן פון דעם וויטן מערב.

מיט דער גרינדונג פון צווייג 20 פון פאַרבאַנד אין וויניפּעג, האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ ניי קאַפּיטל אין דער באַוועגונג. דאָס וואָס האָט פּאַסירט אין מאָנטרעאָל אין 1909, דורך דער פאַראייניקונג פון די ס. ט. מיט די פּועלי ציון, אָדער אין טאָראָנטאָ, מיט דעם שנעלן וואוקס פון פאַרבאַנד, האָט איצט פּאַסירט אין וויניפּעג. פאַקטיש, ניט קוקנדיק אויף די חלוקי־דעות וועגן אידיש און העברעאיש, האָט מען אָנגעהויבן אַרבעטן צוזאַמען, לאַנג נאָך פאַר דער באַלפור דעקלאַראַציע, נאָך פאַר דער פאַראייניקונג, וואָס איז גע־קומען צוליב דעם אַלגעמיינעם אויפשטייג פון אידישע און אַרבעטער האָפ־נונגען. די גרינדונג פון צווייג 20 האָט געהאָלפן דער באַוועגונג ניט נאָר אין לאָקאַלע אַרבעטן, נאָר אין אירע ווייטערע אונטערנעמונגען פון אַ נאַ־

ציאָנאַלן פאַרנעם, אין די אַלץ־אַרומנעמענדיקע טעטיקייטן אין קאַנאַדע, סיי אויף דער אידישער אַרבעטער־גאַס, סיי אין דעם אידישן לעבן אין אַלגעמיין.

7.

טרייד יוניאָן אַרבעט

אידישע אַרבעטער אין קאַנאַדע

די געשיכטע פון דער טרייד יוניאָן אַרבעט פון די פּועלי ציון אין קאַנאַדע איז ענג פאַרבונדן מיט דער געשיכטע פון דער טרייד יוניאָן באַוועגונג אויף דער אידישער אַרבעטער גאַס. ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מאַסן איינוואַנדערונג קיין קאַנאַדע, זיינען געקומען גרויסע צאָלן אידישע בעלי־מלאכות: שניידער, שוסטער, קירזשנער, בלעכערס און אַנדערע. אָבער אַ גאָר גרויסע צאָל, אויב ניט די מאַיאָריטעט פון די אידישע איינוואַנדערער זיינען ניט געווען קיין קוואַליפיצירטע אַרבעטער. אידן האָבן זיך דערפאַר געוואָרפן צו אַרבעטן ביי וואָס ס'האָט זיך געלאָזט. די גרעסטע צאָל האָט זיך טאָקע אויסגעלערנט שניידעריי, אָבער גאָר גרויסע צאָלן האָבן זיך אויסגעלערנט אויך אַנדערע מלאכות. אין וויניפּעג און אין אַנדערע שטעט פון מערב קאַנאַדע, וואו די אינדוסטריען זיינען ניט געווען אַנטוויקלט, האָבן אידן אויך געטאָן שוואַרצע אַרבעט. זיי האָבן געהאָלפן בויען אייזנבאַנען, זיי האָבן געאַרבעט ביי וואַסער־לייטונגען, געגראָבן קאַנאַלן, געאַרבעט אין שלאַכט־הייזער א. א. וו.

אין מזרח קאַנאַדע, מיט אירע גרויסע פאַבריקן, זיינען, פאַרשטייט זיך, געווען מער אַרבעטס מעגלעכקייטן. אַרבעטנדיק ביי „קענעדיען קאַר און פאונדרי", „וויקערס", אין די מאַשין־בוי־שעפער פון די אייזנבאַן געזעל־שאַפטן און אַנדערע פאַבריקן, זיינען פיל אידן געוואָרן קאַרפּענטערס, פלאָמ־בערס, פּעינטערס (מאַלערס), מאַשיניסטן, אַלערליי מעכאַניקער א. א. וו. אין די ערשטע יאָרן פון דער מאַסן איינוואַנדערונג זיינען באמת געווען גרויסע צאָלן אידן וואָס האָבן געאַרבעט אין דער שווערער אינדוסטריע.

ווען ס'איז אויסגעבראָכן, אין אויגוסט, 1908, אַ סכסוך צווישן דער סי. פּי. אַר. און אירע אַרבעטער אין מערב קאַנאַדע (די סי. פּי. אַר. האָט דאַן אָפּגעבראָכן אירע פאַרטראַגן מיט די דאָרטיקע אַרבעטער) איז דערקלערט געוואָרן אַ „סימפּאַטיע סטרייק" אין די מאָנטרעאָלער שעפּער פון דער דאָזיקער אייזנבאַן. צווישן די סטרייקערס זיינען געווען גרויסע צאָלן אידן. אפילו צווישן די אָנפירערס פונם סטרייק זיינען געווען אידן. אידישע אַר־בעטער אָרגאַניזאַציעס זיינען דאַן גערופן געוואָרן פון דעם „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיקאַל קלוב" פון מאָנטרעאָל צו אַ קאָנפערענץ צו שאַפן הילף פאַר די סטרייקערס. די מאָנטרעאָלער פּועלי ציון און ס. ט. האָבן, פאַרשטייט

זיך, זיך באַטייליקט אין דער קאָנפערענץ און אין דער הילפס אַרבעט [134]. דאָס איז אגב געווען אַ פאַרצויגענער סטרייק און האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ פשרה אין אָנפאַנג אָקטאָבער.

הילף פאַר סטרייקערס

בדרך כלל האָבן חברים פון דער ציוניסטיש סאָציאַליסטישער באַוועגונג זיך אַלעמאָל וואַרעם אָפּגערופן, ווען ס׳איז געווען נויטיק צו העלפן סטרייקערס. ס׳איז באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ הייליקע פליכט צו העלפן אַנדערע אַרבעטער און מ׳האָט דאָס געטאָן מיט שמחה. אָפטמאָל האָט מען געהאָלפן אידישע און אויך ניט־אידישע אַרבעטער פון אַנדערע מקומות. מיר וועלן דאָ דערמאָנען נאָר אייניקע וויכטיקע פאַלן.

ווען די ניו יאָרקער קלאָוקמאַכער האָבן געסטרייקט אין 1910, האָט דער מאָנטרעאָלער פועלי ציון פאַראיין גערופן אַ קאָנפערענץ פון אַלע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס צו שאַפן הילף פאַר די סטרייקערס [135]. דער פאַרטיי פאַראיין און דער פאַרבאַנד צווייג האָבן זיך באַטייליקט אין דער קאָנפערענץ, וואָס איז גערופן געוואָרן פון דער מאָנטרעאָלער שניידער יוניאָן צו העלפן די סטרייקנדיקע ניו יאָרקער שניידער, אין 1913. די חברים ה. מ. קייזערמאַן, י. ל. מאַלאַמוד און א. וועליקאָוויטש זיינען געווען צווישן די רעדנער אויפן מאַסן מיטינג, וואָס איז שפּעטער פאַרופן געוואָרן פאַר דעם צוועק [136]. אין מאַי, 1914, האָט דער מאָנטרעאָלער פועלי ציון פאַראיין גערופן אַ קאָנפערענץ צו העלפן די סטרייקנדיקע קוילן־גרעבער אין קאָלאָראַדאָ [137]. מ׳האָט צוליב דעם אַרויסגעלאָזט פּראָקלאַמאַציעס אין אידיש, ענגליש און פראַנצויזיש. די קאָנפערענץ האָט אָפּגעהאַלטן עטלעכע זיצונגען און האָט געטאָן גוטע אַרבעט.

די טאָראָנטער פועלי ציון און דער פאַרבאַנד צווייג האָבן זיך באַטייליקט אין דער קאָנפערענץ צו העלפן די קליוולענדער קלאָוקמאַכער אין 1911 [138]. דאָס זעלבע האָבן זיי געטאָן ווען ס׳איז גערופן געוואָרן אַ קאָנפערענץ צו העלפן די סטרייקנדיקע קלאָוקמאַכער אין ניו יאָרק, אין 1916. חבר ה. קרוגער איז געווען דער פינאַנץ סעקרעטאַר פון דער קאָנפערענץ, וואָס האָט געשאַפן אַ באַדייטנדיקע סומע געלט [139].

אין וויניפעג האָבן די פועלי ציון גערופן אַ קאָנפערענץ פון אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס, אין 1915, צו שאַפן הילף פאַר די סטרייקנדיקע שניידער אין שיקאַגאָ [140]. ווען ס׳איז אויסגעבראָכן דער קלאָוקמאַכער סטרייק אין ניו יאָרק, אין 1916, האָבן זיי זיך באַטייליקט אין דער אַלגעמיינער אַקציע צו העלפן די סטרייקערס. די פועלי ציון האָבן דאַן אויסגעשריבן 1000 עקזעמפּלאַרן פון דעם קלאָוקמאַכער־נומער „אידישן קעמפער״, וואָס איז דערשינען דעם 23טן יוני, 1916. די אידישע גענאָסן האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו העלפן אין דעם פאַרקויף פון „דעם קעמפער״, „ווייל „דער קעמפער״ באַצוועקט פּראָפּאַגאַנדע פון ציוניזם, וואָס איז קעגן די פּרינציפּן פון די אידישע סאָ־

ציאַליסטן״ [141]). די פועלי ציון זיינען אָבער ניט געבליבן אַליין. ס׳האָבן זיי אַרויסגעהאָלפן חברים פון דעם ראַדיקאַל פּראָגרעסיוון ציוניסטישן פאַראיין „מכבי״. אויך דער ברענטש 506 פון דעם אַרבעטער רינג האָט אָנטייל גענו־מען אין דער פאַרשפּרייטונג פון דעם ספּעציעלן נומער „קעמפער״ און די אַקציע איז געווען אַ גרויסער פינאַנציעלער דערפאָלג [142]).

ערשטע אָרגאַניזאַציעס פון נאָדל אַרבעטער

די פאַרגעשיכטע פון דער טרייד יוניאָן באַוועגונג אין די נאָדל פאַכן איז זייער אינטערעסאַנט. איידער מ׳האָט אָנגעהויבן פּראָדוצירן קליידער אין די פאַבריקן, האָט מען אין קאַנאַדע, ווי איבעראַל, געניית קליידער אויף באַשטעלונגען אין קליינע שניידער װערקשטאַטן. די ערשטע יוניאָן פון די קאַנאַדער שניידער אַרבעטער איז געווען די „דזשאַרנימען טיילאָרס יוניאָן״. אין די אַכציקער און ניינציקער יאָרן איז זי געווען גאַנץ שטאַרק. ביים אָנפאַנג פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט זי געהאַט 23 לאָקאַלן. זי האָט דערגרייכט איר העכסטע שטופּע פון וואוקס אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט מלחמה. די יוניאָן האָט געהאַט, אין 1911, 32 לאָקאַלן. די גרעסטע צאָל מיטגלידער, וואָס זיי האָבן ווען ס׳איז דערגרייכט איז געווען 1500. אין דער דאָזיקער יוניאָן זיינען, אין די ערשטע יאָרן, די מייסטע אַרבעטער געווען ניט־אידן. אין אָקטאָבער, 1912, ווען ס׳איז אין טאָראָנטאָ אויסגעבראָכן אַ לאַנג פאַרצויגענער סטרייק פון דער דאָזיקער יוניאָן (לאָ־קאַל 132), איז נאָך אַלץ די גרעסטע צאָל מיטגלידער געווען ניט־אידן. מ׳האָט דאַן געהאַלטן אין איין אַפּעלירן צו די אידישע אַרבעטער, אַז זיי זאָלן ניט נאָר נאָכקומען זייער פליכט פון אַרבעטער סאָלידאַריטעט, נאָר מ׳זאָל אויך געדענקען, אַז דאָס איז אַ סטרייק פון ניט־אידישע אַרבעטער און אידן מוזן אַרויסווייזן, אַז זיי ווילן, אַלס אידן, ניט טאָן קיין שלעכטס צו ניט־אידישע אַרבעטער [143]). די „דזשאַרנימען טיילאָרס יוניאָן״ האָט אָבער אָנגעהויבן צו פאַרלירן מיטגלידער, ווייל אַרבעט אויף באַשטעלונגען (קאַס־טאם טיילאָרינג) איז פאַרקלענערט געוואָרן. אין 1927 האָט די יוניאָן געהאַט ניט מער ווי 366 מיטגלידער און אין 1936 איז זי איבערגענומען געוואָרן פון דער „אַמאַלגעמייטעד קלאָדינג וואָרקערס אָף אַמעריקאַ [144]).

קליינע אידישע קליידער פאַבריקן האָבן אָנגעהויבן אויפצוקומען אין מאָנטרעאָל נאָך אין די אַכציקער יאָרן פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונ־דערט [145]). אין יענער צייט האָבן זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן די שניידער־אַרבעטער אין די פאַבריקן, אונטער די צוויי יוניאָנס: די „נייטס אָף לייבאָר״ און די „יונייטעד גאַרמענט וואָרקערס״. ס׳איז ניט באַקאַנט וויפל אידן עס זיינען געווען אין די „יונייטעד גאַרמענט וואָרקערס״ לאָקאַלן. ביי דעם אָנפאַנג פון דעם יאָרהונדערט האָט די דאָזיקע יוניאָן געהאַט אין גאַנץ קאַנאַדע נאָר אַכט לאָקאַלן. אין די 8 לאָקאַלן זיינען געווען אָרגאַניזירט נאָר קאַטערס און טרימערס [146]). ס׳איז אָבער, לויט ב. ג. זאַק, שוין געווען אַז

אידישע שניידער יוניאָן אין מאָנטרעאָל נאָך אין 1890, אָרגאַניזירט פון די „נייטס אָף לייבאָר", וואָס איז געווען אָנגעשלאָסן אין „אַסעמבלי נומער 44" [147]). ווי לאַנג די יוניאָן האָט עקזיסטירט איז ניט באַקאַנט. אין אַלגע־מיין האָבן אין די ערשטע צייטן יוניאָנס פון אידישע אַרבעטער לאַנג ניט עקזיסטירט. מ'האָט זיי געגרינדעט און זיי זיינען זיך צעפאַלן, ווידער גע־גרינדעט און ווידער זיך צעפאַלן.

אין די שניידער שעפּער איז אָנגעגאַנגען אַ שרעקלעכע עקספּלואַטאַציע און די באַדינגונגען פון אַרבעט זיינען געווען שוידערלעכע. די „שוויץ־סיסטעם" האָט געהערשט אומעטום. דער טריידס און לייבאָר קאָנגרעס האָט נאָך אין 1887 אָנגעהויבן אַ לאַנגן און שטענדיקן קאַמף קעגן דער „שוויץ־סיסטעם" [148]). אין 1895 האָט דער קאָנגרעס, לויט דער בקשה פון לאָקאַל 81 פון די „יונייטעד גאַרמענט וואָרקערס", אָנגענומען אַ רעזאָלוציע צו בעטן די פעדעראַלע רעגירונג צו אונטערזוכן די שניידער־שעפּער אין מאָנטרעאָל, טאָראָנטאָ, האַמילטאָן און אָטאַוואַ, כדי אויסצוגעפינען ווי ווייט די „שוויץ סיסטעם" עקזיסטירט, כדי מ'זאָל אָננעמען געזעצן אָפּצואַשפן דעם דאָזיקן איבל [419]).

דער קאָמישיאָנער פון עפנטלעכע אַרבעטן אין דער פּראָווינץ קוויבעק האָט אין זיין באַריכט פאַר דעם יאָר 1897 דערציילט, אַז די אידישע שניי־דער אַרבעטער „האָבן געאַרבעט אין ענגע, פינצטערע, שמוציקע און אין ניט ווענטילירטע שעפּער, וואָס האָבן זיך געפונען אין אַלטע געביידעס, וואו די רעגולאַציעס בנוגע אינדוסטריעלע פּלעצער, זיינען לחלוטין ניט אָפּגעהיט געוואָרן, אָדער אין פּריוואַטע דירות, אין הינטערגעסלעך, אין הינ־טערהויפן, אין קעלערן, אין דאַכשטיבלעך. אין אָט די פּלעצער זיינען די אַרבעטער, צווישן זיי פרויען און מיידלעך, געזעסן צוזאַמענגעבויגענע לאַנגע שעהן, אָן לופט און אָן ליכט, אַרבעטנדיק פאַר אַ זייער קלעגלעכן לוין" [150]). די זעלבע באַדינגונגען האָבן אויך געהערשט אין די בעקערייען. די לאַגע אין די אַנדערע שטעט איז ניט געווען בעסער ווי אין מאָנטרעאָל. ס'האָט גענומען פיל יאָרן פון אָרגאַניזאַציע אַרבעט און קאַמף צו אָפּשוואַכן און אָפּשאַפן די „שוויץ סיסטעם".

פון די נאָדל פאַך יוניאָנס, וואָס האָבן עקזיסטירט פאַר 1905, דאַרף דאָ דערמאָנט ווערן די יוניאָן פון היטלמאַכער ווי אויך די יוניאָן פון פוטער־מאַכער, וועלכע האָבן עקזיסטירט ביים סוף פון לעצטן יאָרהונדערט אין מאָנטרעאָל. אין טאָראָנטאָ האָט אַ לאָקאַל פון פוטערמאַכער שוין עקזיסטירט אין 1889 [151]), אָבער די צאָל אידן אין טאָראָנטאָ איז דאַן געווען קליין, און זייער מיטגלידערשאַפט אין די דאָזיקע יוניאָנס איז נאָך פאַר אַ היפּשער צאָל יאָרן געווען אומבאַדייטנדיק.

די ערשטע אידישע יוניאָנס

די אמתע טרייד יוניאָן באַוועגונג צווישן די אידישע אַרבעטער אין מאָנטרעאָל, טאָראָנטאָ און האַמילטאָן האָט זיך אַנטוויקלט אין די יאָרן

1905—1906, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מאַסן איינוואַנדערונג פון רו־סישע און פּוילישע אידן. פּונקט דעמאָלט האָט זיך אויך אָנגעהויבן די פּאָ־ליטישע און טרייד יוניאָן אַרבעט פון דער סאָציאַליסטישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. די חברים פון דער באַוועגונג האָבן זיך אַריינגעוואָרפן מיטן גאַנצן ברען אין דער אַרבעט פון אָרגאַניזירן און אויפהאַלטן יוניאָנס און האָבן פון סאַמע אָנפאַנג אָן געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָל אין דער פּראָ־פעסיאָנעלער באַוועגונג אויף דער אידישער אַרבעטער גאַס.

ווען דער טריידס און לייבאָר קאונסיל פון מאָנטרעאָל האָט, אין יאָר 1906—1907, געשאַפן אַן אָרגאַניזאַציאָנס קאָמיסיע, זיינען פון די צוועלף דעלעגאַטן וואָס האָבן צוזאַמענגעשטעלט דעם קאָמיטעט, געווען זיבן פּועלי ציון און ס. ט. חברים, וועלכע האָבן פאַרטראָטן פאַרשיידענע יוניאָנס. אין 1909 האָט דער מאָנטרעאָלער טריידס און לייבאָר קאונסיל אפילו אָנגע־שטעלט אַ פּועלי ציון אַלס אָרגאַניזאַטאָר [152]). די טרייד יוניאָן אַרבעט פון דער באַוועגונג און פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט בכלל, איז פיל גע־שטערט געוואָרן אין דעם שווערן קריזיס, אין די יאָרן 1907—1908, ווען מ'האָט גאָר געדאַרפט גרינדן פאָלקס־קיכן פאַר אַרבעטסלאָזע אין מאָנט־רעאָל און טאָראָנטאָ. די מאָנטרעאָלער פאָלקס־קיך איז אויפגעשטעלט גע־וואָרן פון 18 אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס, איינשליסנדיק די פּועלי ציון און ס. ט. דער קאָמיטעט פון דער פאָלקס קיך האָט זיך גערופן „די קריזיס קאָנ־פערענץ פאַר אַרבעטסלאָזע".

מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, אַז פיל אידן האָבן געאַרבעט אַלס קאַרפּענטערס. אין דער ערשטער קאַרפּענטער יוניאָן אין מאָנטרעאָל איז אַ פּועלי ציון געווען דער פינאַנץ סעקרעטאַר פאַר אַ פּאָר יאָר. אויך דער קאַסירער איז, פאַר אַ שטיקל צייט, געווען אַ פּועלי ציון [153]).

חבר יעקב סאַלאמאָן, וועלכער איז אין די ערשטע יאָרן געווען איינער פון די הויפּט פּראָפּאַגאַנדיסטן און אָרגאַניזאַטאָרן פון דער באַוועגונג, דער־ציילט, אַז אין 1907 האָבן זיי געהאָלפן אָרגאַניזירן די אידישע מעטאַל אַר־בעטער אין מאָנטרעאָל [154]). אין 1916 האָבן די פּועלי ציון געהאָלפן אָרגאַ־ניזירן אַ יוניאָן פון אידישע צייטונגס פאַרקויפער [155]). איינצלנע חברים זיינען געווען אַקטיוו אין פאַרשיידענע אַנדערע פאַך־יוניאָנס, וואו נאָר זיי האָבן געאַרבעט. זיי האָבן אויך געהאָלפן צו אָרגאַניזירן דעם לאָקאַל פון דער „אינטערנאַשיאָנאַל פאַר וואָרקערס יוניאָן" אין מאָנטרעאָל אין 1916 און האָבן געהאָלפן צו געווינען דעם 12־וואָכעדיקן סטרייק פון די פוטער־אַרבעטער, וואָס איז פאָרגעקומען אין 1917 [156]). פיל אַרבעט איז אויך געטאָן געוואָרן פאַר די בעקער אַרבעטער, באַזונדערס אין מאָנטרעאָל. די הויפּט טרייד יוניאָן אַרבעט פון דער באַוועגונג איז אָבער געטאָן געוואָרן צווישן די אַרבעטער פון מענער און פרויען קליידער, דאָרט וואו ס'איז געווען דער רוב מנין און רוב בנין פון די אידישע פאַבריק אַרבעטער אין קאַנאַדע.

די יוניאָנס פון פרויען קליידער אַרבעטער

די הויפּט אַרבעטער אין דער פרויען קליידער אינדוסטריע זיינען געווען די קלאוקמאַכער. אַ פיל קלענערע ראָל האָבן געשפּילט די אַרבעטער פון ליידיס ווייסט (פרויען בלוזן). די דרעס אינדוסטריע האָט זיך ערשט אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה, ווען פרויען האָבן אָנגעהויבן צו טראָגן ווייניקער סוטס און מער דרעסעס. אויפצונייען אַ סוט האָט מען געדאַרפט זיין אַ בעל מלאכה, און אימיגראַנטן, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געאַרבעט ביי דעם פאַך, האָבן געהאַט שוועריקייטן צו געפינען אַרבעט. נאָר ביי דער ט. איטאָן קאָמפּאַני אין טאָראָנטאָ, וואו מ׳האָט איינגעפירט נאָך אין יענע צייטן, מעטאָדן פון מאַסן־פּראָדוקציע, האָבן ניט־קוואַליפיצירטע אַרבעטער געקאָנט זיך שנעל אויסלערנען און געפינען אַרבעט אפילו ביי „קלאוקס״ און „סוטס״. דאָס איז געווען איינע פון די סיבות, פאַרוואָס ס׳זיינען געווען ווייניק פועלי ציון און פאַרבאַנד חברים, וואָס האָבן געאַרבעט ביי קלאוקס און סוטס אין מאָנטרעאָל, אין דער צייט ווען אין טאָראָנטאָ איז זייער צאָל געווען באַדייטנדיק. אחוץ דעם זיינען, מסתמא, פיל טאָראָנטער חברים געווען בעלי־מלאכות פון דער היים. די אַרבעטער ביי „קלאוקס״ און „סוטס״ האָבן, צוליב זייער פאַך־קענטעניש, אַלע מאָל פאַרדינט בעסער ווי די אַרבעטער אין דעם מענער שניידער פאַך.

אין 1906, האָט די אינטערנאַשיאָנאַל ליידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן, וועלכע מיר וועלן ווייטער רופן בקיצור די אינטערנאַשיאָנאַל, געמאַכט אַ פאַרזוך צו אָרגאַניזירן אַ לאָקאַל פון קלאוקמאַכער אין טאָראָנטאָ. דאָס איז געווען אַ קליינער לאָקאַל, וועלכער איז שנעל צעפאַלן געוואָרן [157]. אין יענעם יאָר איז די איי. וו. וו. געווען שטאַרק אַקטיוו צווישן די קלאוקמאַכער אין מאָנטרעאָל און טאָראָנטאָ [158]. זיי האָבן אַריינגעשיקט זייערע אָרגאַניזאַטאָרן און האָבן געגרינדעט צוויי אידישע לאָקאַלן. דער מאָנטרעאָלער לאָקאַל איז געווען שטאַרקער פון דעם טאָראָנטער. ל. צוקער איז געווען פאָרזיצער פון זייער מאָנטרעאָלער לאָקאַל פאַר אַ יאָר אָדער צוויי. דער טאָראָנטער לאָקאַל איז געווען אַ געמישטער פון קליידער אַרבעטער, האָלץ־אַרבעטער א. א. וו.

אין 1907 האָט די אינטערנאַשיאָנאַל אַריינגעשיקט אירע אָרגאַניזאַטאָרן און גענומען זיך צו גרינדן אייגענע לאָקאַלן אין מאָנטרעאָל און טאָראָנטאָ. אין טאָראָנטאָ איז פאָרגעקומען אַ שאַרפער קאַמף צווישן די אָנהענגער פון דער אינטערנאַשיאָנאַל און די אָנהענגער פון די איי. וו. וו. דער אויסגאַנג פון דעם קאַמף האָט פאַרשאַפט ווייניק כבוד צו ביידע אָרגאַניזאַציעס. אייניקע אַרבעטער האָבן אין 1909 געגרינדעט אַן אינדעפּענדעט יוניאָן, וועלכע האָט עקזיסטירט אַ צוויי יאָר. אין 1911 איז די דאָזיקע אינדעפּענדעט יוניאָן אַריין אין דער אינטערנאַשיאָנאַל. די קלאוקמאַכער יוניאָן אין טאָראָנטאָ האָט דאַן אָנגעהויבן וואַקסן, ניט קוקנדיק אויף דעם דורכפאַל פון דעם סטרייק ביי דער ט. איטאָן קאָמפּאַני אין 1912. 2000 קלאוקמאַכער האָבן

דאַן געסטרייקט [159]). חבר א. ז. סילווערמאַן, ל. באגראד און אַנדערע חברים האָבן גענומען אַ טיכטיקן אַנטייל אין דעם סטרייק. אין 1912 האָט די אינ־טערנאַשיאָנאַל אָריינגענומען צוריק דעם לאָקאַל 38, וואָס מ׳האָט פריער אויסגעשלאָסן פאַר זיין צו ראַדיקאַל. לעאָן חאַזאַנאָוויטש האָט דאַן באַגריסט די אינטערנאַשיאָנאַל פאַר דעם דאָזיקן באַשלוס [160]).

פיל סטרייקס פון טאָראָנטער קלאוקמאַכער זיינען פאָרגעקומען אין די יאָרן 1914—1915, ווען ס׳איז שוין אָנגעגאַנגען די ערשטע וועלט־מלחמה. די באַלעבאַטים זיינען אַרויסגעקומען מיט באַשולדיקונגען, אַז די קלאוק־מאַכער זיינען ניט פּאַטריאָטיש און שטערן דער אָנפירונג פון דער מלחמה. די מסירה האָט געווירקט און סאָלדאַטן האָבן אָנגעהויבן אָנצופאַלן אויף די פּיקעטס. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די יוניאָן איז צעפאַלן געוואָרן [161]). אין 1916—1917 האָט די יוניאָן ווידעראַמאָל אויפגעבליט. אָבער מ׳האָט ניט געקענט פועלן ביי די באַלעבאַטים אונטערצושרייבן אַגרימענטס צו אָנערקענען די יוניאָן, ביז נאָך דעם סוף פון דער מלחמה. אין יענעם פּע־ריאָד איז דער י. ל. פּרץ צווייג 26, פון דעם אידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, און דער פאַרטיי פאַראיין געווען זייער אַקטיוו אין דער אָרגאַני־זירונג פון די קלאוקמאַכער אין טאָראָנטאָ. די חברים מ. קרוגער, ק. וואַג־נער, טש. שאָץ, ל. באגראד, י. טורעק, קעש, עדעלשטיין און אַנדערע, זיינען געווען אין דער פירערשאַפט פון דער יוניאָן [162]). טש. שאָץ איז געווען פאָרזיצער פון דער דזשאָינט באָארד. אין די שפּעטערע יאָרן איז דער באָ־ראָכאָוו צווייג 124 פון פאַרבאַנד, אויך געווען זייער אַקטיוו אין דער יוניאָן. אין די דרייסיקער יאָרן האָט מען אפילו געגרינדעט אַ קלאוקמאַכער צווייג פון פאַרבאַנד. חבר ח. ד. לאַנגער, אַ געוועזענער חבר פון פועלי ציון יוגנט, איז געוואָרן דער מענעדזשער פון דער אינטערנאַשיאָנאַל אין טאָראָנטאָ און שפּעטער איינער פון די וויצע פּרעזידענטן פון דער יוניאָן.

די קלאוקמאַכער יוניאָן אין מאָנטרעאָל (די אינטערנאַשיאָנאַל) האָט זיך אָנגעהויבן צו באַפעסטיקן אין 1910. אויך אין מאָנטרעאָל איז אָפט אויס־געקומען צו סטרייקן. אַ טיכטיקן אַנטייל אין דער אָרגאַניזירונג פון דער יוניאָן האָבן גענומען ל. צוקער, וו. באַראַנאָפסקי און ח. מ. קייזערמאַן. אויך ישראל חפץ איז געוואָרן אַקטיוו אין דער יוניאָן. אַ סטרייק אין 1916, ביי הערדרי ראַטהער איז געוואונען געוואָרן. איינער פון די פּונקטן, וואָס מ׳האָט אויסגעפירט איז געווען, אַז „דער שאָפּ זאָל געקערט ווערן יעדן טאָג״... אין 1917 האָט שוין די יוניאָן אין מאָנטרעאָל אָנגעהויבן פאָדערן אַן 48־שעהדיקע אַרבעטס וואָך, אָווערטיים זאָל געאַרבעט ווערן ניט מער ווי 6 שעה אַ וואָך, אויך אַ מינימום פון ווידזשעס און אָנערקענונג פון דער יוניאָן. ס׳האָט זיך דאַן אָנגעהויבן דער גרויסער גענעראַל סטרייק פון טויזנט קלאוק־מאַכער — כמעט אַלע אידן. איין קלאוקמאַכער פירמע האָט אַרויסגענומען אַן אינדזשאַנקשאָן קעגן פּיקעטן [163]). די פועלי ציון און פאַרבאַנד חברים האָבן געטאָן וואָס זיי האָבן נאָר געקענט צו שאַפן פינאַנציעלע הילף פאַר די סטרייקער. זיי האָבן אָבער געקענט ווייניק העלפן, ווייל זיי זיינען כמעט

אַלע געווען פאַרנומען מיט דעם סטרייק פון די מענער־שניידער. נאָך דעם ווי די באַלעבאַטים האָבן איינגעשטימט צו גיין צו אַן אַרביטריישאָן, האָבן זיי חרטה געהאַט [164]). דער סטרייק האָט זיך געצויגן פון 1טן יאַנואַר ביז צוויי וואָכן פאַר פסח און איז פאַרלוירן געוואָרן. דער זיג האָט פיל אָפּגע־קאָסט די באַלעבאַטים. זינט דאַן האָבן זיי ניט דערלאָזט, אַז ס'זאָל קומען צו סטרייקס און די אַרבעטער האָבן געוואונען גרויסע פאַרבעסערונגען דורך אַרביטריישאָן. אַלבערט איטאָן, וואָס האָט שפּעטער געשפּילט אַ פירנדיקע ראָלע אין דער יוניאָן, האָט אין יענעם סטרייק באַקומען די ערשטע לעקציע פון אַרבעטער קאַמף.

אין 1918 האָט די אינטערנאַשיאָנאַל איינגעשטימט צו צאָלן דעם צוויי־ענדיקן פּער קאַפּיטאַ טעקס (איינעם צו דער אַמעריקאַן פעדערייראַן אָף לייבאָר און איינעם צו דעם קאַנאַדער טריידס און לייבאָר קאָנגרעס. אַלע אינטערנאַציאָנאַלע יוניאָנס, וואָס זיינען געווען אָנגעשלאָסן אין דעם קאָנג־רעס האָבן געצאָלט אַ צווייענדיקן טעקס) און די קלאוקמאַכער האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דעם קאַנאַדער טריידס און לייבאָר קאָנגרעס. זיי האָבן דאַן געקראָגן דעם צוזאָג, אַז דער קאָנגרעס וועט שטיצן די קלאוקמאַכער אויב ס'וועט זיי אויסקומען צו סטרייקן [165]).

די פאָדערונג אָפּצושאַפן שטיק־אַרבעט, וועלכע איז אָנגענומען גע־וואָרן פון דער אינטערנאַשיאָנאַל אין 1919, איז פון די קאַנאַדער באַלעבאַ־טים אויפגענומען געוואָרן מיט גאָר ווייניק שמחה. אין מאָנטרעאָל איז גע־לונגען איינצופירן וואָך־אַרבעט פאַר די פּרעסער, פינישער און קאַטערס אָבער די אָפּערייטאָרס האָבן נאָך אַלץ געמוזט אַרבעטן שטיק אַרבעט. אין מערץ, 1919, האָבן זיך די מאָנטרעאַלער און טאָראָנטער קלאוקמאַכער צו־נויפגערעדט און האָבן אַרויסגעשטעלט צוויי פאָדערונגען: אַ 44 שעהדיקע אַרבעטס וואָך און דאָס אָפּשאַפן שטיק־אַרבעט, אין ביידע שטעט, פאַר אַלע אַרבעטער.

אַ גענעראַל סטרייק איז אַרויסגערופן געוואָרן אָנפאַנג יולי 1919, אין טאָראָנטאָ, וועלכער האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע צייט. כאָטש די ראָבערט סימפּסאָן קאָמפּאַני האָט נאָכגעגעבן דער יוניאָן, האָבן די אַנדערע באַלע־באַטים ביטער געקעמפט קעגן די אַרבעטער. אין דער דריטער וואָך פון דעם סטרייק האָבן זיך פאַרמערט די אַרעסטן פון די סטרייקנדיקע אַרבעטער. אין מיטן אויגוסט האָבן די טאָראָנטער אַרבעטער צוריקגעצויגן די פאָדערונג פון וואָך־אַרבעט און אין אָנפאַנג סעפּטעמבער איז דער סטרייק אויפגעגעבן געוואָרן. ס'פאַרשטייט זיך, אַז אין מאָנטרעאָל, וואו מ'האָט ניט געסטרייקט, זיינען צוליב דעם דורכפאַל אין טאָראָנטאָ פאַרלוירן געגאַנגען פיל געווינסן פון פריערדיקע פאַרהאַנדלונגען.

אין יאַנואַר, 1920, איז ווידער דערקלערט געוואָרן אַ סטרייק אין טאָ־ראָנטאָ. די באַלעבאַטים האָבן אָנגענומען וואָך־אַרבעט, אָבער נאָך זעקס חדשים האָבן זיי חרטה געהאַט. ס'איז דאַן אויסגעבראָכן אַ דריטער גענעראַל סטרייק, וואָס האָט געדויערט 18 וואָכן. די יוניאָן האָט אויך דעם דריטן סטרייק

פאַרלוירן און די אָרגאַניזאַציע איז נאָך דעם, פאַר דריי יאָר צייט, געווען אין זייער אַ שוואַכן צושטאַנד. ביי דעם סוף פון 1920 איז אין דער קלאוק־מאַכער יוניאָן געווען צווישן 3000 און 3800 מיטגלידער און זייערע צאָלן האָבן געהאַלטן אין איין פאַלן [166].

אין וויניפעג האָט מען אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט מלחמה פינף מאָל אָרגאַניזירט אַ קלאוקמאַכער יוניאָן פון דער אינטערנאַשיאָנאַל און זי איז אַלע מאָל צעפאַלן געוואָרן. ווען ס'זיינען פאָרגעקומען וואַלן פאַר דעלעגאַטן צו דעם קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס, האָט די קלאוקמאַכער יוניאָן פונקציאָנירט און איז געווען אָנגעשלאָסן אין דעם סאָציאַליסטיש נאַציאָנאַלן בלאָק.

אויסער די קלאוקמאַכער, וואָס האָבן באַלאַנגט צו דער אינטערנאַשיאָנאַל, זיינען געווען אויך סקוירט און דרעסמאַכער לאָקאַלן אין מאָנטרעאָל און טאָראָנטאָ און אַ לאָקאַל פון ליידיס גאַרמענט טרימערס און קאָטערס. ס'זיינען אויך געווען ליידיס וויסט מאַכער לאָקאַלן אין ביידע שטעט. ווען דער מאָנטרעאָלער לאָקאַל פון ליידיס וויסט מאַכער איז געגרינדעט געוואָרן אין מאַי 1906, האָבן זיי אָנגענומען די פּועלי ציון מאָטאָס „אַרבעטער פון אַלע פעלקער פאַראייניקט אייך" און „אם אין אני לי מי לי" [167].

אַ סטרייק פון סקוירט און דרעסמאַכער אין טאָראָנטאָ האָט זיך געענדיקט מיט אַרביטריישאָן. איינער פון די צוויי אַרביטרייטאָרס, וואָס די יוניאָן האָט באַשטימט, איז געווען מאָריס גאָלדסטיק. סיי אין מאָנטרעאָל סיי אין טאָראָנטאָ זיינען די חברים און חברות געווען אַקטיוו אין די דאָזיקע צווייגן פון דער אינטערנאַשיאָנאַל.

די מענער שניידער יוניאָנס

מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז מיט דער אָרגאַניזירונג פון די שניידער אין מאָנטרעאָל האָט זיך אָפּגעגעבן די „יונייטעד גאַרמענט וואָרקערס אָף אַמעריקאַ", מיר וועלן זי רופן קורץ „יונייטעד". מאָנטרעאָל איז געווען אַ גרעסערער צענטער פאַר דער מענער קליידער אינדוסטריע ווי טאָראָנטאָ. די לאָקאַלן, וואָס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן אין מאָנטרעאָל אין משך פון די יאָרן 1904—1905 זיינען צעפאַלן געוואָרן. נאָך דעם איז ווידער אָרגאַניזירט געוואָרן אַ לאָקאַל פון די „יונייטעד". אין 1906 איז דער לאָקאַל אויך אויפגעלייזט געוואָרן און די באַלעבאַטים האָבן צוריק איינגעפירט אַ 55 שעהדיקע אַרבעטס וואָך. דאָס איז געווען אָפיציעל. נישט אָפיציעל האָט מען געאַרבעט מער פון 55 שעה. אַ לאָקאַל אונטער דעם נאָמען „יונייטעד בראָדערהוד אָף טיילאָרס" איז אויך אָפּגעשוואַכט געוואָרן. דאַן האָט די איי. וו. געמאַכט אַ פאַרזוך צו אָרגאַניזירן אַ מענער שניידער יוניאָן [168]. דאָס איז געווען אין דער צייט פון דעם גרויסן קריזיס און פיל שניידער זיינען געווען אַרבעטסלאָז. חברים פון דעם פּועלי ציון פאַראיין און פון דער ס. ט. אָרגאַניזאַציע אין מאָנטרעאָל זיינען, נאָך אין 1907, געווען זייער

טעטיק אין דער רעאָרגאַניזירונג פון דער „יונייטעד גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן". ס. מערלין איז געווען איינער פון די ערשטע פּראָפּאַגאַנדיסטן פאַר דער יוניאָן [169]. סוף 1907 זיינען די חברים י. פּרוזשאַנסקי, ישראל חפץ, וו. כייטמאַן, י. מאַרקוס, י. סקלאָוער (שקלאָווער) און אַנדערע געווען זייער אַקטיוו און פועלי ציון זיינען געווען אין דער פירערשאַפט פון דער יוניאָן. ס'איז געווען, ווי חבר מאַרקוס גיט אונז איבער, אַזאַ מין אָפּמאַך צווישן פּרוזשאַנסקין, וואָס האָט פאַרטראָטן די פּאַרטיי, און די אַלגעמיינע סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן, אַז יעדע גרופּע זאָל האָבן אַ גלייכן חלק אין די הויפּט אַמטן פון דער יוניאָן. אַזוי איז פּרוזשאַנסקי געווען פאָרזיצער פאַר עטלעכע 6 חדשימדיקע טערמינען. דאָס זעלבע יעקב שקלאָווער, וועלכער איז דאַן נאָך געווען אַן ס. ט.

דעם הויפּט קאַמף קעגן דער איי. וו. וו. און פאַר דער זעלבסטשטענדיקייט פון דער יוניאָן האָבן געפירט די חברים יעקב סקלאָווער און ישראל חפץ, וועלכער איז געווען פינאַנץ סעקרעטאַר פאַר אַ לאַנגער צייט. יעקב מאַרקוס איז געווען קאַסירער פאַר צוויי יאָר, פון 1909—1911. די יוניאָן האָט זיך שנעל באַפרייט פון דעם איי. וו. וו. איינפלוס און איז געוואָרן אַ טייל פון דער יונייטעד. פון דאַן אָן האָט די יוניאָן זיך אָנגעהויבן צו פאַרשטאַרקן. אין 1910, ווען די יוניאָן האָט געמאַכט עטלעכע זאַמלונגען פאַר די סטרייקנדיקע קלאָוקמאַכער אין ניו יאָרק, איז געווען גאַנץ נאַטירלעך, אַז מען זאָל דאָס געלט שיקן דורך דעם „אידישן קעמפער" [170].

פיל סטרייקס זיינען פאָרגעקומען אין איינצלנע פאַבריקן. אין 1911 איז געווען אַ סטרייק ביי דער פירמע קעלערט ברידער אין מאָנטרעאָל. די אַרבעטער האָבן אויסגעפירט, אויסער דער אָנערקענונג פון דער יוניאָן, אַז זיי מעגן נוצן דעם עלעווייטער און אַז זיי דאַרפן ניט גיין מיט די טרעפּ אויפן 5טן פלאָר צו דער אַרבעט. ס'זיינען צוגעקומען אין די רייען פון דער יוניאָן אַ צאָל ניי אָנגעקומענע פועלי ציון חברים, ווי משה קייזערמאַן, הערשל נאָוואַק, שלמה בערקאָוויטש, מאַקס בלעכמאַן, מאָריס ראַבינאָוויטש, נח חפץ, וועלוול סיראָטאַ, ב. קורמאַן, וועלכע זיינען געוואָרן זייער טעטיק אין דער אָרגאַניזאַציע.

חבר ה. מ. קייזערמאַן האָט כמעט פון דעם ערשטן טאָג פון זיין אָנקומען אין קאַנאַדע, אין 1910, זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט פון דער יוניאָן. כאָטש אַליין ניט קיין שניידער פון פאַך, האָט ער מיט זיין רעדנערטאַלאַנט, מיט זיינע אויפקלערנדיקע פאַרטראַגן און זיין איבערגעגעבנקייט, געוואונען די אָנערקענונג פון אַלע שניידער. צוערשט האָט מען זיך באַצויגן אַביסל סקעפּטיש צו זיינע סינדיקאַליסטישע אידעען. ער אַליין האָט אָבער אָנגעהויבן אָפּזאָגן זיך צוביסלעך פון זיינע איינשטעלונגען און דערנענטערן זיך צו די סאָציאַליסטיש נאַציאָנאַלע עלעמענטן. אין 1912 האָט ער שוין אויף אַזוי פיל געוואונען דעם צוטרוי פון די שניידער, אַז זיי האָבן אים אויסגעקליבן אַלס פאָרזיצער פון דער יוניאָן, — אַן אַמט, וועלכן ער האָט

אַנגעהאַלטן, מיט דער אויסנאַמע פון דער צייט ווען ס'איז אָנגעגאַנגען דער גענעראַל סטרייק, פאַר צוויי יאָר.

די יוניאָן האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרשטאַרקן און אין מאַי, 1912, האָבן די שניידער אַרויסגעשטעלט צו די באַלעבאַטים צוויי הויפט פאָדערונגען — אַ 9־שעהדיקן אַרבעטס טאָג און 10 פּראָצענט העכערונג פון די לוינען. די יוניאָן האָט זיך דאַן אַריינגעקליבן אין קאָראַניישאַן האָל. די דערעפענונג פון דער שניידער יוניאָנס היים איז געווען אַ גרויסע שמחה און איז געפייערט געוואָרן מיט אַ קאָנצערט און באַל. לעאָן חאַזאַנאָוויטש איז געווען איינער פון די הויפט רעדנער. רופנדיק די שניידער צו דער פייערונג האָט מען צוגעזאָגט, אַז „דער באַל וועט אָנגיין ביז 5 אַזייגער מאָרגנס" [171].

דעם 7טן יוני, 1912, האָט זיך אָנגעהויבן דער ערשטער גענעראַל סטרייק פון די מענער שניידער אַרבעטער אין מאָנטרעאַל [271]. דאָס איז געווען איינער פון די שענסטע קאַפּיטלעך פון אַרבעטער קאַמף. די פועלי ציון האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין דעם סטרייק מיט גרויסן ענטוזיאַזם און מיט גרויסער איבערגעגעבנקייט. חברים פון דער פּאַרטיי און פאַרבאַנד זיינען אַריין אין פאַרשידענע קאָמיטעטן, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דעם סטרייק. אייניקע מיטינגען פון די סטרייקערס האָבן זיך פאַרענדיקט מיט דעם געזאַנג פון דער „שבועה" [173]. די פּאַרטיי האָט צוגעשטעלט אַ רייע רעדנער פאַר די מיטינגען פון די סטרייקערס, ווי ל. חאַזאַנאָוויטש, ש. שניאור, ל. צוקער, ה. נאָוואַק, ע. קאָרנבערגער, ל. מעלצער און פילע אַנדערע. ה. מ. קייזערמאַן און א. וועליקאָוויטש, וואָס האָבן זיך שפּעטער אָנגעשלאָסן אין דער פּאַרטיי זיינען, פאַרשטייט זיך, געווען צווישן די הויפט רעדנער. אַ גרויסער טייל פון די חברים, אויב ניט דער גרעסטער טייל, זיינען דאַן געווען שניידער און זיינען אַליין געווען סטרייקער.

איינע פון די גרעסטע אויפטואונגען פון דער באַוועגונג זיינען געווען די זאַמלונגען פאַרן סטרייק פאָנד, אין וועלכע ס'האָבן זיך אויסגעצייכנט די חברים ש. שניאור, א. קאָמאַראָוו, ל. צוקער, נח חפץ, ישראל חפץ און אַנדערע. אויסער דעם האָבן די פועלי ציון אַרויסגעלייגט אַ טעקס פון איין טאָג שכירות אויף יעדן חבר אַלס הילף פאַר די סטרייקערס. זיי האָבן אויך גערופן אַ ספּעציעלע קאָנפערענץ פון אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס צו שאַפן פינאַנציעלע הילף פאַר די סטרייקערס. די קאָנפערענץ איז צוזאַמענגעפאַלן מיט אַן אַנדערער קאָנפערענץ, וואָס איז גערופן געוואָרן פון דער „פאָלקס־צייטונג". פון דעם איז אַרויסגעקומען אַ פאַראייניקטע קאָנפערענץ מיט אַ פועלי ציון אַלס סעקרעטאַר פון דער פאַראייניקטער קאָנפערענץ [174]. די פועלי ציון האָבן אַראָפּגעבראַכט מאָריס ווינטשעווסקין פאַר לעקציעס, אָפּגעבנדיק דעם גאַנצן פּראָפיט פאַר דעם סטרייק פאָנד [175]. איבער 7 טויזנט דאָלאַר איז געזאַמלט געוואָרן פאַר דעם סטרייק פאָנד און די פועלי ציון האָבן אין דעם געהאַט אַ גרויסן חלק. ס'איז אויך געקומען הילף פון אייניקע פועלי ציון פאַראיינען אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

מאָריס ווינטשעווסקיס לעקציעס זיינען געווען גוט באַזוכט. ער האָט גראָדע ניט געפונען קיין ווידערשפרוך צווישן ציוניזם און סאָציאַליזם, אָבער ער האָט „ניט געהאַט קיין אמונה אין דער דורכפירבאַרקייט" פון ציוניזם... ס'איז אפשר ניט געווען קיין זייער געלונגענער אויסוואַל פון אַ טעמע פאַר אַ לעקציע, אַראַנזשירט פון די פועלי ציון, אָבער ביי די חברים איז אַלץ געווען כדאי, אַבי צו העלפן די סטרייקערס.

דער סטרייק איז, נאָך 7 וואָכן פון קאַמף, טיילווייז געוואונען געוואָרן. מ'האָט איינגעפירט אַן אַרבעטס וואָך פון 52 שעה אנשטאט 55. פון דעם 1טן נאָוועמבער אָן האָט מען געזאָלט אָנהויבן אַרבעטן 49 שעה אַ וואָך. מ'האָט אָפּגעשאַפן די סיסטעם פון „סאַב־קאָנטראַקטינג" און די באַלעבאַטים האָבן אויך איינגעשטימט צו העכערן דעם פרייז פון שטיק אַרבעט לויט די פאַרקלענערטע אַרבעטס שעהן [176]). די יוניאָן איז פאַרשטאַרקט געוואָרן. ס'זיינען דאַן געווען אין מאָנטרעאָל אַרום 20 גרויסע פאַבריקן, אין וועלכע עס זיינען געווען באַשעפטיקט פינף טויזנט אַרבעטער. ניינציק פּראָצענט פון די אַרבעטער זיינען געווען אידן [177]). אַנדערע מיינען, אַז אַרום פינף און ניינציק פּראָצענט פון די אַרבעטער זיינען געווען אידן.

אין דער זעלבער צייט ווען ס'איז אָנגעגאַנגען אַן אינטענסיווע אַרבעט צו אָרגאַניזירן די מענער שניידער אונטער דער „יונייטעד" אין מאָנטרעאָל, איז אויך אָנגעגאַנגען די אַרבעט אין טאָראָנטאָ. אין טאָראָנטאָ איז דער גענעראַל סטרייק פון די מענער שניידער אַרויסגערופן געוואָרן סוף פעברואַר 1912. דער סטרייק האָט זיך געצויגן איבער צען וואָכן און דער מוט פון די סטרייקערס איז פון אַלעמען באַוואונדערט געוואָרן [178]). די שניידער אין טאָראָנטאָ האָבן איבערגעיאָגט די שניידער פון מאָנטרעאָל אין אויסקעמפן בעסערע באַדינגונגען. פון די פאַרטיי און פאַרבאַנד חברים, וועלכע זיינען געווען אַקטיוו אין דער טאָראָנטער „יונייטעד" דאַרפן דערמאָנט ווערן די חברים: ש. ברוידא, ש. ש. שאַפּיראָ, מ. סילווערבערג, מ. קרעמער, דזשאָו בירנבוים און מ. סאַראַצקי.

אין אַלגעמיין איז די „יונייטעד גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן" דערגאַנגען אין קאַנאַדע צו דער העכסטער שטופע פון אַנטוויקלונג צווישן די יאָרן 1912—1915, ווען זי האָט דערגרייכט די צאָל פון דריי טויזנט גוטשטייענדיקע מיטגלידער, הויפּטזעכלעך אין מאָנטרעאָל, טאָראָנטאָ און האַמילטאָן [179]).

סוף 1913 איז אין מאָנטרעאָל אויסגעבראָכן דער באַרימטער וויינבערג סטרייק. כאָטש דאָס איז געווען אַן איינצלנער סטרייק, ביי איין פאַבריקאַנט, ה. וויינבערג, וועלן מיר זיך אויף דעם סטרייק ספּעציעל אָפּשטעלן, ווייל דאָס איז געווען אַ וויכטיקער סטרייק, פון אַרום 350 אַרבעטער, אין וועלכן די הילפס אַרבעט פון דער באַוועגונג איז געווען זייער באַדייטנדיק. אין אָנהויב דעצעמבער, האָבן די פועלי ציון געהאַט צוויי לעקציעס פון דר. נ. סירקין און האָבן אָפּגעגעבן דעם גאַנצן פּראָפיט פאַר די סטרייקנדיקע שניידער. אין יאַנואַר האָבן די פועלי ציון צוזאַמענגערופן אַ קאָנפערענץ פון אַלע מאָנטרעאָלער אידישע אָרגאַניזאַציעס. דער אויפרוף צו דער קאָנ־

פערענץ, — אונטערגעשריבן „אידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער פּאַרטיי פּועלי ציון", — איז געווען געדרוקט אין דער צייטונג [180]). מיר ווילן ברענגען אייניקע אינטערעסאַנטע אויסצוגן.

„דער ווייַנבערג-סטרייק, זאָגט דער אויפרוף, מוז פאַרטגעזעצט ווערן: 1) אין די אינטערעסן פון די 350 אַרבעטער, וואָס קעמפן אַזוי העלדיש שוין 19 וואָכן; 2) אין די אינטערעסן פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכער טאָר ניט אַרויסלאָזן פון דער האַנט די פּאָזיציעס, וואָס ער האָט מיט זיין בלוט און מאַרך אויסגעקעמפט; 3) אין די אינטערעסן פון דער אידישער באַפעלקערונג, וועלכע לעבט פון די אַרבעטער און בליט דורך זייער אַנטוויקלונג; און ענדלעך 4) אין די אינטערעסן פון גערעכטיקייט, פון דעם באַליידיקטן עלעמענטאַרן מענטשלעכן יושר, פאַר וועלכן אַלע דאַרפן קעמפן גלייך, אָן אויסנאַם פון קלאַסן, סעקטן און אָרגאַניזאַציעס". דער אויפרוף איז געשלאָסן געוואָרן מיט די ווערטער: „אידישע ברידער אָרגאַניזאַציאָנען! מיט וואָס איר זאָלט זיך ניט אָפּגעבן, מיט פילאַנטראָפּיע, בילדונג, קעגנזייטיקער הילף, פּראָפעסיאָנעלער אַרבעטער פאַראייניקונג, אָדער מיט אַגיטאַציע פאַר די רייכסטע מענטשלעכע אידעען — שיקט אייערע באַפולמעכטיקטע צו דער גרויסער קאָנפערענץ, וועלכע ווערט פאַררופן דורך די פּועלי ציון, מיט דער מיטווירקונג פון דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד... צו אָרגאַניזירן „גיכע הילף".

אַלס פאָרזיצער פון דער „גיכער הילף קאָנפערענץ" איז דערוויילט געוואָרן ל. צוקער. ס'זיינען געזאַמלט געוואָרן באַדייטנדיקע סומען געלט. מ'האָט געזאַמלט פון יחידים, מ'האָט אויך געהאַט הויז צו הויז זאַמלונגען. חברים פון דער פּאַרטיי און פאַרבאַנד האָבן זיך אויך באַטייליקט אין פּיקעט דעמאָנסטראַציעס, זיי זיינען אויפגעטראָטן אַלס רעדנער ביי סטרייק פאַרזאַמלונגען א. א. וו. דער סטרייק איז אָבער פאַרלאָרן געגאַנגען. און דאַן האָט זיך אָנגעהויבן די ירידה פון דער „יונייטעד".

ווען ס'האָט זיך צעפלאַקערט דער רעוואָלט קעגן דער „יונייטעד" אין ניו יאָרק, האָט דאָס זיך שנעל אָפּגערופן אויך אין מאָנטרעאָל. חברים פון מאָנטרעאָלער פּועלי ציון און פאַרבאַנד זיינען געווען צווישן די ערשטע אָנצוהייבן אָרגאַניזירן לאָקאַלן פון דער אַמאַלגאַמייטעד אין מאָנטרעאָל. פון די צוויי אָנפירער פון דעם רעוואָלט אין מאָנטרעאָל, ע. ראַבקין און מ. ראַדאַוואַלסקי, איז מאַקס ראַדאַוואַלסקי געווען אַ פאָלקסטימלעכער מענטש און האָט סימפּאַטיזירט מיט די פּועלי ציון. צווישן די ערשטע הויפּט בויער פון דער אַמאַלגאַמייטעד אין מאָנטרעאָל זיינען געווען די חברים סיראָטאַ, פרענק ווייט, מאָריס און ישראל ראַבינאָוויטש, אליהו גרינבערג, משה קייזערמאַן, די מייבערגס און די קורמאַנס. ח. מ. קייזערמאַן האָט צוערשט זיך געהאַלטן נייטראַל, אָבער גאָר אינגיכן האָט ער איבערגעטראָגן זיינע סימפּאַטיעס צו דער אַמאַלגעמייטעד. א. וועליקאָוויטש איז געווען קעגן דער שפּאַלטונג, אָבער אויך ער איז, ביי דעם סוף פון דעם קאַמף, אַריבער צו דער אַמאַלגאַמייטעד.

די דערמאָנטע חברים זיינען געווען צווישן די ערשטע גרינדער פון דעם מאָנטרעאָלער לאָקאַל 209, פון דער „אַמאַלגאַמייטעד״. פרענק ווייט איז גאָר איינגיכן אַריין אין דער עקזעקוטיווע. די חברים נח חפץ און וועלוול שעכטער האָבן גענומען די איניציאַטיווע צו גרינדן דעם קאַטערס לאָקאַל. נח חפץ איז געווען פאַר פיל יאָרן דער סעקרעטאַר פון דעם קאַטערס לאָקאַל. וועלוול סיראָטאַ, פרענק ווייט און ה. מ. קייזערמאַן האָבן זיך באַטייליקט אין דער אַרבעט און אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלע צוויי־וועכנטלעכע צייטונג „אונזער וואָרט״, וואָס האָט אַגיטירט פאַר דער אַמאַלגאַמייטעד. פּאַקטיש איז די איניציאַטיווע פאַר דער צייטונג טאַקע געקומען פון די דערמאָנטע חברים. ס׳זיינען דערשינען 20 נומערן.

נאָך אין 1915 האָט די באַוועגונג אָנגעפאַנגען צו אַרבעטן פאַר דער פאַראייניקונג פון אַלע שניידער אונטער דער אַמאַלגאַמייטעד. אין יולי איז יהודה קויפמאַן אויפגעטראָטן פאַר דעם לאָקאַל 209 מיט אַ לעקציע. דאָרט האָט מען אויך פאַרהאַנדלט דעם פאָרשלאַג פון דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד וועגן אַ רעפערענדום, אַלס מיטל צו מאַכן אַ סוף צו דעם ברידער־קאַמף [181]). ווען ס׳איז פאַרגעקומען, אין דעצעמבער, אַ גרויסע דעמאָנס־טראַציע פאַרזאַמלונג פאַר דער אַמאַלגאַמייטעד, מיט שיפּליאַקאָוון אַלס גאַסט רעדנער, זיינען פון די זעקס אַנדערע רעדנער געווען יהודה קויפמאַן, וו. סיראָטאַ, ה. מ. קייזערמאַן און מאַקס ראַדאַוואַלסקי [182]). ש. שניאור, וועלכער איז געווען ניט נאָר אַ גרויסער רעדנער, נאָר אויך אַ פּראַקטישער טוער, האָט דערוייל ניט געררט. ער האָט געטאָן וואָס ס׳איז נאָר געווען מעגלעך, צו פאַרשנעלערן די פאַראייניקונג, ווייל צוליב דעם ברידער קאַמף איז די לאַגע אין די שעפּער געוואָרן אומדערטרעגלעך. די אַמאַלגאַמייטעד, ווי ווייט אייניקע חברים געדענקען, האָט טאַקע געבעטן די פּאַרטיי צו מאַכן שלום. שניאורן האָבן אַרויסגעהאָלפן מאַקס בלעכמאַן און ע. קאָרענבערג. נאָך אַ רייע קאָנפערענצן איז מען געקומען צו אַן אויסגלייך. די אַמאַלגאַמייטעד האָט איבערגענומען אַלע חובות פון די לאָקאַלן פון דער יונייטעד און אַלע אירע מיטגלידער זיינען אַריין אין די לאָקאַלן פון דער אַמאַלגאַמייטעד. צום סוף פון 1916 זיינען אין מאָנטרעאָל שוין געווען אַרום 3000 אַרבעטער אָרגאַניזירט אין דער אַמאַלגאַמייטעד.

אין טאָראָנטאָ איז דער איבערגאַנג פון דער יונייטעד צו דער אַמאַל־גאַמייטעד געווען אַ פיל לייכטערער ווי אין מאָנטרעאָל. ה. א. לאַגאַן, דער געשיכטע שרייבער פון דער קאַנאַדער טרייד יוניאָן באַוועגונג, מיינט, אַז דאָ האָט געהאָלפן דער פאַקט, וואָס אין דער פירערשאַפט פון דער יוניאָן אין טאָראָנטאָ זיינען געווען ליטוואַקעס, וואָס האָבן געהאַט געמיינשאַפט־לעכעס מיט סידני הילמאַן, וועלכער האָט געשטאַמט פון ליטע [183]). די חב־רים פון דער ציוניסטיש סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין טאָראָנטאָ — ליטוואַקעס און ניט ליטוואַקעס — זיינען געווען פון די סאַמע ערשטע צו־זושטיין צו דער אַמאַלגאַמייטעד. מ. קרעמער, וועלכער איז געווען דער ערשטער סעקרעטאַר פון דעם פענטס־מאַכער לאָקאַל, איז געוואָרן אונטער

דער אַמאַלגאַמייטעד וויצע פּאָרזיצער פון לאָקאַל און יודל גערטלער איז געוואָרן פראָטאָקאָל סעקרעטאַר[184]). ש. ברוידא איז דערוויילט געוואָרן אַלס ביזנעס אַגענט פון דער יוניאָן. דזשאָו בירנבוים איז פאַר אַ צייט געווען פּאָרזיצער פון וועסט־מאַכער לאָקאַל. ער איז אויך געווען אַ מיטגליד פון דער טאָראָנטער דזשאָינט באָארד. אַנדערע אַקטיווע חברים זיינען געווען סעם העללער, פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר פון לאָקאַל 219; מ. סילווערבערג, סעקרעטאַר פון לאָקאַל 211; מ. סאראצקי, מיטגליד פון דער דזשאָינט באָארד; ל. פּרעכטער, עקזעקוטיווע מיטגליד פון לאָקאַל 211; ש. ש. שאַ־פּירא, אייבי ווייט און אַנדערע.

אָנהויב 1917, האָט די מאָנטרעאָלער „באָסעס אסאסיאיישאָן" — די פּאַראייניקטע אָרגאַניזאַציע פון די באַלעבאַטים, באַשלאָסן צו מאַכן אַ פּאַר־זוך צו ברעכן די יוניאָן. זיי האָבן דערקלערט אַ לאָקאַאוט. אויף דעם האָבן די אַרבעטער געענטפערט מיט אַ גענעראַל סטרייק. אין דעם קאַמף, וואָס האָט זיך געצויגן צוויי חדשים, האָט די באַוועגונג זיך אַריינגעוואָרפן מיט דער זעלבער ענערגיע און איבערגעגעבנקייט, ווי אין דעם גענעראַל סטרייק פון 1912. אונזערע חברים זיינען אויפגעטראָטן אַלס רעדנער ביי סטרייק־מיטינגען, האָבן זיך באַטייליקט אין אַלע קאָמיטעטן פון דער סטרייק פירער־שאַפט, האָבן אָפּגעגעבן זייער זאָל צום נוצן פון די סטרייקערס און האָבן געשאַפן, צווישן חברים און פריינט, די סומע פון 1100 דאָלער פאַר דעם סטרייק פאָנד. אויסער די פּאַרטיי און פאַרבאַנד חברים, וואָס זיינען אַליין געווען סטרייקערס, האָבן זיך אין די אַרבעטן באַזונדערס אויסגעצייכנט, ח. מ. קייזערמאַן, ל. צוקער, ש. שניאור, ע. קאָרנבערגער, ל. בענדזשאַמין, מ. דיקשטיין און אַנדערע. אויך חברים פון די פּאַראייניקטע שטאָטן האָבן געענטפערט אויף דעם רוף פון דעם צענטראַל קאָמיטעט און האָבן געזאַמלט פינאַנציעלע הילף פאַר די מאָנטרעאָלער סטרייקערס. אין דעטראָיט איז, לויט דער איניציאַטיווע פון אַ געוועזענעם מאָנטרעאָלער — חבר ד. שראַגא, צוזאַמענגעקליבן געוואָרן אין אַ גאַסן זאַמלונג 170 דאָלער.

די באַלעבאַטים זיינען אַרויסגעקומען מיט דער באַשולדיקונג, אַז אַר־בעטער פון דייטשער אָפּשטאַמונג זיינען שולדיק אין דעם סטרייק און אַז דער גאַנצער סטרייק איז אַ שטערונג צו דער מלחמה פירונג... די פאַרבי־טערונג קעגן די באַלעבאַטים פאַר אָט דער מסירה איז געווען זייער גרויס ניט נאָר צווישן די סטרייקנדיקע אַרבעטער, נאָר אויך צווישן דער אַלגע־מיינער אידישער באַפעלקערונג. ס'האָט די באַלעבאַטים גאָרניט געהאָלפן. דער סטרייק האָט זיך געענדיקט מיט אַ פולשטענדיקן נצחון פון דער יוניאָן. די יוניאָן איז אנערקענט געוואָרן. מ'האָט נאָר נאָכגעגעבן די באַלעבאַטים, אַז אויב די יוניאָן וועט אין משך פון 48 שעה ניט קאָנען צושטעלן קיין בעל מלאכה, מעג דער בעל הבית דינגען וועמען ער וויל אין דעם „אָפּען מאַרקעט". די דאָזיקע סיסטעם האָט געהייסן „פּרעפערענשאַל שאָפּ". פּאַק־טיש האָט דאָס באַפעסטיקט דעם פּרינציפּ פון „קלאָוזד שאָפּ". די שניידער

האָבן אויך געוואונען אַ פאַרקלענערונג פון דער אַרבעטס וואָך, פון פופציק שעה אַ וואָך אויף ניין און פערציק שעה.

די אַמאַלגאַמייטעד האָט זיך נאָך דעם שטרייק שטאַרק באַפעסטיקט אין מאָנטרעאָל און דער איינפלוס פון דער באַוועגונג האָט זיך פיל פאַר־שטאַרקט צווישן די אידישע אַרבעטער. אין 1916 האָבן די חברים געמאַכט אַ פאַרזוך אויסצוווילן אַ פועלי ציון אַלס סעקרעטאַר פון דער אַמאַלגאַמיי־טעד. דער פאַרזוך איז דורכגעפאַלן, ווייל די ניט אידישע אַרבעטער האָבן נאָכגעפאָלגט די געגנאָסן ביי דער „געהיימער" אָפּשטימונג. דאָס איז אָבער דערגרייכט געוואָרן אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען חבר פרענק ווייט, וואָס איז פריער געווען אַ ביזנעס אַגענט איז דערוויילט געוואָרן אַלס סעק־רעטאַר־טרעזשורער. שפּעטער איז חבר א. שורעם געווען סעקרעטאַר. נאָך שפּעטער האָבן אַ גרויסע צאָל פירנדיקע שניידער זיך אָנגעשלאָסן אין פאַר־באַנד — גרינדנדיק דעם לעאָן בלום צווייג.

אין טאָראָנטאָ און האַמילטאָן, וואו די אַמאַלגאַמייטעד האָט דורכגע־פירט אַן אינטענסיווע אָרגאַניזאַציאָנס קאַמפּאַניע, זיינען אין 1917 געוואו־נען געוואָרן נאָך בעסערע באַדינגונגען ווי אין מאָנטרעאָל, אָן אַ גענעראַל סטרייק. דעם 22טן מערץ, 1917, איז אונטערגעשריבן געוואָרן אַן אָפּמאַך, לויט וועלכן די אַרבעטס שעהן זיינען רעדוצירט געוואָרן פון 49 אויף 44 און די לוינען זיינען געהעכערט געוואָרן מיט אַ דאָלאַר אַ וואָך [185]). אין יענער צייט איז ניט געווען קיין גענוג אַרבעט און די יוניאָן האָט באַטראַכט די פאַרקלענערונג פון דער אַרבעטס וואָך פאַר דער סאַמע וויכטיקסטער דערגרייכונג. אין 1919 האָבן זיי אויך אין טאָראָנטאָ איינגעפירט דעם פּרינ־ציפּ פון „פּרעפערענשאַל שאַפּ". אין האַמילטאָן האָט מען אויך דורכגעפירט די זעלבע פאָדערונגען. אזוי ווי די שניידער אינדוסטריע איז דאָרט געווען קליין האָט מען דאָרט אָרגאַניזירט אַן אַלגעמיינעם אַמאַלגאַמייטעד לאָקאַל און ניט געשאַפן קיין דזשאָינט באָארד ווי אין מאָנטרעאָל און טאָראָנטאָ. אין מאָנטרעאָל האָט מען די 44־שעהדיקע אַרבעטס וואָך געוואונען ערשט אין 1919. ביי די זעלבע פאַרהאַנדלונגען האָט מען אויך אויסגעפירט, אַז ס'זאָל איינגעפירט ווערן אַן אַנדערער סטאַנדאַרט פון די לוינען, וואָס האָט געמיינט העכערונגען פון 3 מיט אַ האַלבן ביז 10 דאָלאַר אַ וואָך.

אין פאַרלויף פון עטלעכע יאָר האָט די אַמאַלגאַמייטעד אָרגאַניזירט די שניידער אין לאָנדאָן און שערברוק און שפּעטער אין וויניפּעג. אין 1920 איז אין וויניפּעג נאָך געווען אַ קליינער לאָקאַל פון דער יונייטעד. די אַר־בעטער זיינען געווען אָוועראָל־מאַכער און ניט קיין שניידער. אין 1920 האָט די אַמאַלגאַמייטעד געהאַט אַרום 10 טויזנט שניידער אָרגאַניזירט אין אירע רייען [186]).

וויניפּעגער גענעראַל סטרייק

מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז אין וויניפּעג זיינען, אין דעם צייט־אָפּשניט, וואָס מיר באַהאַנדלען, געווען קליינע צאָלן אָרגאַניזירטע אַרבעטער

אין דער באַקליידונגס אינדוסטריע. אזוי ווי דער גענעראַל סטרייק פון 1919 האָט אַרומגענומען אַרבעטער פון אַלע פאַכן, פון אַלע יוניאָנס, איז די גאַנצע אידישע אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג געווען פאַרמישט, איינשליסנדיק חב־רים פון דער באַוועגונג. די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג האָט געליטן פון דעם סטרייק. סטרייקנדיקע חברים און אויך אַ צאָל חברים, וואָס זיינען ניט געווען דירעקט פאַרמישט אין סטרייק, האָבן געהאָלפן שאַפן מיטלען צו העלפן סטרייקערס און זייערע פאַמיליעס, וועלכע זיינען געווען נויט־באַדערפטיק.

די בעקער אַרבעטער

אַ גאַר באַזונדערן קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער טרייד יוניאָן באַוועגונג אויף דער אידישער גאַס, פאַרנעמען די אידישע בעקער יוניאָנס, מיט זייערע אומאויפהערלעכע סטרייקס און אומאויפהערלעכן קאַמף פאַר דעם יוניאָן לייבעל און דעם זייער נאָבעלן פּרינציפּ פון גלייכער פאַרטיי־לונג פון אַרבעט צווישן אַלע מיטגלידער פון דער יוניאָן. די ביטערסטע קאַמפן זיינען פאָרגעקומען אין מאָנטרעאָל. די פּועלי ציון האָבן גענומען אַ טיכטיקן אָנטייל אין אַלע קאָנפערענצן צו העלפן די סטרייקערס. חברים פון דער באַוועגונג, צווישן זיי ח. מ. קייזערמאַן, ש. שניאור, ל. צוקער, וו. סיראַטאַ, ע. קאָרנבערגער און אַנדערע זיינען אויפגעטראָטן ביי פיל מי־טינגען צו העלפן די בעקער אַרבעטער און האָבן אָן אויפהער אַגיטירט פאַרן יוניאָן לייבעל. אפילו די פּועלי ציון יוגנט האָבן אָנטיילגענומען אין דעם בעקער סטרייק אין מאָנטרעאָל, אין 1916 [187]). זיי האָבן אָפּגעהאַלטן אַרום 50 „אָפּען עיר" מיטינגען, וואו זיי האָבן אַפּעלירט מ'זאָל ניט קויפן קיין „סקעב" ברויט. ס'איז אויך אָנגעפירט געוואָרן אַ ספּעציעלער הויז צו הויז קאַמפּיין, אונטער דעם פאָרזיץ פון א. עסנער, צו אַגיטירן פאַרן יוניאָן לייבעל. אין זיינע דעראינערונגען דערציילט ח. מ. קייזערמאַן ווי אזוי ער האָט אַמאָל געהאָלפן אָרגאַניזירן און אָנפירן אַ גאַסן דעמאָנסטראַציע פון בעקער אַרבעטער [188]).

אין 1909 איז געמאַכט געוואָרן אַ פאַרזוך צו מאַכן אַ קאָאָפּעראַטיווע בעקעריי אין מאָנטרעאָל כדי צו באַקעמפן די הויכע פּרייזן פאַר ברויט. אַן ענלעכער פאַרזוך איז געמאַכט געוואָרן אין וויניפּעג [189]). חבר ב. לאַכאָ־וויצקי האָט געטאָן פיל אַרבעט פאַר דער קאָאָפּעראַטיווער בעקעריי, באַ־זונדערס אין די שפּעטערדיקע יאָרן.

די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן

ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג צו גרינדן פאַראייניקטע אי־דישע געווערקשאַפטן אויף דער פּראָווינץ, זיינען אין מאָנטרעאָל און טאָ־ראָנטאָ אָרגאַניזירט געוואָרן אַזעלכע קערפּערשאַפטן, אין וועלכע סיי די

פועלי ציון סיי דער פאַרבאַנד זיינען געווען פאַרטראָטן. דער ערשטער סעקרעטאַר פון די פאַראייניקטע געווערקשאַפטן אין מאָנטרעאָל איז געווען ל. מעלצער, נאָך אים איז געוואָרן סעקרעטאַר ה. באָוואַק [190]. ס׳האָבן אויך געדינט פאַר געוויסע טערמינען ל. צוקער, אַלס פּאָרזיצער און וו. סיראַטא אַלס סעקרעטאַר [191]. ס׳וועט אינטערעסאַנט זיין צו באַמערקן, אַז אין טאָראָנטאָ האָבן די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן זיך פאַראינטערעסירט ניט נאָר מיט טרייד יוניאָן אַרבעט, נאָר אויך מיט דער פראַגע פון הילף פאַר אימיגראַנטן. זיי האָבן אפילו געשאַפן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וואָס זאָל שטודירן די מעגלעכקייטן ווי צו העלפן די ניי אָנגעקומענע [192].

8.

סאָציאַליסטישע טעטיקייט

באַציאונגען מיט אַנדערע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס

די ערשטע קאַנאַדער פּאַרטיי פאַראיינען האָבן געהאַט אַ זייער ערנסטע באַציאונג צו זייערע סאָציאַליסטישע אויפגאַבן. דאָס קען מען זען פון די רעזאָלוציעס וועגן סאָציאַליסטישער טעטיקייט, וואָס דער מאָנטרעאָלער פאַראיין האָט צוגעשיקט צו דער 2טער פּאַרטיי קאָנווענשאָן אין באָסטאָן. דאָס קען מען אויך זען פון די שטעלונגען פון קאַנאַדער חברים ביי אַנדערע קאָנווענשאָנס און ביי אַנדערע געלעגנהייטן. בדרך כלל האָבן פּועלי ציון אַגיטירט פאַר סאָציאַליזם ביי אַלע פאַרזאַמלונגען, לעקציעס, קאָנצערטן און אַנדערע אונטערנעמונגען. מ׳האָט געטריי געדינט דעם סאָציאַליזם ווען מ׳האָט אָנגעפירט מיט קולטור אַרבעט, ווען מ׳האָט געטאָן טרייד יוניאָן־אַרבעט, אפילו ווען מ׳האָט זיך פאַרנומען מיט נאַציאָנאַלע פאָלקס אַרבעטן.

די קאַנאַדער פּועלי ציון האָבן אַלע מאָל געפילט, אַז זייער סאָציאַליסטישע טעטיקייט וואָלט געווען מער דערפאָלגרייך, ווען זיי וואָלטן געהאַט אַ פאַרבינדונג מיט אַנדערע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, אידישע און ניט־אידישע, ווען זיי וואָלטן געקענט אַרבעטן מיט פאַראייניקטע קרעפטן פאַר דעם געמיינשאַפטלעכן אידעאַל. זיי האָבן אָבער ביי יעדער געלעגנהייט געזוכט צו אונטערשטרייכן זייער ציוניזם, זייער נאַציאָנאַלע איינשטעלונג.

דער ערשטער מאַי, דער יום טוב פון אַרבעטער סאָלידאַריטעט, האָט פאַרנומען אַ גאָר וויכטיקן אָרט אין די סאָציאַליסטישע אַרויסטרעטונגען פון דער באַוועגונג. מוניציפּאַלע, פּראָווינציעלע און פעדעראַלע פּאַרלאַמענט־וואַלן זיינען געווען גרויסע געלעגנהייטן פאַר פּראָפּאַגאַנדע, ניט נאָר פון סאָציאַליזם, נאָר אויך פון די נאַציאָנאַל־אידישע אידעען פון דער באַוועגונג.

די אידיש ריידנדיקע סאָציאַליסטן, די אידישע גענאָסן, האָבן געקאָנט פועלן ביי זיך מיטצואַרבעטן מיט די פּועלי ציון אין דער טרייד יוניאָן

באַוועגונג, אַמאָל אויך אין פראַגן פון אַלגעמיינע, אידישע און אַרבעטער־אינטערעסן, כאָטש זיי האָבן געטאָן אַלץ וואָס זיי האָבן געקאָנט, צו באַגרע־נעצן דעם איינפלוס פון דער באַוועגונג אין יענע אַרבעטן, ניט דערלאָזן זי צו פירערשאַפט וואו נאָר מעגלעך, זיי האָבן אָבער געמוזן צוגעבן, אַז די „ציוניסטישע אַרבעטער" זיינען אויך אַרבעטער. ווען אָבער ס'איז געקומען צו דער פראַגע פון סאָציאַליזם, האָבן זיי געקעמפט מיט אַלע מיטלען ניט צו דערלאָזן, אַז אידישע אָדער ניט־אידישע אַרבעטער זאָלן אנערקענען די פועלי ציון אַלס אַ סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. זיי האָבן, אין וויניפּעג, אפילו געמאַכט אַ פּאַרזוך, ווי מיר וועלן דאָס זעען שפּעטער, ניט צו דערלאָזן, אַז די ניט־אידישע אַרבעטער זאָלן אנערקענען די פועלי ציון פּאַרטיי אַלס אַן „אַרבעטער פּאַרטיי", און האָבן אָנגעווענדט אַלע מיטלען צו שטערן דעם אָנשלוס פון די פועלי ציון אין דער „דאָמיניאָן לייבאָר פּאַרטיי".

פון דער אַנדערער זייט איז פאַר די פועלי ציון אין קאַנאַדע געווען שווער אָפּצושלינגען די נעגאַטיווע שטעלונג צו איינוואַנדערונג פון דער „קענעדיען סאָשיאַליסט פּאַרטי", וועלכע איז ביז 1911 געווען די דאָמי־נירנדיקע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין קאַנאַדע. ווי ס'איז שוין דערמאָנט געוואָרן איז, אין 1911, פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דער אומאויפהערלעכער פּראַקטיצאָנעלער קאַמף אין דער אַלגעמיי־נער סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָט, אין אַלגעמיין, געמאַכט שווער אָדער אוממעגלעך אַ וועלכע ס'איז פאַרבינדונג פון די קאַנאַדער פועלי ציון פּאַר־איינען מיט אַלגעמיינע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, ביז ס'איז ניט גע־גרינדעט געוואָרן די דאָמיניאָן לייבאָר פּאַרטיי. דער באַשלוס פון דער 1917 דיסטריקט קאָנפערענץ פון די קאַנאַדער פועלי ציון צו זוכן אנערקענונג אַלס סעקציע פון דער קאַנאַדער סאָציאַל דעמאָקראַטישער פּאַרטיי איז ניט דורכגעפירט געוואָרן, ווייל די ס. ד. איז סוספּענדירט געוואָרן ביז נאָך דער מלחמה און ס'איז ניט געווען מיט וועמען צו פאַרהאַנדלען. אגב איז אויך דער דיסטריקט קאָמיטעט אויפגעלייזט געוואָרן אין 1918.

ערשטער מאַי דעמאָנסטראַציעס

ווען ס'איז געקומען דער ערשטער מאַי, 1906, זיינען שוין געווען פועלי ציון פאַראיינען אין מאָנטרעאָל און טאָראָנטאָ. די חברים אין מאָנטרעאָל האָבן זיך באַטייליקט אין דער ערשטער מאַי דעמאָנסטראַציע. די וואָכנשריפט, וועלכע איז דאַן אַרויסגעגעבן געוואָרן פון „אפּטאונער יאהודים" האָט וועגן דעם געשריבן: „צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דעם לאַנד איז פאָרגעקומען אין מאָנטרעאָל אַן ערשטע מאַי פייערונג, וועלכע איז דורכ־געפירט געוואָרן אין דער פאָרם פון אַ פּראָצעסיע אין די גאַסן פון דער שטאָט, דעם לעצטן דינסטיק. די אַנטיילנעמער פון דעם פּאַראַד האָבן גע־טראָגן רויטע פענער און געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער. מיט קליינע אויסנאַמען, זיינען אַלע דעמאָנסטראַנטן געווען נייַ אָנגעקומענע רוסישע און

רומענישע אידן". די צייטונג לאָזט זיך דאַן אַריין אין אַ דערקלערונג, אַז דאָס איז די אַרבעט פון פּראָפעסיאָנעלע אַגיטאַטאָרן, וואָס קומען אַהער פון די פאַראייניקטע שטאַטן צו גרינדן סאָציאַליסטישע געזעלשאַפטן. די אי־דישע איינוואַנדערער דאַרפן וויסן, זאָגט ווייטער דער לייט־אַרטיקל, „אַז אין קאַנאַדע הערשן ניט קיין אייראָפּעאישע באַדינגונגען, אַז אַזעלכע סאָ־סייטיס דאָ זיינען אַן אַנאַכראָניזם", און פאַרענדיקט מיט אַ חנ׳עוודיקן סטראַשונעק, אַז „די פראַנצויזישע פּרעסע פון דער פּראָווינץ, וועלכע ווערט באַאיינפלוסט פון דער פּאַריזער בולוואַר פּרעסע, וועט פון דעם ציען אַ באַוויז, אַז אידן זיינען ניט קיין ווינטשנסווערטע אימיגראַנטן"[193]). פאַר־שטייט זיך, אַז אַזאַ אַרויסטריט פון אַ אידישער וואָכנשריפט האָט געהאַט פּונקט אַ פאַרקערטע ווירקונג אויף די פּועלי ציון.

פאַר פילע יאָרן פלעגט מען די מאָנטרעאָלער פּועלי ציון, אַ דאַנק דער ווירקונג פון די אידישע גענאָסן, ניט רופן צו די ערשטע מאַי קאָנפערענצן, וואָס האָבן אָרגאַניזירט די דאַזיקע דעמאָנסטראַציעס. זיי האָבן ניט געוואָלט דערלאָזן, אַז די פּועלי ציון זאָלן זיך באַטייליקן אין די ערשטער מאַי דע־מאָנסטראַציעס ווי גלייכע שותפים. די פּועלי ציון פלעגן אַלע יאָר פּראָ־טעסטירן און קומען צו די דעמאָנסטראַציעס ניט געבעטענערהייט. אין 1910 האָבן זיי, אַלס פּראָטעסט, זיך איינגאַנצן ניט באַטייליקט אין דער דע־מאָנסטראַציע.

איין מאָל האָבן די מאָנטרעאָלער פּועלי ציון אָרגאַניזירט אַ באַזונדערן פּאַראַד. דאָס איז פאָרגעקומען אין 1917. זיי האָבן, ווי דער „קענעדער אָדלער" שרייבט, מאַרשירט פון זייער זאַל איבער אייניקע גאַסן און דאַן זיך צוריקגעקערט דורך מיין סטריט אין דעם פּועלי ציון זאַל. „די מיידלעך (פון דער יוגנט) האָבן געטראָגן ווייסע בלוזעס מיט בלויע קאָלנערס און רויטע בענדער. אויפן וועג זיינען געזונגען געוואָרן פאַרשידענע אידישע פאָלקס לידער און אַרבעטער לידער. פאַרביימאַרשירנדיק דעם אָפיס פון דעם „קענעדער אָדלער" האָט זיך דער צוג אויף עטלעכע מינוט אָפּגע־שטעלט, מאַכנדיק אַ דעמאָנסטראַציע פאַר אידישע נאַציאָנאַלע רעכט און פאַר אַ געזיכערטער היים פאַרן אידישן פאָלק אין ארץ ישראל"[194]).

אין 1918, האָבן די פּועלי ציון זיך פאַרזאַמלט אין זייער זאַל, 707 מיין סטריט, האָבן מאַרשירט מיט אַלע סאָציאַליסטן, אָבער זיי זיינען ניט גע־גאַנגען מיט זיי צום געוויינלעכן מיטינג־פּלאַץ אויף שאַם דע מאַרס; זיי האָבן זיך צוריקגעקערט אין זייער זאַל און געהאַט אַ ליטעראַרישן אָוונט. די אַלע ערשטער מאַי דעמאָנסטראַציעס פלעגן פאָרקומען ביינאַכט, נאָך דער אַר־בעט... דעם ערשטן מאַי, 1919, האָט מען אין מאָנטרעאָל דורכגעפירט צום ערשטן מאָל אַן אָפּשטעל פון דער אַרבעט אין כמעט אַלע פאַבריקן פון דער באַקליידונג אינדוסטריע. די פּועלי ציון זיינען געלאַדן געוואָרן ווי גלייכע שותפים און האָבן זיך באַטייליקט אַלס גלייכע אין יענער ערשטער מאַי פייערונג. פון יענעם יאָר אָן האָט מען שוין די פּועלי ציון מער ניט איגנאָרירט, ווען ס'איז געקומען צו פייערן דעם ערשטן מאַי.

אין טאָראָנטאָ האָט מען דעם ערשטן מאַי קיינמאָל ניט געפייערט מיט גרויסע פּאַראַדן. די פּועלי ציון פלעגן זיך אָבער באַטייליקן אין די פּאַראַדן. אין אַלגעמיין זיינען די באַציאונגען געווען ניט ערגער און אפשר אַביסל בעסער ווי אין מאָנטרעאָל. אין 1917, האָט י. זאר גערעדט ביי דער ערשטער מאַי פאַרזאַמלונג אין לייבאָר טעמפּל אין טאָראָנטאָ. אין האַמילטאָן פלעגן קיין ערשטע מאַי דעמאָנסטראַציעס ניט פאָרקומען, פלעגן די דאָרטיקע פּועלי ציון אויסמיידן די באַליידיקונג, וועלכע ס'האָבן געהאַט אויסצושטיין זייערע חברים אין אַנדערע שטעט.

אין וויניפּעג האָבן די פּועלי ציון אין די ערשטע יאָרן זיך באַטייליקט אין די ערשטע מאַי פאַרזאַמלונגען אַלס יחידים. צווישן 1911—1915 איז אין וויניפּעג ניט געווען קיין פּועלי ציון פאַראיין. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָבן זיי פאַר זיך אויסגעקעמפט אַ גלייכע באַציאונג ווי צו אַנדערע סאָציאַליסטישע גרופּן.

אָנטייל אין פּאָליטישע וואַלן

אין אויגוסט, 1908, איז חבר ש. שניאור, וואָס איז נאָך דאַן געווען אַן ס. ט., אַרויסגעטראָטן אין „קענעדער אָדלער" מיט אַ שאַרפער אַטאַקע קעגן דער קאַנאַדער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי „פאַר איר פּרינציפּנלאָזיקייט" און פאַר איר קעגנערשאַפט צו אימיגראַציע. די מאָנטרעאָלער ס. ט. האָבן פונדעסטוועגן אין יענעם יאָר געשטיצט דעם סאָציאַליסטישן קאַנדידאַט סט. מאַרטין. דער מאָנטרעאָלער פּועלי ציון פאַראיין האָט אויך געשטיצט סט. מאַרטינס קאַנדידאַטור עטלעכע מאָל. סט. מאַרטין האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן צו זיין אַן אַנטיסעמיט [195].

ביי דער 5טער קאָנווענשאָן פון דער פּועלי ציון פּאַרטיי אין מאָנטרעאָל, האָט שניאור צום צווייטן מאָל עפנטלעך אָנגעגריפן די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון קאַנאַדע. דאָס איז פאָרגעקומען, ווען ס'איז אָנגעגאַנגען אַ דיסקוסיע איבער ברוך צוקערמאַנס רעפעראַט וועגן סאָציאַליסטישער טעטיקייט. „אין קאַנאַדע, האָט שניאור געזאָגט, איז בכלל ניט מעגלעך צו גיין צוזאַמען מיט די סאָציאַליסטן. זיי זיינען פשוט אַנטיסעמיטיש..." קאַנאַדע איז אַ לאַנד פון אַנדערע פּאָליטישע באַדינגונגען. ער האָט געבעטן, אַז די רעזאָלוציע וועגן סאָציאַליסטישער טעטיקייט זאָל זיין פאַר קאַנאַדע נאָר אויף אזוי פיל בינדנד, אַז קאַנאַדער פּועלי ציון זאָלן מעגן נעמען אַ שטעלונג צום סאָציאַליזם „לויט אונזערע אומשטענדן" [196]. דאָך, ניט קוקנדיק אויף די דאָזיקע שטימונגען, האָבן די פּועלי ציון, ווי שוין געזאָגט, געזוכט זיך צו פאַרבינדן, אויף דעם אָדער יענעם אופן, מיט די קאַנאַדער סאָציאַליסטן און צו קאָאָפּערירן מיט זיי אין פּאָליטישע אַרויסטרעטונגען.

אין 1911 האָט זיך אָנגעהויבן אין מאָנטרעאָל אַ באַוועגונג צווישן די אידן, אַז זיי מוזן האָבן אַן אלדערמאַן — אַ פאָרשטייער אין דעם שטאָט־ראָט. מ'האָט אַפּעלירט צו זייערע נאַציאָנאַלע געפילן, מ'האָט צוגעזאָגט די אידן,

אַז אויב ס׳וועט זיצן אַ אידישער פאָרשטייער אין דעם שטאַט־ראַט וועט ער קענען ווירקן, אַז מ׳זאָל מיט אידישע קינדער, וואָס לערנען זיך אין די פּראָטעסטאַנטישע שולן, ניט לערנען די קריסטלעכע רעליגיע. די פּועלי ציון זיינען אויך פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם געשריי — אַ אידישער אלדער־מאַן איבער אַלעם — אַ פּאָליטישער טעות, וועלכן מ׳האָט זיי ניט געלאָזט פאַרגעסן אויף דער אידישער אַרבעטער גאַס. די פּועלי ציון האָבן דאַן אינ־דאָרסירט די קאַנדידאַטור פון דעם בירגערלעכן קאַנדידאַט אברהם בלומענ־טאַל, וועלכער איז נאָמינירט געוואָרן פון דער „יונייטעד היברו פּאָליטיקל אַסאָסיאיישאָן". די פּועלי ציון האָבן געגרופן אַ מאַסן מיטינג ביי וועלכן ל. צוקער איז געווען פאָרזיצער און די רעדנער זיינען געווען ש. שניאור, א. קאַמאַראָף און ל. מעלצער. זיי האָבן דערקלערט, אַז זיי שטיצן דעם ביר־גערלעכן קאַנדידאַט, אויס ריין נאַציאָנאַלע מאָטיוון [197]. די פּועלי ציון האָבן אפילו געשיקט 12 וואָלונטירן צו העלפן אין דעם טאָג פון די וואַלן [198]. דער קאַנדידאַט איז דערוויילט געוואָרן, אָבער ווען מ׳האָט אים, אין 1914, ווידער נאָמינירט, האָבן די מאָנטרעאָלער פּועלי ציון אים מער ניט געשטיצט.

אין די פעדעראַלע וואַלן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין 1911, האָבן די פּועלי ציון געשטיצט די קאַנדידאַטור פון דעם סאָציאַליסטישן קאַנדידאַט, וו. קאַטאַן. אין 1913 האָט מען ביי דער 7טער קאָנווענשאָן פון דער פּאַרטיי באַשלאָסן, אַז די פאַראיינען אין קאַנאַדע „זאָלן, אונטער דער פירערשאַפט פון דעם צענטראַל קאָמיטעט, קומען אין נעענטערע פאַרבינדונגען מיט איינער פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין קאַנאַדע, כדי אַקטיוו זיך צו באַטייליקן אין דעם סאָציאַליסטישן קאַמף". אזוי ווי דאָס איז געווען אומ־מעגלעך דורכצופירן, האָט די 8טע קאָנווענשאָן אין ראָטשעסטער באַשלאָסן, „אַז די קאַנאַדער חברים, וואָס געפינען זיך אונטער אַנדערע וואַל־געזעצן און אונטער אַנדערע סאָציאַל־פּאָליטישע באַדינגונגען, זיינען פאַרפליכטעט צו שטיצן די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן דאָרט, וואו עס ווערן ניט אַרויס־געשטעלט קיין אייגענע קאַנדידאַטן". האָבן די מאָנטרעאָלער פּועלי ציון געטריי אויסגעפאָלגט דעם באַשלוס און האָבן ווידער געשטיצט די סאָציאַ־ליסטישע קאַנדידאַטן. ס׳איז פאַר זיי אָבער געווען שווער אַראָפּצושלינגען דעם פאַקט, וואָס קליינע אידישע סאָציאַליסטישע גרופּן פלעגן זיך כלומרשט צוזאַמענקומען מיט ניט־אידישע סאָציאַליסטן און פלעגן נאָמינירן קאַנדי־דאַטן אין אידישע דיסטריקטן פאַר מוניציפּאַלע, פּראָווינציעלע און פעדע־ראַלע וואַלן. די פּועלי ציון פלעגן דערביי פולשטענדיק איגנאָרירט ווערן. מ׳פלעגט זיי אַלעמאָל אַוועקשטעלן פאַר אַ געשעענעם פאַקט און מ׳פלעגט פון זיי פאָדערן „אויב איר זייט סאָציאַליסטן, אַרבעט און שטימט פאַר אונ־זערע קאַנדידאַטן". אזוי איז אָנגעגאַנגען פאַר עטלעכע יאָר, ביז די מאָנ־טרעאָלער פּועלי ציון האָבן רעוואָלטירט און האָבן אין די מאָנטרעאָלער שטאַט וואַלן פון 1916, אַרויסגעשטעלט, מיט דעם הסכם פון דעם צענטראַל קאָמיטעט, אַן אייגענעם קאַנדידאַט אין סט. לואיס וואַרד, חבר ה. מ. קייזער־מאַן. ניט נאָר האָט מען געוואָלט ווייזן די גענאָסן, אַז זיי זיינען ניט די גאַנצע

באַלעבאַטים אויף דער אידישער אַרבעטער גאַס, נאָר מ׳האָט זיי אויך געוואָלט ווייזן, אַז אַ סאָציאַליסט קען קאַנדידירן אפילו פאַר מוניציפּאַלע וואַלן אויף אַ אידישער נאַציאָנאַלער פּלאַטפאָרם.

ח. מ. קייזערמאַן האָט זיך אָנגעהויבן צו דערנענטערן צו דער באַוועגונג אַ קורצע צייט נאָך דעם ווי ס׳איז געגרינדעט געוואָרן די מאָנטרעאָלער פּרץ שול. אין דעם פּרץ שול פאַראיין איז ער געקומען אין אַ גאָר נאָענטן קאָנטאַקט מיט ש. שניאורן און אַנדערע פּועלי ציון חברים. אגב, האָט ער דערקלערט אין „קענעדער אָדלער״ נאָך אין 1914, אַז אין זיין פריער יוגנט איז ער געווען אפילו אַ חבר פון אַ ציוניסטישער יוגנט אָרגאַניזאַציע. סוף 1915 אָדער אין אָנהויב 1916 איז ער, אויך זיין פרוי שרה קייזערמאַן, אריין אין דער פּאַרטיי. ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן ענטוזיאַסטיש אין אַלע אַרבעטן פון דער באַוועגונג און האָט איינגעשטימט צו זיין אַ קאַנדידאַט אין די 1916 שטאָט־ראַט וואַלן.

זעלבסטשטענדיקער קאַמפּיין אין מאָנטרעאָל

דער וואַלן קאָמיטעט פאַר ח. מ. קייזערמאַן איז באַשטאַנען פון דרייסיק חברים און איז אָנגעפירט געוואָרן פון ל. צוקער, פאָרזיצער; ב. חפץ, סעק־רעטאַר; ש. שניאור, קאַסירער; ל. מעלצער, דירעקטאָר פון קאַמפּיין. אין דעם קאָמיטעט זיינען אויך אַריין יהודה קויפמאַן, מאַקס בלעכמאַן און משה דיקשטיין, וועלכע זיינען באַשטימט געוואָרן אַלס דער פּרעסע קאָמיטעט[199]. די גענאָסן האָבן ניט געוואָלט שלום מאַכן מיט דעם געדאַנק, אַז די פּועלי ציון האָבן אַ רעכט אַרויסצושטעלן אַן אייגענעם קאַנדידאַט און האָבן ניט געוואָלט צוריקציען זייער קאַנדידאַט אין דעם זעלבן וואָרד, י. שובערט.

די פּאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן האָבן געמאַכט אַ פּאַרזוך צו שליכטן דעם סיכסוך צווישן די פּועלי ציון און די גענאָסן, אָבער ס׳איז זיי ניט געלונגען. אזוי אַרום איז ניט נאָר אין מאָנטרעאָל, נאָר צום ערשטן מאָל אין גאַנץ קאַנאַדע, געווען אַ חבר פון דער פּועלי ציון פּאַרטיי אַ קאַנ־דידאַט אין מוניציפּאַלע וואַלן. די וואַל־אַגיטאַציע האָט געטראָגן באמת אַ מערקווירדיקן כאַראַקטער. מ׳האָט נאָך קיינמאָל אַזעלכעס ניט געזען און ניט געהערט אין מאָנטרעאָל, אָדער ערגעץ וואו אין קאַנאַדע, אָדער אפילו אין די פּאַראייניקטע שטאַטן.

די קאַמפּיין פּלאַטפאָרמע האָט אַנטהאַלטן 40 פּונקטן אָדער פאָדערונגען. זיי זיינען געווען איינגעטיילט אין אַלגעמיינע פאָדערונגען, בילדונג און קול־טור, אַרבעטער פאָדערונגען, נאַציאָנאַלע פאָדערונגען און אַ פאָדערונג פאַר אַן ענדערונג אין דעם וואַלן סיסטעם. צווישן די אַלגעמיינע פאָדערונגען זיינען געווען ניט נאָר פאָדערונגען בנוגע אַ פאַרקלענערונג פון טעקסעס („פאַמיליעס, וואָס פאַרדינען ביז 1000 דאָלער אַ יאָר זאָלן גאָרניט צאָלן״), גוטע אַדמיניסטראַציע, אַ שטענדיקע שטאָטישע צענזוס ביוראָ, וועלכע „זאָל פירן אַ סטאַטיסטיק לויט די נאַציאָנאַליטעטן״, — נאָר אויך פאָדערונגען

פאַר מוניציפּאַליזאַציע פון דער „סטריט רעילוועי קאַר קאָמפּאַני” און פון דער „מאָנטרעאָל געז, לייט און עלעקטריק קאָמפּאַני”. די אַלגעמיינע פאָדערונגען האָבן אויך איינגעשלאָסן „סאַניטאַרע געזיכערטקייט פון דער שטאָט דורך אַ פאַרשטאַרקטער אינספּעקציע, עסנוואַרג־אינספּעקציע, פרייע מעדיצינישע באַהאַנדלונג, גאַסן־אַפּטריטן, מילך סטאַנציעס, מער פּאַרקן, ברייטערע גאַסן און מער מעגלעכקייטן פאַר פרייען געזונטן ספּאָרט”.

די סאַמע אינטערעסאַנטסטע פּונקטן פון דער פּלאַטפאָרם זיינען געווען די פּונקטן וועגן: א) בילדונג; ב) אַרבעטער פאָדערונגען און ג) נאַציאָנאַלע פאָדערונגען, וועלכע ווערן דאָ געבראַכט אין אָפּקירצונגען.

א. בילדונג

„די איינריכטונג פון אַ רייכער ביבליאָטעק, וועלכע זאָל אַנטהאַלטן אַלע קלאַסישע ווערק פון די ליטעראַטורן פון אַלע נאַציאָנאַלע גרופּעס פון דער שטאָט און זאָל שטרעבן צו ווערן פאַר קאַנאַדע דאָס, וואָס די „בריטיש מוזעאום” ביבליאָטעק איז פאַר ענגלאַנד; פרייע שול־ביכער; די גרינדונג פון אַ רייכן קולטור־געשיכטלעכן מוזעאום; די גרינדונג פון אַ מוזעאום פון נאַטור וויסנשאַפט; די איינריכטונג פון אַ זאָאָלאָגישן און באָטאַנישן גאָרטן; די דערעפענונג פון אַ קונסט גאַלעריע; די דערעפענונג פון פרייע קורסן אויף אַלע געביטן פון ליטעראַטור און וויסנשאַפט; פרייער אונטערריכט אין די הויכשולן; ברייטער פרייער אונטעררריכט אין אַלע צווייגן פון טעכניק און אינדוסטריע; די אַבסאָלוטע אָפּשאַפונג פון רעליגיעזן אונטערריכט אין די שולן”.

ב. אַרבעטער פאָדערונגען

„אַכט שעהדיקער אַרבעטס טאָג; אינספּעקציע אין די פאַבריקן; אַרבעטס ביוראָ (מיט פאַרטרעטערשאַפט פון די יוניאָנס) צו קעמפן קעגן אַרבעטסלאָזיקייט; בלויז יוניאָן אַרבעט פאַר דער שטאָט; שטענדיקע, אומאויפהערלעכע שטאָטישע אַרבעט; אַרבעטער וואוינונגען לויט די לעצטע סאָציאַל־עקאָנאָמישע אויספאָרשונגען; אונטערשטיצונג פון אַרבעטער פּראָדוקטיווע און קאָנסום קאָאָפּעראַציעס; אָפּשאַפונג פון קינדער אַרבעט, פּענסיעס פאַר אַלטע שטאָט־אָנגעשטעלטע”.

ג. נאַציאָנאַלע פאָדערונגען

„די גלייכבאַרעכטיקונג און גלייכשטעלונג פון אַלע נאַציאָנאַלע גרופּעס אין דער שטאָט; די גלייכשטעלונג פון אידיש מיט ענגליש און פראַנצויזיש אין די עפנטלעכע שטאָט אָקטן; איין שעה אידישער אונטעררריכט (טעגלעך) אין די עלעמענטאַר שולן; צוויי שעה העכערן אונטעררריכט (טעגלעך) אין די העכערע שולן, — די קעגנשטאַנדן זאָלן באַשטימט ווערן פון אַן אידישן באָארד אוו עדיוקיישאַן און זאָלן גוטגעהייסן ווערן פון דער אַלגעמיינער באָארד; אַ פרייען זונטיק פאַר די אידן וואָס האַלטן שבת”.

אַ פלוג־בלאַט איז אַרויסגעלאָזן געוואָרן „צו אַלע בירגער פון סט. לואיס וואָרד", פון וועלכן מיר וועלן ציטירן אייניקע פּאַראַגראַפן:

„אנערקענענדיק, אַז ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די באַפעלקערונג פון אונזער שטאָט איז צוזאַמענגעשטעלט פון דריי גרויסע נאַציאָנאַלע גרופּעס — די פראַנצויזישע, ענגלישע און אידישע — און פילע קלענערע, ווי די איטאַליענישע, רומענישע, רוסישע א. א. וו., — האָט אונזער שטאָט־פאַרוואַלטונג זיך דאָך ניט גערעכנט מיט די נאַציאָנאַל־סאָציאַלע און קול־טורעלע באַדערפענישן פון די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן"...

„אנערקענענדיק, אַז באַזונדערס זיינען איגנאָרירט געוואָרן די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון די אידן אין אונדזער שטאָט, אַז דער אידישער שפּראַך איז אפילו אָפּגעזאָגט געוואָרן די עלעמענטאַרסטע אנערקענונג אין די עפנטלעכע דאָקומענטן פון דער שטאָט; אַז אין די שולן און אין די געריכטן שפּילט אידיש די ראָל פון אַ שטיף־קינד; אַז די אידן האָבן אפילו ניט די עלעמענטאַרסטע פריהייט צו היטן זייער נאַציאָנאַלן רו־טאָג שבת, — און די וואָס ווילן דאָס טאָן זיינען געצוואונגען צו רוען צוויי טעג אין דער וואָך".

„אנערקענענדיק, אַז דער סט. לואיס וואָרד, באַשטייענדיק כמעט פון בלויז אַרבעטער, מוז ענדלעך האָבן אַן אַרבעטער פאָרשטייער אין סיטי האָל, וועלכער זאָל שטיין אויף דער וואַך פון די אַרבעטער אינטערעסן, און זאָל צו גלייכער צייט, זיין דער ריכטיקער פאָרשטייער פון דער גאַנצער מאָנ־טרעאָלער דעמאָקראַטיע".

„האָבן מיר, די אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פועלי ציון, באַשלאָסן אַרויסצושטעלן אונזער קאַנדידאַט ה. מ. קייזערמאַן, וועלכער זאָל אין סיטי האָל זיין פאַרפליכטעט צו פאַרטיידיקן די סאָציאַליסטיש־נאַציאָנאַלע פּראָג־ראַם, וואָס מיר שיקן אייך צוזאַמען מיט דעם בריוו".

„מיר פאַרהאָפן, אַז אַלע בירגער וועלן זיך מיט אונז פאַראייניקן צו שטימען פאַר דער איינציק ריכטיקער קאַנדידאַטור פון ה. מ. קייזערמאַן".

די וואַל קאַמפּאַניע איז געווען אַ געוואַלטיקע אָנשטרענגונג פאַר די מאָנטרעאָלער פועלי ציון און יענע פאַרבאַנד חברים, וואָס האָבן זיך באַ־טייליקט אין דער אַרבעט. עס זיינען אויך נויטיק געווען גרויסע סומען געלט. ווייניק הילף (כמעט גאָרניט) איז געקומען פון פּאַרטיי פאַראיינען פון אַנדערע שטעט. חברים האָבן געמוזט מאַכן די גרעסטע פינאַנציעלע ביישטראַגן. אייניקע האָבן דאָס געטאָן איבער זייערע כוחות. אין זיינעם אַ בריוו צום צ. ק. פון 28טן מאַרטש, 1916, האָט נ. חפץ באַריכטעט: „מיר האָבן אַלע נעכט מאַסן מיטינגען... אויך אַלע אָוונט „אָפּען עיר" מיטינגען. אָבער מיר דאַרפן צעטראָגן אַליין 7000 בריוו צו די וויילער, ווייל מיר מוזן שפּאָרן זיבעציק דאָלאַר פאַר פּאָסט מאַרקען... אַן געלט, אַן הילף — זיינען אונזערע הענט ווי געבונדן"...

צווישן די רעדנער ביי די גרויסע וואַל־פאַרזאַמלונגען איז, אויסער יהודה קויפמאַן, ש. שניאור און אַנדערע, אויך אויפגעטראָטן פּראָפעסאָר האַראָלד לאַסקי, וועלכער איז דאַן געווען אַ לעקטשורער אין מק׳גיל אוני־

ווערזיטעט. דאָס איז אפשר געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער איז אויפגע־טראָטן ביי אַ ציוניסטיש סאָציאַליסטישער פאַרזאַמלונג. אזוי ווי אַ גרויסע צאָל ווילער אין סט לואיס ווארד זיינען געווען ענגלענדער און פראַנצויזן האָבן די פועלי ציון געמוזט פירן זייער וואַל אַגיטאַציע אין דריי שפּראַכן, אידיש, ענגליש און פראַנצויזיש. ס'איז געווען שווער גענוג צו קריגן אין יענע יאָרן חברים, וואָס זאָלן קאָנען האַלטן אַ רעדע אין ענגליש, אָבער פיל שווערער איז עס געווען מיט פראַנצויזיש. צום גליק האָט חבר קאָרנבערג געקאָנט פראַנצויזיש. אויך לואי בענדזשאַמין, וועלכער האָט זיך שפּעטער אָנגעשלאָסן פאַר אַ שטיקל צייט אין דער פּאַרטיי, האָט אַרויסגעהאָלפן מיט פראַנצויזישע רעדעס.

אין זיין באַריכט, אין „אידישן קעמפּער" פון 28טן אַפּריל, 1916, שרייבט ח. מ. קייזערמאַן: „אייביק וועט פאַרבלייבן אין זכרון פון אונזערע חברים און פון דער אידישער באַפעלקערונג אין מאָנטרעאָל, דער ווירדיקער טאָן פון אונזער פּלאַטפאָרם, דער ריינער אידעאַליזם פון אונזער קאַמפּיין, זיין אומגעהויערע דערציערישע באַדייטונג"... „אונזערע קאָמיטע רומס זיינען געוואָרן אַ פּאָלקס אוניווערזיטעט פאַר סאָציאַל־פּאָליטישן וויסן פון איין זייט און אַ טריבונע פון נאַציאָנאַלע פרייהייטס אידעאַלן פון דער צווייטער זייט"... „מיר האָבן געשאַפן אַ „סטענדערט" ווי אזוי אַ פּאָליטישער קאַמפּיין דאַרף געפירט ווערן, — דאָס איז דער גרעסטער אויפטו אינם קאַמפּיין, וואָס פריינט און פיינט וועלן מוזן צוגעבן".

איינער פון די וויכטיקסטע מאָמענטן אין דער וואַל אַגיטאַציע איז גע־ווען די פאַרדאַמונג פון דעם אָפּמאַך, וואָס מאָנטרעאָלער אידישע פירער האָבן געמאַכט אין 1903, אַז אידישע קינדער זאָלן דערצויגן ווערן אין פּראָטעסטאַנטישע שולן. (מיר וועלן זיך שפּעטער צוריקקערן צו דער דאָ־זיקער פראַגע).

סיי דער גענאָסע, סיי דער פּועלי ציון קאַנדידאַט האָבן פאַרלאָרן די וואַלן, כאָטש דער גענאָסע האָט געקראָגן 185 שטימען (אידישע און ניט־אידישע) און קייזערמאַן 75 שטימען. ווען מ'זאָל רעכענען בלויז אידישע שטימען איז אפשר די צאָל פון קייזערמאַנס שטימען געווען גרעסער. ביידע מאָנטרעאָלער צייטונגען, „דער קענעדער אָדלער" און „דער וועג" האָבן אַגיטירט פאַר דעם אידישן בירגערלעכן קאַנדידאַט און גערופן די אידן „ניט צו שפּאַלטן די אידישע שטימען" אין דעם וואָרד. אונטער אַזעלכע אומשטענדן איז געווען אוממעגלעך פאַר קייזערמאַנען דערוויילט צו ווערן, אָדער באַקומען אַ גרויסע צאָל שטימען.

אין זיין אויבנדערמאָנטן באַריכט האָט ח. מ. קייזערמאַן געזאָגט: „די איבער 100 פאַרזאַמלונגען און די ריזיקע אויפקלערונגס אַרבעט קען ניט אָפּגעשאַצט ווערן לויט די שטימען וואָס מיר האָבן געקראָגן, נאָר פון דער צאָל מיטגלידער, וואָס מיר וועלן קריגן אין אונזער פּאַרטיי. און נאָך מער לויט דעם שטייגנדיקן אינטערעס מצד אונזערע מאַסן צו זייערע לעבנס־

פראַגן. די צייט וועט באַווייזן ווי גרויס אונזער געווינס פון דעם דאָזיקן קאַמפּיין איז".

די האַפּנונגען צו קריגן אַ גרויסע צאָל מיטגלידער, אַלס רעזולטאַט פון דעם קאַמפּיין, זיינען ניט מקוים געוואָרן. אָבער די געגנאָסן און די אַלגעמיינע סאָציאַליסטן האָבן אָנגעהויבן צו האָבן מער דרך ארץ פאַר די פּועלי ציון, און, — וואָס איז נאָך וויכטיקער, — די אידישע אַרבעטער־גאַס איז געוואָרן מער „רעספּעקטיוו" צו אידיש נאַציאָנאַלע פראַגן און אידיש נאַציאָנאַלע פאָדערונגען. אין אַ בריוו פון 10טן אַפּריל, 1916, האָט ש. באַנטשעק געשריבן צו קייזערמאַנען: „איר דאַרפט ניט דענקען, אַז מיר זיינען אין אירגנד וועלכן אופן אַנטוישט אין די דערוואַרטונגען פונם רע־זולטאַט פון אייער קאַמפּיין. איר האָט אויפגעדעקט אַ בלעטל נייע אַרבעט אויפן פּאָליטישן געביט פון די פּועלי ציון אין אַמעריקע".

די מאָנטרעאָלער פּועלי ציון האָבן אָבער אין די ווייטערדיקע וואַל־קאַמפּאַניעס מער קיין אייגענע קאַנדידאַטן ניט אַרויסגעשטעלט. ס'זיינען פשוט ניט געווען קיין בעלנים צווישן די פּאַרטיי חברים צו זיין קאַנדידאַטן.

וואַלן אין טאָראָנטאָ און האַמילטאָן

אין דער ענגליש־ריידנדיקער טאָראָנטאָ האָבן די סאָציאַליסטן אַלעמאָל געהאַט מער אָנזען און מער אָנהענגער ווי אין דער פראַנצויזיש־ענגלישער מאָנטרעאָל. נאָך אין 1911 איז שוין געווען אַ סאָציאַליסט, — דזשיימס סימפּסאָן, אַ מיטגליד פון דער באָארד אָף עדיוקיישאַן. אין 1914 איז דזשיימס סימפּסאָן דערוויילט געוואָרן אַלס קאָנטראָלער. אין אַלע סאָציאַליסטישע קאַמ־פּיינס האָבן די פּועלי ציון געשטיצט די קאַנדידאַטן, וואָס פלעגן נאָמינירט ווערן פון די געגנאָסן און די אַלגעמיינע סאָציאַליסטן. זיי האָבן דאָס אויך געטאָן שפּעטער מיט די קאַנדידאַטן פון דער לייבאָר פּאַרטיי.

אין האַמילטאָן האָבן די פּועלי ציון אויך געשטיצט די קאַנדידאַטן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אגב, זיינען די האַמילטאָנער פּועלי ציון געווען, ווי שוין דערמאָנט, די ערשטע, אַרויסצוקומען אין דער אידישער פּרעסע מיט אַ רוף צו שטימען פאַר אַ סאָציאַליסט. דער „קענעדער אָדלער" האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט צו דרוקן זייער אויפרוף [200].

וואַלן אין וויניפּעג

אין וויניפּעג האָבן די וואַל־קאַמפּאַניעס פון סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן אַרויסגערופן, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, גאָר וויניק אינטערעס ביי די חברים פון דעם ערשטן פּועלי ציון פאַראיין. אַ קורצע צייט נאָך דעם ווי דער פאַראיין איז ווידער אויפגעלעבט געוואָרן, אין 1915, איז די שטימונג געווען אינגאַנצן אַן אַנדערע. זיי האָבן וואָס ווייטער אַלץ מער זיך באַטייליקט אין די פּאָליטישע קאַמפּיינס. אין 1917 איז א. א. היפּס, דער קאַנדידאַט פון

דער סאָציאַל דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, דערווײלט געוואָרן אַלס אַלדערמאַן און די פּועלי ציון האָבן צוגעהאָלפן. זיי האָבן אויך געשטיצט זיין קאַנדי־דאַטור פאַר נאָך צוויי טערמינען. היפּס איז שפּעטער דערווײלט געוואָרן אויך צו דעם פעדעראַלן פּאַרלאַמענט. אַן אַנדערער אידישער סאָציאַליסט, דזשאָן בלומבערג, איז דערווײלט געוואָרן אַלס אַלדערמאַן אין 1919, און איז פון דאַן אָן ווידערדערווײלט געוואָרן צו דעם אַמט ביזן היינטיקן טאָג. בלומבערג איז פאַר פיל יאָרן אַ מיטגליד פון צווייג 20 פון אידיש נאַציאָ־נאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן זיינען אין וויניפּעג דערווײלט געוואָרן אַלס פאַרשטייער אין דער סקול באַארד די פּועלי ציון חברים מארקוס הײמאַן, מ. א. גרעי און מ. אווערבאַך. מאַרקוס היימאַן איז געווען דער ערשטער דערווײלט צו ווערן אין פּראָווינציעלן פּאַרלאַמענט. מ. א. גרעי איז פאַר פילע יאָרן געווען אַן אַלדערמאַן. שפּעטער איז ער דערווײלט געוואָרן אַלס דעפּוטאַט פון פּראָווינציעלן פּאַרלאַמענט. גרעי איז איצט דער איינציקער פּועלי ציון חבר אין צפון אַמעריקע, וואָס איז אַ מיטגליד פון אַ געזעצגע־בערישער קערפּערשאַפט. די באַוועגונג האָט אויך פיל געהאָלפן צו דער־ווײלן אַנדערע קאַנדידאַטן פון דער סי. סי. עף. פּאַרטיי, אָבער דאָס געהערט שוין צו דער געשיכטע פון דער באַוועגונג נאָך 1920. די חברים פון וויניפּעג האָבן אין דער היגזיכט איבערגעשטיגן אַלע פאַראיינען, ניט נאָר פון קאַנאַדע נאָר אויך פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

אָנשלוס אין דער לייבאָר פּאַרטיי

אויף אַ פאַראייניקטער פאַרזאַמלונג פון די צוויי וויניפּעגער פּועלי ציון פאַראיינען, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 6טן אויגוסט, 1918, איז אָנגע־נומען געוואָרן די פאָלגנדיקע רעזאָלוציע: „אנערקענענדיק די וויכטיקייט פון אייניקייט פון די אַרבעטנדיקע און שאַפנדיקע מענטשן אין זייער פּאָ־ליטישן קאַמף; אנערקענענדיק ווייטער די נויטווענדיקייט פון אַ האַרמאָני־שער מיטאַרבעט פון די שוין עקזיסטירנדיקע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס און די דרינגלעכקייט פון אַזאַ מיטאַרבעטער־שאַפט אינם איצטיקן מאָמענט פון דער וועלט געשיכטע, באַגריסן מיר דעם באַשלוס פון דעם 33טן קאַנאַדער טריידס און לייבאָר קאָנגרעס (פאָרגע־קומען אין 1917) צו גרינדן אַ קאַנאַדער אַרבעטער פּאַרטיי, לויט דעם מוסטער פון דער בריטישער אַרבעטער פּאַרטיי און מיר אינסטרואירן אונ־דזער קאָמיטעט צו ווענדן זיך צום וויניפּעגער צווייג פון דער קאַנאַדער לייבאָר פּאַרטיי — וועגן דער פאָרמעלער אָנשליסונג פון אונזערע צוויי פאַראיינען אין דער פּאַרטיי״ [201]). דער ספּעציעלער קאָמיטעט דורכצופירן די דאָזיקע רעזאָלוציע איז באַשטאַנען פון די חברים (דר) י. פּערלמאַן, ט. געלער און מ. א. גרעי [202]).

דער ספּעציעלער קאָמיטעט איז געקומען צו אַן אָוונט זיצונג פון דער מאַניטאָבער לייבאָר פּאַרטיי, דעם 7טן אויגוסט. דער באַריכט אין דער ציי־

טונג דערציילט, אַז ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אידישע גענאָסן האָבן אין לויף פון דעם טאָג באַוויזן „צו פאַר'מסרן די פועלי ציון פאַר זייער נאַציאָנאַליזם און ציוניזם. צוליב דעם האָט זיך אַנטוויקלט אַ גאַנץ אינטע־רעסאַנטע דעבאַטע, פון וועלכער די פאַרזאַמלטע, מערסטנס וויניפּעגער אַרבעטער פירער, האָבן זיך איבערצייגט ווי שלעכט מ'האָט זיי אינפאָרמירט וועגן די פועלי ציון". „די אָפּשטימונג נאָך דער דעבאַטע איז געווען צו גונסטן די פועלי ציון". „און פון איצט אָן זיינען די וויניפּעגער פועלי ציון אַפיליאירט מיט דער קאַנאַדער אַרבעטער פאַרטיי". חבר (דר) פּערלמאַן האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט זיינע דערקלערונגען און האָט אויף אַ זייער געלונגענעם אופן געענטפערט אויף אַלע אַטאַקעס קעגן די פועלי ציון [203].

די אידישע גענאָסן האָבן זיך אָבער ניט געקאָנט באַרואיקן און האָבן פאַרטגעזעצט שטילערהייט זייער אַגיטאַציע קעגן די פועלי ציון. זיי האָבן, ווייזט אויס, געהאַלטן אין מוטשען די פירער פון דער לייבאָר פאַרטיי, פאַר עטלעכע מאָנאַטן. ענדלעך האָבן די לעצטע פאַרלאַנגט פון די פאַרשטייער פון דעם אידישן לאָקאַל פון דער סאָציאַל דעמאָקראַטישער פאַרטיי, אַז זיי זאָלן געבן אַ שריפטלעכע דערקלערונג, פאַרוואָס זיי זיינען קעגן די פועלי ציון. האָבן זיי דערלאַנגט אַ לאַנגן מעמאָראַנדום, וועלכן זיי האָבן אַדרעסירט „צו די מיטגלידער פון דער לייבאָר פאַרטיי".

דער מעמאָראַנדום הויבט זיך אָן מיט דער דערקלערונג, אַז „דער הויפּט שטרייטפּונקט צווישן אונזער אָרגאַניזאַציע (דער אידישער לאָקאַל פון דער סאָציאַל דעמאָקראַטישער פאַרטיי) און דער „אידישער ציוניסטישער אַרבעטער פאַרטיי", פון וועלכן ס'קומען אַרויס אַלע אַנדערע מיינונגס פאַר־שידנהייטן, — איז די פראַגע פון נאַציאָנאַליזם און אינטערנאַציאָנאַליזם".

די שרייבער פון דעם מעמאָראַנדום קומען דאַן אַרויס מיט די אין יענער צייט באַקאַנטע אַרגומענטן קעגן ציוניזם און קעגן נאַציאָנאַליזם. די אידישע פראַגע, האָבן זיי געטענהט, וועט געלייזט ווערן, ווען דער סאָציאַ־ליזם וועט זיגן אין קאַנאַדע און אין דער גאַנצער וועלט א. א. וו. מ'קען פאַרשטיין די בורזשואַזע פאָדערונגען פון נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט אין פּוילן אָדער אוקראַינע, אָבער ניט אין פּאַלעסטינע, וואו ס'זיינען „ניטאָ קיין אידן". דאַן קומט די טשיקאַווע באַשולדיקונג אין דאָפּלטער לאָיאַליטעט. די וויניפּעגער גענאָסן זיינען אין דער הינזיכט געווען מער אָריגינעל ווי דער „קאָונסיל אָף דזשודאַאיזם". די פועלי ציון טענהן, אַז זיי זיינען לאָיאַלע מיטגלידער פון די טרייד יוניאָנס און לייבאָר פאַרטייען, האָבן זיי געזאָגט, און צו דער זעלבער צייט „פּאַקן זיי זייערע טשעמאָדאַנעס אַוועקצופאָרן קיין פּאַלעסטינע"...

אַ צווייטע באַשולדיקונג קעגן די פועלי ציון איז געווען, אַז זיי שטעלן העכער נאַציאָנאַלע אינטערעסן איבער סאָציאַליזם. אַ סימן, איידער די בריטישע רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן די באַלפור דעקלאַראַציע, איז די „ציוניסטישע אַרבעטער פאַרטיי" געווען קעגן מלחמה און קעגן אַנעקסירונגען.

„פאַר דער באַלפור דעקלאַראַציע האָבן זיי, די פועלי ציון, געשטיצט די באָלשעוויסטישע באַוועגונג אין רוסלאַנד, אָבער נאָך דער באַלפור דעקלאַראַציע האָבן זיי צוריקגעצויגן זייער שטעלונג קעגן אַנעקסירונגען און זיינען געווען אַקטיוו צו אָרגאַניזירן אידישע באַטאַליאָנען און האָבן אָנגעפאַנגען אַן אַגיטאַציע פאַר דער אינטערווענציע פון די עלייס־לענדער אין רוסלאַנד"...

איבער די אַלע אורזאַכן, זאָגט דער מעמאָראַנדום, האָט מען די ציוניסטישע אַרבעטער באַוועגונג ניט צוגעלאָזן צו דער אַרבעטער באַוועגונג אין אייראָפּע, און מ'האָט זיי אויך ניט אַריינגענומען אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן. צום שלוס האָבן זיי אויסגעדריקט די האָפנונג, אַז די „דאָמיניאָן לייבאָר פּאַרטיי" וועט אָננעמען די זעלבע שטעלונג צו די פועלי ציון ווי די אַנדערע פּאַרטייען. מ'דענקט, אַז דער הויפּט מחבר פון דער דאָזיקער מסירה איז געווען דער, דאַן גוט באַקאַנטער, גענאָסע באַאום פון וויניפּעג.

די נייעס, אַז די גענאָסן האָבן דערלאַנגט אַ מסירה אויף די פועלי ציון, איז באַקאַנט געוואָרן פּונקט אין דער צייט ווען מ'האָט זיך אין וויניפּעג אָנגעהויבן גרייטן צו די וואַלן פאַר דעם ערשטן קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס. די פועלי ציון זיינען געווען אַזוי אויפגעבראַכט, אַז זיי זיינען געקומען צו דער נאָמינאַציע קאָנפערענץ און געפאָדערט, אַז מ'זאָל די גענאָסן ניט צולאָזן צו דער קאָנפערענץ, פּראָסט פּשוט, מ'זאָל זיי אויסשליסן פון דעם קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס. (ד"ר) י. פּערלמאַן האָט פאָרגעלייענט טיילן פון זייער מעמאָראַנדום[204]). דער עולם איז געווען שטאַרק אויפגערעגט, אָבער מ'האָט די גענאָסן פון דער קאָנפערענץ ניט אויסגעשלאָסן. דאָס האָט אָבער געפירט צו דעם, אַז אַלע זייערע קאַנדידאַטן, אויסער איינעם, זאָלן דורכפאַלן אין די וויניפּעגער אידישע קאָנגרעס וואַלן.

דעם פועלי ציון ענטפער אויף דער מסירה פון די גענאָסן האָט צוזאַמענגעשטעלט חבר י. א. טשערניאַק. ס'איז געווען אַ גלענצנדער און ווירקער ענטפער.

די פועלי ציון האָבן אין זייער ענטפער פריער פון אַלץ געלייקנט, אַז זיי זיינען פאַר מלחמות צו פאַרכאַפּן פרעמדע טעריטאָריעס. ס'זיינען טאַקע געווען חברים פועלי ציון, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דעם לעגיאָן, ס'זיינען אָבער אויך געווען צווישן די אָנגעשלאָסענע לעגיאָנערן אידישע גענאָסן, אַנאַרכיסטן א. א. וו. די אויפשטעלונג פון אַ אידישער נאַציאָנאַלער היים איז ניט קיין אַנעקסירונג. דער פועלי ציון מעמאָראַנדום האָט דאַן ציטירט די רעזאָלוציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער קאָנפערענץ פון די עלייס־לענדער, וואָס איז פאָרגעקומען אין לאָנדאָן. אין דער רעזאָלוציע ווערט ניט נאָר „אַנערקענט דאָס רעכט פון גלייכבאַרעכטיקונג פאַר אידן אין אַלע לענדער, נאָר אויך, אַז פּאַלעסטינע זאָל ווערן אַ פרייער שטאַט, מיט אינטערנאַציאָנאַלע גאַראַנטיעס, און די אידן— וואָס וועלן עס ווערן — זאָלן האָבן דאָס רעכט זיך

צוריקצוקערן אין דעם לאַנד, וואו זיי זאָלן קאָנען איינשטעלן זייער אייגן לעבן, פריי פון ראַסישטישע און רעליגיעזע אַריינמישונגען (פאַרפאָלגונגען)״.

וואָס אַנבאַלאַנגט באָלשעוויזם איז, כאָטש די פּאַרטיי אַלס אַזעלכע האָט ניט אָנגענומען קיין שטעלונג אין דער פראַגע, האָט דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דער פּאַרטיי געקעמפט אויסגעהאַלטן קעגן אינטערווענציע און דער אידישער לאָקאַל פון דער סאָציאַל דעמאָקראַטישער פּאַרטיי האָט ניט געקאָנט ניט וויסן וועגן דעם. דער מעמאָראַנדום גייט דאַן איבער צו אַן אַנאַליז פון דער פּועלי ציון פּראָגראַם, מיט ציטאַטן פון „די עימס אָף דזשוּאיש לעיבאָר״, פון אַרטור הענדערסאָן, און הויפּטזעכלעך מיט אַן אויס־צוג פון קאַמיל הייסמאַנס רעדע ביי דעם מיטינג פון די פועלי ציון אין לאָנדאָן.

דער מעמאָראַנדום ווייזט אָן, אַז די ענגלישע אַרבעטער פּאַרטיי און די אַמעריקען פעדעריישאַן אָף לייבאָר האָבן אינדאָרסירט די אידישע האָפנונגען פאַר דעם ווידעראויפבוי פון זייער היימלאַנד אין פּאַלעסטינע. ס׳ווערט אויך דערמאָנט, אַז מיט עטלעכע טעג צוריק האָט די אינטערנאַ־ציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנפערענץ אין בערן, גוטגעהייסן אַ אידישע היימלאַנד אין פּאַלעסטינע און האָט צוריקגעוויזן דעם פאָרשלאַג פון „בונד״, וועלכער האָט פאָרלאַנגט נאָר גלייכע רעכט.

דער מעמאָראַנדום דערמאָנט די רעזאָלוציע פון דעם ארץ ישראל אַרבעטער קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין ניו יאָרק אין יולי, 1908. ס׳ווערט אויך דערמאָנט דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין דעצעמבער, 1918, וואו ס׳איז אָנגענומען געוואָרן אַ רע־זאָלוציע פאַר אַ אידיש היימלאַנד און ניט דער אַרבעטער קאָמיטעט, ניט די אידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע און ניט דער „פאָרווערטס״ האָבן געשטימט קעגן. „יענע גענאָסן, וועלכע מ׳האָט איינגעלאַדן צו רעדן ביי דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, האָבן אויסגעדריקט זייער פרייד און צוגע־זאָגט זייער שטיצע״.

ווייטער ווערט דערמאָנט די אידיש מערב קאַנאַדער קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 16טן סעפּטעמבער, 1916, אין וויניפּעג, ביי וועלכער ס׳איז געווען פאַרטראָטן דער וויניפּעגער אידישער לאָקאַל פון די סאָציאַל דעמאָקראַטן, דורך זייער הויפּט פירער. דאָרט איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע וועגן „פרייער אימיגראַציע, קאָלאָניזאַציע, עקאָנאָמישער אַנט־וויקלונג און אויטאָנאָמיע פאַר אידן אין פּאַלעסטינע״. דער גענאָסע באַאום איז געווען אַ מיטגליד פון דער רעזאָלוציעס קאָמיטע. נאָך מער, דער זעל־בער „גענאָסע״ באַאום און אַנדערע מיטגלידער פון דעם אידישן לאָקאַל האָבן, — בשעת עס איז אָנגעגאַנגען די פועלי ציון קאַמפּאַניע פון רעגיס־טראַציע און רעפערענדום, — אונטערגעשריבן די דערקלערונג: „איך בין פאַר אַ אידישער נאַציאָנאַלער היים אין פּאַלעסטינע״.

דער מעמאָראַנדום דערמאָנט, אַז די פועלי ציון האָבן זיך אַפיליאירט מיט דער דאָמיניאָן לייבאָר פּאַרטיי, אין דער צייט וועז די סאָציאַל דעמאָ־

קראַטן האָבן זיך איינגעשלאָסן אין זייערע דאָקטרינערע קאָנצעפּציעס פון סאָציאַליסטישער און פּאָליטישער אַקטיוויטעט און האָבן באַטראַכט די לייי־באָר פּאַרטיי אַלס מינדערווערטיק. ביי די פּועלי ציון איז דער לאָזונג פון „אַרבעטער פּאַראייניקט אייך" ניט קיין פּוסטע פראַזע. צום סוף זאָגט דער פּועלי ציון מעמאָראַנדום: „מיר ווייסן, אַז אפילו ווען דאָס העכסטע פון אונזערע אַמביציעס וועט דערגרייכט ווערן און ווען דאָס אידישע היימלאַנד אין פּאַלעסטינע וועט זיין אין אַ בליענדיקן צושטאַנד, וועלן נאָך אַלץ זיין אידישע מאַסן אין קאַנאַדע. אַלס אַרבעטער זיינען מיר פאַראינטערעסירט אין דער פאַרבעסערונג פון דעם לעבן פון די אַרבעטנדיקע קלאַסן אין קאַ־נאַדע. דער פאַקט וואָס מיר האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער פאַרטיי, ווען זי האָט זיך געהאַלטן אין אָרגאַניזירן, אַרומגערינגלט מיט שנאה און אָפּאָזי־ציע פון די זעלבע סאָציאַל דעמאָקראַטן, איז דער בעסטער באַוויז פון דער אויפריכטיקייט פון די פּועלי ציון".

די מסירה פון די אידישע סאָציאַל דעמאָקראַטן האָט ניט געהאַט קיין ווירקונג. דער קריג צווישן זיי און די פּועלי ציון האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט דעם אויסברוך פון דעם וויניפּעגער גענעראַל סטרייק. די פּועלי ציון האָבן, ווי אַן אָרגאַניזאַציע, סיווי ניט געקאָנט פאַרבלייבן אין דער פּראָווינ־ציעלער לייבאָר פּאַרטיי (פון דער פּראָווינץ מאַניטאָבאַ), ווייל ס'איז קירצלעך נאָך דעם גענעראַל סטרייק אָרגאַניזירט געוואָרן אין וויניפּעג די אינדע־פּענדענט לייבאָר פּאַרטיי, וועלכע איז געוואָרן די אַרבעטער פּאַרטיי פון מאַניטאָבאַ. אין דער אינדעפּענדענט לייבאָר פּאַרטיי איז די מיטגלידערשאַפט געווען אַן אינדיווידועלע. אַלע פּועלי ציון חברים האָבן זיך דאַן, פּונקט ווי די געגנאָסן, אָנגעשלאָסן אַלס יחידים און האָבן געמיינשאַפטלעך באַלאַנגט צו די קלובן אָדער אי. ל. פּ. אָרגאַניזאַציעס פון די פאַרשיידענע וואַל־באַצירקן.

אין מאָנטרעאָל האָבן די פּועלי ציון זיך אָנגעשלאָסן אין דער קוויבעקער סעקציע פון דער דאָמיניאָן לייבאָר פּאַרטיי, אַלס אַן אָרגאַניזאַציע, אין אָנפאַנג 1918, און האָבן ניט באַגעגנט קיין אָפּאָזיציע מצד די אידישע גע־נאָסן. די געגנאָסן פון מאָנטרעאָל ווי אויך די געגנאָסן פון טאָראָנטאָ האָבן מסתמא ניט געוואָלט זיך נאַריש מאַכן און זיינען ניט געלאָפן מסר'ן די „ציוניסטישע אַרבעטער" פאַר די ניט־אידישע אַרבעטער פירער. אָבער אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז אויך אין מזרח קאַנאַדע באַנייט געוואָרן די מחלוקה וועגן נאָמינאַציעס פון אַרבעטער קאַנדידאַטן אין יענע וואַל באַ־צירקן, וואָס האָבן געהאַט אַ באַדייטנדיקע אידישע באַפעלקערונג.

9.

יונגע פועלי ציון

מאָנטרעאָל

דער מאָנטרעאָלער פועלי ציון פאַראיין איז געווען דער ערשטער קאַנאַ־דער פאַראיין, וואָס האָט אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן פועלי ציון יוגנט קלובן. דער ערשטער קאָמיטעט פאַר דער יוגנט אַרבעט איז באַשטאַנען פון ל. מעלצער, יהודה קויפמאַן, ראָזע בארמאַק און עני פרידלענדער־חפץ. ל. מעלצער איז געווען דער סעקרעטאַר.

דער צוועק פון דער יוגנט קלוב אַרבעט איז געווען, ווי מ׳האָט באַ־ריכטעט אין דער לאָקאַלער צייטונג, „צו לערנען מיט די קינדער אידיש און העברעאיש, שפּראַך און ליטעראַטור, אידישע און אַלגעמיינע געשיכטע, געזאַנג, דעקלאַמאַציע, דיסקוסיעס און דעבאַטן איבער אידישע און אַלגע־מיינע פראַגן, פאַרברייטן לעקציעס איבער פועלי ציוניזם א. ד. גל״.[205]

דער קלוב איז געגרינדעט געוואָרן דעם 27טן יוני, 1915, מיט 15 חברים. די גרינדונגס פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין דעם זאַל פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן, 37 פרינץ אַרטור איסט. מ׳האָט אַריינגענומען קינדער און יוגנטלעכע פון 14 ביז 18 יאָר.

אינם „וועג״ פון 31טן אָקטאָבער, 1915, איז אָפּגעדרוקט געוואָרן דער פאָלגנדיקער באַריכט פון דעם סעקרעטאַר, ס. וועוריק, וואָס גיט אַ בילד ווי חנעוודיק ס׳האָט אויסגעקוקט אַ „ביזנעס״ פאַרזאַמלונג פון אַ פועלי ציון יוגנט קלוב: „געמיטעט אין פאָלקס שולע, דעם 24טן אָקטאָבער, מיט חברה בעקעלמאַן אַלס פאָרזיצער. ס׳ווערט אָנגענומען זיך אָנשליסן אין קאָמיטעט פון דעם צענטראַל קאָמיטעט פון פועלי ציון יוגנט קלובס. עס ווערט געזונגען „די שבועה״, „די מאַמע״, „אויף די פעלדער פון בית לחם״, „די קאָלאָניסטן ליד״, „גאָט איז אַ פאָטער״. חבר מעלצער לעזט פאָר פייערלעך פון וולאַדימיר קאָראָלענקאָ און „באַרדיטשעווער שרפות״. חברה סיראָטאַ דעקלאַמירט „מיין גאָרטן״ און „דאָס ערגסטע פון דער תוכחה!״. חבר קופּער דעקלאַמירט „דער מיינער״ פון עדעלשטאַט״...

דער ערשטער יערלעכער באַריכט[206] פון דער יוגנט קלוב אַרבעט באַווייזט, אַז די אַרבעט איז געטאָן געוואָרן אויף גאָר אַ גרויסן פאַרנעם, מיט שוואונג און פאַרשטענדעניש.

פון דעם דאָזיקן באַריכט קאָן מען זען, אַז צום סוף פונם ערשטן יאָר האָט דער קלוב נומער איינס שוין געציילט אַרום 100 מיטגלידער. ס׳איז אויך געגרינדעט געוואָרן אַ פּרץ קלוב מיט 40 מיטגלידער און אַ שלום עליכם קלוב אין מיילענד (צפונדיקער שטאָט אָפּטייל) מיט כמעט 40 מיט־גלידער. די מערסטע חברים פון די קלובן זיינען געווען קאַנאַדער דער־צויגענע, אויך קאַנאַדער געבוירענע. די פאָלגנדיקע חברים האָבן געגעבן

לעקציעס: איבער יום טובים — יהודה קויפמאַן, ש. שניאור, ה. נאָוואַק און וו. כייטמאַן. איבער געזעלשאַפטלעכע פראַגן — זיינען געהאַלטן געוואָרן פאָרטראַגן פון ע. קאָרנבערגער, ה. נאָוואק, דר. ס. אָרטענבערג, ל. מעל־צער און אַנדערע.

ה. מ. קייזערמאַן האָט געהאַלטן אַ סעריע לעקציעס איבער סאָציאַליזם, ציוניזם און פועלי ציוניזם; ש. שניאור, וועגן ציוניזם, אידישע לעגענדעס; יהודה קויפמאַן, איבער אידישער געשיכטע און ליטעראַטור; ה. מ. קייזער־מאַן האָט אויך געלייענט אַ סעריע לעקציעס איבער דעם אָפּשטאַם פון פאַמיליע, — אַן אָנהויב פון אַ סעריע קולטור געשיכטע לעקציעס.

ס׳זיינען אויך געווען, אין לויף פון דעם ערשטן יאָר, לעקציעס פון געסט, ווי יואל ענטין („די אידישע יוגנט״); זרובבל („דאָס לעבן אין ארץ ישראל״); און דר. נ. סירקין, איבער דער צוקונפט פון די יוגנט קלובן.

מ׳האָט געפייערט אידישע יום טובים און געהאַט אָפטע פאָרלעזונגען פון שלום עליכם, פרץ, נאָמבערג, רייזען, שלום אַש א. א. זייער אָפט פלעגן פאָרקומען דיסקוסיעס איבער פאַרשיידענע פראַגן, ווי למשל, „צי איז מעגלעך, אַז מענטשן זאָלן זיין גלייך״, „טויט שטראָף״, „קאַנאַדער אידי־שער קאָנגרעס״, „דער שיקאַגאָ סטרייק״, „קאַרפּענטערס סטרייק״, „גע־צוואונגענע מיליטער דינסט״, א. א. וו.

דער ערשטער יערלעכער באַריכט דערציילט אונדז ווייטער, אַז דאָס לערנען פון אידיש און העברעאיש אין די נייע קלובן איז אָנגעגאַנגען צו־פרידנשטעלנדיק. אין די עלטערע קלובן האָט געלערנט יהודה קויפמאַן (אידיש און העברעאיש), הערשל נאָוואַק און מאַקס בלעכמאַן. מיט די אינ־גערע קינדער האָבן געלערנט וו. כייטמאַן און מ. דיקשטיין. געזאַנג איז געלערנט געוואָרן מיטביידע „דאַון טאַון״ קלובן — יעדן דאָנערשטיק, מיט י. ראַזמאַרין אַלס לערער. דער שטאַב לערער אין „שלום עליכם קלוב״ איז באַשטאַנען פון די חברים זאַכער, מעלצער און עסנער.

אין מיטן יאָר האָט זיך געביטן דער צוזאַמענשטעל פון דעם יוגנט־קאָמיטעט און די קלובן זיינען אָנגעפירט געוואָרן פון ל. מעלצער, ה. מ. קייזערמאַן, א. עסנער און מ. דיקשטיין.

די חברים און חברות פון די קלובן האָבן געמאַכט פינאַנציעלע ביי־שטייערונגען פאַר מלחמה קרבנות, „שיקאַגאָ סטרייק״, פאָלקס שול, „קעמ־פּער״ א. א. וו. זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט אַלס וואָלאַנטירן, זאַמלענדיק פאַר מלחמה קרבנות, פאַר דעם פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד און פאַר אַנדערע פאָנדן פון דער באַוועגונג. זיי האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דעם בעקער סטריק אין 1916, אָפּהאַלטנדיק 50 „אָפּען עיר״ מיטינגען, אַגיטירנדיק פאַרן יוניאָן לייבעל. פאַקטיש האָבן זיי געהאָלפן צו געווינען דעם סטרייק. זיי האָבן זיך אויך באַטייליקט אין דעם פּאָליטישן קאַמפּיין פון די מאָנטרעאָלער פועלי ציון אין די וואַלן פון דער שטאָט פאַרוואַלטונג אין 1916 א. א. וו.

די סעקרעטאַרן אַרבעט איז געטאָן געוואָרן פון די יוגנטלעכע חברים. די ערשטע סעקרעטאַרן זיינען געווען חברה שראגא. ס. וועוריק (איצט אַדוואָקאַט ס. וועבער), קופּער און זלמן רובין. אַלס פינאַנץ סעקרעטאַרין פאַרן גאַנצן יאָר איז געווען מלכה יעווזעראָוו. די סעקרעטאַרין פון דעם מײלענדער קלוב איז געווען מרים סאַלאָווי. אין מיטן 1916 איז אין דעם ערשטן יוגנט קלוב אויפגעשטעלט געוואָרן אַן עקזעקוטיווע פון יוגנטלעכע חברים. מ. ניעמטשיק איז דערוויילט געוואָרן אַלס פּאַרזיצער; לעאָן חפץ, פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר; מרים סאַלאָווי, פינאַנץ סעקרעטאַרין. אין דער עקזעקוטיווע זיינען אַריין י. מ. באַבראָוו, קעניגסבערג און ס. באַראַדענסקי. ביי דעם ערשטן מיטינג פון דעם י. ל. פרץ קלוב זיינען דערוויילט געוואָרן אַלס באַאַמטע: חיים קאַמינעצקי אַלס פינאַנץ סעקרעטאַר און יוסף טיגער, פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר. דער דערפאָלג פון דעם יוגנט קלוב האָט געמאַכט אַ רושם אין מאָנטרעאָל. דער „קענעדער אָדלער" האָט זיך אין אַ לייט־אַרטיקל, דעם 7טן יולי, 1916, אָפּגעשטעלט אויף דער פועלי ציון יוגנט אַרבעט און האָט פאָרגעשלאָגן צוצוציען אומפּאַרטייאישע „היגע לייטע" צו דער פירערשאַפט... „דאַן קאָן מען האָפן, אַז די קלובס זאָלן פּראָגרעסירן און ווערן אַ העכסט נויטיקע אינסטיטושאָן אין שטאָט"...

אין פאַרלויף פון דעם צווייטן יאָר איז די אַרבעט פאַרטגעזעצט געוואָרן מיט דערפאָלג. קלובן זיינען געגרינדעט געוואָרן אין דעם דערבייאיקן שטעטל לאַשין, און אין דער פאַרשטאָט פּאָפּיניו, — דער „ש. פרוג קלוב". נאָך דער דיסטריקט קאָנפערענץ פון די קאַנאַדער פועלי ציון פאַראיינען, איז געשאַפן געוואָרן אַ קאַנאַדער ראַיאָן קאָמיטעט פאַר יוגנט אַרבעט, באַשטייענדיק פון די חברים ה. מ. קייזערמאַן, מאַקס בלעכמאַן און לייזער מעלצער [207]). מ'האָט אויך געגרינדעט דעם יונגן קולטור פאַראיין, אין וועלכן מ'האָט טראַנספערירט אַלע חברות און חברים פון 18 יאָר און העכער, וואו מ'האָט געגעבן לעקציעס וועגן סאָציאַליזם, ציוניזם, פּאָליטישער עקאָנאָמיע, געשיכטע. אין דעם דאָזיקן יונגן קולטור פאַראיין האָט מען אויך געגעבן לעקציעס איבער היגיענע, פיזיק א. א. וו.

אין פרילינג, 1917, זיינען די קלאַסן אין די קלובן איינס און צוויי, געווען גוט באַזוכט. וו. כייטמאַן האָט געהאַט אַ זייער גרויסן דערפאָלג אין זיין קלאַס פון געשיכטע. ס'זיינען אויך גוט באַזוכט געווען די קלאַסן פון מאַקס בלעכמאַן און מ. דיקשטיין. אין דעם פּאָפּיניו קלוב איז געווען לערער, ש. זעלינגער און אין שלום עליכם קלוב ל. מעלצער [208]). דעם 18טן מערץ, 1917, איז פאָרגעקומען דער 4טער קאָנצערט פון דער יוגנט. זיי פלעגן האָבן אָפטע ליטעראַרישע פאַרזאַמלונגען און האָבן אויך געמאַכט אַ פּאַרזוך צו גרינדן אַן אייגענע, אַ יוגנט ביבליאָטעק. די יונגע חברה זיינען געווען באַזונדערס שטאָלץ צו מאַרשירן אין דעם ערשטן מאַי פּאַראַד אין ספּעציעלע קאָסטיומען, ווייסע בלוזעס מיט בלויע קעלנער און רויטע בענדער. דאָס איז געווען דעם 1טן מאַי, 1917. צו דעם צווייטן יאָר־פעסט פון דער יוגנט אָרגאַניזאַציע איז געקומען יהואש אַלס גאַסט־רעדנער און האָט גע־

האַלטן אַ פּאָרטראַג אויף דער טעמע „די שיינקייט פון לעבן". די פייערונג איז פאָרגעקומען אין איינעם פון די גרעסטע זאַלן אין מאָנטרעאָל, — אין דעם מאָנומענט נאַשיאָנאַל טעאַטער, דעם 30טן יוני, 1917, און האָט גע־מאַכט אַ רושם, וואָס פיל חברים קענען ניט פאַרגעסן ביז היינט צו טאָג.

גרויס אויפמערקזאַמקייט איז געשענקט געוואָרן דער גימנאַסטישער אָפּטיילונג. דער ענין גימנאַסטישע איבונגען, באַל־שפּילן, געוועט־שפּילן צווישן איין קלוב און אַ צווייטן, זיינען גענומען געוואָרן זייער ערנסט.

די יוגנט קלובן האָבן ממש געבריוזט מיט לעבן און אַקטיוויטעט. אין אַ קורצער צייט פון צוויי יאָר, האָבן זיי דערגרייכט אַ צאָל פון איבער 300 אָנגעשלאָסענע חברים. קיין אַנדער שטאָט אין קאַנאַדע און אין די שטאַטן האָט ניט דערגרייכט אַזעלכע רעזולטאַטן, אין אַזאַ קורצער צייט. די קלובן האָבן אפילו אויפגעהאַלטן די דאַמאָלסדיקע צענטערס פון דער באַוועגונג.
האָבן אפילו אויפגעהאַלטן די ראַמאָלסדיקע צענטערס פון דער באַוועגונג.
מ'האָט דאַן געמיינט, אַז מ'האָט געפונען דעם וועג צו די קינדער פון די אידישע אימיגראַנטן, צו דעם ערשטן דור, וואָס הויבט אָן וואַקסן אויף קאַנאַדער ערד. מ'דאַרף געדענקען, אַז אין יענער צייט זיינען נאָך ניט געווען אַזעלכע פּראַכטפולע „יאַנג מענס היברו אסאָסיאיישאָן" געביידעס, וואָס זאָל צוציען גרויסע מאַסן פון אידישער יוגנט מיט זייערע „דזשים" און „סווי־מינג פולס"...

פון די יוגנטלעכע קלובן האָט זיך אָרגאַניזירט אין מאָנטרעאָל אַ „החלוץ" גרופּע, שפּעטער זיינען אַ צאָל חברים פון דער „החלוץ" גרופּע אַוועק אין דעם אידישן לעגיאָן. ווען דער ענטוזיאַזם פאַר יוגנט אַרבעט האָט אָנגעהויבן זיך אָפּצוקילן, ווען אייניקע לערער (יהודה קויפמאַן און מאַקס בלעכמאַן) זיינען אַוועקגעפאָרן פון מאָנטרעאָל, האָבן די קלובן אָנ־געהויבן זיך פונאַנדערצופאַלן.

ביי דער ערשטער יוגנט קאָנווענשאָן, וואָס איז פאָרגעקומען פונם 24טן ביזן 26טן יוני, 1920, אין פּיטסבורג, האָט דער מאָנטרעאָלער דעלעגאַט י. מ. באַבראָוו דערקלערט, אַז דער עלטערער יוגנט קלוב וועט אינגיכן איבערגעבן דער פּאַרטיי 25 גוטע, באַוואוסטזיניקע חברים

די פּאַרטיי האָט פון יענער עפּאָכע יוגנט אַרבעט צוגעקראָגן די חברים: לעאָן חפץ, בעני כייטמאַן, מ. ניעמטשיק, י. מ. באַבראָוו, ל. טייבער. ווען מען זאָל צורעכענען די חברות, וואָס האָבן זיך שפּעטער אָנגעשלאָסן אין דער פּיאָנערן פרויען אָרגאַניזאַציע, ווי אויך געוועזענע חברים פון יוגנט קלובן, וואָס זיינען אַריין אין פאַרבאַנד, איז אפשר דער סך הכל פון די נייע חברים און חברות טאַקע געווען אַרום 25. אויב די צאָלן זיינען ניט געווען גרויס, איז אָבער די קוואַליטעט פון די נייע חברים זיכער געווען אַ גוטע.

טאָראָנטאָ

דער טאָראָנטער פועלי ציון יוגנט קלוב איז געגרינדעט געוואָרן אין הערבסט 1915. דער קאָמיטעט פאַר יוגנט קלוב אַרבעט, וואָס דער פּאַרטיי

פאַראיין האָט דערוויילט, איז באַשטאַנען פון די חברים: פישל וואַלערשטיין, ל. באַגראַד, יהודה (יודל) גערטלער און ישראל פריימאַן. מ. קרעמער, י. פריימאַן און ל. באַגראַד זיינען געווען לערער יעדן דינסטיק פון אידיש און העברעאיש [209]). ס'זיינען שפּעטער צוגעקומען אַלס לערער אויך לומער און ז. סאַקאַל [210]). צום סוף פון דעם ערשטן יאָר פון אַקטיוויטעט זיינען דערוויילט געוואָרן די פאָלגנדיקע יוגנטלעכע באַאַמטע: ח. לאַנגער, פּאַר־זיצער; לערער — וויצע פאַרזיצער; ש. לעווענשטיין, פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר; סילווערבערג, פינאַנץ סעקרעטאַר; זאַמעק, קאָרעספּאָנדענץ סעקרעטאַר. אין דער עקזעקוטיווע זיינען דערוויילט געוואָרן בלומענשטיין, ריינגווארץ, ראָט־שטיין, אייבלער, מאַלקין, פּוירסקי.

אין יאַנואַר, 1917, איז ביי דעם קלוב אויפגעטראָטן יהודה קויפמאַן פון מאָנטרעאָל. ס'האָבן זיך גלייך פאַרשריבן 30 נייע חברים און די צאָל מיטגלידער פון קלוב האָט דערגרייכט כמעט הונדערט. מ'האָט דאַן איינ־געפירט, אַלס צוגאָב צו אידיש און העברעאיש, אויך לעקציעס פון תנ"ך. דער קלוב האָט זיך אָפּגעגעבן אויך מיט געזאַנג (געהאַט אַ כאָר מיט ריגעל־הויפּט אַלס געזאַנג לערער) און ספּאָרטס. זיי האָבן געהאַט אָפטע דעבאַטן און דיסקוסיעס אויף די טעמעס: „צי דאַרף אַ אידישער אַרבעטער זיין אַ ציוניסט", אָדער „ציוניזם און רעליגיע", א. אַ. וו. זיי האָבן איינגעפירט אַ קאָנקורס אויף פאַרלעזונגען פון די ווערק פון אָנגעזעענע אידישע שריי־בער. די דזשורי, אין 1917, איז באַשטאַנען פון די חברים אליעזר פרענקעל, ל. הדס, א. וואַלערשטיין און מיס טשערניאַווסקי. די פּאַרטיי דעלעגאַטן צום יוגנט קלוב זיינען געווען ל. באַגראַד, אל. פרענקעל און יהודה גערטלער [211]).

אָנפאַנג מאַי, 1917, האָט דער קלוב געהאַט אַלס געסט ח. מ. קייזער־מאַן פון מאָנטרעאָל און י. זאר פון ניו יאָרק. גלייך נאָך דעם האָבן זיי גע־גרינדעט אַ צווייטן קלוב. מ'האָט אים גערופן דער „שלום עליכם יוגנט קלוב". די קלובן האָבן, פּונקט ווי די מאָנטרעאָלער קלובן, געהאַט פיל געסט רעדנער פון ניו יאָרק. מ'האָט זיך גענומען שאַפן אַן אייגענע ביבליאָ־טעק. אין הערבסט, 1917, האָט מען איינגעפירט קורסן פון אידישער ליטע־ראַטור און אויך אַ קלאַס פאַר אידישער געשיכטע.

אין אָקטאָבער, 1917, האָבן די יוגנטלעכע דערוויילט נייע באַאַמטע: י. ל. בערמאַן, פאַרזיצער; גאַטצען, פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר; ה. לעווענשטיין, קאָרעספּאָנדענץ סעקרעטאַר; ר. האַנדעלמאַן, פינאַנץ סעקרעטאַר. אין דער עקזעקוטיווע זיינען אַריין די חברות ניימאַן, עדעלשטיין און גראַד און די חברים סטאַלבערג, ריינגעווירץ, לאַנגער, אייכלער, זאַמעק און בלעק. אין די טעג פון חנוכה האָט מען געפייערט דעם 2־יאָריקן יובילעאום פון קלוב.

אין יולי, 1918, האָט מען דערוויילט אַלס פאַרזיצער: ריינגעווירץ; וויצע פאַרזיצער, חברה עדעלשטיין; פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר, י. זאַלצבערג; פינאַנץ סעקרעטאַר, חבר ליוואי; קאָרעספּאָנדענץ סעקרעטאַר, ח. לאַנגער; קאָנטראָל סעקרעטאַר, גרינוואַנד. אין דער עקזעקוטיווע זיינען אַריין די

חברים פּישאַווסקי, קראַנקאָוויטש, ריטשמאַנד, סאַרעשניק, גאָלדענבערג און די חברות קייטס און שיגערמאַן.

די גרעסטע צאָל חברים, וואָס די יוגנט קלובן אין טאָראָנטאָ האָבן דערגרייכט איז געווען 150. זיי האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין אַלע אַר־בעטן פון דער באַוועגונג. זיי האָבן געזאַמלט פאַר פאָנדן, באַטייליקט זיך אין דער אַרבעט פאַר מלחמה קרבנות א. א. וו. זיי האָבן, אין 1918, אפילו פאַרקויפט צווישן זיך 20 אַקציעס פאַר דער „צייט". ס'האָט זיך אָבער דאָ, פּונקט ווי אין מאָנטרעאָל, אָנגעהויבן אַ ירידה. בײַ דער ערשטער קאָנווענ־שאָן פון דער פּועלי ציון יוגנט אין פּיטסבורג איז באַריכטעט געוואָרן, אַז דער טאָראָנטער פּועלי ציון יוגנט קלוב האָט זיך אויפגעלייזט. אָבער אַ צאָל גוטע, באַוואוסטזיניקע חברים האָבן זיך אויסגעבילדעט אין דעם קלוב און די אַרבעט פון די עלטערע חברים איז ניט געווען אומזיסט. פון יענעם יוגנט קלוב זיינען אַריין אין דער פּאַרטיי חברים און חברות, וועלכע האָבן שפּעטער געשפּילט וויכטיקע ראָלן אין דער באַוועגונג. צווישן זיי זיינען געווען די חברים חיים ד. לאַנגער, חיים פאַבריקאַנט, איידא קראַקאָווער, לואי, בעני און א. שאַק, י. סילווערבערג, די שוועסטער עדעלשטיין, י. זאַ־מעק און אַנדערע. פון דעם פּועלי ציון קולטור פאַראיין זיינען שפּעטער געקומען (דר) סעם הורוויטש, רבקה הורוויטש, יצחק וויינראַט, יצחק וואַ־לערשטיין און אַנדערע.

וויניפּעג

אין וויניפּעג האָט זינט 1911 עקזיסטירט אַ יוגנטלעכער פאַראיין צעירי ציון, וואָס האָט געהאַט אַלס זיין מאָטאָ „די אידישע יוגנט פאַר דעם אידישן פאָלק". די עלטער פון די חברים איז געווען פון 16 ביז 20 יאָר. דער פּראָג־ראַם פון דעם פאַראיין איז געווען צו פאַרשפּרייטן דעם ציוניזם און צו דערמוטיקן דאָס שטודירן פון ליטעראַטור און זיך אָפּגעבן מיט פאַרשיידענע צווייגן פון ספּאָרט. זיי האָבן אין די מלחמה יאָרן קאָאָפּערירט מיט דעם פּועלי ציון פאַראיין און פלעגן זיך באַטייליקן אין די זאַמלונגען פאַר דעם פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד. אָבער קיין פּועלי ציון יוגנט פאַראיין, קיין אמתער פּאַרטיי יוגנט פאַראיין איז דאָס ניט געווען.

אין 1917, איז אויפגעקומען אין וויניפּעג, ווייזט אויס פאַר אַ גאָר קור־צער צייט, אַ יוגנט קלוב פאַראיין, וועלכער האָט, לויט חבר מ. אווערבאַך, דער דאַמאָלסטדיקער סעקרעטאַר פון דעם פּועלי ציון פאַראיין, „געטאָן ווירקלעך גוטע קולטורעלע אַרבעט. מיט זיין הילף זיינען געגרינדעט גע־וואָרן העברעאישע קורסן פאַר דערוואַקסענע". מ'האָט זיך אויך געגרייט צו עפענען קורסן פאַר לערנען אידיש [212]).

אַ פּועלי ציון פּאַרטיי יוגנט קלוב איז געגרינדעט געוואָרן אין וויניפּעג ערשט אין פעברואַר, 1919, כמעט ביים סוף פון דעם צייט אָפּשניט 1904 — 1920. פּערלמאַן איז דערוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער, נילאַקשיק, קאַסי־

רער און זאַסלאַווסקי, סעקרעטאַר. די גרינדונגס פאַרזאַמלונג איז באַגריסט געוואָרן פון (דר) י. פערלמאַן, אין נאָמען פון פועלי ציון פאַראיין צווייג 1 און פון ס. גרין אַן נאָמען פון דעם צווייג 2. צוליב זיין שפּעטער גרינדונג זיינען די רעזולטאַטן פון דער אַרבעט פון דעם קלוב שוין אַן ענין פון די שפּעטערדיקע יאָרן.

ס אַ ס ק אַ ט ו ן

אין יוני, 1919, איז געמאַכט געוואָרן אַ פאַרזוך צו גרינדן אַ יוגנט קלוב, וועלכער האָט עקזיסטירט פאַר אַ קורצער צייט. אייניקע חברים פון דעם קלוב האָבן געטאָן גוטע אַרבעט פאַר ארץ ישראל אין די שפּעטערדיקע יאָרן.

10.

לייען זאַלן און ביבליאָטעקן

די וויכטיקייט פון לייען זאַלן

לייען זאַלן, אָדער ווי מען האָט זיי גערופן, „ביבליאָטעקן", זיינען געווען די סאַמע ערשטע אינסטיטוציעס, מיט וועלכע ס'האָבן זיך אינטערעסירט די ניי אָנגעקומענע פון אַלע פּאָליטישע ריכטונגען. אין די לייען זאַלן האָט מען ניט נאָר געפונען צייטונגען, זשורנאַלן, אָדער בראָשורן, נאָר דאָרט האָט מען זיך אויך געטראָפן מיט אַנדערע ניי געקומענע. דאָרט האָט מען געשלאָסן באַקאַנטשאַפטן, דאָרט האָט מען זיך געקאָנט באַגעגענען מיט איי־גענע פּאַרטיי חברים, דאָרט האָט מען געקאָנט פאַרזוכן צו איבערצייגן אַ קעגנער און געווינען אים פאַר דער באַוועגונג. מיט איין וואָרט, די לייען זאַלן זיינען געווען אידיש ריידנדיקע פּאָליטישע קלובן פאַר דער אָנגעקומענער יוגנט, — אַ יוגנט, וואָס האָט ניט געהאַט קיין היימען, קיין פריינט און האָט געמוזט, ווי נאָר מ'איז אַראָפּ פון שיף, זוכן אַ זאַמלפּלאַץ, אַן אָרט וואו זיך אויסצולעבן. די אַלע לייען „זאַלן" זיינען ניט געווען קיין גרויסע זאַלן, זיי זיינען באַשטאַנען פון איינעם אָדער צוויי קליינע געדונגענע צימערן, אָרעם אין אויסזען און אָרעם אין מעבל.

די ערשטע צו גרינדן לייען זאַלן זיינען געווען די ציוניסטן. ווי שוין דערמאָנט, האָבן די „חובבי ציון" געמאַכט אַ פאַרזוך צו גרינדן אַ ביבליאָ־טעק אין מאָנטרעאָל, נאָך אין 1887. אין 1900 האָט די „אגודת ציון" גע־דונגען צימערן אין 68 מיין סטריט, וואו זיי האָבן געהאַט ניט נאָר צייטונגען נאָר אויך ביכער [213]). זייער מיטינג פּלאַץ, אין 1905—1906, איז אין דער מאָנטרעאָלער שטאָט דירעקטאָרי אויך געווען באַצייכנט אַלס ביבליאָטעק.

אין טאָראָנטאָ, איז דער ערשטער לייען זאַל פון די ציוניסטן געווען אין ציון־האַל אויף עליזאַבעט סט.

די ראַדיקאַלע עלעמענטן האָבן זיך ניט צופרידנגעשטעלט מיט די ציו־ניסטישע לייען זאַלן, מיט די „בורזשואַזע צייטונגען" און מיט די עטלעכע ביכער, וואָס זיי האָבן דאָרט געפונען, און האָבן אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן אייגענע לייען זאַלן אָדער „ביבליאָטעקן". לויט ה. הערשמאַן האָבן אַ גרופּע מאָנטרעאָלער סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן געהאַט זייער ערשטע „ביבליאָ־טעק" אין זיין וואוינונג אויף 36 הערמיין, לעבן קרייג סטריט. אין דעם יאָר 1903—1904 און זיין פּרוי, דזשעני הערשמאַן, איז געווען זייער ביבליאָ־טעקאַרין [214]. אין ווינ‍יפּעג איז אין 1905 שוין געווען אַ „ראַדיקאַלע" בי־בליאָטעק.

די אַלע לייען זאַלן אָדער ביבליאָטעקן פון די געגנאַסן האָבן לאַנג ניט עקזיסטירט. די פּועלי ציון און אַלע סאָציאַליסטישע נאַציאָנאַלע עלעמענטן האָבן, אַלס טייל פון זייער קולטור און דערציאונגס אַרבעט, זיך ערנסט אָפּגעגעבן מיט גרינדן ביבליאָטעקן. גרויסע באַמיאונגען זיינען געמאַכט געוואָרן פון זיי אין אַלע דריי גרעסערע שטעט פון קאַנאַדע. מיר וועלן געבן אַן איבערזיכט פון די דאָזיקע באַמיאונגען. מיר וועלן זיך באַזונדערס אָפּ־שטעלן אויף דער אַרבעט אין מאָנטרעאָל, די איינציקע שטאָט וואו ס'זיינען, נאָך פּאַר 1920, דערגרייכט געוואָרן גלענצנדיקע רעזולטאַטן.

די מאָנטרעאָלער פּאָלקס ביבליאָטעק

אין אונזער איבערזיכט פון דער אַרבעט אין מאָנטרעאָל וועלן מיר מוזן זיך אַריינלאָזן אין מער איינצלהייטן, ווי מיר ווילן, ווייל אין דעם פּאָלקס־„ביבליאָטעק בוך", וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין 1934, ווערט דער אָנטייל פון די „דורשי ציון" אין דער גרינדונג פון דער פּועלי ציון ביבליאָ־טעק פיל איבערגעטריבן, די שפּעטערדיקע אַרבעט פון די פּועלי ציון ווערט „ווייניק" באַטאָנט און די ערשטע פּאָלקס ביבליאָטעק ווערט אינגאַנצן ניט דערמאָנט! ביי דער חנוכת הבית פון דעם איצטיקן בנין, אין 1953, האָט מען אין דער פּובליסיטי אפילו פאַרגעסן צו דערמאָנען יהודה קויפמאַן...

מ'קען טאַקע ניט געפינען די פּראָטאָקאָל ביכער פון די ערשטע 10—12 יאָר, אָבער ס'האָבן זיך ביי אונז אָפּגעהיט אייניקע געדרוקטע באַריכטן און אַנדערע מאַטעריאַלן צו קענען דערציילן גענוי ווי אַזוי די זאַכן זיינען פאָר־געקומען און צו באַווייזן, אַז די איצטיקע וואונדערבאַרע פּאָלקס ביבליאָטעק פון מאָנטרעאָל, — די שענסטע אויף דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט, — האָט זיך אַנטוויקלט פון דער פּועלי ציון ביבליאָטעק און איז פּאַקטיש געגרינדעט געוואָרן פון די מאָנטרעאָלער פּועלי ציון. וואָס איז נאָך וויכטיקער, זינט איר גרינדונג ביז 1926, זיינען די פּועלי ציון געווען דער הויפּט געזעל־שאַפטלעכער כוח אויף וועלכן די ביבליאָטעק האָט זיך געקענט שטיצן.

ווי חברים וואָס האָבן געגרינדעט דעם מאָנטרעאָלער פּועלי ציון פאַר־איין אין מאַי—יולי, 1905, דערציילן, האָבן זיי באַלד נאָך דער גרינדונג פונם פאַראיין, אָנגעהויבן זאַמלען בראָשורן און ביכער אין רוסיש, אידיש און העברעאיש און האָבן דאָס, צוזאַמען מיט די טעגלעכע צייטונגען, געהאַט

אין זייער געדונגענעם לאָקאַל, אין 43 סט. פיליפּס סטריט. ווען דער פּועלי ציון פאַראיין האָט זיך צעשפּאָלטן אויף צוויי פאַראיינען סוף דעצעמבער, 1905, אין אַ פּועלי ציון פאַראיין און אַ ס. ט. פאַראיין, זיינען אַלע ביכער פאַרבליבן ביי די פּועלי ציון. די פּועלי ציון האָבן דאַן אָנגעהויבן אָפּצו־האַלטן זייערע פאַרזאַמלונגען אין דעם ציוניסטישן זאַל, וואָס די ציוניסטן האָבן געדונגען אין 539 מיין סטריט און האָבן מיטגענומען מיט זיך זייער ביבליאָטעק. קומט גאָר אויס, אַז ניט די „דורשי ציון" האָבן געבראַכט ציו־ניסטישע ביכער, וואָס האָבן צו זיי געהערט אָדער ניט געהערט, צו די פּועלי ציון, נאָר ס'איז געווען פאַרקערט!

אין אָנפאַנג 1906 האָט, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַ גרויסער טייל פון דעם „דורשי ציון" פאַראיין (מ. ל. זאַק, י. קיווענקאָ, י. מאָריס, י. צי־פּערשטיין, מ. מירענסקי, און אַנדערע) אָנגענומען די פּועלי ציון פּראָ־גראַם, און דער „דורשי ציון" פאַראיין איז צעפאַלן געוואָרן. דאָס האָט געבראַכט, ווייזט אויס, צו אַ סכסוך מיט דער „אגודת ציון" אָדער דער גאַנצער ציון פעדעראַציע, און דער פּועלי ציון פאַראיין האָט ניט געקאָנט אָדער ניט געוואָלט, ווייטער אָפּהאַלטן זיינע פאַרזאַמלונגען אין 539 מיין סטריט. אין 1906 האָבן זיך די ביכער פון דער פּועלי ציון ביבליאָטעק גע־פונען אין הויז פון דער מ. ל. זאַק פאַמיליע [215]. אַרום 1907—1908 האָבן י. פּרוזשאַנסקי און אברהם וואַלערשטיין זיך באַזונדערס מתעסק געווען מיט דער פּועלי ציון ביבליאָטעק און די צאָל ביכער און בראָשורן איז פאַרגרע־סערט געוואָרן.

אַרום יענער צייט, 1907—1908, האָט דער פּועלי ציון פאַראיין ווידער אָנגעהויבן אָפּצוהאַלטן פאַרזאַמלונגען אין די צימערן אָדער הויז פון דער „אגודת ציון", וואָס האָט זיך שוין דאַן געפונען אין 847 מיין סטריט. די פּועלי ציון האָבן אויך אַריינגעבראַכט אַהין זייער ביבליאָטעק. מ'האָט דאַן געמאַכט צוויי שטעמפּלען, איינעם אין ענגליש, וואָס האָט זיך געליינט „פּועלי ציון ביבליאָטעק, 847 מיין סטריט" און איינעם אין אידיש, וואָס האָט זיך געליינט „פּועלי ציון לעזע האלל, 847 מיין סטריט". די גרעסטע צאָל פון די ביכער טראָגן ביידע שטעמפּלען. אייניקע ביכער האָבן נאָר דעם אידישן אָדער גאָר דעם ענגלישן שטעמפּל.

אין 1909, האָט זיך די פּועלי ציון ביבליאָטעק אַריינגעקליבן, אַלס אַ שכנה, אין דער ביבליאָטעק פון דעם באַראָן דע הירש אינסטיטוט. די פּועלי ציון האָבן געהאַט אַן אָפּמאַך מיט דער פאַרוואַלטונג, אַז די ביבליאָטעקאַרין פון דעם באַראָן דע הירש אינסטיטוט זאָל אויך אַרויסגעבן זייערע ביכער אַ היים [216]. ס'איז אָבער באַוואָרנט געוואָרן, אַז די פּועלי ציון בלייבן די אייגנטימער פון די ביכער און אַז זיי קאָנען זיי צו יעדער צייט אַרויסנעמען. פאַרבייגייענדיק מעג דאָ דערמאָנט ווערן, אַז אין מערץ, 1909, האָבן די מאָנטרעאָלער פּועלי ציון אַרויסגעלאָזט אַ רוף צו שאַפן אַ ביבליאָטעק פאַר די לונגען קראַנקע אין סט אַגאַט, אַ רעזאָרט שטעטל ניט ווייט פון מאָנטרעאָל.

די באַציאונגען מיט דעם באַראָן דע הירש אינסטיטוט זיינען ניט אַלעמאָל געווען גוטע און די פּועלי ציון האָבן ענדלעך באַשלאָסן צו גרינדן אַ „פאָלקס ביבליאָטעק" און איבערגעבן זייערע ביכער צום פאָלק. זיי האָבן פאַררופן אַ קאָנפערענץ פון אידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס. ס'זיינען געקומען צו דער קאָנפערענץ דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד,ביידע ברענטשעס פון דעם אַרבעטער רינג, דער אידישער סאָציאַליסטישער צווייג, די שניידער יוניאָן, די קלאָוק מאַכער יוניאָן, די בעקערס יוניאָן, די קאַרפּענטערס יוניאָן, און פאַרשטייט זיך, דער פּועלי ציון פאַראיין.

אין „קענעדער אָדלער" פון זונטיק דעם 3טן מערץ, 1912, איז פאַראַן אַ באַריכט, אַז מיט אייניקע וואָכן צוריק האָבן די היגע פּועלי ציון פאַררופן אַ קאָנפערענץ פון אַלע היגע אידישע פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס מיט דעם צוועק צו גרינדן אַ אידישע פאָלקס ביבליאָטעק. נאָך לאַנגער מי און אַרבעט ווערט ענדלעך די ביבליאָטעק דערעפנט היינט אום 2 אַזייגער נאָכמיטאָג אין 404 מיין סטריט, מיט אַ באַקוועמען לעזע זאַל. אין דער ביבליאָטעק קען מען קריגן פריי צו לעזן די בעסטע ביכער אין אידיש, העברעאיש און רוסיש, אויך אַלע אידישע צייטונגען". צווישן די הויפּט מתעסקים ביי דער פאָלקס ביבליאָטעק (פאַרוואַלטער און ביבליאָטעקאַרן) זיינען געווען די פּועלי ציון חברים ה. נאַוואַק און שלמה בערקאָוויטש. שפּעטער האָט דעם פּלאַץ פון בערקאָוויטש איבערגענומען מרדכי עפּשטיין. די חברים ל. צוקער, ש. שניאור און אַנדערע האָבן מיטגעאַרבעט אין דער עקזעקוטיווע. ביים אַרויסגעבן די ביכער זיינען געווען טעטיק יונגע חברות. צווישן זיי איז געווען ליובאַ בעלסאָן־כייטמאַן. די פאָלקס ביבליאָטעק איז געוואָרן אַן ענין, וואָס האָט באַשעפטיקט אַלע אַנגעשלאָסענע אָרגאַניזאַציעס, אָבער די פּועלי ציון האָבן ווייטער געטראָגן אויף זיך די גאַנצע אחריות פאַר איר אויפהאַלטונג.

מ'האָט דורכגעפירט עטלעכע ליטעראַרישע אָוונטן כדי צו שאַפן מיטלען פאַר דער פאָלקס ביבליאָטעק. דער ערשטער ליטעראַרישער אָוונט און קאָנצערט איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דעם 1טן אַפּריל, אין קאַראַניישאַן האָל. ס'האָבן גערעדט די חברים ל. חאַזאַנאַוויטש און ש. שניאור. אַ צווייטער קאָנצערט און ליטעראַרישער אָוונט פון דער פאָלקס ביבליאָטעק איז פאַרגעקומען דעם 12טן מאַי, אין קאַראַניישאַן האָל, וואו ס'זיינען אויפגעטראָטן ראובן ברייניך, ל. חאַזאַנאַוויטש, מ. שמואלזאָן און אַנדערע. מ'האָט זיך דאַן טאַקע געווענדעט צו ראובן ברייניך ער זאָל, אַלס רעדאַקטאָר פון „קענעדער אָדלער", אַפּעלירן צו זיינע לייענער צו העלפן דער פאָלקס ביבליאָטעק. גאָר אין קורצן, דעם 19טן מאַי, 1912, האָט ראובן ברייניך אין „קענעדער אָדלער" געשריבן „די קליינע אידישע פאָלקס ביבליאָטעק, די איינציקע אידישע ביבליאָטעק אין מאָנטרעאָל, בעט דאָס מאָנטרעאָלער פּובליקום „אום הילפע". און ווען אונזער פּובליקום וועט זיך גלייך ניט אָפּרופן מוז זיך די ביבליאָטעק צומאַכן".

אין צייט פון דעם שניידער סטרייק, יוני 1912, איז די פאָלקס ביבליאָטעק געווען אָפן טעגלעך פון צוויי אַזייגער נאָכמיטאָג ביז צען אָוונט, „צו

געבן אַ געלעגנהייט די אַרבעטער צו פֿאַרברענגען זייער ליידיקע צייט „מיט נוצן פֿאַר זיך" [217].

דעם זעלבן חודש זיינען די צוויי אַרבעטער רינג ברענטשעס אַרויס מיט אַ מעלדונג, אַז זיי האָבן זיך באַשטייערט, יעדער מיט צוויי דאָלאַר אַ חודש, פֿאַר דער פֿאָלקס ביבליאָטעק. די קאַרפּענטערס יוניאָן און דער צווייג 8 פֿון דעם אידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פֿאַרבאַנד האָבן אויך זיך גענומען צו צאָלן איין דאָלאַר אַ חודש, און „אַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס זיינען געבעטן געוואָרן נאָכצופֿאָלגן דעם ביישפּיל" [218]. אין אויגוסט האָט מען זיך שוין אָנגעהויבן גרייטן צו אַ סוכות באַל. אָבער די הויפּט זאָרג פֿאַר דער ביבליאָטעק האָבן נאָך אַלץ געטראָגן די פּועלי ציון. ביי אַ מי־טינג פֿון דעם פּועלי ציון פֿאַראיין האָט מען באַשלאָסן צונויפֿצושטעלן אַ טויזנט דאָלאַר פֿאָנד פֿאַר דער פֿאָלקס ביבליאָטעק. אַ קאָמיטעט אין באַ־שטאַנד פֿון ש. שניאור, ל. צוקער, א. קאַמאַראָוו און ל. מעלצער האָבן זיך אונטערגענומען צו פֿירן דעם „גרויסן קאָלעקשאָן קאַמפּיין" [219]. דאָס איז אגב געווען דער ערשטער גרויסער געלט קאַמפּיין, וואָס די פּועלי ציון האָבן אָנגעפֿירט אין קאַנאַדע. דער קאַמפּיין איז אָבער געווען אַ דורכפֿאַל. דער ראַדיקאַלער און פּראָגרעסיווער עולם איז געווען אויסגעמאַטערט און פֿאַראַרימט נאָך דעם שניידער סטרייק, וואָס האָט אָנגעהאַלטן פֿיל וואָכן. האָט מען ווייטער געמאַכט אונטערנעמונגען. אַ טעאַטער פֿאָרשטעלונג, דעם 16טן אָקטאָבער, אַ סוכות־באַל דעם 28טן סעפּטעמבער און אַ קאָנצערט און ליטעראַרישער אָוונט, דעם 12טן דעצעמבער.

אָנפֿאַנג יאַנואַר, 1913, האָט מען גערופֿן אַ גרעסערע קאָנפֿערענץ, ניט נאָר פֿון אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס, נאָר אויך פֿון פֿראַטערנאַלע „סאָסייטיס". מ'האָט אויך געלאַדן ראובן ברײַנין צו דער קאָנפֿערענץ. די קאָנפֿערענץ איז געווען שוואַך באַזוכט. דעם 28טן יאַנואַר, 1913, שרייבט ברײַנין אַ לייט־אַרטיקל און רופֿט צו אַ צווייטער קאָנפֿערענץ, אָדער צווייטער זיצונג. ער וואַרנט אָן, אַז די ביבליאָטעק, „וועלכע עקזיסטירט זייט אַ יאָר אַ דאַנק די גרויסע באַמיאונגען און שווערע אָנשטרענגונגען פֿון אַ פּאָר אַרבעטער, האָט קיינע מיטלען ווייטער צו עקזיסטירן... עס פֿעלן ביכער... די צימערן זיינען קליין און ענג... קיין ריכטיקע באַלייכטונג... די ביבליאָטעק איז קיין פּאַרטיי זאַך, נאָר איז די פֿליכט פֿון אַלע פּאַרטייען און אַלע ריכטונגען".

דעם 12טן פֿעברואַר איז אין „קענעדער אָדלער" געווען אָפּגעדרוקט אַ בריוו אונטערגעשריבן פֿון חבר מאַקס (מרדכי) עפּשטיין, מענעדזשער פֿון דער אידישער פֿאָלקס ביבליאָטעק. ער מוסרט אויס אַלע אידישע אָרגאַני־זאַציעס פֿאַר אַרויסווייזן ווייניק אינטערעס אין דער פֿאָלקס ביבליאָטעק, וועלכע עקזיסטירט שוין אַ יאָר צייט. ער בעט נאָך אַ מאָל, אַז זיי זאָלן שיקן דעלעגאַטן צו אַ קאָנפֿערענץ, דעם 21טן פֿעברואַר, כדי אויסצוקלייבן אַ נייע עקזעקוטיווע.

אין יענער צייט האָט יהודה קויפֿמאַן שוין אָנגעהויבן מיטצואַרבעטן אין „קענעדער אָדלער", ער האָט געוואָלט, אַז די פֿאָלקס ביבליאָטעק זאָל

פּאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פֿאָלקס ביבליאָטעק און אַ פֿאָלקס אוניווערזיטעט. קויפֿמאַן האָט געפֿילט, אַז אין דער שפּיץ פֿון דער דאָזיקער דאָפּלטער אונטערנעמונג דאַרף זיך אַוועקשטעלן ראובן ברײנין, וועמענס פּרעסטיזש איז דאַן געווען זייער הויך צווישן אַ גאַר היפּשן טייל פֿון דער אידישער באַפֿעלקערונג אין מאָנטרעאָל. ברײנין, וועלכער האָט באמת געוואָלט אויפֿטאָן גרויסע זאַכן פֿאַרן קאַנאַדער אידנטום און וועלכער האָט זיך נאָך פֿריער פֿאַראינטערעסירט מיט דער פֿאָלקס ביבליאָטעק, איז געווען צופֿרידן אָנצופֿירן מיט דער באַוועגונג פֿאַר אַ גרעסערער פֿאָלקס ביבליאָטעק, אָבער ער האָט פֿאַרלאַנגט, אַז יהודה קויפֿמאַן און זיינע חברים פֿון די פּועלי ציון זאָלן העלפֿן מיט וואָס זיי וועלן קענען.

אזוי ווי די פֿאָלקס ביבליאָטעק האָט זיך געמוזט אַרויסציען פֿון דער געדונגענער הויז אין 404 מיין סטריט (דער טערמין פֿון דעם „ליעז" איז אויסגעגאַנגען) האָט מען די ביכער דערווייל אַוועקגעלייגט אין אַ פּריוואַטער הויז. ראובן ברײנין האָט געמאַכט אַראַנזשירונגען, אַז דער בעל הבית, וואָס האָט דאַן געבויט דעם „פּרינץ אַרטור האָל" (מר. לעוויט), זאָל אָפּגעבן אַ ספּעציעלן זאַל פֿאַר דער פֿאָלקס ביבליאָטעק און אַז דער זאַל זאָל אויסגעבויט ווערן „אונטער דעם אויפֿזיכט און פּלאַן פֿון ראובן ברײנין"[220]. דעם 5טן מאַי, 1913, האָט דער נײַ דערוויילטער פֿאָלקס ביבליאָטעק קאָמיטעט, ווידעראַמאָל אַרויסגעלאָזט אַן אויפֿרוף צו דער אידישער באַפֿעלקערונג צו שטיצן די פֿאָלקס ביבליאָטעק. דער אויפֿרוף איז אונטערגעשריבן געוואָרן פֿון ראובן ברײנין, אַלס פּרעזיצער. אין אַ בריוו פֿון 12טן דעצעמבער, 1953, האָט שלמה בערקאָוויטש געשריבן, אַז ה. נאָוואַק איז נאָך דאַן אַלץ געווען דער סעקרעטאַר פֿון דער ביבליאָטעק.

ס'איז געוואָרן קלאָר, אַז מ'קען זיך ניט פֿאַרלאָזן, אַז בלויז אָרגאַניזאַציעס זאָלן אויסהאַלטן די ביבליאָטעק, נאָר אַז מ'מוז שאַפֿן אַ פֿאַראיין פֿון יחידים, פֿון מיטגלידער, וועלכע זאָלן זיך פֿאַרפֿליכטן צו צאָלן אַ מיטגליד שטייער און זאָלן אַרויסהעלפֿן דער אינסטיטוציע מיט וואָס זיי וועלן קענען. אין מיטן זומער, 1913, איז ר. ברײנין אָפּגעפֿאָרן צום ציוניסטישן קאָנגרעס און די אַרבעט פֿאַר דער ווידער־דערעפֿענונג פֿון דער ביבליאָטעק האָט זיך באַנייט ערשט צום סוף פֿון 1913. פֿון דער האָפֿענונג אָדער צוזאָג צו האָבן אַ זאַל פֿאַר דער ביבליאָטעק אין דעם „פּרינץ אַרטור האָל" האָט זיך גאָרניט אויסגעלאָזן. דעם 22טן פֿעברואַר, 1914, איז ווידער פֿאָרגעקומען אַ קאָנפֿערענץ, וואָס ברײנין האָט פֿאַררופֿן. ביי דער קאָנפֿערענץ זיינען געווען פֿאַרטראָטן פֿאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס, אָבער ס'זיינען שוין אויך געווען אַ צאָל יחידים. מ'האָט באַשלאָסן צו דערעפֿענען די פֿאָלקס ביבליאָטעק אין מאַי, 1914, און אַז עס זאָל אויסגעפֿונען ווערן אַ פּאַסנדיקער האָל, „וועלכער ענטשפּרעכט די היגיענישע און אַנדערע פֿאָדערונגען פֿון אַ פֿאָלקס ביבליאָטעק". די צייטונג גיט ניט אָן די נעמען פֿון דעם קאָמיטעט פֿון צען וואָס איז דערוויילט געוואָרן, מיט ראובן ברײנין אַלס פּאָרזיצער, אָבער מיר וועלן

שפּעטער זעען, אַז די גרעסטע צאָל פון זיי, זיינען געווען חברים פון דעם פּועלי ציון פאַראיין.

דעם 6טן מערץ, 1914, דערשיינט אַ גרויסער אַרטיקל פון (דר) יהודה קויפמאַן וועגן דער אידעע פון אַ פאָלקס אוניווערזיטעט און ס׳ווערט קלאָר, אַז די פאָלקס ביבליאָטעק וועט איצט זיכער פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ דאָפּלטער אינסטיטוציע, אַ פאָלקס ביבליאָטעק און אַ פאָלקס אוניווערזיטעט.

אַ קאַמפּיין פאַר פאָנדן האָט זיך גלייך אָנגעהויבן. אין קאַסע פון דער צייטווייליק פאַרמאַכטער פאָלקס ביבליאָטעק איז געווען 25 דאָלער. דער שניידער־יוניאָן־לאָקאַל 209 האָט געגעבן 25 דאָלער, דער פּועלי ציון פאַר־איין 10 דאָלער א. א. וו. די הויפּט זאַמלער זיינען געווען חברים פון דעם פּועלי ציון פאַראיין, ב. קויפמאַן, נח חפץ, יהודה קויפמאַן, מרדכי עפּשטיין, ל. צוקער, מ. פרענקעל, ישראל חפץ, ב. קורמאַן, י. מיכלין, א. מייבערג און אַנדערע.

צו דער ווידערדערעפענונג פון דער ביבליאָטעק איז שוין געווען אַ פאָנד פון אַרום 500 דאָלער. די ביבליאָטעק האָט זיך אַריינגעקליבן אין 669 סט. אורביין סטריט.

די 449 ביכער פון דער פּועלי ציון ביבליאָטעק, וואָס האָבן צוזאַמענ־געשטעלט דעם סכום ביכער פון דער אַלטער פאָלקס ביבליאָטעק, זיינען געווען דער יסוד פון דעם ביכער פאָנד פון דער באַנייטער ביבליאָטעק. אַרום עלף הונדערט ביכער זיינען געשענקט געוואָרן אָדער געקויפט גע־וואָרן ביי דער דערעפענונג פון דער ביבליאָטעק. די ביכער פון דער אַלטער פאָלקס ביבליאָטעק זיינען געווען איינגעטיילט אין: 321 אידישע ביכער, 29 העברעאישע, 17 ענגלישע, 82 רוסישע און אַנדערע — צוזאַמען 449 [221]).

אַ גרויסער טייל פון יענע ביכער, אויב ניט דער גרעסטער טייל, זיינען נאָך היינט צו טאָג פאַראַן אין דער איצטיקער פאָלקס ביבליאָטעק. מיר האָבן זיי כמעט אַלע איבערגעקוקט. בלויז אויף איין בוך האָבן מיר געזען דעם שטעמפּל פון „דורשי ציון". אַלע אַנדערע ביכער האָבן נאָך די שטעמ־פּלען פון די פּועלי ציון. דאָס באַווייזט, אַז די צאָל ביכער, וואָס די „דורשי ציון" האָבן געבראַכט צו דער אָריגינעלער פּועלי ציון ביבליאָטעק איז גע־ווען אומבאַדייטנדיק.

אין מאַי, 1915, האָבן נאָך די ביכער פון דער ערשטער פאָלקס ביבליאָ־טעק אויסגעמאַכט 42 פּראָצענט פון אַלע אידישע ביכער און 52 פּראָצענט פון אַלע רוסיש־דייטשע ביכער וואָס די ביבליאָטעק האָט פאַרמאָגט. אין זייער ערשטן געדרוקטן באַריכט האָבן ראובן בריינין און יהודה קויפמאַן געזאָגט: „די אידישע פאָלקס ביבליאָטעק און פאָלקס אוניווערזיטעט איז אַנטשטאַנען פון דער אַמאָליקער פּועלי ציוניסטישער פאָלקס ביבליאָ־טעק" [222]). אין דעם באַריכט איבער דער גייסטיקער טעטיקייט און ווירק־קונג פון דער אידישער פאָלקס ביבליאָטעק, אונטערגעשריבן פון ראובן בריינין, יהודה קויפמאַן און דער ביבליאָטעקאַרין חברה דבורה זעלינגער,

ווערט געזאָגט: „ווי באַוואוסט, האָט זיך די אידישע פאָלקס ביבליאָטעק אַנטוויקלט און איז דירעקט אויסגעוואַקסן פון דער אַמאַליקער פועלי ציון פאָלקס ביבליאָטעק" [223]).

מיר וועלן זיך ניט אַריינלאָזן אין ווייטערדיקע איינצלהייטן אָדער אין דער ווייטערדיקער געשיכטע פון דער פאָלקס ביבליאָטעק. מיר וועלן אָבער דערמאָנען, אַז פון די 32 מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג, וואָס זיינען געווען אַקטיוו ביי דעם סוף פון דעם ערשטן יאָר פון דער באַנייטער אַרבעט, זיינען 23 געווען חברים פון דעם פועלי ציון פאַראיין, אָדער 72 פראָצענט פון דעם גאַנצן קאָמיטעט. דער ערשטער אָנפירער פון דעם קאַמפּיין פאַר מיטגלידער איז געווען אַ פועלי ציון, נח חפץ. די אָנפירער פון דעם ערשטן „טעג־טאָג", אין אַ זייער קאַלטן פעברואַר טאָג, וואָס האָט אַריינגעבראַכט 630 דאָלער, זיינען געווען ש. בעלקין מיט זיין אַרויסהעלפער, ש. זעלינגער. די פועלי ציון זיינען געווען די מאַיאָריטעט פון דעם גאַנצן קאָמיטעט, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן „טעג טאָג". דער אָנפירער פון דער שלום עליכם אונ־טערנעמונג, וואָס האָט אַריינגעבראַכט איבער 600 דאָלער, אין 1915, איז אויך געווען אַ חבר פון די פועלי ציון. די דאָזיקע צוויי אונטערנעמונגען האָבן דאַן געראַטעוועט די פאָלקס ביבליאָטעק. די ערשטע פינאַנץ סעקרע־טאַרן זיינען געווען פועלי ציון. איינער פון זיי, צבי רייזלער, האָט אָנגעהאַלטן דעם אַמט פון פינאַנץ סעקרעטאַר פאַר עטלעכע יאָר.

נאָך דעם ווי ראובן ברײנין און יהודה קויפמאַן זיינען אַוועקגעפאָרן פון מאָנטרעאָל איז ל. צוקער געוואָרן פרעזידענט. נאָך אים איז ח. מ. קייזערמאַן געווען פרעזידענט. נאָך דעם איז ווידער ל. צוקער געווען פרע־זידענט און שפּעטער ש. בעלקין. קורץ ביז 1926 זיינען חברים פון דער פאַרטיי געווען פרעזידענטן פון דער ביבליאָטעק. נאָך דעם האָט ישראל ראַבינאָוויטש פאַרנומען אַ באַזונדערן אָרט אין דער אָנפירערשאַפט פון דער ביבליאָטעק. ער איז עטלעכע מאָל געווען פרעזידענט און האָט אויך אָנגע־האַלטן אַנדערע אַמטן. צווישן די ערשטע סעקרעטאַרן זיינען געווען די חב־רים א. עסנער, אברהם שניידער, מ. פרענקל, יעקב קאַץ, אליהו גרינבערג און אַנדערע. אייניקע חברים, ווי ד. ה. לאַזאַרוס, זיינען געבליבן טעטיק אין דער פאַרוואַלטונג אַזוי לאַנג ווי זיי האָבן געלעבט. ישראל ראַבינאָוויטש, ל. צוקער און די פריינד פ. ליפשיץ און נחום מייערסאָן זיינען פאַרבליבן טעטיקע מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג ביזן היינטיקן טאָג.

דאָ מעג אויך דערמאָנט ווערן, אַז אין דעם ווינטער פון 1916—1917, זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן רעגלמעסיקע קורסן פון דעם פאָלקס אוניווער־זיטעט. ס׳זיינען געהאַלטן געוואָרן 253 לעקציעס, ס׳זיינען געקומען הונדער־טער צוהערער. אָנגעפירט מיט דער אַרבעט האָט אַ קאָמיטעט פון אַכט. פינף פון זיי זיינען געווען די פועלי ציון חברים ל. צוקער, ח. מ. קייזערמאַן, ה. נאָוואַק, חברה עטל בירברייער און ש. בעלקין. דער לעצטער איז אויך געווען דער סעקרעטאַר פון דעם פאָלקס אוניווערזיטעט. אַלעקסאַנדער כאַשין

איז ספּעציעל אַראָפּגעבראַכט געוואָרן קיין מאָנטרעאָל אַלס לעקטאָר פון אידישער און העברעאישער ליטעראַטור.

טאָראָנטאָ

נאָך אין 1906, איז געמאַכט געוואָרן אַ פּאַרזוך צו גרינדן אַ פּועלי ציון ביבליאָטעק אין טאָראָנטאָ. דער צווייטער פּאַרזוך איז געמאַכט געוואָרן צוזאַמען מיט איינִיקע ס. ט. אין יוני, 1916. מ'האָט געוואָלט גרינדן די „שלום עליכם ביבליאָטעק"[224]. מ'האָט געפּלאַנט צו פּאַראייניקן עטלעכע קלענערע און גרעסערע ביבליאָטעקן. דער פּאָרזיצער איז געווען א. ריינ־וויין, וויצע פּאָרזיצער מ. קרעמער און פּראָטאָקאָל און קאָרעספּאָנדענץ סעק־רעטאַר ל. ראָזענבערג. אין דער עקזעקוטיווע זיינען געווען די חברים י. מאַטענקאָ, ק. וואַגנער, און קירשענבוים[225]. די שלום עליכם פאָלקס בי־בליאָטעק איז ענדלעך דערעפנט געוואָרן אָנפאַנג דעצעמבער, 1916[226]. אַרום יענער צייט האָט דער טאָראָנטער פּועלי ציון פּאַראיין באַשלאָסן צו שאַפן אַ לייען צימער פאַר די חברים פון דער פּאַרטיי און האָט אויסגעקליבן די חברים גערטלער, זילבערבערג און שוואַרצבוים דאָס דורכצופירן[227].

ס'זיינען ניט געבליבן קיין גענויע ידיעות צי דיביידע גרופּעס האָבן קאָאָפּערירט אין דער אַרבעט. ווייזט אויס, אַז די באַציאונגען זיינען געווען גוטע. אין אָנהויב אַפּריל, 1917, איז פּאָרגעקומען אַ באַנקעט פאַר דער שלום עליכם ביבליאָטעק אין דעם פּועלי ציון צענטער. חבר מ. קרעמער איז גע־ווען טאָסטמייסטער און חבר א. ריינוויין דער הויפּט רעדנער[228]. דאָס גיט דעם איינדרוק, אַז ביידע גרופּן האָבן געהאַט נאָענטע באַציאונגען. אין מאַי, 1917, איז געגרינדעט געוואָרן דער פּרץ פאָלקס אינסטיטוט, וואו מ'האָט געגעבן לעקציעס פאַר דערוואַקסענע און וואו מ'האָט געהאַט אָפענע זונטיק פאָרומס. דער הויפּט אָנפירער פון דעם פּרץ אינסטיטוט איז געווען א. ריינ־וויין. אגב, האָט יהודה קויפמאַן אַרום יענער צייט אַגיטירט אין טאָראָנטאָ פאַר אַ פאָלקס אוניווערזיטעט און ניט בלויז אַ פאָרום. דער פּועלי ציון פּאַראיין האָט דאַן טאַקע באַשלאָסן צו גרינדן אַ פאָלקס אוניווערזיטעט, ווי אין מאָנטרעאָל, און 30 חברים האָבן זיך פאַרשריבן אַלס צוהערער.

דעם 14טן סעפּטעמבער, 1917, האָט די שלום עליכם פאָלקס ביבליאָטעק געהאַט איר ערשטע יערלעכע פאַרזאַמלונג. א. ריינוויין איז ווידער דער־ווילט געוואָרן אַלס פּאָרזיצער, ה. מ. קירשענבוים, פינאַנץ סעקרעטאַר און ל. מ. קירשענבוים, ל. ראָזענבערג און מ. קרעמער זיינען אַריין אין דער פאַרוואַלטונג[229].

אָנהויב 1918 איז די שלום עליכם פאָלקס ביבליאָטעק רעאָרגאַניזירט געוואָרן און איז איבערגענומען געוואָרן אָדער פאַראייניקט געוואָרן מיט דעם פּרץ פאָלקס אינסטיטוט[230]. דער פּרץ פאָלקס אינסטיטוט האָט שוין דאַן געהאַט אַרום 330 מיטגלידער[231]. די ביבליאָטעק פלעגט אַרויסגעבן ביכער דריי מאָל אַ וואָך און דער לייען זאַל איז געווען אָפן יעדן טאָג.

סוף אויגוסט, 1918, איז פאָרגעקומען אַ פאַראייניקונג פון די טאָראָנ־טער פּרץ שולן און דעם פּרץ פאָלקס אינסטיטוט און די שלום עליכם פאָלקס ביבליאָטעק האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן ווי אַ באַזונדערע קערפּער־שאַפט. אין 1919, האָבן די אַרבעטער רינג בּרענטשעס פון טאָראָנטאָ אי־בערגענומען די פּרץ שולן און אַלץ וואָס איז געבליבן פון דער שלום עליכם פאָלקס ביבליאָטעק איז געוואָרן דאָס אייגנטום פון דעם אַרבעטער רינג.

די דיסטריקט קאָנפערענץ פון אידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד האָט דאָס פאָראויסגעזען און האָט, נאָך אין 1918, באַשלאָסן צו גרינדן אַ ביבליאָטעק און לייען זאַל פאַר די חברים. דאָס איז אָבער רעאַליזירט גע־וואָרן ערשט אין די שפּעטערדיקע יאָרן.

וויניפּעג

חבר י. א. טשערניאַק פון וויניפּעג דערציילט ערגעץ אין זיינע זכרונות, אַז ווען די ערשטע ס. ט. חברים זיינען אָנגעקומען אין וויניפּעג, אין 1905, האָבן זיי זיך גרופּירט אַרום דער „ראַדיקאַל לייברערי". זיי פלעגן ברענגען ס. ט. אויסגאַבן און געבעטן מ'זאָל זיי אויך אַוועקלייגן אין דעם „לייען זאַל". די זשורנאַלן פלעגן די געגנאָסן אָדער אַנאַרכיסטן, וואָס האָבן אויפגעפּאַסט אויפן לייען זאַל, צונעמען כלומרשט בכבוד גדול און געלאָזט זיי אַוועק־לייגן צווישן די אַנדערע צייטונגען און וואָכנבלעטער. אָבער ווי שנעל די חברים ס. ט. פלעגן אַוועקגיין, זיינען די ס. ט. אויסגאַבן, מעשה שטן, גלייך פאַרשוואונדן געוואָרן... דאָס האָט ענדלעך געבראַכט צו דער גרינדונג פון אַן אייגענעם ס. ט. לייען זאַל און ביבליאָטעק, סוף זומער אָדער אין הערבסט 1906. די פּועלי ציון האָבן געעפנט זייער לייען זאַל און ביבליאָטעק אין פרילינג 1907.

ביידע „ביבליאָטעקן" זיינען געווען אין אַ שלעכטן צושטאַנד. די באַמי־אונגען, אין 1908—1909, צו פאַראייניקן ביידע ביבליאָטעקן, צו האָבן איין לאָקאַל פאַר ביידע, האָבן זיך ניט איינגעגעבן. די ס. ט. האָבן געפאָדערט, אַז דער נאָמען פון דער פאַראייניקטער ביבליאָטעק זאָל זיין די „ס. ט. ביבליאָטעק". די פּועלי ציון האָבן געוואָלט, אַז זי זאָל טראָגן דעם נאָמען „פאָלקס ביבליאָטעק". דער רעזולטאַט פון דעם איז געווען, אַז ביידע בי־בליאָטעקן זיינען אונטערגעגאַנגען. אין לויף פון די מלחמה יאָרן זיינען די רעשטלעך פון דער פּועלי ציון ביבליאָטעק איבערגעגעבן געוואָרן צו דער „בני ציון" ביבליאָטעק אין ת"ת. שפּעטער איז אויך די ביבליאָטעק אונ־טערגעגאַנגען.

אַ פאַרזוך צו האָבן אַ ביבליאָטעק איז אויך געמאַכט געוואָרן פון דעם פאַראיין „יונגע מאַקאַבייער". זייער ביבליאָטעק האָט געטראָגן דעם נאָמען: דר. הערצל ביבליאָטעק. פון דער ביבליאָטעק איז אויך גאָרניט געוואָרן. דער פאַרזוך פון די פּועלי ציון פון קילדאָנען איז אויך געווען אַ דורכפאַל.

אַ אידישע פאָלקס ביבליאָטעק איז געגרינדעט געוואָרן אין וויניפעג, ערשט אין 1922.

סאַסקאַטון

אין סאַסקאַטון האָט דער ראַדיקאַלער פאַראיין געהאַט אַ ביבליאָטעק פון אַרום 300 ביכער. זי האָט זיך געפונען אין דעם הויז פון די זעלטשענ־קאָס. שפּעטער איז די ביבליאָטעק אַריבער צו די פּועלי ציון.

לאַשין

ווען ס׳איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ פּועלי ציון פאַראיין אין דעם שטעטל לאַשין, נעבן מאָנטרעאָל, אין 1909, האָבן זיי געשאַפן אַ קליינע ביבליאָטעק. די ביבליאָטעק האָט זיך געפונען ביי חבר י. וויגענסבערג אין הויז. אַזוי ווי זייער הויז איז באַשטאַנען פון אַ שלאָפצימער און אַ קיך, האָבן די וויגענס־בערגס געהאַלטן די פאַרטיי ביבליאָטעק אין זייער שלאָפצימער... די ביבליאָטעק האָט עקזיסטירט אַזוי לאַנג ווי ס׳איז דאָרט געווען אַ פּועלי ציון פאַראיין. ווען דער פאַרטיי פאַראיין און פאַרבאַנד צווייג האָבן זיך אויפגע־לייזט, איז אויך די ביבליאָטעק צעפאַלן געוואָרן.

11.

נאַציאָנאַלע הילפס אַרבעט

די „רעליף״ טעטיקייטן אין מאָנטרעאָל

ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע וועלט מלחמה, איז קאַנאַדע גלייך אַריין אין דעם קריג און האָט זיך גענומען אָרגאַניזירן די קאַנאַדער וואָלונטירן אַרמיי. כדי צו סטימולירן דעם אָנשלוס אין דער אַרמיי, האָבן די רייכע בירגער פון לאַנד געשאַפן דעם „פּאַטריאָטיק פאָנד״ צו העלפן די פאַמיליעס פון די, וואָס וועלן אַוועקגיין אין דער מלחמה. דער דאָזיקער פאָנד האָט אויך געזאָרגט פאַר די וואָס זיינען געוואָרן אַרבעטסלאָז צוליב דער מלחמה. די אידישע „פּני״ פון מאָנטרעאָל, פון דעם עלטערן דור, האָבן געטראַכט, אַז די אידן דאַרפן ניט האָבן קיין באַזונדערע פאָנדן, נאָר דאַרפן זיך באַטייליקן מיט גרויסעביישטייערונגען פאַר דעם „פּאַטריאָטיק פאָנד״. אויסער דעם האָבן אַלע „אפּטאונער אידן״ (די אינגערע פונקט ווי די על־טערע מנהיגים) מורא געהאַט, אַז די אידישע פאָלקס מאַסן אין קאַנאַדע וועלן אין זייער גרויסער מערהייט זיין, — פּונקט ווי די מערהייט אידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, — קעגן די קאָאַליציע לענדער, אַז זיי וועלן צוליב זייער שנאה צום צאַרישן רוסלאַנד, ניט זיין פּאַטריאָטיש.

די אידישע פֿאָלקס מאַסן אין קאַנאַדע, כאָטש זיי האָבן געוואָלט אַ צו־זאַמענבראַך פון דעם צאַריזם, אַלס רעזולטאַט פון דער מלחמה, זיינען אָבער בדרך כלל, אין זייער גרויסער מערהייט, ניט געווען וויניקער פּאַטריאָטיש ווי די „אַפּטאַונער אידן". אפילו די סאָציאַליסטישע עלעמענטן אין קאַנאַדע האָבן ניט גענומען אַזאַ עקסטרעמע אַנטי מלחמה שטעלונג ווי זייערע חברים אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אזוי לאַנג ווי דער באַזיס פון אָנשלוס אין דער אַרמיי איז געווען אַ פרייוויליקער, האָבן די סאָציאַליסטן ניט געפירט קיין אויסגעהאַלטענע פּאַציפיסטישע פּאָליטיק און האָבן ניט שאַרף באַקעמפט דעם אָנטייל פון קאַנאַדע אין דער מלחמה.

ס'איז אמת, אַז היפּשע צאָלן אידן האָבן אין אָנפאַנג געטראַכט, אַז די מלחמה וועט לאַנג ניט אָנהאַלטן. אָבער די פֿאָלקס מאַסן וואָס האָבן נאָך געהאַט פיל קרובים אויף יענער זייט ים, האָבן באַלד דערפילט, אַז מ'מוז אָנהויבן שאַפן הילף פאַר די מלחמה געליטענע אין דער אַלטער היים. ס'איז זיי וויניק אָנגעגאַנגען צי זייערע קרובים געפינען זיך אין „אָקופּירטע טע־ריטאָריעס", צי ניט. ראובן ברייניך, וועלכער איז געווען דער רעדאַקטאָר פון „קענעדער אָדלער", האָט אויך געטראַכט אזוי. ארום דריי וואָכן נאָך דעם אויסברוך פון קריג איז ברייניך ארויסגעקומען מיט אַ לייט אַרטיקל, מ'זאָל גריינדן אַ הילפס קאָמיטעט פון קאַנאַדער אידן. אָבער די „אַפּטאַונער אידן" האָבן דערפון ניט געוואָלט הערן. די פּועלי ציון זיינען געווען די ערשטע צו פירן אַ פּראָפּאַגאַנדע צווישן די פֿאָלקס מאַסן, אַז מ'זאָל זיך גלייך נעמען צו דער אַרבעט. ביסלעכווייז, אונטער דעם דרוק פון דער עפנטלע־כער מיינונג, האָבן די אינגערע מנהיגים פון די „אַפּטאַונער אידן", די קינ־דער פון דעם צווייטן דור ליטווישע אידן, וואָס זיינען אָנגעקומען אין קאַ־נאַדע אין די זיבעציקער און אַכציקער יאָרן (לייאָן כהן, ס. וו. דזשייקאָבס און אַנדערע), געפונען אַ פּשרה. זייער קאָמפּראָמיס איז געווען, שאַפן מיטלען פאַר מלחמה ליידנדע אידן אין קאַנאַדע ווי אויך פאַר די אידן מעבר לים.

סוף אָקטאָבער, 1914, נאָך אַ רייע אַרטיקלען אין דער לאָקאַלער אידי־שער צייטונג, איז פאַרגעקומען אַ קאָנפערענץ. ראובן ברייניך האָט באַ־שלאָסן אָנצונעמען דעם דאָזיקן קאָמפּראָמיס. און כאָטש ער האָט „באַטראַכט דעם קריג אַלס דריטן חורבן אין דער אידישער געשיכטע", האָט ער פאָר־געשלאָגן מ'זאָל אָרגאַניזירן אַ הילפס קאָמיטעט צו העלפן די אומגליקלעכע אידן אין די קריגס ליידענדע לענדער „צוגלייך מיט די הונגער ליידנדע אידן פון מאָנטרעאָל..." ס'איז אינטערעסאַנט, אַז מ. (מייקל) ל. בראַון און ח. מ. קייזערמאַן, — וועלכע האָבן פאַרטראָטן ביי דער קאָנפערענץ די מאָנ־טרעאָלער „היברו אימיגראַנט אייד סאָסייטי", — האָבן אויסגעדריקט דעם געדאַנק, אַז די מלחמה וועט לאַנג ניט אָנהאַלטן. ח. מ. קייזערמאַן האָט דער־פאַר פאָרגעשלאָגן, אַז מ'זאָל שאַפן געלט פאַר דער אימיגראַנטן הילף גע־זעלשאַפט, „כדי זי זאָל זיין גרייט אויפצונעמען די טויזנטער אימיגראַנטן, וועלכע וועלן קומען אין קאַנאַדע נאָך דער מלחמה" [232]. די קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן צו פאָלגן הרב צבי כהן, און צו אָרגאַניזירן פריער די „דאַון טאַון"

אידן און דערנאָך אַריינציען די „אפּטאונער יאַהודים" פאַר אַ געמיינשאַפט־לעכער מלחמה הילף אַקציע. ס'איז אָבער פאַרשטאַנען געוואָרן פון כמעט אַלע, אַז מ'מוז פריער פאַר אַלץ העלפן די אידן אין די מלחמה לענדער און, אויב מ'וועט אָנפירן אַ קאַמפּיין, זאָל כמעט די גאַנצע סומע וואָס מ'וועט צו־נויפזאַמלען גיין פאַר זיי.

ס'זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן עטלעכע מאַסן פאַרזאַמלונגען און סוף נאָוועמבער, 1914, איז שוין געווען אַ קאָנפערענץ פון אַרום צוויי הונדערט דעלעגאַטן, פאַרטרעטער פון זעכציק אידישע שולן, אָרגאַניזאַציעס און פאַר־איינען צו העלפן די מלחמה קרבנות [233]). די רייכע אידן, פון דעם מערב טייל פון שטאָט, האָבן ענדלעך צוגעשטימט צו שאַפן דעם הילפס קאָמיטעט. ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ פאַראייניקטער קאָמיטעט פון 15 „אפּטאונער יאַ־הודים" און זעקס פאַרשטייער פון די פאָלקס אָרגאַניזאַציעס. צווישן די זעקס זיינען געווען, אויסער ראובן בריינין (וויצע פאַרזיצער), די חברים: ל. צו־קער, ה. מ. קייזערמאַן און מ. ל. בראַון. ווי מ'קען זען, איז די הויפּט דעה געבליבן ביי דעם „אפּטאון".

אַ קאַמפּיין איז דורכגעפירט געוואָרן אָנהויב 1915. מ'האָט געשאַפן אַרום 24 טויזנט דאָלאַר, פון דעם האָט מען איבערגעשיקט 6 טויזנט דאָלאַר פאַר מלחמה געליטענע... בלויז 6 טויזנט דאָלאַר פאַר מלחמה ליידנדע און 18 טויזנט דאָלאַר האָט מען צוגענומען פאַר לאָקאַלע מאָנטרעאָלער צדקה אָרגאַניזאַציעס(!)... די דאָזיקע סומע האָט איינגעשלאָסן אַ ביסל הילף פאַר דער פאָלקס קיך, וואָס איז אין יענעם ווינטער ווידער דערעפנט געוואָרן.

דאָס האָט אַרויסגערופן גרויס פאַרביטערונג, באַזונדערס צווישן די חברים פון די פּועלי ציון, נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד און אַנדערע אַר־בעטער און פאָלקס אָרגאַניזאַציעס. זיי האָבן דערפילט, אַז די „אפּטאונער יאַהודים" האָבן זיי פּשוט אָפּגענאַרט. זיי האָבן געוואוסט, אַז אין טאָראָנטאָ האָבן זייערע חברים גענומען די איניציאַטיוו און געגרינדעט אַ מלחמה־הילפס קאָנפערענץ, וואָס האָט דאָס גאַנצע געלט, ווי גרויס אָדער ווי קליין זייערע זאַמלונגען זיינען געווען, אָפּגעשיקט אָדער פאַרווענדעט פאַר דעם צוועק, פאַר וועלכן דאָס געלט איז געזאַמלט געוואָרן. די חברים האָבן אויך געפילט, אַז זיי מוזן נאָכפאָלגן זייער פירערשאַפט אין די פאַראייניקטע שטאַטן און, אַז עס מוז געשאַפן ווערן אַ קאַנאַדער אידישע דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל אויף זיך נעמען ניט נאָר די הילפס אַרבעט, נאָר אויך די פּאָליטישע אַרבעט פאַר די אידן פון יענער זייט ים, און וועלכע זאָל אויך זאָרגן פאַר די פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון קאַנאַדער אידנטום בכלל.

ביי חברים באַראַטונגען האָט די באַוועגונג באַשלאָסן, אַז דער נאַציאָ־נאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד צווייג 8, זאָל נעמען די איניציאַטיוו צוזאַמענצו־רופן אַ קאָנפערענץ פאַר דעם 21טן פעברואַר, 1915. פון יענער קאָנפערענץ איז אויסגעוואַקסן דער פאָלקס פאַרבאַנד, וועלכער האָט דערפירט צו דער צוזאַמענרופונג פון דעם קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס. דאָס באַלאַנגט שוין

אָבער צו דער געשיכטע פון קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס און וועט באַהאַנדלט ווערן אין אַ באַזונדערן קאַפּיטל.

איינע פון די באַלדיקע אַרבעטן פון דעם פאָלקס פאַרבאַנד איז געווען אָנצוהויבן שאַפן הילף פאַר מלחמה קרבנות. אַ פועלי ציון חבר האָט פאָרגעשלאָגן, מען זאָל אַריינשטעלן שוואַרצע פּושקעס אין אַלע אידישע הייזער, פּונקט ווי ס'ווערט געטאָן מיט די ארץ ישראל צדקה פּושקעס און מען זאָל יעדע צוויי וואָכן באַזוכן די הייזער און אַרויסנעמען דאָס געלט. דער פּלאַן איז אָנגענומען געוואָרן און ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ וואָלונטירן אַרמיי פון זאַמלער, וואָס האָט צעטיילט די פּושקעס און האָט געמאַכט די וועכנטלעכע זאַמלונגען. אַלע חברים פון דער פּאַרטיי און פאַרבאַנד, אָן אויסנאַמע, זיינען געוואָרן וואָלונטירן און האָבן מיט זייער באַגייסטערונג און איבערגעגעבנקייט מיטגעריסן הונדערטער יונגע מענטשן. אין אַ קורצער צייט האָט די וואָלונטירן אַרמיי געציילט הונדערטער מיטגלידער, אָבער דער רוקנביין זיינען פאַרבליבן די חברים פון דער באַוועגונג. זונטיק, דעם 12טן סעפּטעמבער, 1915, האָבן 78 וואָלונטירן קאָמיטעטן געמאַכט די ערשטע זאַמלונג. זיי האָבן אין איין טאָג באַזוכט 2154 אידישע וואוינונגען, וואו מ'האָט פריער געהאַט אַריינגעשטעלט פּושקעס און האָבן אין 1541 פּושקעס געפונען די סומע פון אַרום 242 דאָלאַר [234]). אין די דאָזיקע פּושקעס זיינען געפונען געוואָרן איבער 5700 איינציקע סענטן, וואָס האָט באַוויזן די פּאָפּולאַריטעט פון דער פּושקעס סיסטעם צווישן די אָרימערע קלאַסן און ווי האַרציק זיי האָבן זיך אָפּגערופן אויף דעם רוף צו העלפן זייערע ברידער און שוועסטער אויף יענער זייט ים („גיט די טויטע אויף תכריכים, גיט די לעבעדיקע ברויט").

די רייכערע אידן האָבן אָנגעהויבן צו באַקעמפן די זעלבסטשטענדיקע אַרבעט פון די אידישע פאָלקס מאַסן, ס'איז „הסגת גבול צו די ארץ ישראל צדקה פּושקעס"... דער „קענעדער אָדלער", וואָס איז געווען אומפּריינטלעך צום פאָלקס פאַרבאַנד, איבער זייער סכסוך מיט ראובן ברייניך, האָט אָנגעפירט מיט דעם קאַמף קעגן די מלחמה הילפס זאַמלונגען פון פאָלקס פאַרבאַנד. אָבער די פאָלקס מאַסן האָבן אויפגענומען דעם רוף פאַר נאַציאָנאַלער פאָלקס הילף מיט גרויס באַגייסטערונג און האָבן זיך ניט צוגעהערט צו די דאָזיקע טענות. אין פאַרלויף פון כמעט איין חודש זיינען פון די זאַמלונגען איבערגעשיקט געוואָרן צו דעם „פּיפּלס רעליף" אין ניו יאָרק 1500 דאָלער.

אין פעברואַר, 1916, האָט מען די מלחמה הילפס אַרבעט פון דעם פאָלקס פאַרבאַנד אָפּגעטיילט פון זיין פּאָליטישער אַרבעט. ס'איז באַשאַפן געוואָרן, אונטער דעם אויפזיכט פון דעם פאָלקס פאַרבאַנד אַ באַזונדערער קאָמיטעט, אָבער די באַאַמטע און פירער זיינען געווען אָדער געבליבן די זעלבע. ביז דעצעמבער, 1916, איז איבערגעשיקט געוואָרן צו דעם פּיפּלס רעליף אין ניו יאָרק אַרום 12 טויזנט דאָלער. די וואָלונטירן פון די וועכנטלעכע זאַמלונגען האָבן געטאָן זייער אַרבעט פאַר כמעט דריי יאָר מיט רעליגיעזער איבערגעגעבנקייט און האָבן פּשוט אויפגעטאָן וואונדער. זאָל דאָ דערמאָנט ווערן די אַרבעט כאָטש פון איין וואָלונטיר, חבר לייבוש קליין, וועלכער האָט

געזאַמלט די גרעסטע סומע און וועלכער האָט וואָך איין וואָך אויס געזאַמלט צענדליקער און הונדערטער דאָלאַרן. אַ צווייטער וואָלונטיר, צבי רייזלער, איז געוואָרן איינער פון די איבערגעגעבנסטע סעקרעטאַרן. אויך די זאַמ־לונגען פון די קינדער פון די שולן זיינען געווען פאַר אַלעמען אַ קוואַל פון באַגייסטערונג און באַוואונדערונג. די זאַמלונגען זיינען אויך אָנגעפירט גע־וואָרן אין די פאַרשטעטע מיילענד און פּאַפּיניו.

די מעטאָדע פון וועכנטלעכע זאַמלונגען איינגעפירט פון פאָלקס פאַר־באַנד איז אויך אָנגענומען געוואָרן אין אַנדערע שטעט. אין ניו יאָרק איז געמאַכט געוואָרן אַ פאַרזוך איינצופירן די מאָנטרעאָלער פּושקעס סיסטעם אין עפנטלעכע ערטער[235].

אין 1918, איז דער מלחמה הילפס אָפּטייל פון פאָלקס פאַרבאַנד רע־אָרגאַניזירט געוואָרן אַלס אָפּטייל פון דעם פּיפּלס רעליף. חברים פון דער באַוועגונג האָבן ווייטער אָנגעהאַלטן וויכטיקע אַמטן און זיך באַטייליקט אין דער אָנפירונג פון דעם נייעם קאָמיטעט. ביז פעברואַר, 1919, האָט דער פּיפּלס רעליף דערהאַלטן פון מאָנטרעאָל אַ סך הכל פון אַרום 50 טויזנט דאָלער. דאָס איז געווען אַ גאָר גרויסע סומע פאַר די אַרבעטנדיקע פאָלקס מאַסן. די אַרבעט פון די חברים פון דער באַוועגונג האָט אָנגערעגט אַנדערע גרופּן פון דער באַפעלקערונג אין מאָנטרעאל און האָט סטימולירט די אָר־גאַניזירונג פון דער „סענטראַל רעליף קאָמיטע", וואָס האָט געשאַפן אַן ענ־לעכע סומע צווישן שול אידן און האָט אויך געשטויסן די „קענעדיען דזשו־איש קאָמיטע", וואָס די רייכע אידן האָבן געשאַפן, צו גרעסערע קאַמפּיינס, וועלכע האָבן אַריינגעבראַכט איבער אַ פערטל מיליאָן דאָלער.

דער פאַראייניקטער קאָמיטעט פאַר מלחמה קרבנות

ווען מ'האָט, אין 1919, געוואָלט שאַפן, לויט דעם מוסטער פון דעם דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטעט, אַ פאַראייניקטן קאָמיטעט צו פאַרגרע־סערן די געלט זאַמלונגען, האָבן די חברים ל. צוקער, פּריינט ה. הערשמאַן און אַנדערע, וואָס האָבן דאַן אָנגעפירט מיט דעם „פּיפּלס רעליף קאָמיטעט", געשפּילט אַן אומגעהויער וויכטיקע ראָלע אין זיין אָרגאַניזירונג. אין פעב־רואַר, 1919, איז ענדלעך געשאַפן געוואָרן די „אַסאָשיאייטעד וואָר רעליף סאָסייטיס אָף קענעדע". ל. צוקער און ה. הערשמאַן זיינען אויסגעקליבן גע־וואָרן אין דער עקזעקוטיווע פונם פאַראייניקטן קאָמיטעט. דער „פּיפּלס רעליף קאָמיטעט" פון מאָנטרעאָל האָט איבערגעגעבן צו דער צענטראַלער קאַסע פון דעם נייעם קאָמיטעט אַ סומע פון 25 טויזנט 700 הונדערט דאָלער. ס'דאַרף דאָ באַמערקט ווערן, אַז די אַלע דערמאָנטע סומען, וואָס זיינען געזאַמלט געוואָרן פון פאָלקס פאַרבאַנד און פּיפּלס רעליף קאָמיטעט זיינען אַריינגעקומען ניט נאָר פון די פּושקעס זאַמלונגען נאָר אויך פון זאַמלונגען ביי שמחות, שאָפּ קאָלעקשאָנס א. א. וו.

צום אָפּשליסן דעם איבערזיכט פון דער באַוועגונגס אַרבעט אין מאָנ־טרעאָל פאַר מלחמה קרבנות, דאַרף דערמאָנט ווערן די אַרבעט פון דעם

אוקראַינער פאַרבאַנד. כמעט אַלע חברים וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דער הילפס אַרבעט פון פאָלקס פאַרבאַנד און וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דעם פיפלס רעליף אַרבעט, האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט פון דעם אוקראַינער פאַרבאַנד, וועלכער איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין סעפ־טעמבער, 1919, מיט דעם שרייבער פון די שורות אַלס פאָרזיצער. פיל חברים, ווי ל. צוקער, וו. באַראַנאָווסקי, יעקב אייבל, וו. וואָלף, ב. גאָלד־שטיין, א. פרנס און די פריינט ר. דאשעפסקי, ס. פאָליסוק, ל. גאָלדסמאַן, יוסף אײדעלבערג, י. אָרטענבערג און אַנדערע, האָבן זיך באַטייליקט אין דעם קאָמיטעט און האָבן געהאָלפן אין דער אָנפירערשאַפט פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע. דער אוקראַינער פאַרבאַנד האָט אויך געהאַט אָפּטיילונגען אין טאָראָנטאָ און וויניפּעג. איבער צוואַנציק טויזנט דאָלאַר זיינען געזאַמלט געוואָרן. ס׳איז אויך געזאַמלט געוואָרן אַ מאַסע קליידער און אַנדערע זאַכן, וועלכע זיינען אָפּגעשיקט געוואָרן אין אוקראַינע, אונטער דער אויפזיכט פון צוויי דעלעגאַטן. איינער פון די דעלעגאַטן איז געווען דער פאָרזיצער פונם אוקראַינער פאַרבאַנד. ער איז געווען דער ערשטער אַמעריקאַנער פועלי ציון חבר, וועמען ס׳איז געלונגען אַריינצוקומען אין אוקראַינע נאָך דעם בירגער קריג (זע דעם באַריכט אין דער „צייט" פון 3טן און 4טן יולי, 1921). ער האָט אויך געהאַט די „פּריווילעגיע" צו זיין דער ערשטער אַמעריקאַנער חבר צו באַזוכן דעם קבר פון בער באָראָכאָוו אין קיעוו.

די טאָראָנטער „מלחמה קאָנפערענץ"

פון אַלע פּאַרטיי און פאַרבאַנד פאַראיינען אין קאַנאַדע, פון אַלע אידי־שע אָרגאַניזאַציעס אין לאַנד, איז דער טאָראָנטער פועלי ציון פאַראיין גע־ווען די ערשטע אָרגאַניזאַציע צו נעמען די איניציאַטיווע און צוזאַמענרופן אַ קאָנפערענץ פון אידישע אָרגאַניזאַציעס אויף זונטיק, דעם 22טן נאָוועמ־בער, 1914. מיט דער דאָזיקער דאַטע הויבט זיך אָן אין קאַנאַדע די גאַנצע מלחמה הילפס אַרבעט אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן. לויט דעם פּראָטאָקאָל בוך פון דער „מלחמה קאָנפערענץ", האָט חבר מעקס מענסאָן, וועלכער איז דאַן געווען פאָרזיצער פון דעם פּאַרטיי פאַראיין, דערעפנט די קאָנפערענץ און חבר ל. האדעס איז געווען דער סעקרעטאַר. ביי דער ערשטער קאָנפערענץ זיינען געווען פאַרטראָטן 22 אָרגאַניזאַציעס. ביי דער דאָזיקער קאָנפערענץ איז געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פון דער טאָראָנטער קאָנפערענץ צו העלפן אידישע מלחמה קרבנות, וועלכע מ׳האָט גערופן בקיצור די „מלחמה קאָנפערענץ". מ׳האָט דערוויילט צייטווייליקע באַאַמטע און חבר ל. האָדעס איז פאַרבליבן פּראָטאָקאָל און קאָרעספּאָנדענץ סעקרעטאַר. אין מערץ איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער ערשטער גרויסער מאַסן מיטינג מיט רבי מינקין און יוסף בּאַראָנדעס, און ס׳איז געזאַמלט געוואָרן 625 דאָלער.

דעם 9טן מאַי, 1915, איז פאָרגעקומען אַ מיטינג, ביי וועלכן דער די־נאַמישער מאָריס גאָלדסטיק, אַ חבר פון אידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַר־

באַנד, האָט איבערגענומען די פירערשאַפט. ער איז פאַרבליבן פאָרזיצער פון דער „קאָנפערענץ" ביז זי האָט זיך אויפגעלייזט עטלעכע יאָר נאָך דעם סוף פון דער מלחמה. דעם 25טן יולי, 1915, איז באַשלאָסן געוואָרן ביי דער קאָנפערענץ צו פאַררופן אַ מאַסן פאַרזאַמלונג, מיט דעם צוועק איינצופירן אַ וועכנטלעכן טעקס אָדער רעגולערע וועכנטלעכע ביישטייערונגען. אזוי אַרום איז אין טאָראָנטאָ אויך געשאַפן געוואָרן אַ וואָלונטירן אַרמיי פון וועכנטלעכע זאַמלער. אין 1916 אָדער אין 1917, איז חבר ל. ראָזענבערג פון טאָראָנטאָ, געוואָרן דער גענעראַל סעקרעטאַר פון דער קאָנפערענץ. די חב־רים פון פאַרטיי און פאַרבאַנד זיינען אויך געווען גוט פאַרטראָטן אין דער עקזעקוטיווע און אין דער וואָלונטירן אַרמיי. דער פירערשאַפט פון דער קאָנפערענץ, אונטער חבר מ. גאָלדסטיק, איז געלונגען צו קאָנצענטרירן אַרום זיך ניט נאָר די אַרבעטער און פאָלקס אָרגאַניזאַציעס נאָר אויך שול אידן. אויסער די וועכנטלעכע זאַמלונגען זיינען אויך געווען זאַמלונגען ביי שמחות, ביי מאַסן מיטינגען א. א. וו. מ'האָט אויך פאַרקויפט סטעמפּס. די גרעסטע זאַמלונג איז געווען דער „טעג טאָג", אין אויגוסט, 1917 — דער ערשטער „טעג טאָג", וואָס איז פאָרגעקומען אין קאַנאַדע פאַר א"י מלחמה רעליף. ווי די צייטונגען באַריכטן האָבן זיך אין דעם „טעג טאָג" באַטייליקט אַרום 3000 פרויען[236], ס'איז געזאַמלט געוואָרן איבער 20 טויזנט דאָלער. דאָס איז געווען אין יענער צייט איינער פון די גרעסטע איינטאָגיקע פאָלקס געלט־זאַמלונגען אויף דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט.

די „קאָנפערענץ" האָט געזאַמלט אַ סך הכל פון אַרום 150 טויזנט דאָלער און פלעגט שיקן איר געלט קיין ניו יאָרק צו דעם „פיפּלס רעליף" און „סענטראַל רעליף" קאָמיטעטן.

אויסער דעם האָט די קאָנפערענץ דורכגעפירט דריי גרויסע קליידער קאַמפּיינען, וועלכע האָבן אַריינגעבראַכט קליידונג אין ווערט פון צענדליקער טויזנטער דאָלער.

וויניפּעג און מערב קאַנאַדע

דעם כבוד צו זיין די ערשטע אידן, וואָס האָבן געמאַכט אינדיווידועלע ביישטייערונגען אין קאַנאַדע פאַר די מלחמה קרבנות, קומט צו די אידישע פאַרמערס פון דער ליפּטאָן קאָלאָניע אין סאַסקאַטשעוואַן. זיי האָבן געמאַכט אַ זאַמלונג, אונטער דער פירערשאַפט אָדער איניציאַטיווע פון דעם דאָרטיקן לערער מ. ל. יאַמפּאָלסקי, נאָך אין מיטן אָקטאָבער, 1914 [237].

די צווייטע זאַמלונג איז פאָרגעקומען אין וויניפּעג, לויט דער איניציאַ־טיווע פון דער רעדאַקציע פון „קענעדער איד". דעם 25טן אָקטאָבער, 1914, איז פאָרגעקומען אַ מאַסן פאַרזאַמלונג אונטער דעם פאָרזיץ פון פריינט ה. י. ווילדער. ביי דער פאַרזאַמלונג האָט מען געשאַפן איבער 500 דאָלער פאַר מלחמה קרבנות. מ'האָט אפילו אויסגעקליבן אַ קאָמיטעט, וואָס זאָל אָנגיין מיט דער ווייטערדיקער אַרבעט, אָבער פאַר אַ לאַנגער צייט איז גאָרניט געטאָן געוואָרן. אין וויניפּעג איז מען, מער ווי אין וועלכער ס'איז אַנדערער

שטאָט אין קאַנאַדע, פאַרכאַפּט געווען מיט דעם געדאַנק, אַז די מלחמה וועט זיך באַלד ענדיקן און מען מוז זיך צוגרייטן בלויז צו העלפן די אימיגראַנטן, וועלכע וועלן אין גרויסע מאַסן אַנהויבן קומען קיין קאַנאַדע און מ'האָט ניט געטראַכט וועגן אַ מלחמה הילפס קאָמיטעט.

אין אויגוסט, 1915, האָט דער ראַדיקאַלער ציוניסטישער פאַראיין, די „יונגע מאַקאַבייער", ענדלעך גענומען די איניציאַטיווע צו אָרגאַניזירן אַ הילפס פאַרבאַנד פאַר די מלחמה ליידנדע. זיי האָבן צוזאַמענגערופן אַ פאַר־קאָנפערענץ, ביי וועלכער ס'זיינען געווען פאַרטראָטן 35 אָרגאַניזאַציעס, סאָסייטיס, שולן א. א. וו. צווישן די אַנגעשלאָסענע אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען די פּועלי ציון, „היברו אימיגריישאַן סאָסייטי", אַרבעטער רינג ברענטש 506 (חברים פון געוועזענע ס. ט.). ביי דער פאַרקאָנפערענץ האָט מען באַ־שלאָסן אַרויפצולייגן אַ פינף סענט טעקס אַ טאָג אויף דער גאַנצער וויני־פּעגער באַפעלקערונג פאַר מלחמה קרבנות [238]).

דעם 24טן אויגוסט איז פאַרגעקומען אַ גרעסערע קאָנפערענץ. דער פאַרזיצער פון דער פאַרקאָנפערענץ, מר. ערמאַן פון די „יונגע מאַקאַבייער", איז געווען פאַרזיצער פון דער קאָנפערענץ. מ'האָט ביי דער קאָנפערענץ געשאַפן דעם „הילפס פאַרבאַנד" און מ'האָט דערווילט שטענדיקע באַאַמ־טע. רבי סעמועלס איז געוואָרן פאַרזיצער, מ. א. גרעי, פינאַנץ סעקרע־טאַר [239]). מ'האָט גלייך אָרגאַניזירט אַ „קאָלעקטאָר בריגאַדע" (דאָס זעלבע וואָס די וואָלונטירן אַרמיי אין מאָנטרעאָל), און מ'האָט אָנגעהויבן פּעריאָ־דישע הויז צו הויז זאַמלונגען דעם 19טן סעפּטעמבער, 1915 [240]). אַרום יענער צייט האָט מען שוין אָפּגעשיקט די ערשטע טויזנט דאָלאַר.

אין לויף פון די קאָרגע צוויי יאָר זינט דער גרינדונג, האָט דער „הילפס פאַרבאַנד" געזאַמלט אַרום 47 טויזנט דאָלאַר [241]). דער הילפס פאַרבאַנד האָט אַרומגענומען אַלע ישובים פון מערב קאַנאַדע, כאָטש אייניקע מערב קאַנאַ־דער ישובים האָבן געמאַכט שבת פאַר זיך, און האָבן זייערע געזאַמלטע געלטער געשיקט צו דער „קענעדיען דזשואיש קאָמיטע" פון מאָנטרעאָל, דעם קאָמיטעט פון די „אָפּטאָונער יאָהודים".

אין סעפּטעמבער האָט דער „הילפס פאַרבאַנד" דורכגעפירט אַ „טעג־טאָג", אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט אַרום 290 וואָלונטירן, וואָס האָבן געשאַפן 3500 דאָלאַר. דער סיטי קאונסיל האָט אין נאָמען פון דער שטאָט געגעבן אַ בייטראַג פון 2500 דאָלאַר. דאָס איז דאַכט זיך געווען די ערשטע קאַנאַדער שטאָט פאַרוואַלטונג, וואָס האָט געגעבן געלט פאַר אידישע מלחמה קרבנות [242]). ווען די טאָראָנטער הילפס קאָנפערענץ האָט גערופן אַן אַל־קאַנאַדער צוזאַמענפאָר דעם 30טן דעצעמבער (ס'האָבן זיך מערסטנס באַטיי־ליקט פאָרשטייער פון אידישע קהילות פון דער פּראָווינץ אָנטעריאָ) צו פאַרשטאַרקן די מלחמה הילפס אַרבעט, האָט דער מערב קאַנאַדער הילפס פאַרבאַנד זיך אָפּגערופן און האָט דערווילט צוויי דעלעגאַטן, חבר מאַרקוס היימאַן און פריינט י. א. שמעלניצקי [243]).

דער הילפס פאַרבאַנד האָט אַנטוויקלט אין אַלגעמיין אַן אויסערגעוויינ־לעכע ענערגישע טעטיקייט. אַלץ צוזאַמען האָבן זיי געשאַפן אַרום 390 טויזנט דאָלער, זיי האָבן אויך געזאַמלט קליידער, געצייג א. א. וו. אין ווערט פון הונדערט טויזנט דאָלער. ביז 1918 פלעגט דער מערב קאַנאַדער הילפס פאַרבאַנד שיקן זייערע געזאַמלטע געלטער דירעקט קיין פוילן, רומעניע, פאַלעסטינע און די באַלקאַנישע לענדער. נאָך דעם האָבן זיי אָנגעהויבן שיקן געלט צו דעם „דזשאָינט״, „פיפלס רעליף״, דעם „וועלט הילפס קאָמיטעט״, ווי אויך צו דעם „אידגעזקאָם״ אין מאָסקווע. מעדיקאַמענטן אין ווערט פון 25 טויזנט דאָלער און אַ סך קליידער האָבן זיי געשיקט דירעקט קיין רוס־לאַנד דורך דעם אוקראַינער פאַרבאַנד און האָבן זיך באַטייליקט אין דער דעלעגאַציע פון דעם אוקראַינער פאַרבאַנד, דורך אַ ספּעציעלן פאָרשטייער, ח. זאַלצמאַן, וועלכער איז געפאָרן ביז מאָסקווע און האָט זיך נאָך דעם צו־ריקגעקערט קיין קאַנאַדע.

רבי סעמועלס האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן דעם אַמט פון פאָרזיצער. גאָר גיך נאָך זייער אָרגאַניזירונג איז דער פאָרזיצער פון דעם „הילפס פאַרבאַנד״ געוואָרן חבר מאַרקוס היימאַן, י. א. טשערניאַק איז געוואָרן איי־נער פון די וויצע פאָרזיצערס און פון די דריי סעקרעטאַרן, וועלכע האָבן געדינט דעם הילפס פאַרבאַנד אין דער צייט פון זיין עקזיסטענץ, זיינען צוויי, מ. א. גרעי און מאַקס מיינס, געווען חברים פון דער באַוועגונג. אין דער עקזעקוטיווע זיינען געווען אַ גרויסע צאָל חברים פון דער פּאַרטיי און פאַרבאַנד, ווי: ב. שעפּס, ב. מיללער, פּ. וואָלקין, מרס. פּ. טשערניאַק, מרס. ד. ליפשיץ, י. פריידין, מ. פייסיקאָף, מ. ניידיטש, איזידאָר הורוויטש און אַנדערע.

די „רעליף״ אַרבעט אין אַנדערע שטעט

אין האַמילטאָן איז די הילפס אַרבעט פון דעם פאָלקס פאַרבאַנד און שפּעטער פון „פיפלס רעליף״ אָנגעפירט געוואָרן פון די חברים פון דער באַוועגונג. די אַרבעט פון ש. זוואַנקין, אייבראַמס, יונה שעכטער און אַנ־דערע חברים איז געווען באמת אויסערגעוויינלעך. חברה ס. זוואַנקין האָט אָרגאַניזירט די פרויען דיוויזיע פאַר מלחמה הילפס אַרבעט אין האַמילטאָן.

גאָר גרויסע אַרבעט פאַר מלחמה קרבנות איז געטאָן געוואָרן פון די חברים אין סאַסקאַטון. סאַסקאַטון איז געווען איינע פון די סאַמע ערשטע שטעט, וואָס האָט זיך אָפּגערופן אויף דעם הילפס רוף פון דעם פאָלקס פאַרבאַנד אין מאָנטרעאָל.

די אידן פון קאַנאַדע האָבן געזאַמלט אין פאַרשידענע פאָרמען פון הילף פאַר די קרבנות פון דער ערשטער וועלט מלחמה, אַ סומע פון איבער אַ מיליאָן און אַכט הונדערט טויזנט דאָלער [244]). אין דעם גייען שוין אויך אַריין די זאַמלונגען פאַר דעם „פאַלעסטיין העלפּינג הענד פאַנד״ און פאַר דעם פאָנד אַריבערצוברענגען 150 מלחמה יתומים, אונטער דער אָנפירערשאַפט

פון פריינט ה. הערשמאַן. די באַוועגונג האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די זאַמלונגען פון די ביידע פאָנדן.

די באַוועגונג האָט ניט נאָר גענומען די איניציאַטיוו, נאָר איז אויך געווען די טרייבקראַפט פון דער באמת גרויסער הילפס אַרבעט. אין יענער צייט זיינען נאָך ניט געווען קיין „טעכניקער" און „ספּעציאַליסטן" אויף דעם געביט פון געלט זאַמלונגען. חברים פון דער באַוועגונג האָבן אויס־געטראָטן אַ וועג און האָבן אַריינגעלייגט אזוי פיל נשמה, אזוי פיל האַרץ און נאַציאָנאַלן געפיל, אַז זיי האָבן געהאַט די מאַסן מיט זיך. פונקט ווי די חברים אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן זיי דערהויבן די מלחמה הילפס אַרבעט צו דער מדרגה פון נאַציאָנאַלער פאָלקס דינסט. זאָל דאָ אויך דער־מאָנט ווערן, אַז די קאַנאַדער חברים, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דער הילפס אַרבעט אין מאָנטרעאָל, טאָראָנטאָ, וויניפּעג א. א. וו., זיינען אַלע מאָל אינספּירירט געוואָרן אין זייער טעטיקייט פון חבר ברוך צוקערמאַן, וועל־כער איז געשטאַנען אין שפּיץ פון דער „פּיפּלס רעליף" אָרגאַניזאַציע פון צפון אַמעריקע.

אוקראַינער פּראָטעסט דעמאָנסטראַציעס

ווען מ'האָט זיך דערוואוסט פון די שחיטות אין אוקראַינע, האָבן חברים פון דער באַוועגונג גענומען די איניציאַטיווע, אַז גרויסע מאַסן־דעמאָנס־טראַציעס זאָלן פאָרקומען אין די גרעסערע שטעט, אונטער דער אויפזיכט פון דעם קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס. די דעמאָנסטראַציעס זיינען הויפּט־זעכלעך אָרגאַניזירט און דורכגעפירט געוואָרן פון חברים פון דער באַוועגונג. אין מאָנטרעאָל איז די דעמאָנסטראַציע פאָרגעקומען דעם 24טן נאָ־וועמבער, אין וויניפּעג דעם 2טן דעצעמבער און אין טאָראָנטאָ דעם 10טן דעצעמבער, 1919. אין וויניפּעג איז אין דעם טאָג פון דער דעמאָנסטראַציע געווען אַ ביטערע קעלט, אָבער דאָס האָט ניט אָפּגעהאַלטן אַז די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג, מענער, פרויען און שול קינדער, זאָלן פונקט ווי אין אַלע אַנדערע שטעט, מאַרשירן אין די גאַסן כדי אויסצודריקן זייער צער און צאָרן איבער דעם אידישן אומגליק אין אוקראַינע. נאָך די גאַסן פאַראַדן זיינען פאָרגעקומען ריזיקע מאַסן פאַרזאַמלונגען, וואו אַ צאָל חברים זיינען געווען צווישן די הויפּט רעדנער.

אימיגראַנטן הילף

די פאָלקס קיכן אין מאָנטרעאָל און טאָראָנטאָ אין 1907, זיינען געווען די ערשטע פאַרזוכן פון זעלבסט הילף צווישן אידישע אַרבעטער אין קאַ־נאַדע. אַ אידישע אימיגראַנטן הילף געזעלשאַפט, אונטערן נאָמען „אימיג־ריישאַן ליג", איז געגרינדעט געוואָרן אין מאָנטרעאָל, לויט דער איניציאַטיוו פון חבר מ. (מייקל) ל. בראַון, אַן עלטערער ברודער פון חבר מאיר בראַון, און אַנדערע, אין אויגוסט, 1913 [245]). דער נאָמען איז שפּעטער געענדערט

געוואָרן אויף „היברו אימיגריישאַן אייד אַסאָסיאיישאַן". די „אַסאָסיאיישאַן" האָט געהאַט אַ ביוראָ אין 491 סט. לאָרענס בולוואַרד און איז געווען שטאַרק טעטיק. לויט דער איניציאַטיווע פון דער געזעלשאַפט איז געגרינדעט געוואָרן אַ ביליקע אידישע פאָלקס קיך פאַר אימיגראַנטן. פועלי ציון האָבן מיטגעאַרבעט מיט דער דאָזיקער געזעלשאַפט און דער פאַרטיי פאַראיין, צוזאַמען מיט נאָך אַן אָרגאַניזאַציע, האָבן מיט איר געמיינשאַפטלעך דורכגעפירט אַ טעאַטער פאָרשטעלונג פאַר דער ביליקער קיך [246]). די פאָלקס קיך איז געשלאָסן געוואָרן אין אַפּריל, 1914, פאַר די זומער חדשים.

אין טאָראָנטאָ, איז דער ענין אימיגראַנטן הילף פאַרהאַנדלט געוואָרן אין יולי, 1916, ביי אַ זיצונג פון טאָראָנטער פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן. מ'האָט באַשטימט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע מיט דער אויפגאַבע „צו קומען אין באַרירונג מיט אַלע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס איבערן גאַנצן לאַנד, מיט דעם ציל צו שאַפן אַ מעגלעכקייט צו אַרבעטן געמיינשאַפטלעך אויפן געביט פון העלפן די ניי אַריבערגעקומענע" [247]). אַן ערך אַ חודש שפּעטער האָט דער צווייג 49 פון דעם אידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד באַשלאָסן צו נעמען די איניציאַטיוו פון „גרינדן צוזאַמען מיט אַנדערע געווערקשאַפטן, אַן עמיגראַציאָנס געזעלשאַפט, צו רעגולירן די אידישע איינוואַנדערונג" [248]).

אין וויניפּעג האָט מען, ווי שוין דערמאָנט, געגלויבט, אַז די מלחמה וועט ניט לאַנג אָנהאַלטן און מ'האָט, סוף 1914, זיך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן פאַר אימיגראַנטן הילף. די איניציאַטיווע האָבן גענומען די סאָציאַליסטישע נאַציאָנאַלע עלעמענטן. זיי האָבן זיך אַריינגעוואָרפן מיט גרויס באַגייסטערונג צו אָרגאַניזירן אַן אימיגראַנטן הילף געזעלשאַפט אויף אַ גאָר גרויסן פאַרנעם.

אין מערץ, 1915, איז שוין די אימיגראַנטן הילף געזעלשאַפט געווען גוט אָרגאַניזירט. חבר ב. שעפּס איז געוואָרן פּרעזידענט, חבר מאַרקוס היימאַן סעקרעטאַר. צווישן די מיטגלידער פון דעם קאָמיטעט זיינען געווען מ. א. גרעי, מאַקס מיינס, וו. קעלער, פאַניאַ טשערניאַק, י. פּערלמאַן און אַנדערע [249]). זייער פּראָגראַם איז געווען, צו רעגולירן די איינוואַנדערונג אַזוי, אַז „אימיגראַנטן זאָלן זיך ניט אָנזאַמלען אין געטאָס", קאָלאָניזאַציע אַרבעט א. א. וו. איינע פון די ערשטע אַרבעטן פון דעם קאָמיטעט איז געווען צו גרינדן אַן אַרבעטס ביוראָ. מ'האָט אויך געעפנט אַ פאָלקס קיך. פריער האָט מען געגעבן נאָר מיטאָג מאָלצייטן, שפּעטער האָט מען אויך געגעבן אָוונט־מאָלצייטן. אין אָקטאָבער פון דעם זעלבן יאָר האָבן זיי אַראָפּגעבראַכט פּראָפעסאָר יצחק אייזיק צו לייענען עטלעכע לעקציעס. איין לעקציע איז געווען וועגן דער קאָנגרעס באַוועגונג.

פּריינט חיים זאַלצמאַן, וועלכער איז געווען וויצע פּאַרזיצער פון דער געזעלשאַפט, איז אָנגעשטעלט געוואָרן אַלס אָרגאַניזאַטאָר. אין משך פון אַ יאָר צייט האָבן זיי געהאַט 585 מיטגלידער אין וויניפּעג. 16 צווייגן זיינען געשאַפן געוואָרן אין אַנדערע מערב קאַנאַדער שטעט מיט 800 מיטגלידער. אין מערץ, 1916, זיינען כמעט אַלע די זעלבע באַאַמטע ווידער דערוויילט געוואָרן [250]). די געזעלשאַפט האָט זיך באַטייליקט אין דער ערשטער אַל־

קאַנאַדער פאַר־קאָנפערענץ פון דעם פאָלקס פאַרבאַנד, וואָס איז פאָרגעקומען אָנפאַנג 1916, אין טאָראָנטאָ. דעם ערשטן אַפּריל האָט מען געשלאָסן די פאָלקס קיך. די גאַנצע אַרבעט פון דער געזעלשאַפט האָט זיך געמוזט אָפּ־שטעלן, ווייל אַלע האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין דער מלחמה הילפס אַרבעט, וואָס איז געוואָרן די ברענענדיקסטע פראַגע פון דעם אידישן לעבן.

ווען ס׳איז, אין 1919, פאָרגעקומען דער צוזאַמענפאָר פון דעם קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס, איז דער עקזעקוטיווע פון קאָנגרעס, וואָס האָט געזאָלט פאַרבלייבן אַ פערמאַנענטע אָרגאַניזאַציע, איבערגעגעבן געוואָרן די אויפ־גאַבע אויך צו זאָרגן פאַר אידישער איינוואַנדערונג אין קאַנאַדע און צו העלפן די אידישע אימיגראַנטן אין אַלגעמיין.

איינע פון די ערשטע אַרבעטן פון דער עקזעקוטיווע פון דעם קאָנגרעס איז געווען צו אינטערווענירן ביי דער קאַנאַדער רעגירונג, אַז מ׳זאָל אַריינ־לאָזן וואָס מער אידן. דער אוקראַינער פאַרבאַנד האָט באַזונדערס געאַרבעט פאַר דעם און האָט, דורך זיינע פאָרשטייער אין דער עקזעקוטיווע פון דעם קאָנגרעס, געפאָדערט שנעלע מעשים [251]). לויט דעם פאָרשלאַג פון אוקראַינער פאַרבאַנד, געשטיצט פון אונזערע חברים אין דער עקזעקוטיווע, איז אויך אָנגענומען געוואָרן, אין 1920, דער באַשלוס צו גרינדן דעם אידישן אימיג־ראַנטן הילף פאַראיין — דעם „קאַנאַדער היאס״. די ערשטע הונדערט דאָלער פאַר דער נייער געזעלשאַפט האָט טאַקע בייגעשטייערט דער אוקראַינער פאַר־באַנד. ה. מ. קייזערמאַן און אַנדערע חברים אין מאָנטרעאָל, מ. א. גרעי אין וויניפעג און אַנדערע חברים, האָבן גענומען אַ גרויסן אָנטייל אין דער דורכ־פירונג פון דעם באַשלוס פון דעם קאָנגרעס און האָבן אַ גאָר גרויסן חלק אין דער אָרגאַניזירונג פון דעם אימיגראַנטן הילף פאַראיין פון קאַנאַדע. אַלע טוער פון די פריערדיקע אימיגראַנטן הילף געזעלשאַפטן האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער נייער נאַציאָנאַלער געזעלשאַפט.

.12

ארץ ישראל אַרבעט

הילף פאַר דער ארץ ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט

זאַמלונגען פאַר פאָנדן האָבן זיך אָנגעהויבן אין קאַנאַדע גלייך ביי דער סאַמע גרינדונג פון די פאַרטיי פאַראיינען. ביי דער גרינדונג פון דעם פועלי ציון פאַראיין אין טאָראָנטאָ, האָט מען געמאַכט אַ זאַמלונג פאַר אַרעסטירטע אין סאַכאַלין; ביי די ערשטע פאַרזאַמלונגען אין מאָנטרעאָל האָט מען גע־זאַמלט פאַר דער „בצלאל״ שול אין ארץ ישראל; אין האַמילטאָן האָט מען אָנגעהויבן מיט זאַמלונגען פאַר פאַרפאָלגטע אידן אין רומעניע. מ׳קען זאָגן, אַז זאַמלען פאַר פאָנדן איז געווען ביי די חברים אַן איינגעבוירענע ליידנ־

שאַפט, באַזונדערס ווען דאָס האָט געמיינט הילף פאַר דער ארץ ישראלדי־קער אַרבעטערשאַפט.

די קאַנאַדער חברים האָבן טאַקע אַלעמאָל געטאָן זייער פליכט פאַר דעם פאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד (פּ. אַ. פּ.), פאַר דעם „השומר", פאַר „האחדות", פאַר דעם „גענאָסנשאַפט פאָנד" (מרחביה), פאַר דעם נאַציאָנאַל פאָנד, פאַר דעם „פּיאָנערן פאָנד" פון דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד און פאַר די גרעסערע געלט קאַמפּיינען, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן מיט דעם יאָר 1917, פאַר אַרבעטער־היימען אין פּוילן און רוסלאַנד, פאַר דעם „אַר־בעטס פאָנד" אין 1918, דעם „פּרייהייטס פאָנד" אין 1919, דעם געצייג קאַמפּיין אין 1920־1921 א. א. וו.

מ'האָט געזאַמלט אויף שמחות, ביי פאַרזאַמלונגען, אין הויז צו הויז זאַמלונגען, גאַסן זאַמלונגען; מ'האָט אויך איינגעאָרדנט פאַרשיידענע אונ־טערנעמונגען, ווי טעאַטער פאָרשטעלונגען, ליטעראַרישע אָוונטן און קאָנ־צערטן, פאַרקויף פון ביכער, פאַרקויף פון סטעמפּס, „ראַפלס", „אקשאנס", גלות מאַסקאַראַד בעלער, חלוצים בעלער, חסידים בעלער א. א. וו. די קאַ־נאַדער פאַראיינען זיינען אין דער הינזיכט ניט געווען אַנדערש ווי די פאַר־איינען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אָבער אין פּראָפּאָרציע צו דער אידישער באַפעלקערונג און דער צאָל חברים אין דער באַוועגונג אין ביידע מדינות, האָבן די קאַנאַדער חברים פון דער פּאַרטיי און פאַרבאַנד געזאַמלט באמת באַדייטנדיקע סומען.

מיר ווילן זיך דערפאַר אָפּשטעלן בלויז אויף אייניקע ספּעציעלע מאָ־מענטן, אָדער ספּעציעלע אויפטואונגען פון די קאַנאַדער חברים אין דער אַרבעט פאַר די פאָנדן פון דער באַוועגונג.

אין מאָנטרעאָל האָט מען, אין 1912, איינגעפירט אַ מינהג, ניט צו אַרבעטן דעם ערשטן טאָג חנוכה און צו מאַכן אַ פון הויז צו הויז זאַמלונג פאַר דעם פאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד. די חברים, וואָס האָבן ניט געקענט זיך באַפרייען פון דער אַרבעט האָבן געדאַרפט דעם טאָג שכירות אָפּגעבן פאַר דעם פּ. אַ. פּ.[252].

אין 1913 אָדער 1914 האָבן די מאָנטרעאָלער חברים איינגעפירט אַ לאָזונג, אַז קופּער געלט, וואָס אַ חבר האָט ביי זיך אין קעשענע איז הייליק פאַר דעם פּ. אַ. פּ.

אין האַמילטאָן האָבן די חברים אין יענער צייט אָפּגעמאַכט מיט אַ צאָל קרעמער אין שטאָט, אַז זיי זאָלן געבן יעדן פרייטיק אַ געוויסן אָפּצאָל פון זייערע לייזונגען פאַר דעם פּ. אַ. פּ.

ביי דער 7טער פּאַרטיי קאָנווענשאָן אין פּיטסבורג (אָקטאָבער, 1913), איז באַריכטעט געוואָרן, אַז מ'האָט אין יענעם יאָר געזאַמלט אין גאַנץ אַמע־ריקע פאַר דעם פּ. אַ. פּ., פאַר דעם „האחדות" און פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד אַ סך הכל פון 4800 דאָלער. כדי צו דערגרייכן די דאָזיקע סומע האָט דער צענ־טראַל קאָמיטעט אָנגעפירט אַ קאָנטעסט צווישן די פאַראיינען. דער פאַראיין אין האַמילטאָן איז געווען אויף דעם ערשטן אָרט, דערגרייכנדיק 667 דאָלער,

דער מאָנטרעאָלער פאַראיין האָט געזאַמלט 607 דאָלער און איז געווען דער צווייטער אין דעם קאָנטעסט.

ביי דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט מלחמה האָבן די טאָראָנ־טער חברים איינגעפירט, אַז יעדער חבר זאָל צאָלן אַ „טעקס" פון מינימום איין סענט אַ טאָג פאַר דעם פּ. א. פּ. „אַזוי לאַנג ווי דער קריזיס וועט אָנ־האַלטן". זייער ביישפּיל איז נאָכגעפאָלגט געוואָרן פון אַנדערע פאַראיינען אין אַמעריקע.

ווען ס'איז אָנגעגאַנגען דער גרויסער קאַמפּיין פאַר דעם „אַרבעטס פאָנד" אין 1918, זיינען געזאַמלט געוואָרן באַדייטנדיקע סומען אין אַלע קאַנאַדער שטעט. מאָנטרעאָל איז געווען אויף דעם ערשטן אָרט מיט 772 דאָלער, וויניפּעג האָט געזאַמלט 744 דאָלער, טאָראָנטאָ 685, האַמילטאָן 304, סאַסקאַטון 150 און עדמאָנטאָן האָט צוגעשיקט 67 דאָלער.

ווען דער נאַציאָנאַלער קאַמפּיין פאַר דעם „פּרייהייטס פאָנד" האָט זיך אָנגעהויבן, אין 1919, איז געשאַפן געוואָרן אַ דיסטריקט ביוראָ אין מאָנט־רעאָל. דער סעקרעטאַר האָט דאַן געשריבן, אַז „די גאַנצע אידישע אַרבע־טערשאַפט פון קאַנאַדע שטייט זייער נאָענט צו אונזערע אידעען און לאָזונ־גען"... „מיר האָבן דאָ גוטע אויסזיכטן צו גרינדן אייניקע גאַנץ נייע פאַראיינען. פילע נייע מיטגלידער וועלן צוקומען אין די אַלטע פאַראיינען. אונזער קוואָטע פאַרן „פרייהייטס פאָנד" וועט זיכער געזאַמלט ווערן". די צענטראַלע פירערשאַפט באַמערקט דערביי, „אַז אַזוי איז די שטימונג אין מאָנטרעאָל. אָבער אויך וויניפּעג און טאָראָנטאָ שטייען ניט אָפּ. אויך דאָרטן הערן מיר, ווערט די אַרבעט אויפגענומען און אַראַנזשירט אויף אַ גאָר גרויסן אופן" [253].

ס'דאַרפן אויך דערמאָנט ווערן די זאַמלונגען צווישן איינצלנע אידן, וואָס זיינען געווען צעשפּרייט איבער די קליינע שטעטלעך אין די פּרעיריס (סטעפּן) פון מערב קאַנאַדע. דאָס איז געווען אַ מערקווירדיקע פאָרם פון פאַרבינדונג פון דער באַוועגונג מיט די אָפּגעריסענע און פאַרוואָרפענע חב־רים. דאָס האָבן אָנגעפאַנגען, ווי ווייט מיר ווייסן, די חברים א. לבדי, שלמה בעלאַאוס און אַנדערע אין די פּראָווינצן סאַסקעטשעוואַן און מאַניטאָבאַ און חבר ש. פּאַגעלסאָן אין אַלבערטאַ א. א. וו. ס'וועט זיין דאָ אינטערעסאַנט צו דערמאָנען, אַז די זאַמלונגען אין מערב קאַנאַדע פאַרן „השומר" האָט מען אָנגעהויבן שוין דאַן ווען מ'האָט אפילו אין ניו יאָרק געוואוסט גאַנץ ווייניק פון דער וויכטיקייט און באַדייטונג פון „השומר".

די אַרבעט פאַר די פאָנדן איז געטאָן געוואָרן פון אַלעמען מיט גרויס באַגייסטערונג, איבערגעגעבנקייט און אמתן אידעאַליזם. אין די זאַמלונגען פאַר אַלע פאָנדן האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אַלע חברים און חברות, אָבער דאָ קענען דערמאָנט ווערן נאָר די סאַמע ערשטע סעקרעטאַרן אָדער זאַמלער פון דעם „פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד". אין מאָנטרעאָל זיינען דאָס געווען די חברים י. פּרוזשאַנסקי, ב. לאַכאָוויצקי און צבי רייזלער; אין טאָ־

ראָנטאָ — א. ז. סילווערמאַן, ש. פּערסיקאָף, חאצקעל הערלינג און א. פרענ־קעל; אין וויניפּעג — שבתי קאַפּלאַן און א. לבדי; אין האַמילטאָן — לואי שפּלאַווער, טש. קעסלער און טש. שאַפּיראָ.

רעגיסטראַציע, רעפערענדום, שקלים

דער 1918 שטורם־קאַמפּיין פאַר רעגיסטראַציע און רעפערענדום, איז אין קאַנאַדע אָנגעפירט געוואָרן מיט דעם זעלבן טעמפּאָ און מיט, פּראָפּאָר־ציאָנעל, די זעלבע רעזולטאַטן, ווי אין די פאַראייניקטע שטאַטן. וואָס אַנ־באַלאַנגט דעם ספּעציעלן שקלים קאַמפּיין אין 1918, ווען די פּאַרטיי האָט פאַרקויפט אַ סך הכל פון 20 טויזנט שקלים, האָבן צוויי קאַנאַדער פאַראיינען דערגרייכט די גרעסטע רעזולטאַטן. אין וויניפּעג האָט מען צווישן דעם 1טן פעברואַר און 30טן נאָוועמבער, 1918 פאַרקויפט, אונטער דער לייטונג פון ב. שעפּס, 869 שקלים; אין טאָראָנטאָ האָט מען אין דער זעלבער צייט, פאַר־קויפט 1586 שקלים.

דער „החלוץ"

די ערשטע חלוצים גרופּע אין קאַנאַדע איז געשאַפן געוואָרן אין מאָנ־טרעאָל, אין אָנהויב 1906 [254]). דעם 1טן יוני פון יענעם יאָר האָט דער צענ־טראַלער חלוצים קאָמיטעט באַריכטעט אין „קעמפער", אַז „ס'זיינען פאַראַן דריי פעסטע גרופּן פון חלוצים: אין ניו יאָרק 12 חברים, פילאַדעלפיע 8 חברים און מאָנטרעאָל 5 חברים". דער ערשטער פּרואוו צו אָרגאַניזירן חלו־צים גרופּן איז אָבער ניט געלונגען, דאָך איז דער ענין ניט אַראָפּ פון דער טאָג אָרדנונג.

אין סעפּטעמבער, 1908, האָט דער מאָנטרעאָלער פועלי ציון פאַראיין פאַרגעלייגט דעם צענטראַל קאָמיטעט אַ פּלאַן וועגן שאַפן אַ „החלוץ" אָר־גאַניזאַציע. דער סעקרעטאַר י. פּרוזשאַנסקי האָט געשריבן דעם 1טן סעפּ־טעמבער, 1908, אַז דער פּלאַן איז דעבאַטירט געוואָרן דריי וואָכן...

די ערשטע פּרואוון האָבן געבראַכט צו דעם, אַז איינצלנע חברים זאָלן אָנהויבן אַוועקפאָרן קיין ארץ ישראל. מאיר בערעזקין פון וויניפּעג איז אָפּגעפאָרן אין 1908, אָבער ער האָט געמוזט צוריקקומען.

אין 1913, האָט פּרוזשאַנסקי עולה געווען קיין ארץ ישראל. י. פּרוזשאַנסקי האָט געביטן זיין נאָמען. זינט דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה הייסט ער יעקב אחוה. ער איז געווען באמת דער ערשטער חלוץ פון קאַנאַדע. דעם 17טן אויגוסט, 1913, איז אין „קענעדער אָדלער" געווען געדרוקט אַ בריוו פון פּרוזשאַנסקין אונטערן קעפּל „גלות און ארץ ישראל", — די ערשטע קאָ־רעספּאָנדענץ פון אַ חלוץ אין אַ קאַנאַדער אידישער צייטונג. חבר פּרוזשאַנ־סקי—אחוה האָט אויפגעטאָן פיל זאַכן אין ארץ ישראל. ער האָט געשאַפן די קבוצה אחוה, וועלכע האָט געגעבן אַ שטויס צו שאַפן נאָך קבוצות, אַוועק־



א גרופע וויניפּעגער לעגיאָנערן 1918

רעכטס צו לינקס: יהודה גורעוויטש, ד״ר ש. גאָרעליק, ש. גלעזער.

צוויי וויניפעגער חברים אין 1917

פון ל׳עכטס: שבתי קאפלאן, ש. גארעליק

אַ גרופּע טאָראָנטער פּועלי ציון, בעת אַ באַזוך פון מאיר בראון און זרובבל אין 1915

אונטערשטע שורה פון רעכטס צו לינקס: **טייבל סאָקאָל, זיגמונד סאָקאָל, א. ריימאַן, אומבאַקאַנט, חייקע אַפּעלבוים,** (ד״ר אַפּעלבוים׳ס פרוי), **מתתיהו קרעמער, יצחק עדעלשטיין, ח׳ לייבאָוויטש, אהרן עדעלשטיין.** צווייטע שורה פון רעכטס: **אידיט גאָלדפּיין, חנה מאַדאַרסקי־לאַפּידוס, טוביה זאַקס, לאה באַגראַד, פלאָרענס ראַכלין־מענסאָן, לאה ראָוז, לייבוש יעגער, ש. קאַפּלאַן, חברה פעטשעניק.** דריטע שורה פון רעכטס: **בערטא גאָלדפּיין, בעסי איזראַעלסאָן־קייטץ, ל. האַדעס, י. פרידמאַן, זרובבל, מאיר בראון, ישראל פריימאַן, שרה פריימאַן, אברהם פריימאַן, הערי פריימאַן.** פערטע שורה פון רעכטס: **דוד לאַפּידוס, ח׳ שנייד, מרדכי גאָלדפּיין, פנינה טשעסין, איידא ווידמאַן, פייגל חייט־בענסאָן, מאַקס פאָגעל־וועבער, סימע סילווערבערג, מיכאל סילווערבערג, אייב אַלטמאַן, יהושע ברוידע.** פינפטע שורה פון רעכטס: **איזי קעש, אליעזר פרענקעל, פישל וואַלערשטיין, יהודה גערטלער, לייב באַגראַד, חברה מינצער, אומבאַקאַנט, א. ווייט.**

אַ גרופּע מאָנטרעאַלער חברים נאָך אַ פּייערונג לכבוד דער באַלפור דעקלאַראַציע — פעברואַר 1918

(אין דער ערשטער שורה זיצן חברים פון „החלוץ״, אייניקע פון זיי זיינען דערנאָך אוועק מיטן אידישן לעגיאָן).

אונטערשטע שורה פון רעכטס: **ברוך סילווערמאַן, יעקב קעלנער, ס ווייזער, לעאָן חפץ, א. קופער, מאַקס נעמטשיק, מייק הייזן, ש. זעלינגער, ה. רייזלער, א. עסנער, בעני כייטמאַן, מ. דיקשטיין, פּ. אנטעל.** צווייטע שורה פון רעכטס: **אומבאַקאַנט, ב. הערמאַן, משה קייזערמאַן, רבקה יאַראָסלאַווסקי, ח. מ. קייזערמאַן, ח׳ לאַזאַרוס, ח׳ סיגאַל, אומבאַקאַנט.** דריטע שורה פון רעכטס: **ב. לאַכאָוויצקי, רחל ראָזענבלאַט, נח חפץ, א. פּרנס, פּערל גאָלדשטיין, ברוך צוקערמאַן, ש. שניאור, ד״ר נ. סירקין, מרים מעלצער, ל. צוקער, עני חפץ, יוסף טיגער, ח׳ סיגאַל, י. מ. באַבראָוו, ישראל חפץ.** פערטע שורה פון רעכטס: **ח׳ קאַברין, אומבאַקאַנט, עטל בירבריער, ש. באַראַדענסקי, יהודית עסנער, ח׳ גרינשטיין, טעמע פּרינקעל, אסתר סיראָטא, י. ראַכלענקא, אומבאַקאַנט, זעליק וואַלאָווסקי, פרענק חייט, שרה (סיידי) קייזערמאַן־מהרם, עני הערמאַן, יעקב סאַלאמאַן, אומבאַקאַנט, יעקב קאַץ, ל. מעלצער, מרס. שניאור.** אין פינפטער שורה פון רעכטס: **מרדכי רייזלער, אליהו גרינבערג, ד. קליפער, ש. בעלקין, א. בירברייער.**

געשטעלט די אינוואַלידן־היים פון תל אביב אַלס אַ הילפס אינסטיטוציע, געבויט די קבוצה יגור, די חבורה מעבר, דאָס דאָרף נחמן סירקין א. א. וו.[255]. ער וואוינט איצט אין קיבוץ עינת, וועלכן ער האָט געשאַפן, און איז דער דירעקטאָר פון ועדת ותיקים ביי דער הסתדרות.

די טאָראָנטער חלוצים, וואָס האָבן עולה געווען פאַר 1920, זיינען די דאָרט פאַרבליבענע לעגיאָנערן הערדי אייזענשטאַט, אברהם פעלדמאַן און רייזער. אַן אַנדער לעגיאָנער — יהודה גורעוויטש, וואָס איז פאַרבליבן אין ארץ ישראל, — איז געווען דער ערשטער חלוץ פון וויניפּעג. מאיר בערעזקין האָט דאַן געמאַכט אַ צווייטן אומגעלונגענעם פאַרזוך צו פאַרבלייבן אין ארץ ישראל. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָבן פּראָפּאָרציאָנעל באַדייטנדיקע צאָלן חברים עולה געווען קיין ארץ ישראל פון אַלע טיילן פון קאַנאַדע.

אין זומער, 1915, (צווישן י״ג תמוז ביז כ״ג אלול תרע״ה), האָט יצחק בן צבי געמאַכט זיין ערשטן טור אין אַמעריקע „צו פאַרזייען די קערנדלעך פון „החלוץ". פון די קאַנאַדער שטעט האָט ער באַזוכט וויניפּעג. חבר בן צבי דערציילט, אַז נאָך זיין פאָרטראָג האָבן זיך אָנגעשלאָסן בלויז 3 חברים אין „החלוץ"[256]. די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען דעם 16טן אויגוסט, 1910. די טאָראָנטער גרופּע פון „החלוץ" איז געגרינדעט געוואָרן פון דוד בן־גוריון, אין אויגוסט אָדער סעפּטעמבער, 1915. צווישן דעם 18טן און 21טן פעברואַר, 1916, האָט בן גוריון באַזוכט אויך וויניפּעג אין די אינטערעסן פון „החלוץ".

בן צבי האָט באַזוכט מאָנטרעאָל אָנהויב נאָוועמבער, 1917. ס'איז אינטערעסאַנט, אַז מ'האָט אין מאָנטרעאָל זיך דערוואוסט וועגן דער באַלפור דעקלאַראַציע ערשט נאָכדעם ווי בן צבי איז אָפּגעפאָרן צוריק קיין ניו יאָרק. אין די דריי גרויסע קאַנאַדער שטעט זיינען געגרינדעט געוואָרן חלוצים גרופּעס, אָבער די גרעסטע גרופּע אין קאַנאַדע איז געווען אין מאָנטרעאָל. נאָך מער, ווען בן צבי האָט באַזוכט מאָנטרעאָל, איז שוין די מאָנטרעאָלער גרופּע געווען אַן „אַלטע" אָרגאַניזאַציע. אין דער צייט פון בן צביס באַזוך אין מאָנטרעאָל, איז געשאַפן געוואָרן פון דעם „החלוץ" אַ קערנדל פאַר דעם אידישן לעגיאָן. צבי רייזלער און בנימין כייטמאַן זיינען געווען די ערשטע חלוצים, וואָס האָבן זיך שפּעטער אָנגעשלאָסן אין דעם אידישן לעגיאָן.

די צאָל אָנגעשלאָסענע אין דער גאַנצער „החלוץ" אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקע איז געווען 150. לויט דעם באַריכט צו דער עלפטער קאָנווענשאָן (דעצעמבער, 1918) איז די צאָל געווען 120. די צאָל חברים פון דער מאָנטרעאָלער „החלוץ" אָרגאַניזאַציע איז געווען אַרום פערציק! דער מאָנטרעאָלער „החלוץ" פאַראיין האָט זיך גערופן „ברוכיה" אויף העברעאיש — באַראַכאָוו אויף אידיש. אויף אַ בריוו־בלאַנק פון דער מאָנטרעאָלער החלוץ גרופּע געפינען מיר די פאָלגנדע מאָטאָס, אָדער שלאָג־ווערטער פון דעם דאַמאָלסטדיקן „החלוץ": „באחת ידו עושה במלאכה ואחת מחזקת השלח" און „והיה היום למלאכה והלילה למשמר". דער ערשטער סעקרעטאָר פון דעם מאָנטרעאָלער החלוץ איז געווען ש. זעלינגער. סוף 1917 איז חבר

זעלינגער געוואָרן דער נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר פון דער אַמעריקאַנער החלוץ אָרגאַניזאַציע.

חבר בן צבי דערציילט אין זיינע דעראינערונגען, אַז צוליב דעם וואָס די מלחמה האָט זיך פאַרצויגן איז געוואָרן שווער אויפצוהאַלטן די אָרגאַניזאַציע פון די חברים פאַר אַן אַרבעט לעתיד לבוא. דערוויילע האָט זיך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן דער לעגיאָן און די באַגייסטערונג פאַרן לעגיאָן האָט געמאַכט אַ סוף צו דער דאַמאָלסטדיקער „החלוץ" אָרגאַניזאַציע.

„אחוה"

דער פאַרזוך צו אָרגאַניזירן אין קאַנאַדע גרופּן פאַר דעם קאָאָפּעראַטיוו „אחוה", האָט זיך ניט איינגעגעבן. די מאָנטרעאָלער חברים האָבן דאָס פאַראויסגעזען און חבר ע. קאָרנבערגער, דעלעגאַט צו דער 7טער קאָנווענשאָן אין פּיטסבורג, האָט אויסגעדריקט זייערע ספקות אין די מעגלעכקייטן פון „אחוה" אין מאָנטרעאָל. די אגודת אחוה „טור מלכא" אין מאָנטרעאָל, פון 1918, האָט ניט געהאַט קיין שייכות צו דער באַוועגונג און איז שנעל צעפאַלן געוואָרן. דער „אחוה" פאַרזוך אין וויניפּעג איז אויך ניט געלונגען. אין טאָראָנטאָ האָט זיך איינגעגעבן צו אָרגאַניזירן אַ קליינע „אחוה" גרופּע, אָבער אין 1916 זיינען עטלעכע „אחוה" חברים אַריבער צו דעם „החלוץ". די באַוועגונג פאַר דעם לעגיאָן און די אַנדערע טעטיקייטן פון יענער שטורעמדיקער צייט האָבן געמאַכט אַ סוף צו די „אחוה" פּלענער.

.13

דער אידישער לעגיאָן

ווען די ערשטע וועלט מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן, האָט די קאַנאַדער רעגירונג זיך גענומען מאָביליזירן אַ גרויסע אַרמיי פון וואָלונטירן. „קאָנסקריפּשאָן" — געצוואונגענע מיליטער דינסט האָט מען איינגעפירט ערשט דעם 26טן סעפּטעמבער, 1917. ס'איז געווען נאַטירלעך, אַז מ'זאָל באַלד אָנהויבן רעדן וועגן אידישע וואָלונטירן.

דער ערשטער צו מאַכן אַ פאָרשלאָג צו מאָביליזירן אַ קאַנאַדער רעגימענט פון אידישע וואָלונטירן איז געווען היימאַן עדעלשטיין. ער איז געווען רעדאַקטאָר פון „קענעדיען דזשואיש טיימס", שפּעטער די „קענעדיען דזשואיש קראָניקל", פון יאָר 1913 ביז 1917. עדעלשטיין איז געוואָרן אַ חבר פון דער פועלי ציון באַוועגונג. אין די צוואַנציקער יאָרן איז ער געוואָרן אַ מיטגליד פון דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד. עדעלשטיינס ערשטער אַרטיקל וועגן אַ אידישן רעגימענט איז געדרוקט געוואָרן דעם 14 אויגוסט, 1914. ווען ס'איז אָנגעקומען די נייעס וועגן דעם „ציון מיול קאָרפּוס", האָט עדעלשטיין נאָכאַמאָל אויפגעהויבן די פראַגע. אין אַ לייט אַרטיקל האָט

ער געפרעגט: „אַ אידישער באַטאַליאָן אין דער ענגלישער אַרמיי, וואָס הערט זיך וועגן קאַנאַדע?״

אין 1916 האָט אַ אידישער אָפיציר, קעפּטן איזידאָר פרידמאַן, אָרגאַניזירט, מיט דער צושטימונג פון דער קאַנאַדער רעגירונג, אַ „אידישע קאָמפּאַני״. די דאָזיקע קליינע מיליטערישע פאָרמאַציע איז אָפּגעפאָרן קיין ענגלאַנד אין 1917, און איז דאָרט צעטיילט געוואָרן צווישן פאַרשיידענע קאַנאַדער באַטאַליאָנען, וואָס האָבן זיך געפונען ביי דעם פראָנט און האָבן זיך גענויטיקט אין פאַרשטאַרקונג.

די אידישע פירער, די „אפּטאונער יאַהודים״ זיינען געווען קעגן באַזונדערע אידישע מיליטערישע פאָרמאַציעס. ערשטנס, זיינען זיי אַלעמאָל געווען קעגן אָפּגעזונדערטקייט — קעגן „סעגרעגאַציע״; צווייטנס, האָבן זיי מורא געהאַט, אַז ס'וועלן ניט זיין גענוג אידישע וואָלונטירן. פאַרבייגייענדיק מעג דאָ באַמערקט ווערן, אַז די קאַנאַדער אידן זיינען געווען לאָיאַל צו קאַנאַדע און זייער אָנטייל אין דער מלחמה איז געווען אַ באַדייטנדיקער [257].

אין 1917, ווען בריטיש מיליטער האָט אַריינגעדרונגען קיין ארץ ישראל, איז אין ענגלאַנד פאַרשטאַרקט געוואָרן די באַוועגונג פאַרן אידישן לעגיאָן. ווען די קאַמפן אַרום עזה האָבן זיך אָנגעהויבן און ווען מ'האָט זיך דערוואוסט, אַז ענגלאַנד איז פריינטלעך צו די ציוניסטישע שטרעבונגען, האָט זיך דער סענטימענט פאַר אַ אידישן לעגיאָן פאַרשטאַרקט אויך אין קאַנאַדע. אָנהויב אָקטאָבער, 1917, האָט קעפּטן גייטן ב. קאָהען (דער זון פון לייאָן קאָהען) באַקומען אַ בריוו פון קאָלאָנעל פּעטערסאָן וועגן דעם אידישן רעגימענט. אַ צווייטער בריוו איז פון אים אָנגעקומען אָנפאַנג נאָוועמבער, 1917 [258]. ביי זיצונגען, ביי וועלכע ס'זיינען געווען פאַרטראָטן די פּועלי ציון, האָט קעפּטן קאָהען דערקלערט, אַז ער וועט ניט נעמען אויף זיך די אויפגאַבע צו רעקרוטירן אַ אידישן רעגימענט, ווייל אַלע בירגער זיינען איצט געצוואונגען צו דינען אין דער קאַנאַדער אַרמיי.

אין קאַפּיטל 12 איז שוין דערמאָנט געוואָרן, אַז ווען בן צבי האָט באַזוכט מאָנטרעאָל, איז אויפגעהויבן געוואָרן די פראַגע פון דעם אידישן לעגיאָן. ס'איז דאַן געשאַפן געוואָרן אַן איניציאַטיוו גרופּע פון חברים פון דער באַוועגונג, וועלכע איז געווען זייער אַקטיוו. ווי ס'ווערט באַריכטעט אין דער לאָקאַלער צייטונג, איז געמאַכט געוואָרן אַ פּאַרזוך „פון אייניקע באַקאַנטע ציוניסטיש סאָציאַליסטישע טוער״ צו באַקומען די דערלויבעניש און הילף פון דער קאַנאַדער רעגירונג צו גרינדן אַ קאַנאַדער אידישן באַטאַליאָן צו קעמפן אין ארץ ישראל [259]. אָבער די קאַנאַדער רעגירונג האָט צו דעם ניט צוגעשטימט. אָנהויב מערץ, 1918, האָט די קאַנאַדער רעגירונג דערלויבט צו רעקרוטירן אידישע יונגעלייט פאַרן אידישן לעגיאָן, וואָס ווערט אָרגאַניזירט פון ענגלאַנד. צו דער זעלבער צייט האָט די רעגירונג ניט דערלויבט קאַנאַדער אידן, וואָס זיינען אונטערוואָרפן דעם „קאָנסקריפּשאָן״ געזעץ (געצוואונגענע מיליטער דינסט) און וואָס דאַרפן גיין דינען אין דער קאַנאַדער ארמיי, זיך אָנצושליסן אין דעם אידישן לעגיאָן.

די טוער פאַרן לעגיאָן האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט און האָבן זיך געווענדעט צו דער „בריטיש רעקרוטינג" מיסיע אין ניו יאָרק, אַז זי זאָל שיקן אַ פאָרשטייער, וועלכער זאָל אויפנעמען די פרייוויליקע אין מאָנטרעאָל. ס'איז אָנגעקומען קעפּטן פּאָול סייס, און ס'איז געשאַפן געוואָרן אַן אָפיציעלער קאָמיטעט פאַרן לעגיאָן, פון דער קאַנאַדער ציוניסטישער פעדעראַציע.

אין דעם קאָמיטעט איז אַריינגענומען געוואָרן ה. מ. קייזערמאַן. דער דאָזיקער קאָמיטעט האָט געדונגען אַן אָפיס אין 549 מיין סטריט, אין מאָנטרעאָל, און האָט אָנגעהויבן די רעקרוטירונג אַרבעט. אַלץ האָט זיך אָבער געצויגן אַן שוואונג. ס'זיינען געווען גענוג טענות, אַז דער קאָמיטעט, וועלכער האָט זיך ניט געקאָנט באַפרייען פון דעם איינפלוס פון די „אפּטאונער יאַהודים", האָט, אַנשטאַט אויסצונוצן דעם סענטימענט פון דער אידישער יוגנט, גאָר געשטערט. דער בעסטער באַווייז איז געווען, וואָס פיל אַפּליקאַציעס זיינען ניט גוטגעהייסן געוואָרן פון דעם קאָמיטעט... חבר ה. מ. קייזערמאַן האָט דערפאַר, אין אַ בריוו פון 5טן יולי, 1918, וואָס ער האָט געשיקט צו דעם פּרעזידענט פון דער ציון פעדעראַציע, אַלס פּראָטעסט, רעזיגנירט פון דעם קאָמיטעט. ס'וועט זיין אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע וואָס האָט געדונגען דעם רעקרוטינג אָפיס אין מאָנטרעאָל, האָט זיך ניט געשעמט צוצושטעלן שפּעטער חשבונות צו דער בריטישער רעגירונג און האָט געקראָגן צוריקגעצאָלט דאָס געלט, וואָס זיי האָבן אויסגעגעבן פאַר רענט, א. א. וו.

די פאַראייניגן אין קאַנאַדע האָבן געטאָן דאָס זעלבע ווי די גאַנצע פּאַרטיי, און האָבן אָפיציעל ניט גענומען קיין שטעלונג אין דער פראַגע. אָבער אינדיווידועל האָבן אַ גרויסע צאָל חברים אין יעדער שטאָט געאַרבעט מיט גרויס איבערגעגעבנקייט פאַר דעם לעגיאָן. דעם 13טן מערץ איז פון דער איניציאַטיוו גרופּע אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַן ענטוזיאַסטישער מיטינג אין דער פּאָלקס שולע, וועלכע האָט זיך דאַן געפונען אין 417 סט. אורביין סטריט. צווישן די רעדנער איז געווען ה. מ. קייזערמאַן. די גרופּע האָט פאַרעפנטלעכט אַ רירנדיקן רוף צו דער אידישער יוגנט, וועלכן מיר ברענגען דאָ מיט אייניקע אָפּקירצונגען:

„די גרויסע צייט האָט אויף אונז אַרויפגעלייגט גרויסע פליכטן. מיט אונזער בלוט דאַרפן מיר פאַרהייליקן אונזער בונד מיט ענגלאַנד און די אַנדערע פעלקער, וואָס האָבן אונז אנערקענט. מיט אונזער אייגן בלוט דאַרפן מיר אויסקויפן די שאַנד, וואָס אונזער לאַנד איז באַפרייט געוואָרן דורך אַ ניט אידישער אַרמיי... ברידער! קומט אונטער די פאָנען פון די ערוואַכטע העלדן פון יהודה! קומט אין די רייען פון דעם אידישן פּאַלעסטינע לעגיאָן.

„דער אידישער לעגיאָן איז די ערשטע פאַרווירקלעכונג פון דער גאולה! דער אידישער לעגיאָן איז דער אמתער אויסדרוק פון אונזער פאָלקס ווילן אויפצושטיין צו אַ נייע לעבן. דער אידישער לעגיאָן וועט נאָך שטאַרקער מאַכן אונזער פּאָליטישן ווערט, וואָס מיר האָבן מיט אונזער קאַמף אויף פרעמדע שלאַכט פעלדער געוואונען.

„וואַרפט אַוועק אייערע טאָג־טעגלעכע אינטערעסן. קוקט מיט פאַר־אַכטונג דער געפאַר אין די אויגן. אידן — יונג און אַלט — שטייט אויף צום קאַמף פאַר אייער פאָלק! צו וואָפן! פאַר דער פרייהייט פון אייער פאָלק און לאַנד. ברידער! העלפט שאַפן די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע פון דעם אי־דישן פאָלק" [260]).

די באַוועגונג אין מאָנטרעאָל האָט באַקומען אַ גרויסן שטויס פאַראויס ווען ס'האָבן אָנגעהויבן דורכפאָרן דורך דער שטאָט גרופן פון לעגיאָנערן פון מינעאַפּאָליס, שיקאַגאָ, סט. לואיס, דעטראָיט, וועלכע זיינען אָפּגעשיקט געוואָרן דורך די בריטישע מיליטערישע באַאַמטע אין דעם זאַמלפּונקט פון אידישע לעגיאָנערן אין ווינדזאָר, נאָוואַ סקאָשיאַ.

די חברים פון דעם פּועלי ציון פאַראיין און די פּועלי ציון יוגנט האָבן זיי באַגעגנט מיט ליבע און באַגייסטערונג. רירנדיקע אויפנאַמעס זיינען געגעבן געוואָרן צו די דורכפאָרנדיקע לעגיאָנערן. דעם 9טן אַפּריל איז דורכגעפאָרן אַ גרופּע פון 50 לעגיאָנערן פון שיקאַגאָ. ביי דעם באַנקעט אין זייער כבוד ווענן, האָט חבר מעלניקאָף, דער פירער פון דער גרופּע, דערקלערט, אַז פון די 50 לעגיאָנערן, זיינען 31 חברים פון דער פּועלי ציון אָרגאַניזאַציע, איניקע פון זיי פירער פון די שיקאַגער פּועלי ציון.

ענדלעך איז באַקאַנט געוואָרן, אַז קאַנאַדער אידן, וואָס זיינען לויט דעם „קאָנסקריפּשאָן געזעץ" צוגענומען געוואָרן אין דער קאַנאַדער אַרמיי וועלן, אָנקומענדיק אין אייראָפּע (ענגלאַנד), זיך קענען טראַנספערירן אין דעם אידישן לעגיאָן [261]). דאָס האָט געווירקט, אַז די „אָפּטאָונער יאַהודים" זאָלן ענדערן זייער באַציאונג צום לעגיאָן. מ'רעכנט, אַז אַרום 150—200 אידישע סאָלדאַטן האָבן זיך טראַנספעריר'ט פון דער קאַנאַדער אַרמיי אין דעם אידישן לעגיאָן, און אַז דער סך הכל פון קאַנאַדער אידישע יונגעלייט, וואָס האָבן געדינט אין דעם אידישן לעגיאָן, איז געווען 350—400.

די ערשטע גרופּע פון מאָנטרעאָלער לעגיאָנערן זיינען אָפּגעפאָרן דעם 23טן מאַי, 1918. אומבאַשרייבלעכע סצענעס האָבן זיך אָפּגעשפּילט ביים וואָקזאַל, ביי דעם געזעגענען זיך. עלטערע פירנדיקע חברים פון די פּועלי ציון זיינען מיטגעפאָרן מיט זיי אַ פּאָר שעה רייזע, ביז סט. דזשאָן, קוויבעק. אויף דעם וועג איז ספּאָנטאַן אויסגעבראָכן אַ מיטינג מיט פלאַמנדיקע רעדעס, אויסדריקנדיק הארציקע ברכות און חברישע ליבע צו די אָפּפאָרנדיקע חברים.

אין טאָראָנטאָ האָט אויך פונקציאָנירט אַ קאָמיטעט פאַר דעם לעגיאָן, וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן פון דעם לאָקאַלן ציון קאָונסיל. די וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דעם לעגיאָן האָבן פון זייער זייט אויסגעקליבן אַ קאָמיטעט פון 7 צו אַרבעטן צוזאַמען מיט דעם ציוניסטישן קאָמיטעט. צווישן די זיבן לעגיאָנערן זיינען געווען דריי חברים פון דער באַוועגונג: קרעמער, פריימאַן, ציטראָן [262]). ווען די ערשטע גרופּע טאָראָנטער לעגיאָ־נערן האָט געדאַרפט אַוועקפאָרן, דעם 12טן מאַי 1918, זיינען געקומען צום באַן בערך צען טויזנט אידן זיך געזעגענען [263]). די שילער פון דער טאָראָנ־

טער פּרץ שול האָבן געבראַכט בלומען פאַר די לעגיאָנערן [264]. די חברים פון די פועלי ציון האָבן מיט אַ טאָג פריער געגעבן אַ ספּעציעלן באַנקעט פאַר די אָפּפאָרנדיקע חברים. צו דעם באַנקעט זיינען אויך געקומען האַמילטאָנער חברים פון דער פּאַרטיי און פאַרבאַנד.

אין וויניפּעג האָט די באַוועגונג פאַר דעם לעגיאָן פאַרכאַפּט, פּראָפּאָרציאָנעל אַ גרעסערע צאָל יוגנטלעכע ווי אין די אַנדערע גרעסערע שטעט. אפשר איז דאָס צו פאַרדאַנקען דעם פאַקט, וואָס אַ צאָל יונגעלייט זיינען געקומען פון די ווייטע מערב קאַנאַדער ישובים זיך אַנצושליסן אין דעם לעגיאָן אין וויניפּעג — די סאַמע נאָענטסטע שטאָט, וואו זיי האָבן געהאַט אַ „רעקרוטירונג ביוראָ". די ערשטע אַנצושליסן זיך אין לעגיאָן אין וויניפּעג זיינען געווען די חברים (דר) ש. גאָרעליק און ש. גלעזער [265]. ווען ס'איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער קאָמיטעט פאַרן לעגיאָן זיינען אויסער די צוויי חברים, אַריין אין קאָמיטעט אויך מאַרקוס היימאַן, מאיר בערעזקין און אייניקע אַלגעמיינע ציוניסטן [266].

אָנפאַנג מאַי איז פון וויניפּעג אָפּגעפאָרן די ערשטע גרופּע פון 26 לעגיאָנערן [267]. אין דער צווייטער גרופּע זיינען געווען 16 לעגיאָנערן, אין דער דריטער גרופּע 14 לעגיאָנערן. שפּעטער זיינען אָפּגעפאָרן נאָך אייניקע לעגיאָנערן. צוזאַמען איז די צאָל לעגיאָנערן פון וויניפּעג געווען 61 אָדער 63. אין דער צאָל זיינען געווען איינגעשלאָסן די פאָלגנדיקע פּאַרטיי און פאַרבאַנד חברים: (דר) ש. גאָרעליק, ש. גלעזער, יהודה גורעוויטש, הערש גאַרסקי, שלמה לאַוו, סעם טאַן, אברהם ליפּשיץ און מאיר בערעזקין. יהודה גורעוויטש איז פאַרבליבן אין ארץ ישראל נאָך דער מלחמה.

לויט אַ רשימה, וואָס מיר האָבן אין אונזער אַרכיוו, איז דער סך הכל פון די לעגיאָנערן, וואָס זיינען אָפּגעפאָרן פון מאָנטרעאָל געווען 57. אין דער צאָל זיינען געווען איינגעשלאָסן די פאָלגנדיקע פּאַרטיי, פאַרבאַנד און יוגנט חברים: ע. קאָרנבערגער, צבי רייזלער, בעני כייטמאַן, לעאָן חפץ, מ. קייזערמאַן, מ. נעמטשיק, ח. ווייזער, מ. עפּשטיין, מייק הייזן, פּיוול פּעטראָפּסקי, בען סאָקאָלאָוו. צווישן די לעגיאָנערן, וואָס זיינען אָפּגעפאָרן פון מאָנטרעאָל איז אויך געווען חבר דוב יוסף, וועלכער איז געוואָרן אַ מיניסטער אין דער רעגירונג פון מדינת ישראל און האָט געהאַט פאַרשידענע פאָרטפעלן פאַר די לעצטע 5 יאָר.

פון טאָראָנטאָ זיינען אָפּגעפאָרן אַן ערך פינף און זיבעציק לעגיאָנערן. לויט אַ באַריכט אין דער דאָרטיקער צייטונג, זיינען „אייניקע פון זיי אָפּגעפאָרן באַזונדער, אַזוי אַז טאָראָנטאָ האָט וואַרשיינלעך בייגעשטייערט אַריבער אַכציק לעגיאָנערן ביזן היינטיקן טאָג" [268]. די צאָל האָט איינגעשלאָסן, מסתמא, אויך די לעגיאָנערן פון האַמילטאָן און אַנדערע שטעט אין אָנטעריאָ. צווישן די טאָראָנטער לעגיאָנערן זיינען געווען די פּאַרטיי און פאַרבאַנד חברים: הערי פריימאַן, י. שוואַרצבוים, יחיאל ציטראָן, מתתיהו קרעמער, מ. גאָלד, לואי קאַלדאוו (קאַלדאַווסקי), סעם אייזענבערג, ווילי אייזענבערג, לואי גאָלדמאַן, הערי וויינשטאָק, ישכר שוואַרצבוים, משה קופּערבערג, ישעיה

פעניכל, סעם סטאָלבערג, דזשאו בירנבוים, זלמן באיעווסקי, הערי אייזענ־שטאַט, רייזער און מעגלעך נאָך אַנדערע. די לעצטע דריי זיינען, ווי שוין דערמאָנט, פאַרבליבן אין ארץ ישראל נאָך דער מלחמה. חבר אל. פרענקעל האָט אונז געשריבן, אַז צו דער רשימה פון די טאָראָנטער לעגיאָנערן דאַרף צוגעשטעלט ווערן אויך שמעון דזשוליען. חבר ש. דזשוליען, — איינער פון די ערשטע פירנדיקע חברים פון טאָראָנטאָ, — האָט אַ קורצע צייט פאַר דער אַנטשטייאונג פון דעם לעגיאָן זיך איבערגעצויגן אין די פאַראייניקטע שטאַטן און האָט זיך דאָרט אַנגעשלאָסן.

די אידישע עפנטלעכקייט איז געווען גוט אינפאָרמירט וועגן אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין דעם לעגיאָן, אין דער צייט ווען ער איז געווען אין ווינדזאָר, נ. ס. דאָס איז געווען צו פאַרדאַנקען די חברים צבי רייזלער, וואָס האָט געשריבן אָפטע קאָרעספאָנדענצן אין דעם „קענעדער אָדלער"; מתתיהו קרעמער, וואָס האָט געשריבן אין „דעם אידישן זשורנאַל" און ש. גלעזערס באַריכטן אין „דאָס אידישע וואָרט". אין דעם לעגיאָנערן קאָמיטעט פון 9 חברים, וואָס איז דערווײַלט געוואָרן אין דעם לאַגער פון די לעגיאָנערן אין ווינדזאָר, נ. ס., צו זאָרגן וועגן אַלע נויטן פון די לעגיאָנערן און אין וועלכן בן צבי איז געווען אַ מיטגליד, זיינען געווען צוויי קאַנאַדער חברים, מתתיהו קרעמער פון טאָראָנטאָ און ש. גלעזער פון וויניפעג. אין זיינער אַ קאָרעספאָנדענץ האָט חבר צבי רייזלער דערציילט, אַז „שבת — פון די צוויי שעה וואָס מ'האָט דערלויבט פאַר גאָטעס־דינסט, פלעגט בן צבי האַלטן אַ לעקציע איין שעה און די צווייטע שעה האָט מען געדאַווענט" [269].

אין אַ בריוו פון 20טן יוני, 1918, צו דער קאַנאַדער ציוניסטישער פעדעראַציע, דערציילט מתתיהו קרעמער, אַז ה. וואָלאָפסקי, דער אַרויסגעבער פון „קענעדער אָדלער", וואָס האָט זיי באַזוכט, האָט זיי צוגעזאָגט, אַז מ'וועט זיי שיקן געשיר מיט דעם ציוניסטישן עמבלעם... אין דעם זעלבן בריוו האָט קרעמער געשריבן, אַז די פאַרהייראַטע לעגיאָנערן זיינען באַזאָרגט וועגן דער פינאַנציעלער לאַגע פון זייערע פרויען און זיי האָפן, אַז מ'וועט ניט דערלאָזן, אַז זיי זאָלן ליידן נויט.

די מאָנטרעאָלער לעגיאָנערן האָבן פון ווינדזאָר געשיקט אַן אַפּיל, אַז מ'זאָל אַרויסנעמען די „רעקרוטינג" אַרבעט פון „זייערע הענט" [270] ... זיי האָבן געוואָלט אַ מער אינטענסיווע „רעקרוטינג" אַרבעט, אָבער ס'איז שוין געווען צו שפּעט עפּעס צו טאָן, ווייל באַלד נאָכדעם האָט זיך דער „רעקרוטינג אָפיס" געשלאָסן.

צווישן די בריוו, וועלכע האָבן זיך אָפּגעהיט ביי חבר רייזלער, איז דאָ אַ בריוו פון חבר ש. באַנטשעק, פון 12טן יוני 1918, אין וועלכן ער האָט אים געבעטן צו „זאָגן די חברים בן צבי און בן גוריון און אַלע אַנדערע, אַז „אויף אזוי פיל האָבן מיר זיך ניט געריכט, אַז אפילו קיין בריוועלע זאָלן זיי דעם פּאַלעסטינע קאָמיטעט (אין ניו יאָרק) ניט צושיקן פאַר דער גאַנצער צייט..."

שרייבנדיק וועגן דער לעגיאָנערן באַוועגונג אין קאַנאַדע, קען מען ניט פאַרבייגיין די אַרבעט פאַר דעם רויטן מגן דוד אין לאַנד. די אַרבעט איז געווען באַזונדערס וויכטיק אין מאָנטרעאָל, ווייל דורך מאָנטרעאָל פלעגן דורכפאָרן אַלע לעגיאָנערן פון די מיטל מערב און מערבדיקע שטאָטן פון אַמעריקע, ווי אויך די לעגיאָנערן פון אַנדערע טיילן פון קאַנאַדע. מ'האָט ניט נאָר געוואָלט און געדאַרפט געבן שיינע אויפנאַמען די לעגיאָנערן, נאָר מ'האָט אויך זיי געדאַרפט באַזאָרגן מיט נויטיקע זאַכן אויף זייער רייזע פון מאָנטרעאָל ביז ווינדזאָר. פאַר דעם האָט מען געדאַרפט האָבן גרויסע סומען געלט. כמעט ווי ספּאָנטאַן זיינען געשאַפן געוואָרן קאָמיטעטן פאַרן רויטן מגן דוד, אונטער דער פירערשאַפט פון אַ פּראָגרעסיוון ציוניסט און פריינט פון דער באַוועגונג, דר. ס. אָרטענבערג און זיין פריצייטיק פאַרשטאָרבענער פרוי, מרים בריינין־אָרטענבערג. די חברים איבערן גאַנצן לאַנד האָבן קאָאָפּערירט מיט זיי אין דער שאַפונג פון פאָנדן.

ווען ס'איז פאָרגעקומען אַ טעג־טאָג פאַרן רויטן מגן דוד אין מאָנט־רעאָל, האָט דער פועלי ציון פאַראיין זיך שוין ניט געקאָנט צוריקהאַלטן און איז אָפיציעל אַרויסגעקומען מיט אַן אַפּעל „צו אַלע אידישע אַרבעטער". אין נאָמען פון דעם פאַראיין האָבן דעם אַפּיל אונטערגעשריבן די חברים ח. מ. קייזערמאַן, ל. צוקער און מ. עפשטיין. אין דעם אַפּיל ווערט צווישן אַנדערן געזאָגט: „די זאַמלונג איז ניט קיין נדבה בעטעניש, נאָר די אויפ־מאָנונג פון אַ הייליקן חוב... ווען מיר דאָ רואיק זיצן און גאָרניט טאָן דעם וועג פון אונזערע קעמפער לייכטער צו מאַכן?... וועט איר, אידישע ברידער און שוועסטער, זיך אָפּזאָגן דעם חוב צו באַצאָלן?... געדענקט, ברידער און שוועסטער, אַז אונטער דעם נאָמען לעגיאָנערן זיינען אַוועק די בעסטע און טרייסטע קינדער פון אונזער פאָלק — אַוועק מיט זייערע לעבנס אונזער נאָמען צו רייניקן, אונזער ערע פעסטצושטעלן און עס איז דעריבער אונזער הייליקסטע פליכט מיט פולער איבערגעגבנקייט... ווייזן, אַז מיר שעצן זיי". צום שלוס זאָגט דער אויפרוף: „די אידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע פועלי ציון פון מאָנטרעאָל, האַלט עס פאַר איר אוממיטלבאַרן חוב, אויפמערקזאַם צו מאַכן די אידישע אַרבעטער, אויף דער וויכטיקייט און ענסטקייט פון דער דינסטאָקדיקער מגן דוד זאַמלונג און אַפּעלירט צו אידישע אַרבעטער מיידלעך, אַליין זיך אין דער זאַמלונג צו באַטייליקן און צו זען, אַז יעדער איד זאָל אין דעם הייליקן טאָג זיין פולן חוב באַצאָלן. טוט אייער פליכט צו די וואָס זיינען מקריב זייערע לעבנס פאַר אייך!" דער „טעג טאָג" האָט אַריינגעבראַכט 1252 דאָלער. דער דער־פאָלג איז דערגרייכט געוואָרן הויפּטזעכלעך אַ דאַנק דער הילף פון דער באַוועגונג.

אין וויניפּעג האָט די אַרבעט פאַרן רויטן מגן דוד זיך אָנגעהויבן נאָך איידער ס'איז אָפּגעפאָרן די ערשטע גרופּע לעגיאָנערן. אָנפאַנג יולי, 1918, האָבן זיי געהאַט 600 מיטגלידער [271].

אין טאָראָנטאָ האָט דער אידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד גע־נומען אַ גאַר טיכטיקן אַנטייל אין דער אַרבעט. אַ קאָנפערענץ פון פאַרבאַנד איז גערופן געוואָרן און ס'זיינען דערוויילט געוואָרן צייטווייליקע באַאַמטע: ב. דזשייקאָבס, פאַרזיצער; ל. לעווינסקי, קאַסירער און ה. מ. קירשענבוים, סעקרעטאַר [272]). ביי אַ צווייטער פאַרזאַמלונג האָט מען באַשלאָסן אונטער־צונעמען אַ קאַמפּיין פאַר צען טויזנט מיטגלידער. אָנהויב סעפּטעמבער איז טאָראָנטאָ באַזוכט געוואָרן פון דר. אַרטענבערג און די אַרבעט האָט געקראָגן מער שוואונג.

מ'האָט געפּלאַנעוועט צו האָבן אַן אַל־קאַנאַדער קאָנווענשאָן פון רויטן מגן דוד, סוף אָקטאָבער. צוליב דער אינפלוענציע עפּידעמיע, פון וועלכער מרים ברייניך־אַרטענבערג איז געשטאָרבן, האָט די אַרבעט ניט געמאַכט קיין פאָרטשריט. מיט דעם סוף פון דער מלחמה האָט זיך די רויטע מגן דוד אַרבעט פון דער באַוועגונג און אירע פריינט איבערגעטראָגן צו די זאַמ־לונגען פאַר דעם „פּאַלעסטיין העלפּינג הענד פאָנד" — דעם ספּעציעלן הילפס פאָנד פאַר די מלחמה געליטענע אין ארץ ישראל. דער אידישער לעגיאָן האָט אָנגעצונדן מיט ענטוזיאַזם די גאַנצע ציוניסטיש סאָציאַליסטישע באַ־וועגונג אין קאַנאַדע. דאָס האָט אינספּירירט אויך אַנדערע, דאָס האָט סטי־מולירט און גערופן אַלעמען צו גרויסע מעשים. ס'איז ניט געווען קיין אידיש הויז, וואָס איז ניט פאַרכאַפּט געוואָרן אויף דעם אָדער יענעם אופן אין יע־נער וואונדערבאַרער צייט פון האָפנונג און קאַמף.

.14

אויפן אַרבעטער פראָנט אין די מלחמה יאָרן

אַרבעטער קאָנפערענצן

מיר האָבן אין קאַפּיטל 11 דערציילט, אַז באַלד נאָך דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט מלחמה האָט די סאָציאַליסטישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג אין קאַנאַדע גענומען די איניציאַטיוו צו אָרגאַניזירן די מלחמה הילפס אַרבעט. די אידישע יוגנט האָט אויפגענומען דעם רוף און די מלחמה הילפס אַרבעט איז געוואָרן אַן אמתע פאָלקס באַוועגונג, וואָס האָט סטימולירט דעם נאַציאָנאַלן געדאַנק און געוועקט די נאַציאָנאַלע געפילן, — און די פּאָזיציע פון די אידיש רייידנדיקע אַסימילאַטאָרישע סאָציאַליסטן האָט זיך אַ שאָקל געטאָן...

ס'האָט לאַנג ניט גענומען און ס'האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען די נויטווענדיקייט פון געמיינשאַפטלעכע אַרויסטרעטונגען פון דער אידי־שער אַרבעטערשאַפט פאַר די פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע פאָדערונגען פון דעם אידישן פאָלק. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן דערנענטערן מאָמענטן פאַר אַלגעמיינע אידישע אַרבעטער קאָנפערענצן, אידישע אַרבעטער צוזאַמענ־

פאַרן, — און די סאָציאַליסטשע נאַציאָנאַלע באַוועגונג האָט אָנגעהויבן צו שטורמען די פעסטונגען פון די שונאי ציון אויף דער אידישער אַרבע־טער גאַס.

נאַציאָנאַלע אַרבעטער קאָמיטעטן

ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן, אַ דאַנק דער איניציאַטיוו און אָנטשלאָסע־נער אַרבעט פון די אַמעריקאַנער פועלי ציון, די באַוועגונג פאַר דעם אַמע־ריקאַנער אידישן קאָנגרעס, און ס׳איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן אַ רוף פאַר דער ערשטער נאַציאָנאַלער אַרבעטער קאָנוועגשאָן אין ניו יאָרק, אין סעפּ־טעמבער, 1915, האָבן זיך די קאַנאַדער אידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס געדאַרפט צוזאַמענקומען ביי לאָקאַלע קאָנפערענצן אויסצוקלייבן דעלעגאַטן און צו פאָרמולירן זייערע שטעלונגען. ביי די דאָזיקע לאָקאַלע קאָנפערענצן האָבן זיך אָנגעהויבן ביטערע קאַמפן צווישן די פועלי ציון און די געגנאָסן.

אין טאָראָנטאָ זיינען ביי דער לאָקאַלער קאָנפערענץ געווען פאָרטראָטן אַלע נאַציאָנאַלע און ראַדיקאַלע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס, אַלע בראַנטשעס פון אַרבעטער רינג, דער אידישער צווייג פון דער סאָציאַל דעמאָקראַטישער פאַרטיי, „יאַנג סאָשיאַליסט ליג״, צווייגן פון דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, פועלי ציון, ס. ט., טרייד יוניאָנס א. א. וו. ביי דער קאָנפערענץ האָט מען אָנגענומען רעזאָלוציעס צו פאָדערן פולע מענטשלעכע און נאַציאָ־נאַלע באַפרייאונג פאַר דעם אידישן פאָלק, און אַז די אידישע אַרבעטער, פאַראייניקט אין דעם איצטיקן טראַגישן מאָמענט, זאָלן דערהויבן זייער שטימע פאַר דער דעראָבערונג פון פולע בירגערלעכע, פּאָליטישע און נאַ־ציאָנאַלע רעכט פאַרן אידישן פאָלק, — און אַז ס׳איז נויטיק צו שיקן אַ ספּעציעלע אידישע אַרבעטער דעלעגאַציע צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַ־ליסטישן קאָנגרעס... ער זאָל העלפן דעם אידישן פאָלק צו באַקומען זיינע רעכט״. ביי יענער קאָנפערענץ האָט מען באַשלאָסן צו פּראָטעסטירן קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן. ס׳איז אויך באַשלאָסן געוואָרן צו האָבן „אָפּען עיר״ מיטינגען און מאַסן פאַרזאַמלונגען כדי צו דערקלערן די אידן די וויכטיקייט פון דער קאָנפערענץ.

אברהם רייבוויין, דאַן נאָך אַן ס. ט., איז דערוויילט געוואָרן אַלס דע־לעגאַט צו פאָרטרעטן די טאָראָנטער אידישע אַרבעטערשאַפט ביי דער ער־שטער נאַציאָנאַלער אַרבעטער קאָנוועגשאָן [273]). דאָס איז געווען די ערשטע גרויסע נידערלאַגע פון די אידישע געגנאָסן אין קאַנאַדע. דער פּרעסע קאָ־מיטעט, אָנגעפירט פון די חברים מ. קרעמער און מ. מענסאָן, האָט גערופן די אידישע אַרבעטער איבער „גאַנץ קאַנאַדע״ נאָכצוטאָן זייער ביישפּיל און האָט צוגעזאָגט „צו העלפן מיט ראָט און טאָט״.

אין מאָנטרעאָל, פּונקט ווי אין טאָראָנטאָ, האָבן זיך אַלע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס באַטייליקט אין דער לאָקאַלער קאָנפערענץ. די מאָנטרעאָ־לער ציוניסטישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס זיינען שוין דאַן געווען אָנגע־שלאָסן אין דעם פאָלקס פאַרבאַנד און האָבן שוין געאַרבעט פאַר אַ קאַנאַדער

אידישן קאָנגרעס, פונדעסטוועגן האָבן זיי זיך באַטייליקט אין דער לאָקאַ־לער אַרבעטער קאָנפערענץ. ביי דער מאנטרעאלער קאָנפערענץ איז דער־ווײַלט געוואָרן אַ געגנאָסע צו פאַרטרעטן די מאנטרעאָלער אידישע אַרבעטער ביי דער ערשטער נאַציאָנאַלער אַרבעטער קאָנווענשאָן, אָבער די פּועלי ציון איז געלונגען דורכצופירן אַ רעזאָלוציע וועגן קאָנגרעס, וואָס האָט די געגנאָסן ניט פאַרשאַפט צופיל נחת.

די מאנטרעאלער קאָנפערענץ האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אַ אידישן קאָנגרעס מיט אַן „אָפענער פּלאַטפאָרם". די געגנאָסן האָבן זיך שטאַרק גע־שראָקן פאַר אַן „אָפענער פּלאַטפאָרם", ווייל מ'וועט נאָך חלילה קענען „אויפ־נעמען די פראַגע פון פּאַלעסטינע"... מ'האָט אויך באַשלאָסן, אַז מ'זאָל „שיקן אַ מעמאָראַנדום צום סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל" און אַז דער אידישער קאָנגרעס זאָל פאַרהאַנדלען וועגן רעגולירן די אימיגראַציע... מ'האָט אויך אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, אַז די מאָנטרעאלער אידישע אַרבע־טער זיינען פאַר פולער גלייכבאַרעכטיקונג און קולטורעלער אויטאָנאָמיע אומעטום וואו אידן געפינען זיך, און „אויפצוהויבן די עפנטלעכע מיינונג און באַקענען די וועלט מיט די אידישע ליידן אין רוסלאַנד און פּראָטעסטירן קעגן דער באַיקאָט באַוועגונג אין פּוילן"[274].

אין וויניפּעג איז געשאַפן געוואָרן אַן אָרטיקער נאַציאָנאַלער אַרבעטער קאָמיטעט, לויט דער איניציאַטיוו פון דעם אידישן סאָציאַל דעמאָקראַטישן ברענטש[275]. דער אָרטיקער נאַציאָנאַלער אַרבעטער קאָמיטעט איז צוזאַ־מענגעשטעלט געוואָרן פון די דריי אַרבעטער רינג ברענטשעס: 169, 506 און 564, דעם פּועלי ציון פאַראיין און די אידיש ריידנדיקע סאָציאַל דעמאָ־קראַטן[276]. צוערשט האָט עס געהייסן, אַז דאָס איז אַ קאָמיטעט פאַר אידי־שער גלייכבאַרעכטיקונג. אין דעם אַרבעטער רינג ברענטש 506 איז נאָך דאַן געווען אַ גרויסע צאָל געוועזענע ס. ט., יעדנפאַלס די ס. ט. זיינען געווען די אָנפירער פון דעם ברענטש. איינער פון די פאַרטרעטער פון דעם ברענטש איז געווען חבר (דר) י. פּערלמאַן. מיט דער הילף פון די פּועלי ציון און אייניקע אַנדערע נאַציאָנאַל געשטימטע דעלעגאַטן, איז י. פּערלמאַן געוואָרן דער טאָן־געבער, דער פאַקטישער פירער פון דעם גאַנצן קאָמיטעט.

דער קאָמיטעט האָט אָנגענומען רעזאָלוציעס אָדער באַשלוסן, וואָס זיי־נען געווען ענלעך צו די רעזאָלוציעס, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן אין מאָנטרעאָל. די וויכטיקסטע רעזאָלוציעס זיינען געווען: א) צו רעקאָמענ־דירן דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער קאָנווענשאָן, אין ניו יאָרק, אַז מען זאָל האָבן צוויי פּעטיציעס, „איינע פאַר די פאַראייניקטע שטאַטן און איינע פאַר קאַנאַדע"... „אַז ביים פרידנס קאָנגרעס זאָלן זייערע פאַרטרעטער דער־מאָנען די אידן־פראַגע"; ב) „רעקאָמענדירן אַ קאַמפּיין וואָך פון דעמאָנסטראַ־ציעס, מאַסן פאַרזאַמלונגען און מאַניפעסטאַציעס"... „דערמיט וועט אפשר געבראָכן ווערן דאָס פאַרברעכערישע שווייגן פון דער פּרעסע"; ג) מ'זאָל צוזאַמענרופן אַ אידישן קאָנגרעס אויף דעמאָקראַטישע יסודות מיט אַן אָפּע־נער פּלאַטפאָרמע. ס'איז אינטערעסאַנט, אַז ביי דער אָפּשטימונג פון דער רעזאָלוציע וועגן קאָנגרעס האָבן 29 געשטימט פאַר און 21 קעגן[277].

אויפן סמך פון דער דאָזיקער רעזאָלוציע האָבן די סאָציאַליסטיש נאַציאָנאַלע עלעמענטן, מיט (דר) י. פערלמאַן בראש, געטאָן וואָס מ׳האָט געדאַרפט, אַז דוקא דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער קאָמיטעט זאָל נעמען די איניציאַטיוו צוזאַמענצורופן די ערשטע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון וויניפעגער אידישע כלל טוער צו אָרגאַניזירן דעם וויניפעגער קאָנגרעס קאָמיטעט. י. פערלמאַן איז געווען דער איינלייטער ביי יענער פאַרזאַמלונג [278]). דער וויניפעגער נאַציאָנאַלער אַרבעטער קאָמיטעט האָט אויך גענומען די איניציאַטיוו, אַז דער טריידס און לייבאָר קאָנגרעס זאָל אָננעמען ביי זיין יערלעכן צוזאַמענפאָר, אין 1915, אַ רעזאָלוציע „פאַר אידישער גלייכבאַרעכטיקונג איבער דער גאַנצער וועלט״. די רעזאָלוציע איז אַריינגעבראַכט געוואָרן, לויט דער בקשה פון דעם קאָמיטעט, דורך אַ ניט־אידישן אַרבעטער פאָרשטייער, ר. א. ריג [279]). אַן ענלעכע רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרן פון דעם טריידס און לייבאָר קאָנגרעס ביי זיין צוזאַמענפאָר אין 1916.

די לאָקאַלע נאַציאָנאַלע אַרבעטער קאָנפערענצן אָדער קאָמיטעטן פון מאָנטרעאָל, טאָראָנטאָ און וויניפעג, האָבן זיך ניט אויפגעלייזט נאָך דער ערשטער קאָנווענשאָן פון דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער קאָמיטעט אין ניו יאָרק. מ׳האָט אפילו אָנגעהויבן אַ באַוועגונג צו שאַפן אַ פעדעראַציע פון נאַציאָנאַלע אַרבעטער קאָנפערענצן אין קאַנאַדע. ביי אַ זיצונג פון דער מאָנטרעאַלער קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען סוף אָקטאָבער, אונטער דעם פאָרזיץ פון חבר וו. סיראטא, איז באַריכטעט געוואָרן, אַז דער פרעסע קאָמיטעט האָט אויסגעאַרבעט אַ דעקלאַראַציע וועגן דער קאַנאַדער פעדעראַציע, און אַז ער האָט די דעקלאַראַציע פונאַנדערגעשיקט צו אַלע נאַציאָנאַלע אַרבעטער קאָמיטעטן פון לאַנד. איינער פון די דריי מיטגלידער פון דעם פרעסע קאָמיטעט איז געווען יהודה קויפמאַן [280]). די קאָנפערענץ האָט באַשטעטיקט דעם טעקסט פון דער דעקלאַראַציע. אָבער צוליב ווייטערדיקע אַנטוויקלונגען איז אַזאַ פעדעראַציע ניט געשאַפן געוואָרן.

ביי אַ שפּעטערדיקער זיצונג פון דער מאָנטרעאָלער קאָנפערענץ, זיינען די מאנטרעאלער גענאָסן, אויסהערנדיק אַ באַריכט וועגן די רעזאָלוציעס, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן ביי דער נאַציאָנאַלער קאָנווענשאָן אין ניו יאָרק, געווען שטאַרק נידערגעשלאָגן מיט דעם נצחון פון די פועלי ציון ביי דער קאָנווענשאָן. איינער פון זיי האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן און האָט פּאַטעטיש אויסגעשריגן „מיר זיינען גרייט צו העלפן דעם אידישן פאָלק אין זיינע איצטיקעליידן, אָבער מיר וועלן ניט העלפן אַגיטירן און פאַרשפרייטן דעם ציוניזם״... [281]).

די לאָקאַלע מאָנטרעאלער און טאָראָנטער קאָנפערענצן אָדער קאָמיטעטן פון דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער קאָמיטעט האָבן עקזיסטירט ניט זייער לאַנג. זיי האָבן אָנגעהאַלטן ביז וואַנען די סאָציאַליסטיש נאַציאָנאַלע באַוועגונג האָט געפונען פאַר נויטיק. זיי האָבן די דאָזיקע קאָמיטעטן געלאָזט שטאַרבן ווען זיי האָבן זיך צוריקגעצויגן פון זיי. אין די סאָציאַליסטיש נאַציאָנאַלע צוזאַמענפאָרן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין ניו יאָרק אין 1916 און 1917

האָבן זיך די קאַנאַדער אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס שוין ניט באַטייליקט, ווייל עס איז געוואָרן קלאָר, אַז קאַנאַדער אידן דאַרפן האָבן זייער אַן אייגע־נעם קאָנגרעס.

פייערונגען פון דער באַלפור דעקלאַראַציע

די באַלפור דעקלאַראַציע האָט אויפגערודערט די אידישע אַרבעטער אין קאַנאַדע מער ווי אין די פאַראייניקטע שטאַטן און האָט געפירט צו ווייטערדיקע מפלות פון די קאַנאַדער גענאָסן.

די באַוועגונג האָט אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן באַלפור דעקלאַראַציע־פייערונגען איבערן גאַנצן לאַנד. די ערשטע פייערונג איז פאָרגעקומען אין וויניפעג. די פייערונג האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ מאַסן פאַרזאַמלונג דעם 3טן יאַנואַר, 1918, מיט ברוך צוקערמאַן אַלס גאַסט רעדנער, — און וויניפעג איז אויפגעשטורעמט געוואָרן. גרויסע צאָלן חברים זיינען אַריין אין דער פּאַרטיי. „נאָך קיינמאָל ניט געוואוסט פון אַזאַ שטימונג, נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזאַ אָפּפערוויליקייט”, האָט באַריכטעט די לאָקאַלע צייטונג [282].

אין מזרח קאַנאַדע האָבן די פועלי ציון אָרגאַניזירט פייערונגען, אין וועלכע די אידישע טרייד יוניאָן אָרגאַניזאַציעס זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אַלס מיטבאַטייליקטע. דאָס זיינען געווען די הערלעכסטע דעמאָנסטראַציעס פאַר די ציוניסטיש סאָציאַליסטישע אידעען פון כמעט דער גאַנצער אָרגאַ־ניזירטער אידישער אַרבעטערשאַפט.

אין מאָנטרעאַל איז די דעמאָנסטראַציע פאָרגעקומען אין מאָנומענט נאַשיאָנאַל טעאַטער, דעם 10 פעברואַר, 1918, אונטער דעם פאָרזיץ פון ה. מ. קייזערמאַן מיט ש. שניאור, ברוך צוקערמאַן און דר. ג. סירקין אַלס רעדנער. די אַלגעמיינע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס פון דער שטאָט האָבן זיך באַטייליקט אָפיציעל אין דער פייערונג. מ׳האָט אַראַנזשירט, אַז ניט נאָר זאָלן זייערע דעלעגאַטן זיצן אויף דער בינע, נאָר אַז זיי זאָלן אויך מיטברענגען זייערע פענער, וועלכע זאָלן באַצירן די בינע. די פאָלגנדיקע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך באַטייליקט אין דער מאָנטרעאַלער דעמאָנסטראַציע: דער אַרבעטער רינג ברענטש 204, קאַרפּענטערס יוניאָן, אַמאַלגאַמייטעד דזשאָינט באַארד, מענער פרעסערס יוניאָן, ארבעטער רינג ברענטש 445, קלאָוק מאכער יוניאָן, לאָקאַל 13 פון קלאָוק פרעסערס, דזשאָינט באַרד פון קלאָוקמאַכער, בעקערס יוניאָן, דער פועלי ציון פאַראיין, דער פאַרבאַנד צווייג, „החלוץ”, פּרץ שולן, פאָלקס שולן, פועלי ציון יוגנט קלובן, פאָלקס ביבליאָטעק און דער דראַ־מאַטישער קלוב. ס׳זיינען אויך געווען פאַרטראָטן דער סטודענטן פאַראיין „מאַקאַבייען סוירקל”, דער אַלגעמיין ציוניסטישער פאַראיין „אַלטניילאַנד”, די פאַפּינוי היברו סיק סאָסייטי, און אַנדערע.

די גענאָסן זיינען געווען זייער דערשלאָגן. איינער, אַ פאַרביסענער שונא ציון, האָט ניט געקענט אויסהאַלטן דעם „חלול השם”. „ווי קען מען דאָס דערלאָזן, אַז פענער פון אידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס זאָלן זיין אויף

דער בינע?" האָט ער געטאָן, וואָס ער האָט געקאָנט און האָט צוגעגנבעט איינע פון די פענער פון דער אַמאַלגאַמייטעד, איידער די פאַרזאַמלונג האָט זיך אָנגעהויבן...

ש. שניאור איז געווען דער ערשטער רעדנער. ער האָט גערעדט וועגן „אַמאָל און היינט". ברוך צוקערמאַן האָט פאָרגעלעזן אַ רעזאָלוציע, וואָס „דריקט אויס צופרידנקייט מיט דער אידישער באַפרייאונג". ער האָט געפאָדערט, אַז די קעגנער זאָלן האָבן מוט צו שטימען קעגן. די טויזנט קעפּיקע אַרבעטער מאַסע האָט זיך אויפגעשטעלט פון זייערע פלעצער אַלס צייכן, אַז „זיי זיינען פאַר דעם, אַז ארץ ישראל זאָל געהערן צום פאָלק ישראל. דאַקעגן האָבן געשימט גאַנצע זעקס פערזאָן" [283].

די פאַרזאַמלונג איז פאַרגעקומען פונקט אַ טאָג פאַר דר. סירקינס 50־יאָריקן יובילעי. ווען ער האָט זיך אויפגעשטעלט צו רעדן, איז ער פּרעזענטירט געוואָרן מיט אַ בוקעט בלומען. דאָס איז געווען ווי אַ סיגנאַל. פועלי ציון יוגנט חברים און קינדער פון די שולן האָבן אָנגעהויבן וואַרפן בלומען פון די באַלקאָנען. ער האָט געקראָגן אַן אומבאַשרייבלעכע אָוואַציע. דר. סירקינס רעדע האָט פּשוט עלעקטריזירט דעם עולם. אַ זאַמלונג צווישן עולם פאַר דעם פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד האָט אַריינגעבראַכט טויזנט דאָלער(!).

אין פאַרבינדונג מיט דער דעמאָנסטראַציע איז פאָרגעקומען, אויסער דעם אינצידענט מיט דער צוגעגנבעטער פאָן, נאָך אַן אינצידענט. די געשיכטע ווערט איבערגעגעבן אין „קעמפער" אונטער דעם קעפּל „די פועלי ציון און דער מאָנטרעאַלער טריידס און לייבאָר קאָונסיל" מיט פאָלגנדיקן אינהאַלט: „די מאָנטרעאַלער פועלי ציון האָבן לעצטנס אָנגעהויבן אַ באַוועגונג צו פאַראינטערעסירן די ניט־אידישע אַרבעטער מיט אונזערע אידעאַלן און פאָדערונגען. אַ ספּעציעלער מעמאָראַנדום איז וועגן דעם צוגעשטעלט געוואָרן צו דעם טריידס און לייבאָר קאָונסיל, וועלכער האָט אַרויסגעוויזן פיל פריינטשאַפט צו דעם פּראָלעטאַרישן ציוניזם און האָט די פראַגע איבערגעגעבן צו דער עקזעקוטיווע צו שטודירן. לײדער האָבן אונזערע חברים ניט געהאַט די מעגלעכקייטן צו זיין אָנוועזנד ביי דעם מיטינג, און די עטלעכע אידן וועלכע זיינען דאָרט געווען, זיינען ניט פון אונזער לאַגער" [284]. דאָס איז געווען אַן אַריינפיר צו דעם בריוו פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן, וועלכע האָט זיך אָפיציעל באַטייליקט אין דער דעמאָנסטראַציע און האָט פאַרטײדיקט איר סעקרעטאַר, שובערט, וועלכער איז יאָ געווען ביים מיטינג פון טריידס און לייבאָר קאָונסיל. די יוניאָן האָט געשריבן צום „קעמפער", אַז שובערט האָט פאָרגעשלאָגן, אַז דער טריידס און לייבאָר קאָונסיל זאָל אינדאָרסירן די שטעלונג וואָס די בריטישע לייבאָר פּאַרטיי האָט אָנגענומען צו דער פראַגע פון פּאַלעסטינע. אַזוי ווי די אַנדערע דעלעגאַטן זיינען ניט געווען גענוג באַקאַנט מיט דער שטעלונג פון דער לייבאָר פּאַרטיי, — שרייבט די קלאָוקמאַכער יוניאָן, — איז דער פאָרשלאַג איבערגעגעבן געוואָרן צו דער עקזעקוטיווע צו שטודירן [285].

ה. מ. קייזערמאַן, אין איינעם פון זיינע שאַרפע פּאָלעמישע אַרטיקלען מיט די גענאָסן, דערמאָנט דעם אינצידענט אין אַן אַנדערער באַלייכטונג.

„דעם 6טן פעברואַר האָט מיין חבר בעלקין און מיין וויניקייט באַזוכט הער פאַסטער, פּרעזידענט פון דעם טריידס און לייבאָר קאָונסיל, אין זיין אָפּיס אין סט. דזשאָזעף האָל, פאַרלייגנדיק אַ מעמאָראַנדום וועגן די צילן און צוועקן פון די פּועלי ציון — דער מעמאָראַנדום איז געדרוקט געוואָרן אין אייניקע נומערן פון „קענעדיען דזשואיש קראָניקל", — און האָבן אים איינגעלאַדן צו שיקן פאַרטרעטער פון דעם טריידס און לייבאָר קאונסיל צו דער ציון דעמאָנסטראַציע פון די אידישע אַרבעטער, דעם 10 פעברואַר, אין מאָנומענט נאַשיאָנאַל. ער איז געווען זייער פריינטלעך און האָט צוגעזאָגט צו ברענגען די איינלאַדונג פאַר דער ערשטער זיצונג פון דעם טריידס און לייבאָר קאונ־סיל, דעם 7טן פעברואַר, 1918. ער האָט אונז פאַרזיכערט אין זיין סימפּאַטיע פאַר אונזערע נאַציאָנאַלע אידעאַלן. ער האָט זיין וואָרט געהאַלטן. אָבער די צוויי גענאָסן, וואָס זיינען געווען די איינציקע אידן, אָנוועזנד ביי יענער זיצונג, האָבן ניט געוואָלט אָננעמען צו פאַרטרעטן דעם קאונסיל ביי דער פּועלי ציון דעמאָנסטראַציע. איינער פון די גענאָסן, י. שובערט, האָט דאָן פאָרגעלייגט, אַז דער קאונסיל זאָל אָננעמען דיזעלבע רעזאָלוציע, וואָס די בריטישע לייבאָר פּאַרטיי. פאַסטער האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, ווי מ'קען פריער זיין קעגן און שפּעטער דערפאַר, האָט ער זיין (שובערטס) פאָרשלאָג ניט געוואָלט אויפנעמען"...[286]). ס'איז קלאָר, אַז אין יענער צייט זיינען די פּועלי ציון געווען די אָנגרייפער און די גענאָסן האָבן זיך געדאַרפט פאַרטיידיקן.

אַ פייערלעכע דעמאָנסטראַציע לכבוד דער באַלפור דעקלאַראַציע איז אויך פאָרגעקומען אין האַמילטאָן. אָט ווי ס. ביניק שרייבט וועגן דעם אין „קעמפער": „האַמילטאָן האָט אויפגעלעבט. אַ טעלעגראַמע, אַרויסגעלאָזט פון די פּועלי ציון, האָט מודיע געווען, אַז זיי וועלן האָבן אַ געלעגנהייט צו הערן אין אַ פּאָר טעג אַרום די חברים צוקערמאַן און סירקין"... „דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד האָט אויך באַלד גענומען טאָן וויכטיקע אַרבעט, אויסגעקליבן אַ קאָמיטעט מיטצוהעלפן אין דער דורכפירונג פון דער פאַרזאַמלונג". „די דערוואַרטע מינוט איז געקומען, אונטערן פאָרזיץ פון חבר שמואל זוואנקין האָט זיך דער מאַסן מיטינג אָנגעהויבן"... „דער ערשטער רעדנער איז געווען אַ פאַרטרעטער פון טריידס און לייבאָר קאונ־סיל. דער ניט־אידישער אַרבעטער פירער האָט געזאָגט: „אויב אידישע אַר־בעטער וועלן ניט זיין געהעריק פאַרטראָטן אין דער באַפרייאונג פון דעם אידישן פאָלק, דאָן איז די גאולה קיין גאולה ניט"... „דאָן טרעט אויף חבר צוקערמאַן... דער עולם שלינגט יעדעס וואָרט... ער רופט צו שטיצן דעם ארץ ישראל אַרבעטס פאָנד... חבר דר. נ. סירקין פאַרנעמט די בינע. ער רעדט וועגן סאָציאַליסטישן ציוניזם... מיט פרייד און ערנסט זיצט דער עולם און זעט פאַר זיך ניט קיין חלום, ניט קיין לופט־שלעסער, נאָר רעאַלע מעגלעכקייטן"...[287]).

ברוך צוקערמאַן און דר. נ. סירקין האָבן פון האַמילטאָן פאָרטגעזעצט זייער טריאומף צוג קיין טאָראָנטאָ. דאָרט האָט זיך איבערגעחזרט דאָסזעלבע וואָס אין מאָנטרעאָל. די גאַנצע אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטערשאַפט איז געקומען און האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער דעמאָנסטראַציע.

דער אידישער אַרבעטער קאָנגרעס פאַר ארץ ישראל

ווען דער רוף פאַר דעם ערשטן אַרבעטער קאָנגרעס אין אַמעריקע איז געקומען, אָנהויב אַפּריל, 1918, איז דאָס געווען אַ נייע געלעגנהייט צוזאַמענצורופן די לאָקאַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס און ווידעראַמאָל פאַראייניקן די אידישע אַרבעטערשאַפט פאַר דעם ציוניסטיש סאָציאַליסטישן פּראָגראַם אין ארץ ישראל.

אין מאָנטרעאָל איז די קאָנפערענץ פאָרגעקומען דעם 21טן אַפּריל. זי איז דערעפנט געוואָרן פון ה. מ. קייזערמאַן. וו. סיראָטא (פאַרטרעטער פון די פועלי ציון) איז דערוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער, אַ דעלעגאַט פון דער קעפּ־מאַכער יוניאָן, פרייגט מאַקס פיינמאַן, איז געווען וויצע־פאָרזיצער און צבי רייזלער, דעלעגאַט פון „החלוץ", איז געווען סעקרעטאַר. ביי דער קאָנפערענץ זיינען געווען 30 דעלעגאַטן פון אַרום 20 אָרגאַניזאַציעס — פאַרטרעטנדיק פיר טויזנט אַרבעטער — כמעט אַלע אידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס, וואָס מאָנטרעאָל האָט פאַרמאָגט: אַלע לאָקאַלן און די דזשאָינט באָארד פון דער אַמאַלגאַמייטעד, די דזשאָינט באָארד פון די קלאָוקמאַכער, לאָקאַל 13 פון סקוירט מאַכער, בעקערס יוניאָן לאָקאַל 115, קעפּ־מאַכער יוניאָן לאָקאַל נומער 33, באַרבערס יוניאָן לאָקאַל 65, קאַרפּענטערס, ברענטש 204 פון אַרבעטער רינג, אידישע צייטונגס פאַרקויפער יוניאָן, א. א. וו.

די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע צו באַגריסן „פון טיפן האַרצן, מיט דעם גאַנצן ענטוזיאַזם פון דער נשמה" די שטעלונגען פון דער ענגלישער אַרבעטער פּאַרטיי, פון דער „אַמעריקען פעדעריישאַן אָף לייבאָר", און פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנפערענץ אין לאָנדאָן, וועלכע האָבן „אָנערקענט די פאָדערונגען פון דעם אידישן פאָלק, פון פּאָליטישע, בירגערלעכע און נאַציאָנאַלע רעכט אין אַלע לענדער און פון אַ אידישער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ ישראל". אַ צווייטע רעזאָלוציע האָט אויסגעדריקט די האָפנונג, „אַז די אַרבעטער פון אַלע לענדער און צוזאַמען מיט זיי אויך די אַרבעטער פון קאַנאַדע, וועלן אָנערקענען אונזערע פאָדערונגען און שטיצן אונזערע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען". אַן אַנדערע רעזאָלוציע האָט אויסגעדריקט די „האָפנונג און גלויבן, אַז דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל וועט קלאָר און פעסט, מיט זיין גאַנצער פּאָליטישער מאַכט און איינפלוס, זיך איינשטעלן פאַר די פאָדערונגען פון דעם אידישן פאָלק אויפצובויען זיין היים אין ארץ ישראל".

די מאָנטרעאָלער אידישע אַרבעטער האָבן ווייטער דערקלערט: „מיר פאַרפליכטן זיך מיט אַלץ צו העלפן דעם אויפבוי פון דער אידישער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ ישראל און מיר וועלן אָנווענדן אַלע כוחות די היים זאָל געבויט ווערן אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות, אין די אינטערעסן פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט און אין איינקלאַנג מיט אונזערע סאָציאַליסטישע און פרייהייטס אידעאַלן". די קאָנפערענץ האָט אויפגעפאָדערט דעם „אַרבעטער קאָנגרעס פאַר ארץ ישראל צו נעמען אַ לייטנדיקע שטעלונג אין דער

פאַרווירקלעכונג פון אונזערע אידעאַלן... צו האַנדלען אין נאָמען פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט... צו פירן אַ זעלבסטשטענדיקע נאַציאָנאַלע און סאָציאַליסטישע אַרבעטער פּאָליטיק אויף דעם דיפּלאָמאַטישן געביט, ווי אויך צו באַשאַפן אונזערע פינאַנץ אינסטרומענטן פאַר ארץ ישראל".

אַן עקזעקוטיווע פון 15 חברים איז דערווײלט געוואָרן. אַלס מאָנטרעאַ־לער דעלעגאַטן זיינען דערווײלט געוואָרן די חברים ס. (ש). בעלקין פון די פועלי ציון, נח חפץ פון דעם קאַטערס לאָקאַל פון דער אַמאַלגאַמייטעד, און פריינט מ. לעווין, פון דער דזשאָינט באָארד פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן. די שלוס־רעדעס זיינען געהאַלטן געוואָרן פון ח. מ. קייזערמאַן, וו. סיראַטאַ און ל. צוקער [288].

אין טאָראָנטאָ איז די לאָקאַלע קאָנפערענץ פאַרגעקומען דעם 5טן מאַי, מיט 37 דעלעגאַטן פון 19 אָרגאַניזאַציעס, מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון 3000. דער פאָרזיצער פון דער קאָנפערענץ איז געווען שלום גאָרדאָן, פאַר־טרעטער פון לאָקאַל 70 סקוירט מאַכער, — און סעקרעטאַר איז געווען ל. באַגראַד, — פאַרטרעטער פון די פועלי ציון. צווישן די אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען דריי בראַנטשעס פון אַרבעטער רינג, פיר צווייגן פון דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, דריי לאָקאַלן און די דזשאָינט באָארד פון די קלאָוק־מאַכער, מילינערי און ליידיס העטס יוניאָן, די פאָריערס יוניאָן, דריי לאָקאַלן פון דער אַמאַלגאַמייטעד, די קעפּמאַכער יוניאָן א. א. וו.

די רעזאָלוציעס, וואָס מ'האָט דאָרטן אָנגענומען, זיינען געווען ענלעך צו די רעזאָלוציעס, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן פון דער ניו יאָרקער קאָנפערענץ. אַלס דעלעגאַטן צו דעם א"י אַרבעטער קאָנגרעס פון טאָראָנטאָ זיינען דערווײלט געוואָרן די חברים יודל גערטלער, פון די פועלי ציון, י. מאַטענקאַ, פאַרטרעטנדיק דעם לאָקאַל 14 פון די קלאָוקמאַכער און חיים קרוגער פון דער קלאָוקמאַכער דזשאָינט באָארד.

אַ שטענדיקע עקזעקוטיווע איז דערווײלט געוואָרן. שלוס רעדעס זיינען געהאַלטן געוואָרן פון מאַקס מענסאָן, ל. באַגראַד, י. גערטלער און אַנדערע [289].

אין האַמילטאָן, איז דעם 12טן מאַי פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג, אונטער דעם פאָרזיץ פון פריינט ב. טשערקאַוו, פון צווייג 284 אַרבעטער רינג. אויף דעם מיטינג האָבן זיך פאַרזאַמלט פילע מיטגלידער פון אַרבעטער רינג, חברים פון דעם פאַרבאַנד צווייג 11, די פועלי ציון און פילע אַנדערע אידישע אַרבעטער מיט זייערע פרויען (קיין אידישע טרייד יוניאָן לאָקאַלן זיינען אין האַמילטאָן ניט געווען). „די פאַרזאַמלונג האָט פאַרטראָטן דעם רוב מנין ורוב בנין פון דער האַמילטאָנער אידישער אַרבעטערשאַפט. זי האָט געטראָגן אַ פייערלעכן כאַראַקטער, ווייל די פריערדיקע קעגנער האָבן זיך פאַראיי־ניקט"... אַלס דעלעגאַט איז דערווײלט געוואָרן שמואל סאַליד (ש. סלאָ־באַדסקי). „וועלכער ווערט באַגריסט פון די פאַרזאַמלטע דורך הילכיקע אַפּ־לאָדיסמענטן". „דער מיטינג ווערט געשלאָסן מיט הילכיקע טענער פון דער „שבועה", מיט דער אומגעדולדיקער דערוואַרטונג צו הערן אַ פריילעכן באַ־ריכט פון אונזער דעלעגאַט וועגן דער פרוכטבאַרקייט פון דעם (ארץ ישראל

אַרבעטער) קאָנגרעס און מיט אַ ברענענדיקן פאַרלאַנג צו דערלעבן די פול־שטענדיקע דערלייזונג פון דער גאַנצער וועלט בכלל און פון דעם אידישן פאָלק בפרט״ [290].

אין וויניפעג, איז פאָרגעקומען אַ מאַסן מיטינג, דעם 28טן אַפּריל, צו דערוויילן אַ דעלעגאַט צו דעם ארץ ישראל אַרבעטער קאָנגרעס. דער מיטינג איז פאָרגעקומען אונטער דער אויפזיכט פון די פועלי ציון, מכבי פאַראיין, אידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד צווייג 20, און אַרבעטער רינג ברענטש 506, — מיט י. א. טשערניאַק אַלס פאָרזיצער. (דר) י. פּערלמאַן איז דערוויילט געוואָרן אַלס דעלעגאַט און האָט, ווי אַלע דעלעגאַטן, וואָס האָבן געהאַט די זכיה צו זיין אָנוועזנד ביי דעם קאָנגרעס, געבראַכט אַ באַ־גייסטערטן באַריכט [291].

אַלס קאַנאַדער פאָרשטייער אין דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע פון דעם ארץ ישראל אַרבעטער קאָנגרעס זיינען דערוויילט געוואָרן (דר) י. פּערלמאַן, י. מאַטענקאַ, ש. בעלקין.

אַ גאַר באַזונדער אָרט פאַרנעמען אין דער געשיכטע פון דער באַוועגונג, די פאַראייניקטע אַקציעס מיט אידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס, אין די צוגרייטונגען פאַר דעם קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס און די אַרויסטרעטונגען ביי דעם קאָנגרעס גופא. דאָס וועט באַהאַנדלט ווערן אין אַ באַזונדערן קאַפּיטל.

.15

דער קאַנאַדער אידישער קאָנגרעס

פאָרגעשיכטע

דער ערשטער אַרויסטריט פאַר דער קאָנגרעס אידעע אין קאַנאַדע, איז גע־מאַכט געוואָרן אין 1908 פון ש. שניאור, וועלכער איז נאָך דאַן געוועזן אַן ס. ט. און אַ מיטאַרבעטער פון ״קענעדער אַדלער״. דאָס איז געוועזן באַלד נאָך דער 2טער ס. ט. קאָנווענשאַן, ביי וועלכער דר. סירקין האָט אויפגעהויבן די פראַגע פון אַ אידישן פאַרלאַמענט ״צו אָרגאַניזירן דעם גלות״. שניאור האָט געשריבן: ״אַלע וואָס ווילן זיך אָנשליסן אין אַ גרופּע, וועמענס אויפגאַבע זאָל זיין צו אַגיטירן פאַר דער צוזאַמענרופונג פון אַ אידישן פאַרלאַמענט, זיינען געפעליגסט געבעטן אַריינצושיקן זייערע נעמען און אַדרעסן אין דעם אָפיס פון ״קענעדער אַדלער״, אויף דעם נאָמען פון ש. שניאור״ [292]. שפּעטער האָט שניאור געהאַלטן אַ לעקציע אין באַראָן דע הירש אינסטיטוט אויף דער טעמע ״דער אַלוועלטלעכער אידישער פאַרלאַמענט״ [293]. דעם 4טן יאַנואַר, 1909, האָט דער ״קענעדער אַדלער״ פאָרגעשלאָגן, אין אַ לייט־אַרטיקל, צו גרינדן אַ אידישן פאַרבאַנד אין קאַנאַדע, צו פאַרטרעטן אַלע קאַנאַדער אידן און צו פאַרטיידיקן זייערע אינטערעסן.

דעם 12טן פעברואַר, 1909, האָט מען ביי אַ זיצונג אין באַראָן דע הירש אינסטיטוט — אַ פילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציע אין מאָנטרעאָל, — באַטראַכט אַ פּלאַן פון שאַפן אַ „באָארד אָף דעפּיוטיס" פון קאַנאַדער אידן, לויט דעם מוסטער פון ענגלאַנד [294]). איניקע האָבן זיך געוואָלט באַוואָרענען און פאַר־לאַנגט, אַז די „באָארד" זאָל זיך געפינען אונטער דער יורִיסדיקציע פון דעם אינסטיטוט. אָבער די דעמאָלסטדיקע אָנפירער פון באַראָן דע הירש אינסטיטוט האָבן, ווייזט אויס, זיך באַלד געכאַפּט, אַז עס וועט זיין באַקוועמער ווען זיי וועלן ווייטער אַליין האַנדלען אַלס די פאָרטרעטער פון די קאַנאַדער אידן און וועלן האָבן וואָס ווייניקער צו טאָן מיט די נייע „קאָנגרעגיישאָנס" און אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן פון די ניט לאַנג צוריק אָנגעקומענע אימיגראַנטן. דער ענין פון אַ באָארד אָף דעפּיוטיס איז אַזוי אַרום פאַרגעסן געוואָרן אָדער אָפּגעלייגט געוואָרן פאַר אַ לאַנגער צייט.

שניאור האָט זיך אין אַ שפּעטערדיקן אַרטיקל צוריקגעקערט צו דער פראַגע פון אַן אידישן וועלט קאָנגרעס. ער דערמאָנט, אגב, אַז הערצל האָט דערקלערט ביי דעם 6טן ציוניסטישן קאָנגרעס, אַז אויב דער אוגאַנדאַ פאַר־שלאַג וועט אָנגענומען ווערן פון דעם ציוניסטישן קאָנגרעס, וועט מען דאַרפן צוזאַמענרופן אַ אידישן וועלט קאָנגרעס. שניאור ווייזט אָן, אַז אַ אידישער וועלט קאָנגרעס וואָלט זיך געקאָנט באַשעפטיקן מיט רעגולירן די אידישע איינוואַנדערונג און מיט דער פאַרווירקלעכונג פון די טעריטאָריעלע אי־דעאַלן פון דעם אידישן פאָלק [295]). דעם 6טן יוני, 1912, האָט ראובן בריינין, דער דאַמאָלסטדיקער רעדאַקטאָר פון „קענעדער אָדלער", אויפגעהויבן די פראַגע פון אַ „וועלט קאָנגרעס פון אַלע פּאַרטייען אין אידנטום". דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט די פאָרגעשיכטע פון דער קאָנגרעס באַוועגונג אין קאַנאַדע.

דער פאָלקס פאַרבאַנד

די אַגיטאַציע פאַר אַן אידישן קאָנגרעס האָט זיך אָנגעהויבן אין קאַ־נאַדע באַלד נאָך דער אויסערגעוויינלעכער קאָנפערענץ פון די אַמעריקאַנער ציוניסטן, וואָס איז פאָרגעקומען אין אויגוסט, 1914. ביי יענער קאָנפערענץ האָבן די אַמעריקאַנער פּועלי ציון אָנגעהויבן די באַוועגונג פאַר דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס. דר. נ. סירקין און ברוך צוקערמאַן האָבן ביי דער קאָנפערענץ פאָרגעשלאָגן, אַז מ'זאָל צונויפרופן אַ קאָנגרעס פון אַלע אַמעריקאַנער אידן. ראובן בריינין איז געווען ביי דער קאָנפערענץ און ער האָט, צוזאַמען מיט בערנאַרד ריטשאַרדס, אונטערגעשטיצט דעם פאָרשלאָג. נאָך יענער קאָנפערענץ האָט ראובן בריינין געשריבן עטלעכע מאָל אין „קענעדער אָדלער" וועגן „אַן אידישן קאָנגרעס כדי צו זאַמלען געלט און כוחות צו העלפן די ליידנדע ברידער פונם וועלט קריג". יהודה קויפמאַן האָט מיט וואָרט און שריפט גערופן די פּועלי ציון און די גאַנצע דעמאָקראַ־טיע פון מאָנטרעאָל צו דער גרויסער אַרבעט. אויך אין אַנדערע שטעט האָט מען אָנגעהויבן צו טראַכטן אין טערמינען פון אַן אַלגעמיינער דעמאָ־קראַטישער אָרגאַניזירונג.

צום אומגליק האָט ברײנין, סוף 1914, פאַרלאָזט דעם „קענעדער אָדלער" און האָט אָנגעהויבן זיך גרייטן אַרויסצוגעבן אַן אייגענע צייטונג. דער „קע־נעדער אָדלער" האָט דערפילט, אַז זיין קאַמף מיט ברײנינען איז אַ קאַמף פאַר זיין אייגענער עקזיסטענץ און ער האָט באַקעמפט ניט נאָר ברײנינען, נאָר אַלע וואָס האָבן מיט אים סימפּאַטיזירט, אים געשטיצט, אָדער מיטגע־אַרבעט מיט אים אין געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן.

אין קאַפּיטל 11 האָבן מיר דערציילט, אַז ווי נאָר ס'איז באַקאַנט גע־וואָרן דער אופן ווי אַזוי די „אפּטאָונער יאהודים" האָבן געהאַנדלט ביי דער צעטיילונג פונם געלט, וואָס איז צונויפגעזאַמלט געוואָרן אין דעם ערשטן מאָנטרעאלער מלחמה הילפס קאַמפּיין, האָט דער מאָנטרעאלער פּועלי ציון פאַראיין באַשלאָסן, אַז ס'איז געקומען די צייט צו האַנדלען. כדי אויסצומיידן באַשולדיקונגען, אַז די פּועלי ציון ווילן שלאָגן פון דעם פּאַרטיי קאַפּיטאַל, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די איניציאַטיוו זאָל נעמען דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד.

דעם 21טן פעברואַר, 1915, איז פאַרגעקומען די ערשטע מאָנטרעאלער קאָנפערענץ וועגן דער קאָנגרעס פראַגע, צוזאַמענגערופן פון צווייג 8 פון דעם פאַרבאַנד. ס'זיינען געקומען דעלעגאַטן פון 13 אָרגאַניזאַציעס. ל. צוקער, פאָרזיצער פון צווייג 8, האָט דערעפנט די קאָנפערענץ און איז דערוויילט געוואָרן צו זיין פאָרזיצער פון דעם היסטאָרישן צוזאַמענקום. ס'איז דאָרט אָנגענומען געוואָרן יהודה קויפמאַנס פאָרשלאַג „צו שאַפן אַ קאַנאַדער אי־דישע קערפערשאַפט צו פאַרטיידיקן אַלע אידישע אינטערעסן, סיי עקאָנאָ־מישע, סיי פּאָליטישע, וועלכע זיינען געשאַפן געוואָרן דורך דעם איצטיקן מאָמענט"[296]. ס'איז אויך באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער נאָמען פון דער קער־פערשאַפט זאָל זיין „פאָלקס פאַרבאַנד פון קאַנאַדער אידן".

די ערשטע קאָנפערענץ אָדער פאַרזאַמלונג האָט זיך דערקלערט אַלס אַ פאָר־קאָנפערענץ און האָט באַשלאָסן צו רופן אַ פאָלקס קאָנפערענץ זונ־טיק, דעם 17טן מערץ. צו דער דאָזיקער פאָלקס קאָנפערענץ זיינען געקומען נאָך 12 אָרגאַניזאַציעס. פאָרזיצער איז ווידער געווען ל. צוקער. אַ קאָמיטעט פון 12 איז דערוויילט געוואָרן אַלס אָרגאַניזירונגס קאָמיטעט פון דעם פאָלקס פאַרבאַנד. דער אָרגאַניזירונגס קאָמיטעט האָט דערוויילט ראובן ברײנין אַלס פאָרזיצער, ל. צוקער, וויצע פאָרזיצער, יהודה קויפמאַן, סעקרעטאַר און די חברים נח חפץ און ש. זעלינגער אַלס געהילפס סעקרעטאַרן, י. פיגלער, פי־נאַנץ סעקרעטאַר, פ. אַראַנאָוו, סעקרעטאַר פון דער „אַגיטאַציע קאָמיסיע" און פריינט מ. סאָלאָמאָן אַלס קאַסירער[297].

די חברים שניאור, א. קאַמאַראָוו און אייניקע אַנדערע זיינען געווען קעגן דער נאָמינירונג פון ראובן ברײנין אַלס פאָרזיצער, ווייל זיי האָבן געוואָלט, אַז די באַוועגונג זאָל אָנהאַלטן אַ נייטראַלע פּאָזיציע אין דעם קריג צווישן ברײנין און „קענעדער אָדלער", אָבער כמעט אַלע חברים האָבן דאַן, אונטער דער השפּעה פון יהודה קויפמאַן, סימפּאַטיזירט מיט ברײנינען און האָבן ניט נאָר אים געוואָלט האָבן אַלס פאָרזיצער פון פאָלקס פאַרבאַנד

צוליב זיין דאַמאָלסטדיקן פּרעסטיזש אין לאַנד, נאָר האָבן אויך דערמיט געוואָלט אויסדריקן זייער סימפּאַטיע צו ברייינבען אין זיין קאַמף קעגן דעם „קענעדער אָדלער". דער „קענעדער אָדלער" האָט, באַקעמפנדיק ברייינבען, אויך באַקעמפט דעם פאָלקס פאַרבאַנד און די פּועלי ציון. שניאור און קאַ־מאַראוו האָבן דערפאַר זיך צוריקגעצויגן פון דעם פאַראיין און האָבן אפילו זיך געחברט מיטן אַנדערן לאַגער. שניאור האָט אָבער, אין אָנפאַנג 1916, זיך צוריקגעקערט צו דעם פאַראיין.

זונטיק, דעם 28טן מערץ, איז פאָרגעקומען אַ צווייטע פאָלקס קאָנפע־רענץ. 70 אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען פאַרטראָטן, צווישן זיי זיינען געווען די פאָלגנדיקע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס: צוויי לאָקאַלן פון דער אַמאַלגע־מייטעד יוניאָן (לאָקאַלן 207 און 209), די קלאוקמאַכער יוניאָן און, פאַר־שטייט זיך, די פּועלי ציון און די מיט זיי פאַרבונדענע אָרגאַניזאַציעס. עס זיינען אויך געקומען עטלעכע שולן און פיל פּראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס [298]. ס'דאַרף דאָ געזאָגט ווערן, אַז חברים פּועלי ציון האָבן דאַמאָלסט, פּונקט ווי אַלעמאָל, ווען זיי האָבן געוואָלט עפּעס דורכפירן, זיינען געגאַנגען צו די יוניאָנס און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס און האָבן ביי זייערע מיטינגען אַגיטירט פאַר זייערע פאָרשלאָגן און באַווירקט די אָנוועזנדיקע מיטגלידער צו שיקן זייערע דעלעגאַטן.

דער אָרגאַניזיר קאָמיטעט האָט געמאַכט אַ ניט געלונגענעם פאַרזוך צו־צוציען אויך אַנדערע ריכטונגען אין מאָנטרעאל צו דער קאָנגרעס באַוועגונג און האָט איינגעלאַדן לייאָן קאָהען, געוועזענעם פּרעזידענט פון דעם באַראָן דע הירש אינסטיטוט און אייניקע אַנדערע, צו ווערן מיטגלידער פון דעם אָרגאַניזירונגס קאָמיטעט. מ'האָט אויך באַשלאָסן צו קאָאָפּטירן פאַרשטייער פון דער אידישער באַפעלקערונג פון די מאָנטרעאלער פאָרשטעט: מיילענד און פּאַפּיניו [299].

אַ פּרינציפּן־דערקלערונג, פון וועלכער יהודה קויפמאַן איז געווען דער מחבר, איז אָנגענומען געוואָרן כדי קלאָר צו מאַכן די אויפגאַבן און שטרע־בונגען פון דעם פאָלקס פאַרבאַנד. מיר גיבן דאָ בלויז דעם תמצית פון דעם דאָזיקן דאָקומענט. די דערקלערונג הויבט זיך אָן מיט דער אָנווייזונג, אַז די לאַגע פון די אידן אין די מלחמה לענדער בשעת און נאָך דער מלחמה איז די ברענענדיקסטע פראַגע פון דער אידישער ווירקלעכקייט און איר גרינטלעכע און דויערהאַפטיקע לייזונג ליגט אַלס הייליקער חוב אויף דעם גאַנצן אידישן פאָלק. „די גאַנצע געשיכטע פון אונזער פאָלק זאָגט עדות אויף דעם פולשטענדיקן באַנקראָט פון דער שתדלנות פּאָליטיק. די ריכטיקע לייזונג פון דער אידן פראַגע קען דיקטירט ווערן בלויז פון דעם פאָלקס ווילן". „די שטימע פונם גאַנצן אידישן פאָלק איז אַ פאַקטאָר, מיט וועלכן די גרויס־מאַכטן וועלן זיך מוזן רעכענען, די שטימע פון דעם אידישן פאָלק איז שוין מיט דעם אַליין מעכטיק, ווייל זי שטיצט זיך אויף דעם רעכט פון יעדן פאָלק אויף פרייהייט און זעלבסט באַשטימונג". „דאָס אידישע פאָלק שטרעבט דעריבער צו שאַפן זיך אַ מעגלעכקייט קלאָר און דייטלעך צו פאָרמולירן

זיינע פאָדערונגען; אַזאַ מעגלעכקייט קאָן עס זיך שאַפן בלויז דורך פאָלקס טריבונעס, וואו עס זאָל געהערט ווערן די שטימע פון זיינע דערוויילטע, וועלכע וועלן קומען מיט דירעקטיוון פונם פאָלק אַליין צו פאַרהאַנדלען די געמיינזאַמע אידישע אינטערעסן; אַזעלכע טריבונעס קאָנען געשאַפן ווערן בלויז דורך אַ צילבאַוואוסטער אָרגאַניזירונג און פאַראייניקונג פון אַלע קלאַסן און פאַרטייען, פון אַלע שטרעמונגען און שאַטירונגען צוליב די גרויסע אויפגאַבן פון דעם איצטיקן מאָמענט". „די פאָלקס פאַרטרעטערשאַפט מוז געשאַפן ווערן פון די עקזיסטירנדיקע אָרגאַניזאַציעס: רעליגיעזע, פאָ־ ליטישע, עקאָנאָמישע, קולטורעלע, וואוילטעטיקע און אָרגאַניזאַציעס פון קעגנזייטיקער הילף" [300].

דער פאָלקס פאַרבאַנד האָט אויך אַרויסגעלאָזט סטעמפס מיט דעם מאָטאָ: „די באפרייאונג פון דעם אידישן פאָלק איז די ארבעט פון דעם פאָלק זעלבסט". יהודה קויפמאַן האָט זיך געווענדעט אין נאָמען פון דעם אָרגאַניזירונגס קאָמיטעט צו די אידן איבערן גאַנצן לאַנד, מ'זאָל גרינדן אָפּטיילונגען פון דעם פאָלקס פאַרבאַנד אין אַלע אידישע ישובים פון קאַנאַדע. צו דער זעל־ בער צייט איז מען אָנגעגאַנגען אין מאָנטרעאל מיט אָפּטע זיצונגען, אָדער ווי מ'האָט עס גערופן, קאָנפערענצן, פון דעלעגאַטן פון לאָקאַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס.

דער „קענעדער אָדלער" און די מענטשן וואָס האָבן זיך אַרום אים געזאַמלט האָבן, באַלד נאָך דער צווייטער מאנטרעאלער קאָנפערענץ פון פאָלקס פאַרבאַנד, געגרינדעט אָדער אָנגעהויבן גרינדן „די פאַראייניקטע אידישע קאָנגרעגיישאַנס", כדי אָפּצוהאַלטן די שול אידן פון פאַרבינדן זיך מיטן פאָלקס פאַרבאַנד און כדי צוצוגרייטן אַ כוח, וואָס זאָל שטערן דעם פאָלקס פאַרבאַנד צו אָרגאַניזירן די אַלגעמיינע קערפּערשאַפט פון די קאַ־ נאַדער אידן.

דעם 20טן יוני, 1915, איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון פאָלקס פאַר־ באַנד ביי וועלכער ראובן בריינין האָט גערעדט וועגן דעם גירוש פון די אידן פון קורלאַנד, און פון קאָוונער, סוואַלקער און אַנדערע גובערניעס, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן פון דער צאַרישער מיליטערישער מאַכט. יהודה קויפמאַן האָט, אין נאָמען פון די פּועלי ציון, פאָרגעשלאָגן, אַז מיר אידן אין קאַנאַדע, זאָלן ניט פאַרשווייגן די גרויזאַמקייט פון דעם דאָזיקן גירוש, וואָס „האָט ניט נאָר געבראַכט אַן עקאָנאָמישן און מאָראַלישן חורבן פאַר כמעט אַ מיליאָן פון אונזערע ברידער", נאָר „האָט אויך אַרויפגעוואָרפן אַ שאַנד־פלעק אויף דעם כאַראַקטער פון דעם אידישן פאָלק, ווייל די גזירה פון גירוש איז אַרויסגערופן געוואָרן פון אַן אַנטיסעמיטישער קליקע, וואָס זוכט דורך אומדערהערטע בלבולים צו באַשולדיקן אונזערע ברידער אין שפּיאָנאַזש". קויפמאַן האָט דערפאַר פאָרגעשלאָגן, אַז מ'זאָל רופן „אין גאַנץ קאַנאַדע" מאַסן פאַרזאַמלונגען צו פּראָטעסטירן קעגן דעם גירוש און אַז „אויף די מאַסן פאַרזאַמלונגען זאָלן די אידן פון דעם דאָזיקן לאַנד, אַלס קאַנאַדער בירגער און ענגלישע אונטערטאַנען, אונטערשרייבן אַ פּעטיציע,

וועלכע זאָל געשיקט ווערן דורך דער קאַנאַדער רעגירונג צו דער ענגלישער רעגירונג, פאַרלאַנגנדיק פון דער לעצטער, אַז זי זאָל זיך איינשטעלן ביי אירע רוסישע פאַרבינדעטע מיט איר גאַנצן פּאָליטישן איינפלוס, כדי אָפּצושטעלן די גירושים, ווי אויך צו לינדערן די אומדערטרעגלעכע ליידן פון אונזערע ברידער אין רוסלאַנד". "מ'האָט זיי געצוואונגען ניט נאָר צו איבערלאָזן זייער האָב און גוטס, זיי האָבן אויך געמוזט מיטנעמען זייערע קראַנקע און זייערע מתים, — מ'האָט אפילו זיי קיין צייט ניט געגעבן מקבר צו זיין זייערע טויטע" [301].

דער פאָרשטייער פון "קענעדער אָדלער", ה. וואָלאָפסקי און הרב צבי כהן זיינען געקומען צו דער קאָנפערענץ ניט צו דערלאָזן, אַז די רעזאָלוציע זאָל אָנגענומען ווערן. וואָלאָפסקי האָט געזאָגט, אַז אַ באַראַטונג פון פּראָמינענטע אידן איז פאָרגעקומען אין אָפיס פון "קענעדער אָדלער". זיי זיינען קעגן אַזאַ רעזאָלוציע, ווייל רוסלאַנד איז אַ פאַרבינדעטע פון ענגלאַנד. הרב כהן האָט געזאָגט, אַז איצט איז ניט די צייט אַריינצומישן זיך אין דער אינערלעכער פּאָליטיק פון רוסלאַנד. די קאָנפערענץ איז געווען שטאַרק פאַרביטערט און האָט ניט געוואָלט הערן פון קיין שום אַרגומענטן קעגן, — און די רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרן.

ס'איז געוואָרן קלאָר, אַז דער קאַמף קעגן דעם פּאָלקס פאַרבאַנד וועט איצט געפירט ווערן ניט נאָר אויפן גרונט, וואָס ער פאַרטרעט ניט אַלע אידן פון קאַנאַדע, נאָר אַז זיין פירערשאַפט איז אויך ניט גענוג פאַראַנטוואָרטלעך, איז צו ראַדיקאַל און רעכנט זיך ניט מיט די מיינונגען פון די "אַלטגעזעסענע און דערפאַרענע" מנהיגים.

דערווייל האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען באַריכטן פון לאַנד וועגן דער אָרגאַניזירונג פון אָפּטיילונגען פון פּאָלקס פאַרבאַנד. ביי אַ קאָנפערענץ אין מאָנטרעאָל, זונטיק, דעם 18טן יולי, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער אָרגאַניזירונגס קאָמיטעט זאָל רופן אַ קאָנווענשאָן פון פאַרטרעטער פון אַלע קאַנאַדער אידן ניט שפּעטער פון דעם 18טן נאָוועמבער, 1915. אויף דער קאָנווענשאָן "זאָל באַשטימט ווערן וועלכע שטיצע, — עקאָנאָמישע, קולטורעלע און פּאָליטישע, — קאַנאַדער אידן קאָנען געבן זייערע ברידער אין די מלחמה לענדער". זיי וועלן, "אַלס קאַנאַדער בירגער און בריטישע אונטערטאַנען, אויך פאָרמולירן, וואָס פאַר אַ מאָראַלישע און פּאָליטישע אונטערשטיצונג האָבן זיי רעכט צו דערוואַרטן פון דער ענגלישער רעגירונג, — פון די וועלט מאַכטן, פאַר וועלכע עס שטייען איצט אין שלאַכט זעקס הונדערט טויזנט אידישע סאָלדאַטן אין ענגלאַנד, קאַנאַדע, רוסלאַנד, פראַנקרייך און איטאַליע". אויף דער דאָזיקער קאָנווענשאָן "זאָלן די קאַנאַדער אידן אַרויסזאָגן זייער הייסן פאַרלאַנג, אַז אַזוי גיך ווי די מלחמה וועט זיין צו ענדע, זאָל צוזאַמענגערופן ווערן אַן אַלגעמיינער אידישער קאָנגרעס, אין וועלכן מיר (קאַנאַדער אידן) זאָלן זיין פאַרטראָטן אַלס לאַנדסמאַנשאַפט". די קאָנווענשאָן זאָל אויך מאַכן אַלע הכנות אנטיילצונעמען אין אַן אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, "אויב די אידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן וועלן

באַשליסן צוזאַמענצורופן אַזאַ קאָנגרעס, נאָך איידער די מלחמה וועט זיך ענדיקן״ [302]). אין 1914—1915 האָט מען נאָך ניט פאַרשטאַנען און ניט געטראַכט, אַז מ׳וועט דאַרפן האָבן אַ באַזונדערן קאָנגרעס פון קאַנאַדער אידן. מ׳האָט זיך באַטראַכט אַלס אַ טייל פון דעם אַמעריקאַנער אידנטום, וואָס וועט דאַרפן האָבן איין קאָנגרעס.

„די קאָנפערענץ״

די קעגנער פון פאָלקס פאַרבאַנד האָבן באַשלאָסן אויסצונוצן דעם פאַקט, וואָס די קאַנווענשאַן פון דער קאַנאַדער ציון פעדעראַציע האָט גע־זאָלט פאָרקומען אין מיטן נאָוועמבער, 1915, צו פאַרלויפן דעם וועג דעם פאָלקס פאַרבאַנד און רופן אַן אַלגעמיינע אידישע קאָנפערענץ מיט עטלעכע טעג פריער פאַר דער געפּלאַנטער פאָלקס פאַרבאַנד קאַנווענשאַן. ס׳איז ניט געווען שווער צו פועלן ביי דער ציון פעדעראַציע צו נעמען אויף זיך די אויפגאַבע צוזאַמענצורופן די „קאָנפערענץ״, ווייל די פירער פון דער ציון פעדעראַציע האָבן זיך איינגערעדט, אַז אין דעם אויפברויז פון די פאָלקס מאַסן און אין זייער דראַנג צום אויסדרוק ליגט אַ געפאַר פאַר די אידישע אינטערעסן אין קאַנאַדע ווי אויך פאַר די אינטערעסן פון ציוניזם. און די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט אַרויסגעלאָזן אַ רוף פאַר אַן אַל־קאַנאַדער אידישער קאָנפערענץ אין מאָנטרעאַל אויף זונטיק, דעם 14טן נאָוועמבער. אין זייער קאָנפערענץ קאָמיטעט האָבן זיי אויך אַריינגענומען די „פּני״, — די „אַפּטאַונער יאהודים״, אַזוי אַז ס׳זאָל טאַקע אויסקוקן, אַז עס גייט פאָרקומען אַן אַלגעמיינע קאָנפערענץ.

אין זייער רוף צו זייער אַל־קאַנאַדער „קאָנפערענץ״, אונטערגעשריבן פון זייער סעקרעטאַר, ל. פיטש, וועמען דער פאָלקס פאַרבאַנד האָט אָריגינעל באַטראַכט אַלס פריינט, האָבן די ציוניסטן געוואָרנט די אידישע אָרגאַני־זאַציעס ניט אָנטיילצונעמען אין דעם צוזאַמענפאָר פון פאָלקס פאַרבאַנד, — ווייל דער קאָמיטעט פון דעם דאָזיקן פאַרבאַנד „באַשטייט פון אַ גרופּע אומפאַראַנטוואָרטלעכע און היץ־קעפּ, „סטרענדזשערס אין די קאָנטרי״ [303]). דאָס האָט אַרויסגערופן גרויס פאַרביטערונג און דער ברידער־קריג אין די רייען פון די קאַנאַדער אידן האָט זיך אָנגעהויבן אויף אַן אמת. דער פאָלקס פאַרבאַנד האָט זיך געווענדעט צו אַלע זיינע אָפּטיילונגען און צו אַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס ניט אָנטיילצונעמען אין דער געפּלאַנטער „קאָנפערענץ״.

ראובן בריינין האָט אין זיין צייטונג „דער וועג״, וואָס האָט דערווייל אָנגעהויבן צו דערשיינען אין מאָנטרעאַל, אַפּעלירט אין אַ צאָל אַרטיקלען צו די קאַנאַדער ציוניסטן אָנוויזנדיק, אַז די ציוניסטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן „קעמפן איצט מיט באַוואונדערונגס־מוט כדי צוצוציען די אידישע אַרבעטער, די אידישע מאַסן צו דעם געפּלאַנטן קאָנגרעס״, און איר, „מיינע געזינונגס גענאָסן אין קאַנאַדע, שטויסט אָפּ די אידישע מאַסן, דעם אידישן אַרבעטער, דעם גאַנצן ראַדיקאַלן עלעמענט״ [304]).

דער מאָנטרעאלער פּועלי ציון פאַראיין האָט אַרויסגעלאָזט אַ שאַרפן פּראָטעסט קעגן דער קאַנאַדער ציון פעדעראַציע. דער פאַראיין האָט דערקלערט, אַז: „די קאָנפערענץ איז קעגן אַלע לעבעדיקע אינטערעסן פון אונזער פאָלק, קעגן אַלע בלוטיקסטע און אָנגעווייטיקסטע לעבנס פּראָבלעמען. ווען די קאָנפערענץ זאָל פאָרקומען אין דער צייט און אין דער פאָרם, ווי די ציוניסטישע פעדעראַציע האָט געפּלאַנט, — וואָלט עס געווען בלויז אַ קליינלעכע לייכטזיניקע דעמאָנסטראַציע, וואָס וואָלט אונז געמאַכט צו שפּאָט, און אונז אַליין וואָלט עס פאַרשאַפט דעם גרעסטן צער און בזיון". דער מאָנטרעאלער פאַראיין האָט אַפּעלירט צו די פּאַרטיי פאַראיינען אין טאָראָנטאָ, וויניפּעג, אָטאַוואַ, האַמילטאָן א. א. וו. זיך אָנצושליסן אין דעם פּראָטעסט. דער רוף איז אונטערגעשריבן געוואָרן פון דעם פּרעסע קאָמיטעט, ב. חפץ, מאַקס בלעכמאַן און יהודה קויפמאַן[305]. אַ פּראָטעסט רעזאָלוציע איז אויך אָנגענומען געוואָרן, לויט דער איניציאַטיוו פון די פּועלי ציון, פון די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן אין מאָנטרעאַל, אונטערגעשריבן פון ה. נאוואק, סעקרעטאַר[306].

דער טאָראָנטער אָפּטייל פון פאָלקס פאַרבאַנד איז אָרגאַניזירט געוואָרן אונטערן פאָרזיץ פון מאָריס גאָלדסטיק, אָנהויב יוני, 1915, דורך דער „טאָראָנטאָ מלחמה קאָנפערענץ", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן צו העלפן די אידישע מלחמה קרבנות. חבר גאָלדסטיק איז אויך געווען דער פאָרזיצער פון דער „מלחמה קאָנפערענץ". אויך אין דעם טאָראָנטער אָפּטייל פון דעם פאָלקס פאַרבאַנד זיינען די חברים פון דער פּאַרטיי און פאַרבאַנד געווען זייער טעטיק און זייער השפעה איז געווען זייער גרויס. די חברים ס. ט. זיינען געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט די פּועלי ציון. אויסער דעם האָט חבר גאָלדסטיק אויך געהאַט אַ גרויסע השפעה אין די אַרבעטער רינג קרייזן.

ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די פאַרשווערונג פון די ציוניסטן קעגן פאָלקס פאַרבאַנד אין מאָנטרעאַל, האָט דער טאָראָנטער קאָמיטעט גערופן אַ מאַסן פאַרזאַמלונג, אָנהויב אָקטאָבער, צו וועלכער זיי האָבן איינגעלאַדן ראובן בריינין. בריינין איז געקומען אין דער באַגלייטונג פון נחום סלושטש, וועלכער האָט דאַן באַזוכט קאַנאַדע. בריינינס באַזוך אין טאָראָנטאָ האָט פיל געהאָלפן אויפצוקלערן דעם ענין. דער קאָמיטעט האָט דעם 11טן אָקטאָבער, 1915, אויך געהאַט אַ ספּעציעלע זיצונג מיט ראובן בריינין. דאָרט האָט מען, לויטן פּראָטאָקאָל, אויסגעקליבן אַ קאָמיטעט, באַשטייענדיק פון מ. גאָלדסטיק, א. ריינוויין, און די פריינט דוואָרקין, פייטש און ה. אלט (די לעצטע צוויי נעמען זיינען געשריבן געוואָרן ניט דייטלעך), — וועלכער זאָל זיך צוזאַמענקומען מיט פינף פאָרשטייער פון די טאָראָנטער ציוניסטן צו זען, אַז ס'זאָל געמאַכט ווערן שלום. דער פּלאַן איז געווען, אַז דער פאָלקס פאַרבאַנד און די ציוניסטישע פעדעראַציע אין מאָנטרעאַל זאָלן זיך פאַראייניקן און זאָלן רופן אַן אַל־קאַנאַדער אידישע קאָנפערענץ ניט אין נאָמען פון די ציוניסטן און ניט אין נאָמען פון פאָלקס פאַרבאַנד, נאָר אין נאָמען פון דער פאַראייניקטער קערפּערשאַפט אָדער פאַראייניקטן קאָמיטעט.

דער דאָזיקער פּרואוו צו מאַכן שלום איז דורכגעפאַלן און דער טאָראָנ־טער אָפּטייל פון פאָלקס פאַרבאַנד האָט זיך אָפּגעזאָגט זיך צו באַטייליקן אין דער ציוניסטישער „קאָנפערענץ", דעם 14טן נאָוועמבער. די אָנגעשלאָ־סענע אָרגאַניזאַציעס האָבן געטאָן דאָסזעלבע. דער טאָראָנטער נאַציאָנאַלער אַרבעטער קאָמיטעט וועלכער איז געווען קאָנטראָלירט, ווי מיר האָבן שוין געזען, פון דער סאָציאַליסטיש נאַציאָנאַלער באַוועגונג, האָט זיך אויך אָפּגע־זאָגט זיך צו באַטייליקן אין דער געפּלאַנטער „קאָנפערענץ".

אין וויניפּעג האָט, ווי מיר האָבן דערציילט אין קאַפּיטל 11, פונקציאָ־נירט די אידישע אימיגראַציע געזעלשאַפט, אונטער דעם פאָרזיץ פון ב. שעפּס. די דאָזיקע געזעלשאַפט האָט זיך אָנגעהויבן צו אינטערעסירן מיט דער קאָנגרעס באַוועגונג ערשט אין סעפּטעמבער, 1915 [307]. דעם 25טן אויגוסט איז פאָרגעקומען אין דעם אָפיס פון „דאָס אידישע וואָרט" די ער־שטע קאָנפערענץ פון וויניפּעגער כלל טוער וועגן דער קאָנגרעס פראַגע. (דר) י. פּערלמאַן איז געווען דער איינלייטער. אַ צווייטער מיטינג איז פאָר־געקומען אָנהויב סעפּטעמבער, ביי וועלכן חבר פּערלמאַן האָט ווידער אַמאָל געלייענט אַ רעפעראַט [308]. ער האָט פאָרגעשלאָגן, אַז די וויניפּעגער אידישע בירגער זיינען „פאַר אַ קאָנגרעס צו דערוואָרבן פולע, נאַציאָנאַלע, בירגער־לעכע און פּאָליטישע רעכט פאַר די אידן אין אַלע לענדער"... און פאַר אַ געזיכערטער היים אין ארץ ישראל [309]. די רעזאָלוציע איז אָנגענומען גע־וואָרן און ס'איז דערווײלט געוואָרן אַ קאָמיטעט אונטער דעם פאָרזיץ פון רעוו. סאָנדהיים (סעמיועלס), מיט מאַרקוס היימאַן אַלס סעקרעטאַר. אין דעם קאָמיטעט זיינען אַריין, צווישן אַנדערע, די חברים ב. שעפּס און י. א. טשערניאַק [310].

אין אָקטאָבער איז וויניפּעג באַזוכט געוואָרן פון יצחק אייזיק הורוויטש, אַלס גאַסט פון דער אימיגראַציע געזעלשאַפט. ער האָט געהאַלטן אַ לעקציע וועגן „די קאָנגרעס באַוועגונג" [311]. דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די שטימונג פאַר אַ אידישן קאָנגרעס. ווען ס'איז אָנגעקומען די איינלאַדונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע צו באַטייליקן זיך אין זייער קאָנפערענץ, האָט דער וויניפּעגער קאָנגרעס קאָמיטעט, לויט דעם פאָרלאַג פון י. פּערל־מאַן, געשטיצט פון י. א. טשערניאַק, באַשלאָסן צו באַטייליקן זיך בלויז אין דער קאָנווענשאָן פון פאָלקס פאַרבאַנד [312]. אַנדערע אידישע אָרגאַניזאַציעס האָבן נאָכגעפאָלגט דעם ביישפּיל און ניט געשיקט קיין דעלעגאַטן צו דער „קאָנפערענץ".

אין האַמילטאָן זיינען אַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס, אויסער צוויי, געווען אָנגעשלאָסן אין דעם פאָלקס פאַרבאַנד און דער האַמילטאָנער אָפּטייל האָט זיך אויך אָפּגעזאָגט זיך צו באַטייליקן אין דער „קאָנפערענץ".

אין מאָנטרעאַל האָט דערוויל אַ קאָמיטעט פון דער „בעסעראַבער סאָסייטי" זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט צו מאַכן שלום. דער פאָלקס פאַרבאַנד האָט געפאָדערט, אַז די „קאָנפערענץ" זאָל אָפּגעלייגט ווערן. די ציוניסטן האָבן ניט געוואָלט נאָכגעבן, און דער טאָג פון דער „קאָנפערענץ"

האָט זיך דערנענטערט. יהודה קויפמאַן איז דאַן אַרויסגעקומען מיט אַ דערקלערונג: „פעדעראַציע קאָנפערענץ איז אַ נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע"(!). דער שרייבער פון די שורות, וועלכער האָט זיך דאַן געפונען אין אַ נאָענטן קאָנטאַקט סיי מיט בריינינען, סיי מיט קויפמאַנען, קאָן עדות זאָגן, אַז סיי קויפמאַן, סיי זיינע נאָכפאָלגער און תלמידים האָבן געגלויבט באמונה שלמה, אַז די „קאָנפערענץ" וועט טאַקע זיין אַ „נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע"...

קויפמאַן האָט זיין מיינונג באַגרינדעט אויף פאָלגנדן אופן: „די קאָנפערענץ וועט פאַרטרעטן דעם קלענסטן טייל פון קאַנאַדער אידנטום; זי וועט זיין אַ פּאַטש אין פנים דעם גאַנצן אַמעריקאַנער אידנטום. פאַר אַ יאָר צייט האָט מען דיסקוטירט די אידן פראַגע, קומט די „קאָנפערענץ" און לייזט אין איין טאָג, דורך אַ פאָר רעדעס, די גאַנצע פראַגע. די באַאיינרופער פון דער קאָנפערענץ זיינען ווייט פון אַלע ליידן פון אידישן פאָלק", „זיי זיינען באַאיינפלוסט פון דער ענגלישער דזשינגאיסטישער פרעסע, וועלכע האָט אויסגערעכנט פאַרשוויגן די רוסישע אַנטיסעמיטישע פאָליטיק, זיי זיינען מענטשן וואָס האָבן ניט געלעבט אין דער אידישער דעמאָקראַטיע". „די רעזאָלוציעס פון דער „קאָנפערענץ" וועלן נאַטירלעכערווייז זיין אַלטע, טויטע, אָפּגעדראָשענע פראַזן"... „פון אַזאַ קאָנפערענץ קאָן ניט דערוויילט ווערן קיין ריכטיקע עקזעקוטיווע, וועלכע זאָל דורכפירן באַשלוסן אין לעבן, אויפן וועג פון נאַציאָנאַלער אידישער פאָליטיק. דער קאָנפערענץ פעלן בסך הכל די ברייטע אידישע מאַסן"... „די קאָנפערענץ זייט שנאה אנשטאט אחדות, פאַראורזאַכט קריג אנשטאט פאַראייניקטער אַקציע"... „אין אלהים בקרבם" — עס פעלט זיי דער ערנסט, דאָס פאַראַנטוואָרטלעכקייטס געפיל, דער אמתער גלויבן אין אונזער מאַכט און דער חוש, וועלכער זאָגט אונז איצט אונטער, אַז מיר אַלע צוזאַמען זיינען איצט בלויז שליחים פון אַ גרויסער היסטאָרישער מיסיע". קויפמאַן האָט פאַרענדיקט זיין דערקלערונג: „איבער די אַלע מאָטיוון זאָג איך אויף איר (אויף דער קאָנפערענץ) מוטב שלא נבראה משנבראה"[313]).

די „קאָנפערענץ" איז פאָרגעקומען דעם 14טן נאָוועמבער. אַלע דעלעגאַטן צו דער ציוניסטישער קאָנווענשאָן, דעם 15טן נאָוועמבער, האָבן זיך דערקלערט אַלס דעלעגאַטן צו דער „קאָנפערענץ". דאָך איז דעם שלום קאָמיטעט געלונגען צו פועלן, אַז די קאָנפערענץ זאָל אָננעמען אַ שלום־רעזאָלוציע, וואָס האָט זיך געלייענט: „זיי עס באַשלאָסן, דאָס די קאָנפערענץ באַאויפטראַגט די עקזעקוטיווע קאָמיטע, וועלכע וועט דערוויילט ווערן, זי זאָל קאָאָפערירן מיט אַנדערע ענלעכע קאָמיטעס, דערוויילט דורך קאָנפערענצן אָדער רעפערענדום פון די אידישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען דאָ היינט ניט פאַרטראָטן, מיט דעם צוועק צו פאַררופן, אויף אַ גלייכן באַזיס, אַן אַלגעמיינעם אידישן קאָנגרעס"[314]). די אָנוועזנהייט פון לואי בראַנדעס און דר. שמריהו לעווין ביי דער קאָנפערענץ האָט געהאָלפן, אַז די עקשנות פון דער ציוניסטישער פירערשאַפט זאָל געמילדערט ווערן. ס'האָט אָבער אויך געווירקט, ניט אין אַ קלענערער מאָס, דער באָיקאָט פון די אַרבעטער

און פאָלקס אָרגאַניזאַציעס, אַז די ציוניסטן זאָלן אָננעמען אַ קאָמפּראָמיס־רעזאָלוציע.

דער פאָלקס פאַרבאַנד איז אָנגעגאַנגען ווייטער מיט זיין אַרבעט. אַ רוף צו אַלע צווייגן, אונטערגעשריבן פון ראובן ברייניץ, ל. צוקער און יהודה קויפמאַן, איז אַרויסגעשיקט געוואָרן, כדי צו פאַרשטאַרקן די אָרגאַניזאַציע און אַריינצונעמען קערפּערשאַפטן, וואָס שטייען נאָך אין דער זייט. די אָפּ־טיילונגען זיינען גערופן געוואָרן צו קאָרעספּאָנדירן מיט דעם הויפּט אָפיס (דער אַדרעס איז געווען יהודה קויפמאַנס הויז) און אַריינצושיקן רעגלמע־סיק די חודשלעכע איין־סענטיקע „פּער קאַפּיטא"ביישטייערונגען. דער רוף איז געשלאָסן געוואָרן מיט דער באַמערקונג: „דער אַנדערער צד האָט צו־געגעבן, אַז זייער קאָנפערענץ איז בלויז אַ פאַר־קאָנפערענץ פון בלויז אַ טייל פון די קאַנאַדער אידן" [315].

דער אָפּטייל פון פאָלקס פאַרבאַנד אין טאָראָנטאָ האָט דאַן פאָרגעשלאָגן צו רופן אַ פאַר־קאָנפערענץ פון אַלע אָפּטיילונגען פון „פאַרבאַנד" צו מאַכן פאַרבאַרייטונגען פאַר דער צוזאַמענרופונג פון אַ קאַנאַדער אידישן קאָנג־רעס [316]). דער פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרן און מ'האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן צו אַ נאַציאָנאַלן צוזאַמענפאָר פון דעם פאָלקס פאַרבאַנד אין טאָראָנ־טאָ, פון 4טן ביזן 7טן פעברואַר, 1916. מאָנטרעאָל האָט גערן איינגעשטימט, אַז דער צוזאַמענפאָר זאָל פאָרקומען אין טאָראָנטאָ, ווייל „אין דעם טאָראָנ־טער אָפּטייל האָט דער פאָלקס פאַרבאַנד פון די אידן אין קאַנאַדע געפונען די גרעסטע שטיצע". „דאָס וואָס די טאָראָנטער מלחמה קאָנפערענץ, מיט אירע טיכטיקע ברידער, האָט זיך אָנגעשלאָסן אין פאָלקס פאַרבאַנד", — האָט געשריבן ברייניץ, — „האָט אָנטשיידעט דעם מאָראַלישן זיג פון דעם לעצטן" [317]). דער טאָראָנטער „אידישער זשורנאַל", אונטער דער רעדאַק־ציע פון א. ריינוויין, האָט פיל מיטגעווירקט און מיטגעהאָלפן דעם פאָלקס פאַרבאַנד אין זיין פאַרביטערטן קאַמף מיט די „קאָנפערענצלער".

ערשטער נאַציאָנאַלער צוזאַמענפאָר פון פאָלקס פאַרבאַנד

ביי דעם ערשטן אַל־קאַנאַדער צוזאַמענפאָר פון פאָלקס פאַרבאַנד זיינען געווען פאַרטראָטן מאָנטרעאָל, טאָראָנטאָ, וויניפּעג, האַמילטאָן, לאָנדאָן, טשעטהעם, נאָרט בעי און פּיטערבאָראָ. צוזאַמען זיינען געווען 27 דעלע־גאַטן, וואָס האָבן פאַרטראָטן 200 אָרגאַניזאַציעס. די דעלעגאַטן פון דער פּאַרטיי, פאַרבאַנד און פון דער סאָציאַליסטיש נאַציאָנאַלער באַוועגונג אין אַלגעמיין, זיינען געווען: יהודה קויפמאַן, מ. דיקשטיין, נח חפץ, זעליג וואָלאָפּסקי, פון מאָנטרעאָל; מ. גאָלדסטיק, א. ריינוויין, י. מאַטענקאַ, י. פריימאַן, פון טאָראָנטאָ; א. דיומאַס פון האַמילטאָן. ב. שעפּס איז געווען דער פאַרטרעטער פון וויניפּעג און מערב קאַנאַדע. אין דעם קרעדנשלס קאָמי־טעט זיינען געווען נ. חפץ פון מאָנטרעאָל און דיומאַס פון האַמילטאָן. אין דעם רעזאָלוציעס קאָמיטעט זיינען געווען יהודה קויפמאַן, א. ריינוויין, מ.

גאָלדסטיק און דיומאַס. די סעקרעטאַרן פון דער קאָנפערענץ זיינען געווען י. מאַטענקאַ און מ. דיקשטיין.

ביי דער קאָנפערענץ זיינען אָנגענומען געוואָרן אַ צאָל אינטערעסאַנטע רעזאָלוציעס. די רעזאָלוציע וועגן קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס האָט זיך געלייענט:

„אַ קאָנגרעס פון אַלע קאַנאַדער אידן זאָל גערופן ווערן, אויף וועלכן מיר זאָלן פאַרהאַנדלען:

1) ווי אזוי, צוזאַמען מיט די אידן פון דער גאַנצער וועלט, צו פאַרזיכערן זיך אַ אידישע פאַרטרעטער־שאַפט אויף דער פרידנס קאָנפערענץ.

2) וועלכע פאָדערונגען אַרויסצושטעלן דורך אונזערע פאַרטרעטער צו דעם פעלקער טריבונאַל.

3) ווי צו ווענדן זיך, צוזאַמען מיט די אידן פון דער גרויסער בריטישער אימפעריע, צו דער ענגלישער רעגירונג, וועגן אונטערשטיצונג פון אונזערע פאָדערונגען אויף דער פרידנס קאָנפערענץ.

4) וועלכע פאָליטישע און עקאָנאָמישע הילף קאָנען מיר לייסטן פאַר אונזערע מלחמה ליידנדע ברידער.

5) ווי ווייט קאָנען מיר אין דער דאָזיקער אַרבעט האָפן אויף די סימפּאַטיעס און אונטערשטיצונג פון אונזער קאַנאַדער רעגירונג און ווי אזוי זאָלן מיר צו איר זיך ווענדן.

6) דער קאָנגרעס קאָמיטעט, וואָס וועט דערוויילט ווערן דורך אַ רעפערענדום זאָל קאָנפערירן און קאָאָפּערירן מיט אַנדערע פעדעראַציעס... אין פאַל ווען קיין אַבסאָלוטע פאַראייניקונג וועט זיך ניט איינגעבן, זאָל דער קאָנגרעס קאָמיטעט רופן דעם קאָנגרעס אויף אייגענער אחריות".

ביי דער קאָנפערענץ איז אויך פאַרהאַנדלט געוואָרן דער באַריכט, „אַז אַ גרופּע אידן ווילן זיך אינסטיטוּאירן אַלס אַ „באָארד אָף דעפּיוטיס" און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן „אַרויסצוליייגן אַ „וועטאָ" אויף דער גרינדונג פון אַזאַ באָארד, ווייל קיין שום טייל פון דער אידישער באַפעלקערונג איז ניט באַרעכטיקט צו פאַרטרעטן דאָס גאַנצע קאַנאַדער אידנטום".

אין דער פראַגע פון אימיגראַציע, איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַן אימיגראַציע קאָמיסיע, וואָס זאָל האָבן די אויפגאַבע צו גרינדן, אונטער דער קאָנטראָל פון דעם פאָלקס פאַרבאַנד, אימיגראַציע געזעלשאַפטן אין די ערטער, וואו זיי זיינען נאָך ניט פאַראַן. דער קאָמיטעט דאַרף שטיין אין דירעקטער פאַרבינדונג מיט דער וויניפּעגער און „וועסטערן היברו אימיגראַנטס עיד סאסייטי אָף קענעדאַ", מיט דעם ציל צו שאַפן אַ פאַראייניקטע קאַנאַדער אידישע אימיגראַציע געזעלשאַפט.

ספּעציעלע רעזאָלוציעס האָבן באַהאַנדלט די פראַגן פון אינערלעכער אָרגאַניזירונג און פינאַנצן: 1) אַ צענטראַל קאָמיטעט זאָל געשאַפן ווערן אין מאָנטרעאַל, מיט ראובן ברייניַן — פאָרזיצער, ל. צוקער — ערשטער וויצע פאָרזיצער, מ. גאָלדסטיק — צווייטער וויצע פאָרזיצער און יהודה קויפמאַן, סעקרעטאַר; 2) ס'זאָל געשאַפן ווערן אַן אַגיטאַציע־פאָנד פון 1000

דאָלער; דער בודזשעט פון דעם צענטראַל קאָמיטעט פאַר די קומנדיקע 4 חדשים זאָל זיין 1000 דאָלער.

בנוגע מלחמה הילפס אַרבעט האָט די קאָנפערענץ אָנגענומען אַ פאָר־שלאַג פאַר אַ „אידן טאָג" (אַ טעג־טאָג) און, אַז דער צענטראַל קאָמיטעט זאָל נעמען די איניציאַטיוו, אַז אַלע הילפס קאָמיטעטן זאָלן זיך פאַראייניקן ווען עס וועט זיין נויטיק, כדי אונטערצונעמען וויכטיקע אַקציעס, ווי דאָס דורכפירן דעם „אידן טאָג" א. א. וו.; יעדער קאָמיטעט זאָל קאָנען אויך ווייטער אָוועקשיקן דאָס געזאַמלטע געלט, וואוהין זיי וועלן געפינען פאַר נויטיק, זיי זאָלן אָבער צושטעלן סטאַטיסטישע אינפאָרמאַציע צום צענטראַל קאָמיטעט, כדי מ'זאָל וויסן וויפיל געלט עס ווערט אַוועקגעשיקט פון קאַ־נאַדער אידן.

צום סוף איז באַשלאָסן געוואָרן צו רעקאָמענדירן דעם צענטראַל קאָ־מיטעט פון דעם פאָלקס פאַרבאַנד, אַז דער קאַנאַדער אידישער קאָנגרעס זאָל זיך צוזאַמענקומען אַרום יוני, 1916 [318]).

באַלד נאָך דעם טאָראָנטער צוזאַמענפאָר האָט דער פאָלקס פאַרבאַנד דורכגעפירט אַ צעטיילונג פון זיין אַרבעט אין מאָנטרעאַל. ס'איז געשאַפן געוואָרן דער „פאָלקס פאַרבאַנד רעליף קאָמיטעט" פאַר דער מלחמה הילפס אַרבעט און דער „פאָלקס פאַרבאַנד קאָנגרעס קאָמיטעט" אָנצופירן מיט דער קאָנגרעס אַרבעט. די צעטיילונג איז געווען אַ נאָמינעלע, ווייל די מענ־טשן, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט דער קאָנגרעס אַרבעט האָבן אויך אָנגע־פירט מיט דער אַרבעט פון זאַמלען הילף פאַר די מלחמה קרבנות. ל. אוּוער־בוך, פאָרזיצער פון דעם „רעליף" קאָמיטעט, איז געווען אַ מיטגליד פון דעם קאָנגרעס קאָמיטעט; וואָלף מייערסאָן, דער קאַסירער פון דעם „רעליף" קאָמיטעט, איז געווען איינער פון די סאַמע ערשטע לאָיאַלע מיטגלידער פון דעם פאָלקס פאַרבאַנד; י. פיגלער איז געווען דער פינאַנץ סעקרעטאַר פון ביידע קאָמיטעטן.

דער מאָנטרעאַלער פאָלקס פאַרבאַנד קאָנגרעס קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון 30 מיטגלידער, פון וועלכע 11 זיינען געווען חברים פון דער פועלי ציון באַוועגונג. אויסער די חברים, וואָס זיינען געווען אין דעם אָרגאַניזירונגס קאָמיטעט, אָדער וואָס זיינען געפאָרן אַלס דעלעגאַטן צו דעם צוזאַמענפאָר אין טאָראָנטאָ, זיינען אַריין אין דעם קאָנגרעס קאָמיטעט: וו. סיראָטאַ, י. מיכלין, ל. מעלצער און מ. מאָרגענשטערן. מיט דער הילף פון די טרייד יוניאָן פאָרשטייער ס. לעווינסאָן און סאלאמאן מאַגיד און די פריינטלעכע פאָר־שטייער י. קיוועגקא, מ. אַבראַמאָוויטש, ש. פריצקער, נ. וויזענבערג, ישראל כהן פון פאַפּיניו און אַנדערע — האָבן די פועלי ציון קאָנטראָלירט דעם קאָנגרעס קאָמיטעט. יהודה קויפמאַן איז פאַרבליבן דער אַלגעמיינער סעק־רעטאַר און דר. ס. אָרטענבערג איז צוגעצויגן געוואָרן אַלס סעקרעטאַר פאַר דער ענגלישער קאָרעספּאָנדענץ.

דער צענטראַל קאָמיטעט פון דעם פאָלקס פאַרבאַנד, וועלכער איז אויס־געקליבן געוואָרן ביי דעם צוזאַמענפאָר אין טאָראָנטאָ, האָט מיט דער הילף

פון דעם מאָנטרעאַלער קאָנגרעס קאָמיטעט, זיך ענערגיש גענומען דורכצו־פירן די באַשלוסן פון דעם צוזאַמענפאַר. די הויפּט אויפמערקזאַמקייט איז אָפּגעגעבן געוואָרן דער אָרגאַניזירונג און פאַרשטאַרקונג פון די קאָנגרעס קאָמיטעטן איבערן גאַנצן לאַנד. די חברים און פריינט אין מערב קאַנאַדע זיינען דערמוטיקט געוואָרן אויפצושטעלן קאָנגרעס קאָמיטעטן אין די אַלע שטעט, וואו ס׳האָבן פונקציאָנירט די 16 אָפּטיילונגען פון דער אימיגראַציע הילף געזעלשאַפט, וועלכע זיי האָבן געהאַט אָרגאַניזירט. ס׳זיינען אויך אָנגע־האַלטן געוואָרן קאָנטאַקטן מיט די אַנדערע צווייגן פון פאָלקס פאַרבאַנד אָדער קאָנגרעס קאָמיטעטן, און ס׳זיינען געמאַכט געוואָרן פּרואוון צו אָר־גאַניזירן נייע צווייגן אין מזרח קאַנאַדער ישובים.

דער צווייטער פּרואוו צו מאַכן שלום

נאָך דער פאַר־קאָנפערענץ איז אין טאָראָנטאָ פאָרטגעזעצט געוואָרן די פּראָפּאַגאַנדע אַרבעט פאַר דעם אידישן קאָנגרעס מיט גרויס פאַרנעם. אין מאַי, 1916, האָבן זיי אָראָפּגעבראַכט פּנחס רוטענבערג און ברוך צוקערמאַן. א מאסן פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין מאַסעי האָל, איינער פון די גרעסטע זאַלן אין טאָראָנטאָ, דעם 20טן מאַי. דער אידישער עולם אין טאָראָנטאָ איז נאָך מער פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער קאָנגרעס אידעע. ס׳איז אויך אָפּגע־האַלטן געוואָרן אַ ספּעציעלע זיצונג פון פאַרשטייער פון די קעגנערישע צדדים מיט פּנחס רוטענבערג און ברוך צוקערמאַן, מיט דער האָפנונג, אַז מ׳וועט קאָנען מאַכן אַ סוף צו דעם ברידער־קריג אין קאַנאַדער אידנטום.

דער באַשלוס פון יענער פאַרזאַמלונג איז געווען: (א) אַז דער פאָלקס פאַרבאַנד און די „קענעדיען דזשואיש קאָמיטע”, — דער קאָמיטעט באַ־שטימט פון דער ציוניסטישער „קאָנפערענץ”, וואָס איז אָפּגעהאַלטן גע־וואָרן דעם פאַריקן נאָוועמבער, — זאָלן זיך פאַראייניקן ביז דעם 12טן יוני; (ב) דער פאַראייניקטער קאָמיטעט זאָל צוזאַמענרופן אַ קאָנגרעס ניט שפּע־טער פון 1טן סעפּטעמבער, 1916; (ג) פּרינציפּיעלע און פּראַקטישע שטרייט־פּונקטן זאָלן איבערגעלאָזט ווערן פאַר דעם קאָנגרעס גופא; (ד) אין פאַל ווען די צענטראַלע קערפּערשאַפטן זאָלן זיך אָפּזאָגן צו פאַראייניקן, וועט דער טאָראָנטער קאָמיטעט איבערנעמען די איניציאַטיוו; (ה) ווען איין צד וועט אָננעמען דעם פאַראייניקונגס פאָרשלאַג, וועט טאָראָנטאָ גיין מיט דעם צד. מ׳האָט ביי יענער ספּעציעלער פאַרזאַמלונג דערוויילט אַ שלום קאָמיטעט פון צען פּערזאָן, אין וועלכן ס׳זיינען אַריינגענומען געוואָרן אָנפירנדיקע ציוניסטן פון טאָראָנטאָ, איינשליסנדיק ב. סטאון, וויצע פאָרזיצער פון דער קאַנאַדער ציון פעדעראַציע. פון דעם פאָלקס פאַרבאַנד זיינען אַריין מ. גאָלדסטיק און א. ריינווין. די הויפּט אָנפירער פון דער קאָנגרעס באַוועגונג אין טאָראָנטאָ [319]). ב. סטאון איז געוואָרן פאָרזיצער פון דעם פּראָוויזאָרישן קאָמיטעט.

פון דעם שלום פּאַרזוך איז גאָרניט אַרויסגעקומען, ווייל די הויפּט־פירערשאַפט פון דער ציון פעדעראַציע אין מאָנטרעאַל האָט ניט מסכים

געווען צו דעם אָפּמאַך. אין אַ בריוו, פון 8טן אויגוסט, צו ב. סטאון, האָט א. ריינזווין געלאָזט וויסן, אַז אויב זיין צד וועט ניט האַנדלען אין דער פראַגע און אויב ער וועט ניט רופן קיין זיצונג אין די קומענדיקע עטלעכע טעג, וועט דער שלום אָפּמאַך באַטראַכט ווערן ווי געבראָכן דורך זייער שולד. די ציוניסטן אין טאָראָנטאָ האָבן, ווייזט אויס, אויך ניט געוואָלט דעם אָפּמאַך, און דער פּראָוויזאָרישער קאָמיטעט האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן.

די מערב קאַנאַדער קאָנגרעס קאָנפערענץ

דער קאָנגרעס קאָמיטעט, אָדער ווי ער האָט זיך גערופן, דער קאָנגרעס פאַרבאַנד פון וויניפּעג, האָט זיך פעסט רעאָרגאַניזירט ביי אַ קאָנפערענץ פון 46 לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס סוף דעצעמבער, 1915. ביי יענער קאָנפערענץ איז י. פּערלמאַן ווידער געווען דער הויפּט איינלייטער. דער פאָרזיצער פון דעם לאָקאַלן ציון קאונסיל, מ. דזש. פינקעלשטיין, האָט אויסגענוצט די גע־לעגנהייט און האָט פּראָטעסטירט פאַרוואָס דער וויניפּעגער קאָנגרעס קאָ־מיטעט האָט טעלעגראַפירט צו דער מאָנטרעאַלער „קאָנפערענץ", אַז ער, פינקעלשטיין, פאַרטרעט ניט וויניפּעג. ער האָט אָבער דערקלערט, אַז ער איז פאַר אַ קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס [320]). פינקלשטיין איז אזוי אַרום גע־ווען דער ערשטער טוער אין דער ציוניסטישער פעדעראַציע צו מאַכן אַזאַ דערקלערונג. אין יאַנואַר, 1916, איז דר. חיים זשיטלאָווסקי געווען אין ווי־ניפּעג און האָט גערעדט ביי אַ מאַסן מיטינג פון דעם קאָנגרעס פאַראיין [321]). דאָס האָט געגעבן דער קאָנגרעס באַוועגונג אַ שטויס פאָראויס. באַלד נאָך זשיטלאָווסקין איז וויניפּעג באַזוכט געוואָרן פון דוד בן גוריון. מ'האָט אָנ־געהויבן צו ריידן וועגן דער נויטווענדיקייט צו אָרגאַניזירן די פּראָווינץ. צו דער זיצונג, אָדער קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין וויניפּעג מיט אַ וואָך שפּעטער, זיינען געקומען צוויי דעלעגאַטן פון סאַסקאַטון. איינער פון זיי איז געווען חבר זעלטשענקאָ, פאַרטרעטנדיק דעם סאַסקאַטונער פּועלי ציון פאַראיין [322]).

ביי אַ רייע וויטערדיקע זיצונגען, אָדער קאָנפערענצן איז רייף געוואָרן דער געדאַנק פון צוזאַמענרופן אַ קאָנפערענץ פון מערב קאַנאַדער אידן. אין מאַי איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ ספּעציעלער קאָמיטעט צו אַראַנזשירן די קאָנפערענץ. אין קאָמיטעט זיינען אריין א. אסאָווסקי און פון די סאָציאַליסטן נאַציאָנאַליסטן א. י. טשערניאַק און מאַרקוס היימאַן [323]), ס'האָבן זיי פיל צוגעהאָלפן די שפּעטער צוגעצויגענע חברים ב. שעפּס, מאַקס מיינס, ט. געלער און אַנדערע.

דער וויניפּעגער קאָמיטעט האָט איינגעלאַדן ראובן בריינין און דר. ג. סירקין אַלס ערן געסט צו דער מערב קאַנאַדער קאָנפערענץ. דער קאָנגרעס קאָמיטעט אין מאָנטרעאַל האָט אויך געגעבן בריינינען אַ מאַנדאַט אַלס איר פאַרטרעטער. אין אַ בריוו פון 10 אויגוסט, 1916, צו מ. גאָלדסטיק, וויצע פאָרזיצער פון פאָלקס פאַרבאַנד אין טאָראָנטאָ, שרייבט יהודה קויפמאַן:

„עס זיינען וויט אַרומגערעדט געוואָרן די דירעקטיוון וואָס מיר גיבן אונזער דעלעגאַט, ווי אזוי ער זאָל האַנדלען, כדי צו שאַפן אַ לעבעדיקע פאַרבינדונג צווישן די אידן פון מזרח און מערב קאַנאַדע, אויף דער באַזע פון דער פּלאַט־פאָרם פון „פאָלקס פאַרבאַנד, וועלכער שטרעבט צו פאַראייניקן אַלע קלאַסן און שיכטן פונם קאַנאַדער אידנטום פאַר די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אויפגאַבן פון דעם אידישן פאָלק אין דעם איצטיקן מאָמענט". מיר האָבן אָנגענומען אייניקע זייער וויכטיקע רעקאָמענדאַציעס וועגן דעם קאָנגרעס, זיין דאַטום, די פאַראייניקונג צווישן קאָנגרעס קאָמיטעטן א. א. וו. עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן צו רעקאָמענדירן צו אייך, צו דער טאָראָנטער קאָנ־פערענץ, צו שיקן אַ ברידערלעכן דעלעגאַט צו דער וויניפּעגער קאָנפערענץ, אַ דעלעגאַט, וועלכער זאָל קאָנען מיטווירקן מיט ה' בריינין אין זיין גרויסער מיסיע צו פאַראייניקן דעם מזרח מיטן מערב פון דעם דאָזיקן לאַנד". טאָ־ראָנטאָ האָט אָבער קיין דעלעגאַט ניט געשיקט.

די קאָנפערענץ[324]) איז פאָרגעקומען אין וויניפּעג, פונם 27טן ביזן 29טן אויגוסט, 1916, און איז געווען דער ערשטער גרויסער צוזאַמענפאָר פון מערב קאַנאַדער אידן. ס'זיינען געווען 205 דעלעגאַטן פון 52 אָרגאַניזאַציעס פון דער שטאָט וויניפּעג און 36 דעלעגאַטן פון 18 שטעט פון מערב קאַנאַדע. די סאָציאַליסטיש נאַציאָנאַלע דעלעגאַטן זיינען געווען: י. א. טשערניאַק, ב. שעפּס, מ. אווערבוך, דזש. בראָנשטיין, מ. גרין, מ. א. גרעי, י. העסטרין, ב. מיללער, ג. שעפּס, וו. קעלער, מאַרקוס היימאַן, צוזאַמען מיט אַנדערע ראַדיקאַלן האָבן זיי געהאַט 40 דעלעגאַטן. די סאָציאַליסטיש נאַציאָנאַלע באַוועגונג האָט באַאיינפלוסט די קאָנפערענץ פיל מער ווי מען האָט עס געקאָנט דערוואַרטן לויט דער צאָל פון זייערע דעלעגאַטן.

די קאָנפערענץ איז דערעפנט געוואָרן פון י. א. טשערניאַק. דעם ערשטן טאָג פון דער קאָנפערענץ איז דער פאָרזיצער געווען אַן אַלגעמיינער ציו־ניסט, מ. דזש. פינקעלשטיין. דעם צווייטן טאָג איז פאָרזיצער געווען י. א. טשערניאַק און דעם דריטן טאָג ב. שעפּס. סעקרעטאַרן זיינען געווען די חברים י. גורעוויטש און א. לעווין. ראובן בריינין האָט געלייענט אַ רעפע־ראַט וועגן דער קאָנגרעס באַוועגונג און דר. נחמן סירקין וועגן דער פראַגע פון ארץ ישראל.

די רעזאָלוציע וועגן ארץ ישראל האָט זיך געלייענט: „באַשלאָסן אַז די קאָנפערענץ פאָדערט אויף, אַז אויף דער פרידנס קאָנפערענץ, וואָס וועט פאָר־קומען נאָך דער מלחמה, זאָלן אַרויסגעשטעלט ווערן פאָדערונגען וועגן אינ־טערנאַציאָנאַלע גאַראַנטיעס פאַר פרייער אימיגראַציע, קאָלאָניזאַציע, עקאָ־נאָמישער אַנטוויקלונג און נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע פאַר די אידן אין פּאַ־לעסטינע". פאַרשטייער פון די געגנאַסן האָבן זיך געבעטן מ'זאָל אויסמעקן די ווערטער „נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע", ווייל די פאָדערונגען פון פרייער אימיגראַציע, קאָלאָניזאַציע און עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג דעקן שוין אַלץ וואָס מ'קאָן פאַרלאַנגען... דר. סירקין האָט אויפגעקלערט, אַז „נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע" דעקט אַלץ און איז אַ באַוואָרעניש, אַז די ספּעציפישע פאָדע־

רונגען פון פרייער אימיגראַציע, קאָלאָניזאַציע און עקאָנאָמישער אַנטוויק־
לונג וועלן קאָנען דורכגעפירט ווערן. די רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרן
און די ווערטער „נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע" זיינען ניט אַרויסגעלאָזט געוואָרן.

די רעזאָלוציע וועגן קאָנגרעס האָט געפאָדערט, אַז „אַ קאַנאַדער קאָנג־
רעס, אין וועלכן עס זאָלן זיין פאַרטראָטן אַלע שיכטן פון די אידן אין קאַ־
נאַדע, זאָל אָפּגעהאַלטן ווערן אַזוי שנעל ווי עס וועט נאָר זיין ראַטזאַם, און
אַז די צייט זאָל באַשטימט ווערן פון אַן עקזעקוטיוו קאָמיטעט פון 20 מיט־
גלידער, וועלכער וועט דערוויילט ווערן אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ
און וועלכער וועט אַרבעטן צוזאַמען מיט אַנדערע, ענלעכע קערפּערשאַפטן
אין קאַנאַדע". פון די אַנדערע רעזאָלוציעס וועט אינטערעסאַנט זיין צו דער־
מאָנען, אַז די קאָנפערענץ האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר גרינדן אַ אידישע עמי־
גראַציע באַנק אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות.

צווישן די צוואַנציק מיטגלידער פון דער מערב קאַנאַדער קאָנגרעס
עקזעקוטיווע זיינען געווען י. א. טשערניאַק, ב. שעפּס, מ. אווערבאַך, ס.
גרין און מ. א. גרעי. ב. שעפּס איז אויך דערוויילט געוואָרן אַלס הויפּט
סעקרעטאַר. די קאָנפערענץ האָט ארויסגערופן גרויס באַגייסטערונג ביי די
אידן אין מערב קאַנאַדע. זי האָט אויך געהאַט אַ וואַרעמען אָפּקלאַנג אין
מאָנטרעאַל און איז געפייערט געוואָרן דורך אַ מאַסן פאַרזאַמלונג דעם 27טן
אויגוסט, ביי וועלכער ס'האָבן גערעדט, צווישן אַנדערע, יהודה קויפמאַן און
ל. צוקער. דער צוזאַמענפאָר האָט אויך געהאַט אַן אָפּקלאַנג איבער די גרע־
ניצן פון קאַנאַדע. די 10טע פועלי ציון קאָנווענשאָן האָט שפּעטער באַגריסט
די וויניפּעגער חברים מיט זייער גרויסן דערפאָלג אין דער צוגרייטונג פון
דעם צוזאַמענפאָר.

די איבערגאַנגס צייט

ווען ראובן בריינינס צייטונג „דער וועג" איז אונטערגעגאַנגען, האָט
בריינין פאַרלאָזן מאָנטרעאַל. יהודה קויפמאַן איז אין דער זעלבער צייט,
נאָך די ימים טובים פון תרע"ז (1916), אויך אַוועקגעפאָרן פון מאָנטרעאַל.
ראובן בריינין איז דאַן דערוויילט געוואָרן אַלס ערן פאָרזיצער און יהודה
קויפמאַן אַלס ערן סעקרעטאַר פון דעם פאָלקס פאַרבאַנד. פּיטער בערקאָ־
וויטש, וועלכער איז געוואָרן אַ מיטגליד פון דעם פּראָווינציעלן פּאַרלאַמענט
אין קוויבעק, איז דערוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון פאָלקס פאַרבאַנד
און פון דעם מאָנטרעאַלער קאָנגרעס קאָמיטעט. אַזוי ווי בערקאָוויטש פלעגט
קומען זעלטן צו זיצונגען, איז חבר ל. צוקער געווען דער פאַקטישער פאָר־
זיצער. דער שרייבער פון די שורות איז דערוויילט געוואָרן, צוזאַמען מיט
דר. ס. אָרטענבערג, וועלכער איז שוין פריער דערמאָנט געוואָרן, אַלס סעק־
רעטאָרן פון דעם קאָנגרעס קאָמיטעט.

די הויפּט אַרבעט פון דעם קאָמיטעט און זיינע סעקרעטאָרן איז געווען
אָנצוהאַלטן די פאַרבינדונגען מיט די אַנדערע שטעט און אָנהאַלטן דעם
אינטערעס פון דעם ברייטן עולם אין דער קאַנאַדער קאָנגרעס באַוועגונג,

ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט מען געהאַלטן אין איין אָפּלייגן זייער קאָנגרעס. צו דער זעלבער צייט האָט מען ניט אויפ־געהערט צו זוכן אַ וועג פון פאַרשטענדיקונג מיט די קאַנאַדער ציוניסטן. ביי פילע קאָנפערענצן אָדער זיצונגען אין מאָנטרעאַל, טאָראָנטאָ און וויני־פעג האָט מען אויך דיסקוטירט איינצלהייטן ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן דאָס קאַנאַדער אידנטום, די פּראָגראַם פון קאָנגרעס, פּלאַן פון וואַלן א. א. וו. מיר וועלן דאָ איבערגעבן בקיצור אַן איבערזיכט פון די אַנטוויקלונגען אין די יאָרן 1917—1918, אויפן וועג צו דעם ערשטן קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס, און דעם וויטערדיקן בייטראַג פון דער פועלי ציון באַוועגונג צו דער קאָנגרעס אַרבעט.

סוף 1916, אָדער אין אָנהויב 1917, האָט זיך אין טאָראָנטאָ געגרינדעט אַ ליגע מיטן צוועק אויפצולעבן די טעטיקייט פאַרן קאָנגרעס, וועלכע איז דאַן אָפּגעשוואַכט געוואָרן. דער פועלי ציון פאַראיין האָט אין דער זעלבער צייט אויסגעקליבן אַ ספּעציעלן פועלי ציון קאָנגרעס קאָמיטעט, וועלכער זאָל ווירקן אויף דער קאָנגרעס ליגע אָנצוגיין מיט דער אַרבעט [325]. קורץ נאָך דעם האָט דער וויניפּעגער קאָנגרעס קאָמיטעט באַשלאָסן צו רופן אַ קאָנפערענץ פון אַלע קאָנגרעס קאָמיטעטן ווי אויך פאָרטרעטער פון דער „באָארד אָף דעפּיוטיס" פון די מאָנטרעאַלער „אָפּטאָונער יאַהודים", וועל־כער האָט כלומרשט אָנגעהויבן צו עקזיסטירן, מיט קלאַרענס דע סאָלאַ אַלס פּאָרזיצער, צו שאַפן אַ פאַראייניקטן קאָנגרעס קאָמיטעט, וועלכער זאָל פאָר־טרעטן אַלע אידן פון קאַנאַדע. די קאָנפערענץ האָט געזאָלט נאָכאַמאָל באַ־שטימען די פּלאַטפאָרם און אָנצייכענען אויפסניי די פּראָגראַם פון דעם קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס.

דער מאָנטרעאַלער קאָנגרעס קאָמיטעט האָט זיך צו דער געלעגנהייט געווענדעט מיט אַ צירקולאַר צו אַלע אָפּטיילונגען פון דעם פאָלקס פאַרבאַנד. אין דעם צירקולאַר איז פאַראַן אַן איבערזיכט פון די שטימונגען און טע־טיקייטן איבערן לאַנד זינט דעם ערשטן נאַציאָנאַלן צוזאַמענפאָר, אָדער פאָר־קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין טאָראָנטאָ אָנהויב פעברואַר, 1916. „די לאָזונגען פון דער טאָראָנטער פאָר־קאָנפערענץ, די אידעען און פּרינ־ציפּן, וועלכע האָבן דעם פאָלקס פאַרבאַנד אַרויסגערופן צום לעבן, האָבן זיך פאַרטיפט און פאַרברייטערט און אַלץ מער און מער אַריינגעדרונגען אין די פאָלקס מאַסן. עס זיינען געשאַפן געוואָרן קאָנגרעס קאָמיטעטן אין מאָנטרעאַל און טאָראָנטאָ. עס האָט זיך אָרגאַניזירט (אונטער אונזער איינ־פלוס) אין אַ דעמאָקראַטישן פאַרבאַנד — די וועסט. עס זיינען פאָרגעקומען פּאָליטישע מאַסן מיטינגען אין די אידישע צענטערן אין קאַנאַדע און עס זיינען געמאַכט געוואָרן פאַרשידענע אַרויסטרעטונגען אין דער אידישער פּרעסע". דער צירקולאַר האָט געבעטן די סעקרעטאַרן גלייך צוזאַמענצורופן קאָמיטעט זיצונגען אָדער קאָנפערענצן אין זייערע שטעט כדי אויפצולעבן די פּאָליטישע אַרבעט און נאָכאַמאָל צו אינדאָרסירן די באַשלוסן פון דעם טאָראָנטער צוזאַמענפאָר. דער צירקולאַר איז געווען אונטערגעשריבן פון דעם פּרעזידענט פּיטער בערקאָוויטש און פון די צוויי סעקרעטאַרן.

אזוי ווי די „באַארד אף דעפיוטיס" האָט ניט געוואָלט קומען, איז די אין וויניפעג געפּלאַנטע קאָנפערענץ ניט פאָרגעקומען. דערווייל איז פאָרגעקומען אַ גרויסע אויפלעבונג אין טאָראָנטאָ. דעם 20טן מאַי איז דאָרט פאָרגעקומען אַ גרויסע לאָקאַלע קאָנפערענץ פון 150 דעלעגאַטן, וואָס האָבן פאַרטראָטן 54 אָרגאַניזאַציעס. מ. גאָלדסטיק איז ווידער דערוויילט געוואָרן פּאָרזיצער. אַן עקזעקוטיווע פון 18 דעלעגאַטן איז דערוויילט געוואָרן און ס'איז ווידער אַמאָל אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, אַז „די טאָראָנטער קאָנגרעס קאָנפערענץ אַרבעט פאַר אַ אידיש דעמאָקראַטישן קאָנגרעס, פאַר נאַציאָנאַלער און קאָנסטרוקטיווער אַרבעט" [326]). די עקזעקוטיווע איז באַלד פאַרגרעסערט געוואָרן ביז 27 מיטגלידער. אויסער מ. גאָלדסטיק זיינען אין דער עקזעקוטיווע אַריין די פּאַרטיי און פאַרבאַנד חברים: י. בראַדי, ל. באַגראַד, י. פריימאַן, י. גערטלער, ח. הערליג, מ. קרעמער, ה. מ. קירשענבוים, ל. מינצער, מ. מענסאָן, ל. ראָזענבערג, מ. ראָם, מ. סילווערבערג. עס זיינען אויך אַריין אין דער עקזעקוטיווע י. מאַטענקאָ און ל. קאָלדאָווסקי, וועלכע זיינען נאָך דאָן געווען חברים פון דעם ס. ט. פאַראיין. דער טאָראָנטער קאָנגרעס קאָמיטעט האָט, אַלס איינע פון זיינע ערשטע אַרבעטן, באַשלאָסן צו רופן אַ צווייטן אַל־קאַנאַדער צוזאַמענפאָר אין טאָראָנטאָ, אין מיטן יולי.

ווען די קאַנאַדער ציון פעדעראַציע האָט אָפּגעהאַלטן אַ קאָנווענשאָן אין וויניפעג, פון 1טן ביזן 3טן יולי, 1917, האָט דער מאָנטרעאַלער קאָנגרעס קאָמיטעט צוגעשטעלט אַ מעמאָראַנדום צו דער קאָנווענשאָן און האָט פאַרלאַנגט, אַז די ציוניסטן זאָלן זיך באַטייליקן אין דעם צוזאַמענפאָר אין טאָראָנטאָ. די ציוניסטן האָבן איינגעלאַדן דר. סירקין אַלס איינעם פון די געסט פון זייער קאָנווענשאָן. דער וויניפּעגער פועלי ציון פאַראיין האָט אין זיין באַגריסונג צו דער קאָנווענשאָן אויסגעדריקט דעם וואונטש, אַז די קאָנווענשאָן זאָל אויפנעמען די פראַגע וועגן אַ קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס. צו דער געלעגנהייט האָבן די וויניפּעגער חברים געהאַט אַ ספּעציעלע אויסגאַבע פון דעם „קעמפער" אין צוויי טויזנט עקזעמפּלאָרן [327]).

די חברים אויפן אָרט און חבר מאָריס גאָלדסטיק האָבן געאַרבעט זייער שטאַרק, אַז אַ רעזאָלוציע פאַר אַ קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס זאָל אָנגענומען ווערן ביי דער ציון קאָנווענשאָן. די פאָלגנדיקע רעזאָלוציע איז, נאָך לאַנגע דיגגעענישן, אַריינגעבראַכט געוואָרן פון (דר) י. גאָלדסטיק, אונטערגעשטיצט פון קלאַרענס דע סאָלאַ: „די פעדעראַציע צוזאַמען מיט אַ קאָמיטעט פון פינף זאָלן זיך ווענדן צו אַלע די וואָס פאַראינטערעסירן זיך מיט דער קאָנגרעס פראַגע און זאָלן, ווען נויטיק, פאַררופן אַ קאָנגרעס, אויב אַ גוטע גאַראַנטיע וועט געגעבן ווערן, אַז די ציוניסטן זאָלן קאָנטראָלירן דעם קאָנגרעס און קיין שעדלעכע רעזאָלוציעס זאָלן ניט צוגעלאָזט ווערן און אַז אַלץ זאָל זיין אין איינקלאַנג מיט דער באַזעלער פּראָגראַם" [328]). די דאָזיקע רעזאָלוציע האָט באמת ניט געמאַכט גרינגער די אַרבעט פאַרן קאַנאַדער אידישן

קאָנגרעס, ווייל זי האָט פאַרמאַכט די טיר פאַר אַלע גרופּן, וואָס זיינען ניט געווען ציוניסטיש געשטימט.

דעם 15טן—17טן יולי איז פאָרגעקומען אין טאָראָנטאָ דער צווייטער קאַנאַדער צוזאַמענפאַר, אונטער דעם פאָרזיץ פון מ. גאָלדסטיק; ה. מ. קיר־שענבוים איז געווען סעקרעטאַר. ביי דער קאָנפערענץ זיינען געווען דעלע־גאַטן פון טאָראָנטאָ, מאָנטרעאָל, האַמילטאָן און וועלאַנד. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע פון טאָראָנטאָ איז אויך געווען פאַרטראָטן. מ׳האָט באַשלאָסן, אַז דער קאַנאַדער קאָנגרעס זאָל פאָרקומען אין אָטאַוואַ, צוויי חדשים נאָך דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס; אַז די פּלאַטפאָרמע פון דעם קאָנגרעס זאָל זיין אַן אָפענע און אַז אַלע קאַנאַדער אידן, פון 20 יאָר אַלט און מער, זיינען באַרעכטיקט זיך צו באַטייליקן אין די וואַלן. אין די גרעסערע שטעט זאָל דערוויילט ווערן איין דעלעגאַט פון יעדע טויזנט וויילער. אַלע נאַציאָ־נאַלע קערפּערשאַפטן זאָלן זיין באַרעכטיקט צו שיקן דעלעגאַטן. ס׳איז אויך באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער צענטראַל קאָמיטעט פון דער קאָנגרעס באַוועגונג זאָל זיין אין טאָראָנטאָ און זאָל צוזאַמענגעשטעלט ווערן אויפן פאָלגנדיקן אופן: 6 פון טאָראָנטאָ, 4 פון מאָנטרעאָל, 2 פון וויניפּעג, 1 פון האַמילטאָן און צו איין פאָרשטייער פון אַלע אַנדערע שטעט, וואָס וועלן גרינדן קאָנגרעס קאָנפערענצן. די אַלע באַשלוסן זיינען געשטעלט געוואָרן צו אַ רעפערענדום.

דער באַשלוס איבערצופירן דעם צענטראַל קאָמיטעט פון מאָנטרעאָל קיין טאָראָנטאָ איז געמאַכט געוואָרן, ווייל מ׳האָט געהאָפט, אַז אין טאָראָנטאָ וועט מעגלעך זיין אָנצופירן די אַרבעט מיט מער דערפאָלג צוליב דעם, וואָס אין טאָראָנטאָ זיינען די חלוקי דעות מיט די ציוניסטן ניט געווען אזוי שאַרף ווי אין מאָנטרעאָל. וואָס איז נאָך וויכטיקער, „דער אידישער זשורנאַל", די דאָרטיקע טאָג־צייטונג האָט געשטיצט די קאָנגרעס באַוועגונג אויף יעדן מעגלעכן אופן, ניט ווי אין מאָנטרעאָל, וואו די אידישע פּרעסע האָט באַקעמפט דעם קאָנגרעס.

אזוי ווי ראובן ברייניך און יהודה קויפמאַן האָבן יענעם זומער פאַר־בראַכט אין מאָנטרעאָל, איז קויפמאַן געווען איינער פון די מאָנטרעאָלער דעלעגאַטן צו דער טאָראָנטער קאָנפערענץ. דעם 2טן אויגוסט איז פאָרגע־קומען אַ לאָקאַלע קאָנפערענץ אין מאָנטרעאָל, ביי וועלכער יהודה קויפמאַן האָט אָפּגעגעבן זיין באַריכט. מ׳האָט דאָן אָפּגעשטימט יעדן פּונקט פון דעם רעפערענדום באַזונדער. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער קאָנגרעס זאָל פאָרקומען אין מאָנטרעאָל און ניט אין אָטאַוואַ. עס איז אויך באַשלאָסן גע־וואָרן, אַז אין פאַל ווען דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס וועט אָפּגע־לייגט ווערן, קאָן די דאַטע פון דעם קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס געביטן ווערן ניט אַנדערש, ווי דורך אַ רעפערענדום. די מאָנטרעאָלער קאָנפערענץ איז פאָרטגעזעצט געוואָרן דעם 9טן אויגוסט, 1917. מ׳האָט פאַרהאַנדלט די אַנדערע פּונקטן פון דער טאָראָנטער קאָנפערענץ. מ׳האָט באַשטעטיקט, אַז די צייט פון די וואַלן זאָל זיין צוויי וואָכן נאָך די ימים טובים. מ׳האָט אָנגע־נומען דעם פּלאַן פון דער אינערלעכער אָרגאַניזאַציע, וועגן דעם צוזאַמענ־

שטעל פון צענטראַלן קאָמיטעט און אַז צוויי פון די פיר מאָנטרעאַלער פאַר־טרעטער זאָלן זיין ציוניסטן.

פּלוצים האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע חרטה געהאַט און געלאָזט וויסן, אַז זיי קענען ניט גיין מיט דעם קאָנגרעס קאָמיטעט, ווייל די לעצטע קאָנפערענץ אין טאָראָנטאָ האָט אָנגענומען אומדעמאָקראַטישע באַשלוסן. די קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן וועגן אַ פרייער פּלאַטפאָרמע און דאָס, האָבן די ציוניסטן געטענהט, איז ניט אין איינקלאַנג מיט דער רעזאָלוציע, וואָס זיי האָבן אָנגענומען ביי זייער קאָנווענשאַן אין יוני, אין ווינניפּעג. מ׳וועט איצט קענען אַרויפשטעלן אויף דעם סדר היום פון דעם קאָנגרעס עטוואָס, וואָס קאָן שאַדן דעם ציוניזם... אַ צווייטע טענה האָבן זיי געהאַט, אַז אידן וואָס זיינען נאָך ניט קיין בירגער אין קאַנאַדע, וועלן האָבן דאָס רעכט דערוויילט צו ווערן אַלס דעלעגאַטן צום קאָנגרעס, — דאָס קאָנען זיי ניט אָננעמען, ווייל דאָס איז ניט דעמאָקראַטיש.

אין סעפּטעמבער, האָט דער צענטראַלער קאָנגרעס קאָמיטעט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין טאָראָנטאָ, — ער האָט זיך אָנגעהויבן רופן „דאָמיניאָן קאָנגרעס קאָמיטעט", — געגעבן די ציוניסטן אַ שאַרפן ענטפער. די אויפ־רעגונג אין מאָנטרעאַל איז אויך געוועזן אומגעהויער. אין דער זעלבער צייט האָט דער אידישער סאָציאַליסטישער פאַראיין, „די יאַנג סאָשעליסט קלאַב" און דער ברענטש 220 פון אַרבעטער רינג, אַלע פון טאָראָנטאָ, זיך צוריק־געצויגן פון דער טאָראָנטער קאָנפערענץ, ווייל אויב ס׳וועט זיין אַ קאָנגרעס מיט אַ פרייער פּלאַטפאָרמע וועט נאָך דער קאָנגרעס, חלילה, פאָדערן פּאַלעסטינע... די אונטערשטע שורה איז געוועזן, אַז חברים אין טאָראָנטאָ האָבן אין דער „איבערגאַנגס צייט" ניט געקאָנט אויפטאָן מער ווי די חברים אין מאָנטרעאַל.

דעם 15טן אָקטאָבער האָט די קאַנאַדער ציון פעדעראַציע אַרויסגעלאָזט אַ „מאַניפעסט", אונטערגעשריבן פון קלאַרענס דע סאָלאַ, פּרעזידענט, און לואי פּיטש, סעקרעטאַר. דאָס איז געווען אַ מערקווירדיקער דאָקומענט, וואָס באַווייזט ווי קליינלעך און אויטאָקראַטיש ס׳איז געווען די דע סאָלאַ פירער־שאַפט פון דער ציון פעדעראַציע. „די קאַנאַדער ציוניסטן, ווערט געזאָגט אין דעם „מאַניפעסט", וועלן ניט האַנדלען ביז נאָך דעם אַמעריקאַנער אי־דישן קאָנגרעס. ציוניסטישע פאַראיינען איז פאַרבאָטן געוואָרן צו באַטייליקן זיך אין קאָנפערענצן. מ׳זאָל זיך היטן פון „די אומפּאַרטייאישע אַגיטאַ־טאָרס"... „צו דערלויבן אַריינמישונג פון אַנדערע אין ציוניסטישע ענינים, איז צו אַריינמישן זיך און רואינירן אונזער אַרבעט פון צוואַנציק יאָר"... די ציוניסטישע פאַראיינען ווערן געבעטן צו טרויען זייערע פירער, און „ניט אַריינשפּילן אין די הענט פון אומפאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן"... ס׳איז געווען אַ „מאַניפעסט" מיט וועלכן יעדער אַנשטענדיקער ציוניסט האָט זיך געשעמט. ח. מ. קייזערמאַן האָט רעאַגירט מיט אַ שאַרפן פאַרדאַמונגס־אַרטיקל [329]. די דאַמאָלסטדיקע פּראָגרעסיווע ציוניסטן, ווי א. ב. בענעט פון טאָראָנטאָ, מ. גאַרבער, יונה מייערסאָן, דר. ס. אָרטענבערג פון מאָנט־רעאַל און פילע אַנדערע האָבן אָנגעהויבן אַ שאַרפע קאַמפּאַניע קעגן קלאַרענס

דע סאלא. אויך לואי פיטש האָט ענדלעך געביטן זיין שטעלונג צו קלאַרענס דע סאלא.

ס׳וועט דאָ זיין אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז סוף 1917, איז ביי די „אפטאונער יאָהודים״ פאָרגעקומען אַן „אינערלעכע רעוואָלוציע״. ס. וו. דזשייקאבס, איינער פון די אינגערע מנהיגים, האָט מיט דער הסכמה פון זיין פריינט לייאן קאהען און אַנדערע, רעוואָלטירט און ניט רעכענענדיק זיך מיט דער קעגנערשאַפט פון דער אידישער „אַריסטאָקראַטיע״ פון דעם על־טערן דור, האָט ער ארויסגעשטעלט זיין קאַנדידאַטור און איז דערוויילט געוואָרן אַלס דעפּוטאַט צו דעם פעדעראַלן פּאַרלאַמענט. דאָס איז פאָרגע־קומען ניט פּלוצים. לייאן קאהען און ס. וו. דזשייקאבס האָבן נאָך מיט 20 יאָר צוריק געגרינדעט „די דזשואיש טיימס״. איינער פון זייערע הויפּט צילן איז געווען צו שאַפן פאַר זיך אַ פעסטערע געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציע צווישן די אפטאונער אידן.

דער וואַקסנדיקער ישוב פון די מזרח אייראָפּעאישע אידן, אַן וועמענס שטימען מען האָט ניט געקאָנט דערוויילט ווערן, האָט זיכער געהאַט אַ וויר־קונג אויף ס. וו. דזשייקאבס. ס׳קאָן זיין, אַז דאָ האָט אויך, אומדירעקט, גע־ווירקט די אומאָפּהענגיקע און טראַציקע האַנדלונג פון די פּועלי ציון אין די מוניציפּאַלע וואַלן אין 1916 און זייער אויסגעהאַלטענער קאַמף קעגן אוי־טאָקראַטיע און פאַר אַ דעמאָקראַטישן אידישן קאָנגרעס. ס׳איז אַ פאַקט, אַז אין יענע יאָרן איז דזשייקאָבס אפילו געווען אַ שטיקל חסיד פון דר. חיים זשיטלאָווסקי. אזוי צי אזוי, מיט דער דערוויילונג פון דזשייקאָבס איז פאָר־געקומען אַ טיפע ענדערונג אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון די מאָנ־טרעאַלער אידן. זינט דאַן האָט אָנגעהויבן פאַלן דער איינפלוס פון די דע־סאלאס, די דייוויסעס און די אַנדערע אַלטע, מיוחסדיקע משפחות צווישן די אפטאונער אידן. די קינדער פון די ליטווישע אימיגראַנטן פון די אַכציקער יאָרן, די ניי אויפגעקומענע פירער, — קאַנאַדער געבוירענע אָדער קאַנאַ־דער דערצויגענע, — האָבן דערפילט, אַז זיי מוזן זיך אָנהויבן רעכענען מיט דעם ווילן פון די פאָלקס מאַסן. אויך אין דער ציון פעדעראַציע האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן דער סוף פון קלאַרענס דע סאלאס הערשאַפט.

אין אָקטאָבער, 1917, איז באַקאַנט געוואָרן אַז דער אַמעריקאַנער אי־דישער קאָנגרעס איז אָפּגעלייגט געוואָרן ביז נאָכן וואָפנשטילשטאַנד. דאָס האָט געבראַכט צו דעם פאַקטישן אָפּשטעל פון אַקטיווער קאָנגרעס אַרבעט אין קאַנאַדע. די חברים פון דער באַוועגונג זיינען, אָנפאַנג 1918, סיי ווי סיי פאַרוואָרפן געוואָרן מיט אַרבעט פאַר דעם רעפערענדום, שקלים און רע־גיסטראַציע קאַמפּיין, פאַרן אַרבעטס פאָנד קאַמפּיין און מיט פאַרגרעסערטע זאַמלונגען פאַר מלחמה קרבנות.

ווען ס׳איז באַקאַנט געוואָרן, אַז דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס וועט זיך ענדלעך פאַרזאַמלען דעם 15טן דעצעמבער, 1918, איז אויפגעלעבט געוואָרן די שטימונג פאַרן קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס, און די באַוועגונג האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט מיט ענערגיע און גרויסן ענטוזיאַזם.

קאָנגרעס אַרבעט אויפגעלעבט — אַרבעטער פראַקציע אָרגאַניזירט

די פריערדיקע קעגנער פון דעם פאָלקס פאַרבאַנד האָבן, ווייזט אויס, באַשלאָסן אויסצוכאַפּן די איניציאַטיווע פון דעם פאָלקס פאַרבאַנד קאָנגרעס קאָמיטעט. זיי האָבן פלוצים גערופן אַ פאַרזאַמלונג, אָדער קאָנפערענץ, אין דעם אָפיס פון „קענעדער אָדלער", דעם 12 נאָוועמבער, 1918, און האָבן געשאַפן אַ שפּאָגל נייעם קאָנגרעס קאָמיטעט פאַר מאָנטרעאַל. צו דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג זיינען געקומען אַ צאָל יחידים. זיי האָבן דערוויילט אַלס זייער פאָרזיצער פּיטער בערקאָוויטש, דעם פּרעזידענט פון דעם פאָלקס פאַרבאַנד קאָנגרעס קאָמיטעט, און אַדוואָקאַט דזשאו קאהען אַלס סעקרע־טאַר, זיי האָבן אויסגעקליבן אַ פּראָטערנאַלע דעלעגאַציע צו דעם אַמערי־קאַנער אידישן קאָנגרעס, באַשטייענדיק פון פּיטער בערקאָוויטש און ה. וואלאפסקי. דער פאָלקס פאַרבאַנד קאָנגרעס קאָמיטעט האָט באַשלאָסן אויס־צומיידן אַ נייע מלחמה מיט דעם „קענעדער אָדלער" און לאָזן די דעלעגאַציע פאָרן קיין פילאַדעלפיע, פונקט ווי זי וואָלט געווען אַ דעמאָקראַטיש דער־וויילטע. אָבער דער מאָנטרעאָלער פועלי ציון פאַראיין האָט פאַרעפנטלעכט אַ שאַרפן פּראָטעסט פאַר „קידנעפּן" דעם פּרעזידענט פון דעם פאָלקס פאַר־באַנד און פאַר דער „סקאַנדאַליעזער פאַרגוואַלטיקונג פון דער עפנטלעכער מיינונג"...

דער טאָראָנטער קאָנגרעס קאָמיטעט האָט אויך געשיקט צוויי פּראַ־טערנאַלע דעלעגאַטן און חבר ל. באַגראַד איז געווען איינער פון זיי. פון דעם וויניפּעגער קאָנגרעס קאָמיטעט איז געקומען אַלס פּראָטערנאַלער דעלעגאַט י. א. טשערניאַק. אין פילאַדעלפיע האָבן די פינף קאַנאַדער פּראַ־טערנאַלע דעלעגאַטן געהאַט א קאַקוס זיצונג און האָבן באַשלאָסן, אַז מען דאַרף צוזאַמענרופן דעם קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס ניט שפּעטער ווי אין זעקס חדשים אַרום. זיי האָבן צווישן זיך באַשטימט, אַז דער צייטווייליקער צענטראַל קאָמיטעט זאָל זיין אין מאָנטרעאַל מיט פּיטער בערקאָוויטש אַלס פאָרזיצער, ה. וואָלאַפּסקי, קאַסירער און דזשאו קאהען, סעקרעטאַר.

דער חודש דעצעמבער, 1918, איז געווען אַ שטורמישער אין טאָראָנטאָ, ווייל די חברים פון דער באַוועגונג האָבן געבערויזט מיט אומגעדולד. דעם 1טן דעצעמבער איז דאָרטן פאַרגעקומען א לאָקאַלע קאָנפערענץ, וואו זיי האָבן באַשלאָסן, אַז דער קאַנאַדער אידישער קאָנגרעס זאָל אָפּגעהאַלטן ווערן ניט שפּעטער ווי אין צוויי וואָכן, נאָך דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנ־גרעס. אַ מאַסן פאַרזאַמלונג איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין שעי'ס היפּאָדראָם, דעם 8טן דעצעמבער. מ'האָט פּראָטעסטירט קעגן די פּאָגראָמען אין גאַלי־ציע און מ'האָט ווידער אָנגענומען אַ רעזאָלוציע פאַר דער צוזאַמענרופונג פון דעם קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס. אַ קאָנגרעס קאָנפערענץ איז אויך פאָרגעקומען דעם 10טן דעצעמבער, וואו מ'האָט דערוויילט די דערמאָנטע פּראָטערנאַלע דעלעגאַטן צום אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס [330].

די חברים אין טאָראָנטאָ זיינען געווען זייער אַנטוישט, וואָס מ׳האָט ביי דעם קאקוס אין פילאַדעלפיע באַשלאָסן צו מאַכן דעם הויפט אָפיס פון קאָנ־גרעס ווידעראַמאָל אין מאָנטרעאָל. אין אַ רוף צו דער קאָנפערענץ זיצונג, דעם 24טן דעצעמבער, 1918, האָט דער טאָראָנטער קאָנגרעס קאָמיטעט געשריבן: „די צייט ווען מ׳האָט זיך געשפּילט אין אידישן קאָנגרעס איז שוין פאַריבער״... „אַלע מוזן קומען״ [331]. זיי האָבן צוריקגעוויזן דעם באַשלוס וועגן דעם נייעם ציטווייליקן צענטראַלן קאָמיטעט און האָבן גע־פאָדערט אַ נייע קאָנפערענץ פון מאָנטרעאָל, טאָראָנטאָ און וויניפּעג כדי צו דערוויילן דעמאָקראַטיש און געזעצלעך אַזאַ קאָמיטעט.

פון וויניפּעג האָט י. העסטרין באַריכטעט, אַז ווי נאָר די פלו־עפּידעמיע האָט אָפּגעלאָזן, האָבן זיי געהאַט אַ קאָנפערענץ פון 38 לאָקאַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס, וועמענס פאַרטרעטער האָבן זיך איינשטימיק אַרויסגעזאָגט פאַר דער פאַררופונג פון דעם קאָנגרעס (אַזוי שנעל ווי מעגלעך). „ס׳זאָל זיין אַ פאָלקס קאָנגרעס אָן קיינע פאַלשע צופּוצונגען...״ „ווי נאָר מזרח קאַנאַדע וועט זיין גרייט צו טאָן איר פאָלקס פליכט וועלן מיר אויף קיין רגע ניט פאַרהאַלטן און גיין מיט אייך צוזאַמען צום קאָנגרעס״ [332].

אין מאָנטרעאָל האָבן די פראַטערנאַלע דעלעגאַטן אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן דעם קאָנגרעס אין פילאַדעלפיע ביי אַ פאַרזאַמלונג פון יחידים, דעם 25טן דעצעמבער, 1918, אין לייבאָר טעמפּל. צו דער פאַרזאַמלונג איז אויך געקומען ה. מ. קייזערמאַן. ביי דער פאַרזאַמלונג האָט מען באַשלאָסן צו רופן אַ קאָנפערענץ פון מאָנטרעאָלער אָרגאַניזאַציעס אויף זונטיק, דעם 9טן יאַ־נואַר. מ׳האָט אויך באַשטימט צוויי געהילפס סעקרעטאַרן, ס. ד. כהן און ה. מ. קייזערמאַן [333].

דער מאָנטרעאָלער פּועלי ציון פאַראיין איז דערוויל געקומען צום באַ־שלוס, אַז דער פאָלקס פאַרבאַנד קאָנגרעס קאָמיטעט האָט דורכגעפירט זיין הויפּט אויפגאַבע — אויסצוקעמפן אַ קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס און ס׳איז איצט ניט נויטיק צו קעמפן פאַר דער ווייטערדיקער עקזיסטענץ פון דעם דאָזיקן קאָמיטעט. זייענדיק איבערצייגט, אַז דער נייער קאָנגרעס קאָמיטעט וועט פאָרטזעצן די אַרבעט פון דעם פריערדיקן קאָנגרעס קאָמיטעט איז באַשלאָסן געוואָרן צו באַטייליקן זיך אין אַלע פאָלקס קאָנפערענצן, וואָס וועלן פון אים גערופן ווערן. ס׳איז פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז איצט מוז די באַוועגונג זיך אָפּגעבן הויפּטזעכלעך מיט דער אָרגאַניזירונג פון דעם אַר־בעטער פליגל און צו ווירקן, אַז די פאַרשטייער פון די אַרבעטער אָרגאַניזאַ־ציעס זאָלן אָננעמען די סאָציאַליסטיש נאַציאָנאַלע פּראָגראַם, סיי בנוגע ארץ ישראל, סיי בנוגע נאַציאָנאַלע רעכט אין גלות, איינשליסנדיק נאַ־ציאָנאַלע רעכט פאַר אידן אין קאַנאַדע. פאַר דעם לעצטן פּונקט איז געטאָן געוואָרן אַ סך מינדלעכע און שריפטלעכע פּראָפּאַגאַנדע.

דעם 5טן יאַנואַר איז פאָרגעקומען אין טאָראָנטאָ די 16טע קאָנווענשאָן פון די קאַנאַדער ציוניסטן. דער מערב קאַנאַדער קאָנגרעס קאָמיטעט האָט צוגעשיקט אַ ברידערלעכן רוף וועגן אַ בשותּפותדיקער אַרבעט פאַרן קאָנ־

גרעס פון קאַנאַדער אידן. דער טאָראָנטער קאָנגרעס קאָמיטעט האָט געטאָן זיין טייל פון דער אַרבעט. מ. גאָלדסטיק האָט אַריינגעבראַכט אַ רעזאָלוציע פאַר אַ קאָנגרעס, וועלכע איז אָנגענומען געוואָרן. ביי יענער קאָנווענשאָן האָט קלאַרענס דע סאָלא זיך צוריקגעצויגן אַלס פרעזידענט פון דער ציון פעדעראַציע. א. דזשיי פרימאַן איז געוואָרן פרעזידענט און די שטימונג איז געוואָרן אינגאַנצן אַן אַנדערע.

דעם זעלבן טאָג, דעם 5טן יאַנואַר, איז אין מאָנטרעאַל פאָרגעקומען אַ היסטאָרישע אַרבעטער קאָנפערענץ פון 23 יוניאָנס און ראַדיקאַלע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס פון אַלע ריכטונגען. די פועלי ציון האָבן געהאַט באַשלאָסן צו רופן די אַרבעטער קאָנפערענץ. דער שטאָט קאָמיטעט פון דעם אַרבעטער רינג („די סיטי סענטראַל קאָמיטי״) האָט זיך דערוואוסט וועגן דעם און איז פאַרלאָפן דעם וועג און אַרויסגעשיקט די איינלאַדונגען. זיי האָבן געטענהט, אַז זיי האָבן ניט געוואוסט וועגן דעם באַשלוס פון די פועלי ציון און האָבן געמאַכט פלאַץ אין דעם אַראַנזשירונגס קאָמיטעט פאַר אַ פאָרטרעטער פון דער פאַרטיי. דער פאַרטיי פאַראיין האָט אויך אין דעם פאַל באַשלאָסן אויסצומיידן קליינלעכע קריגערייען און האָט די איינלאַדונג אָנגענומען, און ס׳האָט געהייסן, אַז די קאָנפערענץ איז גערופן געוואָרן געמיינשאַפטלעך פון ביידע אָרגאַניזאַציעס [334]).

ב. רישיקאָף פון אַרבעטער רינג איז דערוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער, ה. נאָוואק איז דערוויילט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר און דער שרייבער פון די שורות איז דערוויילט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר פון דעם רעזאָלוציעס קאָמיטעט, וועלכער איז באַשטאַנען פון צוויי פועלי ציון, צוויי גענאָסן און איין נייטראַלן טרייד יוניאָניסט. די פועלי ציון האָבן איבערגעגעבן דעם רעזאָלוציע קאָמיטעט די רעזאָלוציעס, וואָס זיי האָבן געהאַט פון פריער צוגעגרייט פאַר דער קאָנפערענץ.

נאָך צוויי און אַ האַלבע שעה פון באַראַטונג טראָגט אַריין דער סעקרעטאַר פון דעם רעזאָלוציע קאָמיטעט זיין באַריכט. ס׳ווייזט זיך אַרויס, אַז בנוגע ארץ ישראל איז דאָ אויך אַ מינאָריטעט באַריכט. די מאַיאָריטעט איז פאַר „אַן אומאָפּהענגיקן שטאָט אין ארץ ישראל און די מינאָריטעט איז פאַר אַ פרייער רעפּובליק״. ס׳האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אַז אַ „פרייע רעפּובליק״ וועט מיינען וויניקער אידישע נאַציאָנאַלע היים ווי אַן „אומאָפּהענגיקער שטאָט״... אַלע אַנדערע רעזאָלוציעס — וועגן נאַציאָנאַלע רעכט אין די גלות לענדער, וועגן די אויפגאַבן פון קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס, די רעזאָלוציע פאַר נאַציאָנאַלע רעכט אין קאַנאַדע, פאַר דער אָרגאַניזירונג פון דעם קאַנאַדער אידנטום אַלס טייל פון אַלוועלטלעכן אידישן קאָנגרעס, פאַר קאָנסטרוקטיווער הילף פאַר די מלחמה ליידנדיקע, פאַר רעגולירן די אידישע איינוואַנדערונג אין קאַנאַדע — אַלע פאָרשלאָגן און רעזאָלוציעס זיינען אָנגענומען געוואָרן כמעט איינשטימיק.

אַ הייסע דעבאַטע האָט זיך אַנטוויקלט אַרום די ארץ ישראל רעזאָלוציעס, מיט זעקס גענעראַל רעדנער. קייזערמאַן, נאָוואק און בעלקין רעדן

פאַר דער רעזאָלוציע. וואָלערשטיין (אַ מאָנטרעאַלער געגאָסע), שובערט אין זיידעל רעדן פאַר אַ „פרייער רעפובליק". ס'קומט פאָר אַן אָפּשטימונג דורך אַ ראָל־קאָל. פון די אַנוועזנדיקע 33 דעלעגאַטן שטימען 21 פאַר דער רעזאָלוציע ווי פאָרגעשלאָגן פון די פועלי ציון, 8 שטימען פאַר אַ „פרייער רעפובליק" און 4 האַלטן זיך אָפּ פון שטימען.

די אַרבעטער קאָנפערענץ האָט זיך דאַן אָרגאַניזירט אין אַ סאָציאַליס־טיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער בלאָק, מיט ה. נאָוואַק אַלס סעקרעטאַר. ס'איז אויך אויסגעקליבן געוואָרן אַן אָפיציעלע דעלעגאַציע פון דעם אַרבעטער בלאָק צו דער גרויסער מאָנטרעאַלער פאָלקס קאָנפערענץ, באַשטייענד פון רישי־קאָף, זיידעל, סלאָבאָדסקי, צוקער און בעלקין. ס'איז אויך אויסגעקליבן געוואָרן אַ פרעסע קאָמיטעט פון די חברים נאָוואַק, דיקשטיין און בעלקין. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אַלע אַרבעטער פאָרשטייער האָבן אַ רעכט צו פירן אַן אַגיטאַציע קעגן די באַשלוסן פון דער אַרבעטער קאָנפערענץ, זיי טאָרן אָבער ניט שטימען קעגן רעזאָלוציעס, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן פון זייער קאָנפערענץ [335].

ס'דאַרף דאָ באַמערקט ווערן, אַז למען השלום זיינען די פועלי ציון איינגעגאַנגען אויף צוויי קאָמפּראָמיסן. די געגנאָסן האָבן פאַרלאַנגט, אַז די פערמאַנענץ פון דעם קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס זאָל באַגרענעצט ווערן ביז דער צוזאַמענרופונג פון דעם ערשטן אַלוועלטלעכן אידישן קאָנגרעס. זיי האָבן אויך ניט געוואָלט, אַז די רעזאָלוציעס פון דעם קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס זאָלן איבערגעשיקט ווערן צו דער פרידנס קאָנפערענץ, נאָר בלויז צו דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל... אין פאַל ווען מ'וועט זיי דאָס ניט נאָכגעבן האָבן זיי געסטראַשעט צו פאַרלאָזן די אַרבעטער קאָנפערענץ. די פועלי ציון האָבן, צוליב טאַקטישע טעמים, זיי נאָכגעגעבן די צוויי פונקטן. פאַר די פועלי ציון זיינען די רעזאָלוציעס וועגן ארץ ישראל און נאַציאָנאַלע רעכט אין קאַנאַדע געווען מער וויכטיק. כדי צו באַוואָרענען זיך, אַז די גע־נאָסן וועלן ניט שטימען קעגן די דאָזיקע צוויי הויפּט רעזאָלוציעס, איז כדאי געווען, לויט דער מיינונג פון די חברים, נאָכצוגעבן די געגנאָסן זייערע „פונקטן". די רעזאָלוציע וועגן אימיגראַציע אין קאַנאַדע, וואָס די סאָציאַל דעמאָקראַטן האָבן אַרויפגעצוואונגען אויף די פועלי ציון, איז אויך געווען אַ שטיקל קאָמפּראָמיס, אָבער אויך די רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרן, אַבי ס'זאָל זיין שלום אין די אַרבעטער רייען.

די מאָנטרעאַלער אַרבעטער קאָנפערענץ האָט אָנגעשטעלט די ציוי־ניסטיש סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַ פירנדיקער ראָלע אין די הכנות צו דעם קאָנגרעס און אין די פאַרהאַנדלונגען ביי דעם קאָנגרעס גופא. די איינִיקייט אין די מאָנטרעאַלער אַרבעטער רייען האָט געהאַט אַ ווירקונג אויף אַלע אַנדערע שטעט. צו דער מאָנטרעאַלער אַלגעמיינער קאָנפערענץ, דעם 19טן און דעם 26טן יאַנואַר, וואָס האָט ענטגילטיק צוזאַמענגעשטעלט דעם מאָנטרעאַלער קאָנגרעס קאָמיטעט און אויסגעאַרבעט די פּראָגראַם פונם קאָנגרעס, האָט דער מאָנטרעאַלער פועלי ציון פאַראיין אַרויסגעלאָזט אַ

ספּעציעלע פּראָקלאַמאַציע וועגן דער פאָדערונג פון נאַציאָנאַלע רעכט פאַר אידן אין קאַנאַדע. די מאָנטרעאַלער פאָלקס קאָנפערענץ האָט אָנגענומען די פּונקטן פון נאַציאָנאַלע רעכט — פאַקטיש האָבן זיי איבערגעשריבן די רעזאָלוציעס פון דער אַרבעטער קאָנפערענץ. אין דעם מאָנטרעאַלער קאָנגרעס קאָמיטעט פון 40 זיינען 12 פּלעצער אָפּגעגעבן געוואָרן דער אַרבעטער פראַקציע — די גרעסטע צאָל, וואָס וועלכע ס׳איז פראַקציע האָט באַקומען [336].

צווישן די דעלעגאַטן צו דער לעצטער פאָלקס קאָנפערענץ אין מאָנטרעאַל זיינען געווען די פּאַרטיי חברים ב. לאַכאָוויצקי, וו. כייטמאַן, פּיניע מהרם, ישראל ראַבינאָוויטש, שלמה שניידער, א. עסנער, יעקב קאַץ, י. ראַכלענקאָ, פּעני פּעפּער, י. מ. באַבראָוו, ח. טיגער און אַלע חברים, וואָס זיינען געווען פריער אַקטיוו אין די פאַרשיידענע קאָמיטעטן אָדער קאָנפערענצן פון פאָלקס פאַרבאַנד [337].

דעם 2טן פעברואַר איז פאַרגעקומען די לעצטע אַל־קאַנאַדער פאַר־קאָנפערענץ אין טאָראָנטאָ, מיט פאַרטרעטער פון אַלע גרעסערע קאָנגרעס קאָמיטעטן פון לאַנד. ביי דעם צוזאַמענפאָר האָט מען באַשטימט דעם טאָג פון די וואַלן פאַר דעם 2טן מערץ און, אַז דער קאָנגרעס זאָל זיך צוזאַמענקומען דעם 16טן מערץ, 1919. מ׳האָט אויך נאָכאַמאָל באַשטימט די הויפּט־פּונקטן פון דער פּלאַטפאָרמע און פּראָגראַם פון קאָנגרעס, איינשליסנדיק נאַציאָנאַלע רעכט אין קאַנאַדע. ס׳איז איבערגעלאָזט געוואָרן צו דעם מאָנטרעאַלער קאָמיטעט פון 40 אויסצואַרבעטן די פּרטים פון דער טאָג־אָרדנונג און צו מאַכן אַלע אַנדערע נויטיקע הכנות. נאָך דער דאָזיקער פאַרקאָנפערענץ האָט זיך צוזאַמענגעקליבן דער מאָנטרעאַלער קאָמיטעט פון פערציק און האָט אויסגעקליבן אַן עקזעקוטיווע פון ניין מיטגלידער, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע און האָט געהאַט אַ פרייע האַנט צו טאָן אַלץ וואָס זי האָט געפונען פאַר נויטיק. אין דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע זיינען אַריין די חברים קייזערמאַן און בעלקין. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ פיבערהאַפטיקע טעטיקייט, ווייל ס׳איז פאַרבליבן ווייניקער ווי זעקס וואָכן ביז דעם צוזאַמענקום פון דעם קאָנגרעס.

ביי דער ערשטער זיצונג פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע איז באַשלאָסן געוואָרן צו דערוויילן לייאָן קאָהען אַלס פּרעזידענט, ווייל ער איז געווען איינער פון די ערשטע „אַפּטאָונער״ אידן באַקערט צו ווערן צו דעם קאָנגרעס. ער איז געווען אַ זון פון לאַזאַרוס קאָהען (איינער פון די ערשטע חובבי ציון אין קאַנאַדע). מ׳האָט געהאַפט, אַז לייאָן קאָהענס פּרעסטיזש וועט פיל העלפן צו פאַראייניקן אַלע קאַנאַדער אידן, איינשליסנדיק אויך די „אַפּטאָונער״ אידן. אין דעם קאָמיטעט צוצוגרייטן אַ מאַניפעסט וועגן די וואַלן זיינען דערוויילט געוואָרן: הרב כהן, קייזערמאַן און בעלקין. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צו בעטן די דריי ריכטונגען — די ציוניסטן, מזרחי און דעם אַרבעטער בלאָק, אַז זיי זאָלן אַרויסלאָזן באַזונדערע צוגאָב אויפרופן וועגן די וואַלן. דער קאָמיטעט באַשטייענד פון הרב כהן, קייזערמאַן און בעלקין, איז

אויך באַשטימט געוואָרן צו באַזאָרגן אַלע רעפּערענטן פאַר דעם קאָנגרעס [338].
אזוי ווי הרב כהן האָט זיך וויניק אָפּגעגעבן מיט טעכנישע זאַכן, האָבן די
צוויי פּועלי ציון מיטגלידער פון דעם דאָזיקן קאָמיטעט געהאַט אַ פרייע
האַנט צו טאָן וואָס זיי האָבן געוואָלט.

אזוי ווי די הויפּט אַרבעט צוצוגרייטן דעם קאָנגרעס איז געווען אין
מאָנטרעאל, זיינען כמעט אַלע מאָנטרעאַלער חברים אַריינגעצויגן געוואָרן
אין פאַרשידענע קאָמיטעטן. ח. מ. קייזערמאַן איז געוואָרן דער גענעראַל
סעקרעטאַר און האָט זיך אַריינגעוואָרפן מיט אויסערגעוויינלעכער ענערגיע
אין דער גרויסער אַרבעט, וועלכע ער האָט געטאָן פרייוויליק. בעלקין איז
געוואָרן פאַרזיצער פון דעם נאַציאָנאַלן וואַלן קאָמיטעט; פרענק וויט, —
דער סעקרעטאַר פון וואַלן קאָמיטעט; צוקער איז אַריין אין דריי קאָמיטעטן:
פינאַנצן, „אַראַנדזשמענטס" און פּראָפּאַגאַנדע, א. א. וו. פריינט ה. הערשמאַן
איז געוואָרן פּרעסע סעקרעטאַר.

די צאָל פון אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס וואָס האָבן זיך אָנטגילטיק אָנ־
געשלאָסן אין מאָנטרעאלער אַרבעטער בלאָק — אַלע אידישע אַרבעטער
אָרגאַניזאַציעס פון דער שטאָט און אַלע פּראָגרעסיווע קולטור און דערצי־
אונגס פאַראיינען — האָט דערגרייכט 30.

אַן אומבאַשרייבלעכער ענטוזיאַזם איז אַרויסגעוויזן געוואָרן ביי די קאַמ־
פּאַניעס פאַר די וואַלן פון דעלעגאַטן צום קאָנגרעס. די באַוועגונג האָט
אַגיטירט מיט גרויס באַגייסטערונג פאַר אירע קאַנדידאַטן, אויפן באַזיס פון
דער פּלאַטפאָרמע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן ביי דער אַרבעטער קאָנפערענץ.
אין קורצן איז זי פאָרמולירט געוואָרן אזוי:

1) אַן אומאָפּהענגיקע, נייטראַלע אינטערנאַציאָנאַל גאַראַנטירטע נאַ־
ציאָנאַלע היים אין ארץ ישראל מיט רעגירונגס פאָרמען, וואָס זאָלן זיין אין
איינקלאַנג מיט די סאָציאַליסטישע אידעאַלן.

2) נאַציאָנאַלע רעכט פאַר אידן אין אַלע לענדער.

3) נאַציאָנאַלע רעכט פאַר די אידן אין קאַנאַדע.

4) קאָנסטרוקטיווע הילף פאַר מלחמה געליטענע.

5) הילף און פאַרזיכערונג פון די אינטערעסן פון די אידישע מאַסן
וואָס וועלן אימיגרירן אין קאַנאַדע, אין פאַרבינדונג מיט די עקזיסטירנדיקע
אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס אין לאַנד.

6) אַן אַלוועלטלעכער אידישער קאָנגרעס.

7) די פּערמאַנענץ פון דעם קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס זאָל געזיכערט
ווערן ביז דעם ערשטן אַלוועלטלעכן אידישן קאָנגרעס.

זייער אינטערעסאַנט און היסטאָריש וויכטיק איז די פּרינציפּן־דערקלע־
רונג און וואַלן מאַניפעסט, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דער אַרבעטער
קאָנפערענץ, אין פאַרבינדונג מיט דער פּלאַטפאָרמע און די וואַלן צום קאָנ־
גרעס. דערפאַר וועלן מיר דאָ געבן דעם פולן טעקסט פון דער דערקלערונג:

„די סאָציאַליסטיש נאַציאָנאַלע אַרבעטער קאַנדידאַטן פאַר דעם קאַנאַדער
אידישן קאָנגרעס, דערקלערן פריער פאַר אַלץ, אַז מיר אַלע גלויבן, אַז די אָנט־

גילטיקע דערלייזונג פון דעם אידישן פאָלק, סיי אין ארץ ישראל, סיי אין די גלות לענדער, הענגט אָפּ פון דעם דערפאָלג פון דער גרויסער אידעע פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם. עס איז אונזער גלויבן, אַז די פולשטענדיקע נאַציאָנאַלע, פּאָליטישע און אינדוסטריעלע פרייהייט און גלייכבאַרעכטיקונג פון דעם אידישן פאָלק מיט אַלע אַנדערע פעלקער, קאָן קומען נאָר דאַן, ווען דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס וועט איבערנעמען די רעגירונג פון דער וועלט, אויף דעם באַזיס פון דער אָפּשאַפונג פון פריוואַט אייגנטום מיט דער אנערקענונג פון די רעכט פון יעדער נאַציע, קליין אָדער גרויס, פאַר זעלבסטבאַשטימונג.

„אין דער איצטיקער גרויסער צייט אָבער, ווען די זעלבסטבאַשטימונג פון נאַציעס, הויבט זיך אָן צו ביסלעך און טיילווייז שוין אויסצובילדן, ווען די מאַכט־האָבנדע רעגירונגען פון דער וועלט האָבן זיך פאַרזאַמלט און דיסקוטירן פראַגן ווי אזוי איבערצובויען די וועלט און שאַפן אַ נייע אָרדנונג אין די באַציאונגען צווישן פעלקער, מוזנדיק זיך דערביי צוהערן צו די פאָדערונגען און שטרעבונגען פון די אָרגאַניזירטע קליינע פעלקער און די דעמאָקראַטישע, פרייהייט־שטרעבנדע מאַסן פון יעדן לאַנד און פאָלק.

„אין דער איצטיקער צייט, ווען די אידן פון דער גאַנצער וועלט האָבן זיך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן פאַר די פּאָליטישע, נאַציאָנאַלע און קולטורעלע אינטערעסן; אין דער איצטיקער צייט, ווען דער גורל פון פּאַלעסטינע ווערט באַשטימט, ווען די פראַגע פון נאַציאָנאַלע רעכט פאַר די אידן אין יעדן לאַנד איז אזוי צייטמעסיק און נויטיק, ווען פראַגן פון אויפבויען די חרוב־געוואָרענע אידישע היימען און העלפן די אימיגראַנטן, זיינען אויף דער טאָג־אָרדנונג פון אונזער לעבן — אנערקענען מיר די נויטווענדיקייט פון דער אָרגאַניזירונג פון די אידן פון דעם לאַנד און מיר גייען צום קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס, וואָס וועט דאַרפן אויסדריקן דעם ווילן פון קאַנאַדער אידנטום, אַלס טייל פון דעם אַלוועלטלעכן אידנטום און אונזערע אַלגעמיינע פאָדערונגען צו דער גאַנצער וועלט.

„אונזערע קאַנדידאַטן, ווען דערווײלט אַלס דעלעגאַטן צום קאָנגרעס, וועלן שטימען איינהייטלעך פאַר אַלע אויבנדערמאָנטע פאָדערונגען אונזערע. די פאָדערונג פון אַ אידישער היים האָט פאַראייניקט אַרום זיך לעצטנס די ברייטע מאַסן פון אונזער פאָלק. מיר ווייסן די שטימונגען פון אַלעמען אין דער פראַגע פון אַ אידישער היים אין ארץ ישראל. די דאָזיקע פראַגע איז קלאָר פאַר יעדן און מיר וועלן דעריבער באַרירן די צווייטע ברענענדיקע פראַגע פון דעם טאָג־אָרדנונג פון דעם קאָנגרעס, די פראַגע פון נאַציאָנאַלער רעכט, וואָס איז פון אונז, אידישע אַרבעטער, שוין לאַנג אַרויסגערופן געוואָרן אין לעבן. אומטום איז פון אונז אַגיטירט געוואָרן פאַר דעם און איצט ווילן מיר, אַז דאָס מאָל זאָל עס ווערן די פאָדערונג פון די אידן פון דער גאַנצער וועלט, די אנערקענונג פון דעם אידישן פאָלק אין יעדן לאַנד וואו זיי זיינען איצט אַ מינאָריטעט, די אויטאָנאָמע רעכט פון אונזער שפּראַך, קינדער־שולן און קולטור דעמאָקראַטישע, פּראָגרעסיווע אידישע קהילות

פאַר אידישע נאַציאָנאַלע אינטערעסן — דאָס איז די נשמה פון די פאָדע־רונגען פון נאַציאָנאַלע רעכט. מיר ווילן זיי אויך אין קאַנאַדע. מיר ווערן פאַרלאַנגען, אַז די הילפס אַרבעט זאָל ניט זיין קיין צדקה אָדער פילאַנטראָ־פיע זאַך, נאָר עס זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ נאַציאָנאַלער זעלבסטהילף אַרבעט פאַר דער איבערבויאונג פון די אידישע היימען, פאַר דער פאַר־שענערונג און פאַרבעסערונג פונם אידישן לעבן. די הילפס אַרבעט איז אַ פליכטס אַרבעט, די אָנשטרענגונגען פון די געזונטע טיילן פון פאָלק צו העלפן זיינע אָפּגעשוואַכטע און קראַנקע גלידער. מיר ווילן אָנווענדן דעם זעלבן פרינציפּ אין דער הילפס אַרבעט פאַר די אימיגראַנטן. מיר ווילן, אַז מען זאָל זיי ניט פאַרוואַנדלען מיט גוואַלד אין סקעבס און סתם באַהאַנד־לען זיי ווי שנאָרערס, מיט פאַראַכטונג און שפּאָט. ברידערלעך און סאָלי־דאַריש, ניט פון אויבן אַראָפּ, דאַרף מען זיך באַציען צו די אימיגראַנטן. מיר זיינען פאַר אַן אַלוועלטלעכן אידישן קאָנגרעס, וואָס זאָל קאָנען מיט רעכט רעדן אין נאָמען פון די אידן פון דער גאַנצער וועלט, און מיר זיינען פאַר אַ פּערמאַנענטן קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס, ביז דער צייט, ווען דער ערשטער אידישער וועלט קאָנגרעס וועט זיך צוזאַמענקלויבן. דאָס איז אונ־זער פּראָגראַם. אזוי וועלן מיר האַנדלען ביי דעם קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס און כדי צו העלפן דורכצופירן אַלע אונזערע פאָדערונגען בנוגע די אידן און אַלע פעלקער, וועלן מיר אַלס אידישע סאָציאַליסטן פאָרשלאָגן, אַז דער קאַנאַדער אידישער קאָנגרעס זאָל פאַרברענגען אַלע זיינע רעזאָלוציעס צו דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס, דעם טריבונאַל פון גע־רעכטיקייט פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט.

„אונזער פּראָגראַם איז קאָנסטרוקטיוו, איז אידיש, פּראָגרעסיוו, נאַציאָ־נאַל. מיר רופן אַלע אידישע מענער און פרויען פון מאָנטרעאַל צו שטימען פאַר אונז. ווען איר שטימט פאַר אונז, שטימט איר פאַר די דעמאָקראַטישע, נאַציאָנאַלע צילן פון אייערע אינטערעסן. פאַר די אינטערעסן פון דעם גאַנצן אידישן פאָלק, פאַר זיין אויפלעבונג און באַפרייאונג. העלפט דער פאַראיי־ניקטער אַקציע פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט! שטימט פאַר די סאָציאָ־ליסטיש־נאַציאָנאַלע קאַנדידאַטן!״

מיט קליינע ענדערונגען איז די מאָנטרעאַלער פּלאַטפאָרמע אויך געווען די פּלאַטפאָרמע אויף וועלכער אַלע סאָציאַליסטן נאַציאָנאַליסטן פון גאַנץ קאַנאַדע האָבן געזוכט דערוויילט צו ווערן. אין וויניפּעג און טאָראָנטאָ איז אויך געווען אַ סאָציאַליסטיש־נאַציאָנאַלער בלאָק. דער סעקרעטאַר פון דעם בלאָק אין טאָראָנטאָ איז געווען מאַקס מענסאָן. די חברים פון טאָראָנטאָ און וויניפּעג זיינען אָבער ניט געווען געבונדן מיט אַן אָפּמאַך מיט די גע־נאָסן וועגן דער פּערמאַנענץ פון קאָנגרעס. ווען דער טאָג פון די וואַלן איז געקומען זיינען גרויסע צאָלן מענער און פרויען געקומען אָפּגעבן זייערע שטימען. ס׳זיינען געווען אַלגעמיינע, גלייכע געהיימע און דירעקטע וואַלן.

אין מאָנטרעאַל האָבן געשטימט 7182, אין טאָראָנטאָ 6741, אין וויניפּעג 3481, אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך 7462, צוזאַמען זיינען אָפּגעגעבן

געוואָרן 24,866 שטימען. אין וויניפּעג און אין אַנדערע פּונקטן פון מערב קאַנאַדע, איז געווען אַ גרויסער פּראָטעסט אין דעם טאָג פון די וואַלן און ס'איז דאָרט געווען באמת אַן אָנשטרענגונג אנטיילצונעמען אין דער אָפּשטימונג. אין מאָנטרעאַל זיינען, פון אַ סך הכל פון 72 דעלעגאַטן, דערוויילט געוואָרן פון דעם אַרבעטער בלאָק 9 סאָציאַל דעמאָקראַטן, 7 אומפּאַרטייאישע טרייד יוניאָניסטן און פאַרשטייער פון פּראָגרעסיווע פאַראיינען און 16 פּועלי ציון. צווישן די סאָציאַל דעמאָקראַטן זיינען געווען: פּריינט ה. הערשמאַן, ה. באַרסקי און געגנאָסן יוסף שובערט, ס. זיידעל, ב. רישיקאָף. צווישן די דער־וויילטע דעלעגאַטן, וואָס זיינען נאָמינירט געוואָרן פון פּראָגרעסיווע פאַראיי־נען זיינען געווען די חברים: שלמה וויסמאַן און לואי בענדזשאַמין און דער אומפּאַרטייאישער טרייד יוניאָניסט ה. סאָפּאָלסקי. די דערוויילטע פּועלי ציון, וואָס זיינען נאָמינירט געוואָרן פון דער פּאַרטיי, פּאַרבאַנד, טרייד יוניאָנס און אַנדערע פריינטלעכע אָדער פּאַרבינדעטע אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען: ל. צוקער, נ. חפץ, ש. בעלקין, ה. נאַוואק, ח. מ. קייזערמאַן, מ. דיקשטיין, זעליג וואָלאָפּסקי, וו. כייטמאַן, מרים מעלצער, סאָניע וועסטערמאַן, ל. מעל־צער, פּרענק ווייט, ישראל ראַבינאָוויטש, א. פּרנס, ש. שניידער און יהודה קויפמאַן. די פּועלי ציון קאַנדידאַטן האָבן געהאַט די גרעסטע צאָל שטימען. צוליב דעם, ווייזט אויס, זיינען ניט פאַרבליבן די לאָקאַלע צייטונגען מיט די וואַל באַריכטן... ס'זיינען אויך ניט געבליבן די וואַל־באַריכטן אין דעם קאָנגרעס אַרכיוו.

אין וויניפּעג זיינען געווען צען קאַנדידאַטן נאָמינירט פון די פּועלי ציון. 7 זיינען דערוויילט געוואָרן: י. א. טשערניאַק מיט 1902 שטימען, י. העסטרין 1333, מאַרקוס היימאַן 1424, ב. מילער 1088, מ. אווערבוך 1440, ב. שעפּס 1753, ס. גרין 1297[339]). פון וויניפּעג זיינען געקומען אַ סך הכל פון 20 דעלעגאַטן.

אין טאָראָנטאָ זיינען פון 40 דעלעגאַטן דערוויילט געוואָרן 12 פּאַרטיי און פּאַרבאַנד חברים: מ. גאָלדסטיק מיט 2576 שטימען, א. ריינווין 2421, ה. מ. קירשענבוים 2239, ל. ראָזענבערג 2237, ל. באַגראַד 2072, מ. אַרגאַ־ניק 1990, מ. מענסאַן 1844, פייגל קאַלאַדאָווסקי 1770, בן ציון היימאַן 1627, דזשיי. בראַדי 1062, י. הערמאַן 1506, מיני שאַפּירא סאָלאָווי 1476. אויסער זיי זיינען דערוויילט געוואָרן 6 אַנדערע סאָציאַליסטיש נאַציאָנאַלע דעלעגאַטן, צווישן זיי חנן דוואָרקין, י. מאַטענקאַ, א. בראַמבערג און דער טרייד יוניאָן פירער ש. קאַלדאָווסקי[340]).

פון איניקע קלענערע שטעט זיינען אויך געקומען דעלעגאַטן, וואָס זיינען געווען נאָענט צו דער באַוועגונג אָדער זיינען טאַקע געווען חברים פון דער באַוועגונג: פון לאָנדאָן, אָנטעריאָ — (דר) י. גאָלדסטיק, בוירטש־הילס — מ. א. גרעי, סאַסקאַטון — מ. זעלטשענקאַ, הירש — ס. לישינסקי. דער אַרבעטער בלאָק האָט געהאַט צוזאַמען אַרום 65 דעלעגאַטן פון אַ סך הכל פון 209 דעלעגאַטן.

די באַוועגונג האָט געפאָדערט, אַז ראובן ברײנין, דר. חיים זשיטלאָווסקי און יהודה קויפמאַן זאָלן ספּעציעל אײנגעלאַדן ווערן צום קאָנגרעס אַלס ערן־געסט, און זײער אָנוועזנהײט האָט פיל צוגעגעבן צו דעם אויסזען, פאַר־האַנדלונגען און באַשלוסן פון דעם קאָנגרעס. אויסער דעם איז יהודה קויפ־מאַן אויך דערווײלט געוואָרן אַלס דעלעגאַט.

די באַוועגונג איז געווען זײער קעמפעריש געשטימט ערב דעם צוזאַמענ־פאַר פון דעם קאָנגרעס. די דאָזיקע שטימונג איז אויסגעדריקט געוואָרן אין דעם לײט אַרטיקל פון דעם „אידישן קעמפער פון 14טן מערץ, 1919, — דעם ספּעציעלן קאָנגרעס נומער, וואָס די מאַנטרעאַלער חברים האָבן אַרויס־געגעבן לכבוד דעם קאָנגרעס.

דער פּאַרטײ אָרגאַן האָט גערופן צו די קאַנאַדער אידן: „האָט מוט, האָט ניט קײן מורא, הערט זיך ניט צו צו די אַסימיליאַטאָרן, די פּחדנים, די מה יפה׳ניקעס... פאָלגט אײערע הערצער... גײט נאָך אײער בטחון״. „לאָזט ניט די יאַהודים, די אַריסטאָקראַטן, די פײנע בריות, די ציוניסטישע קאַרפּן־קעפּ, פירן די גרענדע... אײער וויכטיקסטע פאָדערונג אַלס אידן פון קאַנאַדער דאָמיניאָן, איז נאַציאָנאַלע רעכט. איר קענט עס קריגן, איר מוזט עס קריגן... איר געפינט זיך, וואו נאַציאָנאַלע רעכט פאַר פּראָנצויזן איז שוין אַ פאַקט און בלויז איר, אַ דאַנק אײערע ציטערנדיקע קני, זײט פאַרטײלט״... „דערווײלנדיק אײער עקזעקוטיווע יאָגט זיך ניט נאָך קלײנ־געגנדיקע נעמען... קלויבט אויס באַשײדענע, אָבער ערלעכע, ראַיעלע, פאָלקסטימלעכע מענטשן... וועלכע וועלן הײליק האַלטן דעם ווילן פון זײערע ווײלער, פון זײער פאָלק... לערנט פון אונזער ביטערער דערפאַרונג״.

ביי די זיצונגען פון דעם קאָנגרעס

ביי דער דערעפענונג פון דעם קאָנגרעס, דעם 16טן מערץ, 1919, האָט אַ קינדער כאָר פון דער פאָלקס שולע געזונגען „בואכם לשלום״ [341]. מ. גאָלד־סטיק פון טאָראָנטאָ איז דערווײלט געוואָרן וויצע פּאָרזיצער פון קאָנגרעס און פּרײנט ה. הערשמאַן, אידישער סעקרעטאַר. אַ באַדײטנדיקע צאָל חברים זײנען דערווײלט געוואָרן אין פאַרשידענע קאָמיטעטן פונם קאָנגרעס: אין דעם נאָמינאַציע קאָמיטעט — צוקער און טשערניאַק; אין דעם רעזאָלוציע קאָמיטעט פאַר ספּעציעלע פראַגן — מאַרקוס הײמאַן; אין דער קאָמיסיע וועגן ארץ ישראל — יהודה קויפמאַן; אין דעם קאָמיטעט פאַר רעכט אין די גלות לענדער — בעלקין און רײנוויין; אין רעליף קאָמיטעט — העסטרין און שעפּס; אין דער קאָמיסיע איבער דער פּערמאַנענץ פון קאָנגרעס — ח. מ. קײזערמאַן און י. מאַטענקאָ; אין דעם אַלגעמײנעם רעזאָלוציעס קאָ־מיטעט — ה. נאָוואַק. י. העסטרין האָט גלײענט אַ רעפעראַט וועגן הילף פאַר די מלחמה קרבנות און דער נויטווענדיקײט פון קאָנסטרוקטיווער הילפס אַרבעט.

דעם רעפעראַט וועגן נאַציאָנאַלע רעכט אין אַלגעמײן האָט געלײענט דער דאַמאָלסטדיקער זײער פּראָגרעסיווער ציוניסט א. ב. בענעט. ער האָט

אַנגעוויזן, אַז נאַציאָנאַלע רעכט איז די העכסטע פאָרם פון פערסאָנעלער פרייהייט און דעמאָקראַטיע און ער האָט אַפּעלירט צום קאָנגרעס, אַז ער זאָל אויפנעמען די פראַגע אין איר פולער נאַציאָנאַלער באַדייטונג פאַר דעם אידישן פאָלק. נאָך דעם רעפעראַט האָט דער שרייבער פון די שורות געלייענט אַ רעפעראַט וועגן נאַציאָנאַלע רעכט אין קאַנאַדע. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין די געשיכטע פון קאנאדער אידן ווען אַ פערטרעטער פון די פועלי ציון איז אַרויסגעקומען עפנטלעך מיט דער פאָדערונג, אַז די אידן זאָלן אנערקענט ווערן אַלס נאַציאָנאַלע מינאָריטעט און זיי זאָלן האָבן די זעלבע נאַציאָנאַלע רעכט, וואָס אַנדערע מינאָריטעטן האָבן אין דעם לאַנד.

דער רעפערענט האָט אָנגעוויזן, אַז קאַנאַדע איז אַ נאַציאָנאַליטעטן שטאַט, וויניקסטנס אַ שטאַט, וואו עס עקזיסטירן צוויי אנערקענטע נאַציאָנאַלע גרופּן. דער רעפערענט האָט אויך אָנגעוויזן, אַז אין אייניקע פּראָווינצן, יעדנפאַלס אין דער פּראָווינץ קוויבעק, קאָנען די אידן שוין צוטרעטן צו דער באַשאַפונג פון אַן אייגן שול־סיסטעם, וואָס זאָל זיין אנערקענט פון דער רעגירונג. ער האָט אויסגעדריקט די האָפנונג, אַז די אידישע קולטורעלע אויטאָנאָמיע וועט אזוי אַרום אויפגעבויט ווערן אין לאַנד, אַז דער קאָנגרעס וועט זיכער האָבן מוט צו האַנדלען אין דער שול פראַגע און האָט אַפּעלירט, אַז די רעזאָלוציע פון די פועלי ציון וועגן באַלדיקע סעפּעראַטע שולן זאָל אָנגענומען ווערן.

די אָפּשטימונג פון די וויכטיקסטע רעזאָלוציעס איז געווען, אין אַלגעמיין, זייער צופרידנשטעלנדיק פאַר דער באַוועגונג. די רעזאָלוציע וועגן ארץ ישראל אַלס אידישע נאַציאָנאַלע היים איז אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק. בלויז צוויי סאָציאַל דעמאָקראַטן, שובערט און אלמאזאוו, האָבן זיך צוריקגעהאַלטן פון שטימען. אַלע אַנדערע גענאָסן האָבן געשטימט פאַר דער רעזאָלוציע. ס׳איז אויך איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן, אַז „פּאַלעסטינע זאָל געפירט ווערן אויף די פּרינציפּן פון סאָציאַלער גערעכטיקייט און אויף די פאָרגעשריטנסטע אַרבעטער געזעצן״. אַ רעזאָלוציע, אַז די ערד און אַלע רעזורסן אין דער צוקונפטיקער אידישער נאַציאָנאַלער היים, אַלע אייזנבאַנען און „פּאָבליק יוטיליטיס״ זאָלן באַלאַנגען צום שטאַט, — און אַז אַלע זומפּן זאָלן אויסגעטריקנט ווערן פון דער מלוכה — איז אָנגענומען געוואָרן מיט אַ גרויסער מאַיאָריטעט, נאָכדעם ווי דר. זשיטלאָווסקי און יהודה קויפמאַן האָבן זי מייסטערהאַפט פאַרטיידיקט. די רעזאָלוציע האָט זיך אויך אַרויסגעזאָגט פאַר נאַציאָנאַלע רעכט פאַר די אַראַבער אין דער אידישער „קאָמאָנוועלט״. יהודה קויפמאַן האָט אויך אויסגעפירט ביי דעם קאָנגרעס, אַז די גרעניצן זאָלן ניט זיין פון דן ביז באר שבע, נאָר, אַז „אַ פאַרגרעסערטע פּאַלעסטינע זאָל אונז געגעבן ווערן״... אַ פאָרשלאָג פון וו. כייטמאַן, אַז ס׳זאָל געגעבן ווערן אַ מעגלעכקייט די לעגיאָנערן זיך צו באַזעצן אין ארץ ישראל, איז אויך אָנגענומען געוואָרן. חבר מ. אווערבוכס פאָרשלאָג, אַז אַ באַריכט פון דער קאָנגרעס סעסיע זאָל אויך געדרוקט ווערן אין העברעאיש, איז אויך גוטגעהייסן געוואָרן.

ווען די רעזאָלוציע וועגן דער פּערמאַנענץ פון קאָנגרעס איז געשטימט געוואָרן האָבן די מאָנטרעאַלער חברים זיך געדאַרפט צוריקהאַלטן פון דער אָפּשטימונג, ווייל זיי זיינען, אין דער פראַגע, געווען געבונדן דורך זייער אָפּמאַך מיט די סאָציאַל דעמאָקראַטן. אזוי ווי די חברים פון טאָראָנטאָ און וויניפּעג זיינען געווען פריי צו שטימען פאַר דער רעזאָלוציע, איז די רעזאָ־לוציע דורכגעגאַנגען. ס'איז אויך אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע וועגן פרייער איינוואַנדערונג אין קאַנאַדע.

דער פאָרשלאַג איבערצושיקן די רעזאָלוציעס צו דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל איז דורכגעפאַלן, ניט קוקנדיק אויף י. א. טשערניאקס און גענאָסע י. שובערטס גלענצנדיקע רעדעס.

די קאַנאַדער רעזאָלוציע וועגן נאַציאָנאַלע רעכט איז שטאַרקער ווי די רעזאָלוציעס פון דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס. די קאַנאַדער רעזאָ־לוציע דערמאָנט קלאָר, אַז אידן זיינען אַ נאַציאָנאַלע איינהייט; פאָדערט, אַז אידן זאָלן אַריינגענומען ווערן אין דער פעלקער ליגע און אַז נאַציאָנאַלע רעכט זאָלן געגעבן ווערן צו אידן, וואו אַזעלכע נאַציאָנאַלע רעכט ווערן געגעבן צו אַנדערע נאַציאָנאַלע גרופּן. אַ מינאָריטעט באַריכט, אַז דער פּרינ־ציפּ פון נאַציאָנאַלע רעכט זאָל אָנגעווענדט ווערן אין אַלע לענדער, וואו אידן זיינען פאַראַן, איז צוריקגעוויזן געוואָרן.

ס'איז דאַן אַריינגעבראַכט געוואָרן די רעזאָלוציע וועגן קאַנאַדע: ער־שטנס, אַז דער קאָנגרעס זאָל אָרגאַניזירן די אידן פון קאַנאַדע פאַר זייערע נאַציאָנאַלע, קולטורעלע, נאַציאָנאַל עקאָנאָמישע און רעליגיעזע אינטערעסן; צווייטנס, דער קאָנגרעס זאָל צוטרעטן צו דער שאַפונג פון באַזונדערע אי־דישע שול סיסטעמען אין קאַנאַדע, וואו נאָר מעגלעך. צוליב טאַקטישע מאָ־טיוון האָט מען זיך פאַרשטענדיקט, אַז דער ציוניסט ל. פיטש, זאָל אַריינ־ברענגען די דאָזיקע רעזאָלוציע. דער שרייבער פון די שורות האָט געוואָלט אַריינברענגען אַלס צוגאָב אַ פאָדערונג, אַז אונזער שפּראַך זאָל אנערקענט ווערן אַלס אַן אָפיציעלע שפּראַך פון לאַנד און אַז די קאַנאַדער אידן זאָלן האָבן דאָס רעכט פון זעלבסט טאַקסירונג. ס'איז צוזאַמענגערופן געוואָרן אַ באַראַטונג פון חברים צוזאַמען מיט דר. זשיטלאָווסקי און יהודה קויפמאַן. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן דערווייל די פראַגע ניט אויפצוהויבן „ווייל אַ פּערמאַנענטער קאָנגרעס וועט סיי ווי סיי צו דעם פירן"... „דערווייל דאַרף מען זיך באַנוגענען מיט די ערשטע שריט צו קולטור אויטאָנאָמיע"...

דער פאָרזיצער פון דעם קאָנגרעס, לייאָן קאהען, און אייניקע אַנדערע, האָבן גערעדט קעגן דעם פאָרשלאַג פון באַזונדערע שול סיסטעמען. אפילו צווישן די מזרחים האָט זיך באַמערקט אַ קאַלטקייט צו דער פראַגע. מ'האָט אָנגעהויבן מאַנעווורירן פאַר אַ שנעלער אָפּשטימונג. משה דיקשטיין און מרים מעלצער האָבן אָבער ניט דערלאָזט, אַז ס'זאָל קומען צו אַ שנעלער אָפּשטימונג און יהודה קויפמאַן האָט באַקומען דאָס וואָרט. ער האָט ממש אויפגעשטורמט דעם קאָנגרעס און האָט אַפּעלירט אויפצוװעקן דעם אידישן גייסט און צו באַשאַפן אַ נייעם צענטער פון אידישער קולטור און וויסן אין

קאַנאַדע. ווען ער האָט געענדיקט האָט ער געקראָגן אַ גרויסע אָוואַציע. די רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרן. די וואָס זיינען געווען קעגן, האָבן אינ־גאַנצן ניט געשטימט. ביי די חברים איז געווען דער געפיל, אַז זיי האָבן גע־וואונען די גרעסטע שלאַכט.

די נאָמינאַציע קאָמיסיע האָט באַריכטעט די נעמען פון 36 מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע. אויסער מ. גאָלדסטיק, וואָס איז דערוויילט געוואָרן אַלס איינער פון די וויצע פרעזידענטן און ה. מ. קייזערמאַן, וואָס איז דער־וויילט געוואָרן אַלס גענעראַל סעקרעטאַר, זיינען אַריין אין דער עקזעקו־טיווע די חברים: ל. צוקער, ש. בעלקין, ב. שעפס, י. א. טשערניאַק, מ. א. גרעי, מ. זעלטשענקא (זעלטשען), אברהם ריינוויך. אויסערדעם זיינען דער־וויילט געוואָרן דריי אַלגעמיינע סאָציאַליסטן פון דעם אַרבעטער בלאָק. צוזאַמען מיט אַ צאָל פריינט זיינען די סאָציאַליסטיש נאַציאָנאַלע פאָרשטייער פאַרבליבן אַ דאָמינירנדיקער כוח אין דער עקזעקוטיווע.

אַ רירנדיקער מאָמענט איז געווען ווען די מערב קאַנאַדער דעלעגאַציע האָט געמאָלדן, אַז זיי שרייבן איין חבר קייזערמאַן אין דעם גאָלדענעם בוך פון קרן קימת פאַר זיין אַרבעט לטובת דעם קאָנגרעס. בריינין, זשיטלאָווסקי און קויפמאַן האָבן דאַן געהאַלטן די שלוס רעדעס.

„דער קאָנגרעס האָט זיך דערהויבן צו דער העכסטער אידישער און מענטשלעכער שטופע", האָט געזאָגט בריינין.

„דער קאָנגרעס איז געווען דער ערשטער אידישער נאַציאָנאַלער קאָנ־גרעס אין דער וועלט", האָט געזאָגט זשיטלאָווסקי.

„די אידן פון דער גאַנצער וועלט וועלן פון אונז האָבן וואָס צו לערנען", האָט אויסגערופן קויפמאַן ווען ער האָט מיט זיין שלוס רעדע עלעקטריזירט די דעלעגאַטן און געסט.

דער קאַנאַדער אידישער קאָנגרעס איז באמת געווען אַ גרויסע איבער־לעבונג פאַר אַלע, וואָס האָבן זיך אין אים באַטייליקט. דער ערשטער קאַ־נאַדער אידישער קאָנגרעס האָט געהאָלפן אויספורעמען און באַפעסטיקן דעם נייעם אידישן ישוב אין דעם נייעם לאַנד. מיט דעם קאַנאַדער אידישן קאָנ־גרעס האָט זיך אָפּגעשלאָסן אַ וויכטיקע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון די אידן אין קאַנאַדע.

16.

אויפבוי און אַנטוויקלונג פון די מאָדערנע אידישע שולן

ערשטע נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שול אין קאַנאַדע

אין זיינע זכרונות וועגן דעם אָנהויב פון די אידישע שולן אין קאַנאַדע, שרייבט ה. נאָוואָק: „איך וויל דאָ פאַרריכטן דעם טעות, וועלכן אַ סך פון די, וואָס שרייבן וועגן דער געשיכטע פון די אידישע שולן אין אַמעריקע,

באַטאָנען, אַז די מאָנטרעאַלער פּרץ שול איז געגרינדעט געוואָרן ווי אַ אי־דישיסטישע, מחמת זי איז אָנגעפירט געוואָרן פון די ס. ט. — עס איז ניט אַזוי" [342]. למען האמת וועלן מיר מוזן אַריינלאָזן זיך אין איינצלהייטן, כדי צו פאַרריכטן אויך אַנדערע טעותן, כדי פעסטצושטעלן, ווי ווייט מעגלעך, די ראָלע פון דער באַוועגונג אין דער גרינדונג פון די ערשטע קאַנאַדער שולן, די דאַטעס פון זייער גרינדונג און זייער אַלגעמיינע ווירקונג אויף דער אַנטוויקלונג פון דעם אידישן שול־וועזן אין קאַנאַדע און אין די פאַר־איייניקטע שטאַטן.

דער הויפּט טעות אָדער אומפּינקטלעכקייט פון די זייער חשובע און פאַרדינסטפולע זכרונות־שרייבער אין דעם פּרץ שול בוך (אַרויסגעגעבן צו דעם 25 יאָריקן יובילײ פון דער מאָנטרעאַלער פּרץ שול, אין 1938) איז, אַז די ערשטע מאָנטרעאַלער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שולן זיינען געגרינדעט געוואָרן פון יחידים.

די דאָזיקע פאַרגרייזונג האָט, ווייזט אויס, געפירט צו דעם, אַז ש. ניגער זאָל שרייבן: „אין 1911 איז לויט דער איניציאַטיווע פון ה. נאָוואַק און אנדערע, געגרינדעט געוואָרן די ערשטע נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שול אין קאַנאַדע — די מייל ענדער שול פון מאָנטרעאַל" [343]. ווער זיינען געווען די „אַנדערע"? האָט טאַקע אַן 18 יאָריקער בחורל געקאָנט נעמען די איניציאַ־טיווע (ה. נאָוואַק איז דאַן אַלט געווען בלויז 18 יאָר) צו גרינדן אַן אינסטי־טוציע? ... ה. נאָוואַק אַליין שרייבט וועגן דער ערשטער מייל־ענד שול: „מסתמא געדענקען נאָך די עלטערע חברים, ווי גלייך נאָך דער פּועלי ציון קאָנווענשאָן אין 1910, האָבן מיר — אויף דער ווענדונג און איניציאַטיווע פון אַן אַלטן פרומען שניידער, אַ מיילענדער איינוואוינער, געגרינדעט אַ אידישע שול אין מייל ענד, אין קעלער פון דער אָרטיקער פּועלי צדק שול. דער לערער איז געווען אַן אמאָליקער פּועלי ציון חבר, י. ציפּערשטיין חבר ש. שניאור איז אפילו באַשטימט געוואָרן פאַר פּרינציפּאַל, ואני הקטן, בין געווען דער סעקרעטאַר" [344]. קומט גאָר אויס, אַז די איניציאַטיווע איז געקומען פון אַן אַלטן פרומען שניידער.

אַזוי ווי אין דער פּראָווינץ קוויבעק זיינען די אַלגעמיינע שולן אונטער דער פאַוואַלטונג פון די קאַטאָליקן אָדער פּראָטעסטאַנטן, וועלכע האָבן אויפגעבויט צוויי באַזונדערע שול־סיסטעמען, אין וועלכע ס'ווערט אויך געלערנט די קריסטלעכע רעליגיע, האָט די פראַגע פון שולן פאַר אידישע קינדער אָנגעהויבן צו אינטערעסירן די אידישע איינוואוינער פון מאָנט־רעאַל פון פאַרשידענע קרייזן, פריער ווי אין אַנדערע שטעט. דערפאַר אפשר האָט דער באַשלוס פון דער פינפטער פּועלי ציון קאָנווענשאָן צו גרינדן אידישע שולן געמאַכט אַ באַזונדערן איינדרוק אין מאָנטרעאַל און ס'זיינען געווען אויך יחידים, וואָס האָבן, ווען די צייט איז געקומען, צוגעלייגט אַ האַנט און געהאָלפן אין דער שולן אַרבעט.

דער באַשלוס פון דער קאָנווענשאָן האָט זיכער געווירקט, אַז די מאָנ־טרעאַלער פאַרטיי חברים זאָלן פילן, אַז זיי דאַרפן זיין די ערשטע אָנצוהויבן

עפּעס צו טאָן פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון דער דאָזיקער רעזאָלוציע. מיט אומגעפער צוויי וואָכן שפּעטער נאָך דער קאָנווענשאָן, איז דערשינען, אויף דער ערשטער זייט פון דער לאָקאַלער צייטונג, די פאָלגנדיקע ידיעה: „די היגע פועלי ציוניסטן גייען גרינדן אַ שולע, וואָס וועט זיין די ערשטע אידישע ראַדיקאַלע שולע אין מאָנטרעאַל. זי וועט באַשטיין פון צוויי קלאַסן און אַריינגעמען 33 קינדער. די שולע וועט זיין אין מייל־ענד. עס איז שוין דערוויילט געוואָרן אַ סקול באארד און רומס זיינען געדונגען געוואָרן. נעקסטן דינסטיק אָוונט וועט די סקול באארד פון דער נייער שולע האָבן איר ערשטן מיטינג״ [345].

ס׳איז גאַנץ מעגלעך, אַז אַ מר. עלמאַן אָדער האַלמאַן — אַן איינוואוינער פון מייל־ענד — אַ פאַרשטאַט פון מאָנטרעאַל — איז געקומען צו די פועלי ציון גלייך, נאָך דער קאָנווענשאָן, מיט אַ פאָרשלאָג, אַז זיי זאָלן דאָרט גרינדן די ערשטע שוהל. ס׳איז אויך מעגלעך, אַז די ווענדונג אָדער פאָרשלאָג וועגן דער שול איז געקומען פון אים אָדער עמיצן אַנדערש, אַלס פאַרשטייער פון דעם „פועלי צדק״ פאַראיין, וואָס האָט זיך אַרום יענער צייט געגרינדעט אין מייל־ענד. ס׳איז אָבער אויך מעגלעך, אַז דער מאָנטרעאַלער פועלי ציון פאַראיין, אויסהערנדיק דעם קאָנווענשאָן באַריכט פון זייערע דעלעגאַטן, מ. ל. זאַק און י. פּרוזשאַנסקי, — ש. שניאור איז אויך געווען אַ דעלעגאַט, ער האָט, ווייזט אויס, געהאַט אַ מאַנדאַט פון אַן אַנדער שטאָט, — האָט אַליין באַשלאָסן צו מאַכן אַן עקספּערימענט און גרינדן אַ שול אין דעם מייל־ענד געגנט, וואו ס׳האָט זיך באַזעצט אַ היפּשע אידישע באַפעלקערונג. דאָרט איז נאָך דאַן אפילו ניט געווען קיין שול צום דאַווענען און אוודאי ניט קיין אידישע לער־אַנשטאַלטן. ליידער געדענקען די עלטערע מאָנטרעאַלער חברים כמעט גאָרניט וועגן דער מייל־ענד שול. אגב, דער „פועלי צדק״ פאַראיין האָט ערשט אין 1913 אויפגעבויט אַ שול און אַ תלמוד תורה אין מייל־ענד [346]. ס׳וועט זיין אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז אַרום יענער צייט (אין נאָוועמבער, 1910), איז דערשינען אַן אַרטיקל אין „קענעדער אָדלער״ פון א. ה. רובינשטיין פון מאָנטרעאַל. ער האָט דערמאָנט די שול רעזאָלוציע פון דער פועלי ציון קאָנווענשאָן און האָט פאָרגעשלאָגן צו גרינדן „דענאָמינייישיאָנאַל סקולס״, וואו מ׳לערנט אַלע לימודים, לויט דער רעגירונגס פּראָגראַם ווי אויך די אייגענע רעליגיעזע לימודים. מ׳האָט אַ רעכט אויך פאַר צוגאָב לימודים נאָך די געוויינלעכע שעהן. ער האָט געשריבן: „אַזעלכע סקולס עקזיסטירן אין ענגלאַנד, ווערן אויסגעהאַלטן פון דער שטאָט פאַרוואַלטונג און האָבן דעם בעסטן דערפאָלג״ [347]. דאָס זיינען ניט קיין „פּאַראָקיאַל סקולס״, אָדער טאָג־שולן, ווי מיר פאַרשטייען עס.

דער באַשלוס פון דעם מאָנטרעאַלער פאַראיין צו גרינדן די שול אין מייל־ענד, האָט באַוואויגן דעם „קענעדער אָדלער״ אַרויסצוקומען מיט אַ לייט אַרטיקל, קריטיקירנדיק די פועלי ציון, וועלכע „גייען גרינדן אַ שולע, וואָס וועט זיין די ערשטע ראַדיקאַלע שול אין מאָנטרעאַל״ און האָט זיך אַרויסגעזאָגט, אַז „אַ שול פאַר קינדער קאָן ניט זיין ראַדיקאַל, קאָנסערוואַטיוו, לי־

בעראַל אָדער סאָציאַליסטיש"[348]). אַן ענלעכער לייט אַרטיקל איז דערשינען אין „קענעדער אָדלער" מיט אַ טאָג שפּעטער. אַ לעזער פון דער צייטונג, וואָס איז, ווייזט אויס, אויך געווען אַ קעגנער פון דעם פּועלי ציון באַשלוס, האָט אַריינגעשיקט אַ בריוו אין רעדאַקציע און האָט פאָרגעשלאָגן: „זאָל די קאָמיטע פּרינטן צעטלען און זאָל עס געגעבן ווערן די קינדער אָדער באַזוכער, — און די עלטערן פון די קינדער אָדער די באַזוכער זאָלן ענט־פערן, צי ווילן זיי העברעאיש, צי זשאַרגאָן, צי קאַרל מאַרקס א. א. וו. און דאַן זאָלט איר פאַרמירן קלאַסן" [349]).

מער ווי אַ חודש נאָך דעם, זיינען אין דער לאָקאַלער צייטונג ניט געווען קיין ידיעות וועגן דער מיילענדער שול. דעם 22טן יאַנואַר איז דערשינען אַ ידיעה אין „קענעדער אָדלער": „היינט 7 אַזייגער אָוונט, וועט פאָרקומען די אָפיציעלע דערעפענונג פון דער אידישער שול אין מיילענד, די דערעפע־נונג וועט זיין מיט מוזיק. די פאָלגנדע וועלן אַדרעסירן: מר. שניאור, צי־פערשטיין, מ. ל. זאַק, רובינשטיין און אַנדערע. איינטריט פריי. די וואָס ווילן זיין אַנוועזנד זאָלן נעמען דעם סט. לאָרענס קאַר, סטאָפּן נעבן סי. פּי. אַר. טרעקס. דאָרט וועט זיי דערוואַרטן אַ קאָמיטע און אָפּפירן צום פּלאַץ".

מיט עטלעכע טעג שפּעטער געפינען מיר אין דער לאָקאַלער צייטונג די פאָלגנדיקע באַשרייבונג פון דער אָפיציעלער דערעפענונג פון דער מייל־ענדער שול: „די דערעפענונג פון דער ערשטער פּועלי ציון ראַדיקאַלער נאַציאָנאַלער שולע אין מיילענד איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג. ש. שניאור, דער פאָרזיצער פון דער סקול באארד, האָט דערעפנט דעם אָוונט און פאָר־געשטעלט מר. י. שקלאָווער אַלס פאָרזיצער פון דעם אָוונט, וועלכער האָט, נאָכדעם ווי די מוזיק האָט געענדיקט שפּילן „התקוה", דערקלערט די אויפ־גאַבן פון דער שולע. זייער געלונגענע וואַרימע רעדעס זיינען געהאַלטן גע־וואָרן פון מר. ציפּערשטיין, א. רובינשטיין, ל. עלשטיין, ש. שניאור און מר. האלמאַן פון די „פּועלי צדק". אַן אַפּיל איז געמאַכט געוואָרן פאַר דער שולע, וועלכער האָט אַריינגעבראַכט 41 דאָלער. אונטער די טענער פון „התקוה" און די „שבועה" איז מיט גרויס באַגייסטערונג דער אָוונט געשלאָסן גע־וואָרן" [350]). מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז געמאָלדן געוואָרן אין „קענע־דער אָדלער", אַז די געזאַמלטע סומע איז געווען $42.70.

פון דעם דאָזיקן באַריכט איז קלאָר, אַז די שול האָבן געגרינדעט די פּועלי ציון און ניט יחידים. אויסער מר האלמאַן, אָדער עלמאַן, פון דעם „פּועלי צדק" פאַראיין, זיינען איינגעלאַדן געוואָרן אַלס רעדנער א. רובינ־שטיין, וועמענס אַרטיקל מיר האָבן פריער דערמאָנט און וועלכער איז געווען פריינטלעך צו די פּועלי ציון, און ל. עלשטיין — אַן אַנאַרכיסט, וועלכער האָט אַרויסגעוויזן אַן אינטערעס צו דעם פּועלי ציון באַשלוס צו גרינדן שולן. דאָס איינלאַדן אויך ניט פּועלי ציון אַלס רעדנער צו דעם יום טוב באַווייזט, אַז ביי דעם סאַמע אָנהויב פון דער אַרבעט איז ביי די פּועלי ציון געווען קלאָר, אַז זיי וועלן מוזן אַריינציען אין דער באַוועגונג פאַר די שולן אַלע פריינטלעכע עלעמענטן, ווייל ס'וועט זיין צו שווער פאַר דער פּאַרטיי

צו טראָגן דעם פינאַנציעלן יאָך פון אויסהאַלטן די שולן, און ווייל די אַרבעט פאַר די שולן איז באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ פאָלקס־אַרבעט, אַ נאַציאָנאַלע אַרבעט, און ניט בלויז אַ פּאַרטיי זאַך.

די אָפיציעלע דערעפענונג פון דער מאָנטרעאַלער מיילענדער שול איז געווען דעם 22טן יאַנואַר, 1911. די שול איז אָבער דערעפנט געוואָרן פריער. ש. ניגער אין זיין בוך „אין קאַמף פאַר אַ נייער דערציאונג" ציטירט ל. מעלצערס אַן אַרטיקל (אין „אונזער שול", פעברואַר, 1934, ז' 43), אַז די מיילענדער שול האָט זיך דערעפנט דעם 20טן דעצעמבער, 1910. די על־טערע פאַרטיי חברים, ווי שוין געזאָגט, געדענקען ניט קיין איינצלהייטן אָדער דאַטן. מיר האָבן געהאַט אַ לענגערן שמועס מיט חבר יעקב ציפּער־שטיין (סופערשטיין), וועלכער איז געווען פּרינציפּאַל און לערער פון דער שול. ליידער האָט ער אויך פיל זאַכן פאַרגעסן. אָבער פון דעם שמועס, וועלכן מיר גיבן דאָ באַלד איבער, איז קלאָר, אַז די מיילענדער שול איז ניט דערעפנט געוואָרן פאַר דעם 10טן דעצעמבער, 1910, דעם טאָג ווען ס'איז דערעפנט געוואָרן די ערשטע נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שול אין ניו יאָרק. די מאָנטרעאַלער מיילענדער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שול איז, דערפאַר, ניט די ערשטע שול אויף דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט. זי איז אָבער געווען די ערשטע נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שול אין קאַנאַדע.

יעקב ציפּערשטיין איז, ווי ער געדענקט, אָנגעקומען אין קאַנאַדע אין דעצעמבער, 1910 — אַ פּאָר טעג פאַר ניי יאָר. דאָס איז געווען זיין צווייטער אָנקומען אין קאַנאַדע. צום ערשטן מאָל איז ער אָנגעקומען אין קאַנאַדע אין 1904. אין 1906 איז ער אַריינגעטראָטן אין דעם מאָנטרעאַלער פועלי־ציון פאַראיין. אין 1907 איז ער צוריק אָפּגעפאָרן אין רוסלאַנד. ווען ער איז אָנגעקומען סוף דעצעמבער, 1910, איז ער געקומען צו דעם פאַראיין און איז גלייך איינגעלאַדן געוואָרן צו ווערן דער פּרינציפּאַל און לערער פון דער מיילענד שול. דער פאַקט, וואָס ער דערמאָנט, אַז ער איז אָנגעקומען עטלעכע טעג פאַר ניי יאָר, מאַכט אונז גלויבן, אַז די קלאַסן זיינען דערעפנט געוואָרן אָנהויב יאַנואַר, 1911, אָדער אין די סאַמע לעצטע טעג פון דע־צעמבער, 1910.

וועגן דער אָפיציעלער פייערונג פון דער דערעפענונג פון דער שול דערציילט ער, אַז די חברים האָבן אַזוי געמאַכט, אַז די צייט פון דער דער־עפענונג זאָל פאָרקומען אין אַ זאַל, וואו עס האָט זיך פאַרענדיקט אַ חתונה. זיינען די מחותנים פון דער חתונה און די קלעזמער אַריבער פון זייער זאַל אין דעם אַנדערן זאַל, וואו עס איז פאָרגעקומען די פועלי ציון שמחה. ה. נאַוואַק דערמאָנט, אַז דאָס איז געווען אין „עפּעס אַן איירישן שעמראָק האָל אין מיילענד"[351]. אַזוי אַרום ווערט דערקלערט פאַרוואָס די פועלי ציון האָבן זיך געקאָנט פאַרגינען צו האָבן מוזיק ביי דער דערעפענונג.

די קלאַסן פון דער שול זיינען, לויט חבר ציפּערשטייק, ניט געהאַלטן געוואָרן אין דעם קעלער פון דעם אָרטיקן „פועלי צדק" פאַראיין, נאָר אין אַ הויז, וואו עס זיינען געווען עטלעכע צימערן. ווי מ'זאָגט אונז, איז דאָס

הויז געווען אויף מאָזארט סטריט. ציפערשטיין געדענקט ניט צי דאָס הויז איז געדונגען געוואָרן פון די פועלי ציון אָדער פון דעם פועלי צדק פאַראיין. אפשר האָבן זיי דאָרט געדאַוונט, ער געדענקט ניט וועגן דעם. יעדנפאַלס, אַ „פועלי צדק״ שול צום דאַוונען איז, ווי שוין דערמאָנט, ערשט אויפגעבויט געוואָרן אין די יאָרן 1913—1914.

אין דער שול זיינען, לויט חבר ציפערשטיין, געווען 20 קינדער, איינגעטיילט אין 2 קלאסן. איין קלאס פון אָנפאַנגער, אַ צווייטער קלאס האָט געהאט קינדער, וועלכע האָבן שוין יאָ געקענט עפּעס. קיין לערן־ביכער האָט ער ניט געהאַט. ער פלעגט לערנען העברעאיש און אידיש. אייניקע קינדער האָבן געצאָלט שכל לימוד. די שול האָט אָנגעהאַלטן ביז מען האָט אויפגעגעסן דאָס געלט. ער פלעגט לערנען פון 4 ביז 6 נאָכמיטאָג יעדן טאָג און זיין געהאַלט איז געווען פון 10 ביז 15 דאָלער אַ חודש. ווען עס איז מער ניט געווען קיין געלט, האָט זיך די שול געשלאָסן. דאָס איז געווען נאָך פסח פון יענעם יאָר. ער געדענקט, אַז באַלד נאָך פסח איז ער אַוועקגעפאָרן פון מאָנטרעאל און האָט זיך באַזעצט אין דזשאָליעט. מיר ווילן דערביי פאַרריכטן די אינפאָרמאַציע, וואָס מיר האָבן געגעבן אין דעם פאַרבאַנד סואווענִיר בוך (געדרוקט אין מאָנטרעאל אין 1930), אַז די מיילענדער שול האָט עקזיסטירט אַרום 10 חדשים און אַז מ׳האָט דאָרט געלערנט דריי מאָל אַ וואָך. די שול האָט עקזיסטירט העכסטנס פינף אָדער זעקס חדשים און געלערנט האָט מען דאָרט, ווי חבר ציפערשטיין זאָגט, יעדן טאָג.

וועגן מר. האַלמאַן אָדער מר. עלמאַן פון דער „פועלי צדק״ שול, דערציילט חבר ציפערשטיין, אַז ער האָט געוואוינט אין אמהערסט פּארק, וואָס גרעניצט זיך מיט מיילענד. ער פלעגט קומען מאַכן דעם אויוון יעדן טאָג. ער האָט געהאַט אַ לאַנגע באָרד, איז געווען אַ פרומער איד און געזוכט, ווייזט אויס, אַ תּיקון. ביי אים איז די שול געווען אַ חדר און ער פלעגט יעדן טאָג האָבן טענות צו ציפערשטיינען פאַרוואָס ער פלעגט לערנען אָן אַ היטל. חבר נאָוואק דערציילט טאַקע אין זיינע זכרונות די פראַגע פון לערנען מיט אַ היטל אָדער אָן אַ היטל.

חבר ציפערשטיין געדענקט ניט די נעמען פון די באַאַמטע פון דער שול. ער זאָגט, אַז קיינער פון די חברים איז אים ניט געקומען באַזוכן. דער איינציקער וועלכער איז אַמאָל יאָ געקומען אים זען איז געווען ל. מעלצער. וו. כייטמאַן באַשטעטיקט דאָס אין זיין אַרטיקל „צו דער געשיכטע פון דער פּרץ שול״. ער שרייבט, אַז די מיילענדער שול האָט „ניט אַרויסגערופן גענוג אינטערעס אין די היגע אינטעליגענטע קרייזן, צוליב דעם, ווייל זי איז געווען ווייט פון דעם אידישן צענטער״ [352].

די מאָנטרעאלער פּרץ שול

נאָך איידער די ערשטע קאַנאַדער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שול אין מיילענד האָט זיך געשלאָסן, האָבן די מאָנטרעאלער פועלי ציון פאַרהאַנדלט די פראַגע פון גרינדן אַ שול אין צענטער פון שטאָט, אין אידישן געגנט פון דאַון־טאַון.

ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן ביי יענעם מיטינג, אַז מען זאָל מאַכן אַן אַנקעטע צווישן עלטערן, אַנפרעגנדיק זיי צי זיי ווילן אידיש אָדער העברעאיש, אָדער ביידע שפּראַכן; וואָס איז זייער מיינונג וועגן רעליגיע אין די שולן א. א. וו. ס׳איז אויך באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצולאָזן אַ דריי־סענטיקן סטעמפּ צו פאַרקויפן און דער פּראָפיט זאָל גיין פאַר דער שול. דער שול קאָמיטעט, וועלכער איז דאַן באַשטימט געוואָרן, איז באַשטאַנען פון ש. שניאור, פאָר־זיצער און קאַסירער; ל. מעלצער, סעקרעטאַר און ר. פּאשערסטניק, פינאַנץ סעקרעטאַר [353].

אין יענעם זומער פון 1911, איז די פראַגע פון דער שול ניט אַרונטער־געגאַנגען פון דער טאָג אָרדנונג פון דעם פּאַרטיי פאַראיין. מען האָט זיך אי־בערצייגט, אַז אַ שול אויסהאַלטן איז ניט קיין לייכטער ענין און אַז דער פּאַרטיי פאַראיין אַליין קאָן ניט שאַפן די מיטלען צו דעקן דעם בודזשעט. נאָך מער, מען האָט פאַרשטאַנען, אַז גלייך אָנהויבן מיט אַ נאָכמיטאָג־שול איז אוממעגלעך און אַז מען זאָל דערווייל אָנהאַלטן קלאַסן שבת און זונטיק. אין „קענעדער אָדלער” פון 6טן נאָוועמבער, 1911, געפינען מיר אַ מעלדונג, אַז דעם 8טן נאָוועמבער וועט אין 478 סט. טשאַרלס ברום סט. פאָרקומען אַ קאָנפערענץ וועגן גרינדן „אַ אידישע פאָלקס שול פאַר קינדער”. ביי דער קאָנפערענץ וועלן זיין פאַרטראָטן די מאָנטרעאַלער פּועלי ציון, דער נאַ־ציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד און די פאָלקס צייטונג געזעלשאַפט. אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע ווי אויך אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס זיינען געבעטן גע־וואָרן צו שיקן זייערע סעקרעטאַרן אָדער דעלעגאַטן צום קומנדיקן מיטינג. מיר האָבן פון אַן אַלטער שטאָט־דירעקטאָרי אויסגעפונען, אַז 478 סט. טשאַרלס ברום איז געווען דאָס הויז פון ד. סייקין. ער איז געווען אַן אומ־פּאַרטייאישער פאָלקס מענטש און זייער פאַראינטערעסירט אין דער שול־פראַגע. די דאָזיקע קאָנפערענץ האָט אָבער ניט געבראַכט צו ממשותדיקע רעזולטאַטן.

אין יוני, 1912, איז מאָנטרעאָל באַזוכט געוואָרן פון דעם סעקרעטאַר פון דער פּועלי ציון פּאַרטיי, ה. עהרענרייך, אין די אינטערעסן פון די פּועלי ציון און פון דער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלער שול [354]. אין דער „פאָלקס צייטונג” ווערט געזאָגט וועגן עהרענרייכס באַזוך, אַז „ער וועט פאַרברענגען אַ פּאָר וואָכן און וועט האַלטן אייניקע פאָרטראָגן, באַזונדערס איבער דער באַוועגונג פאַר נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שולן”. עהרענרייכס באַזוך האָט, אָן צווייפל, סטימולירט די חברים צו נעמען זיך ערנסט צו דער שולן אַרבעט. אָבער דער גענעראַל סטרייק פון די מענער שניידער האָט אוממעגלעך געמאַכט מ׳זאָל קאָנען גלייך אָנהויבן פּראַקטישע אַרבעט.

די אַנטי־נאַציאָנאַליסטישע געגנאָסן האָבן זיך דערווייל דערשראָקן פאַר דער שולן־באַוועגונג. די אַנאַרכיסטן האָבן באַשלאָסן צו האַנדלען קעגן דער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלער שול באַוועגונג פון די פּועלי ציון און האָבן אָנגע־הויבן אַ באַוועגונג פאַר אַ „ראַציאָנאַלער שול”. אין דער „פאָלקס צייטונג” פון 12טן יולי, 1912, לייענען מיר אין איינעם פון זייערע נאָטיצן: ...„מיר

האָבן שוין פאַרבאַרייט אַ ביסל פינאַנס און מיר האָבן שוין אויך עטלעכע טיטשערס..." די דאָזיקע „ראַציאָנאַלע שול" האָט זיך דערעפנט אין אוי־גוסט אָדער סעפּטעמבער און האָט עקזיסטירט אַלס אַ זונטיק שול פאַר אַ יאָר און אַ האַלב און האָט אין אַ געוויסער מאָס געשטערט דער אָרגאַניזי־רונג און אַנטוויקלונג פון דער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלער שול פון די פּועלי ציון און אַנדערע סאָציאַליסטן נאַציאָנאַליסטן.

ענדלעך האָט זיך, נאָך אַ צאָל קאָנפערענצן און זיצונגען, געעפנט די נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שול, דעם 18טן מאַי, 1913, אין דעם לאָקאַל פון דער פּרעסער יוניאָן, פּרינץ אַרטור האַל, ווי אַ שבת און זונטיק שול. דעם ערשטן טאָג האָבן זיך פאַרשריבן 15 קינדער. די שול איז געוואַקסן פון וואָך צו וואָך. די ערשטע לערער זיינען געווען ה. נאַוואַק, שלמה בערקאָוויטש, י. סלאַ־באָדסקי און וו. כייטמאַן. „דער קאַפּיטאַל, מיט וועלכן מ'איז צוגעטראָטן צו עפענען די שול איז באַשטאַנען פון 70 דאָלער. האָט מען באַצאָלט פאַר צוויי חדשים רענט און פאַרן איבעריקן געלט געקויפט אַ טאַוול און נאָך אַ פּאָר קלייניקייטן. די לערער האָבן קיין געהאַלט ניט גענומען. די קינדער האָבן בלויז געשריבן אין די העפטן, ווייל קיין לייען ביכער זיינען ניט געווען. מערסטנס האָט מען פאַרגעלייענט אָדער דערציילט מעשהלעך. די לערער האָבן געהאַט אַ טעקסט־בוך מיט דעם נאָמען „היהודיה". אין דעם לאָקאַל איז די שול געווען איבער צוויי חדשים" [355].

די שול איז דאַן צוגעמאַכט געוואָרן. דער לאָקאַל איז ניט געווען פּאַסיק און קיין געלט איז אויך ניט געווען. אָבער דאָס לערנען איז ניט אינגאַנצן איבערגעריסן געוואָרן. מען האָט אָפיציעל ניט געלערנט, מ'האָט זיך אָבער „אָפּט געטראָפן מיט די קינדער אויף די בערג וואו מ'האָט מיט זיי פאַר־בראַכט אין שפּילן, זינגען און פאַרלייענען אידישע ליטעראַטור" [356].

ווען מ'האָט געשאַפן אַ ביסל געלט און אויך געפונען אַ פּאַסיק הויז, איז אין „קענעדער אָדלער" דערשינען, אונטערן קעפּל „דערעפענונג פון אידישער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלער שול" די פאָלגנדיקע מעלדונג: „דער נאַ־ציאָנאַל ראַדיקאַלער שול פאַראיין, וועלכער איז צוזאַמענגעשטעלט פון די „פּועלי ציון", נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, ווי אויך פון פּריוואַטע פּערזאָנען, האָט ביי דעם לעצטן מיטינג באַשלאָסן צוריק צו דערעפענען די שול, וועלכע איז נאָך אַ צוויי חדשימדיקער עקזיס־טענץ געשלאָסן געוואָרן, צוליב די הייסע זומער מאָנאַטן. אַלע פאַרבאַריי־טונגען זיינען געמאַכט געוואָרן, די שול זאָל קאָנען דערפאָלגרייך עקזיס־טירן. דער פאַראיין האָט די בעסטע אויסזיכטן פאַר דערפאָלג. די שול וועט דערעפנט ווערן דעם 1טן סעפּטעמבער, אויף 15 גילבאוט סט., צווישן פּרינס אַרטור און פּיין עווענין" [357].

אין אַן אַנדער מעלדונג ווערט געזאָגט, אַז „אין דער נאַציאָנאַל ראַדי־קאַלער שול, וועט געלערנט ווערן די אידישע און העברעאישע שפּראַכן און ליטעראַטור, אידישע געשיכטע, געזאַנגען און אַלץ וואָס האָט אַ נאַציאָנאַל־מענטשלעכן ווערט פאַר דעם אידישן פאָלק. דער צוועק פון דער שול איז,

ווי די גרינדער באַהויפּטן, „אויפצוהאַלטן די אידישע יוגנט פאַרן אידישן פאָלק, זיי פּיאַיק צו מאַכן ווידערצושטיין די אַסימילאַציע שטרעבונגען און אַנטוויקלען אין זיי אַ העכערן געפיל פאַר אמת און יושר צו זייער אייגענעם פאָלק און צו דער גאַנצער מענטשהייט בכלל" [358]).

גלייך נאָך דער דערעפענונג פון דער שול איז געווען אַ הויז־צו־הויז זאַמלונג. די מעלדונג וועגן דער דאָזיקער זאַמלונג האָט זיך געלייענט: „דעם זונטיק וועט פאָרקומען אַ הויז צו הויז זאַמלונג פאַר דער ערשט דערעפנטער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלער שול. אין דער זאַמלונג נעמען אַנטייל די מאָנטרעאַלער פועלי ציון, דער ברענטש 8 אידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד און אויך איינציקע פּריוואַטע מענטשן, סימפּאַטיקער פון דער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלער שול". [359]).

ווי מ'קען זען פון די אויבנדערמאָנטע פאַקטן, האָבן די אָפיציעלע אינסטאַנצן פון דער פועלי ציון באַוועגונג — דער פּאַרטיי פאַראיין און דער פאַרבאַנד צווייג, ניט נאָר גענומען די איניציאַטיווע אין דער גרינדונג פון דער מאָנטרעאַלער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלער שול — שפּעטער י. ל. פּרץ שול,— נאָר אַז אפילו נאָך דער גרינדונג זיינען אַלע פּרינציפּיעלע, אָרגאַניזאַטאָרישע און פינאַנציעלע פראַגן פאַרהאַנדלט און באַשלאָסן געוואָרן ביי די זיצונגען פון דעם פועלי ציון פאַראיין.

דאָרט זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן די שטעלונגען, דאָרט זיינען געגעבן געוואָרן אינסטרוקציעס צו די חברים ווי צו האַנדלען נאָכדעם ווי ס'איז שוין אָרגאַניזירט געוואָרן דער „אומפּאַרטייאישער" שול פאַראיין. דער שול פאַראיין, דערציילט וו. כייטמאַן, „האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ מין קאָנפערענץ פון אָרגאַניזאַציעס און פיל פון די שול פאַראיין מיטגלידער האָבן געשפּילט די ראָל פון דעלעגאַטן... די דעלעגאַטן פלעגן, פאַרשטייט זיך, קומען מיט אינסטרוקציעס פון זייערע אָרגאַניזאַציעס צום שול פאַראיין" [360]). אגב, האָט דער פועלי ציון פאַראיין און פאַרבאַנד געהאַט אָפיציעלע דעלעגאַטן ביי דעם שול פאַראיין.

ה. נאָוואַק זאָגט טאַקע אין זיינע זכרונות, אַז „די מאָנטרעאַלער ערשטע שול גרינדער זיינען כמעט אַלע געווען מיטגלידער פון דער פועלי ציון פּאַרטיי, אָבער אַ גרויסע צאָל פון זיי זיינען אויך געווען הייסע אידישיסטן און איבערגעגעבענע אָנהענגער פון זשיטלאָווסקיס גלות נאַציאָנאַליזם" [361]). דאָס וועט אגב פאַרריכטן אַ טעות, וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין ש. ניגערס בוך, אַז אין מאָנטרעאַל איז די שול „אָנגעהויבן געוואָרן אין 1913 פון די סאָציאַליסטן טעריטאָריאַליסטן" [362]). דער פאַראיין פון די סאָציאַליסטן טעריטאָריאַליסטן האָט זיך פאַראייניקט מיט די פועלי ציון אין 1909 און קיין אַנדערער ס. ט. פאַראיין האָט אין מאָנטרעאַל נאָך דעם ניט עקזיסטירט.

י. זיפּער, דער לאַנג יאָריקער פּרינציפּאַל פון דער מאָנטרעאַלער פּרץ שול (מיט דעם אויסנאַם פון 4 יאָר אין וויניפּעג, איז י. זיפּער פּרינציפּאַל פון דער פּרץ שול זינט 1925), האָט זיך באַמיט צוזאַמענצושטעלן דעם צעטל פון די ערשטע 21 מיטגלידער פון דעם שול פאַראיין, אָדער ווי מ'איז זיך

נוהג צו רופן זיי, די ערשטע גרינדער [363]). פון זיי זיינען מ. בלעכמאַן, די שוועסטער סאָניע וועסטערמאַן, דזשעני הערמאַן און ליובע בעלסאָן־כייט־מאַן, ישראל חפץ, נח חפץ, וו. כייטמאַן, י. מאַלאמוד, ה. נאָוואק, א. פּרנס, י. פּרוזשאַנסקי, ל. צוקער, א. קאַמאַראוו, ע. קאָרנבערגער, ש. שניאור און ש. שניידער געווען חברים און חברות פון דער פּאַרטיי; אברהם שניידער איז געווען אַ חבר פון פאַרבאַנד; שלמה בערקאָוויטש איז געווען אַ געווע־זענער חבר פון דער פּועלי ציון פּאַרטיי. די איינציקע ניט־פּאַרטיי חברים און ניט־פאַרבאַנד חברים זיינען געווען ד. סייקין, י. סלאַבאַדסקי און ב. סמאל, אָבער ב. סמאל איז געווען אַ געוועזענער חבר פון דעם אויפגעלעזטן ס. ט. פאַראיין און האָט זיך שפּעטער אָנגעשלאָסן אין פאַרבאַנד".

אפילו צווישן די שפּעטער צוגעקומענע חברים פון דעם שול פאַראיין זיינען, לויט י. זיפּערס רשימה, אויך געווען אַ היפּשע צאָל חברים פון דער באַוועגונג, אָדער וואָס האָבן זיך שפּעטער אָנגעשלאָסן אין איר, ווי ב. לאַ־כאָוויצקי, ה. פינקלשטיין, ח. מ. קייזערמאַן, משה קייזערמאַן, מ. שמואלזאָן, טאַדרעס געלער, — אגב איז ה. פינקלשטיין געווען דער ערשטער באַצאָל־טער לערער פון דער שול און דער ערשטער פּרינציפּאַל. פון די ניט פּועלי ציון זיינען צווישן די שפּעטער צוגעקומענע געווען וו. באַראַנאָווסקי, וועל־כער איז געווען אַן עס־עס׳אָוויעץ, און מ. טראַסמאַן, וועלכער איז געווען אַ פאָלקסטימלעכער סאָציאַליסט.

ה. נאָוואק דערמאָנט אויך פאָלגנדיקע חברים פון דער באַוועגונג, וואָס זיינען געווען צווישן די ערשטע צוזשטייער צו דעם שול פאַראיין: די גאַנצע חפץ פאַמיליע, ישראל ראַבינאָוויטש, שרה קייזערמאַן, לואי בערקאָוויטש און די שפּעטער צוגעקומענע יעקב און ראָזע אייבעל, וועלכע האָבן געטאָן פיל אַרבעט פאַר דער שול אין די שפּעטערדיקע יאָרן [364]).

אין דעם שול פאַראיין זיינען געווען אָנגעשלאָסן אין דעם ווינטער פון 1913—1914 יהודה קויפמאַן און די אַלע פּועלי ציון חברים, וועלכע זיינען געווען פון די ערשטע נאָכצופאָלגן יהודה קויפמאַן, ווען ער האָט זיך צוריק־געצויגן פון דעם שול פאַראיין, סוף אויגוסט אָדער אָנהויב סעפּטעמבער, 1914. פאַקטיש זיינען אויך זיי געווען צווישן די בויער פון דער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלער שול.

פיל אידעאַליזם און באַגייסטערונג איז אַריינגעלייגט געוואָרן פון די לערער און שול טוער אין דער אַרבעט פון דער שול. ניט קוקנדיק אויף די פּרינציפּיעלע חלוקי דעות, האָט די באַוועגונג אַלעמאָל דערמאָנט מיט דאַנק־באַרקייט די פּיאָנערן אַרבעט פון די חברים הערשל נאָוואק, וואָלף כייטמאַן, שלמה בערקאָוויטש און פריינט י. סלאַבאַדסקי, די ערשטע פריוויליקע לע־רער פון דער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלער שול. ווי חברים דערציילן איז הערשל נאָוואק צוערשט געווען אַ שטילער צוריקגעצויגענער בחורל. אין דעם 1912 גענעראַל סטרייק פון די מענער שניידער האָט ער אָנגעהויבן צו מאַכן זיינע ערשטע ארויסטריטן און מ׳האָט באַלד באמערקט זיינע אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן, זיין רעדנער טאַלאַנט און זיין פלאַמנדיקן אידעאַליזם. ער האָט

זיך אַנטוויקלט צו זיין אַ פירנדיקער חבר פון דער ערשטער מדרגה. ווען דער שול פאַראיין איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין 1912—1913, איז נאַוואַק גלייך דערוויילט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר.

דער ענטוזיאַזם און אָפּטמאָל עקזאַלטירטע באַגייסטערונג פון די לערער און שול טוער פאַר דער שול, די ליבע און טרייהייט צו די קינדער סיי מצד די לערער, סיי מצד די שול טוער האָבן דאַכט זיך ניט געהאַט קיין גרעניץ. אַט ווי וו. כייטמאַן באַשרייבט די געפילן פון די פרייוויליקע לערער. „אַלע זיינען געווען שניידער. זיצט מען אַ גאַנצן טאָג אין שאַפּ און דער קאָפּ ליגט אין שול. דער שאַפּ איז די וואָך... די שול איז דער יום טוב, די נשמה יתירה. לויפט מען פאַרנאַכט גלייך פון שאַפּ אין שול אַריין מיט התלהבות, מיט אמת חסידישן ברען... אַריבער די שוועל פון שול — איז פאַרגעסן דעם שאַפּ, פאַרגעסן אַלע פּריוואַטע אינטערעסן, מ׳איז אַריינגעטאָן אין איין זאַך: די שול! די קינדער! מיר האָבן פאַרפלאַנצט אַ גאָרטן — אַ גאָרטן מיט לעבעדיקע בלומען. מען דאַרף אים כאַליען, אָפּהיטן״...[365]).

דער ערשטער חנוכה קאָנצערט פון דער שול איז פאָרגעקומען אין דעם ווינטער פון 1913—1914. וו. כייטמאַן שרייבט וועגן די איבערלעבונגען פון די לערער און שול טוער ביי דעם דאָזיקן ערשטן עפנטלעכן אַרויסטריט: „די הערצער ביי די לערער ציטערן נאָך מער ווי ביי די קינדער. דער עולם איז באַגייסטערט. די קינדער הויבן זיך אָן פילן זיכערער, באַגייסטערט פון זייער דערפאָלג. איך גיי צו חבר ק. — ער וויינט. קען אַ וואָרט ניט אַרויס־רעדן — וויינט פאַר שמחה״...[366]).

ביים סוף פון דעם יאָר 1913 איז אין דער שול שוין געווען אַרום 150 קינדער. מ׳האָט דאַן שוין געלערנט דריי מאָל אַ וואָך. אין נאָוועמבער האָט די שול אָנאָנסירט אָוונט קורסן אויך פאַר דערוואַקסענע, וואו מ׳וועט לערנען אידיש, העברעאיש, אידישע געשיכטע, ליטעראַטור א. א. וו.[367]). אין 1914 האָט מען אויף די אָוונט קורסן אויך געלערנט אַריטמעטיק. ה. פינקלשטיין האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן זיין אַמט אין דער שול. אין אַ באַריכט אין „קע־נעדער אָדלער״ ווערט איבערגעגעבן, אַז „די פועלי ציון האָבן דורכגעפירט זייער אַ שיינעם באַנקעט צו עהרע פון די לערער פון דער נאַציאָנאַל ראַדי־קאַלער שול... די חברים האָבן געערט חבר ה. מ. פינקלשטיין, דעם פּרינ־ציפּאַל, וועלכער פאָרט אָפּ נאָך דער סאַוט, אין די אינטערעסן פון די נאַ־ציאָנאַל ראַדיקאַלע שולן״[368]). ה. נאַוואַק איז דאַן געוואָרן פּרינציפּאַל און האָט געטאָן זיין אַרבעט פרייוויליק כמעט אַ יאָר צייט.

אַנהויב מאַי, 1914, האָט זיך די שול אַריבערגעקליבן אויף 1020 קעדזשו סטריט און אין 1915 האָט זיך די שול איבערגעצויגן אויף 299 קאָלאָניאַל עוועניו (לויט די דאַמאָלסטדיקע נומערן). דאָרט איז זי געבליבן ביז 1918, ווען מ׳האָט געקויפט אַן אייגן הויז. ס׳איז דאַן פעסטגעשטעלט געוואָרן אַ „זיבן יאָריקער קורס״[369]). „די שול האָט נאָך אין 1913 געהאַט „אַן איינגעשטעלטע פּרינציפּן דערקלערונג און לערער פּראָגראַם, הגם ניט קיין אָנגעשריבע־

נע״ [370]). לויט ה. נאָוואקס דעראינערונגען זיינען זיי געווען פאַרשריבן אין אַ פּראָטאָקאָל בוך, נאָר ער האָט דעם פּראָטאָקאָל בוך פאַרלוירן.

צוליב דער וויכטיקייט פון דעם דאָזיקן דאָקומענט גיבן מיר דאָ איבער דעם פולן טעקסט פון דער פּרינציפּן דערקלערונג:

1) „אַלס נאַציאָנאַליסטן, אין דעם פּראָגרעסיוון, דעמאָקראַטישן זין פון וואָרט, ווילן מיר אונזערע קינדער געבן אַזאַ דערציאונג, וואָס זאָל זיי פּאַקטיש צובינדן צו אונזער אידיש פאָלק, שפּראַך, ליטעראַטור, געשיכטע און צו אַלע אונזערע אַנדערע פאָלקס־שאַפונגען.
„אַלס ראַדיקאַלן, ווילן מיר אונזערע קינדער געבן אַזאַ דערציאונג, וואָס זאָל זיין אין איינקלאַנג מיט דעם פאָרטשריט, דער וויסנשאַפט און דעם פרייען געדאַנק און פאַרגעשריטנסטער אנשויאונג פון געזעלשאַפטלעכן יושר און ליבע צו אַלע אונטערדריקטע פעלקער און קלאַסן״ [371]).

וועגן דעם לערן־פּראָגראַם ווערט דאָרט געזאָגט: „אונזער דערציאונגס און לער־פּראָגראַם באַזירט זיך דעריבער אויף די פאָלגנדיקע יסודות: א) „אנערקענענדיק אידיש אַלס די לעבעדיקע שפּראַך פון דעם רוב פון די אידישע פאָלקס מאַסן, שטעלן מיר פעסט, אַז דאָס אידישע קינד דאַרף און זאָל באַקומען זיין דערציאונג און אונטעררריכט אין אונזער שול אין איד־ דיש. ב) „העברעאיש באַטראַכטן מיר אַלס העכערן לימוד אין דער אידישער עלעמענטאַר־שול און קאָן דעריבער געלערנט ווערן אין אונזער שול אַלס אַזעלכע, מיט די קינדער פון די העכסטע קלאַסן, אויף וויפיל עס איז נויטיק, אַלס אַ דערגענצונג צו דער אידישער פּראָגרעסיווער דערציאונג און איינ־ פירונג צו דער אַלטער אידישער קולטור און וויסן. אָנמערקונג: העברעאיש קאָן געלערנט ווערן: עברית בעברית אָדער עברית באידיש. ג) באַטראַכטנ־ דיק העברעאיש נאָר אַלס אַ העכערן לימוד, אנערקענען מיר, אַז דער לימוד דאַרף ניט גערעכנט ווערן אַלס אַ חוב פון די קינדער פון די העכסטע קלאַסן, נאָר אַלס רשות. ד) לערנענדיק אידישע געשיכטע נאָך די מאָדערנע פאָר־ שונגען און ביבל־קריטיק, שטעלן מיר זיך די אויפגאַבע צו אַנטוויקלען ביי די קינדער אַ געזונטן, ראַציאָנעלן בליק אויף דער אידישער געשיכטע, אריינרעכענענדיק אויך די אידישע רעליגיאָן, באַטראַכטנדיק זי פון קולטור־ היסטאָרישן שטאַנדפּונקט״ [372]). די אַנדערע דריי פּונקטן פון דעם לערן־ פּראָגראַם האָבן גערעדט וועגן באַקענען די קינדער מיטן אידישן פאָלקלאָר, פאָלקס און אַרבעטער לידער; אידישע יום־טובים און טרויער־טעג, און די אַלוועלטלעכע פרייהייטס יום־טובים.

נאָך אין 1913 האָבן זיך אָנגעהויבן חלוקי דעות אין דעם שול פאַראיין וועגן די פּרינציפּן און לערן פּראָגראַם פון דער שול. דער וויכוח איז גע־ קומען אַלס רעזולטאַט פון דער אומצופרידנקייט פון די פּועלי ציון. די צענטראַלע אינסטאַנצן פון די פּועלי ציון און פאַרבאַנד־שולן האָבן אָנגענומען דעם פּרינציפּ פון גלייכבאַרעכטיקונג פון אידיש און העברעאיש, און דאָ האָט מען אין דעם מאָנטרעאַלער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלן שול פאַראיין אָנגע־

הויבן באַטראַכטן העברעאיש אַלס אַ „העכערן לימוד״, „וואָס דאַרף אפילו ניט גערעכנט ווערן אַלס חוב״. אויסער דעם זיינען פאָרגעקומען חלוקי־דעות וועגן דעם אָרט פון ארץ ישראל אין דער פּראָגראַם פון דער שול.

אין יענער צייט האָט שוין עקזיסטירט דער „בילדונגס־קאָמיטעט״ פון דעם פאַרבאַנד און פּועלי ציון שולן אין ניו יאָרק און די „שול ביורא״ אין טאָראָנטאָ, צו וועלכער ס׳האָבן באַלאַנגט די אידישיסטישע שולן פון שי־קאַגאָ און טאָראָנטאָ. דער סעקרעטאַר פון דעם שול־ביוראָ איז געווען יוסף קאמאי. די מאָנטרעאַלער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שול האָט זיך ניט אָנגעשלאָסן ניט אין „בילדונגס קאָמיטעט״ און ניט אין „שול ביוראָ״, אָבער די סימפּאַ־טיע פון די פירער פון דער מאָנטרעאַלער שול איז געווען מיט דער „שול ביוראָ״. זיי האָבן אפילו אָנגעהאַלטן אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט דער „שול ביוראָ״.

אזוי ווי די צאָל חברים פון דעם פּועלי ציון פאַראיין האָט זיך אין 1913—1914 געהאַלטן אין פאַרגרעסערן האָט זיך די צאָל פּועלי ציון מיט־גלידער פון דעם שול פאַראיין אויך פאַרגרעסערט.

עס האָט זיך דאַן אָנגעהויבן אַ ביטערער קאַמף פאַר דעם פּראָגראַם פון לימודים אין דער שול, אַ קאַמף פאַר גלייכבאַרעכטיקונג פון אידיש און העברעאיש און פאַר אָנשלוס אין דעם „בילדונגס קאָמיטעט״. אין דער שפּיץ פון דעם דאָזיקן קאַמף איז געשטאַנען יהודה קויפמאַן, וועלכער האָט באַ־ווירקט די חברים פון דער באַוועגונג, פון דעם ערשטן טאָג, וואָס ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער פּאַרטיי. יהודה קויפמאַן איז אַריינגעטראָטן אין דעם פּועלי ציון פאַראיין אין הערבסט, 1913. ער איז געווען אַ סטודענט פון מק׳גיל אוניווערזיטעט.

אין יוני, 1914, איז חבר עהרענרייך געקומען ספּעציעל קיין מאָנטרעאַל אויסצוגלייכן, אויב מעגלעך, דעם סכסוך אַרום דער שול. דער פּאַרטיי פאַר־איין האָט באַשלאָסן, אַז די שול זאָל מער ניט שטיין אין פאַרבינדונג מיט דער „שול ביוראָ״. ער האָט אָבער ניט געוואָלט אָננעמען אַ באַשלוס, אַז די שול זאָל זיך באַלד אָנשליסן אין דעם צענטראַלן שולן פאַרבאַנד. אַ צאָל חברים זיינען געווען אויפגערעגט קעגן דר. נ. סירקין פאַר זיינע אַרטיקלען קעגן אידיש אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע״ און האָבן ניט געוואָלט אָננעמען אַ באַשלוס וועגן גלייכבאַרעכטיקונג פוןביידע שפּראַכן. אַלץ וואָס די חברים האָבן געוואָלט נאָכגעבן איז געווען, אַז מ׳זאָל אָנהויבן לערנען העברעאיש פון דעם דריטן יאָר אָן.

עהרענרייכס קאָמפּראָמיס פאָרשלאָג, אַז מ׳זאָל אָננעמען דעם פּרינציפּ פון גלייכבאַרעכטיקונג פון ביידע שפּראַכן און, אַז די פראַגע ווען מען זאָל אָנהויבן לערנען העברעאיש זאָל איבערגעגעבן ווערן צו אַ פּעדאַגאָגישער קאָמיסיע, וואָס זאָל אויך פעסטשטעלן צי מען קאָן ניט אָנהויבן לערנען ביידע שפּראַכן גלייכצייטיק — דער דאָזיקער קאָמפּראָמיס איז אויך ניט אונטערגעשטיצט געוואָרן. אַלס אַן אויסגאַנג פון דער פראַגע, און כדי צו פאַרמיידן אַ שפּאַלטונג, האָט דער פּועלי ציון פאַראיין באַשלאָסן צו פאָדערן,

לערער ראט פון דער נאציאָנאלער ראדיקאלער שול, 1915

ערשטע שורה פון רעכטס צו לינקס: **כאשע** סלאבאדסקי, **דר. חיים** נשיטלאָווסקי, **קערי** חיטאל, **פראָפעסאָר ראָזמארין.** צווייטע שורה פון רעכטס: **שלמה בערקאָ־חיטש, נחמן** אחרוטיק, **י.** סלאבאדסקי, **רבקה** בעלסאָן־פאסקאל, **ה.** נאָוואק, **נ. פערלמאן, וועלוול** כייטמאן.

א גרופּע פון פּרץ־שולן פאַראיין אין מאָנטרעאַל, 1918, ביים חנוכּת־הבית פון דעם ערשטן אייגענעם בנין.

ערשטע שורה פון רעכטס צו לינקס: חבר ווייזער, פּערל גאָלדשטיין, אומבאַקאַנט, רבקה בעלסמאַן—ברוגער, שרה מאַגיד, ד. סייקין, ל. טייבער, חברה סייקין. צווייטע שורה, רעכטס צו לינקס: נ. פּערלמאַן, אומבאַקאַנט, זאַוואַלקאָוו, שיפּ, אומבאַקאַנט, ל. צוקער, חברה בערקאָוויטש, חבר ספּעקטאָר, חברה בערקאָוויטש, חבר ראָזענטאַל, י. אָרטענבערג. דריטע שורה, רעכטס צו לינקס: ש. שניאור, רבקה יאַראַס (וואָלאָווסקי), לואי באַראַנאָווסקי, חברה קיפּנעס, אומבאַקאַנט, חבר עפּשטיין, אומבאַקאַנט, פּ. באַראַנאָווסקי, קערי וויטאַל, י. כייטמאַן, ה. לעווין, ה. הערשמאַן. פערטע שורה, רעכטס צו לינקס: מ. ווייסמאַן, חברה ווייסמאַן, אומבאַקאַנט, חבר זעמעל, רבקה בעלסאָן־פּאַסקאַל, אומבאַקאַנט. פינפטע שורה, רעכטס צו לינקס: טענענבוים, ישראל חפץ, ה. נאָוואַק, און י. י. סיגאַל.

א גרופּע חברים פון פאָלקס שול פאַראייך, 1918

צווישן די אין ערשטער שורה: **לעאָן חפץ, ל. טייבער.** אין צווייטער שורה: **יוסף טיגער.** אין דריטער שורה: **א. עסנער, ש. זאכער, משה דיקשטיין, זלמן רובין.** אין פערטער שורה, שטייענדיק: **עטל בירברייער, פּעני סאַפּאָלסקי, ש. באַראַדענסקי, דזשיי. (י.) טאָרטשין.** אין אויבערשטער שורה: **א. קופּער.**

פאַרוואַלטונג פון דער מאָנטרעאַלער אידישער פאָלקס ביבליאָטעק בעת אַ באַזוך פון שלום עליכם אין 1915

אונטערשטע שורה פון רעכטס: **ווינבוים, י. בארסקי, ב. קורמאן, ח. סיראָטא, שרה ווייסמאן, שרה זעלפמאן, ר. פרענקעל, משה פרעַנקעל, מ. ווייסמאן, בתיה קורמאן, ל. צוקער, ש. זעלינגער, י. מיכלין.** מיטלסטע שורה פון רעכטס: **ר. שראגא, עני פרידלענדער, נח חפץ, ד. ה. לאזארוס, ב. קורמאן, ע. בירברייער, י. ד. בערקאָוויטש, שלום עליכם, ראובן בריינין, ד״ר י. קויפמאן, פרוי בריינין, י. יאמפאָלסקי, ד. זעלינגער, ב. וויזענבערג, אומבאקאנט.** שטייען פון רעכטס: **אברהם בארמאק, ישראל חפץ, מ. פערל, ליטמאן, א. עסנער, אומבאקאנט, ש. פערל, ח. שעכטער, א. מייבערג מ. דיקשטיין, מאנדעלבוים, ד״ר טייטלמאן, דוד שראגא, י. ראזענפעלד, י. מייבערג, א. טהאלער, י. סאלאמאן, ש. בעלקין, מ. עפשטיין.**

אַז דער שול פאַראיין זאָל בלייבן אומאָפּהענגיק און, אַז ער זאָל זיך פאַראייניקן מיטן „בילדונגס קאָמיטעט״ פעדעראַטיוו. חבר קאָרנבערגער האָט דאָן רעזיגנירט אַלס אָפיציעלער פאַרשטייער פון דער פּאַרטיי צו דער שול[373].

אַרום יענער צייט זיינען אין דער שול שוין געווען אַ גרויסע צאָל תלמידים און תלמידות. ביי אַ מיטינג פון שול פאַראיין האָט דער „עדוקאַציאָנס קאָמיטעט״ באַריכטעט, אַז אין דער שול וועלן שוין זיין 13 קלאַסן, 10 אידישע און 3 העברעאישע[374].

דאָס וואָס איז ניט געלונגען עהרענרייכן דורכצופירן אין יוני, איז אָנגענומען געוואָרן פון דעם פּאַרטיי פאַראיין מיט צוויי חדשים שפּעטער. ביסלעכוויז האָבן די חברים פון דעם פּאַרטיי פאַראיין אָנגענומען און זיך אונטערגעוואָרפן דער שטעלונג פון דעם צענטראַל קאָמיטעט און האָבן באַשלאָסן צו קעמפן אין דעם שול פאַראיין פון דער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלער שול פאַר אַ רעוויזיע פון דער פּרינציפּן דערקלערונג און דעם פּראָגראַם פון לימודים. אונטער יהודה קויפמאַנס השפעה איז די צאָל סימפּאַטיקער פון די פּועלי ציון געוואָרן גרעסער און ס׳האָט געהאַלטן דערביי, אַז דער שול פאַראיין זאָל ענדערן זיין עקסטרעם־אידישיסטישן איינשטעל.

ה. נאָוואַק דערציילט אין זיינע דעראינערונגען וועגן די לעצטע פאַזן פון דעם ביטערן קאַמף: „דער צוויי־שפּראַכיקער צד האָט דערווייל מאָביליזירט צו די מיטינגען די גאַנצע גרויסע מחנה פון פּאַרטיי מיטגלידער און סימפּאַטיקער און ביי די ערשטע פול־נאַכטיקע זיצונגען האָבן מיר, ד. ה. דער אידישיסטישער צד שוין געהאַט פאַרלוירן פיל וויכטיקע פּרינציפּיעלע פּונקטן. ווערט דאָך ביטער. באַשליסט חברה צו מאַכן אַ גוט־צוגעגרייטע קאָנטר־אַטאַקע. מען פאַררופט ביי בעני סמאל אין הויז, ווייט הינטערן שטאָט, אַ געהיימע קאַקוס פאַרזאַמלונג. מיר קריגן אַריין דורך דער וואָך, ביז צו דער קומענדיקער מאָנטיק פאַרזאַמלונג פון שול פאַראיין, צענדליקער נייע מיטגלידער. איך, ווי דער סעקרעטאַר, בין דאָך ממונה אויפן שטעמפּל און חבר־ביכלעך, איז הבה נתחכמה. מיר פאַרשרייבן אונזערע אייגענע משפחות, ברידער, שוועסטער, און שוועסטער־קינדער, לאַנדסלייט, מאַמעס און שוויגערס. מיר שלעפּן זיי אַלע צום לעצטן „אַנטשיידענעם״ שלאַכט־מיטינג... דער פאָרזיצער גיט אַ קלאַפּ אין טישל, אונזערע עלטערע קעמפער כאַפּן זיך אויף, זעען ווי מיר שטימען, און זיי הויבן די הענט ווי די קינדער ווילן... די שול איז געראַטעוועט פאַר אירע בויער. די שול בלייבט אַ ריין אידישיסטישע פעסטונג. דער צווייטער צד גרינדעט דאָן די פאָלקס שול״...[375].

דער פּועלי ציון פאַראיין האָט נאָכדעם פאַרעפנטלעכט די פאָלגנדיקע דערקלערונג: „מיר, די אידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער פּאַרטיי פּועלי ציון, מאַכן באַקאַנט דעם מאָנטרעאַלער פּובליקום, אַז מיר זיינען ניט מער פאַרטראַטן אָפיציעל אין דער היגער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלער שול״, אונטערגעשריבן פון ב. חפץ, סעקרעטאַר[376]. דער פּועלי ציון פאַראיין האָט אויך אָנגענומען אַ באַשלוס צו גרינדן אַ פאָלקס שול. אזוי ווי די נאַציאָנאַל ראַדי־

קאַלע שול האָט זיך דאַן געפונען אין דעם העכערן טייל פון דער שטאָט, האָט דער פאַראיין באַשלאָסן, אַז כדי אויסצומיידן קאָנקורענץ, זאָל די פאָלקס שול געעפנט ווערן אין דעם נידעריקערן טייל פון דער שטאָט. ווי חברים דערציילן, איז דערוויילט געוואָרן אַ קאָמיטעט פון צען חברים פון דעם פאַרטיי פאַראיין דורכצופירן דעם דאָזיקן באַשלוס.

דער צענטראַל קאָמיטעט פון דער פאַרטיי האָט פאַרלאַנגט, אַז די חברים וואָס האָבן געשטימט אין דעם נאַציאָנאַל ראַדיקאַלן שול פאַראיין קעגן די באַשלוסן פון דעם פועלי ציון פאַראיין זאָלן אויסגעשלאָסן ווערן פון דער פאַרטיי. אָבער דער פאַרלאַנג איז ניט דורכגעפירט געוואָרן און איז שנעל צוריקגעצויגן געוואָרן. אַרום 25—30 פאַרטיי און פאַרבאַנד חברים זיינען געבליבן מיט דער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלער שול און זיינען פאַרבליבן דער רוקנביין פון דעם שול פאַראיין און די אָנפירער פון דער גאַנצער אַרבעט. צווישן די פאַרבליבענע שול חברים זיינען געווען אַזעלכע פירנדיקע חברים ווי ל. צוקער, ה. נאָוואַק, וו. כייטמאַן, ש. שניאור, מ. בלעכמאַן, ב. לאַכאָ־וויצקי, ע. קאָרנבערגער א. א. ס׳וואָלט געווען אַן אַבסורד דורכצופירן די אויסשליסונג פון אַרום אַ דריטל פון דעם פאַראיין... ווי ווייט אונז איז באַקאַנט האָט דער צווייג 8 פון דעם פאַרבאַנד זיך קיינמאָל ניט צוריקגע־צויגן פון דער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלער שול. ה. נאָוואַק דערציילט אין זיינע זכרונות, אַז מען האָט אים, ביי איינעם פון די „הייסע מיטינגען״ סוספּענדירט פון דעם פאַרטיי פאַראיין. ווייניק חברים געדענקען עפּעס וועגן דעם און דאָס וואָס זיי געדענקען יאָ, איז ווידערשפּרעכנד. יעדנפאַלס דאָס איז געווען אַ ציטווייליקער ענין. דער באַשלוס איז שנעל אַנולירט געוואָרן און נאָוואַק האָט פאָרטגעזעצט צו דינען דער פאַרטיי אַ סך יאָרן.

די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלער שול איז געווען זייער אינטערעסאַנט און די שול אַרבעט איז געטאָן געוואָרן מיט נאָך מער איבערגעגעבנקייט ווי פריער. די שול איז געוואָרן אַ גרויסער קולטור־צענטער און האָט געשאַפן אַן אמתע אידישע קולטור־סביבה. די צאָל קינדער האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. ווען מ׳האָט זיך איבערגעצויגן, אין 1915, אין קאָלאָניאַל עוועניו האָט די צאָל קינדער, ווי חבר וו. כייטמאַן האָט אונז דערציילט, דערגרייכט 613. דער לערער־ראַט אין יענעם יאָר איז באַשטאַנען פון די פאָלגנדיקע: ה. נאָוואַק, וו. כייטמאַן, שלמה בערקאָוויטש, י. סלאָבאָדסקי, כאַשע סלאָבאָדסקי, קערי וויטאַל, רבקה בעלסאָן, נ. פּערל־מאַן, ב. אוורוטיק און דער געזאַנגס לערער י. ראַזמאַרין. דער ערשטער גע־זאַנגס לערער איז געווען קאָנראַד בערקאָוויטש. דער ערשטער פּריוווּיליקער לערער פון דעקלאַמאַציע איז געווען ישראל ראַבינאָוויטש. שפּעטער איז יעקב אייבל געוואָרן לערער פון דראַמע.

מען האָט דאַן געצוואונגען ה. נאָוואַק ער זאָל אָפּגעבן זיין גאַנצע צייט און ווערן אַ באַצאָלטער פּרינציפּאַל. וו. כייטמאַן דערציילט אונז, אַז נאָוואַק פלעגט אַרומגיין און קלאָגן זיך, אַז ער באַרייסט די שול, ווייל ער נעמט 50 דאָלער אַ חודש שכירות... מ׳האָט דאַן ביסלעכוויז אָנגעהויבן צווינגען

אויך אַנדערע חברים אויפצוגעבן זייערע אַרבעטס פּאָזיציעס אין די שעפּער און ווערן באַצאָלטע לערער. ס'איז געווען אַ קרבן צו זיין אַ פריוויליקער לערער. עס איז דאַן געווען נאָך אַ גרעסערער קרבן צו ווערן אַ באַצאָלטער לערער. עס זיינען דאַן געווען מלחמה־יאָרן, אייניקע האָבן געקאָנט אין אַ שאַפּ פאַרדינען דריי אָדער פיר מאָל אַזוי פיל, ווי מ'האָט געקאָנט צאָלן אין דער שול, אָבער די פיר ערשטע פּיאָנערן זיינען געווען אויך גרייט אויף דעם.

און ווען מיר רעדן פון די לערער מוזן מיר אונטערשטרייכן, אַז זיי זיינען פריער קיינמאָל קיין לערער ניט געווען. נאָך מער, מיט דער אויס־נאַמע פון וו. כייטמאַן, האָבן זיי אַלע געקענט וויניק העברעאיש אָדער אי־דיש. די יונגעלייט האָבן אויך פאַרמאָגט זייער וויניק אַלגעמיינע בילדונג. ס'איז דערפאַר צו באַוואונדערן דעם אויסדויער און מוט פון די מענטשן. זיי האָבן געאַרבעט איבער זיך מיט אַלע כוחות, יומם ולילה צו קענען ווערן קוואַליפיצירטע לערער, זיי האָבן פאַר דעם אָפּגעגעבן זייער גאַנצע פריי־ציט און האָבן באַוויזן וואונדער. ווען יואל ענטין האָט אין אַפּריל, 1916, באַזוכט די שול האָט ער אין זיין באַריכט געזאָגט, אַז די לערער זיינען ניט פולקאָם, אָבער בכלל מאַכט די שול אַ גוטן איינדרוק. די לערער, דער גרעסטער צאָל פון זיי, האָט נאָכדעם לאַנג ניט גענומען צו ווערן פולקאָם און צו שטייגן אין זייערע דערגרייכונגען.

די פינאַנציעלע נויטן פון דער שול זיינען אַלעמאָל געווען גרויס. שכר לימוד און מיטגלידער־אָפּצאָל האָבן ניט געקאָנט דעקן די אויסגאַבן און מ'האָט געמוזט מאַכן אונטערנעמונגען און זאַמלען ביישטייערונגען. מ'האָט נאָך ניט געפירט קיין יערלעכע קאַמפּיינען. מ'האָט אַלעמאָל געזאַמלט. און געזאַמלט האָבן ניט נאָר די שול טוער נאָר אויך די לערער. דער געטרייסטער „טים" איז געווען דער „נאַוואַק־צוקער טים". חבר ל. צוקער איז פון דעם ערשטן טאָג פון דער גרינדונג פון דער שול געווען און איז פאַרבליבן עד היום הזה דער געטרייסטער און איבערגעגעבנסטער שול טוער, איינער וואָס האָט אַלעמאָל געטראָגן אויף זיינע פּלייצעס דעם הויפּט־יאָך און הויפּט זאָרג פאַר דער אויסהאַלטונג פון דער שול. קיין שום אַרבעט איז פאַר צוקערן ניט געווען צו שווער און, ווי יעקב איבל שרייבט אין זיין אַרטיקל אין דעם פּרץ שול בוך פון 1938, „ער האָט אַלעמאָל געדינט אַלס ביישפּיל און אינספּי־ראַציע פאַר די אַנדערע שול טוער".

נאָך דער שפּאַלטונג האָט די שול זיך אָנגעהויבן שרעקן פאַר איר ווייַ־טערדיקער עקזיסטענץ. דער אידישער סאָציאַל דעמאָקראַטישער צווייג האָט אויף צו להכעיס די פּועלי ציון, אָפיציעל אינדאָרסירט די שול, אָבער קיין ממשותדיקע הילף איז פון דעם ניט אַרויסגעקומען. זייער סאָציאַליסטישע „סאַנדיי סקול", וואו מ'האָט געלערנט סאָציאַליזם אויף ענגליש, האָבן זיי ניט אויפגעגעבן. סוף מאַי, 1915, צו דער צוויי־יאָריקער עקזיסטענץ פון דער שול, איז ה. נאַוואַק אַרויסגעקומען, אין נאָמען פון דעם שול פאַראיין, מיט אַ פּאַטעטישן אויפרוף צו „אידן, אַרבעטער" און אַפּעלירט צו זיי, אויפ־

צונעמען פריינטלעך די קאָמיטעטן פון דער הויז צו הויז זאַמלונג, וואָס וועט פאָרקומען דעם 30טן מאַי.

אין אויגוסט, 1915, איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָנפערענץ פון 13 אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס. ס׳האָט געבראַכט אַביסל פּרעסטיזש דער שול לגבי דער „קליינבירגערלעכער" פאָלקס שול, ווי די גענאָסן האָבן זי גערופן. אָבער די מאַטעריעלע הילף פון דער קאָנפערענץ איז געווען ניט גרויס.

ווען דער „בילדונגס קאָמיטעט" האָט אָנגעהויבן, אין 1915, צו פּלאַנירן דעם צוזאַמענפאָר פון אַלע נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שולן, האָט נאַוואַק מיטגעטיילט, אַז מאָנטרעאַל וועט ניט זיין פאַרטראַטן ביי דעם צוזאַמענפאָר. ער האָט פאָרגעלייגט צו פאַראייניקן ביידע ריכטונגען און אַז אויפן צוזאַמענפאָר זאָל יעדע ריכטונג האָבן אַ רעכט אַרויסצושטעלן אַ רעפערענט. דער דאָזיקער פאָרשלאָג איז אָבער ניט אָנגענומען געוואָרן פון דעם בילדונגס קאָמיטעט.

אָנפאַנג 1916, האָט דער שול קאָמיטעט, דער פריערדיקער „בילדונגס קאָמיטעט" פון דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד און פועלי ציון, אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף פאַר דעם צווייטן שולן צוזאַמענפאָר. דער שול פאַראיין פון דער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלער שול איז געווען קעגן באַטייליקן זיך אין דעם צוזאַמענפאָר, סיידן די גרונט פּרינציפּן וועלן דיסקוטירט ווערן, ווי עס האָט באַשלאָסן די שול אין טאָראָנטאָ, ספּעציעל די פראַגע וועגן אידיש און העברעאיש. דער שול פאַראיין איז דאָך געווען פאַרטראָטן אויפן צוזאַמענפאָר. דער פאַקט, וואָס די מאָנטרעאַלער פאָלקס שול האָט שוין עקזיסטירט און וואָס די הילף פון די אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס איז געווען אָנטוישנד, האָט אָן צווייפל געהאָלפן די פועלי ציון חברים אין דעם שול פאַראיין אויסצוווירקן, אַז מ׳זאָל זיך באַטייליקן אין דעם צוזאַמענפאָר.

אַזוי ווי דער צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומען דעם קאָמפּראָמיס, אַז כאָטש העברעאיש דאַרף געלערנט ווערן („דאַרף" און ניט „קען"), מוז מען אָבער ניט אָנהויבן גלייך פון אָנפאַנג — זיינען אַלע אידישיסטישע שולן פון קאַנאַדע געוואָרן אַן אינטעגראַלער טייל פון דעם צענטראַלן שולן פאַרבאַנד. די „שול ביורא" אין טאָראָנטאָ איז דאַן צעפאַלן געוואָרן. דער צווייטער שולן צוזאַמענפאָר האָט ניט געבראַכט צו אַ דערנענטערונג פון ביידע טיפּן שולן אין מאָנטרעאַל, אָבער ס׳האָט זיכער געבראַכט צו אַ מער נאָרמאַלער באַציאונג אין דער שול אַרבעט ביי חברים פון דעם פועלי ציון פאַראיין. ס׳האָט לאַנג ניט געדויערט און ס׳איז אפילו געקומען אַ געלעגנהייט פאַר „געאייניקטע אַקציעס".

אין אַ הויז־צו־הויז זאַמלונג אין יוני, 1916 האָבן זיך די פועלי ציון און דער פאַרבאַנד אָפיציעל באַטייליקט [377]. „צוויי שפּראַכיקע" פועלי ציון האָבן גערעדט ביי עפנטלעכע שול מיטינגען צוזאַמען מיט „אידישיסטישע פועלי ציון" וועגן שולן. מ׳האָט זיך אויך געקליבן צו שיקן אַ געמיינשאַפטלעכן קאָמיטעט צו פאָדערן אַ חלק פון שחיטה טעקס. אין יוני, 1916, האָט דער אידיש רעדנדיקער ציוניסטישער פאַראיין אַלט־ניילאַנד גערופן אַ מאַסן־מיטינג צו באַקעמפן די אַרבעט פון די מיסיאָנערן אין דער אידישער געגנט.

דאָרט האָבן אייניקע אָרטאָדאָקסישע רעדנער זיך באַמיט אָריינצושלעפּן די נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שול און די פאָלקס שול אין זייער אַנגריף אויף די קריסטלעכע מיסיאָנערן. זיי האָבן געגעבן דעם איינדרוק, אַז „מיר זיינען איינס מיט די מיסיאָנערן און נאַטירלעך אַן אומגליק". זיי האָט געענטפערט פאַר ביידע שולן, יהודה קויפמאַן[378]. די אָרטאָדאָקסן האָבן זיך אַנגעברוגזט און אַלס פּראָטעסט האָבן זיי פאַרלאָזן דעם מיטינג.

דעם 5טן יולי, 1916, איז אין „קענעדער אַדלער" פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ פּראָטעסט-רעזאָלוציע קעגן די נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע און די פאָלקס שולן, וואָס איז אַנגענומען געוואָרן ביי אַ פאַרזאַמלונג פון „מאָנטרעאַלער פּראָמינענטע בעלי בתים, וואָס האָט שטאַטגעפונדן אין בהכ"נ עדת ישורון". פאַקטיש איז דאָס געווען אַן אויפרוף צו די „ברידער און שוועסטער וועמענס עלטערן האָבן מקבל געווען די תורה אויף דעם באַרג סיני" צו שטיצן „די רעליגיעזע תלמוד תורה, צו שיקן זייערע קינדער אין די רעליגיעזע תלמוד תורה'ס און אַז זיי זאָלן ניט שיקן זייערע קינדער אין די שולן, וואו „אונזערע הייליגע רעליגיאָן ווערט פאַראכטעט און פאַרשפּאָטעט".

די נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שול האָט געפונען פאַר נויטיק אַרויסצוקומען אין „קענעדער אַדלער" מיט אַן ענטפער, דעם 15טן יולי. אין דער דערקלערונג איז געווען אַן אויפקלערונג וועגן דער שולן באַוועגונג, אַ היפּש ביסל אַגיטאַציע, און אַן אַפּלייקענונג, אַז די שול פּרעדיקט און פּראַקטיצירט חלול הדת. די שול האָט אפילו געפונען פאַר נויטיק צו דערקלערן די אָרטאָדאָקסן, אַז „מיר גלויבן, אַז רעליגיע איז אַ פּריוואַט זאַך", אַז מיר ווילן, אַז די קינדער ווען זיי וועלן אויסוואַקסן „זאָלן זיי פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון דעם אַרבעטער קלאַס", און איז אַרויסגעקומען מיט אַ קעגן-באַשולדיקונג, אַז די היגע רבנים האָבן גערודפט די שול זייט איר גרינדונג און, אַז זיי האָבן פאַרגעסן, אַז רבנים דאַרפן „מאַכן אַ גרינטלעכע און אויפריכטיקע אויספאָרשונג, איידער מ'טרעט אַרויס מיט באַשולדיקונגען. מ'האָט אויך געזאָגט די רבנים, אַז זיי דאַרפן וויסן, אַז „זייער ראָל איז אויסגעשפּילט".

דעם 30טן יולי איז געווען געדרוקט אַן ענטפער פון די רבנים, אַז זיי האָבן יאָ חוקר ודורש געווען... אַ ביישפּיל „זייער קאָנווענשאַן איז געווען אום יום טוב, איינער פון די פּראָטאָקאָלן איז געשריבן געוואָרן אום יום טוב". „יום כיפור איז אויסגעשלאָסן פון די הייליקע טעג און דער ערשטער מאַי דאַרף יאָ דערקלערט ווערן פאַר אידישע קינדער אַלס יום טוב" א. א. וו. די רבנים האָבן פּראָטעסטירט קעגן די שאַרפע אויסדרוקן אין דער דערקלערונג פון דער שול און פאַרענדיקט מיט די ווערטער „דרך ארץ, קינדערלעך"...

די נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שול האָט מער קיין דערקלערונגען ניט פאַרעפנטלעכט. די פאָלקס שול האָט אינגאַנצן איגנאָרירט דעם קול קורא פון די רבנים און ניט אַרויסגעגעבן קיין שום שריפטלעכע דערקלערונגען. חבר פּרנס דערציילט, אַז „אונזערע חברים האָבן זיך ניט אָפּגעשראָקן, נאָר אָפּגעענטפערט מיט אַ ריי מיטינגען, וועלכע זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אונטערן

פרייען הימל" [379]). ס'איז אייניקע מאָל געשריבן געוואָרן, אַז ווען די שולן זיינען אויפגעקומען האָבן די קאַנאַדער רבנים זיי אַריינגעוואָרפן אין חרם. דאָס איז אַ ביסל איבערגעטריבן. די רבנים האָבן קיינמאָל ניט דורכגעפירט קיין טראַדיציאָנעלן חרם אויף די שולן. זיי האָבן שאַרף אַגיטירט קעגן די שולן פונקט ווי די שולן האָבן אַגיטירט קעגן די תלמוד תורה'ס. נאָך דעם 1916 אינצידענט האָבן זיך די געמיטער איינגעשטילט. די פאַראייניקונג אַרום מלחמה הילפס אַרבעט און דעם קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס האָבן געמאַכט פאַרגעסן די מחלוקה און ה. נאַוואק און דער ראש פון מאָנטרעאַלער ועד הרבנים האָבן ווידער געקאָנט זיצן ביי איין טיש און האַנדלען פאַראייניקט אין אַלגעמיינע אידישע ענינים.

אין די אויסגאַבן פון דער שול און אין דעם „קענעדער אַדלער" האָבן מיר ליידער ניט געפונען קיין גענויע אינפאָרמאַציע וועגן די לימודים, וועלכע אונזערע חברים האָבן דעמאָלט איינגעשטעלט אין דער שול. מיר האָבן אָבער געפונען אַ באַריכט פון ה. נאַוואק אין דעם מאָנטרעאַלער וואָכנבלאַט „דאָס פאָלק", פון 27טן יולי, 1917, וועגן די עקזאַמענס וואָס זיינען דערפאָלגרייך אָפּגעהאַלטן געוואָרן צווישן דעם 22טן יוני און 18טן יולי, 1917, אין די קלאַסן 2, 3, 4 און 7 און וואָס מ'האָט געלערנט אין די דאָזיקע קלאַסן. מיר ציטירן פון דעם דערמאָנטן וואָכנבלאַט, ווייל דאָס גיט אַ בילד פון דער שול אַרבעט און ווייזט ווי אזוי די שול־פּראָגראַם איז דורכגעפירט געוואָרן.

„דער קורס פון די לימודים פאַר די דערמאָנטע קלאַסן איז ווי פאָלגט:

אין קלאַס 2, ד. ה. דאָס צווייטע האַלב־יאָר, וואָס די קינדער לערנען אין שול און דאָס צווייטע האַלב־יאָר פון לערנען אידיש, ווערט דער לימוד ווייטער פאַרטגעזעצט. די קינדער הויבן דאָ שוין אָן צו שרייבן אַליין לייכטע קאָמפּאָזיציעס, לייענען העברעאיש (עברית), דערוויל נאָר די ווערטער, וועלכע קומען אַריין אין אידיש, זיי לייענען שוין אויך אַליין קליינע מעשה'לעך. צו דעם העלפט אונז פיל דער קינדער זשורנאַל „די אידישע קינדער וועלט". אַלס אַ פאַרברייטונג צו דער אידישער געשיכטע לייענט דער לערער פאַר דעם קלאַס אידישע לעגענדעס און אַש'ס מעשה'לעך פון חומש.

„אין קלאַס 3 ווערן די זעלבע לימודים פאַרטגעזעצט אין אַביסל אַ העכערן מאַסשטאַב.

„פאַר דעם קלאַס 4, וועלכער ווערט שוין באַטראַכט אַלס אַ העכערער קלאַס, איז דער קורס שוין אַ שווערער און קאָמפּליצירטער. דער לימוד אין דעם קלאַס דויערט שוין אַ יאָר. דאָ הויבן די קינדער שוין אָן צו לערנען די אידישע געשיכטע סיסטעמאַטיש, העברעאיש, העכער אידיש, גראַמאַטיק און קאָמפּאָזיציע. דער העברעאישער עלעמענט אין אידיש — דאָס לעצטע לערנען מיר דורך אַ ספּעציעלן ווערטער־בוך. אַלס אַריינפיר צו ליטעראַטור ווערט, חוץ דעם וואָס די קינדער לערנען פון דער כרעסטאָמאַטיע „פון אידישן קוואַל", אויך פאָרגעלייענט שלום אַש'ס „קיין אַמעריקע" און שלום עליכמ'ס „מאָטל פייסי דעם חזנ'ס".

„די קינדער לערנען אויך די באַדייטונג פון אַלע אידישע ימים טובים, אַריינגערעכנט אויך דעם ערשטן מאַי.

„אין קלאַס 5 ווערן די זעלבע לימודים פאָרטגעזעצט.

„אין קלאַס 7, וועלכער איז באַשטאַנען לעצטן יאָר פון 11 שוין דערוואַקסענע קינדער, איז דער קורס געווען אַ גאַנץ שווערער; די הויפּט לימודים אין קלאַס זיינען געווען די אידישע געשיכטע און ליטעראַטור. עס איז אויך געלערנט געוואָרן: קאָמפּאָזיציעס, העברעאיש, תנ״ך און קולטור־געשיכטע.

„די עקזאַמענס פאַר קלאַס 7 זיינען דערווייל געווען נאָר אין געשיכטע און ליטעראַטור. פון געשיכטע, וועלכע די קינדער לערנען שוין דאָס דריטע יאָר, איז דער קורס היי־יאָר געווען זייער אַ שווערער. דורך איין יאָר צייט איז געלערנט געוואָרן די געשיכטע פון די אידן אין די אייראָפּעאישע לענדער, ביז די 80ער יאָרן. אין ליטעראַטור איז געלערנט געוואָרן די שריפטן פון מענדעלען, שלום עליכמען און פּרצן. עס איז אויך געלערנט געוואָרן די אידישע דראַמע און פּאָעזיע.

„ווי שוין דערמאָנט איז דער דערפאָלג פון די עקזאַמענס זייער אַ דער־פרייענדיקער. די קינדערלעך פון אַלע קלאַסן האָבן גאַנץ גוט געקענט אַלע לימודים און האָבן גוט און קלוג געענטפערט אויף די פראַגן פון דעם לערער און די עקזאַמינאַטאָרס, מיטגלידער פון דעם עדוקאַציאָנס קאָמיטעט. באַזונדערס שטאָלץ זיינען מיר אַלע מיט דעם קלאַס 7.

„די קינדער דאַרפן נאָך עקזאַמינירט ווערן אין קאָמפּאָזיציע, גראַמאַטיק, העברעאיש און תנ״ך. די עקזאַמען קאָמפּאָזיציעס זיינען: א) אַ שיין בלעטל אין דער אידישער געשיכטע און ב) די גרונט יסודות פון מענדעלע׳ס, שלום עליכמ׳ס און פּרצ׳ס שאַפן.

„דעם פולשטענדיקן סיום פון קלאַס 7 דענקען מיר צו פייערן ביי אונזער קומענדיקן סוכות־קאָנצערט. מיר זיינען זיכער, אַז דאָס וועט זיין אַ יום־טוב פאַר דער גאַנצער היגער פּראָגרעסיווער אידישער באַפעלקערונג. עפּעס זיינען מיר דאָך ערשט די דריטע שול אין גאַנץ אַמעריקע, וועלכע דערלעבט שוין צו אַ סיום!״

אין יאָר 1917 האָט מען אויך איינגעפירט דאָס לערנען פון פאָלקס טענץ אין דער שול. ווען מ׳האָט געפייערט די ערשטע גראַדואירונג האָט מען געבראַכט דוד פּינסקין אַלס גאַסט. דאָס איז, אגב, געווען זיין ערשטער באַזוך אין מאָנטרעאל. די גראַדואירונגס צערעמאָניע איז דורכגעפירט געוואָרן מיט גרויס פּאַראַד. די פאָלקס־טענץ זיינען געווען צווישן די נומערן ביי דעם גראַדואירונג קאָנצערט. די ערשטע גראַדואירונג פון די קינדער, ווי אויך די שפּעטערדיקע גראַדואירונגען, זיינען געווען יום טובים פון דער ערשטער מדרגה ניט נאָר ביי די שול טוער, נאָר אין גאָר ברייטע קרייזן פון דער שטאָט. אין זיינע זכרונות שרייבט ה. נאָוואַק: „עס האָט זיך אונז אין אונזער יונגקייט און גרינקייט געדוכט, אַז יעדער אַרויסלאָז אונזערער וועט צוברענגען אַ נייעם דור פון אידישע קולטור קעמפער און קולטור שאַפער.

עס האָט זיך אונז געדוכט, אַז מיר זיינען די באַלעבאַטים פון לעבן, אַז דאָס וואָס מיר מיינען וועט טאַקע דורכגעפירט ווערן, דערפאַר די פרייד די גרויסע, דערפאַר די פול האַרציקע התרוממות״ [380].

אין 1917—1918 האָט מען דורכגעפירט אַ קאַמפּיין. מ׳האָט געשאַפן צווישן דעם 1טן דעצעמבער, 1917, ביזן 30טן מאַי, 1918, אַ סומע פון אַרום 3400 דאָלער און מ׳האָט געקויפט אַן אייגן דריי־שטאָקיק הויז אויף 834 קעדזשי גאַס. אין דער סומע זיינען אויך אַריין הלואות פון חברים פון דעם הויז קאָמיטעט, וואָס האָבן באַטראָפן 847 דאָלער... ה. נאַוואַק דערמאָנט אין דעם 1918 סואווענירבוך פון דער שול, די געטרייע איבערגעגעבענע אַרבעט פון אייניקע מיטגלידער פון דעם הויז קאָמיטעט, ווי פּריינט מ. ראָזענטאַל, פינאַנץ סעקרעטאַר און קאַסירער פון הויז קאָמיטעט, ל. צוקער, לעווין, גאָלד, טענענבוים, י. פּאַטעל און אנדערע. אויך ה. הערשמאַן, וו. באַראַנאָווסקי, הערמאַן, די קייזערמאַנס האָבן געהאָלפן. ה. נאַוואַק שרייבט אויך: „געעפנט די שול האָבן מיר אָרים, אָן פינאַנציעלע מיטלען און אויסזיכטן, און איצט איז אונזער שול די גרעסטע אידישע שול אין שטאָט. 500 קינדערלעך לער־נען ביי אונז! און ניט בלויז אין שטאָט, זי ווערט גערעכנט אַלס איינע פון די בעסטע און איז טאַקע די גרעסטע נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שול פון גאַנץ אַמעריקע״ [381].

די פייערונג פון דעם חנוכת הבית איז געווען אַ גרויסער יום טוב. אַ ספּעציעלע מאָנטרעאַלער אויסגאַבע פון „קעמפער״ איז אַרויסגעגעבן גע־וואָרן. ה. נאַוואַק האָט אין זיינע זכרונות פאַרגליכן די שמחה פון די חברים, צו שמחת בית השואבה. מ׳האָט געהוליעט ביזן ווייסן טאָג. „חבר פּיניע מהרם איז געווען דער ממונה אויףביידע זאַכן, אי אויפן י״ש און אי אויף די חסידישע האָפּקעס״... מיר האָבן פריער דערמאָנט די סומע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן צו קויפן דאָס הויז. אין דעם 1918 סואווענירבוך געפינען מיר אַ פינאַנציעלן באַריכט פון דער לויפנדער הכנסה און הוצאה פאַרן יאָר 1917. דער סך הכל פון דער איינגאַמע איז געווען אַרום 3700 דאָלער, פון דער סומע איז 1775 דאָלער אַריינגעקומען פון שכר לימוד, אַרום 560 פון מיטגליד־אָפּצאָל און 335 דאָלער זיינען געווען דאָנאַציעס, און אַרום 1270 דאָלער איז געווען ריינע הכנסה פון אונטערנעמונגען. ס׳איז אינטערעסאַנט, אַז דער געהאַלט פון דעם פּרינציפּאַל און אַלע לערער אין 1917 האָט באַ־טראָפן 2260 דאָלער. דאָס באַווייזט, וואָס פאַר אַ בייטראַג זיי האָבן געמאַכט צו דעם אויפבוי און אויפהאַלט פון דער שול.

מיט דעם איבערקלייבן זיך אין דעם נייעם אייגענעם הויז איז די שול געוואָרן אַ טעגלעכע נאָכמיטאָג־שול. ביז 1918 האָט מען נאָך אַלץ געלערנט 3 מאָל אַ וואָך. די עלטערע קלאַסן האָבן געלערנט פיר מאָל אַ וואָך [382]. אַרום יענער צייט זיינען צווישן די לערער פון דער שול געווען אויך (דר) שלמה גאָלד, י. י. סיגאַל, און פריידל שערב. אין 1918, האָט מען איינגע־פירט, לויט דעם באַשלוס פון דעם דריטן שולן צוזאַמענפאָר אין סיראַקיוז, אַ זעקס יאָריקן קורס, אנשטאַט דעם פריערדיקן 7 יאָריקן קורס. לויט דעם

באַשלוס פון דעם זעלבן צוזאַמענפאָר האָט מען אויפגעגעבן דעם נאָמען „נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שול". די מאָנטרעאַלער שול האָט פאַר אַ שטיקל צייט זיך גערופן י. ל. פרץ פאָלקס־שול. כדי ניט צוזאַמענצומישן די שול מיט דער עקזיסטירנדיקער פאָלקס שול האָט די שול אָנגענומען דעם קורצן נאָמען: אידישע פרץ שול.

די פרץ שול האָט פאָרטגעזעצט איר ווייטערדיקע אַרבעט מיט גרויס דערפאָלג. די צווייטע גראַדואירונג איז פאָרגעקומען אין 1920. איינער פון די גרעסטע אויפטוען פון דער שול אין דעם צייט־אָפשניט וועלכן מיר באַהאַנדלען, איז געווען די נאַציאָנאַליזירנדע ווירקונג פון דער שול אויף דער אידישער אַרבעטער גאַס און איר גרויסע השפעה אויף פיל אידיש ריידנדיקע געגנאָטן. די שול האָט זיי דערנענטערט צו די אידישע נאַציאָנאַלע פראַגן און האָט אַזוי אַרום געהאָלפן דער פאַרטיי צו ברעכן די העגעמאָניע פון די אַסימילאַטאָרישע געגנאָסן אין די אידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס. די שול האָט אויך, ווי חבר ל. צוקער האָט געזאָגט, אין דעם פרץ שול בוך פון 1938, ניט נאָר געגעבן אַ פּראָגרעסיווע דערציאונג צו טויזנטער קינדער, נאָר האָט זוכה געווען, אַז אַ „גאָר גרויסער טייל פון אירע גראַדואירטע זיינען אמת־אידישע פאָלקס אינטעליגענטן. די פּיאָנערן אַרבעט פון דער פרץ שול, אירע לערער און טוער איז פון גרויסער היסטאָרישער באַדייטונג".

מיט דעם אָפּפאָר פון ה. נאָוואַק, אין אָנהויב פון די צוואַנציקער יאָרן, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, איז געקומען אַ קריזיס אין דער פרץ שול. די אַנדערע ערשטע לערער זיינען נאָך פריער אַוועקגעפאָרן. אין 1922 האָט דער יהואש צווייג 8 פון דעם פאַרבאַנד איבערגענומען פאַר אַ שטיקל צייט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די פינאַנצן פון דער שול. אָבער דאָס געהערט שוין צו דער שפּעטערדיקער געשיכטע פון דער באַוועגונג און איר שולוועזן. ס'דאַרף אָבער דאָ געזאָגט ווערן, אַז אין מיטן פון די צוואַנציקער יאָרן איז אָנגעקומען פון פוילן חבר יעקב זיפער, וועלכער איז געווען אַ דערפאַרענער פּעדאַגאָג און איז געוואָרן דער פּרינציפּאַל פון דער שול. אונטער זיין לייטונג האָט די פרץ שול אָנגעהויבן לערנען העברעאיש פונם צווייטן יאָר און האָט פאָרטגעזעצט צו מאַכן אַ ווירדיקן ביישטייער צו דער מאָדערנער אידישער דערציאונג און די פּראָגראַם פון דער שול איז פיל געענדערט געוואָרן. היינט־צו־טאָג איז העברעאיש אין דער פרץ שול, ניט מער אַ הילפס־מיטל צו אידיש, „נאָר אַ שפּראַך, וואָס אויף איר איז געשאַפן געוואָרן די אַלטע אידישע קולטור און אויך היינט ווערט אויף איר געשאַפן און געלעבט אַ נייַ לעבן" [383]). די איצטיקע צאָל פון תלמידים אין דער טאָג־שול און די אָוונט־שולן איז אַרום זעקס הונדערט און זי איז, ווי אין די אַמאָליקע צייטן, איינע פון די וויכטיקסטע דערציאונגס אַנשטאַלטן פון דער באַוועגונג.

די אידישע פאָלקס שול אין מאָנטרעאַל

ווי שוין דערמאָנט, איז דער באַשלוס צו גרינדן די פאָלקס שול אָנגענומען געוואָרן ביי דעם מאָנטרעאַלער פּועלי ציון פאַראיין, נאָך דער שפּאַל־

טונג, וואָס איז פאָרגעקומען אַרום סעפּטעמבער, 1914. דער פאַראיין האָט אויסגעקליבן אַ קאָמיטעט דורכצופירן דעם דאָזיקן באַשלוס. דער קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון די פאָלגנדע חברים: מ. דיקשטיין, ז. וואָלאָפסקי, ד. ה. לאַזאַרוס, א. מייבערג, מ. מייבערג, ל. מעלצער, א. עסנער, מ. עפּשטיין, א. פּרנס און יהודה קויפמאַן[384]). דער שול קאָמיטעט האָט זיך באַשעפטיקט מיט דעם ענין פאַר אַ לאַנגער צייט. מסתמא זיינען אַנטשטאַנען שוועריקייטן צוליב דעם אויסברוך פון קריג, אָדער אַנדערע סיבות.

ענדלעך האָט דער קאָמיטעט פאַרעפנטלעכט אַן אויפרוף, ריכטיקער געזאָגט אַ דעקלאַראַציע, „צו די מאָנטרעאַלער אידישע בעלי בתים". דער אויפרוף איז געשריבן געוואָרן פון יהודה קויפמאַן. מען קאָן דאָס אפילו דערקענען פון דעם סטיל. אזוי ווי דער אויפרוף איז געווען ווי אַ פּרינציפּן־דערקלערונג און ווי אַ פּראָגראַם פון לימודים, גיבן מיר דאָ, מיט קליינע אָפּקירצונגען, דעם דאָזיקן, באמת היסטאָרישן, דאָקומענט:

„מיר קומען אייך היינט אָנזאָגן אַ בשורה. מיר ווייסן, אַז די ברענענדיקסטע און אויך די שווערסטע לעבנס פראַגע ביי אייך איז, — ווי און וואו אייערע קינדער צו דערציען. ווי און וואו צו דערציען זיי אזוי, אַז זיי זאָלן אויסוואַקסן געטרייע קינדער צו זייער פאָלק, אַז די גרויסע רייכע אידישע קולטור פון טויזנטער יאָרן, אין פאַרשידענע לענדער, זאָל זיי ניט בלייבן פרעמד, אַז די ליידן און פריידן פון אונזער פאָלק זאָלן זיין זייערע און אַז זיי זאָלן זיין פאַרבאַרייט מיט אַלע גייסטיקע כלי־זין צו פירן דעם שווערן אידישן לעבנס־קאַמף. ווי און ווי אזוי צו דערציען זיי, אַז זיי זאָלן אויסוואַקסן פרייע מענטשן מיט פרייע געדאַנקען און פרייע נשמות און די אוצרות פון דער וועלט זאָלן פאַר זיי זיין אָפן, אַז די אידעאַלן פון דער בעסערער מענטשהייט זאָלן זיין זייערע און אַז זיי זאָלן קריגן די ליבע, דעם מוט און דעם שטאָלץ צו קעמפן פאַר די דאָזיקע אידעאַלן.

„אויף די אַלע שווערע פראַגן וועט פּראָוון געבן אַ ריכטיקן ענטפער די נייע שול, וואָס מיר האָבן באַשלאָסן צו גרינדן דאָ אין מאָנטרעאַל, אונטער דעם נאָמען: די אידישע פאָלקס שול (בית ספר עממי יהודי).

„די אידישע פאָלקס שול שטעלט זיך אַלס איר ערשטע אויפגאַבע צו דערציען דאָס אידישע קינד אין אַ געזונטן נאַציאָנאַלן גייסט, פאַרבינדן עס מיט זיינע ברידער אידן פון אַלע צייטן און לענדער, באַקענענדיק עס מיט די הויפּט־יסודות פון דער אידישער קולטור. דיזען ציל גלויבן מיר צו ערייכן דורך אַ נאַציאָנאַלן אונטערריכט אין אידיש און העברעאיש.

„ביידע שפּראַכן וועלן געלערנט ווערן פון די ערשטע קלאַסן אָן...
די פאָלקס געשיכטע וועט געגעבן ווערן אין דער ריכטיקער באַלייכטונג...
מ׳וועט ווידמען פיל אויפמערקזאַמקייט דעם אידישן פאָלקלאָר פון אַלע צייטן... מ׳וועט דירעקט און אומדירעקט לערנען די קינדער די גרונט־פּרינציפּן פון דער אידישער מאָראַל: דירעקט — דורך דער נביאים ליטעראַטור, דער אגדה, אויסצוגן פון מוסר־ספרים (אין אידיש און העברעאיש)

און פון חסידות; און אומדירעקט — דורך דער פאָלק־לעגענדע און דורך די ביאָגראַפיעס פון די גרויסע אידישע פאָלקס־העלדן.

„די צווייטע אויפגאַבע וועט זיין צו דערציען דאָס אידישע קינד אינם גייסט פון ליבע צו פרייהייט, אינדיווידועלער זעלבסטשטענדיקייט און געזעלשאַפטלעכער גערעכטיקייט, פאַרבינדנדיק עס מיט אַלע ליידנדיקע און קעמפנדיקע פון אַלע צייטן, אין אַלע לענדער.

„.... צוליב דעם איז נויטיק צו באַקענען די קינדער מיט דער נאַטור און דער נאַטור וויסנשאַפט... די גרויסע דערפינדונגען און אַנטדעקונגען... די געשיכטע פון אונטערדריקטע פעלקער און מאַסן, וואָס האָבן געקעמפט פאַר ברויט, רעכט און פרייהייט, וועט די קינדער באַקאַנט מאַכן מיט די אידעאַלן פון דער מענטשהייט.

„.... מיר ווילן האָפן, אַז דאָס קינד וואָס וועט ענדיקן די שול, וועט מיט לייב און נשמה זיין איבערגעגעבן צו די ברייטע פאָלקס מאַסן, וועט שטענדיק בלייבן אינם פאָלק, ליבן דאָס פאָלק, און קעמפן פאַרן פאָלק.

„פון אייך אידישע עלטערן פאַרלאַנגען מיר נאָר איין זאַך: אויב איר זייט איינשטימיק מיט אונזערע אידעען וועגן דערציאונג, קומט אונז העלפן בויען די אידישע פאָלקס שול.

מיט גרוס
די קאָמיטע
(פון די מאָנטרעאַלער פועלי ציון)״ [385].

נ. ב.

„די שול וועט זיך עפענען אין חודש סעפּטעמבער אין דאַון טאַון פון מאָנטרעאַל. קינדער קאָן מען שוין פאַרשרייבן אין אָפיס פון דער אידישער פאָלקס שול, 579 מיין סטריט (סיגעל שיפסקאַרטן אָפיס) טעלעפאָן איסט 1991. אונזערע מיטגלידער וועלן זיצן אין אָפיס טעגלעך פון 12 ביז 2 און פון 6 ביז 8 אָוונט, צו פאַרשרייבן קינדער און געבן באַקאַנט צו מאַכן אונזער פּראָגראַם״ [386].

דער אויפרוף האָט זייער שטאַרק אויפגערעגט די יעניקע אָנהענגער פון דער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלער שול, וועלכע זיינען ניט געווען קיין חברים פון דער פּאַרטיי און וועלכע האָבן דאָ געפונען אַ געלעגנהייט צו אַטאַקירן די „רעאַקציאָנערן״ אין דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג. זייער הויפּט־טענה איז געווען, אַז אויב מען וועט גרינדן אַ צווייטע שול אין דעם זעלבן געגנט — אין דעם העכערן טייל פון דער „איסט סייד״, וועט דאָס זיין אַ קאָנקורענץ צו דער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלער שול. אין אַ בריוו פון 26טן יולי, 1915, געדרוקט אין „קענעדער אָדלער״, טענהט זיך חבר משה דיקשטיין אויס מיט די גענאָסן, וועלכע זיינען פלוצים געוואָרן אידישע נאַציאָנאַליסטן. ער האָט אויך שטאַרק אַטאַקירט דעם נאַציאָנאַל ראַדיקאַלן שול פאַראיין פאַר ניט אָנשליסן זיך אָן דעם צענטראַלן שול פאַרבאַנד.

ס'איז געווען נאַטירלעך, אַז דער גרינדונגס קאָמיטעט זאָל פריער פאַר אַלץ אָרגאַניזירן אַ פאָלקס שול פאַראיין, אַריינציען אַלע חברים פון דער באַוועגונג, וועלכע האָבן געוואָלט האָבן אַ פאָלקס־שול און אויך צוציען פון דעם אַלגעמיינעם עולם אַלע סימפאַטיקער און אָנהענגער פון אַ מאָדערנער פראָגרעסיווער דערציאונג לויטן פראָגראַם פון דעם שולן פאַרבאַנד פון די פועלי ציון. האָט מען גערופן, אויף סוף יולי, אַ פאַרזאַמלונג צו גרינדן דעם פאָלקס־שול פאַראיין. מיר גיבן דאָ דעם באַריכט פון דעם זייער וויכטיקן צוזאַמענקום, וואָס האָט געבראַכט צו דער דערעפענונג פון דער פאָלקס שול.

„ביי אַ פול געפאַקטן האל, אויף 29 פרינס אַרטור סט. איסט, איז פאַריקן זונטיק געגרינדעט געוואָרן „דער פאַראיין אידישע פאָלקס שול". יהודה קויפמאַן האָט געהאלטן א רעפעראט „אידישע דערציאונג". חבר מעלצער האָט דערקלערט די גרויסע וויכטיקייט צו עפענען אַ שול דאון טאון — אין דעם נידעריקן טייל פון שטאָט. עס געפינען זיך הונדערטער און הונדערטער אידישע קינדער, וואָס האָדעווען זיך און וויסן גאָרניט, אַז זיי זיינען אידן און די מערסטע פון זיי, (אידישע קינדער) געפינען זיך נאָך דאון טאון". מעלצער האָט אָפגעלייקנט די קלאַנגען, אַז די פאָלקס שול וועט זיין אַ קאָנקורענץ פון ביזנעס שטאַנדפונקט, קעגן דער פרץ שול. די שול וועט זיין אַ ריין אידעאַליסטישע. אויב זי וועט קאָנקורירן מיט דער שוין עקזיסטירנדיקער שול, וועט די קאָנקורענץ באַשטיין פון אַ ריין פרינציפיעלער זייט, דאָס הייסט, אויפן געביט פון לערנען. „די עלטערן וועלן זיין די ריכטער, אין וועלכער שול די פראָגראַם פון די לימודים וועט זיין אַ ריכטיקע. וועלכע שול עס וועט זיין בעסער, וועט האָבן די באַרעכטיקונג אויף דער אידישער גאַס". חבר משה דיקשטיין האָט גערעדט וועגן דער נויטווענדיקייט פון גרינדן אַ פאַראיין, וואָס זאָל אויף זיך טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער שול. ער לייענט פאָר די גרונט פרינציפן פון דער שול און ווייזט דערביי אָן, אַז אזוי ווי די שול איז אַ צווייג פון דעם צענטראַלן שול פאַרבאַנד פון אַמעריקע און קאַנאַדע, קענען די דאָזיקע גרונט יסודות געענדערט ווערן נאָר אויף דער יערלעכער קאָנפערענץ פון דעם דאָזיקן פאַרבאַנד. אויפן אַפיל האָבן זיך אָנגעשלאָסן פיל אָנוועזנדיקע, אַלס מיטגלידער פון דעם שול פאַראיין.

אַלס פאָרזיצער פון דער ערשטער אָרגאַניזיר פאַרזאַמלונג פון פאַראיין ווערט דערוויילט חבר ל. מעלצער. העכער 50 חברים האָבן אנטיילגענומען אין דער פאַרזאַמלונג. עס זיינען אָנגענומען געוואָרן די פאָלגנדיקע באַשלוסן: די שול זאָל געעפנט ווערן ניט שפעטער ווי דעם 1טן סעפטעמבער; די מיטגלידער זאָלן איינגעטיילט ווערן אין אַקטיווע און פאַסיווע, מיטגליד־אָפצאָל איז ניט ווייניקער ווי 10 סענט אַ חודש; די רעגולערע וועכנטלעכע מיטינגען זאָלן פאָרקומען יעדן מאָנטיק אָוונט. דאַן זיינען פאָרגעקומען וואַלן. יהודה קויפמאַן איז דערוויילט געוואָרן אַלס שול סעקרעטאַר, חבר מייבערג, פינאַנץ סעקרעטאַר, חבר א. עסנער, פראָטאָקאָל סעקרעטאַר [387]). א. פרנס איז, דוכט זיך, געווען דער ערשטער קאַסירער.

דער פועלי ציון גרינדונגס קאָמיטעט און אַלע חברים, וואָס האָבן זיי געהאָלפן, האָבן זיך אַריינגעוואָרפן מיט אויסערגעוויינלעכן ענטוזיאַזם און מיט אומגעהויערער עקשנות אין דעם אויפבוי פון דער פאָלקס שול. סוף אויגוסט, 1915, האָט יהודה קויפמאַן באַריכטעט צו דער צענטראַלע אין ניו יאָרק, אַז דער שול פאַראיין ציילט איבער 100 מיטגלידער. וועכנטלעכע מיטינגען ווערן באַזוכט דורך 40—50 מענטשן. חברים פאַרבן, רוימען און טוען אַנדערע אַרבעטן פאַר דער שול אומזיסט. ער האָט אויך באַריכטעט, אַז זיי האָבן שוין 20 קינדער. חברים דערציילן, ווי אַזוי יהודה קויפמאַן פלעגט זיצן אויף אַ פעסל אין דעם אויבנדערמאָנטן סיגעלס געשעפט און פלעגט מיט התלהבות רעגיסטרירן די קינדער.

רעדנדיק וועגן דעם פועלי ציון גרינדונגס קאָמיטעט קאָנען מיר זיך ניט צוריקהאַלטן פון וועלן ציטירן פון אברהם פּרנס׳עס זכרונות: „זאָל איך דערציילן ווי אַזוי צען חברים, מיט אַ קליינער אויסנאַמע, אַלע גרינע און יונגע הברים, מיט חבר יהודה קויפמאַן בראש, מיט אַ קאַפּיטאַל פאַר וועלכן מ׳קאָן קוים קויפן אַ לייטיש בענקל פאַר אַ שול, האָבן באַשלאָסן צו עפענען אָט די איצט בליענדיקע פאָלקס שול? זאָל איך באַשרייבן די שטורמישע מיטינגען, וועלכע זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן איידער דער באַשלוס צו עפענען די נייע שול איז אָנגענומען געוואָרן? אַ גרופּע, פון וועלכער די מערסטע האָבן ניט פאַרמאָגט מער ווי אַן אייזערנעם ווילן און אַ פייערדיקן ענטוזיאַזם — זיי האָבן אויסגעשמידט דעם פונדאַמענט, אויף וועלכן ס׳שטייט איצט דער שיינער בנין" [388].

די חברים האָבן זיך מער ניט געדאַרפט אַמפּערן צי מ׳זאָל יאָ זינגען „התקוה" אין דער שול, צי ניט, צי העברעאיש איז אַ „רעאַקציאָנערע" שפּראַך. מ׳האָט מער ניט געדאַרפט דיסקוטירן ציוניזם אָדער גלות נאַציאָנאַליזם א. א. וו. „די ערשטע טרעגער פון דער פאָלקס שול באַוועגונג האָבן אויסגעאַרבעט אַן אידעאָלאָגיע, וועלכע איז געווען באַזירט אויף די נאַציאָנאַלע און סאָציאַל קולטורעלע נויטן פון דער צייט, ווי זיי האָבן זיי דאַן פאַרשטאַנען און אויף די חלומות, וועלכע האָבן זיי באַזעלט" [389].

„די פאָלקס שולן האָבן ביי זייער גרינדונג אַריינגענומען דעם סאָציאַליסטישן ציוניזם אַלס גרונט־יסוד אין זייער פּראָגראַם. זיי האָבן זיך אונטערגענומען צו דערציען די יוגנט אויף דעם אידעאַל פון דעם אויפגעלעבטן אידישן פאָלק אין ארץ ישראל, אויף די יסודות פון אַרבעט און פון סאָציאַלער גערעכטיקייט" [390]. דערמיט קאָן מען דערקלערן פאַרוואָס די חברים האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט פאַר דער שול מיט אַזאַ רעליגיעזן עקסטאַז.

די שול איז דערעפנט געוואָרן זונטיק, דעם 29טן אויגוסט, אין 502 סט. אורביין גאַס [391]. לויט אַ שפּעטערדיקער מעלדונג קומט אויס, אַז די שול איז געעפנט געוואָרן אָנהויב אָקטאָבער, 1915 אין 502 סט. אורביין גאַס. אַרום דעם 18טן אָקטאָבער האָט שוין די שול געהאַט העכער 100 קינדער מיט 8 קלאַסן און 8 לערער [392].

ס׳וועט דאָ זיין אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז ווי נאָר די נייע טעגלעכע צייטונג, „דער וועג״ האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אין מאָנטרעאַל, אין אָקטאָבער, 1915, האָט דער פּועלי ציון פאַראיין פאַרעפנטלעכט אַ דערקלערונג אין דער צייטונג: „מיר, די אידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער פּאַרטיי פּועלי ציון, מאַכן באַקאַנט דעם מאָנטרעאַלער פּובליקום, אַז מיר זיינען ניט מער פאַרטראָטן אָפיציעל אין דער היגער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלער שול״. אַזאַ דערקלערונג איז געדרוקט געוואָרן אין „קענעדער אַדלער״ מיט איבער אַ יאָר פריער. צוליב וואָס האָט מען געדאַרפט דרוקן נאָכאַמאָל אַזאַ דערקלערונג? ניט אַנדערש, אַז די חברים האָבן געוואָלט אויסנוצן די דערשיינונג פון דער נייער צייטונג צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון מאָנטרעאַלער פּובליקום צו דער פאָלקס שול, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פון דעם פּועלי ציון פאַראיין. פיל האָבן טאַקע גערופן די פאָלקס שול — די פּועלי ציון שול.

יהודה קויפמאַן איז געווען ניט נאָר סעקרעטאַר, נאָר אויך דער גייסטיקער פירער און פּרינציפּאַל פון דער שול. קויפמאַן האָט געאַרבעט אָן געצאָלט. אַלע לערער האָבן געאַרבעט אומזיסט. די ערשטע פרייוויליקע לערער זיינען געווען: מ. דיקשטיין, ל. מעלצער, י. מיכלין, י. ראַכלענקאַ, זעלדע אַקערמאַן, א. עסנער, מ. עפּשטיין, מייבערג. נאָר איין לערער, א. ש. זאַכער, אַ גראַדואירטער פון די גראַדנער לערער קורסן און מיט דערפאַרונג אין אַ מאָנטרעאַלער תלמוד תורה, איז דאַמאָלט אָנגעשטעלט געוואָרן אויף גאַנצע 25 דאָלער אַ חודש. ער האָט שוין געדאַרפט אויך איבערנעמען די אַרבעט פון טעכנישן סעקרעטאַר, לערער, קאָלעקטאָר א. א. וו.

דער בודזשעט איז דעמאָלט באַשטאַנען אינגאַנצן פון 50 דאָלער אַ חודש. שכר לימוד האָט מען גערעכנט 10 סענט אַ וואָך, אויב ס׳איז געווען אַ הויז מיט 3 קינדער האָט מען גערעכנט 25 סענט[393]. דאָס ערשטע האַלבע יאָר פון איר עקזיסטענץ האָט די שול ניט אַראַנזשירט קיין שום אונטערנעמונגען כדי ניט אַרויסצורופן קיין פּראָטעסט, „אַז עס איז אַן אָפּאָזיציע שול צו דער שוין עקזיסטירנדיקער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלער שול. דאָס אויסהאַלטן די שול איז דעריבער געפאַלן אויף די אייגענע חברים״[394]. מרים מעלצער דערציילט אין אירע זכרונות: „ס׳ליגט נאָך גוט אין זכרון, ווי מען פלעגט שלעפּן עמערס קוילן אַנצוואַרימען די שול, אָפּגעבן די לעצטע פּאָר דאָלער צו באַצאָלן דירה געלט פאַר דער שול און פאַר באַלייכטונג, און אויף מאָרגן האָט מען געדאַרפט פאַר זיך אַליין לייען אַ פּאָר סענט״[395].

די איינגאַמע פון דעם ערשטן אויגוסט ביז דעם 2טן נאָוועמבער, 1915, איז באַשטאַנען פון 211.15 דאָלער, פון וועלכע 90 דאָלער זיינען געווען געבאָרגטע (40 דאָלער געליען פון חברים און 50 דאָלער פון אַ הלוואה), 13.35 פון שכר לימוד, 43.40 מיטגלידער אָפּצאָל, 19 דאָלער דאָנאַציעס, איינשליסנדיק 5 דאָלער פון דעם פּועלי ציון יוגנט קלוב. דאָס איבעריקע געזאַמלט אויף אַ חתונה, רענט פון דעם פּועלי ציון פאַראיין פאַר באַנוצן די צימערן פאַר מיטינגען, א. א. וו.[396]. די חברים האָבן דאַן ניט געחלומט,

אַז זיי וועלן דערגיין צו דעם איצטיקן בודזשעט פון 135 טויזנט דאָלער אַ יאָר (שול־יאָר 1953—1954)...

יהודה קויפמאַן האָט אַריינגעלייגט אומגעהויער פיל אַרבעט צו מאַכן פון דער פאָלקס שול אַ דערציאונגס אַנשטאַלט פון דער ערשטער מדרגה. „ביס־לעכווייז, נאָך דעם ערשטן האַלבן יאָר פון דער שולס עקזיסטענץ, האָט מען אָנגעשטעלט עטלעכע באַצאָלטע לערער, (מען האָט זיי געצאָלט 7 דאָלער אַ חודש...) און די שול איז געוואָרן אַ טעגלעכע, די ערשטע טעגלעכע פאָלקס שול אין קאַנאַדע און אין די פאַראייניקטע שטאַטן" [397]. לויט אַן אַנדער קוואַל איז די פאָלקס שול געוואָרן אַ טעגלעכע, אָנהויב דעצעמבער, 1915 [398]). מ'האָט געלערנט 5 מאָל אַ וואָך צו צוויי שעה טעגלעך מיט יעדן קלאַס. „ביי דער ערשטער חנוכה פייערונג האָבן יהודה קויפמאַן און זאכער גערעדט וועגן חנוכה. דער געזאַנגס לערער ה. וויסמאַן האָט „מיט די קינ־דער געזונגען פאָלקס לידער ווי אויך „איר קליינע ליכטעלעך" [399]). ווען יואל ענטין האָט באַזוכט די שול אין אַפּריל, 1916, האָט ער באַריכטעט צו דער צענטראַלע אין ניו יאָרק, אַז אין דער פאָלקס שול לערנען 60 קינדער און אַז די שול איז נאָך ניט געהעריק איינגעאָרדנט.

חול המועד פסח פון יענעם יאָר האָט די פאָלקס שול דורכגעפירט אַ „פאָלקס שול טאָג". קאָמיטעטן האָבן באַזוכט אידישע הייזער אויפצונעמען קינדער פאַר דער שול. די קאָמיטעטן האָבן אויך געהאַט אַלס זייער אויפ־גאַבע צו שאַפן נייע מיטגלידער און צו זאַמלען בייטראַגן [400]). דער ערש־טער קאָנצערט פון דער פאָלקס שול איז פאָרגעקומען ל"ג בעומר, דעם 20טן מאַי, 1916. יענעם זומער איז פיל געטאָן געוואָרן צו העלפן די לערער זיך אויסבילדן פאַר זייער אַרבעט. וועגן דעם ווערט דערציילט אין דער לאָקאַ־לער צייטונג: „די אידישע פאָלקס שול האָט ווידער אויפגענומען די אַרבעט צו אָרגאַניזירן פאַרשידענע לעקציעס פאַר לערער איבער פעדאַגאָגישע קעגנ־שטאַנדן. דער ציל פון די לעקציעס וועט זיין: מעטאָדישע אָנווייזונגען פאַר פּראַקטישע לעקציעס. די ערשטע לעקציע וועט זיין אידישע געשיכטע" [401]).

אָנהויב 1916, האָט משה דיקשטיין איבערגענומען דעם אַמט פון סעק־רעטאַר פון דער שול. שפּעטער זיינען פיניע מהרם, ש. לעוו און אליהו גרינבערג געווען סעקרעטאַרן. מ'האָט זיך אין 1916 שוין אָנגעהויבן גרייטן צו יהודה קויפמאַנס פאַרלאָזן מאָנטרעאָל. ער איז אין מאָנטרעאָל ניט געווען אין דעם ווינטער 1916—1917 און סוף זומער 1917 איז ער אינגאַנצן אַוועק־געפאָרן פון מאָנטרעאָל. א. ש. זאכער איז דאַן געוואָרן דער פּרינציפּאַל פון דער שול. קויפמאַן האָט אָבער אַלעמאָל אָנגעהאַלטן ענגע פאַרבינדונגען מיט דער פאָלקס שול און האָט באַווירקט איר אַרבעט אפילו ווען ער איז ניט געווען אין מאָנטרעאָל. ווען מ'האָט דורכגעפירט דעם ערשטן גרויסן קאָנצערט פון דער פאָלקס שול, סוף דעצעמבער, 1916, איז קויפמאַן ספּע־ציעל געקומען קיין מאָנטרעאָל און איז געווען דער פעסט רעדנער. וואָס דער ערשטער גרויסער קאָנצערט האָט געמיינט פאַר די חברים, קען מען זיך פאָרשטעלן ווען מ'לייענט וואָס אברהם פרנס דערציילט אין זיינע דערמאָנע־

רונגען: „ווען איך בין בכוח, וואָלט איך אפשר באַדאַרפט איבערגעבן די גרויסע פרייד און באַגייסטערונג, וואָס האָט געהערשט ביי דעם ערשטן קינדער־קאָנצערט, וואָס איז פאָרגעקומען אין מאָנומענט נאַשיאָנאַל טעאַטער און ווי טרערן פון פרייד האָבן געבלישטשעט אין חברימס אויגן״...[402].

מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט אַ היפּשע צאָל ערשטע מיטגלידער און לערער פון דעם פאָלקס שולן פאַראיין. אויסער די דערמאָנטע חברים זיינען צווישן די ערשטע חברים פון דעם שול פאַראיין געווען נח חפץ, ש. זעלינגער, צבי רייזלער, דזשיי טאַרטשין, בתיה קורמאַן, ב. קורמאַן, די שראַגאַס, די בארמאקס, די שוועסטער גרינבערג, עטל בירברייער, מרים מעלצער, בעלאַ לאַזאַרוס, חברה וואָלאָפּסקי, ה. פעפער, שפרה פרנס, חברה עסנער, חבר גאָלדהאַמער און אַנדערע. ס׳זיינען שפּעטער צוגעקומען ח. מ. קייזערמאַן און שרה קייזערמאַן, וועלכע זיינען אַריבער פון דער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלער שול צו דער פאָלקס שול, און אַנדערע. ס׳זיינען אויך געקומען פיל חברים פון דער פועלי ציון יוגנט, ווי סיידי קייזערמאַן, ל. טייבער, טיגער, לעאָן חפץ, י. מ. באַבראָוו און אַנדערע. אַלע חברים און חברות ווי אויך די לערער זיינען אַקטיוויזירט געוואָרן פאַר דער אַרבעט פון דער שול. מ׳האָט געהאַט ספּעציעלע פאַרוואַלטערס פון די אומאויפהערלעכע זאַמלונגען פון שכר לימוד און מיטגליד אָפּצאָל. מ׳האָט אויך פאָרטגעזעצט די „פאָלקס שול טעג״ — די הויז צו הויז זאַמלונגען און מ׳האָט דורכגעפירט פיל אונטערנעמונגען.

אָנהויב 1917, איז אַ דאַנק די מוטערס פון די תלמידים קאהן און אייבראַמס, געגרינדעט געוואָרן דער מוטער פאַראיין. פאַקטיש איז דאָס געוואָרן אַ פרויען פאַראיין פון דער פאָלקס שול און די הויפּט גרינדערינס און אָנפירערינס זיינען געווען חברות פון דער פאַרטיי.

אָנהויב מאַי, 1917, האָט זיך די פאָלקס שול איבערגעצויגן אין 477 סט. אורביין גאַס (לויט די דאַמאָלסטדיקע נומערן) זי איז נאָך אַלץ פאַרבליבן אַ דאון טאון שול. די צאָל פון תלמידים איז געוואַקסן. די אינערלעכע אַרבעט פון דער שול, די דערציערישע אַרבעט האָט געמאַכט פיל פאָרטשריט. מ׳האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן צו דעם צוויי יאָריקן יובילײ.

אין דער צייטונג „דאָס פאָלק״, וואָס איז רעדאַקטירט געוואָרן יענעם זומער פון יהודה קויפמאַן, געפינען מיר דעם פאָלגנדיקן באַריכט, וועלכער איז, וואַרשיינלעך, געשריבן געוואָרן טאַקע פון יהודה קויפמאַן: „צו די יונגסטע אינסטיטוציעס געהערט די מאָנטרעאַלער אידישע פאָלקס שול, וואָס פייערט די טעג איר צוויי־יאָריקן יובילייאום. די גרינדער פון דער שול האָבן געדענקט, אַז ס׳איז דאָ אין שטאָט פּלאַץ פאַר מערער ווי איין שול, און זיי זיינען געווען גערעכט. געעפנט האָט זיך די פאָלקס שול מיט אַ מנין קינדער, און היינט לערנען שוין אין דער שול איבער 200 קינדער. דער דערפאָלג שפּרעכט זיך אויס ניט נאָר אין דער צאָל פון קינדער, נאָר ווי און וויפיל די קינדער האָבן פאַר צוויי יאָר געלערנט. פיל פון די לערער האָבן אויך

פאַרמאָגט דעם גויטיקן אידעאַליזם. די פאָלקס שול געהערט צו דעם טיפּ פון נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שולן, זי צייכנט זיך אָבער אויס מיט אַ רייכן העברעאישן פּראָגראַם. זי פאָדערט פון אירע קינדער מער העברעאישע קענטעניש. זי הויבט אָן צו לערנען מיט די קינדער העברעאיש גלייך פון דעם ערשטן טאָג פון זייער אַריינטריט אין דער שול. לויטן פּראָגראַם דאַרפן די קינדער אין איר לערנען 8 יאָר און צום סוף פון דער דאָזיקער צייט דאַרפן די קינדער האָבן גרינטלעכע אידישע און העברעאישע ידיעות. געוויס, נישט אַלע אויפגאַבן זיינען דערפילט געוואָרן, אָבער צוריק קוקנדיק אויף די צוויי יאָר פון איר עקזיסטענץ, מעג זי גלויבן, אַז זי וועט אימשטאַנד זיין, וואָס אַמאָל אַלץ נעענטער קומען צו אירע אידעאַלן״ [403].

ביי דעם צוויי יאָריקן יובילייִ באַנקעט זיינען געווען אַנוועזנד צוויי הונדערט מענטשן. פאָרזיצער איז געווען ל. מעלצער. באַגריסונגס רעדעס זיינען געהאַלטן געוואָרן אין נאָמען פון פריינטלעכע צו דער שול, אָרגאַניזאַציעס פון ח. מ. קייזערמאַן, וו. כייטמאַן, ישראל ראַבינאָוויטש, ש. זעלינגער און רחל ראָזענבלאַט. נאָך די באַגריסונגס רעדעס און טאָסטן האָט יהודה קויפמאַן געהאַלטן אַ זייער וואַרימע רעדע. מ. דיקשטיין האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן דער טעטיקייט פון דער שול פאַר דעם פאַרגאַנגענעם יאָר. אויף אָן אָפּיל פון דעם פאָרזיצער איז געזאַמלט געוואָרן 156 דאָלער [404] — אַ גאָר גרויסע סומע פאַר יענער צייט.

אין דעם יאָר 1917 איז באמת פאָרגעקומען אַ ווענדונג פון היסטאָרישער באַדייטונג אין דער אַרבעט פון דער שול. ס׳איז געגרינדעט געוואָרן דער גן ילדים און עס איז דערמיט געמאַכט געוואָרן דער ערשטער שריט צו דער פאַרוואַנדלונג פון דער פאָלקס שול, אין די שפּעטערע צוואַנציקער יאָרן, פון אַ טעגלעכער נאָכמיטאָג־שול צו אַ באמת נאָרמאַל־טעגלעכער שול, אַ טאָג שול, וואָס האָט איינגעשלאָסן סיי אידישע סיי ענגלישע לימודים (אַ פּאַראָקיעל שול), די ערשטע גאַנצע טאָג שול אין מאָנטרעאָל. די לערערין פון דעם גן ילדים איז געווען זעלדע אקערמאַן (מיכלין).

אין 1917, זיינען אויך דערעפנט געוואָרן קלאַסן פאַר דערוואַקסענע, וואו מ׳האָט געלערנט אין די אָונטן אידיש־העברעאיש און אידישע געשיכטע. ס׳איז אינטערעסאַנט, אַז אָנהויב יאַנואַר, איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ לאַנגער אויפרוף פון דער מאָנטרעאַלער פאָלקס שול אונטערן נאָמען „לערנט העברעאיש״ [405].

אין 1918, האָבן די אַקטיווע חברים פון דער פאָלקס שול און גן ילדים זיך גענומען אויסברייטערן דעם קרייז פון די פאָלקס שול טוער און האָבן אַריינגעצויגן אין דער אַרבעט פּראָגרעסיוו געשטימטע פריינט פון דער געשעפטס וועלט. זעענדיק, אַז די נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שול האָט געהאַט דערפאָלג אין איר ערשטן קאַמפּיין, האָבן די פאָלקס שול חברים באַשלאָסן ביים סוף פון יענעם יאָר דורכצופירן אַ קאַמפּיין פון אַכצן טויזנט דאָלער(!), אַ סומע, וואָס קיינער האָט אפילו ניט געחלומט צו דערגרייכן. די הויפּט אָנפירער פון יענעם קאַמפּיין זיינען געווען ל. מעלצער, א. קאַצמאַן און זעליק

וואלאפסקי. ס׳איז געווען אַ געוואַגטער שריט וואָס האָט, צוליב דער גע־וואַגטקייט אַליין, דערהויבן דעם פּרעסטיזש פון דער פאָלקס שול. ס׳איז גע־שאַפן געוואָרן אַן „אדוויזארי קאָמיטע״ פון געשעפטסלייט און מ׳האָט זיך אַרויסגעלאָזט דורכצופירן דעם אַכצן טויזנט דאָלער קאַמפּיין. פּריינט לואיס מילער איז באַשטימט געוואָרן אַלס מענעדזשער פון דעם קאַמפּיין און ב. פערלמוטער איז דערוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון „ביזנעס מען קאָ־מיטע״ [406]). דער קאַמפּיין האָט זיך אָנגעהויבן דעם 15טן דעצעמבער. אין דער פאָלקס שול און גן ילדים האָבן דאַמאָלט געלערנט אין 18 קלאַסן אַרום 300 קינדער [407]). דער ערשטער קאַמפּיין פאַר דער גוזמאדיקער סומע פון אַכצן טויזנט דאָלער איז געווען אַ דורכפאַל. פאַרן יאָר 1918—1919 איז די הכנסה געווען אַרום 7400 דאָלער, מיט אַרום 530 ווינציקער ווי אין דעם פריערדיקן יאָר. אַלס רעזולטאַט פון דעם האָט זיך די פינאַנציעלע לאַגע פון דער שול פאַרערגערט.

אין דעם ווינטער 1919—1920, איז די פינאַנציעלע לאַגע פון דער שול געווען כמעט אַ פאַרצווייפלטע. בן־יוסף דערציילט אין דעם 1920 סואוועניר בוך: „דער לעצטער ווינטער איז פאַר דער שול געווען דער ערגסטער זינט איר עקזיסטענץ. די קינדער האָבן פשוט געפרוירן, אזוי קאַלט איז געווען אין דער שול. די רערן האָבן געפּלאַצט און די שול איז פאַרמאַכט געוואָרן אויף גאַנצע פיר וואָכן״ [408]).

צוליב סיבות וועלכע זיינען אונז ניט באַקאַנט, זיינען „אייניקע פון די אַקטיוויסטע טוער פונקט דאַן ניט געווען ביי דער אַרבעט, און עס איז געווען די סכנה, אַז די שול זאָל זיך איינגאַנצן פאַרמאַכן. גליקלעכערוויז זיינען אייניקע פון די עלטערע חברים און שול טוער, צווישן זיי ד. ה. לאזארוס און ז. וואלאפסקי דאַן געווען פעסט אַנטשלאָסן פאַר קיין פאַל ניט צו דער־לאָזן צו אַ קאַטאַסטראָפע, און גענומען די סיטואַציע אין זייערע הענט אַריין. אין יענער קריטישער צייט איז א. קאסטין פיל בייהילפיק געווען מיט גרויסע ביישטייערונגען און הלוואות [409]).

„דעמאָלט״, דערציילט וויטער בן יוסף, „איז אָבער איינגעפאַלן אַ גע־דאַנק ביי אייניקע חברים, אַז דאָס איז דער פּאַסיקער מאָמענט צו קויפן אַן אייגן הויז פאַר דער שול. איי געלט? (אין דער שול איז דאמאלט געווען אַ דעפיציט פון אַכט הונדערט דאָלער...) די חברים אָבער שרעקן זיך ניט פאַר אַזאַ קליינער זאַך, ווי געלט... באַלד איז דערוויילט געוואָרן אַ קאָמיטעט, וואָס האָט באַדאַרפט זען, ערשטנס אַ פּאַסיק הויז און, צווייטנס, די ערשטע טויזנט דאָלער... פאַר אַן אייגן הויז! צו דעם קרעדיט פון אונזערע חברים מוז געזאָגט ווערן, אַז די ערשטע טויזנט דאָלער (פאַרן הויז פאָנד) זיינען געשאַפן געוואָרן פון אַן ערך 15 חברים פון דער שול״ [410]).

אַלץ איז ניט אזוי לייכט אָנגעקומען, אָבער „אַ דאַנק דער ענערגישער אַרבעט פון די חברים שאַפּיראָ, דיקשטיין, וואלאפסקי, פּרנס, דזש. קאהן (טארטשין) און סילעף איז די ערשטע סומע געשאַפן געוואָרן. באַלד איז אונזערע חברים געלונגען צוצוציען דעם איצטיקן פּרעזידענט פון הויז

קאָמיטעט נ. נאבעלמאן — וועמענס אַרבעט און פינאַנציעלע הילף וועט די פאָלקס שול זיכער ניט פאַרגעסן, משה און וואלף מייערסאן, וועלכע האָבן דעם ערשטן טשעק געגעבן און פיל אַרבעט געטאָן״ [411]. די עקזעקוטיווע פון דעם הויז קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון נ. נאבעלמאן, משה דיקשטיין, זעליק וואלאפסקי, א. פרנס, ד. ה. לאזארוס און ש. לעוו.

דעם 30טן מאַי איז פאָרגעקומען די חנוכת הבית פון דער ערשטער אייגענער שול געביידע, אויף 953 סט. אורביין סטריט (לויט די דאַמאָלסט־דיקע נומערן, שפּעטער 3885 סט. אורביין סטריט). דער יום טוב איז גע־פייערט געוואָרן מיט דעם פּאַעט יהואש אַלס גאַסט. משה דיקשטיין, וועל־כער איז דאַן געווען פאָרזיצער פון פאַרוואַלטונגס ראַט האָט מיט פרייד אויסגערופן: „היינט איז אונזער שמחה! היינט פייערן מיר אונזער זיג... היינט פרייען מיר זיך מיט דער פרוכט פון אונזער אַלעמענס אומדערמידלע־כער פינף יאָריקער שווערער אַרבעט... דער פונדאַמענט פון אונזער אינס־טיטוציע איז איצט אַ געזיכערטער״ [412]. דעם דאָזיקן יוגנטלעכן ענטוזיאַזם פאַר דער שול האָלט חבר משה דיקשטיין אָן ביזן היינטיקן טאָג.

ווען מ׳האָט דורכגעפירט דעם חנוכת הבית האָט זיך דער הויז קאַמפּיין נאָך ניט געהאַט אינגאַנצן פאַרענדיקט. אין דעם סאוועניר בוך פון 1920 איז געווען קוויטירט די סומע פון 3151 דאָלער. צווישן די ביישטייערונגען זיינען געווען 25 דאָלער פון די פּועלי ציון און 25 דאָלער פון דעם פרעסערס לאָקאַל פון דער אַמאַלגעמייטעד. דער קאַמפּיין איז פאָרטגעזעצט געוואָרן ביז דעם סוף פון דעם זומער. ס׳איז אויך נאָך אַמאָל אָנגעפירט געוואָרן אַ דאָלער־קאַמפּיין פאַר קלענערע סומען, אָנגעפירט פון די חברים גרינבערג, קאַץ און לינאַ דיקשטיין. דער פרויען פאַראיין האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט אין דער אַרבעט. דאָס יאָר 1919—1920 איז טאַקע געווען אַ יאָר פון מזל ברכה. מ׳האָט אין יענעם יאָר צונויפגעזאַמלט פון אַלע קאַמפּיינען און אַלע אַנדערע קוואַלן אַ סך הכל פון איבער 20 טויזנט דאָלער (פון וועלכע זעקס טויזנט דאָלער איז געווען פאַרן הויז־פאָנד און איבער 4700 פון שכר לימוד). אָבער אזוי ווי די הוצאות זיינען געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער, דער בודזשעט איז אויסגעוואקסן צו 1200 דאָלער אַ חודש, האָט מען נאָך אַלץ ניט געקאָנט צאָלן די לערער אין צייט. אזוי ווי דאָס לערנען איז אָפּגעשטעלט געוואָרן אויף אַ קורצער צייט ביז מ׳וועט זיך אַריינציען אין דעם נייעם הויז, איז די צאָל קינדער געפאַלן ביז ווייניקער פון 200. אין הערבסט פון יענעם יאָר האָט מען געהאַט נאָך אַ יום טוב. ס׳איז פאָרגעקומען די ערשטע גראַדואירונג. ס׳האָבן געענדיקט די שול די ערשטע צוויי קינדער.

צו דעם יום טוב פון דער חנוכת הבית האָט מען אַרויסגעלאָזט אַ סוא־וועניר בוך און מ׳האָט דאָרט אָפּגעדרוקט די פּראָגראַם פון לימודים פון דער שול. די דאָזיקע פּראָגראַם איז לכתחילה צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון יהודה קויפמאַן און איז געווען אַ רעזולטאַט פון פינף יאָר דערפאַרונג, פון פינף יאָר עקספּערימענטירן. די פּראָגראַם איז טאַקע אַ סך הכל פון דער אַרבעט פון אַלע לערער, אָבער עס טראָגט שוין אויך דעם שטעמפּל פון שלמה

ווייסמאַן. שלמה ווייסמאַן האָט אָנגעהויבן אַלס לערער פון געשיכטע אין עלטסטן קלאַס פון דער שול אין דעם ווינטער 1916—1917. יענעם ווינטער האָט ווייסמאַן אָנגעהויבן שטודירן אין מק׳גיל אוניווערזיטעט. ער איז דאַן געווען אַ יונגערמאַן, 18 יאָר אַלט. סוף 1917, אָדער אָנהויב 1918, האָט מען ווייסמאַנען אָנגעשטעלט אַלס לערער, און זינט דאַן איז ער פאַרבונדן מיט דער פאָלקס שול. פורים צייט 1920, איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס פּרינ־ציפּאַל פון דער שול, אַן אַמט, וועלכן ער האַלט אָן ביז היינט צו טאָג. אין יענעם יאָר האָט ווייסמאַן געענדיקט מק׳גיל אויף בי. איי. וואו ער איז אויך דורכגעגאַנגען אַ פיר יאָריקן קורס אין פּעדאַגאָגיע. זיין מ. איי. דיגרי האָט ער געקראָגן, שוין זייענדיק דער פּרינציפּאַל פון דער פאָלקס שול.

אין דער פאָלקס שול האָבן זיך אָפּגעהיטן די פּראָטאָקאָל ביכער פון דעם לערער ראַט, אָנהויבנדיק פון דעם 27טן אויגוסט, 1919. אין יענער צייט זיינען אין דער פאָלקס שול געווען, אויסער די שוין דערמאָנטע א. ש. זאכער, זעלדע אקערמאַן (מיכלין), שלמה ווייסמאַן, אויך די פאָלגנדיקע לע־רער: שלמה שניידער, וועלכער איז פאַר אַ שטיקל צייט געווען פּרינציפּאַל, א. ענדעלמאַן, ב. פיגלער, י. מ. באבראוו, ברזילאי, מ. סליפּצין און די גע־זאַנג לערערין ד. פיינבערג. די לערער האָבן באַהאַנדלט פּעדאַגאָגישע, טעאָ־רעטישע און פּראַקטישע פּראָבלעמען. מיר וועלן דאָ דערמאָנען אייניקע פון זיי. פריער פון אַלץ האָבן זיי געליטן פון דער „דעקלאַמאַציע קרענק״. מ׳האָט פון זיי געפאָדערט צופיל דעקלאַמאַציעס פאַר די קאָנצערטן... ביי אַ זיצונג, דעם 6טן סעפּטעמבער, 1919, האָט מען באַטראַכט ווייסמאַנס פּראָיעקט וועגן קורס העברעאיש־אידיש און מ׳האָט „באַשלאָסן צו צעטיילן דעם איצטיקן קורס אויף צווייען״... דער עלעמענטאַר קורס זאָל געדויערן זעקס יאָר און אַ העכערער קורס צוויי יאָר״. ביי יענער זיצונג האָט ש. שניידער פאָרגע־שלאגן, אַז „די אָנפאַנגער קינדער זאָלן אין פאַרלויף פון דעם ערשטן יאָר ניט לערנען צוויי שפּראַכן. די לערער זיינען פון פּעדאַגאָגישן שטאַנדפּונקט איינפאַרשטאַנען מיט אים און ס׳ווערט באַשלאָסן די פראַגע איבערצוגעבן דעם פאַראיין״ (דעם פאָלקס שול פאַראיין).

ביי דער זיצונג פון דעם לערער ראַט פון 19 סעפּטעמבער, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז „מאַנטיק זאָל אין אַלע קלאַסן גערעדט און דערקלערט ווערן — ראש השנה. מען זאָל זיך אָפּשטעלן אויף די פיר פונקטן: א) אָנהויב יאָר, ב) דין וחשבון, ג) פאַרגעבונג פון זינד, ד) רעליגיעזער שטאַנדפּונקט פון די רעליגיעזע אידן״. 31טן אָקטאָבער — „באַשלאָסן, אַז אַ לערער זאָל קאָנען אַרויסשיקן פון שול די גאָר ערגסטע קינדער, ווען די וואָרנונג האָט ניט געהאָלפן״. ביי דער זעלבער זיצונג האָט לערער זאכער געמאַכט אַ פאָרשלאָג „מען זאָל זונטיק לערנען אין דעם גן ילדים אויף אידיש, ווייל דער דורכ־שניטלעכער עלטער פון די קינדער איז נאָך ניט זעקס יאָר. אזוי ווי מ׳רעדט און מען לייענט פאַר זיי אין העברעאיש אַ גאַנצע וואָך, זאָל מען איין טאָג זיי אַנטוויקלען אויף אידיש. דער פאָרשלאָג איז אָנגענומען״.

דעם 12טן דעצעמבער האָט לערערין אקערמאַן געפאָדערט „מען זאָל ריידן מיט קלאַס א־1־ב מער העברעאיש". דעם 11טן פעברואַר, 1920, האָט לערערין אַקערמאַן באַריכטעט, אַז חברה גאָלדע מאירסאָן פון ניו יאָרק (איצט מיניסטער פון אַרבעט אין ישראל) און חבר ל. צוקער זיינען געווען אין גן ילדים און זיינען געווען זייער צופרידן. דעם 24טן פעברואַר האָט מען „באַשלאָסן צו האָבן אַ שטענדיקן פרינציפּאַל פאַרן גאַנצן זמן". דעם 1טן יולי האָט מען באַשלאָסן צו רעקאָמענדירן דער פאַרוואַלטונג, אַז די שול זאָל זיין פאַרמאַכט אין די זונטיקן פאַר דער צייט פון די וואַקאַציע־חדשים". דעם 12טן אויגוסט האָט זיך דער לערער־ראַט באַקלאָגט, אַז דער סעקרעטאַר חבר לעוו „מישט זיך צופיל אין אזוינע ענינים, וואָס האָבן אַ דירעקטע שייכות בלויז מיט די לערער און מיטן פרינציפּאַל". ביי דער זעלבער זיצונג האָט מען ארויסגעזאָגט די מיינונג, אַז עס וועט זיין צו שווער פאַר די קינדער אַרויסצוגעבן אַ קינדער זשורנאַל יעדן חודש.

מיר ווילן זיך איצט אָפּשטעלן אויף דער 1920 פּראָגראַם פון דער פאָלקס שול, ווייל דאָס איז די איינציקע פולע פּראָגראַם פון אַ קאַנאַדער שול פון יענער צייט, וואָס איז אָפּגעהיטן געוואָרן. אין דעם פאָרוואָרט ווערט געזאָגט: „די אידישע פאָלקס שול איז, ווי איר נאָמען באַדייט, אַ נאַציאָנאַלע אידישע שול. זי שטרעבט צו געבן צו אירע קינדער אַן אַלזייטיקע אידישע און מענטשלעכע דערציאונג. זי לערנט די צוויי נאַציאָנאַלע שפּראַכן, אידיש און העברעאיש. אָבער דער לימוד פון די שפּראַכן איז ניט דער ענדציל. דאָס דינט אונז בלויז אַלס אַ מיטל אַריינצופירן אונזערע קינדער אין דער אַלטער און נייער העברעאישער ליטעראַטור און אין דער אידישער ליטעראַטור. די ליטעראַטורן אין דעם ברייטסטן זין פון וואָרט, ווי אויך דער לימוד פון אידישער געשיכטע, באַקענען אונזערע קינדער מיט דעם לעבן פון זייער פאָלק אין אַלע צייטן און גרייטן זיי צו דעם אַקטיוון אַנטייל, וואָס זיי וועלן דאַרפן נעמען אין דער אויפלעבונג פון זייער פאָלק" [413]).

דאָס פאָלגנדיקע איז דער פולער טעקסט פון דער 1920 פּראָגראַם:

„דאָס ערשטע יאָר גן ילדים: די קינדער לערנען זיך אויס אַ געוויסע צאָל העברעאישע ווערטער, ווי אויך פאַרשטיין און רעדן לייכטע זאַצן דורך פאַרשידענע שפּילן, לידער און האַנט אַרבעט. איין מאָל אַ וואָך לערנען זיי אויך אידישע קינדער לידער און מען האָט מיט זיי שמועסן און מען דערציילט זיי מעשה׳לעך אויף אידיש, כדי צו אַנטוויקלען זייער אינטעלעקט.

„דאָס צווייטע יאָר — גן ילדים: די זעלבע לימודים וואָס אין ערשטן יאָר, נאָר מער קאָמפּליצירט. די קינדער הויבן שוין אָן צו פאַרשטיין און איבערדערציילן קורצע מעשה׳לעך אין העברעאיש, הייבן אָן צו רעדן מער וויניקער פריי. אין דער צווייטער העלפט הויבן זיי שוין אָן צו לערנען און שרייבן העברעאיש. אידישע קינדער לידער, שמועסן און מעשה׳לעך ווי אין דעם ערשטן יאָר. לער־ביכער: „השחר", „השחרית" אָדער „שפת ילדים". דאָס צווייטע יאָר דינט אַלס אַן איבערגאַנג פון דעם גן ילדים אין דער פאָלקס שול.

דאָס דריטע יאָר: העברעאיש — „השחרית״ אָדער „שפת ילדים, „בל־שון עמי״, ח״א, „היסטוריא לילדים, ח״א; מעטאָדע: עברית בעברית. פאַר־שידענע געשפּרעכן נאָך דעם „שעורי הסתכלות״. אידיש — לייענען און שרייבן לויט דעם קלאַנגען און ווערטער־סיסטעם, געשפּרעכן וועגן דער שול, גאַס און היים אומגעבונג. לער־בוך: „די נייע אידישע שול״, פאַרשי־דענע דערציילונגען און לידער.

„דאָס פערטע יאָר — העברעאיש: „בלשון עמי״ ח״ב, „היסטוריה ליל־דים ח״ב, „ספורי המקראי״ ח״א (דאָס הייסט — גאַנץ חומש בראשית), לייכטע קאָמפּאָזיציעס, געשפּרעכן און פאַרשידענע שירים. אידיש: אַ העלפט פון דעם בוך „די נייע אידישע שול״, צווייטער טייל קאָמפּאָזיציעס, לעגענדן און עפּיזאָדן פון דער אידישער געשיכטע, ספּעציעל פון דעם לעבן פון די העלדן; פאַרשידענע נאַציאָנאַלע, אַרבעטער און פאָלקס לידער.

„דאָס פינפטע יאָר — העברעאיש: טיילן פון „שמות״, „ויקרא״, „במד־בר״ און „דברים״, נאָכדעם „ספר התלמיד״, שנה ג׳, „הסתוריה לילדים״ — ענדיקן חלק ב׳ און אַ טייל פון חלק ג׳, „בן עמי״ חלק ב׳, קאָמפּאָזיציעס, גע־שפּרעכן און שירים. אידיש — ענדיקן „די נייע אידישע שול״ צווייטער טייל. די ערשטע צוויי אָפּטיילונגען „פון דעם אידישן קוואַל״. „אידישע געשיכטע״ פון דובנאָוו, ביזן חורבן בית ראשון. געשפּרעכן איבער דעם אידישן לעבן אַמאָל און היינט, אין ארץ ישראל און אין גלות. קאָמפּאָזיציעס און לידער.

„דאָס זעקסטע יאָר — העברעאיש: נביאים ראשונים: („יהושע״, „שופ־טים״, „שמואל״, „מלכים״) נאָכדעם „ספר התלמיד״ שנה ד׳, ענדיקן „הס־תוריה לילדים״ חלק ג׳, „לקוטי אגדה״ חלק א׳, אַ טייל פון „בן עמי״ חלק שלישי, תורת הלשון העברית חלק א׳, קאָמפּאָזיציעס און לידער. אידיש: ענדיקן „פון אידישן קוואַל״, פּרצ׳ס „פאָלקסטימלעכע געשיכטן״, דובנאָווס „אידישע געשיכטע״ ביז חתימת המשנה, אידישע גראַמאַטיק, אַ טייל פון עטימאָלאָגיע, קאָמפּאָזיציעס און לידער.

דאָס זיבעטע יאָר — העברעאיש: רות, אסתר, יונה, „דברי נביאים״: עמוס, הושע, מיכה, אַ טייל פון ישעיה, „לקוטי אגדה״ חלק ב׳, „בן עמי״ חלק שלישי ביזן סוף „תורת הלשון העברית״ חלק ב׳, קאָמפּאָזיציעס און שירים. אידיש: פּרצ׳ס „פאָלקסטימלעכע געשיכטן״, מן „הבבות״ וממסכת „סנהדרין״, טיילן פון מענדעלעס „פישקע דער קרומער״ און פון „ווינטשפינגערל״. ענ־דיקן די אידישע עטימאָלאָגיע, דובנאָווס „אידישע געשיכטע״ ביז צו דער נייער צייט.

„דאָס אַכטע יאָר — העברעאיש: דברי נביאים: ישעיה, ירמיה, יחז־קאל און אַ טייל פון תהלים, „לקוטי אגדה״ חלק ג׳, „תורת הלשון העברית״ ג׳, „בן ישראל״ חלק ב׳. משנה: פרקי אבות, לקוטים מן „הבבות״ וממסכת „סנהדרין״. אידיש: מענדעלעס „די קליאַטשע״, שלום אַשס „שטעטל״, פּרצס „חסידות״. די אידישע קלאַסישע פּאָעזיע, אידישער סינטאַקסיס,ביידע טיילן פון „ליטעראַטור און וויסנשאַפט״, געשיכטע פון די אידישע און העברע־

אישע ליטעראַטורן, אַן איבערבליק איבער דעם פּאָליטישן, סאָציאַלן און קולטורעלן לעבן פונם אידישן פאָלק אין אַלע עפּאָכן״.

די פּראָגראַם פון לימודים פון יאָר 1920 איז ניט פאַרבליבן אַ פּאַרגליווערטע זאַך. זי איז פיל מאָל געענדערט און אויסגעבעסערט געוואָרן. שרייבנדיק וועגן לערן פּראָגראַם פון די שולן דערמאָנט שלמה וויסמאַן: „די שאַפער פונם פּראָגראַם פון די אידישע פאָלקס שולן האָבן געזוכט איר אָוועקצושטעלן אויף אַ באַזיס פון מאַקסימאַלסטע פאָדערונגען״ [414].

אויף אַן אַנדער אָרט שרייבט שלמה וויסמאַן: „מיר האָבן באַקעמפּט די איינזייטיקייט סיי פון די אידישיסטן און סיי פון די העברעאיסטן״...

„מיר זיינען געווען פון די ערשטע דאָ אין שטאָט, און אפשר טאַקע פון די ערשטע בכלל, אַריינצוברענגען אין דער מאָדערנער דערציאונג העברעאיש ווי אַ לעבעדיקע שפּראַך, ניט בלויז אַלס שפּראַך פון דער אַלטער אידישער קולטור און פון דער רעליגיע, נאָר ווי אַ שפּראַך, וואָס לעבט אויף אין ארץ ישראל און איבער דער גאַנצער אידישער וועלט און ווי אַ שפּראַך, אויף וועלכער ס׳שאַפט זיך אַ וויכטיקער טייל פון דער מאָדערנער אידישער קולטור״... „מיר זיינען געווען צווישן די סאַמע ערשטע שולן אויף דעם קאָנטינענט, וואָס האָט אָוועקגעשטעלט דעם עלעמענט פון ארץ ישראל אויפבוי בכלל און פון דער נייער אידישער אַרבעטער געזעלשאַפט אין ארץ ישראל בפרט, אין צענטער פון דערציאונג״... „זיך שטאַרק קאָנצענטרירט אויף דערציען די דערוואַקסענע — די עלטערנשאַפט, די לערער, די שול טוער און די גראַדואירטע יוגנטלעכע״... [415].

די פאָלקס שול איז געווען „צווישן די סאַמע ערשטע און אפשר טאַקע די ערשטע אידישע שול אין אַמעריקע״, ניט נאָר צו האָבן אַ אידיש־העברעאישן קינדערגאָרטן, נאָר צו גרינדן אַ מיטל־שול אין 1922, העכערע קורסן אין 1924, און, — אַלס קרוין פון אירע אויפטואונגען, — באַשאַפן די פולע אידישע שול (די טאָג שול) אין 1928, די ערשטע פון דעם מין אין מאָנטרעאל. אָבער דאָס געהערט שוין ניט צו דעם צייט־אָפּשניט, וועלכן מיר באַטראַכטן.

א באַזונדערע ראָל אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג און דעם פונאַנדערוואוקס פון דער פאָלקס שול פאַרנעמען חבר משה דיקשטיין, דער פאַרשטאָרבענער חבר זעליק וואָלאָפסקי און אייניקע אַנדערע חברים, וואָס זיינען געווען פון די סאַמע ערשטע בויער פון דער שול. אָבער דאָס געהערט שוין צו דער געשיכטע פון נאָך 1920. ס׳דאַרפן דאָ אָבער דערמאָנט ווערן די גאָר גרויסע פאַרדינסטן פון דעם פרינציפּאַל, חבר שלמה וויסמאַן. מיט דעם אויסנאַם פון די ערשטע עטלעכע יאָר טראָגט ער אויף זיך די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם פּעדאַגאָגישן טייל פון דער אַרבעט פון דער שול זינט איר גרינדונג און ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין דער אַלגעמיינער פירערשאַפט פון דער שול. זיין אַרבעט אין שול פאַראיין און אין דעם דירעקטאָרן־ראַט האָט אים אָוועקגעשטעלט אין די סאַמע ערשטע רייען פון די שול־טוער און אָנפירער פון אַלע גרויסצוגיקע אַרויסטרעטונגען פון דער

פאַלקס שול. אָבער אַן אָפּשאַצונג פון זיין שפּעטערדיקן בייטראַג געהערט ניט צו דעם צייט אָפּשניט וועלכן מיר באַהאַנדלען דאָ.

אָפּשליסנדיק דעם איבערזיכט פון דער מאָנטרעאַלער פאָלקס שול ווילן מיר, ווי מיר האָבן דאָס געטאָן אין אונזער איבערזיכט פון דער פּרץ שול, זאָגן, אַז די באַוועגונג האָט אַלעמאָל אָפּגעשאַצט און דערמאָנט מיט דאַנק־באַרקייט די געטרייע אַרבעט, דעם אידעאַליזם און די פינאַנציעלע קרבנות פון די לערער און שול טוער. זיי אַלע האָבן געהאָלפן, ווער מער, ווער ווייני־קער, צו מאַכן די פאָלקס שול דאָס, וואָס זי איז היינט. אָנגעהויבן מיט אַ נישטיקער צאָל תלמידים, לערנען איצט אין אַלע אָפּטיילונגען פון דער פאָלקס שול, מער ווי עלף הונדערט קינדער. זי איז אַזוי אַרום געוואָרן דער גרעס־טער לערן אַנשטאַלט פון אונזער באַוועגונג.

און אחרון אחרון חביב. מיר דערמאָנען מיט גרויס יראת הכבוד און דאַנקבאַרקייט די פּיאָנערן אַרבעט פון חבר דר. יהודה קויפמאַן אין דער גרינדונג און אויפבוי פון דער פאָלקס שול. די שול וועט אַלעמאָל בלייבן אַן עדות פון חבר קויפמאַנס גייסטיקער פּירערשאַפט, געזעלשאַפטלעכן אויפטו און זיין אינטעלעקטועלער גבורה.

שולן אין מאָנטרעאַלער פאָרשטעט

מיט דער פאַרגרעסערונג פון דער אידישער באַפעלקערונג אין דעם צפונדיקן טייל פון מאָנטרעאַל, ספּעציעל אין דעם געגנט פון מייל־ענד, איז רייף געוואָרן דער געדאַנק ווידער צו דערעפענען דאָרט אַ נאַציאָנאַל ראַדי־קאַלע שול, ווייל אַ גאַר גרויסע צאָל פון די נייע אידישע איינוואוינער פון מייל־ענד איז געווען נאַציאָנאַל און ראַדיקאַל געשטימט. אַזוי אַרום איז דעם 23טן אָקטאָבער, 1915, דערעפנט געוואָרן די צווייטע מייל־ענדער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שול. עס האָבן זיך פאַרשריבן אין דער שול דעם ערשטן טאָג 46 קינדער [416]). די שול איז דערעפנט געוואָרן אין 77 בוללער סטריט. די דער־עפענונג איז געפייערט געוואָרן מיט אַ באַנקעט דעם 12טן דעצעמבער, 1915, אַראַנזשירט פון דעם מייל־ענדער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלן שול פאַראיין, מיט דער הילף פון דעם מייל־ענדער יוגנט קלוב פון די פועלי ציון [417]).

דער פאַראיין פון דער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלער שול פון מאָנטרעאַל האָט ניט נאָר פיל געהאָלפן דער מייל־ענדער שול, נאָר האָט אפילו געצאָלט שלמה בערקאָוויטשן זיין געהאַלט. בערקאָוויטש איז איבערגעשיקט געוואָרן צו דער נייער שול, וואו ער איז געווען דער איינציקער לערער. אין סעפּ־טעמבער, 1916, זיינען אין דער שול געווען 60 קינדער, איינגעטיילט אין 4 קלאַסן [418]). ס'איז אינטערעסאַנט, אַז ווען ס'איז פאָרגעקומען אַ מיטינג פון דער מייל־ענדער שול, אין מייל־ענדער וואַלד, האָבן ביי יענעם מיטינג גע־רעדט סיי ה. נאָוואַק, סיי יהודה קויפמאַן [419]). דער אַנטאַגאָניזם צוליב דער שפּאַלטונג אין 1914 איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן און ס'האָבן זיך אָנגעהויבן איינצושטעלן נאָרמאַלע באַציאונגען צווישן די פירנדיקע חברים.

אין 1917 האָט זיך די אידישע באַפעלקערונג אין מייל־ענד שוין אָנגע־הויבן צו פאַרקלענערן. אייניקע חברים זיינען אַוועקגעפאָרן אין די שטאָטן, אַנדערע האָבן זיך אָנגעהויבן צוביסלעך אַריבערקלייבן אין די צענטראַלע טיילן פון מאָנטרעאל. די צאָל תלמידים איז אויך געוואָרן קלענער און די שול איז געשלאָסן געוואָרן.

ס׳פעלן גענויע ידיעות ווי לאַנג די צווייטע מייל־ענדער נאַציאָנאַל ראַ־דיקאַלע שול האָט עקזיסטירט. לויט ב. לאַכאָוויצקי, וועלכער איז דאָרט טע־טיק געווען, האָט די שול אָנגעהאַלטן ביז אַרום 1923.

די פאָלקס שול האָט אויך געמאַכט אַ פּרואוו צו גרינדן אַן אָפּטיילונג אין דעם צפונדיקן טייל פון שטאָט. די באַמיאונגען האָבן זיך אָנגעהויבן כמעט גלייך נאָך דער דערעפענונג פון דער פאָלקס שול אין 502 סט. אורביין סטריט. ביי אַ מיטינג, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין 19 קאַסגריין עוו., אונטער דעם פאָרזיץ פון חבר י. ראַבינער, וואו ב. לאַכאָוויצקי איז געווען סעקרעטאַר, האָט יהודה קויפמאַן געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן דער אַלטער און נייער אידישער דערציאונג. דער דעלעגאַט פון דער פאָלקס שול מ. דיק־שטיין, האָט פאַרזיכערט די פאַרזאַמלטע, אַז דער פאָלקס שול פאַראיין וועט זיי געבן יעדע מעגלעכע שטיצע אין וועלכער זיי וועלן זיך נויטיקן [420]. נאָך עטלעכע אומגעלונגענע פאַרזוכן, איז די שול ענדלעך דערעפענט געוואָרן זונטיק, דעם 10טן סעפּטעמבער, 1916, אין 2208 סט. אורביין סטריט [421]. צוליב דעם וואָס די צאָל קינדער איז ניט געווען איבעריק גרויס און די מאָנטרעאלער פאָלקס שול, וועלכע איז געווען ניט מער ווי איין יאָר אַלט, האָט זיך אַליין געראַנגלט מיט איר עקזיסטענץ, איז דער צווייג פון דער שול גאַנץ שנעל געשלאָסן געוואָרן. אַ צאָל חברים, וועלכע זיינען דאָרט געווען אַקטיוו, האָבן איבערגעטראָגן זייער טעטיקייט צו דער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלער שול אין מייל־ענד.

סעפּאַראַטע שול־באַוועגונג אין מאָנטרעאל

אין פאַרלויף פון דעם צייט אָפּשניט, וועלכן מיר באַהאַנדלען דאָ, האָבן זיך באַוויזן די אָנהויבן פון דער באַוועגונג פאַר באַזונדערע שולן (רעגירונגס שולן) פאַר אידן אין דער פּראָווינץ קוויבעק. ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, איז אין דער קאָנסטיטוציע פון קאַנאַדע באַוואָרנט געוואָרן, אַז די פּראָטעס־טאַנטישע מינדערהייט אין דער פּראָווינץ קוויבעק זאָל האָבן דאָס רעכט צו האָבן סעפּאַראַטע שולן (באַזונדערע שולן) און, אַז זיי זאָלן ניט דאַרפן שיקן זייערע קינדער אין די שולן פון דער מאַיאָריטעט — אין די קאַטוי־לישע שולן. די זעלבע רעכט פאַר באַזונדערע שולן זיינען געגעבן געוואָרן דער פראַנצויזיש־קאַטוילישער מינאָריטעט אין דער פּראָווינץ אָנטעריאָ און אין צוויי מערב פּראָווינצן.

ווען די אידישע באַפעלקערונג אין מאָנטרעאל איז געווען קליין, איז די פּראָבלעם פון דערציען די אידישע קינדער ניט געווען שאַרף. ווען דער באַראָן דע הירש האָט אָנגעהויבן שטיצן די מאָנטרעאלער אידן, צוליב

דער פאַרגרעסערטער אימיגראַציע, איז אין 1890 געגרינדעט געוואָרן דער באַראָן דע הירש אינסטיטוט. ביי דעם אינסטיטוט איז גלייך געעפנט געוואָרן אַ שול — אַ טאָג־שול פאַר קינדער פון אידישע אימיגראַנטן, וואו מ׳האָט געלערנט אידישע און אַלגעמיינע לימודים פון די ערשטע קלאַסן.

די נײַ אָנגעקומענע אימיגראַנטן זיינען, ווייזט אויס, געווען זייער צו־פרידן צו האָבן אַזאַ שול פאַר זייערע קינדער. יעדנפאַלס, אין 1893, איז אין דער באַראָן דע הירש שול שוין געווען 316 תלמידים. אין יענעם יאָר האָט די שול, לויט ב. ג. זאַק, אָנגעהויבן באַקומען צוריקגעצאָלט פון אידישע שטייערן די סומע פון 8 דאָלער אַ יאָר פאַר יעדן קינד. די שול איז אַזוי אַרום געווען אַן אָנהויב פון אַן אַלגעמיינער אידישער טאָג־שול אין מאָנט־רעאַל, וואָס האָט זיך אויסגעהאַלטן ניט נאָר פון שכר לימוד און פילאַנטראָפּיע ווי די איצטיקע טאָג־שולן, נאָר אויך פון שטייערן, ריכטיקער געזאָגט, דער איינקונפט פון די שטייערן האָט געדעקט כמעט דעם גאַנצן בודזשעט.

די באַראָן דע הירש שול האָט זיך געקאָנט לייכט אַנטוויקלען צו ווערן דער יסוד פון אַ סעפּאַראַטן אידישן שול סיסטעם. אָבער די מנהיגים פון דעם אינסטיטוט האָבן דאָס ניט געוואָלט. די אַלט געזעסענע אידן האָבן נאָך פריער געהאַט פאַר אַ קורצער צייט טאָג־שולן, אָבער זיי האָבן זיך פון דעם אָפּגעזאָגט און האָבן אָנגעהויבן שיקן זייערע קינדער אין די פּראָטעס־טאַנטישע שולן. האַרריס וויינבערג, דער דאַמאָלסטדיקער פּרעזידענט פון דעם באַראָן דע הירש אינסטיטוט, האָט געשריבן אין זיינע זכרונות (ביקאָן, מערץ 1, 1931), אַז זיי האָבן די שול דערעפנט ווייל די אָנגעקומענע קינדער האָבן ניט געקענט קיין ענגליש און זיינען געווען „צו שעמעוודיק״ אַריינצו־טרעטן אין די אַלגעמיינע שולן באַלד נאָך זייער אָנקומען אין לאַנד. די באַראָן דע הירש שול איז, הייסט, עס, געווען ניט מער ווי אַ צוגרייטונגס שול פאַר אימיגראַנטן קינדער. די תלמידים פון דער דאָזיקער טאָג־שול האָבן גע־לערנט אין זייער שול נאָר אַ פּאָר יאָר, ביז זיי האָבן זיך אויסגעגרינט. נאָך דעם האָט מען אויך זיי געשיקט אין די פּראָטעסטאַנטישע שולן.

אין 1902 האָט אַ אידישער תלמיד (פּילזנער) פון די פּראָטעסטאַנטישע שולן געוואונען אַ „סקאַלערשיפּ״, אָבער די פּראָטעסטאַנטישע סקול באַארד האָט זיך אָפּגעזאָגט די סקאַלערשיפּ אויסצוצאָלן, ווייל דער תלמיד איז געווען אַ זון פון אַ אידן, וואָס האָט ניט געהאַט קיין אייגנטום און איז דערפאַר ניט געווען קיין שטייער־צאָלער. דער פאָטער פונם קינד האָט אָנגעקלאָגט די פּראָטעסטאַנטישע סקול־באַארד אין געריכט. די אַנטשיידונג פון געריכט איז געווען, אַז היות די אידן האָבן ניט קיין רעכט צו קריגן אַ דערציאונג פאַר זייערע קינדער אין די פּראָטעסטאַנטישע שולן, איז די פּראָטעסטאַנטישע סקול באַארד ניט מחויב אויסצוצאָלן אַ אידישן תלמיד אַ סקאַלערשיפּ, אפילו, ווען ער האָט זיך אויסגעצייכנט אין די לימודים.

די אידישע פירערס פון דעם באַראָן דע הירש אינסטיטוט, וואָס האָבן זיך אויך געהאַלטן פאַר די פאָרשטייער פון אַלע אידן פון דער פּראָווינץ קוויבעק, האָבן דערפאַר אין 1903, געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט די פּראָטעס־טאַנטן, כדי צו פאַרזיכערן פאַר אידישע עלטערן די רעכט אויף צו קריגן

דערציאונג פאַר זייערע קינדער. אין יענעם יאָר זיינען אין מאָנטרעאַל שוין געווען 2,600 אידישע קינדער אין שול־עלטער. לויט יענעם אָפּמאַך האָט מען אָנגעהויבן די אידן צו „אידענטיפיצירן אַלס פּראָטעסטאַנטן פאַר שול־צוועקן״. ווען אַ איד האָט געהאַט אומבאַוועגלעך אייגנטום און האָט געצאָלט שול שטייערן, איז דעם אידנס געלט געגאַנגען אין דער קאַסע פון די פּראָטעסטאַנטן, פּונקט ווי דער איד וואָלט געווען אַ פּראָטעסטאַנט. די פּראָטעסטאַנטן האָבן דערפאַר זיך אונטערגענומען צו געבן די אידן דאָס רעכט צו שיקן זייערע קינדער אין די פּראָטעסטאַנטישע שולן. די אידישע קינדער האָבן באַקומען די זעלבע רעכט ווי די פּראָטעסטאַנטישע קינדער און האָבן זיך געדאַרפט אונטערוואַרפן די זעלבע פליכטן. דער אָפּמאַך איז באַשטעטיקט געוואָרן פון דער פּראָווינציעלער רעגירונג און איז געוואָרן אַ געזעץ.

אזוי ווי די לערע פון רעליגיע איז געווען אַ טייל פון דעם פּראָטעסטאַנטישן שולן קוריקולום, זיינען די אידישע קינדער אויך געקומען צו די לעקציעס פון רעליגיע. אידישע קינדער זיינען באַפרייט געוואָרן פון לערנען די קריסטלעכע רעליגיע נאָר דאַן, ווען איינער פון די עלטערן האָט אָריינגעשיקט אַ שריפטלעכע בקשה צו דעם פּרינציפּאַל. פיל עלטערן האָבן וועגן דער דאָזיקער פּריווילעגיע ניט געוואוסט, אַנדערע האָבן זיך געמאַכט ניט וויסנדיק, ווייל זיי האָבן ניט געוואָלט, אַז זייערע קינדער זאָלן דערפילן, אַז זיי זיינען אַנדערש פון אַנדערע... „די אונטערשטע שורה איז געווען״, — שרייבט ישראל ראַבינאָוויטש, אין זיין געשיכטע פון דעם אידישן שול פּראָבלעם אין קוויבעק (1926), — אַז „טראָץ דעם „געוויסנס פּונקט״ האָט מען פונדעסטוועגן גאַנץ געשמאַק געקנעלט מיט אידישע קינדער די לערע פון ישו הנוצרי״.

צו דעם אַלעמען האָבן די פּראָטעסטאַנטן אפילו ניט געוואָלט הערן וועגן אַ אידישן פאָרשטייער אין זייער סקול־באָארד. די אידן זיינען דערפאַר געווען זייער ניט צופרידן מיט דעם אָפּמאַך און געזעץ פון 1903.

מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז נאָך אין נאָוועמבער, 1910, האָט אַ נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווער איד, א. ה. רובינשטיין, אין אַן אַרטיקל אין „קענעדער אָדלער״ פאָרגעשלאָגן, אַז אידן אין מאָנטרעאַל זאָלן גרינדן „דענאָמינייִשיאַנאַל סקולס״.

אין אָקטאָבער, 1912, איז לויט דער איניציאַטיוו פון דער „פאָלקס־צייטונג״ פאָרגעקומען אַ פאָלקס קאָנפערענץ וועגן דער שול פּראַגע. אין דער קאָנפערענץ האָבן זיך באַטייליקט די מערסטע טרייד־יוניאָנס און ראַדיקאַל פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס. ס׳זיינען אויך געקומען פאָרשטייער פון איניקע שולן (סינאַגאָגן). ס׳זיינען געווען 40 דעלעגאַטן פון 20 אָרגאַניזאַציעס. די קאָנפערענץ איז דערעפנט געוואָרן פון לעאָן חאַזאַנאָוויטש. יעקב פּרוזשאַנסקי האָט אַריינגעבראַכט אַ רעזאָלוציע אין נאָמען פון דעם פּועלי ציון פאַראיין „צו איבערגעבן די פּרינציפּאַלס פון די פּראָטעסטאַנטישע שולן אונטערשריפטן פון די עלטערן, פּאָדערנדיק פון זיי צו באַפרייען זייערע קינדער פון רעליגיעזן אונטערריכט און אָנפירן אַ באַוועגונג פאַר אַ אידישער „באָארד און עדיוקיישאַן״. ס׳איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע

צו פראָטעסטירן קעגן לערנען אין די פּראָטעסטאַנטישע שולן מיט די אידי־שע קינדער די קריסטלעכע רעליגיע און ס'איז דערקלערט געוואָרן אין דער דאָזיקער רעזאָלוציע, אַז אין פּאַבליק סקולס דאַרף איבערהויפּט ניט געלערנט ווערן קיין רעליגיע. לויט אַ באַריכט אין „קענעדער אָדלער" איז ביי יענער קאָנפערענץ באַשלאָסן געוואָרן אָנצוהויבן אַ גרויסע פאָלקס באַ־וועגונג פאַר יענעם צוועק. עס איז דערוויילט געוואָרן אַן עקזעקוטיווע פון 9 פערזאָן און מ'האָט זיך געגרייט צו אַ מאַסן־מיטינג וועגן דער שול פראַגע [422].

אין 1913 איז אויסגעבראָכן אַ סטרייק פון 500 אידישע שול קינדער אין דער אבערדין סקול אַלס פּראָטעסט קעגן אַן אַנטיסעמיטישער באַמער־קונג פון אַ לערערין. די קינדער האָבן פאַרלאַנגט, אַז די לערערין זאָל זיך אַנטשולדיקן. די פירער פון די „אפּטאונער יאהודים" האָבן זיך אַריינגע־מישט און האָבן באַווירקט די קינדער זיך צוריקצוקערן אין שול. דער דאָ־זיקער סטרייק האָט אגב פאַרשנעלערט די באַוועגונג פאַר דער גרינדונג פון דער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלער שול אין מאָנטרעאַל.

אין די מוניציפּאַלע וואַלן פון 1916, האָבן די פועלי ציון אַרויסגע־שטעלט די פאָדערונג מ'זאָל איינפירן אידישע לימודים אין די עקזיסטירנ־דיקע שולן און מ'זאָל אנערקענען אידיש אַלס אַן אָפיציעלע שפּראַך אין דער שטאָט מאָנטרעאַל. מ'האָט שאַרף אַטאַקירט דעם שול־אָפּמאַך פון 1903, אָבער קיין סעפּאַראַטע שולן האָט מען ניט פאַרלאַנגט. דער אמתער פאַר־שפּיל פון דעם קאַמף פאַר אַ באַזונדער אידיש שול־וועזן איז געווען די פאָדערונג פון נאַציאָנאַל קולטורעלער אויטאָנאָמיע (אידישע נאַציאָנאַלע רעכט אין קאַנאַדע) און פון סעפּאַראַטע שולן, וואָס די ציוניסטיש סאָציאַ־ליסטישע באַוועגונג האָט פאָרגעבראַכט פאַר דעם ערשטן קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס אין 1919, ווען דער שרייבער פון די שורות האָט געהאַט די פּריווי־לעגיע צו לייענען אַ פאָרטראַג וועגן דער דאָזיקער פראַגע. דער קאָנגרעס האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר סעפּאַראַטע שולן. דער קאַמף פאַר סעפּאַראַטע שולן האָט זיך גאַר שטאַרק צעפלאַקערט אין יאָר 1923 און האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע יאָר. עס איז געווען אַ גלאָררייכער קאַמף, אין וועלכן די ציוניס־טיש סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט געשפּילט די הויפּט ראָל. אָבער דאָס באַלאַנגט שוין צו דער שפּעטערדיקער געשיכטע פון דער באַוועגונג.

די נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שולן אין טאָראָנטאָ

כאָטש דער פועלי ציון פאַראיין אין טאָראָנטאָ איז רעאָרגאַניזירט גע־וואָרן סוף 1910, איז ער ניט געווען שטאַרק גענוג צו נעמען אויף זיך די גאַנצע איניציאַטיוו דורכצופירן די רעזאָלוציע פון דער פינפטער פּאַרטיי קאָנווענשאָן, וועגן גרינדן אַ נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שול. אין דעם ווינטער פון 1910—1911 איז אין טאָראָנטאָ אויך פאַרגרעסערט געוואָרן די צאָל פון חברים פון דער ס. ט. פּאַרטיי. פ. פרומהאַרץ דערציילט אין זיינע דעראינע־רונגען, אַז ביי אַן אינטימען שמועס אין הויז פון יצחק מאַטענקאָ, וואָס איז

פּאַרגעקומען אַרום אַפּריל, 1911, „האָט מען זיך צונויפגערעדט דורכצופירן דריי זאַכן מיטאַמאָל: זיך אַנשליסן אין דער ס. ט. פּאַרטיי, גרינדן אַ צווייג פון אַרבעטער רינג און עפענען אַ ראַדיקאַל נאַציאָנאַלע שול" [423]).

ווי חבר י. מאַטענקאַ האָט אונז געשריבן, איז די איניציאַטיוו צו גרינדן די ערשטע וועלטלעכע שול אין טאָראָנטאָ געקומען פון די ס. ט., נאָכדעם ווי זיי זיינען שוין געווען אָרגאַניזירט אין דעם אַרבעטער רינג צווייג נומער 293. חבר א. ז. סילווערמאַן שרייבט אין „קעמפער" פון 7טן מאַי, 1954: „ווען די פראַגע פון אידישער דערציאונג איז אויפגעקומען, האָבן מיר, צוזאַמען מיט חברים פון דער ס. ט., ווי מאַטענקאַ, בראַמבערג, קליין, גאָלד־מאַן, ראָזענפעלד און אַנדערע, געגרינדעט די ערשטע(?) אידיש־וועלטלעכע שול אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט". חבר סילווערמאַנ׳ס באַהויפּטונג נעמט זיך מסתמא דערפון, וואָס די איניציאַטאָרן פון דער שול האָבן ביי דעם סאַמע אָנהויב געגרינדעט אַ שול־פאַראיין, אין וועלכן ס׳האָבן זיך אָנגע־שלאָסן אַלס יחידים סיי די ס. ט. סיי די פּועלי ציון. אזוי אַרום האָבן די פּועלי ציון זיך באַטראַכט אַלס גלייכע שותפים, גלייכע מיטגרינדער און גלייכע מיטבויער פון דער שול.

דער שול פאַראיין האָט אָנגענומען דעם „מאָטאָ": „דאָס אידישע קינד פאַר דעם אידישן פאָלק". קיין פעסטגעשטעלטע פּראָגראַם האָבן זיי ניט גע־האַט. י. מאַטענקאַ שרייבט אין זיינע דעראינערונגען: „אינטואיטיוו זיינען מיר געקומען צום פּראָגראַם באַשלוס — אידיש, העברעאיש (מוסטערן פון תנ"ך אין אָריגינאַל) אין די העכערע קלאַסן, אידישע געשיכטע, געזאַנג (אַרבעטער און פאָלקס לידער), פייערן אידישע און אַרבעטער יום־טובים, ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט דעם אַרבעטער לעבן בכלל און דעם אידישן אַרבעטער לעבן בפרט. ווי אזוי, מיט וועמען, און מיט וועלכע מיטלען, מיר וועלן דעם פּראָגראַם דורכפירן, איז אונז ניט קלאָר געווען. באַגייסטערט פון דעם געדאַנק, האָבן מיר געגלויבט אין דער דורכפירונג" [424]).

אַ צאָל חברים האָבן זיך אונטערגענומען צו זיין פריוויליקע לערער: א. ריינגוויין, א. בראמבערג, א. גאָלדמאַן, ל. קאָלדאָווסקי, פּ. פּרומהאַרץ, י. מאַטענקאַ, וואָס איז שוין געווען אַרום 35 יאָר אַלט, דער עלטסטער פון זיי אַלעמען, מיט לערער־דערפאַרונג פון דער אַלטער היים, איז באַשטימט גע־וואָרן אַלס פּרינציפּאַל. צ. גאָלדשטיין (צ. סייבל) איז געווען סעקרעטאַר. דעם דאָזיקן אַמט האָט גאָר אינגיכן איבערגענומען א. ריינגוויין.

די חברים האָבן באַשלאָסן זיך צו ווענדן מיט אַ פאָדערונג צו דער טאָראָנטער באַארד אָף עדיוקיישאַן, דורך דער מיטווירקונג פון דזש. סימפּ־סאָן (אַ סאָציאַליסט, אַ מיטגליד פון דער באַארד) מ׳זאָל זיי דערלויבן צו באַנוצן אַ פּאַבליק סקול אין דער אידישער געגנט פאַר דריי אָוונטן אַ וואָך. זיי האָבן מאָטיווירט זייער פאָדערונג מיט דעם, אַז קינדער מוזן און דאַרפן זיך געפינען אונטער דער השפעה פון זייערע עלטערן און היות די עלטערן קענען ניט קיין ענגליש, ווילן זיי די קינדער לערנען אידיש, כדי זיי זאָלן ניט ווערן אָפּגעפרעמדט פון זייערע עלטערן. שרייבט מאַטענקאַ: „אַן ענט־פער האָבן מיר געקראָגן אַ קורצן און אַ שאַרפן. אייער הנחה, אַז קינדער

דאַרפן שטיין אונטער דער השפעה פון די עלטערן איז אַ גערעכטע, אָבער אייער רפואה צו לערנען די קינדער אידיש איז ניט קיין פּראַקטישע — מיר דאַרפן די עלטערן לערנען ענגליש... גלייך זיינען די דריי ענגלישע מאָרגן־צייטונגען אַרויס מיט לאַנגע שטורמדיקע לייט־אַרטיקלען, אַז מיר האָבן זיך פאַרמאָסטן אומצוברענגען די איינהייט פון קאַנאַדע, וואָס ליידט שוין פון צוויי־שפּראַכיקייט"[425].

די שול איז דערעפנט געוואָרן אין חודש אויגוסט, 1911, אין אַן אוי־בערשטיבל אין אַלטן ציון־האַל. מען האָט אָנגעהויבן מיט 32 קינדער. די שול האָט זיך לאַנג ניט געהאַלטן אין דעם ציון־האַל און זי האָט זיך אַרי־בערגעצויגן אין אַ געדונגענער הויז אויף סימקאָ גאַס. מען האָט, ווי שוין געזאָגט, באַלד געגרינדעט אַן אומאָפּהענגיקן שול פאַראיין, וועלכער האָט גענומען אויף זיך די זאָרג צו העלפן שאַפן פאָנדן. אין אָנהויב האָט מען באַשלאָסן ניט צו רעכענען קיין שכר־לימוד. מען האָט געוואָלט האָבן וואָס מער קינדער און מען האָט געמיינט, אַז מ'וועט קענען אָוועקשטעלן די אי־דישע שולן אויף דעם זעלבן באַזיס ווי די פּאַבליק סקולס, וואו מ'דאַרף ניט צאָלן קיין שכר־לימוד. דעם ערשטן יאָר האָט מען פאַרענדיקט מיט 110 קינדער. אויפן צווייטן יאָר האָבן זיי זיך איבערגעצויגן אויף ריטשמאָנד גאַס און די שול האָט אָנגעהויבן וואַקסן. אין 1914 האָט מען זיך אַריבערגע־צויגן אין בעווערלי גאַס.

ס'זיינען צוגעקומען נאָך לערער. צווישן די ערשטע לערער זיינען גע־ווען דריי חברים פון דער פּועלי ציון פּאַרטיי: ישראל פריימאַן, זיגמונד סאָקאָל און אליעזר פרענקל (ער איז געווען אַ צייטווייליקער לערער).

גרויס אידעאַליזם איז אַרויסגעוויזן געוואָרן פון די פריוויליקע לערער, וועלכע זיינען קיינמאָל קיין לערער ניט געווען. שרייבט ל. קאַלדאוו (קאַל־דאַפסקי): „קומט צו מיר צו בראָמבערג און מאַטענקאָ, — היי דו, דו מוזט ווערן אַ לערער. — איך אַ לערער? — איך דאַרף אַליין האָבן אַ לערער... — נו, איז בלייבט עס, אַז דו נעמסט איבער דעם קלאַס... — אָבער מען דאַרף דאָך קענען זיין אַ לערער. — מען וועט אייך אויסלערנען. און לערער קורסן ווערן געשאַפן. אַ יונגערמאַן, געבוירן אין ענגלאַנד (גאָלדמאַן), דער־צויגן אויף דער ענגלישער קולטור און ליטעראַטור, אַסימילירט זיך מיט דער אידישער קולטור און ווערט דער אָנפירער פון די לערער קורסן. און אַלע נאַכט נאָך דער אַרבעט לויפט מען גלייך פון שאַפּ אין דער שול. ניט געגעסן, ניטאָ קיין צייט. אָפּגעלערנט, אָפּגעמיטינגט, לויפט מען אַהיים איינשטודירן די לעקציעס, וואָס מ'דאַרף לערנען מיט די קינדער און אַזוי אַלע טאָג, יאָר נאָך יאָר, ביז נאָך דער מלחמה"[426].

אין די ערשטע יאָרן פון איר עקזיסטענץ האָט די שול געהאַט אויסצו־שטיין רדיפות פון די אָרטאָדאָקסן, וואָס האָבן באַשולדיקט די שול, אַז זי איז אַ מיסיאָנערן קלייזל. אין דער „פאָלקס צייטונג" פון סעפּטעמבער, 1912, ווערט דערציילט וועגן די באַלעבאַטישע ציוניסטן, וואָס זיינען ניט צופרידן, וואָס מ'מאַכט אַ וועזן פון דעם „זאַגענאַנטן זשאַרגאָן". זיי העלפט אַרויס די ענגליש־אידישע צייטונג „די דזשואיש טיימס". אַ גינסטיקע גע־

לעגנהייט פאַר דער דאָזיקער אַטאַקע איז געווען, וואָס די שול האָט אָרגאַניזירט אַ קינדער אַרויספאָר אום שבת און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ געוואַלד, אַז מ'וויל אָפּשמדן די אידישע קינדער.

ווען דער שול פאַראיין פון דער טאָראָנטער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלער שול איז געגרינדעט געוואָרן האָט ער אָנגענומען אַ קאָנסטיטוציע. די אויפגאַבן פון דער שול זיינען פאָרמולירט געוואָרן אזוי: „א) צו געבן די אידישע קינדער פון טאָראָנטאָ אַן אמת אידישע און ראַדיקאַלע דערציאונג; צו דערנענטערן זיי צו זייערע עלטערן און צו זייער פאָלק; איינצופלאַנצן אין זיי אַ טיפע ליבע צום אידישן פאָלק, צו זיינע אידעאַלן און האָפנונגען, צו דער גאַנצער מענטשהייט און צו די אַלמענטשלעכע אידעאַלן פון שלום און פרייהייט, פעלקער־ליבע און ברידערלעכקייט. דער דאָזיקער פונקט קאָן קיינמאָל, אונטער קיין שום אומשטענדן, ניט געענדערט ווערן. (ב) דער פאַראיין זאָל, לויט די אומשטענדן און מעגלעכקייטן, גרינדן אין טאָראָנטאָ און אין אירע פאָרשטעט שולן, ביבליאָטעקן און לייען־צימערן; זאָל איינאָרדנען אונטערהאַלטונגען און פאָרווײלונגען; זאָל אָרגאַניזירן זעלבסטשטענדיקע אונטערשטיצונגס, דערציאונגס, עלטערן און פרויען פאַראיינען; זאָל אַרויסגעבן פון צייט צו צייט קינדער צייטונגען, קינדער ליטעראַטור, א. א. וו. (ג) אַלע לימודים אין שול זאָלן געלערנט ווערן אין אידיש. דער דאָזיקער פונקט קאָן קיינמאָל ניט געענדערט ווערן. (ד) העברעאיש זאָל געלערנט ווערן נאָר מיט די שילער, וועלכע האָבן אַ פולשטענדיקע באַקאַנטשאַפט אין דער אידישער אָרטאָגראַפיע און דער קאָנסטרוקציע פון דעם אידישן זאַץ" [427]).

נאָכדעם ווי די שול האָט עקזיסטירט צוויי יאָר, האָט חבר י. מאַלאַמוד געשריבן אין „קענעדער אָדלער" מיט באַגייסטערונג: „אין עלטערן קלאַס טרעפט איר אויך קינדער, וועלכע שרייבן אַן אַ אידישע קאָמפּאָזיציע און ווען איר לעזט דורך דעם שיינעם אידישן סטיל, דעם ריין־אידישן געדאַנק, ווערט איר איינפאַך איבערראַשט. דער עלטערער קלאַס, למשל, באַשטייט פון 12־13־14 יאָריקע קינדער, דאָס רוב הי געבוירענע,זיי פאָלגן נאָך די אידישע ליטעראַטור, מען לעזט שלום עליכם, רייזען, פרץ, אַש, א. א. וו. און מען איז אַנטציקט... ווי זאָל מען ניט באַגייסטערט ווערן, ווען מען הערט אַ כאָר פון 200 קינדער זינגען „אַז גאָט וועט געבן געזונט און לעבן"... און אַז עס קומט אַ ל"ג בעומר, האַלטן די קינדער הייליק דעם אָנדענק פון ר' עקיבא מיט זיינע תלמידים... וועגן חורבן פאַרגיסן זיי טרערן... קומט אַ אידישער נאַציאָנאַלער יום טוב ווערן זיי פריילעך און זיינען זיך משמח"...

אין יענער צייט האָבן זיך שוין אָנגעהויבן פּאַרטיי מחלוקות אין דעם שול פאַראיין. די חברים פון דער ס. ט. באַוועגונג האָבן געוואָלט אָנהאַלטן די קאָנטראָל און אויך אויסנוצן די שול־אַרבעט, צו שלאָגן פּאַרטיי קאַפּיטאַל. כאָטש מאַטענקא איז אַליין געווען אַן ס. ט., האָט ער ביי דער ערשטער געלעגנהייט זיך צוריקגעצויגן פון דער צענטראַלער שול ווייל ער האָט, ווי ער שרייבט אונז, — געזוכט אַ ווינקל וואָס זאָל זיין פריי פון פּאַרטיי מחלוקות. א. בראָמבערג איז דאַן געוואָרן דער הויפּט לערער פון דער צענטראַלער שול.

די דאָזיקע געלעגנהייט איז געקומען, ווען ס׳איז אים געלונגען צו גרינדן אַ שול פּאַראיין אין דעם עקסטרעם מערב טייל פון טאָראָנטאָ, און צו דערעפענען אַ שול אין מאַריא גאַס, וועלכע מ׳האָט, אגב, גערופן די „דזשאַנקשאַנער שול״, ווייל זי האָט זיך געפונען ניט ווייט פון אַן אייזנבאַן־פאַרבינדונג (דזשאַנקשאַן). די שול האָט מען אויך גערופן די וועסט־טאָראָנ־טער שול. מאַטענקאַ איז שוין פאַרבליבן פּרינציפּאַל פון דער שול. ער האָט אויך פאָרטגעזעצט זיין אַרבעט אַלס לערער פאַר איין קלאַס, צייטנווייז אויך צוויי, אין דער מיטל־שול, ביז מיט צוויי יאָר צוריק. אזוי ארום האָט ער דערווייל (1954), פּונקט ווי חבר וו. כייטמאַן פון מאָנטרעאַל, דעם לענגסטן סטאַזש אַלס אידישער לערער אין קאַנאַדע, פאַר אַ קימא־לן פון 42 יאָר.

גלייך ווי ס׳איז געגרינדעט געוואָרן דער בילדונגס קאָמיטעט פון די פּועלי ציון און די נאַציאָנאַל אַרבעטער פאַרבאַנד שולן, האָבן די ס. ט. אין טאָראָנטאָ געגרינדעט די „שול ביורא״ פאַר אידישיסטישע שולן. דער סעק־רעטאַר פון דער שול ביורא איז געווען יוסף קאמאי. די צוויי שולן אין טאָראָנטאָ זיינען געוואָרן אַלץ מערער אידישיסטיש געשטימט, כאָטש אין דער אויבן ציטירטער פּרינציפּן דערקלערונג איז העברעאיש נאָך ניט דערקלערט געוואָרן אַלס אַ „העבערער לימוד״.

אין אָנהויב האָט מען אין די טאָראָנטער שולן געלערנט דריי מאָל אַ וואָך — שבת, זונטיק, מיטוואָך — צו צוויי שעה אַ קלאַס. אין די מלחמה־יאָרן, ווען די לערער זיינען געוואָרן באַצאָלטע, אַרום 1917—1918, האָט מען איינגעפירט 5 מאָל אַ וואָך צו איין שעה אַ קלאַס. אַ גאַר באַזונדער אָרט האָט אין די טאָראָנטער שולן פאַרנומען די קינדער קלוב אַרבעט. אלס טייל פון דעם קינדער קלוב פּראָגראַם איז געמאַכט געוואָרן אַן איינפיר פון עונג־שבתים, פרייטיק צונאַכטס, אין דער צענטראַלער שול אויף בעווערלי גאַס און פון שבת צונאַכטסן אין דער „דזשאַנקשאַנער״ שול. אין דער „דזשאַנק־שאנער״ שול האָבן זיך די עלטערן אויך באַטייליקט אין דער שמחה. דער איינפיר האָט אָנגעהאַלטן אַ פופצן־צוואַנציק יאָר. דער דאָזיקער איינפיר פלעגט, ווייזט אויס, מאַכן אַ טיפן איינדרוק סיי אויף די לערער, סיי אויף די קינדער. אָט ווי פלאָרענס ראַכלין־מענסאָן, אַ געוועזענע לערערין, האָט געשריבן אין אירע דערמאָנונגען: „די שענסטע דערמאָנונג איז מיר געבליבן פון אונזער פאַרברענגען שבת צונאַכטס צוזאַמען מיט די שול־קינדער. מ׳קאָן דאָס ניט אָנרופן פשוט „פאַרברענגען״. דאָס זיינען געווען מאָמענטן, ווען די לערער מיט די קינדער פלעגן זיך צוזאַמענגיסן אין איין משפּחה־באַנד, מיט איין פאַרלאַנג — צו זען אונזער פאָלק שענער, גליקלע־כער און געזונטער. און די קינדער!... און די טענץ!... אָט שטייט חבר מאַטענקאַ און שפּילט אויפן פידל, מיט ברען, מיט באַגייסטערונג! ער לייגט אַריין זיין גאַנצע נשמה אין די טענער... איך און ח׳ ישראל פריימאַן פירן אָן מיט די טענץ: אַ שלום עליכם טאַנץ; און די באַרימטע ראָנדאַ. איז אין די טענץ אפשר געווען ווייניק ריטם, אָבער דערפאַר אַ סך נשמה. אַ ים מיט באַגייסטערונג. די קינדער און די לערער זיינען איינגעשלאָסן אין איין ראָד, אין אַ באַגייסטערטער טאַנץ־תפילה״ [428].

די צאָל פועלי ציון חברים אין דעם שול פאַראיין האָט זיך דערוויַיל געהאַלטן אין איין פאַרגרעסערן. זיי זיינען, פאַרשטייט זיך, אויך געווען אין דער שול פאַרוואַלטונג. די קנאים פאַר אידיש, אָנגעפירט פון אהרן בראַמ־בערג, יוסף קאַמאַי און זלמן קאַמאַי, האָבן באַשלאָסן, אַז ס׳וועט זיין די בעסטע זאַך פּטור צו ווערן פון די פועלי ציון. שרייבט בראַמבערג: „מיר האָבן מורא געהאַט, אַז זיי (די פועלי ציון) זאָלן מיט דער צייט אונז ניט מאַיאָריזירן און ניט ענדערן דעם גייסט פון דער שול. כדי צו פאַרצאַמען זיי דעם וועג, נעמען מיר אָן אַ „פּרינציפּן דערקלערונג״. דאָרט איז פאַראַן אַ פּונקט, אַז מיר „אָנערקענען, אַז אידיש איז די נאַציאָנאַלע שפּראַך פונם אידישן פאָלק. הויבט זיך אָן אַ מוראדיקער קאַמף אַרום דעם „די״. ווייסן די פועלי ציון, אַז דוב בער באָראָכאָוו איז זייער חשוב ביי אונז, איבער זיינע גרויסע פאַרדינסטן אויפן פעלד פון אידיש פאָרשונג, ברענגען זיי אים אַראָפּ, אַז ער זאָל אונז באַוועגן צו ענדערן דעם פּונקט. אַ גאַנצע נאַכט איז ד. ב. באָראָכאָוו מיט אונז געזעסן און איינגעטענה׳ט, און דער פּונקט איז ניט געענדערט געוואָרן״ [429].

ס׳איז אמת, אַז חבר ד. ב. באָראָכאָוו איז געקומען אין טאָראָנטאָ צו האַלטן לעקציעס אַלס גאַסט פון די פועלי ציון, אָבער ער איז ניט געקומען ספּעציעל כדי צו באַווירקן בראַמבערגן און זיינע חברים. די האָפענונג פון די אידישיסטישע פאַנאַטיקער, אַז זיי וועלן פאַרטרייבן די פועלי ציון, איז אויך ניט מקוים געוואָרן. די „פּאָליסי״ פון דעם פועלי ציון פאַראיין איז פאַרבליבן, אַז די חברים זאָלן פאַרבלייבן אין דעם שול פאַראיין, אַלס יחי־דים, צו העלפן אין דעם אויפהאַלט פון דער שול און צו באַווירקן איר אי־נערלעכע דערציערישע אַרבעט און פּראָגראַם. מיט דער אויסנאַמע פון אַ קליינער צאָל העברעאיסטישע פועלי ציון, זיינען אַלע פועלי ציון חברים, די „צוויי שפּראַכיקע״ און די אידישיסטן (זייער צאָל איז געווען זייער קליין), פאַרבליבן אין דעם שול פאַראיין.

דער קאַמף וועגן אידיש אַלס „די״ נאַציאָנאַלע שפּראַך, אָדער אַלס „אַ״ נאַציאָנאַלע שפּראַך, האָט אָבער געבראַכט דערצו, אַז מיטגלידער פון דעם אַרבעטער רינג זאָלן זיך אָנשליסן אין גרויסע צאָלן אין דעם שול פאַראיין. אַלס רעזולטאַט פון דעם האָט מען אין די שול קרייזן אָנגעהויבן, אין יאָר 1917, אַ דיסקוסיע וועגן אָנשליסן די שול אין דעם צענטראַלן דערציאונגס קאָמיטעט פון אַרבעטער רינג. די אַרבעטער־רינגניקעס האָבן אָפּגעהאַלטן אַ נצחון. אָבער אַזוי לאַנג ווי ס׳איז נאָך געווען אַ שול פאַראיין זיינען די פּרץ שולן פאַרט געבליבן אַן אומאָפּהענגיקע אָרגאַניזאַציע און די פועלי ציון זיינען נאָך אַלץ געבליבן ביי דער אַרבעט. מ׳האָט אין יענעם יאָר געגרינדעט נאָך אַ צווייג אין אוירלס קאָרט. אַלע דריי שולן האָבן פאַרמאָגט 400 קינ־דער. העברעאיש האָט מען געלערנט פון קלאַס 4.

אָנהויב 1917, האָט יהודה קויפמאַן באַזוכט די טאָראָנטער פועלי ציון. ער האָט באַרירט ניט נאָר די שול־פראַגע, נאָר ער האָט אויך אַגיטירט צווישן די חברים פאַר אַ פאָלקס אוניווערזיטעט. יענעם זומער איז, לויט אַ באַריכט אין דעם מאָנטרעאַלער וואָכנבלאַט „דאָס פאָלק״, פון דעם 27טן

יולי, 1917, געמאַכט געוואָרן אַ פּאַרזוך צו גרינדן אַ שלום עליכם פאָלקס שול, אַלס אַן אָפּאָזיציע צו די נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שולן, וועלכע האָבן זיך שוין דאַן גערופן די פּרץ שולן. פון דעם דאָזיקן פּלאַן איז גאָרניט געוואָרן, אָבער ס׳האָט זיך געגרינדעט דער פּרץ פאָלקס אינסטיטוט, מיט אַ פּראָגראַם פון גרויסער קולטור אַרבעט.

אין 1917—1918 זיינען אַנטשטאַנען זייער ערנסטע קריגערייען אין דעם פּרץ שול פאַראיין. איין צד, אָנגעפירט פון א. בראַמבערג און דער צווייטער פון א. ריינוויין. ריינוויין און זיינע חברים האָבן זיך געשטעלט אויף דעם שטאַנדפּונקט פון י. מאַטענקא, אַז די פראַגע צי אידיש איז „די״ נאַציאָנאַלע שפּראַך אָדער „אַ״ נאַציאָנאַלע שפּראַך, האָט ניט קיין שייכות מיט דער שול אַרבעט גופא. ריינוויין מיט זיינע חברים האָבן דאַן פאַרלאָזן דעם פּרץ שול פאַראיין און האָבן זיך קאָנצענטרירט אין דעם פּרץ פאָלקס אינסטיטוט. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז די פּועלי ציון חברים האָבן געשטיצט ריינוויינען. זיי זיינען אַרויס צוזאַמען מיט אים און געהאָלפן אין דער אַרבעט. דער פּרץ פאָלקס אינסטיטוט האָט געעפנט אַ שול אין נומער 5 גרענדזש ראָוד. די „דזשאַנקשאַנער״ און די „אוירלס-קאָורט״ שולן האָבן זיך פאַראייניקט מיט דעם פּרץ פאָלקס אינסטיטוט. דער פּרץ פאָלקס אינסטיטוט האָט אויך איבערגענומען די שלום עליכם פאָלקס ביבליאָטעק מיט אירע אָוונט לעקציעס און פאָרומס פאַר דערוואַקסענע, וואָס זיינען אויך אָנגעפירט געוואָרן פון אברהם ריינוויין. ס׳מוז דאָ באַמערקט ווערן, אַז א. ריינוויין האָט זיך נאָך פריער אָנגעהויבן צו דערנעענטערן צו די פּועלי ציון און אין 1918 איז די ס. ט. פּאַרטיי אַריין צו די פּועלי ציון און דער טאָראָנטער ס. ט. פאַראיין האָט זיך אויפגעלייזט.

אין אַ בריוו פון דעם 30טן מערץ, 1918, האָט וו. קעסנער געשריבן צו דעם צענטראַלן שול פאַרבאַנד, אַז די וועסט טאָראָנטער שול האָט 126 קינדער, פון זיי 93 מיידלעך און 33 אינגלעך. זי האָט פאַרמאָגט אַן אייגן הויז, וואָס האָט געקאָסט 1500 דאָלער און האָט געהאַט אַ בודזשעט פון 120 דאָלער אַ חודש. אין אַ בריוו פון מאַי, 1918, האָט מען געשריבן צו דער צענטראַלע, אַז די פּועלי ציון, וועלכע זיינען געשטאַנען ווייט פון דער וועסט-טאָראָנטער שול, צוליב איר אידישיסטישער טענדענץ, זיינען צוגעשטאַנען צו דער שול. דאָס איז געראַדע געווען אַביסל איבערגעטריבן. די פּועלי ציון האָבן געוואוינט אין די צענטראַלע טיילן פון דער שטאָט, צו ווייט פון דער וועסט טאָראָנטער („דזשאַנקשאַנער״) שול, צו קאָנען זיך באַטייליקן אין גרויסע צאָלן אין דער אַרבעט פאַר דער שול. דעם 5טן מאַי, 1918, האָט מען געפייערט דעם חנוכת הבית פון דעם פּרץ פאָלקס אינסטיטוט. אַביסל שפּעטער האָט מען געפייערט דעם ערשטן יערלעכן יובילײ פון דעם פּרץ פאָלקס אינסטיטוט [430].

אין יוני, 1918, האָט זיך דער גאַנצער פּרץ פאָלקס אינסטיטוט אָנגעשלאָסן אין דעם פאַרבאַנד פון די נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שולן. לויט שפּעטערדיקע ידיעות האָט זיך א. ריינוויין באַטייליקט אין דעם צוזאַמענפאָר פון דעם צענטראַלן שול פאַרבאַנד אין סיראַקיוז. יענעם זומער איז פאָרגע-

קומען אַ דיסטריקט קאָנפערענץ פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד צווייגן אין טאָראָנטאָ, ביי וועלכער ס'איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע צו שטיצן אַלע נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שולן, וואָס זיינען אָנגעשלאָסן אינם שולן פאַר־באַנד און לערנען, לויט דעם פּראָגראַם און גייסט, וואָס איז גוטגעהייסן פון דעם שולן פאַרבאַנד. דאָס האָט געמיינט מ'זאָל זיך אַריינוואַרפן אין דער אַרבעט פאַרן פּרץ פאָלקס אינסטיטוט.

ווייזט אויס, אַז ס'איז שוין געווען צו שפּעט. די פינאַנציעלע לאַגע פון דעם פּרץ פאָלקס אינסטיטוט האָט זיך שטאַרק פאַרערגערט. די „סיטי סענ־טראַל קאָמיטי" פון דעם אַרבעטער רינג האָט אויסגענוצט די דאָזיקע לאַגע און האָט פאַררופן אַ קאָנפערענץ פון „אידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס", וואָס האָט געבראַכט צו דער פאַראייניקונג פון דעם פּרץ פאָלקס אינסטיטוט און די פּרץ שולן אין איין קערפּערשאַפט.

ווען פּראָפעסאָר פיינמאַן איז געקומען אין טאָראָנטאָ, אין די אינטער־רעסן פון דעם פריי־הייטס פאָנד, לויט אַ באַריכט אין דעם „אידישן זשורנאַל", פון דעם ערשטן יוני, 1919, האָבן ביי דעם זעלבן אָוונט וואו פיינמאַן און ריינוויין האָבן גערעדט, געזאָלט אויך אויפטרעטן קינדער פון די פּרץ שולן מיט געזאַנג און דעקלאַמאַציעס. דאָס איז אָבער געווען די לעצטע פאַר־בינדונג צווישן די טאָראָנטער פּרץ שולן און אונזער באַוועגונג.

די פאַראייניקטע פּרץ שולן און דער פּרץ פאָלקס אינסטיטוט האָבן דאַן געהאַט אַ דעפיציט פון אַרום 1500 דאָלער. ווי אייניקע חברים געדענקען האָט א. בראָמבערג, דער גרעסטער שונא פון די פּועלי ציון, דערפילט, אַז ער איז אַוועק שוין אַביסל צו ווייט. ער האָט זיך, ווייזט אויס, דערשראָקן, ווען ער האָט דערזען, אַז עס האַלט דערביי, אַז דער אַרבעטער רינג וועט איבערנעמען די שולן. ער איז געקומען צו חברים פון אונזער באַוועגונג און האָט זיי פאָרגעשלאָגן, אַז זיי זאָלן מאַכן אַן אָנבאָט אויף איבערצונעמען די שולן. ווייזט אויס, אַז אונדזערע חברים האָבן מורא געהאַט צו נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט און האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון דעם. זיי זיינען זיכער באַגאַנגען אַ פּאָליטישן פעלער.

ביי אַ פאַראיין מיטינג פון די פּרץ שולן, מיטוואָך דעם 16טן יולי, 1919, איז באַשלאָסן געוואָרן אָנצונעמען דעם אָנבאָט פון דער „סיטי סענטראַל קאָמיטע" פון אַרבעטער רינג צו באַצאָלן אַלע חובות און איבערגעבן די פאַרוואַלטונג פון די שולן צו די אַרבעטער רינג ברענטשעס [431]. דער שול פאַראיין האָט זיך אויפגעלייזט און עס האָט זיך פאַרענדיקט אַ קאַפּיטל פון שול אַרבעט פון די סאָציאַליסטיש נאַציאָנאַלע עלעמענטן אין טאָראָנטאָ.

די אַרבעט פון די פּועלי ציון, וועלכע האָבן געהאָלפן, צוזאַמען מיט די ס. ט., אין דעם אויפבוי פון די פּרץ שולן אין טאָראָנטאָ, איז ניט געגאַנגען לאיבוד. די טאָראָנטער שולן האָבן געהאָלפן די נאַציאָנאַל געשטימטע עלע־מענטן אין אַרבעטער רינג זיך איינצושטעלן פאַר אַן אַרבעטער רינג שול סיסטעם. נאָך מער, זיי האָבן סטימולירט די דערעפענונג פון אַרבעטער רינג שולן אין פאַרשידענע שטעט, נאָך איידער דער אַרבעטער רינג האָט,

אין 1918, גענומען דורכפירן די באַשלוסן פון זייערע פריערדיקע קאָנ־ווענשאַנס בנוגע שולן.

י. ב. ביילין, דער דעמאָלסטדיקער דירעקטאָר פון דעם בילדונגס דע־פּאַרטמענט פון אַרבעטער רינג, שרייבט אין זיינע זכרונות: „און זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז די טאָראָנטער פּרץ שולן, וואָס זיינען נאָך דעמאָלט ניט געווען קיין אָפיציעלע אַרבעטער רינג שולן, האָבן מיט זייער סאַמע עקזיס־טענץ, מיט זייער וואוקס און ברייט־אַוועקגעשטעלטער אַרבעט, היפּשלעך דערמוטיקט די ערשטע טריט אונזערע אויף דעם פעלד. מיר האָבן זיי גע־נוצט ווי אַ שלאָגענדיקן באַווייז, אַז די שולן זיינען ניט קיין עקזאָטישע פלאַנצן, ווי אַנדערע האָבן עס אָנגערופן. און נאָך מער, אויף אונזערע שול־צוזאַמענפאָרן האָבן אונזערע לערער און שול־בויער פיל געלערנט פון די דערפאַרונגען פון די קאַנאַדער חברים. מיר האָבן זיי שטענדיק באַטראַכט ווי די פּיאָנערן פון דעם אידישן וועלטלעכן שול־וועזן אויף דעם מערבדיקן האַלב־קוגל פון דער וועלט. מיר האָבן באַטראַכט אונזערע שולן אין קאַנאַדע פאַר פאָלקאָמערע און פאַר מאסגעבנדיקערע, ווי די שולן אונזערע אין די שטאַטן. ניט בלויז צוליב זייער עלטערער דערפאַרונג, נאָר אויך צוליב דעם, וואָס די קאַנאַדער שולן זיינען געווען גאַנצערע, פול וואָכיקע, פול טאָגיקע. און אויב מיר האָבן שוין איצט אַ סיטואַציע, וואו די שול באַוועגונג פון אַרבעטער רינג איז שוין אַן אָרגאַנישער טייל און אַ שטאָלץ פון דעם גאַנצן אָרדן, האָבן די קאַנאַדער פּרץ אַרבעטער רינג שולן צו דעם בייגעטראָגן ניט דעם קלענסטן חלק״ [432]).

אזוי אַרום האָבן אונזערע טאָראָנטער חברים אפילו אין דעם צייט־אָפּשניט פון 1911—1920 אויך געמאַכט אַ בייטראָג צו דעם שול־וועזן און האָבן געהאַט אַ חלק אין באַווירקן די שול אַרבעט פון דעם אַרבעטער רינג. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָבן די אַרבעטער רינג שולן, צוליב פאַר־שיידענע סיבות, פאַרלאָרן גרויסע צאָלן פון תלמידים און געליטן אַ ירידה. אין 1922 האָבן זיי געהאַט בלויז צוויי שולן מיט אַרום 300 תלמידים. זיי האָבן געהאַט זייער ערשטע גראַדואירונג ערשט אין 1927.

די פועלי ציון און דער פאַרבאַנד האָבן געגרינדעט אַ פאָלקס שול אין 1925 און גאָר לעצטנס האָבן זיי אויפגעבויט אַ פּראַכטפולע שול אין איינעם פון די נייע געגנטן פון שטאָט, מיט דער האָפנונג, אַז די נייע שול וועט זיך אַנטוויקלען אין אַ טאָג שול.

די פּרץ שול אין וויניפּעג

סוף אָקטאָבער, 1910, האָט דער פועלי ציון פאַראיין אין וויניפּעג זיך אָנגעהויבן צו צעפאַלן. דער פאַראיין פון ס. ט. איז נאָך פריער צעפאַלן גע־וואָרן. והעיר וויניפּעג היתה תהו ובהו. אָבער דער רוח אלהים איז געווען מרחפת עליה... די חברים ס (ז) ציוזקין, אַ געוועזענער פועלי ציון און זיין פרוי (געוועזענע פערלמאַן) זיינען, לויט די דעראַינערונגען פון י. א. לבדי, געווען די ערשטע מיטן געדאַנק צו גרינדן אַן אַלגעמיינעם סאָציאַליסטיש־

נאַציאָנאַלן שטודיר פאַראיין, מיטן אויסבליק פאַר דער גרינדונג פון אַ נאַציאָנאַל ראַדיקאַלער שול. מרס. סיליא ציוזקין האָט פאָרגעשלאָגן, אַז דער נאָמען פון דעם פאַראיין זאָל זיין „אידישער יוגנט פאַראיין". די ערשטע מיטגלידער זיינען געווען חברים פון די געוועזענע פועלי ציון און ס. ט. פאַראיינען. שפּעטער זיינען צוגעקומען אַנדערע אידישע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַל געשטימטע עלעמענטן, אייניקע פאָלקסטימלעך געשטימטע אַנאַרכיסטן און אפילו געגנאָסן. י. א. טשערניאַק שרייבט אין זיינע זכרונות, אַז: „סוף כל סוף זיינען אַלע געקומען צו דעם איינשטימיקן באַשלוס, אַז וואָס מיר זיינען זיינען מיר, אָבער אידן און ראַדיקאַלן זיינען מיר, און אַז דערפאַר דאַרפן מיר גרינדן אַ שול מיט אַ אידיש־ראַדיקאַלער פּראָגראַם" [433]). דער פאַראיין האָט זיך אָפּגעגעבן מיט אַלגעמיינער קולטור אַרבעט און מיט פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער אידישער פּראָגרעסיווער דערציאונג. לויט ציוזקינס מיינונג איז דער „יוגנט פאַראיין" אין ווינּיפּעג געווען דער אמתער פּיאָנער און פאָטער פון דעם אידישן שולן געדאַנק בכלל". דער פאַראיין „איז געווען דער יעניקער, וועלכער האָט צוגעגרייט דעם באָדן און אויסגעפּלאַסטערט אַ וועג פאַר דעם" [434]). ביי דעם פאַראיין איז פאַרהאַנדלט געוואָרן, לויט אַ באַריכט אין דער לאָקאַלער צייטונג, די פראַגע פון אַ שול, זונטיק, דעם 2טן יאַנואַר, 1912. ביי יענער זיצונג, אָדער ביי אַ שפּעטערדיקער זיצונג אין יאָר 1912, איז אָנגענומען געוואָרן די פאָלגנדיקע רעזאָלוציע:

„נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז די אידישע דערציאונג אין אַמעריקע ברענגט דערצו, אַז דער יונגער דור ווערט פאַרפרעמדט פון דער אידישער שפּראַך, אידישער ליטעראַטור און אידישן פאָלק; דורך די אָדער יענע סיבות, איז ער אין די מייסטע פאַלן אַן אַנטווישטער און אַ צעבראָכענער און לויט זיין גאַנצער דערציאונג אַ פרעמדער צום אידישן לעבן, און נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז דאָס ברענגט צו מיספאַרשטענדענישן צווישן עלטערן און קינדער און רויבט אַוועק ביים אידישן פאָלק זיין יונגן דור; נעמענדיק אין אַנבאַטראַכט, אַז די עקזיסטירנדיקע מעטאָדן פון דער אידישער דערציאונג זיינען ניט אין איינקלאַנג מיט די פאָדערונגען פון דער מאָדערנער פּעדאַגאָגיק און פּראָגרעסיווע אידעען, דערפאַר איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַ שול, וואו מען זאָל דערציען דעם צוקונפטיקן דור אין אַ פּראָגרעסיוון אידישן גייסט".

דער פאַראיין „אידישע יוגנט" האָט עקזיסטירט אַרום צוויי און אַ האַלב יאָר. פון דעם דאָזיקן פאַראיין האָט זיך פאָרמירט אַ ברענטש פון אַרבעטער רינג, וועלכער האָט זיך גערופן „אידישע יוגנט אַרבעטער רינג ברענט 506". דער דאָזיקער ברענטש פון סאָציאַליסטיש נאַציאָנאַלע עלעמענטן האָט אָנגעהאַלטן די פּראָפּאַגאַנדע פאַר אַ נאַציאָנאַל ראַדיקאַלער שול. סוף 1913, האָט דער ברענטש 506 פאַררופן אַ קאָנפערענץ וועגן דער שול פראַגע און עס איז פעסט באַשלאָסן געוואָרן צו עפענען אַ שול. „די קאָנפערענץ איז באַשטאַנען פון ס. ט., פועלי ציון און סתם נאַציאָנאַליסטן־ראַדיקאַלן, וועמען ס'האָט פאַראייניקט די אידישיסטישע פאָן. זיי האָבן אָבער געוואָלט מזכה זיין אויך די איבעריקע ווינּיפּעגער ראַדיקאַלן מיט דער מצוה פון גרינדן אַ נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שול און מען האָט פאַררופן נאָך אַ קאָנפערענץ פון פאַרשטייער

פון ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציעס און פּריוואַטע פּערזאָנען כדי צוזאַמען צו בויען די געזעלשאַפט, וואָס זאָל לייגן דעם גרונטשטיין פאַר נאַציאָנאַל ראַדיקאַלער דערציאונג אין וויניפּעג״ [435].

ס׳ווערט ווייטער דערציילט אין דעם דאָזיקן פּרק שול באַריכט (1916), אַז די גענאָסן האָבן זיך שטאַרק געשראָקן פאַרן וואָרט „נאַציאָנאַלע״ שולן און אַלס קאָמפּראָמיס, כדי צו האָבן אַלעמען ביי דער אַרבעט פון דער שול, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די וויניפּעגער שול, וואָס מ׳וועט גרינדן, זאָל ניט הייסן „אידיש נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שול״, נאָר „אידישע ראַדיקאַלע שול״.

ווען מען האָט זיך קאָנסטיטואירט האָט מען אויסגעקליבן אַן אויספיר קאָמיטעט. אין דער עקזעקוטיווע זיינען אַריין: (דר) ב. גינזבורג, פּאַניע טשערניאַק, י. א. טשערניאַק, ט. געלער, (דר) י. פּערלמאַן, י. גורעוויטש, וועלכע האָבן פאַרטראָטן די סאָציאַליסטיש נאַציאָנאַלע גרופּע; י. פּראַסאוו האָט פאַרטראָטן די אַנאַרכיסטן; ה. זאַלצמאַן, וו. באום, א. גאלאבאוו, מ. און ראזע עלקין, ב. טויבמאַן האָבן פאַרטראָטן די סאָציאַל דעמאָקראַטן [436]). דאָס איז געווען די איינציקע נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שול אין קאַנאַדע, וואו סאָציאַל דעמאָקראַטן („גענאָסן״) האָבן גענומען אַן אַנטייל ביי דער גרינדונג. אָבער ווי עס ווערט געזאָגט אין דעם באַריכט פון 1916, איז „פּאַקטיש דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ברענטש געשטאַנען ווייט פון דער שול״ [437]).

די שול איז, לויט ג. שעפּס, דערעפנט געוואָרן דעם 2טן מאַי, 1914. דער עקזעקוטיווע איז געלונגען צו קריגן די דערלויבעניש פון דער סקול באָארד צו באַנוצן פאַר דער שול איין צימער אין דער אבערדין סקול, פלארא און סאלטא גאַס. די שול איז געעפנט געוואָרן מיט י. א. טשערניאַק אַלס ערשטער פינאַנץ סעקרעטאַר און קאַסירער און י. גורעוויטש אַלס ערשטער פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר. מ׳האָט אָנגעהויבן צו זוכן קינדער. נאָך גרויס מי איז געלונגען צו באַאיינפלוסן 11 עלטערן פון 17 קינדער, „וואָס האָבן, טראָץ דעם חרם פון די רבנים, באַשלאָסן פאַרשטיינט צו ווערן פון די אָרטאָדאָקסן און מקריב זיין זייערע פריינטלעכע באַציאונגען מיט די „אָלד־טיימערס״, אַלץ צוליב געבן זייערע קינדער אַ אידיש־וועלטלעכע דערציאונג און זיי האָבן אנפאַרטרויט דער שול זייערע קינדער״. חבר ב. גינזבורג (דער איצטיקער דר. גינזבורג) איז אָנגעשטעלט געוואָרן אַלס לערער מיט אַ געהאַלט פון 17 מיט אַ האַלבן דאָלער אַ חודש. 2 וואָכן נאָך דער דערעפענונג זיינען צוגעקומען נאָך קינדער און עס איז אָנגעשטעלט געוואָרן אַ צווייטער לערער, חבר י. העסטרין, מיט דעם זעלבן געהאַלט, און מען האָט פאַרנומען נאָך אַ צימער אין דער אבערדין סקול. אין דעם חודש אויגוסט, האָט מען שוין געפילט, אַז די שול מוז האָבן אַן אייגענע היים״ [438]).

לויט דעם 1916 שול באַריכט פון דער פּרץ שול, איז די שול געגרינדעט געוואָרן ניט דעם 2טן מאַי, נאָר דעם 18טן מאַי, 1914. אָבער דאָס איז ניט וויכטיק. אַ פאַקט איז, אַז די שול האָט זיך דערעפנט אין מאַי, 1914. ס׳איז כדאי צו באַמערקן, אַז דאָס איז געווען די ערשטע שול, וועלכע האָט אין סאַמע אָנהויב איינגעפירט צו האָבן באַצאָלטע און ניט קיין פריינוויליקע לערער. י. העסטרין איז געווען, דרך אגב, אַ דערפאַרענער פּעדאַגאָג און איז, אין

1915, באַשטימט געוואָרן פאַרן פרינציפּאַל פון דער שול, אַן אַמט וועלכן ער האָט געהאַלטן ביז 1922. גאָר אינגיכן האָט מען אָנגעשטעלט אַ דריטן לערער, ד. דענענבורג, און אויך אַ געזאַנגס לערער, ב. קאָהען. די שול האָט זיך אָנגע־הויבן שנעל צו אַנטוויקלען. אין 1915 זיינען שוין געווען 90 קינדער און דריי קלאַסן. אין יוני, 1915, האָט די סקול באָארד געהייסן דער שול זיך אַרויסקלייבן.

ג. שעפּס מיינט, אַז די סקול באָארד איז באַווירקט געוואָרן פון די אָר־טאָדאָקסן, וואָס האָבן די שול אַרבעטער אָנגערופן „מיסיאָנערן" און פון די גענאָסן, וואָס האָבן זיי געקרוינט מיט דעם צונאָמען „שאָוויניסטן"... האָט מען גענומען אַ פּלאַץ אויף מאַקענזי און פּריטשאַרד גאַס, וואו די שול האָט זיך אַריינגעקליבן דעם 10טן אָקטאָבער, 1915. מ'האָט דאָן דערעפנט אָוונט קורסן אויך פאַר דערוואַקסענע.

אַ היפּש ביסל פאַר דעם האָט זיך אָנגעהויבן די מחלוקה וועגן דעם לאָ־זונג פון דער שול. די שול פאַרוואַלטונג האָט אַן וועלכער ס'איז כוונה, אָפּ־געדרוקט בלאַנקן מיט דעם מאָטאָ: „די אידישע יוגנט פאַרן אידישן פאָלק". „די איינגעבעטענע געסט, וואָס רופן זיך „אינטערנאַציאָנאַליסטן", האָבן אין דעם לאָזונג דערזען אַ „שאָוויניסטיש" אונטערפּיסל פון די נאַציאָנאַליסטן און האָבן גלייך אָנגעהויבן מיט אַן אולטימאַטום: אויס לאָזונג, אָדער מיר גייען אַוועק, און די שול איז געבראָכן" [439].

צוערשט האָט די שול געזעלשאַפט ניט געוואָלט נאָכגעבן, און אַלס רעזולטאַט האָבן אַ צאָל מיטגלידער — די סאָציאַל דעמאָקראַטן — רעזיג־נירט פון דער עקזעקוטיווע. דאָס איז געווען די ערשטע שפּאַלטונג. דער וויניפּעגער אידישער סאָציאַל דעמאָקראַטישער לאָקאַל האָט דאָן דורכגע־פירט אַ רעזאָלוציע, אַז מיטגלידער פון דעם לאָקאַל טאָרן איבערהויפּט ניט באַלאַנגען צו דער שול געזעלשאַפט..." [440].

די שול געזעלשאַפט האָט אָנהויב יאַנואַר, 1915, געמאַכט אַ וויטער־דיקע קאָנצעסיע צו די גענאָסן און האָט אַרונטערגענומען דעם לאָזונג. מען האָט אויך באַשלאָסן, אַז די רעזיגנירטע מיטגלידער קאָנען צוריק אַריינ־קומען אַלס נייע מיטגלידער אָן איינצאָל־געלט. אין דעם וויניפּעגער שול פאַראיין איז דאָן געווען אַ געזעץ, אַז אַ נייער חבר דאַרף איינצאָלן 6 דאָלער איינטריט אָפּצאָל און 3 דאָלער אַ יאָר מיטגליד שטייער. זייער ווייניק גע־נאָסן האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער שול, אפילו דאַן, ווען דער לאָזונג איז אַרונטערגענומען געוואָרן.

אָנהויב 1916, האָט זיך אין וויניפּעג געגרינדעט אַ „פאָלקס שול", וועלכע איז אונטערגעשטיצט געוואָרן פון די אידישע סאָציאַל דעמאָקראַטן. די שול האָט אַראַנזשירט אַ פייערונג פונם ערשטן מאַי פאַר אירע שי־לער [441]. אין דעצעמבער, 1916, האָט די שול זיך באַטייליקט אין אַ קבלת פּנים פאַר מאָריס ווינטשעווסקי, וועלכער האָט דאַן באַזוכט וויניפּעג. ווי חברים גיבן איבער, האָט די דאָזיקע „פאָלקס שול" זיך ווי עס איז געהאַלטן ביז ס'האָט זיך פון איר אַנטוויקלט די אַרבעטער רינג שול, וועלכע האָט זיך אָפיציעל געגרינדעט אין 1920.

אין לויף פון 1916, האָבן חברים פון דעם אויפגעלעבטן פועלי ציון פאַראיין אָנגעהויבן אָנשליסן זיך אין דער שול געזעלשאַפט. דאָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך זרובבל׳ס באַזוך אין וויניפעג. ס׳האָט זיך איבערהויפּט אָנגעהויבן אַ דערנענטערונג צווישן געוועזענע ס. ט. און די פועלי ציון. אייניקע ס. ט. חברים האָבן אַרום יענער צייט אָנגעהויבן פאַרלאָזן דעם אַרבעטער רינג און זיך אָנשליסן אין צווייג 20 פון דעם אידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד.

אין 1916, האָט די שול, וועלכע האָט שוין דאַן געהייסן פרץ שול, אָפּגעדרוקט, ווי שוין דערמאָנט, אַ באַריכט פון איר טעטיקייט. אינם פאָרוואָרט, אונטערגעשריבן פון די לערער העסטרין, גינזבורג און דענענבורג, ווערט, מיט באַגייסטערונג, געמאַכט אַ סך הכל פון די אויפטוען: „אונז האָט זיך איינגעגעבן צוצובינדן צום אידישן פאָלק, צו דעם לעבעדיקן, לייַדנדיקן פאָלק, קינדערישע נשמות, וואָס וואָלטן אָן אונזער אַרבעט אפשר פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן פון אונז. מיר האָבן מיטגעהאָלפן, אַז דאָס אידישע וואָרט זאָל אויפלעבן און שיין אָפּקלינגען דאָרט, וואו עס האָט געהאַלטן ביים פאַרגעסן ווערן. מיר האָבן געהאָלפן, אַז אידישע קינדער זאָלן זיך צוריק צובינדן צו דער אידישער פאַרגאַנגענהייט און דערמיט אויך צוגעבונדן זיי צו אונזער היינט און אונזער צוקונפט״...

אין דער שול האָבן אָנפאַנג יוני, 1916, געלערנט 185 קינדער, פון וועלכע 58 זיינען געווען אינגלעך און 127 מיידלעך. דער באַריכט פון 1916 באַרירט די פראַגע פון דער קליינער צאָל אינגלעך. אַלס איינע פון די סיבות איז געווען, לויט זייער מיינונג, דאָס פעלן פון רעליגיע אין דער פּראָגראַם. ס׳ווערט אויך געזאָגט אין דעם באַריכט: „מיר האָפן, אַז דאָס איינפירן פון העברעאיש, וואָס וועט פאָרקומען אין היינטיקן יאָר, וועט נאָך פאַרשטאַרקן דעם פּראָצענט פון די אינגלעך״ [442].

אין דעם שול באַריכט פון 1916, איז אָפּגעדרוקט געוואָרן די דאַמאָלסטדיקע פיר יאָריקע פּראָגראַם פון דער פרץ שול. העברעאיש האָט מען געזאָלט אָנהויבן לערנען פונם דריטן יאָר. פונם דריטן יאָר אָן האָט אויך דער קורס פון געשיכטע געזאָלט פאַרנעמען דעם ערשטן פּלאַץ.

אין דעם באַריכט, וואָס איז דערשינען אין „אידישן וואָרט״, האָט י. העסטרין געשריבן, אַז „אָנפאַנגער קינדער, וואָס האָבן זיך געלערנט אין דער שול ניט מער ווי 5—6 חדשים, האָבן זיך אויסגעלערנט לייענען פליסיק און שרייבן גאַנץ לייכט. אַ באַדייטנדיקע אַרבעט איז אויפגעטאָן געוואָרן אין דעם עלטערן קלאַס אין דעם לערנען פון ליטעראַטור. די קינדער האָבן דערוואָרבן אַ היפשע ידיעה אין דעם עטימאָלאָגישן און סינטאַקסישן בוי פון דער אידישער שפּראַך. זיי שרייבן ניט שלעכט קאָמפּאָזיציעס, אייניקע קינדער זייער גוט; און זיי זיינען שוין אימשטאַנד צו פאַרשטיין אַ סטיל. די נעמען פון מענדעלע מוכר ספרים, פרץ, שלום עליכם, ח. נ. ביאַליק, יהואש, רייזען, שלום אַש, פרץ הירשביין, דוד איינהאָרן א. א. זיינען גוט באַקאַנט צו אונזערע קינדער״. „די אידישע שפּראַך און ליטעראַטור האָבן די שטאַרקסטע ווירקונג אויף דעם גייסט און דער אַנטוויקלונג פון אונזערע קינדער.

אונזער שול איז די „אוהלי שם" אַנטקעגן דער פּאַבליק סקול, וואָס איז די „אוהלי יפת". אין געשיכטע איז דער עלטערער קלאַס דורכגעגאַנגען ביזן חורבן בית ראשון. אין העברעאיש האָבן קינדער פונם 2טן קלאַס שוין געלערנט העברעאישע עלעמענטן. גרעזאַנג איז אַ גלייכבאַרעכטיקטער לימוד. מ'לערנט מיט די קינדער מערסטנס פאָלקס לידער, אויך שאַפונגען פון אונזערע דיכטער און אייניקע אַרבעטס לידער"[443].

דער בודזשעט האָט אָנגעהויבן וואַקסן. פאַר דעם ערשטן מאַי, 1915, ביזן 15טן מאַי, 1916, איז די הכנסה געווען 1931 דאָלער, פון וועלכע אַרום 612 דאָלער איז געקומען פון שכר לימוד. די געהאַלטן פון די לערער האָבן אויסגעמאַכט קאַרגע 943 דאָלער.

אין 1917 האָט די צאָל קינדער אין דער שול, וואָס האָט שוין דאַן געהייסן די פּרץ שול, געווען, לויט אַ באַריכט אין „אונזער וואָרט", 220 מיט 4 לערער. אין דעם באַריכט ווערט אויך דערמאָנט, אַז ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די ערשטע רייבונגען אַרום דער ראָל פון העברעאיש, און אַז די אַרבעטער רינג עלעמענטן האָבן פאַרלאָזן די שול. מען האָט איבערגעגעבן צו אַ קאָמיסיע צו באַשליסן וועגן דער ראָל פון העברעאיש אין דער שול און מ'האָט באַשלאָסן קעגן אַ צוויי־שפּראַכיקער שול. אין יענעם יאָר איז געקויפט געוואָרן אַן אייגענע היים אויף 412 באַראָנס עוועניו. די דערעפענונג איז געפייערט געוואָרן אין חודש יוני מיט דער באַטייליקונג פון דעם שרייבער מנחם.

לויט ג. שעפּס האָט אַ באַדייטנדיקע צאָל מיטגלידער, זייער נאָענט צו דער שול אַרבעט, רעזיגנירט פון דער פאַרוואַלטונג אין 1916. אין יענעם יאָר איז אויך אַרויסגעטראָטן פון דער שול געזעלשאַפט אַ צאָל מיטגלידער פון דעם אַרבעטער רינג ברענטש 169, וועלכע האָבן שפּעטער געגרינדעט אַן אַרבעטער רינג שול[444]. די אַרבעט אין דער פּרץ שול איז דאַן געפאַלן אויף אַ קליינער צאָל חברים. ס'איז איבערהויפּט געווען זייער אַ שווער יאָר, ווייל אין 1918 האָט אין ווינניפּעג געבושעוועט די פלו־עפּידעמיע. אָבער דער ענטוזיאַזם און די איבערגעגעבנקייט פון די חברים האָט גובר געווען אַלע שטערונגען, און די שול האָט זיך ווייטער אַנטוויקלט.

דאָס יאָר 1919 איז געווען אַ היסטאָריש יאָר אין דער געשיכטע פון דער שול. לויט דער איניציאַטיוו פון אַ קליינער צאָל פרויען פון דער שול געזעלשאַפט, איז געגרינדעט געוואָרן דער קינדערגאָרטן, אונטער דער אויפזיכט פון איין לערערין, חברה אקסעלראַד. אַ דאַנק דער דערעפענונג פון דעם קינדערגאָרטן איז גלייכצייטיק אויך געגרינדעט געוואָרן דער מוטער פאַראיין[445]. דער קינדערגאָרטן האָט זיך געפונען די גאַנצע צייט ווי אַ זעלבסטשטענדיקע אינסטיטוציע, אונטער דער אויפזיכט פון דעם מוטער פאַראיין ביי דער שול, ווייל די מענער עקזעקוטיווע האָט ניט געגלויבט אין דעם דערפאָלג פון דעם קינדערגאָרטן. צוליב דעם וואָס אייניקע קינדער פון דעם קינדערגאָרטן זיינען, אין 1920, אַלט געוואָרן 6 יאָר, האָט דער מוטער פאַראיין באַשלאָסן צו עפענען פאַר זיי ענגלישע קלאַסן און דאָס איז געווען דער אָנהויב פון דער טאָג שול. דער דאָזיקער עקספּערימענט איז

געווען אַ ווענדע־פּונקט אין דער געשיכטע פון דעם גאַנצן אידישן שולוועזן אין קאַנאַדע. די וויניפּעגער פּרץ שול איז געווען די ערשטע וועלטלעכע שול אין צפון אַמעריקע, וואָס האָט אָנגענומען דעם טאָג שול פּלאַן און איינגע־פירט אַ גאַנצע שול — און האָט אויף אַזאַ אופן געבראַכט צו דעם, אַז זייערביישפּיל זאָל נאָכגעפאָלגט ווערן פון אַנדערע פּראָגרעסיווע שולן ווי אויך פון קאַנאַדער תלמוד תורה׳ס.

די וויניפּעגער פּרץ שול האָט זינט 1916 אָנגעהאַלטן אַ פאַרבינדונג מיט דעם צענטראַלן שול פאַרבאַנד פון די פּועלי ציון און דעם אידיש נאַציאָ־נאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד און מיט אַ צען יאָר צוריק האָט זיך די וויניפּעגער שול אָפיציעל אָנגעשלאָסן אין דעם צענטראַלן שול פאַרבאַנד.

דער 4 יאָריקער קורס האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. דער פּרינציפּאַל, חבר העסטרין, האָט מיט זיינע חברים לערער פיל געאַרבעט אויף דער אויסבעסערונג פונם פּראָגראַם. די פּראָגראַם איז געביטן געוואָרן ווען די שול איז געוואָרן אַ טאָג שול. די ערשטע גראַדואירונג איז פאָרגעקומען אין יאָר 1925 און איז געווען, ווי מ׳האָט עס געקאָנט דערוואַרטן, אַ גרויסער יום טוב. אין וויניפּעג איז די השפּעה פון דר. זשיטלאָווסקי געווען גרעסער ווי אין וועלכער ס׳איז אַנדערער שטאָט אין קאַנאַדע. וויניפּעג איז געווען דר. זשיטלאָווסקיס אַ פעסטונג.. האָט מען געבראַכט דר. זשיטלאָווסקין צו דעם יום טוב פון דער ערשטער גראַדואירונג.

מיר האָבן שוין דערמאָנט איניקע פון די ערשטע שול טוער אין ווי־ניפּעג. צווישן די ערשטע בויער פון דער שול זיינען אויך געווען די פאָל־גנדיקע חברים און חברות: מאַקס מיינס, ב. מיללער, בערטאַ מיללער, מרים העסטרין, ב. שעפּס, ראָזע שעפּס, י. דוואָרקין, וו. קעלער, עטל קעלער, חיים פּערלמאַן, מאָטל גרעי, מ. א. גרעי, בת־שבע אווערבאך, י. אווערבאך, וו. קושנעראוו, יוסף פריידין, מ. מ. פּעסיקאָף, י. פּלאָטקין, בערטאַ פּלאָטקין, מ. בראָנשטיין, מרס. פּ. שעפּס און אַנדערע. ביי דעם סוף פון דעם 1914—1920 צייט אָפּשניט, זיינען אויך צוגעקומען ש. מ. זעלטשען, שרה זעלטשען און נ. זעלטשען.

די וויטערדיקע געשיכטע פון דער וויניפּעגער פּרץ שול איז אַ לאַנגע קייט פון שטייגנדיקער אַנטוויקלונג, וואָס האָט דערפירט די שול מיט די 600 קינדער, וואָס לערנען דאָרט היינט־צו־טאָג, צו איר איצטיקן בליען־דיקן צושטאַנד. אַ באַזונדער קאַפּיטל אין דער שפּעטערדיקער געשיכטע פון דער שול פאַרנעמט דער קאַמף פון די פּועלי ציון, אָנגעפירט פון י. העסטרין, דר. י. שאַפּירא און לייב טוזמאַן פאַר אַ קלאָרער ציוניסטיש סאָ־ציאַליסטישער אָריענטאַציע אין דער פּראָגראַם פון דער שול, די שפּאַלטונג און גרינדונג פון דער וויניפּעגער פאָלקס שול, וואָס איז געקומען אַלס רעזולטאַט דערפון און די ווידערפאַראייניקונג פון די ביידע שולן, וואָס איז לעצטנס פאָרגעקומען.

מיר דענקען, אַז ס׳וועט זיין פּאַסיק צו שליסן אונזער איבערזיכט פון דער וויניפּעגער פּרץ שול מיט איניקע אויסצוגן פון אַן אַרטיקל, געשריבן פון חבר י. א. טשערניאַק: „די פּרץ שול אין וויניפּעג האָט, מער ווי אַלע

אַנדערע פאַקטאָרן, געהאָלפן צו שאַפן אַ געזונטערע אַטמאָספער אין דער שטאָט וויניפעג און אויפגעהויבן דעם קולטורעלן ניוואָ פון דער וויניפעגער אידישער באַפעלקערונג״... „די ווירקונג גייט ווייטער הינטער די גרענעצן פון וויניפעג און געפינט אַן ענלעכן אָפקלאַנג איבער גאַנץ מערב קאַנאַדע״... „אָט דער שריט (די דערעפענונג פון דער טאָג שול) איז אפשר דער וויכטיקסטער פון אַלע אויפן געביט פון אידישער דערציאונג, ווייל ער האָט געדינט אַלס אָנרעגונג פאַר אַנדערע שולן צו טאָן דאָס זעלבע און וועט אפשר מיט דער צייט פירן דערצו, אַז אידן זאָלן באַקומען דאָס רעכט צו האָבן אייגענע עלעמענטאַר שולן, וואו אַלע קעגנשטאַנדן און וויסנשאַפטן, ענגלישע, אַלגעמיינע און אידישע זאָלן געלערנט ווערן אונטער איין דאַך, אויפן חשבון פון דער שטאָט קאַסע, אין וועלכער די אידן, אַלס בירגער און טעקס צאָלער, ברענגען אַריין זייער חלק״ [446].

שולן אין אַנדערע שטעט

אין האַמילטאָן האָט מען אָנגעהויבן רעדן פון גרינדן אַ נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שול אין 1917. אָנהויב מאַי האָט יהודה קויפמאַן באַזוכט האַמילטאָן און האָט געלייענט אַ רעפעראַט וועגן „די וויכטיקייט פון אַ נאַציאָנאַל ראַדיקאַלער שול״ [447].

אָנהויב יולי איז די שול, ווי עס שרייבט חבר יונה ל. שעכטער, „מיט מזל געעפנט געוואָרן. אין דעם ערשטן טאָג האָבן זיך פאַרשריבן 26 אינגלעך. דורך דער ערשטער וואָך זיינען צוגעקומען נאָך 9 קינדער. דער סיסטעם איז דער זעלבער ווי אין דער פּרץ שול אין טאָראָנטאָ, מיט דער אויסנאַמע, וואָס אין האַמילטאָן האָבן ביידע שפּראַכן, די אידישע און די העברעאישע, גלייכבאַרעכטיקונג״. מען האָט געפּלאַנעוועט, אַז די אָפיציעלע דערעפענונג פון דער שול זאָל פאַרקומען דעם 29טן יולי, מיט דעם אָנטייל פון די קינדער פון דער „דזשאנקשאנער שול״, אונטער דער אויפזיכט פון דעם פּרינציפּאַל י. מאטענקא [448].

אין יולי, 1918, זיינען אין דער האַמילטאָנער שול געווען 40 קינדער מיט איין לערער. זיי האָבן אויך געהאַט קלאַסן פאַר דערוואַקסענע און אַ פרויען פאַראיין. אויף די בלאַנקן פון דער שול איז געדרוקט געוואָרן די פאָלגנדיקע מאָטאָ: „עברים אבותינו — עברים גם אנו״. אין 1919 איז ש. זוואנקין אַריבער פון דער תלמוד תורה צו דער שול. די שול אין האַמילטאָן האָט אָנגעהאַלטן ביז 1923.

עס איז אויך געמאַכט געוואָרן אַ פאַרזוך פון די וויניפּעגער פּועלי ציון צו גרינדן אַ שול אין קילדאנען, אַ פאַרשטאָט פון וויניפּעג, וואו עס האָבן געוואוינט אַ היפּשע צאָל אידישע מילך־פאַרמער. זיי האָבן געהאַט 35 קינדער. אין דעם שול פאַראיין זיינען געווען 80 מיטגלידער [449]. ש. גאַרעליק, איצט דר. גאַרעליק, איז דאָרט געווען דער הויפּט לערער. די שול האָט אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטן, ווייל די צאָל אידישע פאַרמערס אין יענעם געגנט האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרקלענערן.

אין אַ באַריכט, וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין „אידישן וואָרט” פון פאָרט וויליאַם, איז דאָ אַ קוויטירונג פון 70.87 דאָלער פאַר דעם הילפס פאַרבאַנד פאַר די מלחמה ליידנדע. „דאָס געלט איז געזאַמלט געוואָרן פון דעם קינדער קלוב פון דער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלער שול, פון וועלכער י. ל. מאַלאמוד איז פּרינציפּאַל, און אויך פון אַ מאַסן מיטינג”[450].

אין אַ שפּעטערדיקער מעלדונג אין דעם „אידישן וואָרט” לייענען מיר: „זונטיק, דעם 5טן דעצעמבער, וועט פאָרקומען דער ערשטער חנוכה קאָנ־צערט פון דער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלער שול פון פאָרט וויליאַם און פאָרט אַרטור. די וועלכע זיינען געווען ביי דעם לעצטן קאָנצערט, אין אויגוסט, וועלן געוויס די הײַנטיקע חנוכה פייערונג ניט פאַרפעלן”[451]. צום באַדויערן, זיינען דאָס די איינציקע ידיעות, וועלכע מיר האָבן פון דער שול אין פאָרט וויליאַם, וועלכע האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן.

אין קאַלגאַרי איז געגרינדעט געוואָרן די פּרץ שול אין 1929. אין 1926 איז דערעפנט געוואָרן אין אָטאַוואַ די יהואש פאָלקס שול. זי האָט אָנגענו־מען דעם פּראָגראַם פון דער מאָנטרעאַלער פאָלקס שול. עס עקזיסטירט איצט אין קאַנאַדע אויך אַ שול אין ווינדזאָר, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין 1934, אַלס אַ געמיינשאַפטלעכע אינסטיטוציע פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד און פון אַרבעטער רינג. ראובן מעדאוו איז פּאָרזיצער און י. קליגמאַן איז דער פּרינציפּאַל.

**
*

דער אויפטו פון דער קאַנאַדער סאָציאַליסטיש נאַציאָנאַלער באַוועגונג פאַר דעם שולוועזן אויף דעם צפון אַמעריקאַנער קאָנטינענט איז באמת די קרוין פון איר געזעלשאַפטלעכער אַרבעט פאַר די נאַציאָנאַלע און קולטו־רעלע נויטן פון די אידישע פאָלקס מאַסן אין דער אַמעריקאַנער צעשפּריי־טקייט. דאָס קאַנאַדער שולוועזן איז דער שטאָלץ ניט נאָר פון די חברים אין קאַנאַדע, נאָר פון דער גאַנצער אַמעריקאַנער באַוועגונג. די קאַנאַדער שולן זיינען פאַקטיש מוסטער שולן און סטימולירן די שול אַרבעט אין פיל שטעט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. די קאַנאַדער חברים, די לערער און שול טוער פון 1910—1920 האָבן אַריינגעלייגט ניט נאָר אידעאַליזם, ניט נאָר געטרייע אַרבעט, נאָר אויך אַ גרויסן גלויבן אין דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג פון אונזער פאָלק און פון דער גאַנצער מענטשהייט. דער גלויבן אין די דאָזיקע אידעאַלן האָט זיי געגעבן דעם כוח און דעם מוט אין זייער גרויסער אַרבעט. זיי האָבן געהאָפט, ווי חבר יהודה קויפמאַן האָט זיך אויס־געדריקט אין דעם וויניפּעגער פּרץ שול באַזוכער־בוך, אין יאָר 1925, אַז „די קינדער פון היינט וועלן זיין די קעמפער פון מאָרגן פאַר דער באַפריי־אונג פון אונזער פאָלק, דער באַרייכערונג פון אונזער קולטור, די הייליקונג פון אונזער לעבן און אונזער באַטייליקונג אין דער זעלבסט־באַפרייאונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט”.

שלוס וואָרט

די געטרייע אַרבעט, דער אידעאַליזם און טיפער גלויבן אין די אמתן פון פּועלי ציוניזם, האָבן באמת מעגלעך געמאַכט אַלע אויפטואונגען פון די קאַנאַדער חברים. און אויב די דערגרייכונגען פון דער באַוועגונג אין קאַנאַדע זיינען, אין געוויסע הינזיכטן, געווען מער בולט ווי אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז דאָס, ווי שוין באַמערקט אין אונזערע „אַריינפיר ווערטער", געווען הויפּטזעכלעך אַ דאַנק די סאָציאַלע, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע באַדינגונגען פון דעם קאַנאַדער לעבן.

ס'פאַרשטייט זיך, אַז אין קאַנאַדע האָבן, פּונקט ווי ערגעץ אַנדערש, געווירקט אויך אויסערלעכע פאַקטאָרן, וועלכע האָבן צייטנווייז פאַרגרעסערט אָדער פאַרשנעלערט דעם טעמפּאָ פון דער אַרבעט אויף דעם אָדער יענעם געביט. אויסערלעכע געשעענישן פלעגן אַרויסרופן גרעסערע אָנשטרענגונגען פאַר ארץ ישראל אָדער פאַר דעם אידנטום מעבר לים. ניט פאָראויסגעזעענע אַנטוויקלונגען אין דעם אידישן לעבן אויף דער „קאַנאַדער סצענע", האָבן געטריבן צו גרעסערע מעשים פאַר די היגע געזעלשאַפטלעכע נויטן.

און כאָטש ס'זיינען געווען חלוקי דעות אין איינשטעלונגען און אפילו אינערלעכע קאַמפן וועגן די מעטאָדן פון אַרבעט, איז אין דעם לעצטן סך הכל, געווען פולע האַרמאָניע צווישן אַלץ וואָס איז געטאָן געוואָרן און דערגרייכט געוואָרן. ארץ ישראל אַרבעט און גלות אַרבעט האָבן דערגענצט איינע די אַנדערע, זיינען געווען טיילן פון איין גאַנצקייט, פון איין פעסטער, אויסגעהאַלטענער פּראָגראַם.

אין זיין באַגריסונג צו די מאָנטרעאַלער פאָלקס שולן (פאָלקס שולן בוך, הערבסט 1929), האָט ברוך צוקערמאַן געשריבן: „מעג די דאָזיקע אַרבעט (די אַרבעט פאַר ארץ ישראל) זיין אונזער העכסטער ציל, אָבער אויך דער שענסטער שפּיץ פון אַ הויז מוז אויף ווענט זיך האַלטן. וואָס שטאַרקער די ווענט, אַלץ זיכערער דער העכסטער שפּיץ. די ווענט פון אונזער נאַציאָנאַלן איבערבוי ליגן צעשפּרייט בכל תפוצות ישראל. וואָס שטאַרקער זיי וועלן אומעטום זיין, אַלץ זיכערער וועט ארץ ישראל געבויט ווערן".

אין קאַנאַדע איז, מער ווי ערגעץ וואו אַנדערש, מעגלעך געווען צו טאָן קאָנסטרוקטיווע פּועלי ציון „קעגנוואַרט אַרבעט", אָנצופירן מיט אַ גאָר גרויסן פאַרמעסט דעם קאַמף פאַר אַ געזונטן, פולבלוטיקן נאַציאָנאַלן לעבן פון די אידישע פאָלקס מאַסן. אין קאַנאַדע איז, צוליב די באַזונדערע אייגנשאַפטן פון דעם היגן אידישן ישוב, אויך מעגלעך געווען אויפצוטאָן גאָר גרויסע זאַכן פאַר ארץ ישראל.

מיט זייער דירעקטער אַרבעט פאַר אונזער היימלאַנד, מיט זייער אַרבעט צו „אָרגאַניזירן דעם גלות", מיט זייערע פּאָליטישע אַרויסטרעטונגען, מיט זייער אַרבעטער קאַמף, מיט דער בויאונג פון בילדונג און דערציאונג אינסטיטוציעס, האָבן די קאַנאַדער פּועלי ציון זיך אַוועקגעשטעלט צווישן די סאַמע לעבעדיקסטע צווייגן פון דער באַוועגונג, צווישן די סאַמע איבערגעגעבנסטע קעמפער „פאַר דער באַפרייאונג פון אונזער פאָלק, באַרייכערונג פון אונזער קולטור און די הייליקונג פון אונזער לעבן".

דעצעמבער, 1955

מקורות צו דער אַרבעט

(רשימה פון די נומערירטע אָנווייזונגען פון אינפאָרמאַציע)

קאַפּיטל 1. קאַנאַדע און איר אַרבעטער באַוועגונג

1) האררי וו. לעידלער, סאָשל־עקאָנאָמיק מואוומענטס (ענגליש), ז. 601.
2) דאָרט.
3) דאָרט, ז. 602.
4) לויט ה. א. לאָגאַן, טרייד יוניאָנס אין קאַנאַדע (ענגליש), זז. 4; 23—29; 48—59 און 77—86.
5) ה. א. לאָגאַן, טרייד יוניאָנס אין קאַנאַדע (ענגליש), ז. 84, אויך ז. 346.
6) דאָרט, ז. 427.
7) דאָרט, זז. 427—428.
8) ה. א. לאָגאַן, טרייד יוניאָנס אין קאַנאַדע (ענגליש), ז. 430.
9) דאָרט, זז. 306—308.
10) געשיכטע פון וויניפּעגער גענעראַל סטרייק (ענגליש), ז. 30.
11) ה. א. לאָגאַן, טרייד יוניאָנס אין קאַנאַדע (ענגליש), ז. 67.
12) געשיכטע פון וויניפּעגער גענעראַל סטרייק (ענגליש), ז. 32.
13) דאָרט, ז. 46.
14) ה. א. לאָגאַן, טרייד יוניאָנס אין קאַנאַדע (ענגליש), ז. 313.
15) דאָרט, ז. 324.

קאַפּיטל 2. דער אידישער ישוב אין קאַנאַדע

16) לואי ראָזענבערג, קענעדאַס דזשוס (ענגליש), ז. 20.
17) דאָרט.
18) ס. בעלקין, אין קענעדער אָדלער, יובילײ אויסגאַבע, 8 יולי, 1932, ז. 92.
19) ב. ג. זאַק, אין קענעדער אָדלער, יובילײ אויסגאַבע, 8 יולי, 1932, ז. 63.
20) דאָרט, ז. 62.
21) דזשואיש טיימס (ענגליש), 4 מאַי, 1906, זז. 192—193.
22) לואי ראָזענבערג, קענעדאס דזשוס, ז. 20.
23) דאָרט, ז. 308.
24) דאָרט.
25) דאָרט, ז. 136.
26) ב. ג. זאַק, געשיכטע פון יידן אין קאַנאַדע, ז. 279.
27) לעאָן גאָלדמאַן, געשיכטע פון ציוניזם אין קאַנאַדע, אין די דזשו אין קענעדא (ענגליש), ז. 291.
28) דאָרט.
29) דאָרט, ז. 292.
30) דאָרט.
31) דאָרט, ז. 313.
32) דאָרט.

קאַפּיטל 3. די פּאַרטײ פאַראיינען

33) דאָס וואָרט, 1 יאַנואַר, 1954.
34) דאָרט.

35) באַריכט פון דער ערשטער ס. ט. קאָנוועגשאָן, 18—21 אָקטאָבער, 1906.
36) יעקב סאלאמאן, אין דאָס וואָרט, 1 יאַנואַר, 1954.
37) דאָס וואָרט, 1 פעברואַר, 1954.
38) דאָס וואָרט, 1 מערץ, 1954.
39) דזשואיש טיימס (ענגליש), 27 יאַנואַר, 1906.
40) יעקב סאלאמאן, אין דאָס וואָרט, 1 יאַנואַר, 1954.
41) אידישער קעמפער, 27 אַפּריל, 1906.
42) אידישער קעמפער, אויגוסט, 1907.
43) אידישער קעמפער, 22 נאָוועמבער, 1907.
44) אידישער קעמפער, 11 אָקטאָבער, 1907.
45) קענעדער אָדלער, 21 אָקטאָבער, 1910.
46) קענעדער אָדלער, 22 דעצעמבער, 1910.
47) קענעדער אָדלער, 9 אָקטאָבער, 1913.
48) קענעדער אָדלער, 6 אויגוסט, 1913.
49) סואווענירבוך, קאָנוועגשאָן פון אַרבעטער רינג, טאָראָנטאָ, 1922, ז. 22.
50) דאָס וואָרט, 1 פעברואַר, 1954.
51) אידישע פרייהייט, נומער 2—3, 1905.
52) אידישער קעמפער, 11 אָקטאָבער, 1907.
53) קענעדער אָדלער, 25 נאָוועמבער, 1908.
54) קענעדער אָדלער, 4 נאָוועמבער, 1910.
55) קענעדער אָדלער, 28 אַפּריל, 1911.
56) קענעדער אָדלער, 15 אָקטאָבער, 1913.
57) דער אידישער זשורנאַל, 7 מאַי, 1917.
58) פּרץ שול בוך, וויניפּעג, 1944, ז. 49.
59) באַריכט פון ערשטער ס. ט. קאָנוועגשאָן, 18—21 אָקטאָבער, 1906.
60) אידישער קעמפער, 16 נאָוועמבער, 1906.
61) קענעדער אָדלער, 7 דעצעמבער, 1909.
62) דאָרט.
63) אידישער קעמפער, 10 אָקטאָבער, 1930.
64) דאָס אידישע וואָרט, 9 אַפּריל, 1954.
65) דאָס אידישע וואָרט, 16 אויגוסט, 1915.
66) אידישער אַרבעטער שטימע, סעפּטעמבער—אָקטאָבער, 1915.
67) אידישער קעמפער, 6 יולי, 1917.
68) דאָס אידישע וואָרט, 21 סעפּטעמבער, 1917.
69) דאָס אידישע וואָרט, 7 דעצעמבער, 1917.
70) דאָס אידישע וואָרט, 15 פעברואַר, 1918.
71) דאָס אידישע וואָרט, 22 פעברואַר, 1918.
72) אידישער קעמפער, 12 אַפּריל, 1907.
73) דאָרט.
74) אידישער קעמפער, 23 אויגוסט, 1907.
75) קענעדער אָדלער, 26 יוני, 1908.
76) קענעדער אָדלער, 31 יאַנואַר, 1909.
77) קענעדער אדלער, 9 אָקטאָבער, 1908.
78) קענעדער אָדלער, 23 פעברואַר, 1910.
79) קענעדער אָדלער, 21 פעברואַר, 1915.
80) בען צוקערמאַן, אין דאָס וואָרט, 1 מערץ, 1954.
81) דאָס אידישע וואָרט, 21 יוני, 1918.
82) אידישער קעמפער, 16 מאַי, 1919.

קאַפּיטל 4. באַציאונגען מיט דער קאַנאַדער ציון פעדעראַציע

83) א. ז. סילווערמאַן, דאָס וואָרט, 1 פעברואַר, 1954, ז. 3.
84) לעאָן גאָלדמאַן, אין קענעדער אָדלער, 8 יאַנואַר, 1908.
85) קענעדער אדלער, 23 אָקטאָבער, 1910.
86) קענעדער אָדלער, 12 דעצעמבער, 1911.
87) ח. מ. קייזערמאַן אין דאָס פאָלק, מאָנטרעאַל, 9 נאָוועמבער, 1917.
88) דער אידישער זשורנאַל, 9 מאַי, 1919.
89) קענעדער אָדלער, 5 מאַי, 1920.

קאַפּיטל 5. די קאַנאַדער פאַראייניגן און די פּאַרטיי

90) לויט ידיעות פון דעם צענטראַלן אַרכיוו, ניו יאָרק.
91) דאָס וואָרט, 1 פעברואַר, 1954.
92) יעקב סאלאסאן אין דאָס וואָרט, 1 יאַנואר, 1954.
93) דאָס וואָרט, 1 מערץ, 1954.
94) קענעדער אדלער, 8 אויגוסט, 1915.
95) קענעדער אדלער, 6 נאָוועמבער, 1910.
96) לויט בריוו פון טאָראָנטער פּועלי ציון, מערץ־אַפּריל, 1917, אין מאָנטרעאַלער פּועלי ציון אַרכיוו.
97) קענעדער אדלער, 10 אַפּריל, 1917.
98) אידישער קעמפער, 11—19 מאַי, 1917.
99) לויט בריוו אין מאָנטרעאַלער פּועלי ציון אַרכיוו.

קאַפּיטל 6. דער אידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד

100) ב. לאַכאָוויצקי אין קאָנוועגשאָן סואווענער בוך, א. נ. א. פ., מאָנטרעאַל, 1930, ז. 6.
101) קענעדער אדלער, 28 מאַי, 1909.
102) קענעדער אדלער, 1 אויגוסט, 1909.
103) יובילעי בוך, יהואש צווייג 8, מאנטרעאל, 1942, ז. 94.
104) מאיר בראון אין יובילעי בוך, יהואש צווייג 8, מאָנטרעאַל, 1947, ז. 5.
105) קענעדער אדלער, 19 אויגוסט, 1909.
106) קענעדער אדלער, 9 יוני, 1910.
107) קענעדער אדלער, 2 יולי, 1913.
108) קענעדער אדלער, 21 דעצעמבער, 1913.
109) קענעדער אדלער, 31 יאַנואַר, 1915.
110) קענעדער אדלער, 19 יוני, 1915.
111) דער וועג, 30 יאַנואַר, 1916.
112) קענעדער אדלער, 30 אויגוסט, 1916.
113) קענעדער אדלער, 27 מאי, 1912.
114) קענעדער אדלער, 14טער נאָוועמבער, 1910.
115) קענעדער אדלער, 21 אויגוסט, 1916.
116) קענעדער אדלער, 20 יוני, 1916.
117) קענעדער אדלער, 4 סעפּטעמבער, 1916.
118) זלמן כהן, זכרונות, אין יובילעי בוך, באָראָכאָוו צווייג 124, טאָראָנטאָ, 1942
119) דער אידישער זשורנאַל, 8 מאי, 1918.
120) אידישע אַרבעטער שטימע, אויגוסט, 1918, ז. 29—30.

121) דער אידישער זשורנאַל, 10 יוני, 1919.
122) דאָרט.
123) קענעדער אדלער, 1 יולי, 1910.
124) קענעדער אדלער, 8 סעפּטעמבער, 1911.
125) אידישע אַרבעטער שטימע, מאַי, 1917.
126) דער אידישער זשורנאַל, 11 אַפּריל, 1919.
127) אידישע אַרבעטער שטימע, יאַנואַר 1923, ז. 86.
128) דאָס אידישע וואָרט, 21 אַפּריל, 1916.
129) דאָס אידישע וואָרט, לייט אַרטיקל, 26 מאַי, 1916.
130) דאָס אידישע וואָרט, 17 אויגוסט, 1916.
131) דאָס אידישע וואָרט, 27 סעפּטעמבער, 1916.
132) דאָס אידישע וואָרט, 11 אָקטאָבער, 1916.
133) דאָס אידישע וואָרט, 19 אַפּריל, 1918.

קאַפּיטל 7. טרייד יוניאָן אַרבעט

134) קענעדער אדלער, 11 אויגוסט, 1908.
135) קענעדער אדלער, 22 אויגוסט, 1910.
136) קענעדער אדלער, 2 פעברואַר, 1913.
137) קענעדער אדלער, 15 מאַי, 1914.
138) קענעדער אדלער, 10 יולי, 1916.
139) דאָרט.
140) דאָס אידישע וואָרט, 19 נאָוועמבער, 1915.
141) דאָס אידישע וואָרט, 20 יוני, 1916.
142) דאָס אידישע וואָרט, 14 יולי, 1916.
143) קענעדער אדלער, 13 און 31 אָקטאָבער, 1912.
144) ה. א. לאגאן, טרייד יוניאָנס אין קאַנאַדע (ענגליש), זז. 208—209.
145) ב. ג. זאַק, געשיכטע פון יידן אין קאַנאַדע, ז. 280.
146) ה. א. לאַגאַן, טרייד יוניאָנס אין קאַנאַדע (ענגליש), ז. 208.
147) ב. ג. זאַק, געשיכטע פון יידן אין קאַנאַדע, ז. 317.
148) ה. א. לאגאן, טרייד יוניאָנס אין קאַנאַדע (ענגליש), ז. 63.
149) דאָרט, ז. 64.
150) ב. ג. זאַק, געשיכטע פון יידן אין קאַנאַדע, ז. 317.
151) ה. א. לאגאן, טרייד יוניאָנס אין קאַנאַדע (ענגליש), ז. 210.
152) ל. מעלצער אין קענעדער אדלער, 14 אָקטאָבער, 1910.
153) דאָרט.
154) יעקב סאלאמאן אין אידישן קעמפער, 22 נאָוועמבער, 1907.
155) קענעדער אדלער, 13 יוני, 1916.
156) דאָס פאָלק, מאָנטרעאל, 3 אויגוסט, 1917; אויך מאָריס קויפמאַן אין „ארבייט", יאַנואַר, 1923, ז. 10.
157) ה. א. לאגאן, טרייד יוניאָנס אין קאנאדע (ענגליש), ז. 211.
158) דאָרט.
159) קענעדער אדלער, 16 פעברואַר, 1912.
160) לייט אַרטיקל, פאָלקס צייטונג, 14 יוני, 1912.
161) ה. א. לאגאן, טרייד יוניאָנס אין קאנאדע (ענגליש), ז. 211.
162) ס. העלער אין יובילײ בוך, א. ג. א. פ., טאָראָנטאָ, 1937, ז. 16.
163) קענעדער אדלער, 6 מערץ, 1917.
164) קענעדער אדלער, 21 מערץ, 1917.

165) דער אידישער זשורנאַל, 24 סעפטעמבער, 1918.
166) ה. א. לאגאן, טרייד יוניאָנס אין קאַנאַדע (ענגליש), ז. 212.
167) ל. מעלצער אין קענעדער אדלער, 14 אָקטאָבער, 1910.
168) ל. מעלצער אין קענעדער אדלער, 1 מאי, 1919.
169) ס. מערלין, אידישער קעמפער, 6 סעפטעמבער, 1907.
170) קענעדער אדלער, 4 סעפטעמבער, 1910.
171) קענעדער אדלער, 24 מאי, 1912.
172) קענעדער אדלער, 7 יוני, 1912.
173) קענעדער אדלער, 22 יולי, 1912.
174) פאָלקס צייטונג, 5 יולי, 1912.
175) פאָלקס צייטונג, 12 יולי, 1912.
176) קענעדער אדלער, 28 יולי, 1912.
177) א. וועליקאוויטש אין קענעדער אדלער, יובילײ אויסגאַבע, 30 יאַנואַר, 1938, ז. 47.
178) לייט אַרטיקל, קענעדער אָדלער, 24 אַפּריל, 1912.
179) ה. א. לאגאן, טרייד יוניאָנס אין קאנאדע (ענגליש), ז. 209.
180) קענעדער אָדלער, 20 יאַנואַר, 1914.
181) קענעדער אָדלער, 6 יולי, 1915.
182) דער וועג, 27 דעצעמבער, 1915.
183) ה. א. לאגאן, טרייד יוניאָנס איע קאַנאַדע (ענגליש), ז. 214.
184) קענעדער אָדלער, 1 יאַנואַר, 1917.
185) ה. א. לאגאן, טרייד יוניאָנס אין קאנאַדע (ענגליש), ז. 215.
186) דאָרט.
187) קענעדער אָדלער, 5 יוני, 1916.
188) דאָס וואָרט, 21 נאָוועמבער, 1947.
189) דאָס אידישע וואָרט, 5 מאי, 1916.
190) קענעדער אָדלער, 25 אויגוסט, 1915.
191) דער וועג, 20 פעברואַר, 1916.
192) קענעדער אדלער, 21 יולי, 1916.

קאַפּיטל 8. סאָציאַליסטישע טעטיקייט

193) דזשואיש טיימס (ענגליש), 4 מאַי, 1906.
194) קענעדער אדלער, 2 מאי, 1917.
195) דער וועג, 29 אָקטאָבער, 1917.
196) אידישער קעמפער, 25—31 אָקטאָבער, 1910.
197) קענעדער אָדלער, 22 יאַנואר, 1912.
198) קענעדער אָדלער, 28 יאַנואַר, 1912.
199) דער וועג, 12 מערץ, 1916.
200) בריוו קאַסטן, קענעדער אדלער, 4 יוני, 1908.
201) דאָס אידישע וואָרט, 9 אויגוסט, 1918.
202) דאָרט.
203) דאָרט.
204) דאָס אידישע וואָרט, 21 פעברואַר, 1919.

קאַפּיטל 9. יונגע פועלי ציון

205) קענעדער אדלער, 12 מאי, 1915.
206) קענעדער אדלער, 14 יולי, 1916.

207) קענעדער אדלער, 11 מאי, 1917.
208) דאָרט.
209) קענעדער אדלער, 3 אָקטאָבער, 1916.
210) קענעדער אדלער, 30 יאַנואַר, 1917.
211) קענעדער אדלער, 10 אַפּריל, 1917.
212) דאָס אידישע וואָרט, 21 סעפּטעמבער, 1917.

קאַפּיטל 10. לייען זאַלן און ביבליאָטעקן

213) לייט אַרטיקל, קענעדער אדלער, 4 אָקטאָבער, 1953.
214) ה. הערשמאַן אין ביבליאָטעק בוך, מאָנטרעאל, 1934, ז. 70.
215) ה. הערשמאַן אין ביבליאָטעק בוך, מאָנטרעאל, 1934, ז. 71.
216) קענעדער אדלער, 12 דעצעמבער, 1910.
217) קענענדער אדלער, 12 יוני, 1912.
218) קענעדער אדלער, 14 יוני, 1912.
219) פאָלקס צייטונג, 11 סעפּטעמבער, 1912.
220) קענעדער אדלער, 4 מאי, 1913.
221) ערשטער יערלעכער באַריכט, אידישע פאָלקס ביבליאָטעק און פאָלקס אוניווערזיטעט, מאָנטרעאל, 1915, ז. 22.
222) דאָרט, ז. 9.
223) דאָרט, ז. 21.
224) קענעדער אדלער, 28 יולי, 1916.
225) קענעדער אדלער, 11 סעפּטעמבער, 1916.
226) קענעדער אדלער, 8 דעצעמבער, 1916.
227) קענעדער אדלער, 14 דעצעמבער, 1916.
228) קענעדער אדלער, 10 אַפּריל, 1917.
229) דער אידישער זשורנאַל, 14 נאָוועמבער, 1917.
230) דער אידישער זשורנאַל, 20 יוני, 1918.
231) דער אידישער זשורנאַל, 19 מאי, 1919.

קאַפּיטל 11. נאַציאָנאַלע הילפס אַרבעט

232) קענעדער אדלער, 27 אָקטאָבער, 1914.
233) קענעדער אדלער, 30 נאָוועמבער, 1914.
234) פאָלקס פאַרבאַנד ביולעטין, י״ד תשירי, תרע״ו, 1915.
235) דער וועג, 22 פעברואַר, 1916.
236) דאָס פאָלק, 10 אויגוסט, 1917.
237) קענעדער אדלער, 23 אָקטאָבער, 1914.
238) דאָס אידישע וואָרט, 16, 18 אויגוסט, 1915.
239) דאָס אידישע וואָרט, 25 אויגוסט, 1915.
240) דאָס אידישע וואָרט, 20 סעפּטעמבער, 1915.
241) דאָס אידישע וואָרט, 28 יוני, 1917.
242) דאָס אידישע וואָרט, 21 סעפּטעמבער, 1917.
243) דאָס אידישע וואָרט, 21 דעצעמבער, 1917.
244) ס. ק. ב. (ש. בעלקין) אין די דזשו אין קענעדא (ענגליש), ז. 527.
245) קענעדער אדלער, 5 אויגוסט, 1913.
246) קענעדער אדלער, 20 נאָוועמבער, 1913.

247) קענעדער אדלער, 21 יולי, 1916.
248) קענעדער אדלער, 4 סעפטעמבער, 1916.
249) דאָס אידישע וואָרט, 17 מערץ, 1915.
250) דאָס אידישע וואָרט, 10 מערץ, 1916.
251) קענעדער אדלער, 24 סעפטעמבער, 1919.

קאַפּיטל 12. ארץ ישראל אַרבעט

252) דער וועג, 2 דעצעמבער, 1915.
253) אידישער קעמפער, 25 אַפּריל, 1919.
254) אידישער קעמפער, 18 מאי, 1906.
255) י. אחוה—פּרוזשאַנסקי אין דאָס וואָרט, 1 נאָוועמבער, 1954.
256) י. בן־צבי, פּועלי ציון בעליה השניה, ז. 176.

קאַפּיטל 13. דער אידישער לעגיאָן

257) ש. בעלקין אין קענעדער אדלער, יובילייאויסגאַבע, 30 יאַנואַר, 1938, זז. 42—43. אויך ל. ראָזענבערג, קענעדאס דזשוס (ענגליש), זז. 249—250.
258) קענעדער אדלער, 14 נאָוועמבער, 1917.
259) קענעדער אדלער, 16 נאָוועמבער, 1917.
260) ל. חפץ אין קענעדער אדלער, יובילייאויסגאַבע, 30 אויגוסט, 1927, ז. 48.
261) קענעדער אדלער, 28 אַפּריל, 1918.
262) דער אידישער זשורנאַל, 1 מאי, 1918.
263) דער אידישער זשורנאַל, 13 מאי, 1918.
264) דאָרט.
265) דאָס אידישע וואָרט, 15 מערץ, 1918.
266) דאָס אידישע וואָרט, 22 מערץ, 1918.
267) דער אידישער זשורנאַל, 20 מאי, 1918.
268) דער אידישער זשורנאַל, 18 יולי, 1918.
269) צבי רייזלער, אין קענעדער אדלער, 9 יוני, 1918.
270) קענעדער אדלער, 7 יולי, 1918.
271) דאָס אידישע וואָרט, 5 יולי, 1918.
272) דער אידישער זשורנאַל, 21 יולי, 1918.

קאַפּיטל 14. אויפן אַרבעטער פראָנט אין די מלחמה יאָרן

273) קענעדער אדלער, 1 אויגוסט, 1915.
274) קענעדער אדלער, 5 סעפּטעמבער, 1915.
275) דאָס אידישע וואָרט, 15 סעפּטעמבער, 1915.
276) דאָס אידישע וואָרט, 8 נאָוועמבער, 1915.
277) דאָס אידישע וואָרט, 27 אויגוסט, 1915.
278) דאָס אידישע וואָרט, 26 אויגוסט, 1915.
279) דאָס אידישע וואָרט, 27 סעפּטעמבער, 1915.
280) דער וועג, 27 אָקטאָבער, 1915.
281) דער וועג, 2 נאָוועמבער, 1915.
282) דאָס אידישע וואָרט, 11 יאַנואַר, 1918.
283) קענעדער אדלער, 11 פעברואַר, 1918.

284) אידישער קעמפּער, 1 מערץ, 1918.
285) דאָרט.
286) קענעדער אדלער, 28 אַפּריל, 1918.
287) אידישער קעמפּער, 22 פעברואַר, 1918.
288) קענעדער אדלער, 22 אַפּריל, 1918.
289) דער אידישער זשורנאַל, 6 מאי, 1918.
290) דער אידישער זשורנאַל, 19 מאי, 1918.
291) דאָס אידישע וואָרט, 3 מאַי, 1918.

קאַפּיטל 15. דער קאַנאַדער אידישער קאָנגרעס

292) קענעדער אדלער, 24 יוני, 1908.
293) קענעדער אדלער, 23 אָקטאָבער, 1908.
294) קענעדער אדלער, לייט אַרטיקל, 28 מערץ, 1909.
295) קענעדער אדלער, 1 יוני, 1909.
296) אידישער קעמפּער, 16 מערץ, 1919.
297) דאָרט.
298) דאָרט.
299) דאָרט.
300) קענעדער אדלער, 3 אויגוסט, 1915.
301) דאָרט.
302) דאָרט, אויך אידישער קעמפּער, 16 מערץ, 1919.
303) דאָס אידישע וואָרט, 12 אָקטאָבער, 1915.
304) דער וועג, 24 אָקטאָבער, 1915.
305) דער וועג, 8 נאָוועמבער, 1915.
306) דער וועג, 7 נאָוועמבער, 1915.
307) דאָס אידישע וואָרט, 2 סעפּטעמבער, 1917.
308) דאָס אידישע וואָרט, 6 סעפּטעמבער, 1915.
309) דאָרט.
310) דאָרט.
311) דאָס אידישע וואָרט, 22 אָקטאָבער, 1915.
312) דאָס אידישע וואָרט, 12 אָקטאָבער, 1915.
313) דער וועג, 12 נאָוועמבער, 1915.
314) דער וועג, 15 נאָוועמבער, 1915.
315) דער וועג, 24 נאָוועמבער, 1915.
316) דער וועג, 21 דעצעמבער, 1915.
317) דער וועג, 4 פעברואַר, 1916.
318) דער וועג, 4 ביז 14 פעברואַר, 1916.
319) דאָס אידישע וואָרט, 2 יוני, 1916.
320) דאָס אידישע וואָרט, 13 דעצעמבער, 1915.
321) דאָס אידישע וואָרט, 14 יאַנואַר, 1916.
322) דאָס אידישע וואָרט, 20 יאַנואַר, 1916.
323) דאָס אידישע וואָרט, 12 מאי, 1916.
324) דאָס אידישע וואָרט, 28—31 אויגוסט, 1916.
325) קענעדער אדלער, 8 יאַנואַר, 1917.
326) דער אידישער זשורנאַל, 21 מאי, 1917.
327) משה פייערמאַן אין דאָס וואָרט, 1 אַפּריל, 1954.
328) קענעדער אדלער, 12 יולי, 1917.

329) דאָס פאָלק, 9 נאָוועמבער, 1917.
330) דער אידישער זשורנאַל, 2, 9, 11 דעצעמבער, 1918.
331) דער אידישער זשורנאַל, 24 דעצעמבער, 1918.
332) דער אידישער זשורנאַל, 15 דעצעמבער, 1918.
333) קענעדער אדלער, 27 דעצעמבער, 1918.
334) קענעדער אדלער, 31 דעצעמבער, 1918.
335) קענעדער אדלער, 14 יאַנואַר, 1919.
336) קענעדער אדלער, 27 יאַנואַר, 1919.
337) דאָרט.
338) דער אידישער זשורנאַל, 18 פעברואַר, 1919.
339) דאָס אידישע וואָרט, 9 אַפּריל, 1954.
340) דער אידישער זשורנאַל, 6 מערץ, 1919.
341) אידישער קעמפער, 28 מערץ, 1919.

קאַפּיטל 16. אויפבוי און אַנטוויקלונג פון די מאָדערנע אידישע שולן

342) ה. נאוואק אין פּרץ שול בוך, מאָנטרעאל, 1938, ז. 22.
343) ש. ניגער, אין קאַמף פאַר אַ נייער דערציאונג, ז. 39.
344) ה. נאוואק אין פּרץ שול בוך, מאָנטרעאל, 1938, ז. 21.
345) קענעדער אדלער, 14 נאָוועמבער, 1910.
346) קענעדער אדלער, 20 יולי, 1913, אויך קענעדער אדלער, 28 יאַנואַר, 1914.
347) קענעדער אדלער, 6 נאָוועמבער, 1910.
348) קענעדער אדלער, 29 נאָוועמבער, 1910.
349) קענענדער אדלער, 4 דעצעמבער, 1910.
350) קענעדער אדלער, 24 יאַנואַר. 1911.
351) פּרץ שול בוך, מאָנטרעאל, 1938, ז. 21.
352) וו. כייטמאַן אין קענעדער אדלער, יובילייַ אויסגאַבע, 1927, ז. 46.
353) קענעדער אדלער, 14 מערץ, 1911.
354) קענעדער אדלער, 12 יוני, 1912.
355) י. זיפער אין פּרץ שול בוך, מאָנטרעאל, 1938, ז. 12.
356) וו. כייטמאַן אין פּרץ שול בוך, מאָנטרעאל, 1938, ז. 30.
357) קענעדער אדלער, 22 אויגוסט, 1913.
358) קענעדער אדלער, 31 אויגוסט, 1913.
359) קענעדער אדלער, 5 סעפּטעמבער, 1913.
360) קענעדער אדלער, יובילייַ אויסגאַבע, 1927, ז. 46.
361) פּרץ שול בוך, מאָנטרעאל, 1938, ז. 22.
362) ש. ניגער, אין קאַמף פאַר אַ נייער דערציאונג, ז. 51.
363) פּרץ שול בוך, מאָנטרעאל, 1938, ז. 12.
364) דאָרט, ז. 23.
365) דאָרט, ז. 31.
366) דאָרט.
367) קענעדער אדלער, 7 נאָוועמבער, 1913.
368) קענעדער אדלער, 16 מערץ, 1914.
369) י. זיפער אין פּרץ שול בוך, מאָנטרעאל, 1938, ז. 13.
370) וו. כייטמאַן אין קענעדער אדלער, יובילייַ אויסגאַבע, 1927, ז. 46.
371) חנוכת הבית סואווניר בוך, נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שול, מאָנטרעאל, 1918.
372) דאָרט.
373) פון ה. עהרענרייכס באַריכט, אין דעם צענטראַלן אַרכיוו פון דער באַוועגונג.

374) קענעדער אדלער, 3 יולי, 1914.
375) פרץ שול בוך, 1938, ז. 25.
376) קענעדער אדלער, 24 סעפּטעמבער, 1914.
377) קענעדער אדלער, 29 יוני, 1916.
378) אברהם פּרנס אין פּרץ שול בוך, מאָנטרעאָל, 1938, ז. 67.
379) דאָרט.
380) פּרץ שול בוך, מאָנטרעאָל, 1938, ז. 26.
381) חנוכת הבית סואווענער בוך, נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שול, מאָנטרעאָל, 1918, ז. 12.
382) וו. כײַטמאַן אין קענעדער אדלער, יובילײַ אויסגאַבע, 1927, ז. 74.
383) י. זיפּער אין פּרץ שול בוך, מאָנטרעאָל, 1938, ז. 56.
384) פאָלקס שול בוך, מאָנטרעאָל, 1929, ז. 6.
385) קענעדער אדלער, 9 יולי, 1915.
386) דאָרט.
387) קענעדער אדלער, 5 אויגוסט, 1915.
388) פאָלקס שול בוך, 1934, ז. 13.
389) שלמה װײַסמאַן אין פאָלקס שול בוך, 1934, ז. 4.
390) דאָרט, ז. 6.
391) קענעדער אדלער, 27 אויגוסט, 1915.
392) דער וועג, 18 אָקטאָבער, 1915.
393) חנוכת הבית סואווענער בוך, פאָלקס שול, 1920, ז. 8.
394) דאָרט.
395) פאָלקס שול בוך, 1929, ז. 31.
396) דער וועג, 5 נאָוועמבער, 1915.
397) פאָלקס שול סואווענער בוך, 1920, ז. 8.
398) דער וועג, 12 דעצעמבער, 1915.
399) דאָרט.
400) קענעדער אדלער, 16 אַפּריל, 1916.
401) קענעדער אדלער, 10 מאַי, 1916.
402) פאָלקס שול בוך, 1934, ז. 13.
403) דאָס פאָלק, מאָנטרעאָל, 17 אויגוסט, 1917.
404) דאָס פאָלק, מאָנטרעאָל, 21 סעפּטעמבער, 1917.
405) קענעדער אדלער, 20 יאַנואַר, 1918.
406) קענעדער אדלער, 6 דעצעמבער, 1918.
407) קענעדער אדלער, 15 דעצעמבער, 1918.
408) חנוכת הבית סואווענער בוך, פאָלקס שול, 1920, ז. 12.
409) פאָלקס שול בוך, 1929, ז. 8.
410) חנוכת הבית סואווענער בוך, פאָלקס שול, 1920, ז. 13.
411) דאָרט.
412) חנוכת הבית סואווענער בוך, פאָלקס שול, 1920, זז. 4—5.
413) דאָרט, ז. 27.
414) קענעדער אדלער, יובילײַ אויסגאַבע, 1927, ז. 45.
415) פאָלקס שול בוך, 1944, זז. 4—5.
416) דער וועג, 27 אָקטאָבער, 1915.
417) דער וועג, 12 דעצעמבער, 1915.
418) קענעדער אדלער, 11 סעפּטעמבער, 1916.
419) דאָס פאָלק, מאָנטרעאָל, 17 אויגוסט, 1917.
420) דער וועג, 4 יאַנואַר, 1916.
421) קענעדער אדלער, 8 סעפּטעמבער, 1916.

422) קענעדער אדלער, 9 אָקטאָבער, 1912.
423) שול בוך, טאָראָנטאָ, 1936, ז. 19.
424) דאָרט, ז. 12.
425) דאָרט.
426) שול בוך, טאָראָנטאָ, 1936, ז. 25.
427) דאָרט, ז. 103.
428) דאָרט, ז. 117.
429) דאָרט, ז. 43.
430) דער אידישער זשורנאַל, 19 מאי, 1918.
431) דער אידישער זשורנאַל, 18 יולי, 1919.
432) שול בוך, טאָראָנטאָ, 1936, זז. 39—40.
433) פּרץ שול בוך, וויניפּעג, 1944, ז. 50.
434) פּרץ שול בוך, וויניפּעג, 1934, ז. 34.
435) פּרץ שול באַריכט, וויניפּעג, 1916, ז. 13.
436) י. א. טשערניאק אין פּרץ שול בוך, וויניפּעג, 1944, ז. 50.
437) פּרץ שול באַריכט, וויניפּעג, 1916, ז. 14.
438) פּרץ שול בוך, וויניפּעג, 1934, ז. 23.
439) פּרץ שול באַריכט, וויניפּעג, 1916, ז. 14.
440) דאָרט.
441) דאָס אידישע וואָרט, 5 מאי, 1916.
442) פּרץ שול באַריכט, וויניפּעג, 1916, ז. 6.
443) דאָס אידישע וואָרט, 2 יוני, 1916.
444) פּרץ שול בוך, וויניפּעג, 1934, ז. 25.
445) דאָרט.
446) פּרץ שול בוך, וויניפּעג, 1934, זז. 21—22.
447) דער אידישער זשורנאַל, 9 מאי, 1917.
448) דער אידישער זשורנאַל, 18 יולי, 1917.
449) אידישע אַרבעטער שטימע, סעפּטעמבער—אָקטאָבער, 1915.
450) דאָס אידישע וואָרט, 18 אָקטאָבער, 1915.
451) דאָס אידישע וואָרט, 29 נאָוועמבער, 1915.

ביבליאָגראַפיע

אָפּגעקליבענע רשימה פון ביכער, יובילײ אויסגאַבעס, באַריכטן און אַנדערע רעפערענץ ווערק, מיט וועלכע מיר האָבן זיך באַנוצט. די נעמען פון די פּעריאָדישע אויסגאַבעס, אין דעם צייט אָפּשניט 1904—1920, און אַנדערע קוואַלן פון אינפאָרמאַציע, זיינען אָנגעגעבן געוואָרן אין טעקסט אָדער אין דער רשימה „מקורות צו דער אַרבעט״.

דאָס אידישע וואָרט, **יובילײ אויסגאַבעס, וויניפּעג, 1932 און 1951.**

אידישער אַרבעטער יאָרבוך און אַלמאַנאַך, **ניו יאָרק, 1927 און 1928.**

דער אידישער אַרבעטער, יובילײ אויסגאַבע, **25 יאָריקער יובילײ פון דער אידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער פּאַרטײ פּועלי ציון, ניו יאָרק, 1930.**

דער אידישער קעמפער, יובילײ אויסגאַבע, **30 יאָר פּועלי ציון אין אַמעריקע, ניו־יאָרק, 1935.**

דער אידישער קעמפער, **20 יאָריקע יובילײ אויסגאַבע, געווידמעט דעם אידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, ניו יאָרק, 1933.**

אידישע אַרבעטער שטימע, **יובילײ אויסגאַבע, פינף און צוואַנציק יאָר אידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד, ניו יאָרק, 1937.**

אידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד, **12טע קאָנווענשאָן, סאָוועניר אויסגאַבע, מאָנטרעאַל, 1930.**

אידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד, **25 יאָריקער יובילײ בוך, טאָראָנטאָ, 1937.**

אידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד, **25 יאָריקער יובילײ סאָוועניר בוך, וויניפּעג, 1937.**

אידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד, **25 יאָריקער יובילײ, באָראָכאָוו צווייג, סאָוועניר בוך, טאָראָנטאָ, 1942.**

אידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד, **1910—1946, זאַמלבוך, ניו יאָרק, 1946.**

אידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד, **יהואש צווייג 8, יובילײ אויסגאַבעס, מאָנטרעאַל, 1942, 1947 און 1952.**

אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע, **יידן, באַנד ג׳, ניו יאָרק, 1942.**

ב. באָראָכאָוו: געקליבענע שריפטן, **ניו יאָרק, 1928.**

באַריכטן פון קאָנווענשאָנס.

ביבליאָטעק בוך, **20 יאָריקער יובילײ זאַמלבוך, מאָנטרעאַל, 1934.**

י. בן צבי: געזאַמלטע שריפטן, **ניו יאָרק, 1937.**

י. בן צבי: פּועלי ציון בעליה השניה, **תל אביב, 1950.**

החלוץ, **פּאַמפלעט, אַרויסגעגעבן פון דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג פון החלוץ, ניו יאָרק, תרע״ח (1918).**

י. ש. הערץ: די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע, **ניו יאָרק, 1954.**

ב. ג. זאַק: געשיכטע פון יידן אין קאַנאַדע, **מאָנטרעאַל, 1948.**

דר. ח. זשיטלאָווסקי: געזאַמלטע שריפטן, **ניו יאָרק, 1912.**

צבי יוסף כהן: פופציק יאָר פּועלי ציוניזם אין אַמעריקע, **ניו יאָרק, 1953.**

ב. כצנלסון: איינער קעגן אַלעמען, **תל אביב, 1940.**

י. מדרש: מאָנטרעאַל פון נעכטן, **מאָנטרעאַל, 1947.**

ש. ניגער: אין קאַמף פאַר אַ נייער ערציאונג, **ניו יאָרק, 1940.**

סאָוועניר בוך, **קאָנווענשאָן פון אַרבעטער רינג, טאָראָנטאָ, 1922.**

דר. נ. סירקין: אידישער קאָנגרעס אין אַמעריקע, **ניו יאָרק, 1915.**

דר. נחמן סירקין: געקליבענע ציוניסטישע־סאָציאַליסטישע שריפטן, **ניו יאָרק, 1925.**
פאָלקס ביבליאָטעק און פאָלקס אוניווערזיטעט, **באַריכטן, מאָנטרעאַל, 1915, 1917—1918, 1919, 1920.**
פאָלקס פאַרבאַנד ביולעטין, **נומערן 2, 4 און 5, מאָנטרעאַל, 1915 און 1916.**
פאָלקס שול חנוכת הבית, **סוואווענירא ויסגאַבע, מאָנטרעאַל, 1920.**
פאָלקס שול ביכער, **מאָנטרעאַל, 1924, 1929, 1934 און 1944.**
פאָלקס שול חנוכת הבית, **סוואווענירא ויסגאַבע, 1941.**
די פיפּלס רעליף פון אַמעריקע, **1915—1924, ניו יאָרק, 1924.**
פראָגראַם פון דיא סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציאָן „פועלי ציון״ פון אמעריקא, **ניו יאָרק, 1905.**
פּרץ שול (נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שולע) חנוכת הבית, **סוואווענירבוך, מאָנטרעאַל, 1918.**
פּרץ שול בוך, **25 יאָריקער יובילײ, מאָנטרעאַל, 1938.**
פּרץ שול (אידישע ראַדיקאַלע שולע) באַריכט, **וויניפּעג, 1916.**
פּרץ שול ביכער, **וויניפּעג, 1934 און 1944.**
ברוך צוקערמאַן: דער פועלי ציוניזם, **ניו יאָרק, 1914.**
ברוך צוקערמאַן: „דאָס אידישע לעבן אין אַמעריקע״, **זז. 1—80, אין** „געשיכטע פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג אין צפון אַמעריקע, **ניו יאָרק, 1955.**
קענעדער אדלער, יובילײ **אויסגאַבעס, מאָנטרעאַל, 1927, 1932 און 1938.**
ישראל ראַבינאָוויטש: די געשיכטע פון אידישן שול פּראָבלעם אין קוויבעק, **מאָנט־רעאַל, 1926.**
לואי ראָזענבערג: די יידישע באַפעלקערונג פון קאַנאַדע, **ייוו״א בלעטער, באַנד 4, נומער 4—5, נאָוועמבער—דעצעמבער, 1932.**
אברהם ריינווײן: דער איד אין קאַנאַדע, **2 בענד, טאָראָנטאָ, 1925, 1927.**
פ. רוטענבערג (פנחס בן עמי): די נאַציאָנאַלע ווידערבעלעבונג פון דעם אידישן פאָלק, **ניו יאָרק, 1915.**
שול בוך, **25 יאָריקער יובילײ זאַמלבוך, טאָראָנטאָ, 1936.**
שול פנקס, **שלום עליכם פאָלקס אינסטיטוט, שיקאַגאָ, 1946.**
ל. שפּיזמאַן: „עטאַפּן אין דער געשיכטע פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג אין צפון אַמעריקע״, **ניו יאָרק, 1955, זז. 81—444.**
בצלאל שערמאַן: אידן און אַנדערע עטנישע גרופּעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן, **ניו יאָרק, 1948.**

* * *

Aims of Jewish Labor — Memorandum to the Socialist and Labor Democracy of the World by Jewish Socialist Labor Party Poale Zion of America, New York, 1918.
Belkin, S., "Jewish Relief Work in Soviet Russia", Canadian Alliance of Ukrainian Jews, Montreal, 1921.
Belkin, S. (S. K. B.), "Jewish War Relief Activities in Canada", in The Jew in Canada, pp. 524-527.
Caiserman, H. M., "The History of the First Canadian Jewish Congress", in The Jew in Canada, pp. 465-482.
Canadian Jewish Year Books, Montreal, 1939, 1940 and 1941.
Crestohl, Leon D., "The Jewish School Question in the Province of Quebec", Montreal, 1926.
De Sola, Clarence I., "Canada", "Montreal", "Toronto", "Winnipeg", "De Sola Family, Canadian Branch", in Jewish Encyclopedia.
Encyclopedia of Canada, Volume III, Published by University Asso ciation of Canada Ltd., Toronto, Genetral Editor, W. Stewart Wallace.
Fineman, H., "Poale Zionism", New York, 1918.

Goldman, Leon, "History of Zionism in Canada", in The Jew in Canada, pp. 291-313.

Goldstein Maxwell, "The Status of the Jew in the Schools of Canada", in The Jew in Canada, pp. 497-498.

Handbook of the League for Social Reconstruction, Toronto, 1933.

History of the Winnipeg General Strike, published by the Defence Committee, Winnipeg, 1920

Hyman, Joseph C., "Twenty Five Years of American Aid to Jews Overseas", New York, 1939.

Laidler, Harry W., "Social Economic Movements", Chapters 37, 39, 40, Tomas Y. Crowell Co. Publishers, New York, 1945.

Labor Zionist Handbook, New York, 1939.

Leacock, Stephen, "Canada, the Foundation of its Future", Montreal, 1941.

Lewis, David and Frank Scott, "Make This Your Canada", (A Review of C.C.F. History and Policy), Toronto, 1943.

Logan, H. A., "Trade Unions in Canada", MacMillan, Toronto, 1948.

Rhinewine, A., "The Jewish Press in Canada", in The Jew in Canada, p. 457.

Rosenberg, Louis, "Canadas Jews", A Social and Economic Study of the Jews in Canada, Montreal, 1939.

Sack, B. G., "History of the Jews in Canada", Montreal, 1945.

Syrkin, Dr. Nachman, Berl Locker, and Baruch Zuckerman, Pamphlet, "Selected Writings on Socialist Zionism", New York, 1931.

The Jew in Canada, "A Complete Record of Canadian Jewry from the Days of the French Regime to the Present Time", Toronto, 1926.

Wilder, H. E., "Outline of the History of the Jews in Canada", in Centennial Jubilee Edition of Israelite Press, Winnipeg, 1932.

Wolf, Martin, "The Jews of Canada", published by the American Jewish Committee, New York, 1926.

זוכצעטל פון נעמען

אין דער פאָלגנדיקער רשימה האָבן מיר זיך באַמיט, ווי ווייט מעגלעך, צו אויסגלייכן און פאַרריכטן אומפּינקט־לעכקייטן און טעותן אין אַמאָליקע געשריבענע אָדער געדרוקטע באַריכטן און נאָטיצן.

א

אבערסאַן דוב — 30, 31, 32, 39, 45, 72.
אַבראַמאָוויטש מ. — 174.
אדאנהיו — 9.
אַדלער י. — 34, 35.
אַווערבאַך בת־שבע — 250.
אווערבאך י. — 250.
אַווערבאַך (אווערבוך) מאיר — 46, 47, 48, 81, 109, 119, 177, 178, 192, 194.
אווערבוך ל. — 174.
אורוטיק ג. — 210.
אוורונין גרשון — 34, 41, 71.
איטאָן אַלבערט — 89.
איטקין ש. — 44.
אייבלער (טאָראָנטאָ) — 118.
אייבעל יעקב — 135, 205, 210, 211.
אייבעל ראזע — 205.
אייבראַמס — (מאָנטרעאל) — 224.
אייבראַמס גרשון — 51, 138.
אייבראמס (בן אברהם) שלמה — 47.
איידעלמאַן ב., זע: עדעלמאַן ב.
איידעלבערג יוסף — 135.
אייזענבערג סעם — 150.
אייזענבערג ווילי — 150.
אייזענשטאַט הערי (הערץ) — 75, 145, 151.
אייכלער (טאָראָנטאָ) — 118.
איינדרוק ח. — 81.
איינהאָרן דוד — 248.
אלט (טאָראָנטאָ) — 169.
אלמאזאוו ש. — 194.
אסאווסקי אהרן — 44, 45, 176.
אַפּעלבוים ישראל, דר — 40, 49, 50.
אקסעלראד (וויניפּעג) — 249.
אַקערמאַן (מיכלין) זעלדע — 222, 225, 228, 229.
אַקערמאַן ס. — 76.
אראנאוו פ. — 70, 71, 164.
ארגאניק מ. — 192.
ארטענבערג י. — 135.
ארטענבערג ס., דר — 115, 152, 153, 174, 178, 179, 182.
ארנאני (חאַסין ארנוני) — 54.
אַש שלום — 115, 214, 230, 239, 248.
אשינסקי מרדכי אהרן, הרב — 23.

ב

באַאום וו. — 111, 112, 246.
באַבראָוו י. מ. — 36, 116, 117, 188, 224, 228.
באגראד ל. — 39, 43, 75, 88, 118, 161, 180, 184, 192.
באַטאַשעניאַנו שלמה, זע: אייבראַמס (בן אברהם) שלמה.
באיעווסקי זלמן — 151.
באַכראַך י., דר. — 30, 32, 38, 40, 45, 50, 55, 56, 57, 61.
באַכראַך (פרוי פון דר. י. באַכראַך) — 55.
באמברידזש אייזיק — 5.
באַנטשעק שמואל — 108, 151.
באראדענסקי ס. — 116.
באַראַכאָוו בער — 35, 36, 43, 51, 135, 241.
באַראַן דע הירש — 18, 233.
באַראַנאָווסקי (באַראַנאָפסקי) וועלוול — 88, 135, 205, 216.
באראנדעס יוסף — 135.
באַרמאַק אברהם — 222.
באַרמאַק שרה — 114, 224.
באַרסקי ה — 192.
ביאַליק ח. נ. — 248.
ביילין י. ב. — 244.
ביילים מענדל — 34, 42.
ביניק ס. — 159.
בירברייער עטל — 127, 224.
בירנבוים דזשאו — 93, 96, 151.

בירבוים נתן, דר. — 35.
בירשטיין משה און זיין ברודער — 39.
בלומענטאַל אברהם — 103.
בלומבערג דזשאַן — 109, 110.
בלומענשטיין — 118.
בלעכמאַן מאַקס — 68, 91, 95, 104, 115, 117, 169, 205, 210.
בלעק (טאָראָנטאָ) — 118.
בן גוריון דוד — 43, 145, 151, 176.
בן יוסף — 226.
בן יקיר — 35.
בן עמי — 230.
בן צבי יצחק — 36, 47, 145—147, 151.
בעלאוס שלמה — 143.
בעלסאַן (בעלסאַן־כייטמאַן) ליובע — 123, 205.
בעלסאַן רבקה — 210.
בעלקין ש. — 60, 127, 135, 159, 161, 162, 171, 178, 179, 186—189, 192—196, 236.
בענדזשאמין לואי — 36, 96, 107, 192, 205.
בענעט א. ב. — 182, 193.
בעקעלמאַן (מאָנטרעאל) — 114.
בערלינער א. — 34.
בערמאַן י. ל. — 118.
בערנשטיין מ. — 49.
בערעזקין מאיר — 44, 144, 145, 150.
בערקאָוויטש שלמה — 91, 123, 125, 203, 205, 210, 232.
בערקאָוויטש פּ. (פּיטער) — 178, 179, 184.
בערקאָוויסי (בערקאָוויטש) קאָנראַד — 210.
בערקמאַן מ — 73.
בראודי (בראַדי) יהושע (דזש.) — 39, 74, 93, 96, 180, 192.
בראון מאיר — 34, 69, 70, 71, 74, 76, 77, 80, 139.
בראון מ. ל. (מייקל) — 131, 132, 139.
בראַמבערג אהרן — 192, 237, 238, 239, 241, 242, 243.
בראַנדעס לואי — 171.
בראנשטיין דזש. — 177.
בראנשטיין מ. (וויניפּעג) — 250.
בראנשטיין מ. (מאָנטרעאל) — 69, 71.
ברוידא (ברוידע) ש. זע: בראודי (בראַדי) יהושע.
ברוידע (מאָנטרעאל) — 71.
ברזילאי (מאָנטרעאל) — 228.
בריינין ראובן—123—127, 131—133,163—166, 168, 169, 171—173, 176—178, 181, 193, 196.
בריינין־ארטענבערג מרים — 152, 153.

ג

גאדינסקי מ. — 23.
גאטצען (טאָראָנטאָ) — 118.
גאלאבאוו (גאלובאוו) א. (וויניפּעג) — 246.
גאלובאוו (מאָנטרעאל) — 69.
גאָלד — 216.
גאָלד מ. — 150.
גאָלד שלמה, דר. — 216.
גאָלדבערג אב. — 45.
גאָלדהאַמער (מאָנטרעאל) — 224.
גאָלדמאַן א. — 76, 237, 238.
גאָלדמאַן לואי — 150.
גאָלדמאַן פּ. — 69, 71.
גאָלדסטיק י.,דר. — 41, 74, 180, 192.
גאָלדסטיק מאָריס — 90, 135, 136, 169, 172, 173, 175, 176, 180, 181, 186, 192, 193, 196.
גאָלדסמאַן לואי — 135.
גאָלדענבערג (טאָראָנטאָ) — 119.
גאָלדשטיין ב. י. — 135.
גאָלדשטיין צ. — 237.
גאָלדשמיד נייטן — 70, 71.
גאַרבער מ. — 182.
גאָרדאָן שלום — 161.
גארט יעקב — 71.
גארמייז א. — 23.
גארסקי הערש — 150.
גארעליק ש. (ה), דר. — 46, 81, 150, 251.
גורעוויטש י. — 177, 246.
גורעוויטש יהודה — 145, 150.
גינזבורג ב., דר. — 246, 248.
גלאס (וויניפּעג) — 47.
גלעזער ש. — 150, 151.
געלער ט. — 109, 176, 205, 246.
געלער ל. — 71.
גערטלער יהודה (יודל) — 43, 68, 75, 96, 118, 128, 161, 180.
גערשאוויץ (האַמילטאָן) — 78.
גראד (טאָראָנטאָ) — 118.
גרין מ. — 177.
גרין סעם — 47, 49, 120, 178, 192.
גרינבלאַט א. — 52.
גרינבערג אליהו — 94, 127, 223, 227.
גרינבערג, שוועסטער — 224.

גרינוואַנד (טאָראָנטאָ) — 118.
גרינשפּאַן סעם — 80.
גרעי מ. א. — 49, 109, 137, 138, 140, 141, 177, 178, 192, 196, 250.
גרעי מאָטל — 250.

ד

דאַווידאָוויטש ז. — 50, 79.
דאַווידאָוויטש ח. — 50.
דאנער א. — 44.
דאשעפּסקי ר. — 135.
דווארקין חנן — 169, 192.
דווארקין י. — 250.
דובנאָוו ש. — 230.
דזשוליאַן (דזשוליען) ש. — 39, 43, 151.
דזשייקאבס ב. — 153.
דזשייקאָבס ס. וו. — 131, 183.
דיומאס א. — 172, 173.
דייוויס (לאַשין) — 53.
דייוויס, משפּחה — 183.
דיקשטיין משה — 96, 104, 115, 116, 172, 173, 187, 192, 195, 218—220, 222, 223, 225—227, 231, 233.
דיקשטיין לינאַ — 227.
דע ליאָן דעניעל — 3.
דע סאלא מענדעלא, הרב — 59.
דע סאלא קלאַרענס — 20, 23—25, 55—59, 148, 179, 180, 182, 183, 186.
דענענבערג (דענענבורג) ד. — 247, 248.

ה

האָדעס (הדס) לייב — 39, 43, 74, 75, 118, 135.
האטהארנוויטה דזש. ה. — 3.
האישבערג מ. — 29, 58.
האנדעלמאן ר. — 118.
האלמאן (מאָנטרעאל, מיילענד) — 198, 199, 201.
האַלפּערין ב. — 49.
האַלפּערין מ. ל. — 35.
האַלצמאַן (טאָראָנטאָ) — 39, 74.
האַרט דוד א., דר. — 23.
הארקאווי אַלעקסאַנדער — 22.
הוטניק לייב — 38, 39, 74.
הורוויטש איזידאָר — 138.
הורוויטש יצחק אייזיק — 140, 170.
הורוויץ (הורוויטש) סעם (ש. ב.), דר. — 43, 119.
הורוויץ (הורוויטש) רבקה — 119.
הילמאַן סידני — 95.
היפּס א. א. — 108, 109.
הייזן מייק — 150.
היימאַן בן־ציון — 192.
היימאַן מאַרקוס — 49, 109, 137, 138, 140, 150, 170, 176, 177, 192, 193.
הייסמאַן קאַרל — 112.
הירשביין פּרץ — 248.
העלער (העללער) סעם — 77, 96.
הענדערסאן אַרטור — 112.
הענסאָן אלחנן — 53.
העסטרין יוסף — 48, 81, 177, 185, 192, 193, 246, 248, 250.
העסטרין מרים — 250.
הערלינג יחזקאל (חאצקל) — 144, 180.
הערמאַן דזשעני — 205.
הערמאַן י. — 192.
הערמאַן ס. (סאַשאַ) — 216.
הערצל בנימין (טעאָדאָר), דר. — 55, 163.
הערשמאַן דזשעני — 121.
הערשמאַן ה. — 63, 121, 134, 139, 189, 192, 193, 216.

ו

וואַגנער קלמן — 75, 88, 128.
וואגעל ל. — 80.
וואלאפּסקי ברכה — 224.
וואלאפּסקי ה. — 151, 167, 184.
וואלאפּסקי זעליג (זעליק) — 172, 192, 218, 225—227, 231.
וואַלדשטיין א. ש. — 34.
וואַלינער א. (ל. לאַנדוי) — 35.
וואַלערשטיין (מאָנטרעאל) — 187.
וואַלערשטיין אברהם — 50, 78, 118, 122.
וואַלערשטיין יצחק — 119.
וואלערשטיין פּישל — 41, 42, 51, 75, 118.
וואלף (וואולף) וו. — 135.
וואלקין מ. — 49.
וואלקין פּ. — 138.
ווארטסמאַן י., דר. — 34.
וויגענסבערג יעקב — 53, 54, 73, 130.
וויזענבערג נחמיה — 174.
וויטאל קערי — 210.
ווייזער ח. — 150.

ווייט אברהם (אייבי) — 96.
ווייט פרענק — 37, 94, 95, 97, 189, 192.
ווילדער ה. י. — 136.
וויינבערג האַרריס — 234.
וויינבערג סעם — 75.
וויינראַט יצחק — 119.
ווינשטאַק הערי — 150.
ווייס (טאָראָנטאָ) — 39.
וויסמאַן ה. (ח) — 223.
וויסמאַן שלמה — 192, 228, 231.
ווילנער ל. — 76.
ווינטשעווסקי מאָריס — 92, 93, 247.
וולאַדעק ברוך — 35.
וועוריל אַלפאָנס — 9, 10.
וועווריק ס. (ס. וועבער) — 114, 116.
וועליקאָוויטש א. — 83, 92, 94.
וועסטערמאַן סאָניע — 192, 205.
ווערניק ס. — 79.

ז

זאַכער א. ש. — 115, 222, 223, 228.
זאַלצבערג י. — 43, 118.
זאַלצמאַן חיים — 138, 140, 246.
זאַמעק י. — 118, 119.
זאַנגוויל ישראל — 25.
זאַסלאַווסקי — 120.
זאַסלאַווסקי י. א. — זע י. א. לבדי.
זאַסלאַווסקי זלמן — 44.
זאַק ב. ג. — 31, 34, 35, 84, 234.
זאַק מענדל לייב — 29, 31, 32, 34, 62, 67, 122, 198, 199.
זאַקס מ. — 35.
זאר יצחק — 68, 102, 118.
זוואנקין סאסיע — 51, 79, 138.
זוואנקין שמואל — 51, 79, 138, 159, 251.
זוסמאַן (טאָראָנטאָ) — 77.
זיידעל ס. — 187, 192.
זילבערבערג (טאָראָנטאָ) — 68, 128.
זינגער דר. (טאָראָנטאָ) — 74.
זיפּער יעקב — 204, 205, 217.
זעלטשען (זעלטשענקא) הערי — 52, 80.
זעלטשען ג. — 250.
זעלטשען שרה — 250.
זעלטשען ש. מ. (מאַרק) — 52, 192, 196, 250.
זעלטשענקא (סאַסקאַטון) — 176.
זעלטשענקא משה, שוב — 52.
זעלטשענקא שמואל — 52.
זעלינגער דבורה — 126.
זעלינגער שמואל — 73, 116, 127, 145, 146, 164, 224, 225.
זרובבל — 36, 43, 48, 115, 248.
זשיטלאָווסקי חיים, דר. — 32, 35, 47, 48, 62, 73, 176, 183, 193—196, 250.

ח

חאזאַנאָוויטש לעאָן — 4, 35, 72, 88, 92, 123, 235.
חדש י. — 73.
חייקין (כייקין) יוסף — 71, 74, 80.
חנא — 42.
חפץ ישראל — 88, 91, 92, 126, 205.
חפץ לעאָן — 36, 116, 117, 150, 224.
חפץ נח — 37, 71, 91, 92, 95, 104, 106, 126, 127, 161, 164, 169, 172, 192, 205, 209, 224.
חפץ ענני — 114.
חפץ פאַמיליע — 205.

ט

טאַבאַטשניק יוסף — 32.
טאַבאַטשניקאָף (מאָנטרעאל) — 29.
טאלער (מאָנטרעאל) — 71.
טאַן סעם — 150.
טאַרטשין דזשיי (דזשיי כהן) — 73, 224, 226.
טוזמאַן (טאָראָנטאָ) — 39.
טוזמאַן לייב — 250.
טויבמאַן ב. — 246.
טורעק י. — 88.
טיגער יוסף — 116, 188, 224.
טייבער ל. — 117, 224.
טענענבוים (מאָנטרעאל) — 216.
טענצער (טאָראָנטאָ) — 39.
טראַסמאַן משה — 205.
טשעקאָוו מ. — 47.
טשערניאַווסקי (טאָראָנטאָ) — 118.
טשערניאַק י. א. — 44, 48, 81, 111, 129, 138, 162, 170, 176—178, 184, 192, 193, 195, 196, 245, 246, 250.
טשערניאַק פאַניע — 138, 140, 246.
טשערקאָוו ב. — 161.

י

יאַמפּאָלסקי — 30, 31.
יאַמפּאָלסקי מ. ל. — 136.

יהואש — 34, 35, 116, 227, 248.
יוסף דוב — 150.
יעווזעראוו מלכה — 116.

כ

כאַשין אַלעקסאַנדער — 36, 43, 127.
כהן דזשיי, זע: דזשיי טארטשין.
כהן י. — 69.
כהן ישראל (פּאַפּעניו) — 174.
כהן לאַזאַרוס — 22, 188.
כהן ס. ד. — 185.
כהן, הרב צבי — 131, 167, 188, 189.
כהנא י. — 49.
כייטמאַן בנימין (בעני) — 117, 145, 150.
כייטמאַן וו. — 70, 91, 115, 116, 188, 192, 194, 201, 203—205, 206, 210, 211, 225, 240.
כייטמאַן ליובע, זע: בעלסאן־כייטמאַן ליובע.
כץ יעקב, זע: קאַטץ יעקב.

ל

לאגאן ה. א. — 15, 95.
לאוו שלמה — 150.
לאזארוס בעלא — 224.
לאזארוס דוד הערש — 127, 218, 226, 227.
לאזארוס ה. (האמילטאָן) — 50.
לאכאָוויצקי בנימין — 29, 31, 33, 37, 63, 67, 69, 70, 73, 74, 98, 143, 188, 205, 210, 233.
לאנגער חיים דוד — 43, 88, 118, 119.
לאַסקי האַראָלד — 106.
לאפידוס (לאפידות) ד. — 39, 42, 74.
לאַריער ווילפריד — 19.
לבדי י. א. (יעקב אריה) — 40, 44—47, 62, 64, 66, 74, 80, 81, 143, 144, 244.
לואיס א. פּ. — 56, 57.
לומער — 118.
ליבין ז. — 35.
ליבמאַן טש. — 76, 77.
ליוואי (טאָראָנטאָ) — 118.
ליוואי ב. (מאָנטרעאל) — 71.
לייבל (טאָראָנטאָ) — 39, 74.
ליפשיץ אברהם — 150.
ליפשיץ ד. — 138.
ליפשיץ יוסף — 78.
ליפשיץ פּ. — 127.
לישינסקי סעם — 192.
לעוו ש. — 223, 227, 229.
לעווין (מאָנטרעאל) — 216.
לעווין (טאָראָנטאָ) — 75.
לעווין א. — 177.
לעווין אב — 81.
לעווין מ. — 161.
לעווין שמריה, דר. — 171.
לעווינסקי ל. — 153.
לעווינסאן (לעבענזאן) ס. — 174.
לעווענשטיין ש. (ה.) — 118.
לערנער ק. — 73.

מ

מאגיד סאלאמאן — 174.
מאטענקא יצחק — 128, 161, 162, 172, 173, 180, 192, 193, 236—240, 242, 251.
מאירסאן גאָלדע, זע: מייערסאן גאָלדע.
מאלאמוט (מאלאמוד) י. ל. — 83, 205, 239, 252.
מאַלקין (טאָראָנטאָ) — 118.
מאסקאוויטש א. — 29, 31.
מאן א. — 70, 71.
מאַן־צוקער שרה, זע: צוקער שרה.
מאנסאן־קראניק בעסי — 39.
מאנסטער (טאָראָנטאָ) — 39.
מאקאווסקי י. — 23.
מאראטשניק (מאָנטרעאל) — 31.
מאָרגענשטערן מ. — 174.
מארדער (מאָנטרעאל) — 70, 71.
מארטין ה. — 5.
מארטין סענט — 102.
מאריס יעקב — 31, 37, 122.
מארקאוויטש (טאָראָנטאָ) — 77.
מארקאוויטש א. מאָנטרעאל) — 73.
מארקוס יעקב — 91.
מאַרקס קאַרל — 199.
מהרם פּיניע — 188, 216, 223.
מהרם שרה, זע: קייזערמאַן סיידי.
מיטשעל א. (טאָראָנטאָ) — 75.
מייבערג — 220, 222.
מייבערג א. — 94, 126, 218.
מייבערג מ. — 94, 218.
מיינס מאַקס — 81, 138, 140, 176, 250.
מיינער א. חבר און חברה — 47.
מייערסאן גאָלדע — 229.
מייערסאן וואָלף — 174, 227.

מייערסאָן יונה — 182.
מייערסאָן משה — 227.
מייערסאָן נחום — 127.
מיכלין י. — 126, 174, 222.
מילך י. — 35.
מילער אירוווינג — 52.
מילער (מיללער) ב. — 138, 177, 192, 250.
מילער (מיללער) בערטאַ — 250.
מילער הארי 52.
מילער לואיס — 226.
מילער פרענק — 52.
מינץ מאזעס, דר. — 22.
מינצער ל. — 180.
מינקין רבי — 135.
מירסקי ס. — 72.
מירענסקי א. ל. — 122.
מנחם — 249.
מעדאוו ראובן — 252.
מעטפאס ל. — 76.
מעלניקאף (שיקאַגאָ) — 149.
מעלצער לייזער — 33, 35, 37, 65, 67, 69—72, 92, 99, 103, 104, 114—116, 124, 174, 192, 200—202, 218, 220, 222, 225.
מעלצער מרים — 192, 195, 222, 224.
מענדעלע מוכר ספרים — 215, 230, 248.
מענסאָן מאַקס — 43, 68, 69, 74—77, 135, 154, 161, 180, 191, 192.
מערלין ס. — 32, 91.
מרגליות (וויניפעג) — 49.
מרמר קלמן — 35, 37.

נ

נאבעלמאַן נ. — 227.
נאָוויק (נאוואק) א. — 39, 74.
נאוואק הערשל — 91, 92, 99, 115, 123, 125, 127, 169, 186, 187, 192, 193, 196, 197, 200, 201, 203—207, 209—212, 214—217, 232.
נאַמבערג ה. ד. — 115.
ניגער שמואל — 196, 200, 204.
ניידיטש מ. — 138.
נייטן א. — 72.
ניימאַן (טאָראָנטאָ) — 118.
נילאקשיק (וויניפעג) — 119.
ניעמטשיק (נעמטשיק) מ. — 116, 117, 150.

ס

סאלאָוויי מרים — 116.
סאלאמאן מ. — 164.
סאלאמאן יעקב — 28, 29, 31, 32, 86.
סאלוצקי ב. — 35.
סאליד (סלאבאדסקי) שמואל — 161.
סאנדהיים רעווערענד, זע: סעמיועלס ראביי.
סאפאלסקי ה. — 192.
סאראצקי מ, זע: סעראצקי מ.
סאקאל זיגמונד — 118, 238.
סאקאלאוו בען — 150.
סארעשניק (טאָראָנטאָ) — 119.
סטאון ב. — 175, 176.
סטאלבערג (טאָראָנטאָ) — 118.
סטאלבערג סעם — 115.
סטיין י., זע: שטיין ישראל.
סיגאל י. י. — 36, 216.
סייבל צ., זע: גאָלדשטיין צ.
סייס פּאָול קעפּטן — 148.
סייקין ד. — 202, 205.
סילווער ס. (מאָנטרעאָל) — 69.
סילווערבערג וו. — 118.
סילווערבערג י. — 119.
סילווערבערג מיכל — 75, 93, 96, 180.
סילווערמאַן (טאָראָנטאָ) — 74.
סילווערמאַן (מאָנטרעאל) — 73.
סילווערמאַן א. ז. — 37—41, 63, 74, 88, 144, 237.
סילעף (מאָנטרעאל) — 226.
סימפּסאָן דזשיימס — 4, 108, 237.
סיראטא אסתר — 114.
סיראטא וו. — 72, 91, 94, 95, 98, 99, 160, 161, 174.
סירקין נחמן, דר. — 32, 34, 35, 72, 93, 115, 157—159, 162, 163, 176, 177, 180, 208.
סלאבאדסקי (מאָנטרעאל) — 187.
סלאבאדסקי י. — 203, 205, 210.
סלאבאדסקי כאַשע — 210.
סלאבאדקין ב. — 47.
סלאנים י. — 35.
סלושטש נ. דר. — 169.
סליפּצין מ. — 228.
סמאל בעני — 205, 209.
ספלאווער (שפלאווער) י. — 50.
סעמיועלס ראביי ה. דזשיי — 137, 138, 170.
סעראצקי (סעראדזקי) משה — 77, 93, 96.
סקלאווער יעקב, זע: שקלאווער יעקב.

ע

עדעלמאַן (איידעלמאַן) ב. — 47.
עדעלשטיין אהרן — 88.
עדעלשטיין (טאָראָנטאָ) — 118.
עדעלשטיין גאָלדע — 119.
עדעלשטיין לילי — 119.
עדעלשטיין יחזקאל — 32, 33, 50.
עדעלשטאַט דוד — 114.
עהרערייך הערש — 46, 51, 65, 67, 202, 208, 209.
עלמאַן, זע: האלמאן.
עלקין משה — 246.
עלקין ראזע — 246.
עלשטיין ל. — 199.
ענדעלמאַן א. — 228.
ענטין יואל — 35, 72, 115, 211, 223.
עסנער א. 37, 71, 73, 98, 115, 127, 188, 218, 220, 222.
עסנער יהודית — 224.
עפשטיין ב. דר. — 26, 67.
עפשטיין י. — 72.
עפשטיין מרדכי — 123, 124, 126, 150, 152, 218, 222.
עפשטיין ש. — 35.
עקיבא רבי — 239.
ערמאַן (בן עזרא) י. 47, 137.

פּ

פּאולין (טאָראָנטאָ) — 39.
פּאטעל י. — 216.
פּאליסוק (פּאלישוק) ס. — 135.
פּאשערסטניק (פּאשערסניק) ז. (ר.) — 72, 202.
פּוטי וו. וו. — 9.
פּינסקי דוד — 35, 215.
פּינעס י. — 73.
פּייסיקאָף מ., זע: פּעסיקאָף מ. מ.
פּלאטקין בערטאַ — 250.
פּלאטקין י. — 250.
פּעווזנער בעלא — 31, 32, 41, 45, 50.
פּעטערסאן קאַלאַנעל — 147.
פּעטראווסקי פּייוול — 150.
פּעניכל ישעיה — 151.
פּעפּער פּעני — 188, 224.
פּעריל מ. — 73.
פּערלמאַן (וויניפּעג) — 119.
פּערלמאַן חיים — 250.
פּערלמאַן י, דר. — 49, 81, 109—111, 120, 140, 155, 156, 162, 170, 176, 246.
פּערלמאַן נ. — 210.
פּערלמוטער (טאָראָנטאָ) — 39, 61.
פּערלמוטער ב. — 226.
פּעסיקאָף (פּייסיקאָף) מ. מ. — 138, 250.
פּערסיקאָף ש. — 39, 144.
פּערסיקער (טאָראָנטאָ) — 39, 74.
פּראסאָף (פּראסאוו) י. — 246.
פּרוזשאנסקי יעקב — 33, 34, 37, 40, 64—67, 70, 71, 91, 122, 143, 144, 198, 205, 235.
פּריצקער ש. — 174.
פּרנס אברהם — 135, 192, 205, 213, 218, 220, 221, 223, 226, 227.
פּרנס שפרה — 224.
פּרץ יצחק לייב — 35, 115, 215, 230, 239, 248.

פ

פאַבריקאַנט חיים — 30, 43, 119.
פאגעל לואי — 52.
פאגעל שרה — 52.
פאגעלסאן ש. — 53, 143.
פאסטער (מאנטרעאל) — 159.
פוירסקי (טאָראָנטאָ) — 118.
פיגלער ב. — 228.
פיגלער י. — 164, 174.
פיטש לואי — 168, 182, 183, 195.
פייטש (טאָראָנטאָ) — 69.
פיינבערג ד. — 228.
פיינמאַן חיים — 65, 243.
פיינמאַן מאַקס — 160.
פייערמאַן משה — 47.
פייפמאַכער א. — 30.
פינקלשטיין ה. מ. — 205, 206.
פינקלשטיין מ. דזשיי — 176, 177.
פיקסטאר ל. — 78.
פישאפּסקי — 119.
פעדער י. — 74.
פעלדמאן אברהם — 144.
פעלדמאַן י., דר. — 46.
פעניכל ישעיה — 151.
פערער (האַמילטאַן) — 50.
פראַנק גוסטאַוו — 10.
פרומהאַרץ פּ. — 236, 237.

פרידלענדער־חפץ עני, זע: חפץ עני.
פרידמאַן (טאָראָנטאָ) — 39.
פרידמאַן (לאַשין) — 73.
פרידמאַן איזידאָר — 147.
פרידמאַן יעקב — 44, 45.
פרימאַן א. דזשיי — 59, 186.
פריידין יוסף — 138, 250.
פריימאַן אברהם — 76.
פריימאַן הערי — 149, 150.
פריימאַן ישראל — 43, 75, 118, 172, 180, 238, 240.
פריצקער ש, זע: פריצקער ש.
פרעכטל (פרעכטער) ל. — 96.
פרענקעל אליעזר — 44, 51, 68, 118, 144, 151, 238.
פרענקעל ל. דזשיי — 43.
פרענקעל משה — 126, 127.

צ

צוואַנקין פ — 44.
צוקער ל. — 29, 31, 33, 68, 70—72, 74, 87, 88, 92, 94, 96, 98, 99, 103, 104, 123, 124, 126, 127, 132, 134, 135, 152, 161, 164, 172, 173, 178, 187, 189, 192, 193, 196, 205, 210, 211, 216, 217, 229.
צוקער שרה — 29.
צוקערמאַן בנימין — 52.
צוקערמאַן בען — 51, 52, 80.
צוקערמאַן ברוך — 32, 34, 59, 102, 139, 157—159, 163, 175, 253.
צוקערמאַן ה. — 80.
צוקערמאַן מ. — 52.
ציוקין ס. (ז.) — 244, 245.
ציוקין סיליא — 244, 245.
ציוקין שלמה — 44.
ציטראָן יחיאל — 149, 150.
ציפערשטיין (סופערסטאון) יעקב — 122, 197, 199—201.

ק

קאַברין לעאָן — 35.
קאַהן (מאָנטרעאָל) — 224.
קאַהן מ. — 75.
קאַהן ס. — 76.
קאַהען א. — 74.
קאַהען ב. — 247.
קאַהען דזשאָו — 184.
קאַהען לאַזאַרוס, זע: כהן לאַזאַרוס.
קאַהען (כהן) לייאָן — 13, 147, 165, 183, 188, 195.
קאַהען מאַקס — 52.
קאַהען מעני — 52.
קאַהען נייטן ב., קעפּטן — 147.
קאַטאַן וו. — 4, 103.
קאַטץ (טאָראָנטאָ) — 39.
קאַטץ יוסף און זיין פרוי — 52.
קאַטץ (קאַץ) יעקב — 71, 127, 188.
קאַטשין ש. — 81.
קאַלאַמיס מ. (יעקב) — 58.
קאַלדאַוו (קאַלדאַווסקי) לואי — 150, 180, 237, 238.
קאַלדאַווסקי פייגל — 192.
קאַלדאַווסקי ש. — 192.
קאַמאַראַוו א. 35, 62, 92, 103, 124, 164, 165, 205.
קאַמיי (קאַמעי) יוסף — 208, 240, 241.
קאַמיי (קאַמעי) זלמן — 241.
קאַמיסאַראַוו ל. — 81.
קאַמינעצקי חיים — 116.
קאַנטאָר (טאָראָנטאָ) — 39, 74.
קאַסטין א. — 226.
קאַפּלאַן מ. — 73.
קאַפּלאַן שבתי — 47, 144.
קאַפּלאַנסקי שלמה — 36, 43.
קאַפּעלאַוו ש. — 73.
קאַץ חבר (מאָנטרעאָל) — 227.
קאַץ חברה (מאָנטרעאָל) — 73.
קאַץ יוסף און זיין פרוי, — זע: קאַטץ יוסף און זיין פרוי.
קאַץ יעקב, זע: קאַטץ יעקב.
קאַצמאַן א. — 225.
קאַראַלענקא וולאַדימיר — 114.
קאָרנבערגער ע. — 37, 62, 92, 95, 96, 98, 107, 115, 146, 150, 205, 209, 210.
קויפמאַן יהודה, דר. — 37, 43, 62, 72, 79, 95, 104, 106, 114, 115, 117, 118, 121, 124—128, 156, 163—166, 169, 171—174, 176, 178, 181, 192—196, 205, 208, 209, 213, 218, 220— 225, 227, 232, 233, 241, 251, 252.
קויפמאַן נ. — 126.
קופּער א. — 114, 116.
קופּערבערג משה — 150.
קורמאַן ב. — 91, 94, 126, 224.
קורמאַן בתיה — 94, 224.

קורצער ה. — 47.
קושנעראוו וו. — 250.
קיוועגקא י. — 122, 174.
קייזערמאַן ח. מ. — 36, 37, 60, 68, 72, 73, 83, 88, 91, 92, 94—96, 98, 103, 104, 106, 107, 115, 116, 118, 127, 131, 132, 141, 148, 152, 157, 158, 160, 161, 182, 185, 186, 188, 189, 192, 193, 196, 205, 216, 224, 225.
קייזערמאַן משה — 91, 94, 150, 205.
קייזערמאַן סיידי — 224.
קייזערמאַן שרה — 104, 205, 216, 224.
קייטס (טאָראָנטאָ) — 119.
קיימען מאַקס, זע קעמען מאַקס.
קיר הארדי — 11.
קירש (האַמילטאָן) — 51.
קירשענבוים (טאָראָנטאָ) — 128.
קירשענבוים ה. מ. — 74—77, 153, 180, 181, 192.
קירשענבוים ל. מ. — 128.
קלאַגסבערג י. — 76.
קליגמאַן י. — 252.
קליין (טאָראָנטאָ) 237.
קליין לייבוש — 133.
קעלער וו. — 49, 81, 140, 177, 250.
קעלער עטל — 250.
קעניגסבערג — (מאָנטרעאל) — 116.
קעמען מאַקס — 77.
קעסלער טש. — 50, 78, 144.
קעסנער וו. — 242.
קעש (טאָראָנטאָ) — 88.
קראל (טאָראָנטאָ) — 39.
קראנקאוויטש (טאָראָנטאָ) — 119.
קראקאווער איידאַ — 43, 119.
קרוגער חיים — 161.
קרוגער סעם (ה. מ.) — 76, 77, 83, 88.
קרעמער מ. — 44, 68, 75, 76, 93, 95, 118, 128, 149—151, 154, 180.

ר

ראַבינאָוויטש ישראל — 36, 94, 127, 188, 192, 205, 210, 225, 235.
ראַבינאָוויטש מאָריס — 91, 94.
ראַבינער י. — 30, 233.
ראבקין ע. — 94.
ראדאוואלסקי מאַקס — 94, 95.
ראזמארין י. — 115, 210.
ראזענבלאַט רחל — 36, 225.
ראזענבערג ל. (טאָראָנטאָ) — 44, 68, 69, 128, 136, 180, 192.
ראזענבערג לואי — 52.
ראַזענטאַל מ. — 216.
ראזענפעלד (טאָראָנטאָ) — 237.
ראזענפעלד יהודה — 72.
ראזענשפּיר (טאָראָנטאָ) — 39.
ראטשטיין (טאָראָנטאָ) — 118.
ראכלין־מענסאן פלאָרענס — 240.
ראכלענקא י. — 188, 222.
ראם מ. (טאָראָנטאָ) — 180.
ראמער א. — 79.
ראקאוו ד. — 72.
רובין ד. — 72.
רובין זלמן — 116.
רובינשטיין א. ח. — 198, 199, 235.
רוטענבערג פּנחס — 175.
רויזענבלאַט ה. — 34, 72.
ריגג ר. א. — 16, 156.
ריטשארדס בערנאַרד — 163.
ריטשמאנד (טאָראָנטאָ) — 119.
רייזלער הערשל (צבי) — 127, 134, 143, 145, 150, 151, 160, 224.
רייזען אברהם — 35, 115, 239, 248.
רייזער (טאָראָנטאָ) — 151.
ריינגעווירץ (רייגעווארץ) — 118.
ריינווין אברהם — 43, 128, 154, 169, 172, 175, 176, 192, 193, 196, 237, 242, 243.
רישיקאָף ב. — 186, 187, 192.

ש

שאַפּיראָ (מאָנטרעאל) — 30.
שאַפּיראָ (מאָנטרעאל) — 226.
שאפּירא יצחק, דר. — 250.
שאפּירא ישראל (טש.) — 50, 78, 144.
שאפּירא שמואל שלמה — 39, 43, 50, 58, 61, 68, 74, 93, 96.
שאפּירא־סאַלאָווי מיני — 192.
שאַץ אייבי — 76, 119.
שאַץ בעני — 76, 77, 119.
שאַץ טש. — 88.
שאַץ לואי — 76, 119.
שוּבערט יוסף — 104, 158, 159, 187, 192, 194, 195.
שוואַרצבוים (טאָראָנטאָ) — 128.
שוואַרצבוים י. — 150.

שוואַרצבוים יששכר — 150.
שורעם א. — 97.
שטריקמאַן (שטוריקמאַן) ב. — 75.
שטיין ישראל — 47, 49.
שטיינהוים (טאָראָנטאָ) — 77.
שטערן משה — 79.
שיגערמאַן (טאָראָנטאָ) — 20.
שיפרין פ. — 76.
שיפּליאַקאוו א. י. — 95.
שלאָסבערג יוסף — 35.
שלום עליכם — 33, 36, 43, 79, 115, 214, 215, 239, 248.
שמואלזאָן מ. — 35, 123, 205.
שמעלניצקי י. א. — 137.
שניאור מאַקס — 53, 54, 73.
שניאור ש. — 33, 37, 39, 61, 62, 66, 72, 92, 95, 96, 98, 102—104, 106, 115, 123, 124, 157, 158, 162—165, 197—199, 202, 205, 210.
שניידער אברהם — 127, 205.
שניידער שלמה — 188, 192, 205, 228.
שעהר (טאָראָנטאָ) — 77.
שעכטער וועלוול — 95.
שעכטער י. — 71.
שעכטער יונה ל. 78, 79, 138, 251.
שענקער חיים — 71.
שעפּטעל פ. — 50.
שעפּס ב. — 49, 81, 138, 140, 144, 170, 172, 176—178, 192, 193, 196, 250.
שעפּס ג. — 177, 246, 247, 249.
שעפּס פ. — 250.
שעפּס ראזע — 250.
שערב פריידל — 216.
שערשאוו (וויניפּעג) 47.
שפלאווער לואי — 144.
שקאלניקאוו ב. — 79.
שקלאווער (סקלאווער) יעקב — 91, 199.
שראגא דוד — 73, 96, 224.
שראגא שרה — 116 224.

דרוק גרייזן און באַמערקונגען

זייט 20 , שורה 25, געדרוקט: 6491 — דארף זיין: 6941.

זייט 21 , ” 2 , ” 59 — דארף זיין: 599.

זייט 49 , ” 31, ” 12טן — דארף זיין: 2טן.

זייט 53 , ” 12, ” 15טן — דארף זיין: 5טן.

זייט 79 , ” 22, ” 14טן — דארף זיין: 13טן־14טן.

זייט 112, ” 20, ” 1908 — דארף זיין: 1918.

זייט 128, ” 37, ” 330 — דארף זיין: 200.

זייט 145, ” 17, ” 1910 — דארף זיין: 1915.

זייט 148, ” 7 , ” 549 — דארף זיין: 459.

זייט 157, ” 30, די ווערטער: „לאָקאַל 13 פון” דארף זיין אין שורה 29, נאָך די ווערטער: „ארבעטער רינג ברענטש 445”.

זייט 160, ” 11, ” 30 — דארף זיין: 35.

זייט 164, ” 27, ” 17טן — דארף זיין: 7טן.

זייט 185, ” 21, ” 9טן — דארף זיין: 19טן.

זייט 192, ” 24, ” 1753 — דארף זיין: 1573.

זייט 192, ” 30, ” 1062 — דארף זיין: 1562.

זייט 205, ” 22, ” בערקאָוויטש — דארף זיין: בענדזשאמין.

זייט 249, ” 22, ” 1916 — דארף זיין: 1918.

זייט 255, די רעפערענץ נומערן „76” און „77” זיינען פארמישט געוואָרן, דער נומער „76” איז: „קענעדער אָדלער 9 אָקטאָבער, 1908” און דער נומער „77” איז: „קענעדער אָדלער, 31 יאנואר, 1909”.

**
*

1. דער נאָמען פון דער פּועלי ציון באַוועגונג אין ברייטערן זין פון וואָרט איז געווען: „די נאַציאָנאַל סאָציאַליסטישע באַוועגונג". צוליב פאַרשטענדלעכע סיבות האָבן מיר ניט געוואָלט נוצן דעם דאָזיקן נאָמען און האָבן אים פאַרביטן, לויט דער עצה פון חבר ל. שפּיזמאַן, מיט: „די סאָציאַליסטיש־נאַציאָנאַלע באַוועגונג".

2. צו דער רשימה פון ס. ט. געסט, וואָס ווערן דערמאָנט אויף זייט 32, דאַרף צוגעגעבן ווערן: אב. גאָלדבערג.

3. דער קריזיס צוליב די אַוועקפאָרנדע חברים, וואָס ווערט דערמאָנט אויף זייט 46, האָט זיך באַזונדערס פאַרשאַרפט, ווען שלמה בן אברהם (אייבראַמס), האָט אין 1911 באַשלאָסן צו באַזעצן זיך אויף אַ פאַרם, און איז אויך צייטווייליק אַוועקגעפאָרן פון וויניפּעג.

4. די ידיעה וועגן די געזאַמלטע 500 דאָלער, וואָס ווערט דערמאָנט אויף זייט 48, איז גענומען געוואָרן פון אַן אויפרוף, אָדער נאָטיץ, וואָס די מאָנטרעאַלער אָנפירער פון אַ הויז צו הויז זאַמלונג פאַר דעם פּ. א. פּ., האָבן אָפּגעדרוקט אין „קענעדער אָדלער". ווייזט אויס, אַז דאָס איז געווען אַ דרוק גרייז. יעדנפאַלס, איצט האָבן מיר זיך איבערצייגט, אַז די געזאַמלטע סומע אין דער וויניפּעגער הויז צו הויז זאַמלונג איז געווען אפשר 200 דאָלער, אָדער נאָך ווייניקער.

5. שמואל שלמה שאַפּיראָ איז געווען אַ תושב פון טאָראָנטאָ, ער האָט אָבער אין די ערשטע יאָרן צייטווייליק געוואוינט אָדער פאַרבראַכט אויך אין אַנדערע שטעט. אין דער צווייטער העלפט פון 1906 האָט ער געוואוינט אין מאָנטרעאַל. דאָס ווערט באַשטעטיקט פון חבר אברהם פּרנס פון מאָנטרעאַל און פון דעם בילד, וואָס איז אין יענעם יאָר גענומען געוואָרן אין מאָנטרעאַל (דאָס 2טע בילד אין דער ערשטער בילדער סעקציע). ש. ש. שאַפּיראָ איז אויך, ווי ס׳ווערט דערמאָנט אויף זייט 61, געווען אַ דעלעגאַט פון מאָנטרעאַל צו דער צווייטער פּועלי ציון קאָנווענשאַן אין דעצעמבער 1906.

6. וו. באַראַנאָפסקי, וועלכער ווערט דערמאַנט אויף זייט 88, איז געווען פאָרזיצער פון לאָקאַל 13 פון דער קלאוקמאַכער יוניאָן. ער האָט אויך אַרויסגעהאָלפן חבר שניאור׳ן צו פאַראייניקן די שניידער יוניאָנס אין 1916.

7. די ידיעה, אַז היימאַן עדעלשטיין איז געווען רעדאַקטאָר פון „קענעדיען דזשואיש טיימס", איז איבערגעשריבן געוואָרן אויף זייט 146 פון דעם בוך „די דזשו אין קענעדא". דער נאָמען פון דעם זשורנאַל איז געווען „דזשואיש טיימס" און איז אזוי דערמאָנט געוואָרן אין אַנדערע קאַפּיטלעך פון אונזער אַרבעט.

8. ביי דער פייערונג פון דער באַלפור דעקלאַראַציע אין מאָנטרעאָל, זיינען, אויסער דער דזשאיגט באארד און דעם לאָקאַל פון פּרעסערס, געווען אויך פאַרטרעטער פון אַנדערע לאָקאַלן פון דער אַמאַלגאמייטעד.

9. דאָס בילד פון די מאָנטרעאַלער חברים מיט דר נחמן סירקין און ברוך צוקערמאַן (דאָס דריטע בילד פון דער 2טער בילדער סעקציע), איז גענומען געוואָרן דעם 11טן פעברואַר, 1918, — פּונקט אין דעם טאָג, ווען דר סירקין איז אַלט געוואָרן 50 יאָר.

10. פון די מאַנטרעאַלער פועלי ציון, וואָס ווערן דערמאָנט אויף זייט 192, זיינען יהודה קויפמאַן, ל. מעלצער, משה דיקשטיין און שלמה שניידער ניט געווען קיין קאַנדידאַטן אין די פאָפולערע וואַלן אין די „איסט סייד דיסטריקטן״. יהודה קויפמאַן און מסתמא אויך די אַנדערע דריי חברים זיינען דערווײַלט געוואָרן אַלס דירעקטע פאָרשטייער פון דער פועלי ציון ריכטונג (די צענטראַלע קערפּערשאַפטן פון די ציוניסטן און מזרחי האָבן אויך דערווײַלט דירעקטע פאָרשטייער צום קאָנגרעס).

11. אין האַמילטאָן איז לויט דעם „אידישן זשורנאַל״, געווען אַ בלאָק פון די פועלי ציון און מזרחי אין די וואַלן צום קאָנגרעס... דער פועלי ציון קאַנדידאַט טשערטקאָף (ב. טשערטקאָף אָדער מ. טשערטקאָף) איז דערווײַלט געוואָרן אַלס איינער פון די האַמילטאָנער דעלעגאַטן צום קאָנגרעס. ער איז אויך דערווײַלט געוואָרן אַלס מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון קאָנגרעס.

12. אויף זייט 223 ווערן דערמאָנט 4 סעקרעטאַרן פון דער פאָלקס שול. אין פאָלקס שול בוך פון 1929, זייט 18, ווערט אָנגעגעבן די פולע רשימה פון די סעקרעטאַרן פון יענעם צייט אָפּשניט אין פאָלגנדיקער אָרדנונג: ל. מעלצער, משה דיקשטיין, א. עסנער, וו. סיראטא, פּ. מהרם, ש. לעוו און אליהו גרינבערג.

13. מיט דעם אויסנאַם פון „שלוס וואָרט״ איז דער גאַנצער כתב יד פאַרענ־דיקט געוואָרן אין מאַי 1954 און איז געווען פאַרטיק אין זיין ערשטער רעדאַקציע אין יולי 1954. די פּרקים, וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט גע־וואָרן, מיט אונזער הסכמה און מיט דער צושטימונג פון דעם אַקציאָנס קאָמיטעט, אין דער „געשיכטע פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַ־וועגונג אין צפון אַמעריקע״, זז. 445—523, זיינען די קאַפּיטלעך 3, 6 און 16. מיר האָבן אויך מסכים געווען, אַז צוליב מאַנגל אין פּלאַץ זאָל מען אַריינגעמען, מיט קליינע אָפּקירצונגען, נאָר די ידיעות וועגן מאָנ־טרעאָל, טאָראָנטאָ און וויניפּעג. אין לויף פון 1955 האָבן מיר דעם כתב יד רעווידירט, צוגעגעבן אינפאָרמאַציע א. א. וו. דאָס וואָס מיר רופן „שלוס וואָרט״ האָבן מיר אָנגעשריבן ביים סוף פונם יאָר.

14. אין אונזער פאַרלעצטער באַמערקונג, ווילן מיר אויך אויסדריקן אַ דאַנק, אומבאַקאַנטערהייט, צו דעם חבר זעצער, פאַר זיינע באַמיאונגען אַרויס־צוהעלפן מיט וואָס ער האָט נאָר געקאָנט, ביים דורכפירן די אַרבעט.

15. צוליב קראַנקהייט האָבן מיר געמוזט פאַרלאָזן מאָנטרעאָל אין האַרבסט 1954. ווען ניט דאָס — וואָלטן פיל טעכנישע שוועריקייטן באַזייטיקט געוואָרן. דאָס בוך וואָלט אפשר אַרויס פריער, ס'וואָלט געווען מער איינהייטלעכקייט אין דער אָרטאָגראַפיע, ס'וואָלטן געווען וויניקער דרוק גרייזן און מער בילדער. מ'וואָלט מסתמא אויך אויסגעפונען נע־מען פון נאָך איניקע חברים, וואָס מ'האָט געדאַרפט דערמאָנען. מיר באַדויערן דאָס זייער און מיר בעטן אַנטשולדיקונג פאַר דעם אַלעמען.